STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11502

DER LOYF KAYN FRAGALA

Julian Stryjkowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוליאַן סטריקאָווסקי

דער לויף קיין פּראַגאַלאַ

יוליאַן סטריקאָווסקי

דער לויף קיין פראַגאַלאַ

אויטאָריזירטע איבערזעצונג

פון

ד. ספּאַרד

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1955

JULIAN STRYJKOWSKI

BIEG DO FRAGALÀ

Przekład z polskiego: D. SFARD

Redaktor: L. OLICKI

רעדאַקטאָר: ל. אָליצקי

Ilustracje: R. GUTTUSO

אילוסטראַציעס: ר. גוטוסאָ

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע־געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 2074. Nakład 5500 egz. Druk ukończono w styczniu 1955 r.
Papier druk sat. VII kl. 61x86 cm. 80 g. Ark. druk. 24,5, ark. wyd. 20.
Druk RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. 5-B-55649



צום יידישן לייענער

מיט פרייד גיב איך איבער דאָס ביכל מײַנס אין די הענט פון יידישן לייענער. דאָס פאַרשאַפט מיר נאָך מער פרייד דערפאַר, וואָס „דער לויף קיין פראַגאַלאַ" איז אַ געשיכטע פון אַ לאַנד און פון מענטשן פון יאָר 1949, פון אַ לאַנד און פון מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם פאַשיזם און, נישט געקוקט אויף צוואַנציק יאָר טעראָר, איינגעהיט די ליבע צו פרייהייט, די ליבע צום מענטש, אומאָפּהענגיק פון זיין אָפּשטאַמונג. דאָס פאַרשאַפט מיר נאָך מער פרייד דערפאַר, וואָס די געשיכטע פון איטאַליענישן פאָלק פאַר די לעצטע יאָרן איז אַ באַשטעטיקונג דערפון, אַז דער פאַשיזם און היטלעריזם, וואָס איינער פון זיינע צילן איז געווען די עקסטערמינאַציע פון די יידן, איז אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג; איז אַ באַשטעטיקונג דערפון, אַז דער פאַשיזם און דאָס פאָלק זענען צוויי קעגנזעצלעכע, פיינטלעכע כוחות. אויב אַ פאָלק וויל לעבן, מוז עס באַזיגן דעם פאַשיזם, וועלכער צעשטערט זיין אָרגאַניזם, ווי אַ שטערבלעכע קרענק.

דאָס פרעכטיקע איטאַליענישע פאָלק האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן דעם פאַשיזם. דאָס איז אַן אָפּטימיסטישע פערספּעקטיוו פאַר די פעלקער, וועלכע קעמפן היינט מיטן פאַשיזם און קעגן זיין פּראָדוקט — קעגן מלחמה.

די יידן געהערן צו די פעלקער, וועלכע האָבן צום מערסטן געליטן פון פאַשיזם און מלחמה. דעריבער, אויב דער יידישער לייענער וועט אין דעם ביכל געפינען אַן אָפּטימיסטישע אָנלאָדונג, וועלכע איז אים נייטיק אין קאַמף מיט דער געפאַר פון אַ נייער קאַטאַסטראָפע, וועט דער אויטאָר האַלטן, אַז ער האָט וויניקסטנס אין אַ קליינער מאָס דערפילט זיין פליכט אַלס שרייבער.

Julian Stryjkowski

פֿאַרוואָס האָב איך אָנגעשריבן דעם „לויף קיין פּראַגאַלאַ״?

„פֿאַרוואָס״ — באַדייט גלייכצייטיק: צוליב וואָס פֿאַר אַ סיבה, ווי אויך: נאָכוואָס, צוליב וואָס פֿאַר אַ ציל.

צו די זייער ווייטע, לאָמיר זאָגן, סיבות געהער דער באַגער, וועלכער איז פֿאַראַן ביי יעדן אויטאָר פֿון געבוירן, אויסצולעבן זיך אין אַ טעמאַטיק, וואָס איז אים צום נאָענטסטן, וואָס מאַטערט אים טיילמאָל פֿון דער סאַמע פֿריסטער יוגנט, וואָס פֿאַרפֿאָלגט אים מיט בילדער, וועלכע ער האָט נאָך געזען מיט די אויגן פֿון אַ קינד, מיט בילדער, וועלכע פֿאָדערן, אַז מע זאָל זיי אויסלאָדן, מע זאָל זיי געבן אַ קינסטלערישן אויסדרוק. עס זענען באַקאַנט אין דער ליטעראַטור און קונסט פֿאַקטן, ווען שפּעטער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט קיין איינמאָליק אַרויסזאָגן זיך. נישט באַפֿרידיקט פֿון דער דערגרייכטער לעזונג, האָבן אָפֿט שרייבער, מאָלער צי סקולפּטאָרן צוריקגעקערט צו דער זעלבער טעמאַטיק, צו דעם זעלבן בילד. אין געוויסע פֿאַלן רעדט מען אַפֿילו פֿון אַ פֿאַרפֿאָלגונגס-מאַניע. אַזאַ פֿאַרפֿאָלגונגס-מאַניע איז געווען פֿאַר מיר Si parwa cum magnis comparare licet דאָס בילד פֿון נויט און די שרעק פֿאַר הונגער נישט פֿון קיין יחיד, נישט פֿון איין מענטשן, ווי ביי האַמסונען, נאָר פֿון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו מענטשן. די נויט און די שרעק פֿאַר אַ הונגער-טויט, די שרעק פֿאַר אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג האָב איך דערקענט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דאָרף הינטער די קאַרפּאַטן, און שפּעטער אין אַ דערבייאיק שטעטל, וווּהין מיינע עלטערן זענען אַריבערגעפֿאָרן. די קליינבירגערלעכע בושה האָט לאַנג מיך אָפּגעהאַלטן פֿון אויפֿדעקן די דאָזיקע מאַניע מיינע, און אין די דערציילונגען, וועלכע איך האָב גלייך פֿאַרניכטעט, האָט די דאָזיקע אויסוועגלאָזע לאַגע זיך איבערגעשטאַלטיקט, ווי אין אַ קרומען שפּיגל, און געפֿונען אַ באַשטימטע, זייער שוואַכע לעזונג אין פּעסימיסטישע פֿאַרענדיקונגען, אין טויט פֿון די העלדן, צי פֿון די העלדינס, אויב די אויסאימאַגינירטע פֿיגורן פֿון אַ צוואַנציקיעריקן אָנפֿאַנגער האָבן פֿאַרדינט אויף אַזאַ נאָמען.

כאָטש מע וואָלט זיכער געקאָנט מיט אַ לייכטן שמייכל באַשענקען די רעזולטאַטן פֿון דער יוגנטלעכער פֿעדער, וועלכע זענען, איבעריקנס, גלייך פֿאַרשוווּנדן אָן שום שפּור, איז עס דאָך געווען אַ שווער, אומבאַוווּסטזיניק דורכשלאָגן זיך אַ וועג צו דער ליטעראַטור, צו דער קלאַסן־ליטעראַטור, אַן אומבאַוווּסטזיניק זוכן דעם איינציק ריכטיקן קוק אויף דער וועלט. דאָס דאָזיקע זוכן האָט מיך דערפֿירט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן, און שפּעטער צו פּרוּוון פֿון מאַרקסיסטיש באַנעמען און אויסדריקן אויף פּאַפּיר די געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען און קאַמפֿן. עס קאָן דעריבער קיינעם נישט פֿאַרוווּנדערן, וואָס דאָס אַנטרעפֿן זיך אין איטאַליע אויף אַ נויט, וועלכע לאָזט זיך נישט באַשרייבן, האָט אין מיר באַנייט די אַלטע נישט אויסגעלעבטע באַדערפֿעניש, די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט אויסצולאָדן די אַלטע פֿאַרפֿאָלגונגס־מאַניע, וועלכע האָט זיך איצט איבערגעשטאַלטיקט אין אַן אַקט פֿון באַוווּסטזיניקן ווילן צו ווייזן מענטשן, וואָס קעמפֿן מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער אומגערעכטיקייט.

קלאָר, אַז איך בין קיין איטאַליע נישט געפֿאָרן מיט אַ זיכערן, פֿון פֿאָרויס באַשטימטן ליטעראַרישן פּלאַן. אָבער שוין אין דעם צוג, וועלכער גייט פֿון ווענעציע קיין רוים, האָב איך איבערגעלעבט אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. איך האָב זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט אַ זעלנער אַן אַנאַלפֿאַבעט, וועלכער האָט אַפֿילו נישט געקאָנט איבערלייענען די שעהן. דאָס איז פֿאַר מיר געווען פּשוט אומגלויבלעך. ווען איך האָב דעם דאָזיקן זעלנער, נישט קאָנענדיק נאָך ענטפֿערן אין איטאַליעניש אויף דער פֿראַגע: „וויפֿל איז דער זייגער?" — געוויזן דעם זייגער, האָט מיין צופֿעליקער מיטשמועסער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף נישט. ער קען זיך נישט דערויף, ער האָט זיך מודה געווען דערצו מיט דער פּשטות, וועלכע איז אייגן די איטאַליענער, אָן שום שאָטן פֿון בושה.

ביז דעמאָלט האָב איך מיר נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז מעגלעך. אויפֿן קאָרידאָר האָט איינער פֿון די רייזנדע, וועלכער האָט גערעדט פֿראַנצויזיש, אויפֿגעקלערט מיינע ספֿקות. איך האָב געפֿרעגט, פֿון וואַנען שטאַמט דער דאָזיקער זעלנער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿון קאַלאַבריע. אַזאַ איז געווען מיין ערשט צונויפֿטרעפֿן זיך מיט קאַלאַבריע, מיט דעם דאָזיקן צום מערסטן דרומדיקן טייל פֿון איטאַליע. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין יאַנואַר 1949. אין געדאַנק האָב איך זיך אָפֿט צוריקגעקערט צו דעם דאָזיקן קאַלאַברישן זעלנער. אין אָקטאָבער פֿון זעלבן יאָר האָבן אין קאַלאַבריע, אין דאָרף מעליסע, וואָס טראָגט אין דעם „לויף קיין פּראַגאַלאַ" דעם נאָמען ראָקאַ די דזאָלפֿאַ, די מיטברידער פֿון דעם זעלנער,

דעם אנאלפאבעט, געמאכט א נישט איינגעגעבענעם פרווו צו פארנעמען די נישט פארזייטע פריצישע ערד אין טאל פון פראגאלא, לעבן מעליסע, איבערלאזנדיק איפן פעלד — נאך א קאמף מיט די קאראביניערן — דריי דערהרגעטע. דאס זענען געווען קרבנות פון די איטאליענישע ערדבאזיצער, וועלכע זענען איבערגעגאנגען צו טערער. נאכן פאלן פון פאשיזם, נאכן פרעכטיקן פרייהייטס־אויפשוונג פון איטאליענישן פאלק זענען די איטאליענישע פעאדאלן אנטלאפן אין גרויס שרעק קיין נעאפאל, רוים און קיין אויסלאנד. אבער אדאנק דער שוץ פון די אמעריקאנער האבן זיי זיך שוין אין יאר 1948 צוריק דערפילט שטארק און אנגעהויבן אטאקירן די רעכט, וועלכע זענען דעראבערט געווארן מיט דעם בלוט פון טויזנטער פארטיזאנער. די געשעענישן אין מעליסע האבן אויפגעטרייסלט די איטאליענער, וועלכע האבן זיך דערשראקן פאר צוויי זאכן: פאר פאשיזם און מלחמה. די געזעלשאפטלעכע מיינונג, וועלכע האט זייער לעבעדיק רעאגירט אויף אלץ, וואס געשעט אין לאנד, איז געווען טיף דערשיטערט. א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג האט זיך דערשראקן פאר דעם געשפענסט פון אומרוען און בירגער־קריג. דעריבער, ווען דער צענטראל־ארגאן פון דער איטאליענישער קאמוניסטישער פארטיי „אוניטא" האט ארגאניזירט אן אויספלוג קיין קאלאבריע, האבן אין אים אנטיילגענומען צייטונגס־מענטשן אפילו פון רעגירונגס־לאגער. מיר האבן דורכגערייזט קאלאבריע, אבער מיר האבן יעדן טאג זיך צוריקגעקערט קיין מעליסע. און דאס איז געווען מיין צווייט צונויפטרעפן זיך מיט קאלאבריע. איבעריקנס, ווי איך האב שוין געזאגט פון אנהייב, איז די דארפישע נויט מיר געווען גוט באקאנט. אבער דאס, וואס איך האב געזען אין מעליסע, האט איבערגעשטיגן מיין יעדע פארשטעלונג וועגן דעם אפגרונט פון מענטשלעכער נויט.

א באדייטנדיק גרעסערע אויפטרייסלונג האב איך איבערגעלעבט, ווען איך בין געקומען אין אוממיטלבארער בארירונג מיט די מענטשן. וויאזוי די דאזיקע אנאלפאבעטן האבן גערעדט! ווי קלאר און לאגיש זיי האבן געטראכט! א סך לאגישער פון נישט איין אוניווערסיטעט־פראפעסאר. ווי גלענצנד זיי האבן זיך אפגעגעבן א רעכענונג פון די סיבות פון זייער לאגע, און ווי טרעפלעך זיי האבן זיי געקאנט פארמולירן, אנווייזנדיק אויף דעם וועג פון קאמף ווי אויף דעם איינציקן אויסוועג, דערביי ווערנדיק געפירט נישט בלויז פון אינסטינקט, נאר פון קלאסן־באוווסטזיין. נישט געקוקט אויף דער מפלה, וועלכע זיי האבן געליטן נישט לאנג צוריק, האבן זיי געגלייבט אין זיג! וויפל מענטשלעכע ווירדע האבן זיי באזעסן,

נישט געקוקט אויף די חיהשע לעבנס־באַדינגונגען! מיט שטאָלץ האָבן די מענטשן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען דעם קאַמפּס־פּרווו, געוויזן זייערע פרישע וונדן. מע האָט געקענט די ליידנשאַפטלעכע צוגעבונדנקייט פון די איטאַליענער צום לעבן און די פשוט פּאַנישע שרעק פאַרן טויט, מע דאַרף זען אַן איטאַליענישע לוויה, ספּעציעל אויפן דאָרף, מיט די אַלע מנהגים, וועלכע גרייכן נאָך צו די צייטן פון געצנדינערײַ, מיט געשרייען, יללות, מיט וואַרפן זיך אויף דער ערד, — כדי צו קאָנען אָפּשאַצן דעם רואיקן טרויער פון די איינוווינער פון מעליסע, וועלכע האָבן אונדז אַוועקגעפירט קיין פּראַגאַלאַ, אויף דעם קבר פון די דריי טאָג־אַרבעטער, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די קאַראַביניערן. די איינוווינער פון מעליסע זענען געשטאַנען מיט הוילע קעפּ, די פּנימער געווענדט צו די אומענדלעכע נישט פאַרזייטע שטחים פון גוטבאַזיצער בעראַלינגיערי, און געשוויגן. צווישן זיי זענען געווען די נאָענטסטע קרובים פון די געפאַלענע. און די פיגור פון אַ הויכער, דאַרער פרוי אין שוואַרצן, די מוטער פון איינעם פון די דערמאָרדעטע, לאָמיר זאָגן — פון סאַלוואַטאָרען, האָט געאָטעמט פשוט מיט אַ פאַרצייטישן טראַגיזם. מיט פּאַטאָס האָט געווייעט פון דעם רויען אויסזען פון דער שטיינערדיקער ערד, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ טייל פון גריכנלאַנד, פון דער אַזוי גערופענער „Manga graecia“, וועלכע האָט זיך געשפּרייט ביי די ברעגעס פון יאָנישן ים. ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך צו זען די העלענישע שפּורן אין מעבל, אין מענטשלעכע זשעסטן, אין שטריכן פון פנים. עס איז שווער געווען זיך נישט אונטערצוגעבן דער דאָזיקער היעראַטישער ווייזע; עלעמענטן פון סטיליזאַציע (מאָנומענטאַלקייט, כאָרן פון דאָרפישע פרויען, וועלכע מע טרעפט איבעריקנס אַזוי אָפט אין איטאַליע) האָבן אין אַ געוויסער מאָס אַריינגעדרונגען אין דעם „לויף קיין פּראַגאַלאַ“.

אָבער די דאָזיקע ווייטע סיבה, די פאַרפאָלגונגס־מאַניע וועגן דער דערקענטער נאָך אין די יוגנט־יאָרן נויט, וועלכע פאָדערט אַ קינסטלערישן אויסדרוק, איבערגעשטאַלטיקט זיך אין אַ נייער סיבה. די נייע סיבה האָט אין איצטיקן מאָמענט אַ גאָר אַנדערן אינהאַלט. זי פאַרמאָגט שוין נישט אין זיך דאָס דערדריקנדיקע געפיל פון אַן אויסגאַנגלאָזער לאַגע. די אָרעמע פון מעליסע האָבן שוין געוווּסט, וועלכער אויסגאַנג עס איז פאַראַן, און זיי האָבן אויסגעקליבן דעם פּאַסיקן וועג. דאָס שנעלע אַנטוויקלען זיך פונעם באַוווּסטזיין און דאָס רייף ווערן צו פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון קאַמף איז שוין די זאַך פון אַן אָנפירנדיקער קראַפט, פון דעם העכסטן אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזיין — פון דער פּאַרטיי.

אָבער דאָ ענדיקט זיך שוין דער ענטפער אויף דער פראַגע, וועלכע סיבות האָבן מיך סטימולירט אָנצושרייבן דעם „לויף קיין פראַגאַלאַ", און עס הייבט זיך אָן דער ענטפער אויף דער פראַגע, מיט וואָס פאַר אַ ציל האָב איך עס אָנגעשריבן.

איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַווייזן, וויאַזוי דער אָרגאַניזירטער און אָנגעפירטער באַוווסטזיין באַווירקט דאָס לעבן דורך קאַמף, שאַפנדיק די פאַרהנחות פון זיג און דערגרייכנדיק דעם דאָזיקן זיג פאַר דעם פרייז פון שווערע קרבנות. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט דעם אַקאָרד פון זיג, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער קאַמף אין מעליסע אין יאָר 1949 האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה. די טאָג-אַרבעטער פון מעליסע האָט זיך נישט איינגעגעבן צו דעראָבערן דעם טאָל פראַגאַלאַ. די אַקציע פון פאַרנעמען די פוסטע גוטבאַזיצערישע שטחים האָט זיך פאַרענדיקט מיטן צעגראַמירן די ערד-אַרבעטער און מיט דעם טויט פון דריי חברים. דער סטאַטישער אמת איז אַן אַנדערער ווי די פאַרענדיקונג אין דער דערציילונג. צי באַדייט דאָס אַ פעלשונג פון די פאַקטן? ניין.

איך האָב געהאַלטן, אַז פון דעם שטאַנדפונקט פון צילגעווענדקייט פון דער קונסט, וועלכע איז באַרופן נישט בלויז צו העלפן דערקענען די וועלט, נאָר אויך זי צו ענדערן, אַז פון שטאַנדפונקט פון די באַדערפענישן פון קעמפנדיקן איטאַליענישן פויערטום איז דאָס נישט קיין פעלשונג פון פאַקטן. ווייל גראָד טאַקע דורך מיין קומען אין באַרירונג מיט די פויערים פון מעליסע האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זיי האַלטן די מפּלה פאַר אַ פאָריבערגייענדיקע זאַך און דעם זיג פאַר אַ זיכערן, אומצווייפלהאַפטן. צי פאַר אַ מענטשן מיט אַ דיאַלעקטישן קוק איז דער דאָזיקער פעסטער גלויבן נישט קיין מער ווירקלעכער, איידער ווי די פאָריבערגייענדיקע פאַקטן, ווי וויטיקלעך זיי זאָלן נישט זיין? אין קעגנפאַל וואָלט דאָס באַדייט, אַז מיר האַלטן די קרבנות פאַר צוועקלאָז און דאָס פאַרגאָסענע בלוט פאַר אומזיסט. אָבער די קרבנות זענען נישט געווען צוועקלאָז און דאָס פאַרגאָסענע בלוט איז נישט געווען אומזיסט. אויף דעם 31-טן קאָנגרעס פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען אין רוים אין יאָר 1951, האָב איך איבערגעלעבט צוזאַמען מיט די איטאַליענישע חברים אַ גרויסע פרייד. אַ דעלעגאַציע פון ערד-אַרבעטער פון מעליסע איז אין דער צייט פון די פאַרהאַנדלונגען אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע און דערלאַנגט טאָליאַטין אַ מתנה — אַ טאָפּ קערנער. עס איז אַ מנהג ביי די איטאַליענישע קאָמוניסטן צו געבן מתנות די פירער אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ יום-טוב אָדער פאַרטייאישער פייערלעכקייט. דאָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ סימבאָליש טיילן זיך מיט דער גאַנצער

פּאַרטיי מיט די פּרוכטן פֿון דער אַרבעט און פֿון די בעסטע דערגרייכונגען.
די ווייץ, וועלכע זי האָט געבראַכט פֿון מעליסע, האָט געשטאַמט פֿון דעם ערשטן שניט אויף די פעלדער פֿון פּראַגאַלאַ. אין יאָר 1951 איז דער טאָל שוין געווען דעראָבערט. צוויי יאָר נאָך דעם דורכפאַל האָט פּראַגאַלאַ שוין געהערט צו די ערד־אַרבעטער פֿון מעליסע.

דער זאַל האָט זיך געטרייסלט פֿון בראַוואָ־פּאַטשעריייען. אין מיין פּאַטשן איז געווען אויך עפּעס פּערזענלעכעס, שרייבערישע פרייד: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַרענדיקונג פֿון מיין דערציילונג איז נישט בלויז אַ ריכטיקע, נאָר איצט שוין אַפילו אַן אמתדיקע.

אָבער דער ווילן צו באַווייזן די אַנטוויקלונג און זיין באַווירקן די ווירקלעכקייט האָט געקאָנט זיין בלויז אַן אַלגעמיינער ציל, כאָטש אַ וויזנטלעכער. אַזאַ ציל שטעלן זיך אַלע רעוואָלוציאָנערע שרייבער, וועלכע קעמפן מיט דער פעדער פאַר איבערגעשטאַלטיקן די וועלט און דעם מענטש. אויסער דעם האָט יעדע באַזונדערע ליטעראַרישע דערשיינונג איר ציל. וועלכער איז געווען דער אינדיווידועלער ציל, אַזוי צו זאָגן, פֿון דער דערציילונג „דער לויף קיין פּראַגאַלאַ"? ער איז ענג פאַרבונדן און דרינגט אַרויס פֿון מיין קומען אין באַרירונג מיט די איטאַליענער בעת מיין זיין אין דעם לאַנד.

דעם זעלבן אָוונט, ווי איך בין געקומען קיין רוים, האָב איך מיר אויסגעקליבן צו באַקוקן די שטאָט. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין אויג, — דאָס זענען די אויסערגעוויינלעכע שאַרפע קאָנטראַסטן: פֿון איין זייט — רייכקייט און לוקסוס, אַ שטראָם פֿון פּרעכטיקע לימוזינען אויף עלעגאַנטע גאַסן, שויפענצטער מיט כל־טוב, און פֿון דער צווייטער זייט — אָרעמע קוואַרטאַלן, מחנות אָפּגעריסענע קינדער און אַ נויט, וואָס וואַרפט זיך אין אויג פֿון ערשטן בליק. אַרויספאָרנדיק פֿון דעם אָרעמען קוואַרטאַל סאַן דזשיאָוואַני, האָט דער אויטאָ, מיט וועלכן איך בין געפאָרן, זיך פּלוצעם פאַרהאַלטן פאַר פּיאַצאַ ווענעציאַ. אויף דעם דאָזיקן שענסטן און עלעגאַנטסטן פּלאַץ פֿון רוים איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פֿון אַרבעטלאָזע. פאַר די דריי יאָר, וואָס איך בין געווען אין איטאַליע, האָב איך געזען גרעסערע און מער אימפּאָנירנדיקע דעמאָנסטראַציעס, איידער ווי די פֿון פּיאַצאַ ווענעציאַ, אַפילו מער קעמפערישע, ווי, למשל, פאָרמעלע גאַסן־שלאַכטן, וועלכע דאָס פאָלק האָט געפירט, פּראָטעסטירנדיק קעגן מלחמה־פּאַקט און קעגן אַטלאַנטישן פּאַקט; כ'בין געווען אַן עדות פֿון ריזיקע דעמאָנסטראַציעס פֿון שטרייקנדיקע אַרבעטער, פֿון ערשטמאַיאיקע מיטינגען אויף פּיאַצאַ דעל פּאָפּאָלאָ, אָבער די דאָזיקע ערשטע מאַניפעסטאַציע פֿון אַרבעטלאָזע, וועלכע איך האָב געזען דעם

ערשטן טאָג פון מיין קומען קיין רוים, האָט זיך צום שטאַרקסטן איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך האָב זיך דערמאָנט ענלעכע דעמאָנסטראַציעס אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

דער איטאַליענישער קאַראַביניער האָט געשלאָגן מיט דער פאַלקע פונקט אַזוי, ווי דער פוילישער גראַנאַטענער פּאָליציאַנט. דאָס עלעגאַנטע רוימישע פּובליקום, וואָס האָט זיך געזאַמלט אויף די טראָטואַרן, האָט זיך צוגעקוקט מיט אומרואיקייט, מאַסקירנדיק זי מיט חוזק און גרינגשעצונג פאַר די „יינגלעך", פּונקט אַזוי, ווי דאָס האָט אַמאָל געטאָן דאָס עלעגאַנטע פּובליקום אין וואַרשע, לאָדזש אָדער קראָקע. דאָס איז זייער אַ שטאַרק און געמישט געפיל צו קוקן אויף אַ קעגנוואַרט, וועלכע איז שוין אַ פאַרגאַנגענהייט. דאָס, וואָס איז געווען פאַר די אַרבעטלאָזע איטאַליענער אַ קעגנוואַרט, איז פאַר מיר געווען אַ פאַרגאַנגענהייט, וועלכע וועט זיך שוין נישט אומקערן. אין אַזעלכע מענטשן קומט אויף אַ שטאַרקער באַגער, אַז פאַר אַלע מענטשן זאָלן שוין די דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטלאָזע ווערן אַ פאַרגאַנגענהייט. אַזאַ באַגער האָט זיך זיין נאָמען: אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. דאָס געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט באַקומט אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט און שיינקייט, ווען דער מענטש האָט די מעגלעכקייט איבערצולעבן עס אין ווירקלעכער האַנדלונג. די געשיכטע פון קאַמפן פאַר פרייהייט קען פיל אויפשווונגען פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, ווי, למשל, דער אָנטייל פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין דער אַנטיפאַשיסטישער מלחמה אין שפּאַניע. איך בין אין שפּאַניע נישט געווען. דעריבער איז ווי אַן עקוויוואַלענט אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן פאַר מיר מיין עמאָציאָנעלער אָנטייל אין די קאַמפן פון איטאַליענישן פאָלק. ווייל איך האָב נישט געקאָנט נעמען קיין אַקטיוון אָנטייל, האָב איך מיר באַמיט צו זיין שטענדיק און אומעטום — נישט בלויז צוליב מיין זשורנאַליסטישער אַרבעט — דאָרט, וווּ דאָס איטאַליענישע פאָלק האָט מיט טאַט פאַרטיידיקט זיינע רעכט, געקעמפט פאַר גערעכטיקייט און שלום. איך האָב זיך באַמיט אַלץ צו זען, צו פאַרשטיין און פאַרגעדענקען. און איך בין זיכער, אַז אין ערגעץ קאָן מען נישט דערקענען די נשמה פון אַ פאָלק אַזוי, ווי אויפן פלאַץ פון קאַמף פאַר פרייהייט און פּראָגרעס. דעמלט בליט אויף אין דער נשמה אַלץ, וואָס איז אין איר פאַראַן פון בעסטן און איידלסטן. איך האָב ליב באַקומען דאָס פּשוטע, האַרציקע און קלוגע פאָלק פון די רויטע פאָרשטעט פון רוים, וואָס האָט אַזויפיל מאָל פאַרלאָזט די פאַבריקן און אַרבעטס־וואַרשטאַטן, פאַרפולנדיק די פּלעצער און גאַסן, כדי צו פאַרטיידיקן זיינע רעכט. איך האָב זיך קיינמאָל נישט געפילט צווישן די איטאַליענישע אַרבעטער און

פויערים ווי א פרעמדער. אונדזערע שטרעבונגען זענען געווען געמיינזאמע. א געמיינזאמע איז געווען אונדזער שפראך. אין דער ווייטער, צווישן פעלדן פארווארפענער מעליסע האב איך זיך צווישן די ארטיקע פויערים געפילט ווי צווישן אייגענע. דער ערד-ארבעטער, וועלכער האט געפירט פארן ציימל מיין מוילאייזל, וואס האט געקלעטערט איבער דער שיפער שטיינערנער סטעזשקע, האט מיר געזאגט: „איך בין אן איטאליענער, און איר זענט א פאליאק, און דאך רעדן מיר דאס זעלבע. עס וועט קומען א צייט, ווען אלע מענטשן וועלן רעדן דאס זעלבע, נישט אמת, חבר?"

כ'בין זיך א סך אנגעגאנגען אין איטאליע אין יענעם ניין און פערציקסטן יאר. ווייל אויך אין דער געשיכטע פון דעם לאנד איז דאס יאר געווען א ספעציעלס, א יאר פון ריזיקן וווקס פון דער קאמפס-שפאנונג. נאך די וואלן אין יאר 1948, נאך דעם זיג פון דער קריסטלעכער דעמאקראטיע האט זיך אויף די פאלקס-מאסן אראפגעלאזט א כוואליע פון טעראר. דאס, וואס די שווינדלערישע וואלן האבן נישט באוויזן צו טאן, וואס עס האט נישט דערגרייכט די אמעריקאנער קארופציע, נישט די אינגערענץ פון וואטיקאן, האבן באדארפט דערגרייכן די פארפאלגונגען. עס איז געגאנגען אין פארניכטן דעם אוואנגארד פון פאלק — די איטאליענישע קאמוניסטישע פארטיי און די מיט איר ענג פארבונדענע סאציאליסטישע פארטיי פון איטאליע, וועלכע האבן, נישט געקוקט אויף די פעלשונגען, דראונגען און דונערס, געשליידערטע פון די אמבאנעס, באקומען אכט מיליאן שטימען. נאך פאר די וואלן אין יאר 1948 האט דער פרעמיער דע גאספערי בעת זיין וויזיט אין וואשינגטאן באקומען א באפעל פון טרומאנען צו צעקלאפן פאר יעדן פרייז די איטאליענישע ארבעטער-באוועגונג, וועלכע האט געשטערט די אטלאנטישע פלענער פון אמעריקע. האט טאקע דע גאספערי זיך א נעם געטאן צו דער ארבעט. עס האט זיך אנגעהויבן א געיעג אויף קאמוניסטן. אונטער א ליאדע אויסרייד האט מען ארעסטירט געוועזענע פארטיזאנער. איר וואל-זיג אין יאר 1948 האט די רעגירונג באטראכט ווי דער אנהייב פון סוף פון דער איטאליענישער קאמוניסטישער פארטיי. דער פאליציי-מיניסטער שעלבא האט די פאנטאזיע אנגענומען פאר א ווירקלעכקייט. אין דער אמעריקאנער אמבאסאדע אין רוים זענען געגאנגען באריכטן וועגן דעם פאלן פון די ווירקונגען פון די ארבעטער-פארטייען. עס איז קינסטלעך געשאפן געווארן אן אטמאספער פון שנאה און פראוואקאציע, וועלכע האט דערגרייכט איר הויכפונקט אין דעם אטענטאט אויף טאליאטין. און דעמלט האבן די שונאים זיך איבערצייגט, ווי ווייט זיי האבן זיך טועה געווען. דער איטאליענישער ארבעטער-קלאס איז אויפגעשטאנען אין זיין גאנצער קראפט. איך בין דעמלט

נישט געווען אין איטאַליע, אָבער פון פיל דערציילונגען ווייס איך, ווי עס האָט אויסגעזען. נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף דירעקטיוון פון זייער פירער, האָבן די אַרבעטער ספּאָנטאַן געוואָרפן די אַרבעט און אַרויס אין די גאַסן. „ווען פון מאָנטעטשיטאָריאָ (דער איטאַליענישער פּאַרלאַמענט, וווּ עס איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויף טאָליאַטין), — האָט מיר דערציילט אַ באַקאַנטער, וואָס איז ווייט פון קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס, — איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן אַטענטאַט, איז רוים בוכשטעבלעך אין איין מינוט ווי אָפּגעשטאָרבן. איך בין גראָד געפאָרן אין אַן אויטאָבוס, האָט מיר ווייטער דערציילט דער באַקאַנטער. — ווען דער קאָנדוקטאָר האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומגליק, האָט ער גלייך פאַרהאַלטן דעם וואָגן אין מיטן פון דער גאַס, די פּאַסאַזשירן האָט ער געהייסן אַרויסגיין און דעם אויטאָבוס אַוועקגעשטעלט אין דער ברייט פון שאָסיי, האַמעווענדיק יעדע באַוועגונג. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די פירער פון טראַמווייען, די שאָפערן פון טאַקסוווקעס און ווילנדיק נישט ווילנדיק — אויך די שאָפערן פון די עלעגאַנטע מערצעדעסן, פיאַטן און פּאַקאַרן. פון רוים האָט די ידיעה ווי אַ בליץ זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז אין יענעם 14-טן יולי איז נישט געווען קיין איין וואַרשטאַט, וואָס זאָל אַרבעטן. עס זענען שטיין געבליבן ליידיק די פאַבריקן, אוניווערסיטעטן און שולן. מע האָט פאַרמאַכט די קראָמען. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די טראַמווייען, באַנען, עס זענען אָפּגעשטאָרבן די פּאָרטן, אויף די גאַסן איז נישט געווען צו זען קיין פּאָליציאַנט אָדער זעלנער. דאָס לעבן פון גרויסן פּופּציקמיליאָניקן פאָלק איז געוואָרן פּאַראַליזירט". אָט ווי עס האָט אויסגעזען דער אמת וועגן דעם פאַלן פון די ווירקונגען פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי! אַ שרעק איז געפאַלן אויף דער רעגירונג. אַפילו דער פּויפּסט האָט באַפוילן אָפּצוריכטן תּפילות אין די קאָשטשיאָלן פאַר דעם געזונט-ווערן פון טאָליאַטין. דער פּראַקטיקער ענטפער פון איטאַליענישן פאָלק אויף דעם אַטענטאַט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם באַליבטן פירער, האָט געגעבן די גאַספּערין, אַמעריקע און דעם וואַטיקאַן פיל נאָכצוטראַכטן.

אָבער די פּלענער פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָבן נישט געקאָנט וואַרטן. דאָס יאָר 1949 איז געווען דאָס יאָר פון צונויפקלעפּן דעם אַטלאַנטישן אַגרעסיע-פּאַקט. פון יענער זייט אָקעאַן זענען אָנגעקומען אַלץ נייע פאָדערונגען, אַז מע זאָל, נישט געקוקט אויף אַלץ און פאַר יעדן פּרייז, צעברעכן די צוויי און אַ האַלב מיליאָניקע איטאַליענישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די פינפמיליאָניקע אַרמיי פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע שטעלן אַ ווידערשטאַנד די מלחמה-פּלענער פון וואַשינגטאָן. אָבער

טרומאַנען איז געווען גרינגער צו באַפעלן, איידער די גאַספּערין אויסצופירן. דער איטאַליענישער אַרבעטער-קלאַס, דאָס פויערטום, די אינטעליגענץ און אַ טייל פון קליינבירגערטום האָבן אַלץ דרייסטער זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם דרוק, וועלכן מע האָט געמאַכט אויפן לאַנד אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער אינטערעסן, אַרויסרוקנדיק אייגענע פאָדערונגען און פאַרלאַנגנדיק, אַז די רעגירונג זאָל דערפילן די צוזאָגן, וועלכע זי האָט פאַר די וואַלן נישט געקאַרגט. אַנשטאָט אַ פאַרבעסערונג איז נאָך די וואַלן געקומען אַ ווייטערדיקע פאַרשאַרפונג פון דער סיטואַציע. די צאָל אַרבעטסלאָזע איז אויסגעוואַקסן ביז צוויי און אַ האַלבן מיליאָן, דער רעאַלער לוין פון די אַרבעטער האָט זיך פאַרקלענערט, עס זענען פאָרגעקומען רעדוקציעס פון דער פּראָדוקציע און פון די אַרבעטס-שעהן, מע האָט צוגעשניטן הונגער-לוינען פאַר די לערער און מלוכה-באַאַמטע, עס האָט זיך פאַרגרעסערט די נויט פון פויערטום. און אין דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפאַלער סיטואַציע האָט די רעגירונג אָנגעהויבן אַ פראָנטאַלן אַטאַק אויף דעם לעבנס-ניוואָ, וועלכער איז אַזוי אויך געווען דער נידעריקסטער אין אייראָפּע (אויסער שפּאַניע). דער אַרבעטער-קלאַס האָט געענטפערט מיט אַ קאָנטראָפענסיווע.

דאָס ניין און פערציקסטע יאָר וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע פון איטאַליע ווי איינער פון די שווערסטע פעריאָדן פון פאָליטישע און קלאַסן-קאַמפן. אין פרילינג זענען פאָרגעקומען פאָליטישע שטרייקן און גאַסן-דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם אונטערשרייבן דעם אַטלאַנטישן פאַקט, דערנאָך שטרייקן אין שוץ פון דער פרידן-פּראָדוקציע, אין שוץ פון חברים, אַרויסגעוואָרפענע אויפן ברוק, אין שוץ פון קאָלעקטיווע אָפּמאַכן און לוינען. די דאָזיקע קאַמפן האָבן אַרומגענומען דעם צפון — דעם סאַמע אינדוסטריאַליזירטן טייל פון לאַנד: טורין, מעדיאָליאַן א. א. זיי האָבן זיך כמעט שטענדיק פאַרענדיקט מיט אַ זיג, די אַרבעטס-געבער האָבן אין פיל פאַלן געמוזט קאַפּיטולירן. דעריבער האָט מען נאָך מיט מער פאַרביסנקייט אַלע כוחות פון דער פאָליציי און פון די קאַראַביניערן געווענדט קעגן די פויערים, וועלכע האָבן געפאָדערט ערד. אין זומער 1949 האָט זיך אָנגעהויבן דער גרעסטער אין דער געשיכטע ערד-שטרייק. אויך דאָס מאָל האָט דעם לאָזונג געוואָרפן דער צפון. דער שטרייק האָט ווי אַ ריזיקע כוואַליע זיך געטראָגן אַלץ ווייטער פון לאָמבאַרדיע דורך דעם פאָ-טאָל, רוימישער קאַמפּאַניע, צו דרום צו, קיין אַפּולי. עס האָבן געקרייציקט די אָרעמס, ווי מע זאָגט אין איטאַליע וועגן שטרייקנדיקע, צוויי מיליאָן ערד-אַרבעטער. עס זענען צוגעשטאַנען די ווייניק-ערדיקע, טאָג-אַרבעטער, קליינע אַרענדאַטאָרן. עס האָבן זיי אונטערגעשטיצט די שטאָטישע אַר-

בעטער. דער שטרייק איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער, אָננעמענדיק פאַרשי-
דענע פאָרמען. די נייסטע פאָרם איז געווען דער שטרייק אויף צו־להכעיס.
די פויערים זענען אַרויס אין פעלד, פאַרנומען עם און פאַרזייט. די דאָזיקע
פאָרם האָבן די ערשטע אָנגעווענדט די שטאָטישע אַרבעטסלאָזע. זי איז
אַ רעזולטאַט פון דער באַציונג פון אַרבעטער־קלאַס, פון דעם פּראָדוצירנ-
דיקן און פּראָדוקטיוון קלאַס, צו די אַלגעמיינע פאָלקס־רייכטימער אין
דעם פעריאָד, ווען די גרויס־בורזשואַזיע און די מאָנאָפּאָלן זענען נישט
פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און זיי זע-
נען אויך נישט אימשטאַנד צו פאַרזיכערן אַלעמען דעם מינימום פון זייערע
נייטיקע באַדערפעניש.
דער שטרייק האָט געדויערט אַזש ביזן שניט. די גוטסבאַזיצער האָבן
בעסער געוואָלט פאַרלירן דאָס גערעטעניש איידער נאָכצוגעבן. די קער-
נער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסשיטן פון די זאַנגען און ס׳איז אַנט-
שטאַנען אַ געפאַר פון יקרות אויף ברויט אָדער אפילו פון הונגער. די
פויערים האָבן באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן פאַרניכטן מענטשלעכע מי.
די ערד האָט נאָך געהערט צו די באַראָנען, אָבער די אַרבעט האָט גע-
הערט צו די פויערים. און די שטרייקנדיקע האָבן באַשלאָסן אַראָפּצונע-
מען די תבואה, אָבער נישט כדי זי אָפּצוגעבן דעם גוטסבאַזיצער, נאָר כדי
זי צעטיילן צווישן זיך. דאָס האָט געצוווּנגען די גוטסבאַזיצער נאָכצוגעבן.
נאָך פערציק טעג פון העראָישן קאַמף, וועלכער האָט געקאָסט פיל קרבנות,
איז דערגרייכט געוואָרן אַ זיג. די לאַטיפונדיסטן זענען איינגעגאַנגען אויף
אַ לוין־העכערונג פון די ערד־אַרבעטער. דער ענטוזיאַזם אין דאָרף איז
געווען אומבאַשרייבלעך. „דאָס איז אַ געשיכטלעכער זיג פון דער פּראָ-
פעסיאָנעלער באַוועגונג אויפן דאָרף", — האָט געשריבן די „וויטאָריאַ, דער
גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער איטאַליענישער אַרבעטס־קאָנפעדעראַציע.
„כבוד די העלדישע לוין־אַרבעטער און טאָג־אַרבעטער פון גאַנץ איטאַליע,
וועלכע האָבן מיט זייער קאַמף אָנגעשריבן דאָס שענסטע און דערהויבנס-
טע בלעטל אין דער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין
אונדזער לאַנד. נאָך קיינמאָל האָבן די ערד־אַרבעטער נישט דורכגעפירט
קיין קאַמף אין לאַנד־מאַסשטאַב פון אַזאַ גרויסער היסטאָרישער באַדיי-
טונג. דאָס איז אַ טראָט פאָרויס, אַ גרויסער טראָט פאָרויס", — אַזוי האָט
געשריבן די „אוניטאַ", דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער איטאַליענישער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער מיט דעם דאָזיקן זיג איז דער בילאַנס
פון קאַמפן און קרבנות נאָך נישט געווען געשלאָסן. אין האַרבסט 1949
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַראָנען האָבן נישט בדעה צו האַלטן די
אונטערגעשריבענע אָפּמאַכן. די פאַרצווייפלטע ערדאַרבעטער זענען וווי-

דער אַרויס אין קאַמף, עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פֿאַרנעמען די נישט פֿאַרזייטע שטחים. די ערשטע זענען אַרויס אין פּראַגאַלאַ די איינוווינער פֿון מעליסע, וועלכע טראָגט אין דער דערציילונג דעם נאָמען ראָקאַ די דזאַלפּאַ. און די רשימה פֿון ערדאַרבעטער, געפֿאַלענע אין קאַמף פֿאַר ערד, האָט זיך פֿאַרגרעסערט מיט דריי נייע נעמען.

צי אַזאַ עפּאָפּייע פֿון אַ העלדיש יאָר קאָן נישט וועקן אין אַ היינטיקן פּאָליאַק קיין באַוווּנדערונג און ליבע? צי אַזאַ עפּאָפּייע קאָן נישט וועקן אין אַ פּוילישן שרייבער דעם באַגער צו געבן איר אַ קינסטלערישן אויס־דרוק? אָבער פֿאַר מיר איז דאָס נישט געווען בלויז קיין באַגער. רעדנדיק אויף אַן אויטאָר־אָוונט אין רוים, האָב איך געזאָגט צו מיינע איטאַליענישע פֿריינד: „איך האָב געמוזט אָנשרייבן די דאָזיקע דערציילונג". אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די פֿאַרפֿאָלגונגס־מאַניע פֿון מיינע יוגנט־יאָרן, נאָר אַן אינערלעכער באַפֿעל, וואָס איז געקומען פֿון דעם געפֿיל פֿון אינטער־נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. איך האָב געהאַלטן פֿאַר אַ פֿליכט, אין די ראַמען פֿון מיינע באַשיידענע כוחות, אויסצודריקן באַוווּנדערונג און ליבע דעם איטאַליענישן פֿאָלק. איך האָב געהאַלטן פֿאַר אַ פֿליכט צו העלפֿן מיינע פֿריינד פֿון מעליסע, אַזוי ווי אַ שרייבער איז אימשטאַנד צו העלפֿן; דאָס הייסט שרייבן וועגן זיי.

אָבער אויף דעם אָוונט אין רוים האָב איך געזאָגט, אַז שרייבנדיק דעם „לויף קיין פּראַגאַלאַ", האָב איך אויך געטראַכט וועגן דעם היינטיקן פּוילישן דאָרף. איך האָב געוואָלט ווייזן דעם היינטיקן פּויער דעם שווערן קאַמף פֿון זיינע חברים אין דער ווייטער, היינט נאָך אומגליקלעכער קאַלאַ־בריע. איך האָב געוואָלט ווייזן — סיי די, וואָס האָבן שוין באַנומען די ריזיקע סאָציאַלע ענדערונגען אין פּוילן, סיי די, וואָס וואַקלען זיך נאָך, — ווי שווער און קאָמפּליצירט עס איז דער וועג צום באַוווּסטזיין, נאָר אַז דאָס איז דער איינציקער און נויטווענדיקער וועג.

דאָס זענען געווען די צילן, וועלכע איך האָב מיר געשטעלט. אַט פֿ אַ ר וו אָ ס איך האָב אָנגעשריבן דעם „לויף קיין פּראַגאַלאַ".

ק א פּ י ט ל   א י י נ ס

I

„לוטשיאַנאַ מאַנאַרא" איז אַרייַנגעשוואומען אין אייַנגוס. טאָמאַ האָט פון שיף-דעק געקוקט אויף דער אויפגעטורעמטער שטאָט. נעאַפּאָל האָט זיך ווי אַ ליכטיקער און ברייטער האַלב-קרייז געצויגן פון די טונקעלע בערג ביז דעם פלאַכן זאַמד-ברעג, וועלכער האָט זיך ווייט, ווייט צונויפגעגאָסן מיט דעם קאָליר פון נעפּל, פון הימל און ים.

דער דעצעמבער-ים האָט געהוידעט אַ גאַנצע כמאַרע פון שיפלעך און באַר-קעס, און אין פּאָרט-רייד זענען געשטאַנען כמעט אומבאַוועגלעך שיפן און דאַמפּערס מיט פאַרשידנקאָליריקע פענער. איינער אַליין, אין דער זייט, איז גע-שטאַנען אַ ריז מיט אַ הויכן דעק, וועלכער האָט געבלישטשעט מיט די שטאָ-לענע פליגל פון אַעראָפּלאַנען, אויסגעשטעלטע אין גלייכע רייען, ווי מיליטער. אויפן באָרט האָט זיך געזען דער רויטער אויפשריפט: פ י ל י פּ י נ ע ן.

די כוואַליעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די פעלזן און זיך צעשפּריצט מיט געדיכטן שוים, ווי אַ הויכער פאָנטאַן, פאַרגיסנדיק די שטיינערנע באַריערע פון דער מאָלאָ. אין פּאָרט האָט געווימלט פון מענטשן.

נאָך דעם אייגנטאָניקן גערויש פון ים און ווינט, האָבן די געשרייען, דער רעש און די פיבערדיקע בהלה פון דער ערד שטענדיק פאַרטויבט. די ערד האָט זיך געוואַקלט אונטער די פיס נאָך אַזויפיל חדשים ים-רייזע. טאָמאַ איז געגאַנגען פּאַמעלעך איבער דעם אַספאַלטירטן ברוק. ער וואָלט נאָך מער פאַרלאַנגזאַמט זיין טראָט, ווען די כוואַליע פון מענטשן וואָלט אים נישט געשטויסן פאָר-אויס. ער האָט זיך נישט געאייַלט. זיין צוג גייט אָפּ אין אָוונט. און אין דער היים וועט ער ערשט זיין מאָרגן פרי, אויב ער וועט פון קראָטאָנע אַרויסגיין צופוס נאָך היינט בייַנאַכט. ווי וועט מען עס אים אויפנעמען אין דער היים. קודם-כל מאַריאַ און דזשיאַני? די מאַמע האָט זיך אין דער היים קיינמאָל נישט גערעכנט. אין משך פון די אַכט יאָר האָט זי זיך אַוודאי שטאַרק פאַרעלטערט. צי האָבן

זיי באַקומען זיין בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט פון סידניי מיט אַ האַלב יאָר צוריק?

ער איז געבליבן שטיין פאַר אַ ריזיקן שלאָס מיט דריי מעכטיקע טורעמס; דער מיטלדיקסטער טייל און דעם בויגן פון בריטן טויער איז געווען צעשטערט, וואַרשיינלעך פון אַ באָמבאַרדירונג. נישט ווייט האָט פאַרקערוועט אַ בלאָער טראַמוויי. ער האָט געהאַט צייט. ער האָט אויסגעקליבן די זוניקע זייט און זיך צוגעזעצט אויף די טרעפ פון שלאָס. ער האָט לויז געמאַכט די בענדלעך פון די האַרטע פערמערשיך, אַראָפּגענומען פון די פּלייצעס דעם אָפּגעבליאַקעוועטן רוקזאַק און אים אונטערגעלייגט צוקאָפּנס. די פּוראַזשקע האָט ער אַראָפּגערוקט איבער די אויגן. עס האָט אים באַהערשט אַן אַלטער גוטער באַקאַנטער: דער איטאַליענישער שלאָף אויף דער זון.

אַ מיידל מיט געקרייזלטע האָר האָט אַראָפּגענומען פון וועגעלע אַ פּאָמעראַנץ און, לאַבנדיק צו זיך אַליין, אַ וואָרף געטאָן אין זיין זייט. וואַרשיינלעך האָט ער זיך נישט געהאַט צוליב וואָס צו יאָגן אין זיין שטוב, וואָס איז זיכער פול מיט רויך און מעגלעך אויך פול מיט קינדער. נאָר ווען טאַטאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט און באַוויזן זיין יונג, כמעט ייִנגליש פּנים, האָט זי זיך פאַרוואונדערט, ווייל אין דעם לאַנגן, אָפּגעטראָגענעם און צעדריוולטן בוי די קאַנטן שינעל האָט ער אויסגעזען אויף אַ פיל עלטערן מאַנצפאַרשוין, ווי איינער פון די אַרבעטסלאַזע, וואָס דרייען זיך אַרום אין פּאַרט.

טאַטאָ האָט געכאַפּט דעם פּאָמעראַנץ נאָך איידער ער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, עטלעכע מאָל אונטערגעוואָרפן אין דער האַנט, ווי וועגנדיק אים, צי ער איז טאַקע אַ זאַפטיקער, ווייל די שאָלעכץ איז געווען אַ בלאַסע, ווי אַ ציטרין. ער איז נישט געווען זאַפטיק. ער האָט מיטן נעגל אַראָפּגעריסן די שאָלעכץ. ער האָט זיך פאַרקרימט: אין דער צייט זענען נאָך די פּאָמעראַנצן זויערע.

פאַרזשמורענדיק די אויגן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער פּרוכטהענדלערקע. זי האָט געהאַט דיקע פייכטע ליפּן און נאַקעטע ביז איבער די עלנבויגנס הענט.

— אַ סך סעדער האָט איר דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— צוואָס פרעגסטו? — די פאַרקויפערין האָט מיט אַ שוואַרצער דלאָניע פאַרשאַרט אירע האָר אונטערן אויער. זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צום אומבאַקאַנטן.

— אַזוי, אויס נייגיריקייט. איך קום פון ווייט. איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי עס לעבט זיך דאָ ביי אייך. איצט.

— איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אונדזערער.

— נישט אונדזערער און נישט זייערער, — טאַטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן. אַלדאָ, אַ שיף־אַרבעטער אויף „לוטשיאַנאָ מאַנאַרא“, פלעגט אים איבעררייסן

די רייד, ווען ער האָט געלויבט דעם פערמער: „דו ביסט נישט קיין אונהזעריקער און נישט זייערער“.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— גאָרנישט.

טאַטאָ האָט ווידער אַראָפּגערוקט די פוראַזשקע און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין אַ העכער טרעפּל.

— ס'איז ווייט פונדאַנען צו דער סטאַציע? — האָט ער געפרעגט.

— קענסט נישט נעאַפּאָל?! — האָט זיך אויפגערעגט די פּרוכטהענדלערקע.

— נעאַפּאָל! נעאַפּאָל קענסטו, און וואָס נאָך? טאָבּרוק, האָסטו געזען? סידניי האָסטו געזען? נעאַפּאָל!

— טאָ פאַרוואָס ביסטו נישט איבערגעבליבן אין די דאָזיקע שטעט. דיר איז דאָרט בעסער געווען? אויב דיר איז דאָרט געווען בעסער, האָסטו נישט באַדאַרפט זיך אומקערן!

זיכער איז געווען בעסער ווי דאָ. פון זינט מע האָט אים אַרויסגעפירט קיין אויסטראַליע האָט ער געאַרבעט און ווען גאָרנישט נישט געזאָרגט. אין צוויי און פערציקסטן יאָר האָט מען אים אַרויסגעפירט ווי אַ קריגס־געפאַנגענעם אויף אַרבעט צו אַ פערמער אין ראַדריגאָ לעבן סידניי. דער נאָמען פון דער קאָלאָניע האָט אויסגעזען ווי אַן איטאַליענישער. דער מיסטער, כאָטש ער האָט גערעדט אויף ענגליש, איז געווען נישט קיין שלעכטער מענטש. ער האָט זיך באַמיט אים צו פאַרהאַלטן. ער האָט אים אַפילו געוואָלט אַראָפּברענגען דעם ברודער מיט דער שוועסטער פון איטאַליע. די מוטער איז שוין געווען אַלט דערויף. ער האָט אים אונטערגערוקט די מעלקערין רעבעקע פאַר אַ פרוי, אָבער זי איז אים נישט געפעלן, כאָטש זי איז געווען אַן אַרבעטזאַמע. זי האָט געהאַט ציין, ווי אַ מויליייזל. אין איטאַליע, אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, זענען פאַראַן שענערע פרויען.

דער פערמער האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז טאַטאָ איז אַן איטאַליענער. איינמאָל האָט ער איבערגעלאָזט אין דער שאַפע (טאַטאָ איז נישט געשלאָפן צוזאַמען מיט דער איבעריקער דינערשאַפט) אַ פונט שטערלינג, ווי ער זאָל אים כלומרשט האָבן פאַרלוירן. דאָס צווייטע מאָל — צוויי פונט סטערלינגען, דאָס דריטע מאָל — דריי פונט סטערלינגען. ס'איז אַזוי דערגאַנגען ביז פינף פונט. און אַלץ ווי ער זאָל זיי מכלומרשט האָבן פאַרלוירן. און אַ פונט סטערלינג איז נישט דאָס, וואָס אַ ליר. ענדלעך איז דער פערמער בייז געוואָרן און אים אַריינגערופן צו זיך אין שטיב. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ טעלעפאָן, אויפן דיל איז געלעגן אַ רויטער טעפּעך. דער פערמער האָט זייער שיין געוווינט. ער האָט אים געהייסן זעצן זיך. „ווי הייסטו?“ — האָט ער אים געפרעגט. „סאַלוואַטאָרע לאָ מועאַ“ — האָט טאַטאָ געענטפערט. „און פונוואַנען ביסטו?“ — האָט ער אים געפרעגט. „פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ“ — האָט טאַטאָ געענטפערט. „גוט, אָבער פון וואָס פאַר אַ

לאַנד?" — „פֿון איטאַליע, פֿאַרשטייט זיך". — „דאָס איז אומגעגלער" — האָט דזשאָן געשריגן. אַזוי האָט דער פֿערמער געהייסן.

דאָס מיידל האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— זעט אויס, אַז מע קען אומגרז דאָרט גוט.

אָבער ס'איז אים נישט שלעכט געווען ביי דעם מיסטער דזשאָן. ער האָט יאָ געוואָלט בלייבן און נישט געוואָלט. אויב ער וועט בלייבן, וועט ער שוין ביז אין טויט אַרבעטן ביי יענעם. און ער איז דאָך יונג, עס וואָלט גוט געווען צו האָבן אַ ווינקעלע ס'איז אייגן שטיקל ערד. אָט אַזאַ פֿערמער זיין! און צוריק־קערן — ווער ווייסט, וואָס אים דערוואַרט אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. און אפֿשר האָט זיך שוין געענדערט. די ציימונגען האָבן געשריבן פֿאַרשיידנס וועגן איטאַליע. מעגלעך, אַז נישט אַלץ, וואָס דער פֿערמער האָט געזאָגט, איז געווען אמת. מעגלעך, אַז ער האָט אים געלייענט נישט אַזוי, ווי עס איז אויף דער אמתן געווען אָנגעשריבן אין די ציימונגען. די ציימונגען זענען געווען אויף ענגליש. אין משך פֿון די זעקס יאָר געפֿאַנגענשאַפֿט האָט ער באַקומען צוויי בריוו פֿון דער היים. אין איינעם האָט אים דזשיאַני געשריבן, אַז אין איטאַליע האָט זיך פֿיל געענדערט, און אָנגעפֿרעגט, צי זאָל ער אים שיקן איטאַליענישע ציימונגען, ווייל פֿון דעם נאָמען פֿון דער קאָלאָניע איז צו זען, אַז דאָרט דאַרפֿן וווינען פֿיל איטאַליענער. אין צווייטן האָט דער קסאַנדרו דאָן דאָמעניקאָ אים געבעטן אין נאָמען פֿון זיין שוועסטער מאַריאַ און דער מוטער אימאַקאָלאַטאַ צו שיקן אַ ביסל געלט, ווייל ס'איז געווען אַ טריקעניש און ס'איז אַ שרעקלעכער הונגער. אויסער דעם האָט מען אים אין בריוו געשריבן, אַז די שיינע יאָלאַנדאַ האָט חתונה גע־האַט פֿאַר דעם קליינעם מאַטעאָ, און יעדעס יאָר, קוים זי געבוירט נאָך אַ קינד, קומט עס ביי איר גלייך אַוועק. און ווען מע האָט אים אויף אַזאַ אופֿן דערמאָנט אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ, האָט ער באַשלאָסן צו בלייבן. אויף דער פֿערמע איז אים געווען נישט שלעכט. אין די ערשטע יאָרן איז ער געשלאָפֿן אויף דעם לינקן טייל אין דער שאָפֿע, וווּ עס זענען געשטאַנען די מעכאַנישע דרעש־מאַשינען, צוגעדעקטע מיט ברעזענט. אין אַזאַ שאָפֿע איז ריינער אפֿילו, ווי ביי גרעקאָ אָדער פֿיליפּעלאָ אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. אַנדערע, אָרטיקע אַרבעטער, האָבן גע־אַרבעט אויף דער פֿערמע אַכט, העכסטנס צען שעה. אָבער מאַטאָ האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער צייט. די אַרבעטער האָבן אים צוליב דעם נישט ליב גע־האַט, עס האָט אים דערפֿאַר ליב געהאַט דער פֿערמער. נאָך צוויי יאָר האָט דער מיסטער דזשאָן אַליין אַריינגעשטעלט פֿאַר אים אַן אייזערן בעטל אין דער שאָפֿע. ער איז געשלאָפֿן באַקוועם. ער האָט געגעסן צו דער זעט, ווי קיינמאָל נישט ביז איצט... דער פֿערמער האָט אים פֿון צייט צו צייט געגעבן אַ פּאָר פֿענס. זונטיק איז סאַלוואַטאָרע געפֿאָרן מיטן טראַמוויי קיין סידניי פֿאַרווילן זיך. דער מיסטער דזשאָן האָט פֿאַרנומען די קינדער מיטן אויטאָ. מאַטאָ האָט

זיי געוויינלעך געטראָפן צוזאמען אין קינאָ. דער פערמער האָט געהאַט דריי קינדער. צוויי מיידלעך און איין ייִנגל. אזעלכע קינדער זענען אין איטאַליע נישטאָ. דאָס ייִנגל האָט אים דערמאָנט פיליפּעלאָס זון לואידזשי, ווען ער איז נאָך געווען א קליינער, און זיי האָבן צוזאמען באַדינט דעם קשיאָנדז דאָן דאָמעניקאָ ביים אָפּריכטן די פרימאָרגן־תּפילה. יעדן פרימאָרגן פלעגן דעם פערמערס קינדער פרעגן דעם פאָטער: „ווי פילסטו זיך, טאַטע?“. זיי האָבן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן. און דער מיסטער דזשאָן האָט געענטפערט: „און ווי פילט איר זיך?“ צו ווייַנאַכט און פּאַסכע האָט ער בלויז אים אליין פארבעטן צום געמיינזאמען טיש. יעדעס מאָל האָבן די קינדער געזאָגט: „א דאַנק, פאָטער“. און ווען זיי זענען אוועקגעגאַנגען פון טיש האָבן זיי ווידער געזאָגט: „א דאַנק פאָטער“.

— צי האָבן זיי, נעבעך, קיין מוטער נישט געהאַט? — האָט געפרעגט די פרוכטהענדלערקע.

מאַטאָ האָט אראָפּגעלאָזט די הענט. ס'איז א שאָד געווען מיט איר די רייד. זי האָט גאָרנישט נישט פארשטאַנען.

II

אין דעם צוג, וואָס איז געגאַנגען אויף דרום, איז געווען אָן ענגשאַפט. אין די קאָרידאָרן האָט מען זיך צעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, געזעסן אויף די וואַליזעס און פעקלעך. די מענטשן האָבן זיך געבייזערט און געשאָלטן די שלעכטע פאַראָנדקעס. דערנאָך האָט מען שלום געמאַכט מיטן גורל און זיך איינגעשטילט.

סאַלוואַטאָרע האָט געהאַט צו פאָרן קיין קראָטאָנע ביי א זעקס שעה, און אפשר נאָך מער. אין סאַנט עאופעמיא האָט מען זיך באַדאַרפט איבערזעצן. און פון דאָרט מיט א צווייטן, לאָקאַלן צוג וועט שוין זיבער זיין לויזער. עס איז, הייסט עס, נישט געווען נאָך אזוי שלעכט. איבעריקנס, האָט ער זיך אין נעאַפּאָל דורכגעשלאָפן אויף די טרעפּ פון קעניגלעכן שלאָס, ווי עס האָט דאָס הויז אָנגערופן די פרוכטהענדלערקע. אין טראַקטיר האָט ער אָפּגעגעסן הייסע קנישעס מיט רייז און פארטרונקען מיט א פערטעלע רויטן ווייַן. פּאַפּיראָסן האָט ער נאָך געהאַט פון דער שיף. ער האָט דעריבער געקאָנט פאָרן רואיק.

דער צוג, כאָטש אן עלעקטרישער, איז נישט געווען באַלויכטן. ווען מע האָט געריכט פון וואָקזאַל, איז אין די וואַגאָנעס געוואָרן נאָך פינצטערער. דאָס ליכט פון דער סטאַציע איז אליץ שנעלער אַנטרינען געוואָרן אויף צוריק, ביז עס איז אינגאַנצן פארשוואונדן אין אָוונטיקן דרעצעמבער־נעפּל. דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען מיט וואָלקנס, און מע האָט קיין שום שטערן נישט געזען.

טאַטע האָט זיך דורכגעשטופּט צום פֿענצטער. דערנעבן איז געשטאַנען א מאַנצפּאַרשוין אין ברילן און א פֿרוי מיט א העל טיכל אויפֿן קאָפּ. איר לינקע ברעם האָט דורכגעשניטן א קאָסער שראַם, ווי עס טרעפֿט צײַטנווײַז בײַ מענער. עס האָבן געדיכט אויפֿגעפֿלאַמט די פֿײַערלעך פֿון פּאַפּיראָסן.

די צונויפֿגעפּרעסטע פּאַסאַזשירן האָבן גערעדט הויך און אַלע צוזאַמען. נאָר דאָס פּאָרל בײַם פֿענצטער האָט געשוויגן. דער אָפּשײַן פֿון די לאַמטערנס אויף די קלײנע סטאַציעס, אויף וועלכע דער שנעלצוג האָט זיך נישט פֿאַרהאַלטן, האָט פֿון צײַט צו צײַט באַלויכטן די פּנימער פֿון די רײַזנדע. דער צוג איז פֿון אײן טונעל אַרויס און איז אַנדערן אַרײַן; וואָס ווײַטער פֿון נעאַפּאָל, אַלץ מער זענען זײ געוואָרן.

סאַלוואַטאָרע האָט פֿאַררויכערט א פּאַפּיראָס. ער האָט זיך צונעלויכטן אויפֿהײבנדיק דאָס שוועבעלע אין דער הייך. אין ערגעץ איז נישט געווען קיין פֿרײַ אָרט, וווּ מע זאָל זיך קאָנען צוזעצן. עמעצער האָט געבעטן בײַ אים פֿײַער, מאַכנדיק פֿאַר אים גלײַכצײַטיק אַן אָרט לעבן זיך. טאַטע האָט אָנגעצונדן א צווייט שוועבעלע און, אײַנבײגנדיק זיך, צוגעטראָגן עס צום שכנס פּאַפּיראָס, וועלכער האָט זיך מיט זײַן ווײַסקייט אויסגעטײלט אין דער טונקלקייט; דאָס פֿײַער האָט באַלויכטן אַ מאָגער געזיכט, באַזוימט מיט אַ קורצגעשוירענער באָרד, האָקאַרטיקער נאָז און גרויסע, בלישטשענדיקע אויגן. טאַטע האָט זיך צוגעזעצט אויף א קופּערטל מיט א קײלעכדיקן דעקל. אַזעלכע קופּערטלעך ווערן באַנוצט אין דער געגנט פֿון ראָקאַ די דזאָלפּאָ אויף וועש און ווײַבערשע קלײדלעך. ער האָט אַרײַנגעשטופּט די פֿיס צווישן פֿרעמדע פּעקלעך און קני. ער האָט געוווּסט, אַז ס'וועט זיך אויפֿהײבן א געשרײ, די פֿיס אין די האַרטע פֿערמערשיך האָבן אים אַלץ מער אָנגעהויבן צו ברענען. דער פּראָטעסט איז אָבער געווען א רײן פּרינציפּיעלער, און קײנער האָט אויף אים קײן אכט נישט געלייגט.

— אַצט קאָן איך שוין פֿאָרן אפֿילו אין עק וועלט, — האָט טאַטע געזאָגט.

— אין וווּהין פֿאָרסטו, — האָט געפֿרעגט דער באַלעבאָס פֿון קופּערטל.

— סאַלוואַטאָרע האָט גלײַך נישט געענטפֿערט, און דער אומבאַקאַנטער איז נישט צוגעשטאַנען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז טאַטע טוט זיך אָן א כוח צו אויפֿצושטעלן אין געדאַנק א לענגערן ענטפֿער, אויף וועלכן עס איז כדאַי צו וואַרטן. טאַטע האָט אָבער געענטפֿערט מיט א פֿראַגע:

— און איר וווּהין?

— קײן ראָקאַ די געטאָ. איך קער זיך אום פֿון דער לוויה פֿון מײַן ברודער. ער האָט געהאַט א ווײַנגעשעפֿט אין נעאַפּאָל. נאָך פֿאַר יענער מלחמה האָט ער זיך אַרויסגעריסן פֿון קאַלאַבריע. עס האָט אים אָפּגעגליקט. און בעת דער מלחמה אין אַפֿריקע האָט ער געמאַכט א פֿאַרמעגן פֿון צושטעלן ווײַן פֿאַר די זעלנער אין פֿאָרט.

טאָמאָ האָט פון אויסזען געקענט אַ סך מענטשן פון ראָקאַ די נעטאַ. אָבער אים נישט. ער האָט זיך געוווּנדערט, ווייל פון ראָקאַ די נעטאַ ביז ראָקאַ די דזאָלפּאַ איז מער נישט ווי צוועלף קילאָמעטער.

— און וועמענס ביסטו פון ראָקאַ די דזאָלפּאַ? — האָט אים אַ ווײַלע אַרום געפרעגט דער אומבאַקאַנטער.

— עך, מיין פאָטער האָט איר מסתמא נישט געקענט. ער האָט געאַרבעט אין די שוועבל־גרובן פון מאַסאַרי, פון מאַרקיז מאַסאַרי. און זיין פאַמיליע האָט איר אַוודאי נישט געקענט, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ שמייכל געטאָן.

— נו, דאָרט הייסן אַלע אָדער פיליפּעלאָ, אָדער גרעקאָ, אָדער פּעראַרי, די קען איך.

— נו, נישט אַלע. דאָס זענען די רייכערע באַלעבאַטים, זיי האָבן צו בילעך ערד. פיליפּעלאָ האָט אַ סטאַדע שאָף. אונדז רופט קיינער נישט לויט דער פאַמיליע, סיידן צום מיליטער, אָדער אין קבר אַריין.

— זעט אויס, אַז דו ביסט נאָך נישט קיין חתונה געהאַט, ווייל וועגן דעם האָסטו פאַרגעסן, — האָט זיך צעלאַכט דער אומבאַקאַנטער פון ראָקאַ די נעטאָ. — און אַלעסיאָ גרעקאָ, אַלעסיאָ די אַנטאָניאָ פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ איז מײַנער אַ קרוב. זיבער קענסטו אַלעסיאָן. זיין פאָטער, דער אַלטער אַנטאָניאָ, איז נישט לאַנג באַפרייט געוואָרן פון תפיסה פאַר אומלעגאַלן יאַגד. ער איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען פאַרקאַכט אין דעם פאַך. איצט איז ער אָפּגעזעסן אַ גאַנץ יאָר פאַר אַ ווילדן חזיר פון דעם יאַגד־רעזערוואַט פון באַראָן בערלינגיערי. מע זאָגט, אַז פיליפּעלאָ האָט אויף אים דערטראָגן. מיין שוועסטער לואיזאַ האָט חתונה געהאַט נאָך אין פינף און דרייסיקסטן יאָר, טאַקע מיט אַלעסיאָן, אַנטאָניאָס זון. זיכער קענסטו זי. אַ דאַרע, אַ הויכע. האָסט געמוזט הערן וועגן איר נישט קיין איין זאַך, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. — לואיזאַ ראָזאַטאָ פון דיעגאָ. און איך הייס פּיעטראָ ראָזאַטאָ. אונדזער פאָטער דיעגאָ איז געשטאָרבן אַ טאָג נאָך לואיזעס חתונה. ער איז שוין געווען אַלט און האָט זיך איבערגעגעסן אויף דער חתונה מיט חזיר־פלייש. לואיזאַ האָט געזאָגט, אַז דאָס איז צוליב איר. זי האָט נישט געוואָלט אַלעסיאָן פאַר קיין מאַן.

סאַלוואַטאָרע האָט געקענט לואיזען, די פרוי פון אַלעסיאָן. ער האָט אויך געקענט די משפחה ראָזאַטאָ פון ראָקאַ די נעטאָ. דאָס זענען געווען רייכע באַלעבאַטים. זיי האָבן געהאַט אַ ביסל אייגענע ערד און האָבן נאָך אַרענדירט עטלעכע צענדליק טאָמאָלאַטען* ביים באַראָן בערלינגיערי. אַ טייל האָבן זיי פאַרדונגען, אויף דעם איבעריקן האָבן זיי אַליין געבאַלעבאַטעוועט: פאַרזייט ווייץ, באָב. לואיזאַ איז אים שטענדיק געפעלן געוואָרן. צוויי זענען געווען אין ראָקאַ

---

* טאָמאָלאַט — איין דריטל פון אַ העקטאַר.

די דזאָלפאָ, וועלכע זענען אים געפעלן געוואָרן: לואיזאַ, די פרוי פון אַלסעיאָן, און די ייִנגוטשקע אַנדזשעלינאַ, די טאָכטער פון פיליפעלאָ. וועגן לואיזען האָט מען געשמועסט, אַז זי האָט זיך געליבט מיטן פאַראָבעק פון איר אייגענעם פאָטער. און דערפאַר האָט מען זי שנעל חתונה געמאַכט מיט אַלעסיאָן, כאָטש דער אַלטער אַנטאָניאָ איז נישט געווען אַזוי רייך, ווי דיענאָ ראָזאַטאָ. לואיזאַ איז עטלעכע מאָל אַנטלאָפן צו איר ברודער אין ראָקאַ די נעטאָ, ס'הייסט טאַקע צו אים, צו פיעטראָ ראָזאַטאָ. אָבער אַלעסיאָ האָט זי יעדעס מאָל געבראַכט צו פירן צוריק. ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין פעלד צו דער אַרבעט אָדער אַרויספאָרן אין שטאָט, האָט ער זי פאַרמאַכט אונטער אַ שלאָס. צייטנווייז האָט זיך דער פאַראָבעק געדרייט אַרום דעם הויז. שפּעטער האָט מען אים געפונען אַ טויטן אין טייך נעטאָ. ער האָט זיך אַליין דאָס לעבן גענומען. לואיזאַ האָט געפּרוווט זיך אַראָפּוואַרפן דורך אַ פענצטער פון אַ הויכן הויז, נאָר דער שווער האָט זי אין דער לעצטער מינוט אָפּגעראַטעוועט. צום פענצטער האָט מען צוגעמאַכט קראַטעס. שפּעטער האָט לואיזאַ זיך באַרויִקט. זי איז אָבער געבליבן אויף שטענדיק אַ פאַרריסענע און שווייגנדיקע. פון איר הויכן הויז, ווי אַ טורעם, איז זי קיינמאָל נישט אַראָפּגעגאַנגען אין דאָרף אַריין און קיינמאָל האָט זי טאָטאָ נישט געזען שמועסן מיט די פרויען פון ראָקאַ די דזאָלפאָ. מע האָט געוווסט, אַז פּונקט ווי אַלע אַנדערע, געבוירט זי יעדעס יאָר אַ קינד, און מע פלעגט זי טרעפן גיין אײנע אַליין מיטן אייזעלע צום שמאָלן טאָל נאָך וואַסער. פיעטראָ איז לויטן אויסזען געווען אַן אַנדערער ווי די שוועסטער, און דאָך איז צווישן זיי געווען אַ געוויסע ענלעכקייט.

פיעטראָ איז געווען זייער באַרעדעוודיק. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז טאָטאָ קערט זיך אום פון געפאַנגענשאַפט אַהיים, האָט ער זיך צעלאַכט: — און וועלכער איטאַליענישער זעלנער איז עס אין דער מלחמה נישט געווען אין געפאַנגענשאַפט? ער איז אויך געווען אַ געפאַנגענער עטלעכע יאָר. די רוסן האָבן אים גענומען אין צווייי און פערציקסטן. ער איז געגאַנגען קיין רוסלאַנד, ווי אויף אַ שפּילעכל. פרייוויליק. מע האָט אַזוי פיל גערעדט, אַז דאָרט קאָן מען לייכט רייך ווערן, אָבער שפּעטער האָט ער פאַרשאָלטן די גאַנצע וועלט און די דייטשן.

לעבן סאַלוואַטאָרען, אויף דער רעכטער זייט, איז אויף אַ הויכער וואַליזע געזעסן אַ נאָך יונגער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען אויף אַ טאָגאַרבעטער. אויף די קני האָט ער געהאַלטן אַ בונטל אין אַ שטרויענעם געפלעכט. ווען פיעטראָ האָט געענדיקט, האָט ער זיך אָפּגערופן אויף אַ קול: — ס'האָט זיך אייך פאַרוואָלט כאַפן פרעמדס, האָט מען אייך גאָר געכאַפּט, בע.

פון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. עמעצנס אַ טיפע קלינגענדיקע שטים האָט פיעטראָן אָנגערופן: „אָרעמער דעראָבעער“. עס האָבן זיך ווידער דערהערט געלעכטערס. דער קאָרידאָר, וועלכער האָט זיך פריער געהאַט איינגע־

שטילט, כדי צו הערן, וואָס עס דערציילט דער געפאנגענער פון רוסלאנד, האָט זיך פונסנייַ אָנגעפולט מיט טומל. פון אלע זייטן האָט מען זיך צערעדט גלייכציַיטיק.

סאַלוואַטאָרע האָט נישט געלאַכט. ראָזאַטאַ איז געווען דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען רוסלאנד. ווי איז דאָרט אין דער אמתן? אנדערש האָבן גערעדט וועגן דעם לאנד די ארבעטער פון ראַדריגאָ, אנדערש דער פערמער. אנדערש ווידער דער שיפס־ארבעטער אלדאָ אויף דער שיף „לוטשיאנאָ מאנאַראַ". ער האָט עס אָנגערופן סאלוואטאָרען „נישט אונדזערער און נישט זייערער". אָבער קיינער איז אין רוסלאנד נישט געווען.

— איר זענט געווען אין רוסלאנד? — האָט ער הויך געפרעגט. — ווי איז דאָרט אין דער אמתן?

ראָזאַטאָ האָט אויף א רגע זיך פארטראכט:

— אַז עס פאַלט דאָרט אַרויס אַ שניי, ליגט ער שוין.

— דאָס איז באוווסט, אז דאָרט איז קאלט, — האָט געזאָגט טאַטאָ. — אָבער ווייניקסטנס דעמלט, ווען אויף דער וועלט איז ווינטער. וויַיל איך בין געווען אין אויסטראליע, איז דאָרט הייבן זיך אָן די פרעסט, ווען אומעטום איז זומער.

סאלוואטאָרען איז נישט געגאנגען אין דעם. אלדאָ האָט אים איבערצייגט, אז אין רוסלאנד איז אלץ איבערגעדרייט, און נישט בלויז די צייטן פון יאָר. ווען ער איז ארויסגעפאָרן פון ראָדריגאָ, האָט אים מיסטער דזשאָן געגעבן אויפן וועג פינף פונט, טאקע די, וועלכע ער האָט מכלומרשט פארלוירן אין שאָפע, כדי אויסצופרווון זיין אָרנטלעכקייט, און ער האָט אים געוואָרנט פאר קאָמוניזם. פון אלע ארבעטער האָט מיסטער דזשאָן ליב געהאט בלויז אים איינעם, בלויז אים האָט ער געלייענט די ציַיטונגען, וועלכע האָבן די שולד פאַר אַלדאָס ביַיז ארויסגעוואָרפן אויף רוסלאנד. „און די קאָמוניסטן, — האָט געזאָגט דער פערמער, — ווילן, אז אומעטום זאָל זיין, ווי אין רוסלאנד". אין זיין פאָטערלאנד, אין איטאליע, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן ראַבירן פרעמדע ערד. „קוק, — האָט געזאָגט מיסטער דזשאָן, — אויף דעם הויז, אויף די פעלדער, אויף מיין גאנצן פארמעגן, איך האָב עס אליין אויסגעארבעט, מיט די אייגענע הענט. און ווען ס'זאָלן קומען די קאָמוניסטן, וואָלטן זיי ביי מיר דאָס אלץ צוגענומען. צי דאָס איז יושרדיק"? אלדאָ, דער שיפס־ארבעטער, האָט געלאכט און געזאָגט, אז יאָ, אז דאָס איז יושרדיק. און ער האָט געפרעגט סאלוואַטאָרען: „וויפל הענט האָט געהאט דיין פערמער, און וויפל אלע ארבעטער צוזאמען? די, וואָס האָבן אויף אים געארבעט?".

— און איך האָב געהערט, אז דאָרט איז דאָ א סך פרוכטבאַרע ערד, א סך וואסער, אז ס'איז נישטאָ קיין גוטבאזיצער, — האָט געזאָגט דער טאָגאַרבעטער מיט דעם בויל. — מוזן דאָרט די פויערים לעבן נישט שלעכט.

— דערציילט, — האָט געזאָגט דער, וואָס מיט דער טיפער קלינגענדיקער שטים, וועלכער האָט פריער אָנגערופן פיעטראָ ראָזאַטאָן „אָרעמער דעראָבערער“.

— צי זענען דאָרט דאָ ארבעטסלאָזע, ווי ביי אונדז?

פיעטראָ האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט געוווסט, אז עס הערן אים אלע אין קאָרידאָר. ער האָט זיך לאנג מיישב געווען און ענדלעך אָפּגעזיפצט:

— וואָס איז שייך ארבעטסלאָזע, איז דאָך געווען א מלחמה. און ווען ס'איז מלחמה, ווייסט איר דאָך אליין, אז ס'איז נישטאָ קיין ארבעטסלאָזע.

עטלעכע שטימען האָבן זיך אָפּגערופן מיטאמאָל. אָבער עס איז נישט געווען קלאָר, צי זיי זענען איינשטימיק, צי פארקערט.

פון דער טיף האָט זיך באוויזן א הויכער מאן. דאָס פּנים האָט מען נישט געזען. פון דער פינצטער האָט זיך ארויסגערוקט א האנט מיט א ווערטיקאַל־אויסגעצויגענער דלאָניע.

— נו, נו, נו — האָט זיך דערהערט א טיפע קלינגענדיקע שטים, — איך זע, אז עמעצן איז נאָך ווייניק געווען די מלחמה.

א פרוי, וועלכע איז געזעסן אין דורכגאַנג צו דער אוביקאַציע ברייט פאַנאנדערגעשפּרייט אויף די פּעק, האָט א זיפץ געטאָן און איבערגעשראָקענע: — וואָס, שוין ווידער מלחמה? מע לאָזט נישט די מענטשן רואיק לעבן.

אנטקעגן דעם טאָגאַרבעטער מיטן בויל איז געזעסן אן עלטערער מענטש מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ער האָט אים ראש אויפגעהויבן און א בלאָז געטאָן אין די וואָנצעס מיטן אָנצייגיקן מויל.

— וואָס פאַר אַ נוצן קאָנען די איטאַליענער האָבן פון אַ מלחמה? — האָט ער געזאָגט. — איך ארבעט אין קראָטאָנע אין דער פאבריק מאָנטעקאטיני. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט מאָנטעקאטיני אָנשטאָט קינסטלעכער באמיסטיקונג אויסגעארבעט דינאמיט. וואָס פאר א נוצן קענען די איטאליענער האָבן פון דינאמיט?

— דינאמיט, — האָט אָפּגעזיפצט די פרוי, וועלכע איז געזעסן אין דורכגאנג.

— דינאַמיט, מלחמה! — האָט זיך צעבייזערט פיעטראָ ראָזאַטאָ. — וואָס ווילט איר פון מיר? איר האָט מיך געפרעגט וועגן ארבעטסלאָזע, האָב איך אייך געזאָגט. וואָס פאר א מענטשן דאָס זענען!

— נו, נו, — האָט געמאכט מיט דער האנט דער הויכער מאנצפּארשוין, — ביטע זיך נאָר נישט צו בייזערן. מאכט אייך נישט פאר קיין תם. יאָ א

מלחמה, צי נישט קיין מלחמה, אין רוסלאַנד זענען קיין ארבעטסלאָזע נישטאָ. וועגן דעם ווייסט שוין יעדער, שוין אָפּגערעדט פון דעם, ווער ס'איז אין רוסלאַנד געווען.

פון טונקעלן ווינקל איז אויפגעשפרונגען א יונגטלעכער. אין אָפּשיין פון די ליכטער, וואָס זענען דורכגעפלויגן אַלץ אָפטער, — זעט אויס, אַז מע האָט זיך דערנענטערט צו אַ וועלכער ס'איז סטאַציע — האָט אויפגעבליצט אַ שוואַרצער קאָפּ און א גריגער שאַליק, פארוואָרפן אויפן האַלדז.

— איך פארשטיי נישט, — האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען, — יעדער האָט רעכט צו רעדן, ווי ער קלערט. אַ מענטש איז געווען אין רוסלאַנד און וויל דערציילן, וואָס ער האָט דאָרט געזען. און דאָ לאָזט מען אים נישט צוקומען צום וואָרט. זאָל ער דערציילן. איך בין אויך טשעקאַווע, ווי דאָרט לעבט זיך. קיין צייטונגען לייען איך נישט. נישט „אוניטאַ“, נישט „טעמפּאָ“. אַלץ איז א בלאָף! אָ, איך ווייס דאָס. איך בין געווען א פּאַרטיזאַן. איך האָב געוואָלט קעמפן פאַר אמתער פרייהייט.

— עס האָט זיך אָפּגעפונען א נייער „דעראָבער־ער“, — האָט א מרוקע געטאָן דער מאַגארבעטער מיטן בוטל.

— און איך זאָג אייך..., — האָט זיך דערהערט עמעצנס א באַס. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער אָפענער טיר פון קופּע. דאָס איז געווען א ניי־דערייקער פּעסטגעבוימטער מאַנצפּאַרשוין, וועלכער האָט גערעדט מיט א סיציליאַן אקצענט. — און איך זאָג אייך, דאָס גאַנצע אומגליק, וואָס די איטאַליענער שטופּן זיך שוין ווידער צו דער גרויס־פּאָליטיק. מוסאָליני איז נעגאַנגען מיט היטלערן און אליין זיך פארצויגן דעם שנור אויפן האַלדז. און איצט וועלן די איטאַליענער שוין זיין פארלוירן אויף שטענדיק, ווייל די ענגלישע מיניסטאָרן וועלן שטענדיק אָפּנאַרן אונדזערע מיניסטאָרן.

— א הייליקער אמת, — האָט דער אַלטער ארבעטער פון קראָטאָנע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — די גאַנצע פּאָליטיק האַלט זיך אויף שווינדל, און מיר מיינען צאָלן.

— אַן אַלטער אמת, — האָט פולשטענדיק מסכים געווען פיעטראָ ראָזאַטאָ, — אומעטום זוכט מען נאָר די נאַראָנים, כדי זיי אָפּצונאַרן. אפילו אין לאַנער אין רוסלאַנד האָט מען געוואָלט אָפּנאַרן. און די ערגסטע זענען געווען אונדזערע איטאַליענישע קאָמוניסטן. גאַנצענע טעג האָבן זיי אונדז נאָר געהאַלטן אין איין שטאָפּן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע, כדי נעפּעלן צו ווערן די באָלשעוויקעס און באַקומען בעסער עסן.

דער ארבעטער מיטן בוטל אויף די קני האָט האַסטיק א צעפיר געטאָן די הענט:

— אינטערעסאַנט, אויף וועמען וואָלט מען אַרויפגעוואָרפן יעדע שולד, ווען ס'זאָל נישט זיין רוסלאַנד, נישט די קאָמוניסטן, — ער האָט זיך געווענדט דאָ צום אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני, דאָ צו סאַלוואַטאָרען, ווי ער זאָל זוכן ביי זיי הילף. — יע! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

א הויכער מאַנצפּאַרשוין, צודריקנדיק די פינגער, ווי ער זאָל האַלטן אַ נאָדל, האָט אָנגעגריפן פּיעטראָ ראָזאַטאָן פון ראָקאַ די געטאָ:

— איר זענט געווען אין רוסלאַנד? אמת? גוט! מסכים. אויב אַזוי, איז בעט איך מיר ענטפערן אויף איין פראַגע, פון אַלע איבעריקע רעזיגניר איך. צי אַזאַ מענטש ווי איך, אַ קוואַליפיצירטער מאָנטער, דאַרף אין רוסלאַנד אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, אַרומגיין פון דאָרף צו דאָרף, פון שטוב צו שטוב, שלעפּן מיט זיך דעם גאַנצן וואַרשטאַט, — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער וואַליזקע, אויף וועלכער עס איז געזעסן דער מענטש מיטן בוטל, — און פרעגן, צי עמעצער האָט עפּעס צו פאַרריכטן? אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז יאָ, דעמלט ווייס איך מיט וועמען איך האָב צו טאָן.

אין דער צייט, ווען פּיעטראָ ראָזאַטאָ האָט אַלץ געקוקט אויף די פינגער פון מאָנטער, וועלכע האָבן אים געשווינדלט האַרט פאַר די אויגן, האָט זיך דורכגעשטופּט אַ יונג בחורל אין אַ גרינעם שאַליק און אָנגעכאַפּט דעם הויכן מאָנטער פאַר די קלאַפּעס.

— וואָס ווילט איר פון דעם מענטשן? — האָט ער געפרעגט. — וואָס האָט איר זיך אין אים אָנגעטשעפּעט? אַז איטאַליענער טאָר מע נישט זאָגן קיין איין וואָרט, ווייל באַלד וועט ער וועלן וויסן אַלץ. דאָס איז טאַקע אונדזער נאַציאָנאַלער אומגליק. וואָס גייט וועמען אָן, וואָס אַ צווייטער טראַכט! זאָל יעדער טראַכטן און רעדן, וואָס אים געפעלט. זאָל איינער דעם צווייטן נישט אַריינקריכן אין וועג. זאָל יעדער זיך גיין מיט זיין סטעזשקע. דעמלט וועט נישט זיין ביי אונדז אַזאַ געדראַנג. יעדער איינער וואָלט געוואָלט אַרויפקריכן אויפן צווייטן. זאָל יעדער גיין, ווו ער וויל; זאָל יעדער לעבן, ווי ער וויל. ווען איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן...

עס האָט אים איבערגעריסן דער באַס פון סיציליאַנער:

— אָט פאַר דעם טאַקע קעמפט פון לאַנג שוין סיציליע. מיר וואָלטן געהאַט אַלץ גענוג. ווען מע זאָל אונדז לאָזן גיין מיט אונדזער וועג. מיר וואָלטן זיך שוין אַליין אַן עצה געגעבן אָן דע־גאַספּעריין. און אַזוי גייען מיר באָרוועס און אויף צפון האַלט מען אונדז פאַר אַ פאָלק פון בעטלער. מיר ווילן זיין באַלעבאַטים פאַר זיך אַליין. דזשוליאַנאָ איז נישט אַזאַ פּשוטער באַנדיט, ווי עס שרייבן וועגן אים די צייטונגען פון רוים.

— זיכער, זיכער, — האָט אויסגערופן דער טאָגאַרבעטער, — צפון, דרום! די הערן פון רעדזשיאָ קאַלאַבריאַ זענען נישט בעסער פון די הערן אין מע־

דיאַלאָן. דזשוליאַנאָן קאָן נישט כאַפּן די פּאָליציי פון גאַנץ איטאַליע, אָבער ווען מע דאַרף מאָרדן פּויערים, ווייסן שוין די באַראָנען, וווּ אים צו געפינען. פאַר די וואַלן האָבן דזשוליאַנאָס באַנדיטן דערמאָרדעט זיבעצן פּויערים.

— קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, — האָט זיך פאַרקרימט דער סיציליאַנער.

— פאַר די וואַלן, — האָט צוגעגעבן דער הויכער מאַגמער, — האָט מען געמאָרדעט נישט נאָר אין סיציליע. די קאָמוניסטן האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אין דער צייט פון פאַשיזם, זיי זענען אומגעקומען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, און איצט שיסט מען ווידער צו זיי.

— יאָ, יאָ, אין דעם גייט עס מיר טאַקע! — האָט דאָס יונגע בחורל אין גרינעם שאַליק זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן. — ווען ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ווען מע וועט פאַרטרייבן מוסאָליניען, וועט שוין אָנהייבן הערשן די גערעכטיקייט. דערווייל... צוליב וואָס האָט ער בלוט פאַרגאָסן? דריי מאָל איז ער געווען פאַרוווּנדעט. דריי מאָל איז ער דורכגעגאַנגען דעם פראָנט ביי קאַסינאָ, ווו די אַמעריקאַנער, אַנשטאָט אָנצוהייבן אַן אָפּענסיווע, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף עטלעכע חדשים, כדי די דייטשן זאָלן קאָנען דערווייל אויסמאָרדן די פּאַרטיזאַנער. די קאָמוניסטן האָבן זיי עס אָנגערופן פאַרבינדעטע! איין מאָל האָבן אים די אַמעריקאַנער געכאַפּט און געוואָלט דערשיסן. כלומרשט אַלס שפּיאָן, כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ פאַרבינדלער צווישן צפון און דרום, צווישן די אָפּטיילן אויף צפון פון קאַסינאָ און די אָפּטיילן אויף דער באַפרייטער טעריטאָריע. פון נעאַפּאָל האָט ער דורכגעשמוגלט געווער פאַר די באָלאָניער פּאַרטיזאַנער. די אַמעריקאַנער האָבן אַלע פּאַרטיזאַנער געהאַלטן פאַר קאָמוניסטן, פאַרהאַסט זיי און אויך זיי אָנגערופן: „פאַרבינדעטע“. דעמלט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אַלץ איז שקר. קודם־כל האָבן זיי אים געפרעגט, צי ער איז אַ קאָמוניסט. פאַר אַזעלכע פאַרבינדעטע האָט ער עס באַדאַרפט פאַרגיסן בלוט? ער איז אַרויסגעטרעטן פון די פּאַרטיזאַנער. ער איז אַנטלאָפן, אַנטלאָפן אין זיך אויסבאַהאַלטן אַזש ביז דער באַפרייונג. יאָ, ריכטיק, עס האָט זיך גאָר נישט געביטן. צי איז כדאי געווען צו קעמפן? די רייכע זענען געבליבן רייך און די אָרעמע — אָרעם. פּונקט ווי פריער ווייסן נישט פיל מענטשן אין דער פרי, צי זיי וועלן עסן ביי טאָג און אויף וואָס פאַר אַ באַנק זיי וועלן שלאָפן ביינאַכט.

עמעצער האָט אַ זיפץ געטאָן, און נאָך אים האָבן נאָך אייניקע מענטשן אָפּגעזיפצט. עס איז אַנטשטאַנען אַן אומעטיקע שטילקייט. די פרוי, וועלכע איז געזעסן אין דורכגאַנג, האָט זיך אויפגעוואַכט און געפרעגט, צי ס'איז שוין סאַנט־עאופעמיאַ. און זי האָט אויך שטיל אָפּגעזיפצט.

די שטילקייט האָט אַזוי געהערשט אַ לענגערע ווײַלע. עס האָט זי איבער־

געריסן אַ מאַנצפאַרשוין אין ברילן, וועלכער איז געשטאַנען ביים פענצטער צוזאַמען מיט דער פרוי אין ליכטיקן טיכל אויפן קאָפּ.

— און נאָך דער באַפרייונג וואָס האָט איר געטאָן? — האָט ער געפרעגט.

דער יונגטלעכער האָט אַרייַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס. וואָס ער האָט געטאָן נאָך דער באַפרייונג? פריער איז ער געווען אין דער צעקלאַפּטער פון די באָמבעס ליוואָרנאָ, שפּעטער איז ער חדשים לאַנג געשלאָפן אין די פאַבריקן פון טריעסט. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך באַקומען אויף אַן אַמעריקאַנער שיף. ער איז געווען אין באָלזאַנאָ, אין סעסטאָ סאַן דזשיאָוואַני הינטער מעדיאָלאַן. אַ קורצע צייט האָט ער געאַרבעט אין די אונטערנעמונגען פון ברעדאַ. אָבער דאָרט האָבן געהערשט די קאָמוניסטן. ער האָט זיך צעקריגט מיט דעם פאַרייַנס-ראַט. דער פּאָרזיצער איז אויך געווען אַ פּאַרטיזאַן. ער האָט געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן טאָן דאָס, וואָס עס באַפעלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. זיי האָבן אים נישט דערלאָזט נאָכדעם אַרייַנגיין אין דער פאַבריק. אָבער ער וואָלט סיי־ווי אַליין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, ווייל ער האָט דאָס שוין געהאַט גענוג. — דער יונגטלעכער האָט אַ שמייכל געטאָן. — ער איז זיך מודה, אַז ער קאָן אין ערגעץ נישט אָנוואַרעמען דאָס אָרט. ער האָט ליב ענדערונגען. איצט פאָרט ער קיין רעדזשיאָ קאַלאַבריאַ. דאָרט איז די גויט נאָך אַ מער פינצטערע, ווי אויפן צפון, דערפאַר אָבער וועט כאָטש זיין מער זון. — און אַזוי גייט ער זיך מיט זיין וועג, קיינער קאָן אים קיין דעה נישט זאָגן. און אַז ס'וועט אים נעפעלן, וועט ער גיין ווייטער. מעגלעך קיין סיציליע, מעגלעך קיין אפריקע.

— מע זאָגט, אַז מיר דאַרפן צוריק באַקומען אונדזערע קאָלאָניעס, — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קרעפטיקן מאַנצפאַרשוין אין ברילן און צוגעגעבן: — פאַרשטאַנען?

— יאָ, — האָט געענטפערט דער מאַנצפאַרשוין, — נאָר כ'בעט אייך, זאָגט מיר, אין וועלכער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג האָט איר געקעמפט.

— אין דער אָפּטיילונג פון „גוואידאַ“ פון באָלאָניאַ.

— און וועלכן פּסעוודאָנים האָט איר געהאַט אין דער פּאַרטיזאַנקע?

— פאַרשידן. צוערשט האָט מען מיך גערופן „קוטשאָלאַ“*, שפּעטער האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר „באַקונין“.

די פרוי אין העלן טיכל האָט זיך צעלאַכט. — איך בין פון באָלאָניאַ. איך קען „גוואידאַן“ און דער הער קען אים אויך, — זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם מאַנצפאַרשוין אין די ברילן.

דער יונגטלעכער האָט אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס:

---

* הינטל.

— אָבער מיך קענט איר נישט. ווייל איך קען אייך נישט.

— וואַרט א ווײַלע. „באַקונין“... „באַקונין“... איך דערמאָן זיך, — האָט געזאָגט דער מאַנצפּאַרשוין. — נאָר ער איז נישט געווען קיין פאַרבינדלער אויף דער ליניע קאָסינאָ—נעאַפּאָל. דער פאַרבינדלער איז דאָרט געווען „גוואידאָ“. און די געשיכטע מיט די אַמעריקאַנער איז אויך געווען אמת, נאָר זי איז געשען טאַקע מיט דעם „גוואידאָ“. און „גוואידאָ“, אפשר האָט איר געהערט, איז דער מאַן פון „רענאַטען“, דאָס הייסט פון אָט דער פרוי, — דער מאַן אין די ברילן האָט זיך לײַכט פאַרנויגט פאַר זײַן חברטע.

דער הויכער מאַנטער האָט אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער. ער האָט זיך אײַנגעבויגן אין דער העלפט, געכאַפּט זיך פאַרן בויך:

— אָ—אָ—אָ, אָרעמער „באַקונין“, — דער מאַנטער האָט אויסגעצויגן די האַנט צום סיציליאַנער, — אפשר האָט איר אונטער דער האַנט א וועלכעס ס'איז מעגטשלעך ליכט, איך וויל זען זײַן מינע, איך שטאַרב פון נײַגעריקייט, צי איז ער כאָטש רויט געוואָרן.

אויפן קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט געלעכטערס, מע האָט געפּאַטשט מיט די הענט און איבערגעחזרט נאָכן מאַנטער דאָס וואָרט „באַקונין“, פאַרדרייענדיק עס דערבײַ אָדער צוגעבנדיק צום סוף אן „אָ“.

— אָבער איר זענט דאָך נישט גערעכט, מײַנע הערן, — דאָס מאָל איז די שטים געקומען פון יענער זײַט קאָרידאָר, און אלע האָבן זיך געווענדעט אין דער ריכטונג פון דער טיר, וואָס פירט אויף דעם בופער־בריקל. דער טייל איז געווען, ווי א באַזונדערער קלאַס, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע מיטן שווייגן. אין שוואַרצן לאַנגן מאַנטל האָט מען אים געקאָנט אָננעמען אין דער פינצטער פאַר א גײַסטלעכן. אָבער ער איז נישט געווען קיין גײַסטלעכער. ער האָט זיך באַלד מודה געווען, אז ער האָט באַשלאָסן גלײַך פון אָנהייב אין דער דיסקוסיע זיך נישט אַרײַנצומישן. דאָס לאַנד איז שוין אַזוי אויך צופיל פּאָליטיזירט. אויסער דעם איז ער געווען צו אויפגעבראַכט און פאַרמאַטערט פון שטיין. דאָס, וואָס ער פאָרט אין דריטן קלאַס און שטייענדיק, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אין נעאַפּאָל אויסגעקויפט א בילעט פון צווייטן קלאַס — אַזאַ זאַך קאָן זיך נאָר טרעפן אין איטאַליע. ער איז שוין געפאָרן איבער דײַטשלאַנד, איבער שווייצאַריע, איבער עסטרייך, — אין ערגעץ האָט נאָך מיט אים נישט געטראָפן עפּעס ענלעכעס. נאַטירלעך, וועט מען דאָס אויסטײַטשן מיט די נאָכמלחמהדיקע שוועריקייטן. שוין פיר יאָר, אז מע וואַרפט אַלץ אַרויף אויף דער מלחמה. אָבער אין דער אמתן איז דאָס א רעזולטאַט פון אומאָרדענונג און אַנאַרכיע. ווער עס פרווט אײַנפירן צווישן די איטאַליענער דיסציפּלין, דער דערוועקט קעגן זיך אַזאַ פאַראַכטונג און אַזאַ שנאה, וואָס איר אויסברוך איז נאָך דראָענדיקער, ווי דער אויסברוך פון דער עטנע. אפילו דער

אָרעמער מוסאָליני האָט אויף דעם די ציין צעבראָכן. אזוי איז... ער האָט געמאכט א באוועגונג מיט דער האנט אלס צייכן, אז דער איינגלייטנדיקער טייל פון דער רעדע איז פארענדיקט. ער איז אן אדוואָקאט, דעריבער איז מעגלעך, אז ער פארטיידיקט שוין אזוי אלעמען ריין פּראָפעסיאָנעל. — דער דאָזיקער יונגער מענטש, — דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעוויזן אויף דעם יונגנמאַן אין גריגעם שאליק, — פארמאָגט אין זיך, אָן שום ספק, עטוואָס פון אן אנארכיסט. נישט אומזיסט האָט מען אים גערופן „באַקונין“. אָבער צי איז אין דעם פאראן עפּעס שלעכטס? זיכער, אויב עס גייט אין ארויספירן די געזעלשאפט אויפן וועג פון דיסציפּלין, איז פארשטייט זיך. אָבער אויב עס קומט אין באטראכט דער אינדיווידועלער כאראקטער פון דעם יחיד... הא... יעדער איטאליענער וועט דאָס פארשטיין, אז אויב עס גייט אין יחיד, איז דאָס דער אייביקער אינסטינקט פון פרייהייט, וועלכער שטעקט אין יעדן מענטשן און וועלכער איז ספּעציעל אנטוויקלט ביים איטאליענישן פאָלק. צי דאָס, וואָס עס האָט געזאָגט דער דאָזיקער יונגער מענטש וועגן זיך, באשטעטיקט עס דען נישט? די דאָזיקע נישט אויסגעלעבטע לעכצונג נאָך פרייהייט? אויב עס גייט וועגן דער באציונג פון „באַקונינען“ צו זיינע קאָמוניסטישע חברים, איז קלאָר, אז ער האָט געוואָלט שיצן זיין אינדיווידואליטעט. מעגלעך, אז דאָס איז געווען ביי אים אומבאוואוסטזיניק. ווער אפילו פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אין די ערשטע טעג נאָכן פאלן פון מוסאָליני נישט אנטציקט כאָטש אויף א קורצער צייט מיטן קאָמוניזם? אָבער דער דאָזיקער נארקאָז איז שנעל פאריבער. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט דעם דאָזיקן יונגן מענטש, כאָטש, מעגלעך, ער גיט זיך אַליין נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון. דאָס זאָגט וועגן אים עדות צום גוטן. אָבער דאָס איז נישט מער ווי אויפן ראנד פון א צווייטן ענין, צוליב וועלכן ער האָט, נישט געקוקט אויף אלץ, באשלאָסן צו נעמען א וואָרט. די גאנצע דיסקוסיע איז אנטשטאנען צוליב דעם, וואָס אייניקע פּאסאזשירן זענען נישט געפעלן געוואָרן די ארויסזאָגונגען פון איינעם פון די אָנוועזנדיקע. די ארויסזאָגונגען האָבן זיך באצויגן צו א לאנד, וועגן וועלכן עס עקזיסטירט א גרויסע מיינונגס=פארשידנהייט אין דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער מענטש, וועלכער איז, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אן איטאליענישער פויער פון דרום, וואָלט דאָך געקאָנט אביעקטיוו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן אויסטערלישן לאנד, וואָס איז פארשלאָסן פאר די מענטשן פון אייראָפּע, פאר די מענטשן פון מערב. אָבער דאָ זענען געווען אזעלכע, פאר וועלכע דער דאָזיקער אמת איז, זעט אויס, נישט באקוועם. איצט, ווען אויף דרום ווערט געפירט א פּראָפּאגאנדע פון געוואלט, פון רויבן פרעמדע ערד, איז כדאי צו וויסן, ווי עס לעבט זיך דעם רוסישן פויער. די חשובע בירגער וואָלטן דאָס געקאָנט הערן פון א מענטשן, וואָס האָט עס אליין געזען. אויב קיינער דעריבער האָט גאָרנישט

דאקעגן, בעט ער דעם געוועזענעם געפאנגענעם, ער זאָל איבערגעבן אייניקע ידיעות וועגן דעם לעבן הינטערן אייזערנעם פאָרהאנג, ווי ס'איז היינט אָנגענומען צו רופן רוסלאנד און איר סאטעליטן.

דער טאָגארבעטער מיט דעם בוטל אויף די קני האָט זיך געווענדעט צום מאָנטער:

— נו, וואָס? איר האָט דאקעגן? — ער האָט אָנגעוויזן מיטן בליק אויפן אדוואָקאט. — איך נישט. זאָל זיך דער דאָזיקער איטאליענישער פויער פון דרום דערציילן, וואָס ער וויל, וואָס אים געפעלט.

— ביטע, ביטע, — האָט דער מאָנטער א נייג געטאָן מיטן קאָפּ, — אמת, איך בין אין רוסלאנד נישט געווען, אָבער עפּעס וואָס וועגן דאָרט ווייס איך. אויסהערן שאדט נישט. מירן זען. ער וועט דאָך אונדז נישט דערציילן עפּעס ערגערס, ווי אין אן ארטיקל אין „טעמפּאָ".

— נו, מיר וואַרטן, — האָט זיך אָנגערופן דער ארבעטער פון מאָנטעקאטיני.

מע האָט ווירקלעך געוואַרט.

סאַלוואַטאָרע האָט געהאַלטן, אַז מע וואָלט דאָס געקאָנט דערציילן מיט איין וואָרט: גוט אָדער שלעכט. אין איטאליע — איז שלעכט. אין אויסטראליע — גוט. זאָל פּיעטראָ ראָזאַטאָ זאָגן, ווי איז אין רוסלאַנד. גוט, צי שלעכט. דער פערמער האָט געזאָגט: שלעכט. די ארבעטער האָבן געזאָגט: מיר וואָלטן געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין גוט. אלדאָ האָט געזאָגט: גוט. דער מיסטער דזשאָן פלעגט אויך זאָגן: דער אייזערנער פאָרהאנג. סאַלוואַטאָרע איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט דער פערמער אליין אויסגעטראכט. דערווייל זעט ער, אַז דער אדוואָקאט, טויזנטער קילאָמעטער פון אויסטראליע, רעדט אויך וועגן דעם אייזערנעם פאָרהאנג. עפּעס איז פאראן א געמיינזאמע שפּראך אויף דער גאַנצער וועלט.

פּיעטראָ ראָזאַטאָ האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַרצויגן דעם רויך פון פּאַפּיראָס, איינגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער זאָל וועלן פארזוכן אין שווייגן, וואָס ער איז דאָך געצוווּנגען איבערצורייסן.

— כ'וועל אייַנס בלויז זאָגן, — האָט ער זיך אָנגערופן, — דאָרט אַרבעט מען צוזאַמען אויפן פעלד. און דאָס געפעלט מיר נישט. עפּעס קומט דאָס אויס, ווי מע זאָל שלאָפן צוזאמען מיט א פרוי.

— אייניקע געפעלט דאָס, אַנדערע נישט, — האָט געזאָגט דער מאָנטער, — דאָס איז א געשמאַק-זאך.

— און מיר געפעלט עס נישט, — האָט סאַלוואַטאָרע א שמייכל געטאָן, — מיר געפעלט אַן אייגן פעלד, אַן אייגענע ווירטשאַפט, ווי עס פאַרמאָגט מיין פערמער אין אויסטראַליע.

— און דאָ האָסטו אַן אייגענע ווירטשאַפט? — האָט געפרעגט דער טאָג־אַרבעטער. — און דאָ האָסטו דיין אייגן שטיקל ערד? דאָ, און נישט אין אַ וועלכער ס'איז אויסטראַליע!

— כ'האָב גאָרנישט, אַפילו נישט קיין פערטל טאָמאַטע. — האָט געענטפערט סאַלוואַטאָרע.

— הייסט עס, אַז דו ביסט אַ לוין־אַרבעטער. פאַרוואָס זשע טראַכסטו, ווי אַ רייכער באַלעבאָס? הם, וואָס קאָן מען מאַכן? אויך אַזוי טרעפט צייטנווייז,

— דער אַרבעטער האָט אים גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע.

— עס שאַדט נישט, דאָ אין איטאַליע וועסטו פּאַמעלעכן, פּאַמעלעכן אָנהייבן אַנדערש צו קלערן.

— איך האָב שטענדיק אַזוי געקלערט, — סאַלוואַטאָרע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — און ווער וויל עס נישט האָבן קיין אייגענע ערד?

דער טאָגאַרבעטער האָט האַסטיק אַ צעפּיר געטאָן מיט די הענט:

— גוט. מסכים. אָבער ווו וועסטו זי נעמען? ווער וועט זי דיר שענקען? דו מוזט זי אַליין דעראָבערן. און ווייסטו וויאַזוי? וויל מיר דאַכט זיך אויס, אַז דו ווייסט נישט. — ער האָט זיך איינגעבויגן אין דער זייט פון סאַלוואַטאָרען, כדי אים בעסער אויפצוקלערן, און אין דער זעלבער מינוט איז דער בוטל, וועלכן ער האָט געהאַלטן אויף די קני, אַראָפּגעפאַלן. ער האָט שוין נישט באַוויזן אים צו פאַרכאַפּן. ער איז געווען שווער און האָט מיט אַ טראַסק אַ זעץ געטאָן אין דער פּאָדלאָגע. דער אַרבעטער איז אויפגעשפּרונגען, האָט אויפגעהויבן דעם בוטל: ער איז געווען אין אַ שטרויענעם געפלעכט, איז אפשר מיט אים גאָרנישט נישט געשען. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם דנאָ. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז טרוקן, אָבער גלייך האָט ער אַ קרעכץ געטאָן: — ער, דאָס איז צוליב דיר, — ער האָט זיך מיט אַ קולאַק פאַרמאָסטן אויף סאַלוואַטאָרען.

— דאָס גלאָז האָט געפּלאַצט. איצט וועט אַלץ אויסרינען. טראָג זיך אָפּ, דו אויסטראַלישער עק! איר'ט געזען, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט עס האָט זיך היינט צונויפגעקליבן אין צוג! פריער דער פון רוסלאַנד, דערנאָך דער קליינער פּראָוואָקאַטאָר, דאָס הינטל, שפּעטער דער אַדוואָקאַט דער פאַשיסט, און איצט דער אויסטראַליער! ווען דער מענטש זאָל האָבן כ'ווייס אַליין נישט וועלכע נערוון, וואָלט אויך דער בוטל געמוזט צעבראָכן ווערן. איך בין געזעסן רואיק, רואיק. אָבער ווי לאַנג קאָן מען! „פּאָרקאַ מיזעריאַ"*, אַ פיינע טויף־צערעמאָניע האָסטו מיר איינגעאָרדנט!

— וואָס שרייסטו, חבר? — האָט זיך אָנגערופן אַ נידעריקער, פעסט געבויטער מאַנצפּאַרשוין אין ברילן. — אַז מע האַלט אַ בוטל, דאַרף מען אַכטונג

---

* חזירישע אָרעמקייט.

געבן. און וואַרף נישט די שולד אויף קיינעם. אַנשטאָט אויסטראַכטן אויף דעם אויסטראַליער, גיב בעסער אַ טראַכט, וואָס קאָן מען טאָן, כדי צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך. וואָס האָסטו דאָרט?

— ווייַן, וויין אויף דער טויפונג פון מיין זון. ספּעציעל צוגעגרייט דורך דער מוטער פון מיין פרוי.

— היי, מענטשן, — האָט אויסגערופן דער מאַן אין די ברילן, — צי האָט עמעצער פון אייך אַ ליידיק פלעשל? אָדער עפּעס אַנדערש.

— איך פיר קיינמאָל נישט מיט זיך קיין פלעשלעך, — האָט זיך אָנגערופן די פרוי, וועלכע איז געזעסן אין דורכגאַנג, — און צוג קאָנען זיי זיך צעברעכן. און איצט נאָך דער מלחמה איז נישט כדאַי צו קויפן קיין גלאָזוואַרג. די גלעזער ברעכן זיך איינס נאָכן אַנדערן. מע זאָגט, אַז מע האָט אָנגעהויבן מאַכן גלעזער, וועלכע ברעכן זיך נישט. דאָס איז מסתמא עפּעס אַ שווינדל.

דער אַרבעטער האָט צוגעהאַלטן דעם דנאָ מיט ביידע הענט. דער ווייַן איז אים גערונען איבער די פינגער מיט אַלץ גרעדיכטערע טראָפּנס.

פּיעטראָ האָט מיט דער נאָז הויך אויף אַ קול אַרייַנגעצויגן אין זיך דעם זויערלעכן ריח פון טריפנדיקן ווייַן:

— עך, מיין טייערער זון, — האָט ער זיך צעלאַכט, — אַהיים וועסטו נישט קיין סך פאַרפירן אין די הענט. צי וואָלט נישט בעסער געווען, אַז מיר אַלע זאָלן דאָ אַ זופּ טאָן פאַרן געזונט פון דיין זון?

— ריכטיק, — האָט געזאָגט דער סיציליאַנער, — וועסט צונויפנעמען צו איינציקע לירעס פון יעדן און וועסט זיך קויפן אַנדערן ווייַן.

— און אפשר האָט פאָרט ווער פון אייך אַ וועלכע ס'איז כלי? — האָט געפרעגט דער מאַנטער.

— אויף וויפל ליטער מער־ווייניקער? — האָט זיך אָנגערופן דער סיציליאַנער.

— גיט וועלכע ס'איז נישט איז, — האָט געזאָגט דער עלטערער אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני — גיט וועלכע איר האָט, און אַ סוף.

— וואָס ווילט איר פון מיר. איך האָב נישט גאָרנישט, — האָט זיך אויפגעקאָכט דער סיציליאַנער, — איך האָב זיך נאָר געפרעגט.

— וואָלט כאָטש געווען ליכטיק, — דער אַרבעטער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם שטרויענעם געפלעכט, דרייענדיק דעם בוטל אויף אַלע זייטן.

עמעצער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. סאַלוואַטאָרע האָט אויך זיינע שוועבעלעך אַרויסגענומען און צוגעליכטן. אויף דער פּאָדלאָגע צווישן די ברייט צעשטעלטע פיס פון אַרבעטער האָט אַ שיין געטאָן אַ רויטער פלעק, ווי מענטשלעך בלוט. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוזאַמענגעשטופּט, איינבייגנדיק די קעפּ

איבער דעם אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע. ס'וועט זיך שוין גאָרנישט לאָזן אויפטאָן.

— מיר וועלן דאָ אַזוי פיל, — האָט זיך אָנגערופן דער עלטערער אַרבעטער פון קראַטאָנע, — און קיינער קאָן גאָרנישט אויסקלערן קעגן אַ נאַריש פלעשל. און מע וויל נאָך די גאַנצע וועלט אויסבעסערן.

דער מאָנטער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס צאַנקענדיקע שוועבעלע:

— אין שוץ־גרובן איז גוט מיט אַזאַ ליכט! צי האָט קיינער דאָ נישט אַ וועלכעס ס'איז מעגטשלעך ליכט?

אין דער אָפענער טיר פון קופּע האָט זיך אַריינגערוקט עמעצנס אַ האַנט, וועלכע האָט דערלאַנגט דעם סיציליאַנער אַן עלעקטריש לעמפל. די באַטאַריע האָט אָנגעהויבן צו זשומען. אַ גרינער ליכט־שטראַל האָט פּאַמעלעך זיך גערוקט איבערן שטרויענעם געפלעכט, זוכנדיק דאָס קראַנקע אָרט. דער מאָנטער האָט זיך צוגעזעצט אויף די שפּיץ־פינגער.

— עס רינט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער עס זעט אויס, אַז ער איז נישט אינגאַנצן צעבראָכן. דער בוטל האָט געפּלאַצט, אָבער דאָס געפלעכט איז ענג און האַלט פעסט.

פּלוצעם האָט זיך אָפּגערופן אַ פרויען־שטים:

— נו, ווי איז דאָרט? עס איז נאָך עפּעס געבליבן? — דאָס איז געווען „רענאַטאַ“ אין העלן טיכל. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קאַראַפקע, וועלכע ווערט באַנוצט אין די שלאָף־וואַגאָנען. — גיב אַהער, חבר, — זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צום אַרבעטער, — נאָר מע דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק ביים איבערגיסן. גיב אַהער.

דער אייגנטימער פון לעמפל האָט ענערגיש געפאָדערט, מע זאָל עס אים צוריקקערן. דער סיציליאַנער האָט עס אויסגעלאָשן און אָפּגעגעבן. עס איז ווידער געוואָרן פינצטער.

— און דאָך זעט איר, — האָט דער מאָנטער זיך אָפּגערופן צום עלטערן אַרבעטער פון קראַטאָנע, — מיר האָבן זיך געגעבן אַן עצה.

עס האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן שוועבעלעך. דער אַרבעטער האָט געהאַלטן די קאַראַפקע, און די פרוי אין העלן טיכל האָט איבערגעגאָסן אין איר דעם וויין.

— און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'וועט זיך שוין גאָרנישט לאָזן אויפטאָן, — האָט זיך צעלאַכט דער אַרבעטער, — עס ווילט זיך מיר אַזש נישט גלויבן. אַ דאַנק, חברים.

„רענאַטאַ“ האָט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער דעם געפּלאַצטן בוטל. די פּאַסאַזשירן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שטילן אויסגעשריי, ווען ס'האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון צעבראָכן גלאָז אויף די שינעס.

— זאָג איר א דאַנק, — דער ארבעטער האָט א שטאַרקע געטאָן סאַלוואַטאָרען מיטן עלנבויגן, — דאָס איז דאָך דיין שולד. ביסט אַ כאַם, דו פאַרשטייסט נישט, אַז מע דאַרף באַדאַנקען. אַזוי האָט מען דיך אין אויסטראַליע אויסגעלערנט?

III

סאַלוואַטאָרע, פּיעטראָ ראָזאַטאָ און דער עלטערער ארבעטער פון דער כעמישער פאַבריק מאָנטעקאַטיני זענען אָנגעקומען קיין קראָטאָנע ביינאַכט. אויף דעם פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ, וועלכער האָט זיך, ווי וואַסער, פאַנאַנדערגעגאָסן אויף אַלע זייטן פון שטעטל, האָבן זיך, ווי מיט אַכט יאָר צוריק, אַרומגעדרייט מענטשן אין גרופּן און איינציקווייז, אָן אונטערשיד, צי דאָס איז געווען זונטיק, צי אַ וואָכעדיקער טאָג. איבערן פּלאַץ האָט זיך געטראָגן אַ מעלאָדיע פון אַ ראַדיאָ־הילכער. פון צייט צו צייט האָט וועלכער ס׳איז בחור זיך אַ דריי געטאָן לויט דער טאַנץ־מוזיק, אויפהייבנדיק די הענט איבערן קאָפּ און שמייכלענדיק צו די דורכגייענדיקע מיידלעך. טאָטאָ האָט געהערט די זעלבע מעלאָדיע אין אויסטראַליע און אויף דער שיף „לוטשיאַנאָ מאַנאַראַ" די גאַנצע צייט פון זיין רייזע. אין קראָטאָנע האָט געזונגען אויף ענגליש די זעלבע פרויען־שטים.

די יונגע קראָטאָנער האָבן שפּאַצירט זאַלבעפינף, זאַלבעזעקס מיטאַמאָל, געשמועסן זיך און געטומלט. זיי האָבן מכלומרשט נישט ווילנדיק פאַרטשעפּעט יעדעס מיידל, אָפּגעשטעלט זיך אין די גאַסן, אונטער די קאָלאָנאַדעס, זיך אַרומגעריסן. די מיידלעך האָבן זיך דעריבער געהאַלטן ביים טראָטואַר אָדער ביי דעם טייל פון שאָסיי אונטער די מויערן, וועלכער איז באַשטימט פאַר רויִקע דורכגייער. זיי האָבן שפּאַצירט אינצווייען, אינדרייען, האַלטנדיק זיך אונטער די הענט. אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט מיט די עלטערן פון קינאָ.

דער פּלאַץ איז ביסלעכווייז געוואָרן פּוסט, אָפּליידיקנדיק זיך פון מיטן, פון דעם אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען אַ ביוסט פון אַ קעניג אָדער גענעראַל. די געסלעך אַרום, וועלכע זענען געווען וואָס טיפער אַלץ פינצטערער, האָבן צעפירט זייערע איינוווינער אין די היימען אויף נאַכטלעגער. די צווייסטאָקיקע, פאָרמלאָזע מויערן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געקוקט אין אַן אַנדער זייט, האָבן צוגעשלאָסן זייערע שווערע, ווי פון שאַץ־קאַמערן, טויערן. אונטער די קאָלאָנאַדעס, אין די בודקעס פון זיסוואַרג האָבן זיך אויסגעלאָשן די קאַרביד־לעמפּלעך, זענען טונקל געוואָרן די רושטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפּרעגלט מאַנדלען אין האָניק. מע האָט שוין פאַרמאַכט די טאַבאַק־קיאָסקן, און די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן זייער נאַכט־האַנדל מיט פּאַפּיראָסן.

נאָך נישט אַלץ איז געווען פאַרענדיקט. די עלטערע קראָטאָנער זענען גע-

גאַנגען גרופּעסווײַז, טראָט בײַ טראָט, האָבן זיך יעדע ווײַלע פֿאַרהאַלטן, געמאַכט אַ קרײַז און אַרומגערעדט די נעכטיקע און הײַנטיקע ענינים. דער גרויער פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ האָט זיך געווערט קעגן שלאָף. דער הילכער, וועלכער האָט זיך געפֿונען איבער דעם אַרײַנגאַנג אין קינאָ, האָט נאָך אַלץ געזונגען דאָס זעלבע ענגלישע לידל.

טאָטאָ האָט זיך פֿאַרטראַכט וואָס צו טאָן. בײַנאַכט איז נישט כדאי זיך צו שלעפּן זעקס און צוואַנציק קילאָמעטער. ער וועט זיך דורכשלאָפֿן אין קראָטאָנע און קאַיאָר וועט ער זיך לאָזן אין וועג. ער איז געבליבן אַליין. ער האָט געהאָפֿט, אַז דער עלטערער אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין מאָנטעקאַטיני, וועט אים נעמען צו זיך. אָבער דער אַלטער האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט אין מיטן גאַס. א רגע האָט ער זיך ווי געוואַקלט, באַטראַכטנדיק דעם נישט אַרויסגעזאָגטן ווונטש פֿון סאַלוואַטאָרען. אָבער עס איז צו גאָרנישט נישט דערגאַנגען. ער האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט אָן ווערטער. פּיעטראָ ראָזאַטאָ איז אַוועק שלאָפֿן אויף „שאַנכאַי“, אין אַ באַראַק, ווו אײנער אַן אַרבעטסלאָזער — פּיעטראָ האָט אים אָנגערופֿן בײַם נאָמען — וווינט מיט זײַנע אַרבעטסלאָזע טעכטער. ראָזאַטאָ האָט אים צוגערעדט, אַז עס איז נישט ווײַט: מע וועט זיך דורכשלאָפֿן מיט די טעכטער, און אין דער פֿרי וועלן זיי צוזאַמען גיין ווײַטער.

סאַלוואַטאָרע האָט געדענקט „שאַנכאַי“ נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה. די דאָזיקע געגנט האָט געהאַט אַ שלעכטן שם. ער האָט שוין בעסער געוואָלט פֿאַרברענגען די נאַכט אונטערן פֿרײַען הימל, אויב עס זאָל נישט זײַן קיין אַנדער אויסוועג.

נאָך דעם שײַנעם און וואַרעמען טאָג האָט זיך אָנגעהויבן כמאַרען נאָך אין נעפּאַל. אין קראָטאָנע האָט געבלאָזן אַ קאַלטע „טראַמאָנטאַנאַ“. עס האָט זיך פֿאַרנומען אויף אַ דראָבנע דורכדרינגלעך רעגנדל, נאָך וועלכן עס קומט געוויינלעך אַ פֿראָסטיק וועטער. אַ נעפּל האָט זיך געשאַרט אין דער לופֿט און איבערגעצויגן די שטײַנער מיט פֿײַכטקייט. סאַלוואַטאָרע האָט אַרײַנגעזעצט די הענט אין די קעשענעס, אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון שינעל און זיך אײַנגעקוקט אין די פּנימער פֿון די דורכגייער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן דער טוי, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די קאָלאָנאַדעס.

אַ ייִנגל פֿון צוועלף יאָר, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ זײַל, זעענדיק סאַלוואַטאָרען שטיין אַ לענגערע צײַט אין דער פֿאַרטיפֿונג פֿון אַ געשלאָסענער קראָם, איז זיך דורכגעגאַנגען נעבן אים און פֿאַרקוקט אין די אויגן אונטער דער אַראָפּגערוקטער פֿוראַזשערקע. — צי ווילט איר קויפֿן פּאַפּיראָסן? טאָטאָ האָט געזוכט אין די קעשענעס: ער האָט ווירקלעך געוואָלט רייכערן. דאָס ייִנגל האָט געהאַט קלוגע, שוואַרצע אויגן. סאַלוואַטאָרע האָט אים אַ פֿרעג געטאָן:

— ווו קאָן מען זיך ערגעץ איבערשלאָפֿן פֿאַר ביליק?

דאָס ייִנגל האָט געוואָלט וויסן, וואָס באַדייט ביליק. וויפל הייסט עס. צוויי הונדערט, דריי הונדערט ליר? טאָטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן. פאַר דריי הונדערט ליר וואָלט איך געקאָנט גיין אין ערשטן בעסטן האָטעל.

דאָס ייִנגל האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף דעם אומבאַקאַנטן, וועלכער רעדט אויף דער זעלבער שפּראַך, נאָר איז אינגאַנצן פרעמד אין קראָטאָנע. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיינע שוואַרצע שיך און מיליטערישן ברויט־זעקל.

— ביי אונדז אין שטוב קאָנט איר האָבן אַ געלעגער. איר וועט שלאָפן אַליין. עס וועט אייך זיין באַקוועם. דאָס איז נישט וויט פונדאַנען. פאַר דריי הונדערט ליר. אַזויפיל, וויפל איין פעקל אַמעריקאַנער פאַפּיראָסן. אומעטום וואָלט געקאָסט פיר הונדערט אָדער נאָך מער, — דאָס ייִנגל האָט געפאָרשט דאָס פּנים פון סאַלוואַטאָרען, באַמיענדיק זיך אַרויסצולייענען אַן ענטפער. — ער... — האָט ער שנעל געזאָגט, — זאָל זיין צוויי הונדערט. הונדערט ליר וועט איר מיר געבן איצט, און הונדערט דער מאַמען מאָרגן, ווען איר וועט אויפשטיין. איר דאַרפט איר זאָגן, אַז איר זענט מיט מיר דורכגעקומען בלויז אויף הונדערט.

ער האָט באַהאַלטן דעם בלויעכן לענגלעכן באַנקנאָט און אַ פייף געטאָן. ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך באַלד באַוויזן אַ צווייטער פאַפּיראָסן־פאַרקויפער, נאָך אַ ייִנגערער. דאָס איז געווען זיינס אַ ברודערל. ער האָט אים איבערגעגעבן זיין סחורה: אַן אויפגעעפנט פעקל „נאַציאָנאַלע“. ער האָט זיי איבערגעציילט און געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען, ער וועט נאָר אָפפירן דעם גאַסט אַהיים אויף נאַכטלעגער. ער האָט געהייסן דעם ברודער שטיין לעבן קינאָ, ווייל באַלד וועט מען אַרויסגיין פון לעצטן סעאַנס.

זיי זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צום ים. טאָטאָ האָט זיך אָריענטירט, אַז זיי גייען צו „שאַנכאַי“. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די חורבות מיט די איינגעבויגענע דעכער, וועלכע זעען אויס, ווי אַלטע פויערישע קאַפּעליושן, האָט זיך געפונען איין לייטישער באַראַק. דער הילצערנער בנין איז געשטאַנען אויף סלופּעס ביים סאַמע ברעג פון ים.

דאָס ייִנגל איז געגאַנגען דער ערשטער. אָנווייזנדיק אויף די טרעפּ, האָט ער אויפגעעפנט די טיר. ער האָט דורכגעלאָזט פאַר זיך סאַלוואַטאָרען. טאָטאָ איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען שמאָלע בענק. איבער זיי האָבן זיך געשוואַרצט האַקנס, אַריינגעשלאָגענע אין אַ באַליק. זיבער הענגערס אויף אָנטועכץ. אַרום איז געווען פוסט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. זומער האָט דער באַראַק וואַרשיינלעך געדינט ווי אַ גאַרדעראָב פאַר די זיך באָדנדיקע אין ים. קיין שום מוטער איז דאָרט נישט געווען. דאָס ייִנגל איז אויך פאַרשוווּנדן. ער האָט אים אָפּגענאַרט. ער האָט דערהערט זיין שפּרונג פון די טרעפּ.

— אמת, אַז דאָ וועט זיין באַקוועם? — האָט דאָס ייִנגל אים אַ זאָג געטאָן דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער, אָנבלאָזנדיק די באַקן.

— אמת, אמת, — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע און פֿאַרלאָשן האָט שוועבעלע. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און עס פֿאַרמאַכט. אין אויסטראַליע האָט אים קיינער נישט אָפּגענאַרט אין משך פֿון זעקס יאָר, און דאָ שוין דעם ערשטן טאָג. מאַמאָ האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געפּרוּווט צונויפֿרוקן צוויי בענק צוזאַמען. אָבער זיי זענען געווען צוגעפּעסטיקט צו דער פּאָדלאָגע. ריכטיק, אַנדערש וואָלטן זיי שוין דאָ פֿון לאַנג נישט געווען. ער האָט זיך דעריבער אָוועקגעלייגט אויף אַ זייט, צוגעדעקט זיך מיטן שינעל און זיך באַמיט איינצושלאָפֿן.

IV

אַנטקעגן אים זענען געפֿאָרן צווייערדלדיקע וועגעלעך, אין וועלכע עס זענען געווען איינגעשפּאַנט מוילאייזלען. זיי האָבן געאײַלט אויפֿן יאַריד אין קראָטאָנע. די פּרוקענע אַקסן האָבן געסקריפּעט און די ריזיקע רעדער, וועלכע האָבן כמעט דערגרייכט צום קאָפּ פֿון אָנטרייבער, האָבן אויפֿגעהויבן כּוואַלעס פֿון ווייסן שטויב. עס איז נישט איבערגעבליבן קיין שפּור פֿון נעכטיקן רעגן. די לופֿט איז געווען פּראָסטיק, נאָר די זון האָט געוואַרעמט פֿון סאַמע באַגינען; פֿון שינעל איז געגאַנגען אַ פּאַרע פֿון פֿייכטקייט און קעלט, מיט וועלכע ער האָט זיך דורכגענומען אויף דער באַנק פֿון דער פֿליאַזשע־גאַרדעראָב.

דער גרויסער וועג האָט זיך אויפֿגעהויבן, אויפֿדעקנדיק אַן אַלץ ברייטערן אויסבליק אויפֿן ים, אויף די פֿעלדער, אויף די בערגלעך, שפּיציקע פֿעלזן און אויף די מילכבלויע בערג אין דער טיף.

אויף די בערגלעך ווייט פֿון שליאַך האָבן ווייסע אָקסן מיט פּאַנאַנדערגעשפּרייטע הערנער געצויגן פֿלאַכע, לייכטע אַקערס. דאָס אַקערן איז דאָ אויף די לאַטיפֿונדיעס צוגעגאַנגען שווער.

— „יו" — האָבן אונטערגעטריבן די אַרבעטער, און די אָקסן האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, ציענדיק נאָך זיך אַן אַלץ לענגערן ברויגעם פּאַס ערד. די ערד איז דאָ געווען אַ גוטע, נאָר באַאַרבעט האָט מען זי, ווי מיט אַכט יאָר צוריק. און דעמלט האָט מען זי באַאַרבעט, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. דער שיכט, וואָס מע האָט אויפֿגעהויבן, איז געווען אַ דינער און העט פֿאַרזיי אַ שיטערער. דער ווייץ, וועלכער איז אויפֿגעגאַנגען אויף דעם נאָענטן פֿעלד, האָט אויסגעזען ווי ראָסאַדע און נישט ווי קיין ווינטער־פֿאַרזיי. דערביי האָט ער פֿאַרנומען בלויז אַ קליינעם שטח, וועלכער האָט זיך געצויגן קליגאַרטיק אין דער ריכטונג צום טייכל געטאָן. די ערד אַרום איז געלעגן פּוסט, איבערגעטפּערט דער זון און די

ווינטן. ווען מע זאָל געבן דעם מיסטער דזשאָן אַזאַ ערד! אַרום איז נישט געווען צו זען קיין איין אייל-בירט-ביימל. צווישן די שטיינער האָבן זיך צעוואַקסן קאַקטוסן, וועלכע האָבן ערטערווייז געשאַפן א געדיכט וועלדל. נאָך די האַרבסטיקע און ווינטערדיקע רעגנס האָבן זיך איצט באַוויזן אינדזלעך פון ווילדע גראָז, ווייסע און געלע בלומען. זומער האָט זיך דאָ אַלץ פאַרוואַנדלט אין אַ גרויען מדבר, אויף וועלכן די פעלזן האָבן געסטאַרטשעט, ווי ווייסע זשעברעס.

ביים וועג-אויסבייג האָט זיך באַוויזן דאָס בלוטרויטע הייזל פון וועגשומר. אויף אַזאַ קאָליר האָט זיי באַפוילן אָפּצופאַרבן מוסאָליני. אַזוי זענען זיי שוין געבליבן ביז איצט. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די העקטאַרן פון יאַגד-רעזערוואַט פון באַראָן בערליגגיערי, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַזש ביז ראָקאַ די דזאָלפּאָ. א יונגער דעמבן-וואַלד איז געשטאַנען אין זשאַוועך פון זיינע פאַרוויאַנעטע בלעטער. ווילדע אייל-בירט-ביימלעך און קיפּאַריסן האָבן געוואָרפן טונקעלע פלעקן, און וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער. דער באַראָן האָט געהייסן פאַרזעצן דעמבעס, כדי די ווילדע חזירים זאָלן קענען ראַייען צווישן די אַראָפּגעפאַלענע זשאָלודיעס. און די ווילדע אייל-בירט-ביימלעך, וועלכע מע האָט באַדאַרפט בלויז אימפן, כדי זיי צו פאַרהיימישן, האָבן געוועקט דעם צאָרן פון אַלע אָרעמע פּויערים. אַפילו די טויזנטער נישט באַאַרבעטע העקטאַרן, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַזש ביז טשיראָ און סאַן דזשיאָוואַני אין פיאָרע האָבן ווייניקער אויפגעקאָכט דאָס בלוט פון די פּויערים, איידער די דאָזיקע אָרעמע ביימלעך, וועלכע זענען פון גאָט באַשטימט אויף פעטס, און זענען איבערגעגעבן געוואָרן אויפן חסד פון די חזירים.

ווען עס איז דערגאַנגען צום אָרט, וווּ דער וועג האָט זיך צעצווייט, איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קיילעכדיקע בערגלעך, ווי ברוסטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו דער זייט פון ים. אויף זייערע שפּיצן זענען געשטאַנען בעטאָן-פעסטונגען, ווי זיי זאָלן אין דער נייער מלחמה וויידער דאַרפן אָפּהיטן דעם וועג קיין טאַראַנטאָ. די זעלבע דייטשישע פעסטונגען האָט באַלוואַטאָרע געזען הינטער טאָברוק. זעט אויס, אַז מע האָט זיי געבויט גלייכצייטיק דאָ אין קאַלאַבריע און דאָרט, אין אַפריקע. דער שליאַך קיין טאַראַנטאָ איז געווען א ברייטער, און קיין ראָקאַ די דזאָלפּאָ האָט ער זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשמעלערט.

צוערשט האָט זיך באַוויזן ראָקאַ די נעטאָ אויף א שפּיץ באַרג מיט א גלייכער וואַנט פון דער זייט פון וועג. אויף דער זון האָבן געבלישטשעט די צוגעקלעפּטע, ווי נעסטן, שטיינערנע הייזקעס, צונויפגעפרעסטע און אָנגעהויפטע איינע אויף די אַנדערע אַזוי, אַז ס'איז געווען שווער צו דערזען, ווו עס ענדיקט זיך דער דאַך און ווו עס הייבט זיך אָן די שוועל. אויף די סטעזשקעס, וועלכע האָבן געפירט צום שטעטל-דאָרף, האָט ער מיטן בלויזן אויג אונטערשיידט

מענטשן, פּאָרנדיקע אויף אײזעלער. טאַטאַ האָט אויסגעטאָן זײַנע שווערע פּערמער־שיך, זיי צונויפגעבונדן צוזאַמען און פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס. ער האָט פאַרשנעלערט דעם טראָט. איינגיכן וועט ער דערזען דעם באַרג, וווּ זײַן ברודער דזשיאַני האָט געאַרבעט בײַם זיפּן זשוויר. מעגלעך, אַז ער אַרבעט דאָרט ווײַטער. ער האָט אים קיינמאָל נישט געשריבן, וואָס ער טוט. ער קאָן אים איצט דעריבער דאָ טרעפן. ער וואָלט דאָך געוואָלט באַגריסן זיך מיט אַלע צוזאַמען אין דער היים. עס קאָן זײַן, אַז דער ברודער האָט שוין חתונה געהאַט און וווינט שוין נישט צוזאַמען מיט דער מוטער און מיט דער שוועסטער. עס וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט. דזשיאַני איז שוין אַלט דרײַסיק יאָר... אָבער דער באַרג איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז און קיינער האָט אויף אים נישט געאַרבעט. עס איז בלויז איבערגעבליבן אַ פאַרשאָטענע מיט ערד און שטיינער די הילצערנע פּלאַטפאָרם פון דער רושטאָוואַניע. טאַטאַ איז אַראָפּגעגאַנגען אויף דעם אָפּהאַנג, דאָ זענען געווען ווייניקער שאַרפע פעלזן, וואָס האָבן געשטאָכן די באָרוועסע פיס.

צוויי פרויען אין שוואַרצע טיכלעך און אין שוואַרצע קליידלעך האָבן געפירט פּאָר שטריק אייזלען, אָנגעלאָדענע מיט בינטלעך גרינעם טשערעט. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון ים. זיי האָבן געשטאַמט פון סטראָנגאָלי.

זיי האָבן געענטפערט אויף דער באַגריסונג, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך און נישט וווּנדערנדיק זיך, ווי זיי זאָלן אים האָבן נעכטן געזען. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז טאַטאַ איז געווען אויף דער מלחמה, אַז ער איז זעקס יאָר געווען אין געפאַנגענשאַפט. אַזוי פיל מענער זענען געווען אויף דער מלחמה, אַזוי פיל פעלן פון זיי, אַז ס'איז שווער אַלעמען צו פאַרגעדענקען. איבעריקנס האָבן ווינטשענצאַ און דזשיאָוואַנאַ געקענט סאַלוואַטאָרען, ווי פיל אַנדערע פון דער געגנט. מע דערקענט זיי לויט די שטריכן פון פּנים, ווײַל זיי זענען געמיינזאַם פאַרן גאַנצן דאָרף. ער איז אויך נישט געווען זיכער, צי זיי הייסן ווינטשענצאַ און דזשיאָוואַנאַ. ער האָט איבערגעוואָרפן די שיך אויפן צווייטן אַקסל.

— מיט גליק! — האָט ער זיי צוגעוואָרפן, אויסדרייענדיק זיך צו זיי צום לעצטן מאָל.

— מיט גליק! — האָבן זיי געענטפערט גלײַכצײַטיק.

ער האָט געדענקט יעדן אויסבייג. נאָך דעם פון לינקס הייבן זיך אָן די שוועבל־טאָלן אויף די גיטער פון מאַרקיז מאַסאַראַ. עס האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. אין די שטיינערנע גראָטן האָבן ווי אַמאָל געוווינט מענטשן. ווי אַמאָל זענען די בערגלעך געווען באַוואַקסן מיט נידעריקע דערנער־קוסטעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַזש ביז דעם פּראַגאַלאַ־טאָל. דער מאַרקיז מאַסאַראַ, דער קאַוואַליער פון גרויסן קרייץ פון סאַוואָיאַ, האָט אַמאָל באַשעפטיקט מענטשן פון ראָקאַ די דזאָלפאָ בײַם גראָבן שוועבל. ער האָט זיי געגעבן צו עסלעכע טאָ־

מאַלאַטן ערד אויף באַארבעטן. דער פֿאָטער פֿון סאַלוואַטאָרען, דזשיאַקאָמאָ, האָט אויך באַקומען אַ שטיקל באָדן. נאָר ווען ער איז געשטאָרבן פֿון דער שוועבל־קרענק, האָט די משפּחה דאָס שטיקל ערד געמוזט אָפּגעבן צוריק דעם מאַרקיז. מאַריאַ האָט געוויינט, ווייל זי האָט גערעכנט, אַז באַזיצנדיק אַ שטיקל פֿעלד, וועט לייכטער זיין צו געפֿינען אַ מאַן. כאָטש דעם אמת גערעדט, האָט איר קיינער אין דאָרף נישט געפֿעלן. זי איז אויך פֿון קיינעם נישט געווען געליבט. זי איז געווען שלעכט, פֿאַרביסן און פֿאַרשלאָסן אין זיך.

דער וועג האָט זיך אויפֿגעהויבן אַלץ העכער. מע האָט שוין געזען דעם „טאַל" מיט די צוויי ווייגערטנער, די איינציקע אין אומפֿאַנג פֿון צען קילאָמעטער. זיי האָבן געהערט צו צוויי וועטעראַנען נאָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, צו עוגעני אַברוצעזע — דעם ברודער פֿון יאָלאַנדאַ, און אַמאַדעאָ פֿעראַראָ — דעם פֿעטער פֿון אַרמאַנדאָ. די וועטעראַנען פֿון יענער מלחמה האָבן די ערד צוגענומען ביי דעם באַראָן בערלינגיערי און נישט געוואָלט אָפּגעבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געקעמפֿט מיט עסטרייך נישט אומזיסט. יאָלאַנדאַ האָט חתונה געהאַט. ווען מאַריאַ האָט אים וועגן דעם דערציילט, האָט זי, מעגלעך, געטראַכט, אַז זי וועט אים פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש דערמיט. די שוועסטער האָט שטענדיק נאָכגעשפּירט נאָך אַלע זיינע פֿלירטן. „איך וועל נישט דערלאָזן זאָלסט חתונה האָבן מיט אַבי וועמען", — האָט זי אים געדראָט.

ווען עס האָט זיך באַוויזן דער שטיינערנער וואַל, איז ער געבליבן שטיין אויף אַ ווײַלע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, טראַכטנדיק, אַז ער וועט טרעפֿן עמעצן פֿון די באַקאַנטע. דער וואַל האָט זיך געצויגן אַזש ביזן דאָרף, ביזן סאַראַצענער טויער און, ווי מע האָט פֿאַרציילט, האָט ער געשיצט ראָקאַ די דזאָלפֿאָ קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די טערקן. הײַנט האָט ער אָפּגעטיילט דעם וועג פֿון דעם גרובן, וועלכער האָט געהאַט עטלעכע מעטער די טיף. אין דער רעגנצייט איז אין אים אַראָפּגערונען דאָס וואַסער פֿון גאַנצן באַרג, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס דאָרף, שאַפֿנדיק אַ ריזיקע אָזיערע. אָבער דאָס וואַסער איז נישט געווען צום נוצן. עס האָט געשטונקען מיט דעם אורין פֿון די חזירים, וועלכער איז אַראָפּגערונען אַהער פֿון דער „פּאָרקאַפּאָלי"*.

ער האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעטאָן די שיך, כדי נישט אַריינצוגיין אין דאָרף באָרוועס. דאַן האָט ער דערהערט, ווי עמעצער רופֿט אים ביים נאָמען:

— טאָטאָ „מיאָ"!

אַזוי האָט אים קיינער נישט גערופֿן אין משך פֿון אַכט יאָר. דאָס איז געווען פֿראַנצעסקאַ. זי האָט זיך אומגעקערט פֿון וועלדל. אויף די פּלייצעס האָט

* אַ שטאַל, וואָס געהערט צו דער גאַנצער גראָמאַדע.

זי געטראָגן א לעגגלעד פּעסל, וואָס איז געווען צוגעבונדן מיט שנורן אויף דער ברוסט. „איך שלעפּ אליין דאָס וואסער, — האָט זי זיך פאַרענטפערט, — ווייל דער קשיאָנדז דאָן דאָמעניקאָ איז אַוועקגעפאָרן אויפן אייזעלע צום שטאַרבנדיקן פּאַאָלאָ, דעם פאָטער פון קיאַרען“. ער געדענקט זי נישט אויף זיכער. מיט אכט יאָר צוריק האָט זי געהאַט א יאָר צען — צוועלף. זי איז אויסגעוואַקסן א שיינע מויד, ער וועט זי נישט דערקענען. פּאַאָלאָ האָט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה, און אזוי ווי ער האָט זיך אַנידערגעלייגט, אזוי איז ער שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. ער איז פיר יאָר אזוי אָפּגעלעגן. ער האָט זיך אין מיליטער פאַרקילט די פיס און דעם קרייץ. אנדערע זאָגן, אז דאָס איז פון א פאַרסמטער קויל. די אָרעמע קיאַראַ, זי לעבט מיט דער מוטער פון דעם, וואָס זיי שפּינען וואָל פאר פיליפּעלאָן. וועגן דעם, אז טאָטאָ קומט צוריק, האָט מען שוין געוווּסט פון א חודש צוריק פון זיינעם א בריוו. ער איז דער לעצטער, אויף וועלכן מע האָט נאָך געהאָפט. די אַנדערע, וועלכע האָבן געדאַרפט צוריקקערן, האָבן זיך שוין פון לאַנג צוריקגעקערט. זי האָט אים געפרעגט, צי ער וויל זיך אָנטרונקען מיט פריש וואַסער. ראָקאַ די דזאָלפּאָ האָט זיך נישט געביטן. אַ ביסל איז אויסגעשטאָרבן, אָבער, דאַנקען גאָט, אלטוואַרג. אז דער פאָטער איז געשטאָרבן, ווייסט מסתמא סאַלוואַטאָרע. אך, אמת, דאָס איז נאָך געווען פאר דער מלחמה. אַ טייל האָט חתונה געהאַט. יאָלאַנדאַ האָט חתונה געהאַט פאַר דעם קליינעם מאַטעאָ. אָרעמע יאָלאַנדאַ... קינדער ווערן געבוירן ווי אמאָל און שטאַרבן ווי אמאָל. נישט לאַנג איז געשען אן אומגליק, דער יינגסטער פון אַרמאַנדאָן איז אַריינגעפאַלן אין דער נאָרע פון „פּאָרקאָפּאָלי“. ער איז שוין אלט געווען פיר יאָר. אָרעמע דזשיאָוואַנאַ. זי איז קראַנק געוואָרן פון יענער צייט און קאָן ביז איצט נישט קומען צו זיך. דאָס קינד האָט מען שוין ארויסבאַקומען א טויטס. די חזירים האָבן עס מיט די פיס צעטרעטן.

— און ווי איז די מאַמע? — האָט געפרעגט סאַלוואַטאָרע. — צי לעבט זי, צי איז זי געזונט?

— זי קריגט זיך מיט מאַריען, — האָט פראַנצעסקאָ געזאָגט. — און דזשיאַני וווינט אין קראָטאָנע. ער ארבעט אין מאָנטעקאַטיני.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך צעלאַכט:

— ווען איך זאָל געכטן געווען וויסן, אז איך האָב א ברודער אין קראָטאָנע, וואָלט מיך דער קליינער הבריהמאַן נישט אָפּגענאַרט.

— אונדז וועט שטענדיק עמעצער אָפּנאַרן. אזוי איז שטענדיק געווען. ווי אזוי זאָל מען נישט אָפּנאַרן, ווען איינער דעם צווייטן וואָלט א לעבעדיקן אויפגעגעסן. — זי האָט אים געפרעגט, צי ער דערמאָנט זיך סאַנדראָן, דעם זון פון אלטן קירכע־באַדינער אנדריקאָ. ער האָט גענומען א מיידל פון באָנאַקאָסאַ. זי

הייסט דזשודיטא. און ווי אלע פרויען פון באַנאַקאַסא איז זי שלעכט, ווי א שלאנג. זי האָט נישט לאנג געהאט א קינד. אָבער נישט פון סאנדראָן. מאַרוטשיאָ איז עגלער צום ביים קשיאַנדו האָן לואידזשי, דעם זון פון פיליפעלאָ. צוזאמען מיט לואידזשין האָט מאטעאָ צוגעהאָלפן דאָן דאָמעניקאָן ביי דער מעסע... און איר דאָן דאָמעניקאָ, אפשר האָט סאלוואטאָרע שוין געהערט, איז געוואָרן אראָפּגענומען... עס איז זיי איצט נישט לייכט... אָבער מע דארף אזוי פיל נישט רעדן וועגן זיך... וועגן וואָס האָט זי געשמועסט? יאָ. וועגן דזשודיטען, דער פרוי פון סאנדראָן. א יאָר נאָך דער חתונה האָט זי ארויסגעוואָרפן דעם שווער, דעם אלטן אנדרעאָן, פון זיין אייגענער שטוב. זי האָט אים נישט געגעבן קיין עסן און דערנאָך האָט זי אים אינגאנצן פארטריבן. דאָס איז געשען מיט א יאָר צוריק. א באזונדערע זאך, אז מענטשן זענען דעמלט געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. עס איז געווען אזא טרוקעניש, אז אפילו אזא באלעבאָס ווי אנטאָניאָ גריעקאָ, דער פאָטער פון אלעסיאָן, האָט געמוזט פאָרן אין שטאָט קויפן ווייץ. און ביי פיליפעלאָן איז געפאלן מער ווי א צענדליק שאָף. די, וואָס האָבן געגעבן צום מערסטן וואָל. — האָט פיליפעלאָ געוויינט און דעריבער אָפּגעלייגט די תנאים פון זיין אנדזשעליקען מיט דעם באלעבאטישן זון פון דזשינגאָ.

— אנדזשעלינא, — האָט איבערגעריסן טאָטאָ, — האָט נאָך נישט חתונה געהאט?

— אנדזשעלינא און דיין ברודער דזשיאני, — האָט פראנצעסקא אנגעשלאָגן איין ווייז־פינגער אין צווייטן, — האָבן זיך ליב. אָבער דער פאָטער פון אנדזשעליקען וויל אפילו דערפון נישט הערן. די חתונה מיט דעם באלעבאטישן זון פון דזשינגאָ דארף פאָרקומען אין פרילינג. פארשטייסט?

— אנדזשעלינא און דזשיאני? — האָט איבערגעחזרט סאלוואטאָרע און אנטשוויגן געוואָרן.

— יאָ. און יאָלאנדא, די אָרעמע יאָלאנדא, געדענקסט, ווי שיין זי איז געווען? יעדעם יאָר, ווי נאָר זי באווייזט צו געבוירן א קינד, אזוי טראָגט זי עס גלייך אוועק אויפן בית־עולם. און דער קליינער מאטעאָ קאָרטשעט זיך נאָך מער פון פארצווייפלונג. איצט איז זי שוין נעבעך ווידער אויף דער צייט.

— אזוי? — האָט טאָטאָ געזאָגט.

זיי זענען צוגעקומען צום סאראצענער טויער. פונדאנען האָט מען געזען דעם שיפּועדיקן, כמעט גלייכן ארויספלום פון „פאָרקאָפּאָלי“. עס האָבן זיך געשווארצט די נאָרעס פון די שטאלן, די סטעזשקע איז געוואָרן אליץ גליטשיקער פון דעם אורין פון די חיות. אין סאראצענער טויער האָט זיך א חזיר געוואַרעמט אויף דער זון. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דער שלעכטער ריח פון שטאל, צו וועלכן מע וועט זיך דארפן פונסניי צוגעוויינען.

פראנציסקא איז געווען א דיקע און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט שוין דעם אָפּגעזאָגטן קישיאָנדז געבוירן פיר זין, — האָט זי גאָר אויסגעזען גענוג יונג. זי איז געגאַנגען לייכט; זי האָט פּאַרקאַטשעט האָר שוואַרצע קליידל, ווייזנדיק א פּאָר שטאַרקע פיס. טאַטע האָט געשאָלטן יעדעם מאָל, ווען ער האָט זיך אויסגעגליטשט אויף די נאַסע שטיינער, מיט וועלכע עס זענען געווען אויס־ברוקירט פון לאַנגע צייטן די געדרייטע געסלעך פון ראָקא די דזשאַלפּאַ.



סאַלוואַטאָרע און דאָס יינגל זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צום ים.

ק א פ י ט ל   צ ו ו י י

I

דזשיאַני האָט זיך שוין אומגעקערט קיין קראָטאָנע, ווען טאַטע האָט אים געפרעגט, צי ער וואָלט נישט געקאָנט געפינען פאַר אים א וועלכע ס'איז אַרבעט אין שטאָט. דזשיאַני האָט אים ענטפער בלויז א דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

אין ערשטן טאָג פון ווייַנאַכטן האָט דער עלטערער ברודער האַרציק זיך באַגריסט מיט סאַלוואַטאָרען. אָבער נאָך א קליינעם שמועס האָט דזשיאַני זיך אָנגעהויבן צו פאַרהאַלטן צוערשט פאַרזיכטיק, שפּעטער מיט חוזק. ווען ער איז געקומען צו פאָרן אויף ניי-יאָר, האָט ער שוין נישט דיסקוטירט מיטן ברודער. סאַלוואַטאָרע האָט פאַרשטאַנען, אַז אַרמאַנדאָ איז שוין געווען ביי אים אין קראָטאָנע און אים געוואָרנט.

דזשיאַני איז, וואָס אַן אמת, קיינמאָל נישט געווען מילד, ער האָט פון טאַטן געירשנט די פאַרשלאָסנקייט אין זיך און עקשנות, אָבער נאָך דער מלחמה האָט ער זיך געענדערט צום ערגערן. ער האָט שטאַרק צוגעהינקען אויף דער לינקער פוס. ער האָט זי צעבראָכן, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט ביי דעם זשוויר. דערפאַר האָט מען אים אויך, צום גליק, נישט גענומען אין מיליטער. און ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָבן פאַרפעלט אַרבעטער אין די פאַבריקן פון מאָנטעקאַטיני. די פאַבריק פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג האָט שוין דעמאָלט אויסגעאַרבעט דינאַמיט. דזשיאַני האָט גלייך באַקומען אַרבעט אין מאָנטעקאַטיני, און מיטן אויסנאַם פון דער צייט, ווען די אַמעריקאַנער האָבן געלאַנדעט אין סיציליע און דערנאָך אין קאַלאַבריע, ביז דעם פאַלן פון מוסאָליני, האָט ער נישט געוווּסט פון קיין אַרבעטלאָזיקייט. נאָך דער באַפרייונג האָט די פאַבריק אָנגעהויבן צו גיין מיט דער הילף פון די אַרבעטער גופא. פון דער דירעקציע איז קיינער אין קראָטאָנע נישט פאַרבליבן. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן פאַמעלעך צוריקצוקערן אויף זייערע אַלטע שטעלעס.

דזשיאַני האָט זיך געענדערט צום ערגערן. ער איז געוואָרן שאָרסטקע. די מוטער און מאַריאַ זענען געגאַנגען פאַר אים אויף די שפּיץ-פינגער. ספּעציעל פון דער צייט, ווען פיליפּעלאַ האָט זיי אויפגעהערט צו געבן וואָל אויף שפּינען. פון

צייט צו צייט האָט דזשיאַני געגעבן עפּעס אין שטוב אַריין. און די יום־טובֿים האָט מען איינגעאָרדנט פֿאַר זיין געלט. ביידע האָבן געוווּסט, אַז ער קומט צו פֿאָרן קיין ראָקאַ די דזאָלפּאַ נישט צוליב דעם יום־טובֿ. די פֿאַרערונג פֿאַר דזשיאַני איז געווען דאָס איינציקע נייע, וואָס סאַלוואַטאָרע האָט געטראָפֿן אין דער היים. גאָר וואָס אָנבאַלאַנגט מאַריען, האָט ער געצווייפֿלט צי דאָס איז אויפֿריכטיק. מאַריאַ האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, ווי אַ שפּרוך, אַז דזשיאַנין וואָלט די רשעות איבערגעגאַנגען, ווען ער זאָל חתונה האָבן, אָבער נישט מיט אַנדזשעלינען. זיינע באַמיונגען וועגן אַנדזשעלינען וועלן זיך בלויז ענדיקן מיט אַן אומגליק. דער רייכער פֿיליפּעלאָ האָט געשוווירן נישט אויסגעבן זיין טאָכטער פֿאַר אַ קאָמוניסט, און דאָס נאָך פֿאַר אַ הינקענדיקן. ווען מאַריאַ האָט דאָס גערעדט, פֿלעגט זי אין געהיים פֿון אונטער דער ברעם אָפּמעסטן די גלייכע פֿיגור פֿון ייִנגערן ברידער. יעדן שבת פֿלעגט אַנדזשעלינאַ פֿירן קיין קראָטאָנע אויפֿן יאַריד געשפּינטע אָדער געשווירעגע וואָל צום פֿאַרקויפֿן. און דעמלט האָט דזשיאַני מיט איר זיך געזען, נאָכדערלעד, נישט אין זיין ווינקל. פֿראַנצעסקאַ, די פֿרוי פֿון דאָן דאָמעניקאָ, דעם אָפּגעזאָגטן קשיאַגדז, האָט וועגן דעם דערטראָגן מאַריען און דער מוטער אימאַקאָלאַטען. זי האָט געשוווירן, אַז זי האָט זיי אַליין געטראָפֿן ביידע אינמיטן העלן טאָג אויף דעם פּיטאָגאָראַס־פּלאַץ. ביידע פֿרויען זענען געווען נאָענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און געבעטן די פֿרוי פֿון קשיאַגדז נישט איבערצוחזרן דאָס פֿאַר קיינעם. זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר פֿיליפּעלאָס נקמה. גענוג, אַז ער האָט זיי אויפֿגעהערט צו געבן וואָל צום שפּינען. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט עס אַריינגעבראַכט עטלעכע ליר. אָבער אַנדזשעלינאַ האָט געהאַט היים בלוט און דערצו איז זי נאָך נישט פֿאַרזיכטיק, ווייל שפּעטער האָבן זי שוין אויך אַנדערע געזען צוזאַמען מיט דזשיאַנין. דאָס האָט זיך דערווייל געענדיקט נישט צום ערגסטן. פֿיליפּעלאָ האָט זי אַ ביסל אָנגעשלאָגן; קיאַראַ, די חבֿרטע פֿון מאַריען, האָט, וואָס אַן אמת, דערציילט ביים טייכל אין וואַלד, אַז ער האָט זי צעשלאָגן ביז בלוט, אָבער דאָס איז נישט געווען אמת, ווייל מע האָט זי געזען אין דעם זעלבן טאָג אַ געזונטע און רואיקע ביים איבערוואַשן שאָפֿן־וואָל. דער פֿאָטער האָט איר נאָך פֿאַרבאָטן צו פֿאַרלאָזן ראָקאַ די דזאָלפּאַ, און ווען דזשיאַני איז געקומען אויף יום־טובֿ, איז איר נישט דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פֿון שטוב. און דער ברידער אירער, דער קשיאַגדז האָן לואידזשי, דער זעלבער, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויפֿן אָרט פֿון האָן דאָמיניקאָ, האָט זיך אַרויסגעקליבן פֿון פֿאָטערס הויז אין אַ פֿאַרלאָזט פּאַלאַצל צווישן אייקאַליפּטוסן, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פֿון באַראָן בערלינגיערי, כדי נישט צו וווינען אונטער איין דאַך מיט דער אויסגעלאַסענער שוועסטער. אָבער פֿראַנצעסקאַ האָט אָנגעגעבן אַן אַנדער׳ע סיבה: אויפֿן ראַנד פֿון פּראַגאַלאַ איז דזשודיטען, דער פֿרוי פֿון סאַנדראָן, דעם זון פֿון קירכע־באַדינער אַנדרעאָ, לייכטער געווען זיך צו פֿאַרגנבֿענען ביי־

נאַכט צום יונגן קשיאָנדו. אין נעכסטן זונטיק האָט דאָן לואידזשי נאָך מער, ווי ביז איצט, געשיט פֿײַער און שוועבל פֿון דער אַמבאָנע אויף די קאָמוניסטן — אַנטיכריסטן. אויף די גלויביקע האָט אַזאַ דרשה אין אָנהייב אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק, ווײַל יעדער פֿון זיי איז אָדער אַליין געווען אַזאַ אַנטיכריסט, אָדער ער האָט אַזאַ אַנטיכריסט געהאַט בײַ זיך אין שטוב. אָבער שפּעטער האָבן זיך אייניקע צוגעוווינט דערצו, אַנדערע האָבן אויפֿגעהערט צו גיין אין קאַשטשיאָל אַרײַן. ער האָט דעריבער געוויינלעך געפּוסטעוועט.

וועגן דעם, אַז דזשיאַני איז איינער פֿון די הויפּט־קאָמוניסטן, האָט זיך סאַלוואַטאָרע דערוווּסט פֿון אַרמאַנדאָ און סילוויאָ. עטלעכע טעג נאָך זײַן צוריקקער זענען זיי ביידע צו אים געקומען, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס עס הערט זיך אין אויסטראַליע און וואָס ער, טאַטאַ, קלערט צו טאָן. אָבער אין דער אמתן האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער ציל מיט זייער באַזוך. זיי האָבן אים אויס העפֿלעכקייט אויסגעפֿרעגט וועגן דעם און יענעם און דערנאָך אַליין אָנגעהויבן צו דערציילן פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. טאַטאַ האָט נישט אַלץ קלאָר פֿאַרשטאַנען. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס זײַן פֿאַרשווונדן האָט גורם געווען דעם וווּקס פֿון אַרבעטסלאָזיקייט. פֿון זינט דער קאָאָפּעראַטיוו איז זיך צעפֿאַלן, האָט דערציילט אַרמאַנדאָ, — האָט די נויט זיך פֿאַרשטאַרקט. פּאַמעלעכן איז סאַלוואַטאָרע קלאָר געוואָרן אויף אַזויפֿיל, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט. וועגן דער האַזיקער באַוועגונג אין די דערפֿער אין פֿינף און פֿערציקסטן און זעקס און פֿערציקסטן יאָר האָט אים דער פֿערמער געלייענט אין אַן ענגלישער צײַטונג פֿון סידני, ווי וועגן אַ באָלשעוויסטישן בונט. און אַרמאַנדאָ רעדט וועגן דעם אַזוי רואיק. די פּריצים זענען געזעסן שטיל, די פּאָליציי איז נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק. דעמאָלט מאַקע, אין זעקס און פֿערציקסטן, איז אַנטשטאַנען דער קאָאָפּעראַטיוו. „פּראָלעטאַריער" האָט ער געהייסן. די לוין־אַרבעטער און די באַלעבאַטים, כּמעט באַלעבאַטים אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ קאָן מען אויסרעכענען אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט, יעדנפֿאַלס סײַ די לוין־אַרבעטער, סײַ די באַלעבאַטים, אָן שום אונטערשיד, האָבן פֿאַרנומען די ערד פֿון באַראָן בעל־לינגיערי. פֿיליפּעלאָ האָט פֿאַרנומען פֿאַר זײַנע שאָף די פּאַשע־פֿעלדער נאָענט פֿון פּראַגאַלאַ. אַברוצעזע האָט פֿאַראייניקט צו זײַן וויינגאָרטן אַ שטיקל ערד פֿון „מאַל". ערד האָבן אויך גענומען אַלעסיאַ גריעקאָ, דער זון פֿון אַנטאָניאָ, און פֿעראַראַ, דער פֿעטער פֿון אַרמאַנדאָ. עס האָבן אויך גענומען די לוין־אַרבעטער. נישט אַזוי ווי נאָך יענער מלחמה בלויז טאָמאָלאַטן, נאָר גאַנצע העקטאַרן. שפּעטער איז אויסגעקומען, אַז אויך דאָס איז ווייניק. מע האָט דעריבער פֿאַרלייגט אַ קאָאָפּעראַטיוו. איצט וואָלט מען שוין געוווּסט, וואָס און ווי אַזוי מע דאַרף האַנדלען. אָבער דעמאָלט ווער האָט געקאָנט וויסן. עס איז געווען נאָר וואָס נאָך דער מלחמה. דאָס לעבן

האָט זיך נאָך נישט איינגעליגט. אַרמאַנדאָ האָט נאָך געמוזט אויסליגן די ווונדן פֿון די דײַטשישע פּײַניקונגען. ער האָט געקעמפֿט אין דער גריכישער פּאַרטיזאַנקע. און דער „סינדאַקאָ“* אַבּרוצעזע, כאָטש ער איז געווען אויסגעוויילט פֿון די קאָמוניסטן און איז אין פֿינף און פֿערציקסטן יאָר אַליין אַרײַנגעטרעטן אין דער פּאַרטיי, — האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. די דאָזיקע העקטאַרן זענען אים אַראָפּגעפֿאַלן אַזוי פּלוצעם, אַז ער האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. די אויגן זענען אים אַרומגעלאָפֿן, ווי בײַ אַן אומזיניקן. ווען זאָל ער דאָ הערן? אייניקע זאָגן: לאָמיר אַרבעטן אַלע צוזאַמען און מיט די פּרוכטן וועלן מיר זיך צעטיילן גלײַך אויף גלײַך. אַנדערע זאָגן: בעסער צעטיילן די ערד צווישן די מיטגלידער פֿון קאָאָפּעראַטיוו און פֿון דעם געוועזענעם אײַנצאָלן אַ געוויסע סומע אין דער אַלגעמיינער קאַסע. דאָס געלט באַשטימען אויף אײַנצוקויפֿן אַקערס, מוילאייזלען, קינסטלעכע באַוואַסערונג און אויך אויף דורכצופֿירן וואַסער־קאַנאַלן פֿון טײַך נעטאָ, וועלכער געפֿינט זיך אויף צען קילאָמעטער ווײַט פֿונדאַנען, ווײַניקסטנס פֿאַרן „מאָל“, פֿאַר דעם ווײַנגאָרטן פֿון אַבּרוצעזען און פּעראַאָ, פֿאַר די פֿעלדער, וואָס ליגן אין דער נידער. איבעריקנס, האָט קיינער נאָך נישט געוווּסט, וואָס עס פֿעלט אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו. דאָס וועט זיך אַרויסווײַזן. דער „סינדאַקאָ“ אַבּרוצעזע איז געווען פֿאַר צעטיילן. זײַנע פֿעלדער האָבן זיך געפֿונען אין „מאָל“. לעבן דעם ווײַנגאָרטן. הייסט עס — צעטיילן. זאָל זײַן צעטיילן. גוט — אַרמאַנדאָ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער זאָל זיך אָפּוואַשן די הענט, — דעמאָלט האָט זיך עס נאָכאַמאָל אָנגעהויבן: וויאַזוי טיילן? ווייניקער פֿון אַ טאָמאַלאַטע לוינט זיך נישט. דעמאָלט האָבן אייניקע געזאָגט, צווישן זיי אויך דזשאַני, אַז ס׳איז פֿאַראַן בלויז איין אויסגאַנג: צונעמען נאָך ווײַטערע העקטאַרן. צי ווייניק ערד ווערט פֿאַרטאַבלעוועט אַרום? אָדער אַנדערע, ווי פֿיליפּעלאָ, און אַפֿילו דער „סינדאַקאָ“ אַבּרוצעזע, האָבן געזאָגט, אַז דער באַראָן בערלינגערי איז נאָך נישט קיין געפּגרטער לייב. און מע דאַרף נישט רייצן איבער דער מאָס, ווײַל ער וועט זיך צעבייזערן און וועט אַלץ צונעמען אויף צוריק? אַזוי האָט אויך געזאָגט אַלעס אַ גרעקאָ. גוט, איז וויאַזוי האַנדלען? ווײַל איבערטיילן האָס, וואָס איז פֿאַראַן, איז נאָר יושרדיק. דאָס וויכטיקסטע איז דער יושר. אַלזאָ, ווי טיילן? צו גלײַכע חלקים, אָדער לויט די הענט אין יעדער משפּחה? און ערד צו ערד איז דאָך אויך נישט גלײַך. ווער וועט וועלן נעמען שטיינער. יעדער וועט זיך שטופּן צו די פֿאַשע־פֿעלדער, וואָס פֿאָדערן בלויז, מע זאָל זיי צעאַקערן און פֿאַרזייען און ס׳איז שוין פֿון זיי עפּעס פֿאַראַן. ווען זשע וועט מען געבן די בעסערע און ווען די ערגערע? און נאָך איידער מע האָט צעאַקערט און פֿאַרזייט, זענען שוין אַנטשטאַנען קריגערייען. גאַנץ

---

* בירגערמײַסטער, וואָיט.

ראָקאַ די דזאָלפאַ האָט געקאָכט. עס זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען ביים „סינ-
דאַקאָ". עס זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען אין די הייזער. ביז מען איז געפאַלן
אויפן געדאַנק: מע וועט וואַרפן גורל. גוט, זאָל זיין גורל. און, ווי עס איז שטענ-
דיק, ווען מע וואַרפט גורל, די, וועלכע האָבן זיך צום שטאַרקסטן געגייטיקט,
האָבן גאָרנישט אַרויסגעצויגן, און די, וואָס האָבן אַזוי אויך געהאַט, האָט אָפּגע-
גליקט. דאָס הייסט: פיליפּעלאָ, אַלעסיאָ, גרעקאָ, פעראַראָ. און סימאָנע באַר-
באַראָ און פּעפּע פעדעלין. נאָר די לעצטע צוויי — וויניקער. אַרמאַנדאָ און סילוויאָ
האָבן, פאַרשטייט זיך, באַקומען אַ פייג. נאָר גאָרנישט: ס'איז פאַראַן ווייניק
ערד צום צעטיילן, מע דאַרף צוואַרטן ביז אַ נייער געלעגנהייט, זאָל כאָטש זיין
אַ קאָאָפּעראַטיוו. אַרמאַנדאָ איז אויף אַ רגע שטיל געבליבן: אַ קאָאָפּעראַטיוו
איז שטענדיק אַ געוויסע פאַרלייכטערונג, מעגלעך נישט פאַר אַלעמען, אָבער
ווייניקסטנס פאַר אַ קלענער צאָל. ווי ס'זאָל נישט זיין, איז עס אַ ביסל ערד צו-
גענומען ביים באַראָן. און וואָס שוואַכער דער באַראָן, אַלץ שטאַרקער זענען די
אַרבעטער. דאָס איז דער אָנהייב. פרייער אַ ביסל ערד, דערנאָך אַלע מאָל מער,
ביז מע וועט פאַרנעמען אַלע גיטער, נישט בלויז אין ראָקאַ די דזאָלפאַ, נאָר
אומעטום, אין דזשונגאַ, אין קאַסאַבאָנאַ, ראָקאַ די נעטאָ, סטראָנגאָלי, סאַן
דזשיאָוואַני אין פיאָרע, און אין גאַנץ קאַלאַבריע. אָבער דערנאָך, אין זיבן און
פערציקסטן איז געווען אַ שוידערלעכע טריקעניש, וועלכע מע האָט ביז דאַן נישט
געדענקט. דער טייך נעטאָ האָט אויסגעטריקנט. אַלץ איז געגאַנגען צו גרונט. עס
איז געווען אַ הונגער און קיינער האָט אין קאָאָפּעראַטיוו קיין סאָלד נישט איינ-
געצאָלט. אייגנטלעך האָט מען אַפילו נישט געוווּסט, צוליב וואָס מע דאַרף צאָלן.
מע האָט נישט געוווּסט, צוליב וואָס מע דאַרף האָבן דעם גאַנצן קאָאָפּעראַטיוו,
ווען יעדער איינער האָט געאַרבעט אויף זיין שטיקל ערד און נישט געזאָרגט, צי האָט
דער צווייטער אַן אָקער, אָדער מוז מיט דער זאַפּאַ* גראָבן די ערד, צי ער האָט
אַ מוילאייזל, אָדער מוז זיך אַליין איינשפּאַנען אין אָקער, צי ער האָט מיט וואָס
צו פאַרזייען, צי נישט. עס רעדט זיך אַזוי: אַ קאָאָפּעראַטיוו, אָבער גרעקאָ האָט
געהאַט מוילאייזלען און ווייץ און די אָרעמעלייט האָבן זיך פאַרשולדיקט, כדי
צו פאַרזייען, און דערנאָך, ווען אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן, האָבן זיי נישט גע-
האַט נישט צו פאַרקויפן, נישט אָפּצוגעבן דעם חוב און אַפילו נישט אויף ברויט.
זיי זענען דעריבער געגאַנגען אויף אַרבעט פאַר דעם בלויזן ברויט, און דאָס האָט
מען באַטראַכט פאַר אַ גליק. און דער קאָאָפּעראַטיוו, נאָך איידער ער איז געבוירן
געוואָרן, איז ער פון זיך אַליין צעקראָכן געוואָרן. דערויף טאַקע האָט געוואַרט
בערלינגיערי. פאַר אַזאַ באַראָן איז לייכטער האָבן צו טאָן מיט יעדן באַזונדער,
איידער ווי מיט אַלע צוזאַמען. עס איז געקומען צו פאָרן דער אַדמיניסטראַטאָר
אַגאָסטאָ מאַיאָלינאָ מיט געהילפן און דעם באַראָנס מענטשן האָבן אָנגעהויבן

* גראָב-אייזן.

אַראָפּציטרייבן פון דער ערד יעדן באַזונדער. היינט דעם קליינעם מאַטעאָ, דעם שוואָגער פון „סינדאַקאָ“ אברוצעזע, מאָרגן סאַנדראָן, דעם זון פון אַלטן קירכע=באַדינער אַנדרעאָ, דערנאָך סימאָנאָ באַרבאַראַ מיט זיין פריינד פּעפּע פּעדעלי, שפּעטער דעם שטאַרקסטן און העכסטן לוין=אַרבעטער אין ראָקאַ די דזשאָלפּאָ, פראַנצעסקאָ רוזאַנאָ און דעם דאַרן און שווינדזוכטיקן גאַסטאָן טשיאַוואָגנע און אַזוי ווייטער. און יעדער האָט געטראַכט: גוט, וואָס ניט איך. אמת, בערלינגיערי האָט ניט געריהרט פּיליפּעלאָן פון די פּאַשע=פעלדער לעבן פּראַנאַלאַ. אָבער דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס פּיליפּעלאָ האָט געמאַכט אַ מסירה אויף דעם אַלטן יענער אַנטאָניאָ גרעקאָ. מע האָט אויך איבערגעלאָזט דאָס פעלד דעם „סינדאַקאָ“ אברוצעזע. און ווען עמעצער איז אַרויס אין פעלד און פאַרזייט זיין דעראַבערט שטיקל ערד, דאַן האָבן די מענטשן פון באַראָן בערלינגיערי געוואַרט ביז דער ווייץ איז אויפגעגאַנגען און דערנאָך צוגעלאָזט די שכנותדיקע גיטער די בהמות, אָקסן און שאָף, און אפילו מויל=אייזלען און אייזלען, און זיי אַרויסגעטריבן אויף דעם שטיקל ערד, ווי אויף אַ פּאַשע=פעלד. דער יונגער ראָזאַריאָ, דער זון פון דער אלמנה אַננאַ, האָט דריי מאָל אַזוי פאַרזייט און דריי מאָל האָט דאָס פּי פון דעם באַראָן פאַרניכטעט זיין מי. ענדלעך האָט דער בחור זיך געמוזט אונטערגעבן. ווער געדענקט אַזעלכע פאַרלאָזטע שטחים, ווי סאַנטאַ ראָסאַ אָדער פּראַטיטשעלאָ? מע האָט זיי אָפּגעריייניקט פון די פעלזן, וועלכע האָבן נאָך געדענקט די ציטן, ווען וועלכע עס האָט דערציילט דער אָפּגעזאָגטער דאָן דאָמיניקאָ. און ווען דער מדבר איז שוין געוואָרן פרוכטבאַר, איז געקומען בערלינגיערי און געזאָגט, אַז דאָס איז זיין אייגנטום. און היינט וואַקסן דאָרט ווידער ווילדע קרייטעכצער, אויף וועלכע די שאָף אפילו ווילן ניט קיין שפּיי טאָן. און נאָך די וואַלן, ווען די הערן האָבן זיך שוין דערפילט אינגאַנצן זיכער, איז געקומען די ערגסטע פּלאָג פון דרום: די אַדוואָקאַטן. די וואָס האָבן געהערט צום קאָאָפּעראַטיוו, האָט מען אָנגעהויבן רופן אין די געריכטן, כדי זיי אָפּצושרעקן איין מאָל פאַר אַלע מאָל. מע האָט זיי צוגעטשעפּעט פאַרשידענע פאַרברעכנס: גנבה פון שוועבל אין די גרובנס פון מאַרקיז מאַסאַרי, דאָס אויסהאַקן דעמבעס אין יאַגד=רעזערוואַט פון באַראָן בערלינגיערי, יאַגד אויף פוקסן און א. וו. אַזאַ איז געווען דער סוף פון דעם קאָאָפּעראַטיוו. און ווען מע זאָל האָבן געטאָן אַזוי, ווי עס האָט געעצהט דזשיאַני, ווען מע זאָל האָבן באַאַרבעט די פעלדער צוזאַמען, וואָלט דער קאָאָפּעראַטיוו נאָך עקזיסטירט ווייטער און וואָלט אויף אַ געוויסן אופן געהאָלפן די לוין=אַרבעטער. די מענטשן וואָלטן זיך מיט די ציין געהאַלטן ביי דער ערד, אַלע צוזאַמען. אפילו שעלבאַ אַליין וואָלט דאָ גאָרניט געקאָנט אויפטאָן.

— איר וואָלט, הייסט עס, געוואָלט ווי אין רוסלאַנד? — האָט געפרעגט סאַלוואַטאָרע.

אַרמאַנדאַ און סילוויאַ האָבן זיך איבערגעקוקט.

— און וואָס גייט דיר? — האָט אויסגערופן סילוויאַ.

— ווי קאָן מען האָבן ערד אַלע צוזאַמען? דאָס איז פּונקט ווי האָבן אַ געמיינזאַמע פרוי — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע.

— איז, הייסט עס, בעסער אויף אַזאַ אופן, אַז די גאַנצע ערד זאָל געהערן צו איין בערלינגיערי? — האָט געפרעגט ארמאנדאָ.

— צום בעסטן וואָלט געווען, אַזוי ווי אין אויסטראַליע, און נישט ווי אין רוסלאַנד, — האָט סאַלוואַטאָרע זיך צעשמייכלט.

— איך זע, אַז דו האָסט מורא, — האָט סילוויאַ אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס, — פאַר וואָס אייגנטלעך האָסטו מורא? דו ביסט דאָך נישט בערלינגיערי און אַפילו נישט פּיליפּעלאָ.

— טאַטאַ, — האָט זיך אָנגערופן אַרמאַנדאַ, — דו האָסט געזען אַזאַ גרויסע וועלט. צי איז נאָך ערגעץ אַזוי, ווי ביי אונדז דאָ?

— אין ערגעץ נישט.

— פאַרוואָס זשע דאַרפן מיר איבערלאָזן אַלץ ווי אַמאָל? ווען גולאָ איז געווען אונדזער מיניסטער, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז ענדערונגען, און ווען ער זאָל געווען איבערבלייבן ביז איצט, וואָלט נישט געווען אַזויפיל אַרבעטלאָזע און אַזויפיל ערדלאָזע, — אַרמאַנדאַ האָט אַ פּיר געטאָן מיט זיין טרוקענער דלאָניע איבער דעם האַרטן באָרד־וווקס. — יאָ, נישט אַלץ ווערן געבוירן גלייך קלוגע. איך בין אויך נישט געווען קיין קאָמוניסט פון דער ערשטער מינוט. דער ערשטער נאָך פאַר דער מלחמה האָט מיר געזאָגט דיין ברודער דזשיאַני, אַז מע וויל עפּעס האָבן, מוז מען קעמפן. איך האָב זיך צוריקגעקערט אין דעם פינף און פערציקסטן פון גריכנלאַנד און זיך אַרומגעדרייט איבער ראָקאַ די דזאָלפאַ ווי אַ נאַר. ווען איך האָב דערזען אַלץ, וואָס דאָ טוט זיך, אַז דאָ האָט זיך נאָך דער מלחמה גאָרנישט געענדערט, האָב איך זיך אויך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. פּונקט ווי דו. יאָ.

סאַלוואַטאָרע האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס זיי זענען געקומען.

— מיך לאָזט צורו, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — איך בין נאָר וואָס געקומען. איך וויל נישט זיין קיין קאָמוניסט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:

— און וויפל זענט איר פאַראַן?

אַרמאַנדאַ האָט פאַרזשמורעט די אויגן:

— דאָנה גישט, סאַלוואַטאָרע, מיר זענען נישט ווייניק. פרעגאָ רופט אָן ראָקאַ די דזאָלפאַ אַ פאַרשאָלטענע באָלשעוויסטישע נעסט.

אין שטיב איז אַריינגעלאָפן מאַריאַ מיט אַ געשריי און מיט קללות. עס איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ הון, וועלכע האָט פון צוויי טעג געהונקען. זוכער האָבן זי

די יונגען געכאַפּט און אָפּגעבראַכט אין פעלד. זי האָט געשריגן אויפן ברודער, אַז ער זאָל זי גיין אויפזוכן. סאַלוואַטאָרע האָט גאַרנישט געענטפערט. אַרמאַנדאָ און סילוויאַ זענען אויפגעשטאַנען און זיך אָפּגעזעגנט.

II

פּרעצאָ איז געווען דער סערזשאַנט פון די קאַראַביניערן. טאַטאָ האָט אים געטראָפן אַפט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דעם פעלד, וואָס מע האָט נאָך דער מלחמה אָנגערופן פרייהייטס-פּלאַץ. דאָ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די אַרבעטסלאָזע, געשמועסט און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס די צייטונגען שרייבן. זיי זענען געזעסן אויף דעם שטיינערנעם וואַל, וועלכער האָט זיך געצויגן אַזש ביז דעם סאַראַצענער טויער. דורך דער גאַנצער לענג פון וואַל האָט זיך גע-שוואַרצט אַן אויפשריפט וועלכן עס האָבן אַפילו די רעגנס נישט געקאָנט פאַר-ניכטן: „אויב די ווילסט ערד, שטים אויף גאַריבאַלדי“, און א צווייטער: „לטובת דיינע קינדער שטים אויף גאַריבאַלדי“.

די אַרבעטסלאָזע זענען דאָ געזעסן שעהנווייז. קאָנטשעטאַ, א דאַר ייִנגל מיט צעשראָקענע אויגן האָט זיי געלייענט אויפן קול די „אוניטאַ“. זיי האָבן נישט געפילט דעם געשמאַק, וועלכער איז געגאַנגען פון די שטאַלן פון „פּאַרקאָפּאָלי“.

— צי פילסטו נישט, ווי דאָ שטינקט? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט דעם קליינעם מאַטעאָ, דעם מאַן פון יאָלאַנדאַ.

— פאַרוואָס פיל איך נישט? איך פיל, — האָט מאַטעאָ געזאָגט, און זיך ווייטער צוגעהערט צום קרייענדיקן קעלבל פון קאָנטשעטאָ. דאָס איז געווען נישט קיין אָנגענעם ייִנגל. ווי ער זאָל זיין געצוווּנגען אויסצובאַהאַלטן א וועלכע ס'איז שוואַכקייט. פאַרוואָס האָט מען גראָד אים אויסגעקליבן צו לייענען די צייטונג? צי איז שוין נישט געווען קיין שום אַנדערער? קאָנטשעטאָ האָט זיך אויסגעהאָדעוועט צווישן די אַרבעטער פון זינט א פּעלזיקע וואַנט האָט צעקוועטשט זיין הויז מיט די עלטערן.

מע האָט געפּרוּווט אַריינציען סאַלוואַטאָרען אין דעם געמיינזאַמען לייענען די „אוניטאַ“. טאַטאָ האָט אָפּגעזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט אים געפרעגט דער יונגער ראָזאַריאָ, דער זון פון דער אַלמנה אַנגאַ.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ שמייכל געטאָן און געשוויגן.

— **פאַרוואָס ווילסטו אונדז נישט העלפן, — האָט מילד געפרעגט וויטאַ,** דער אייגנטימער פון א מילאַייזל און א „שאַראַבאַלע“* — אין מילימער האָט מען דאָך דיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן.

* א וואָגן אויף צוויי רעדער.

— מיר וועלן זיך געבן אן עצה אַן אים, — האָט מאַטעאָ א מאַך געטאָן מיט זיין קורץ הענטל.

מע האָט אים סוף־כל־סוף געלאָזט צורו.

אַן אויסגעוואַרעמטער אויף דער זון, האָט ער צוריקגעקערט אין שטוב, ווו ער האָט פון מיטאָג־צייט זיך געקאָכט באַבעס. אין שטוב אָן פענצטער און אָן אַ קוימען האָט דער רויך אויסגעגעסן די אויגן. פון צייט צו צייט האָט מאַריאַ צוגעוואָרפן א ביסל טרוקענע קריינעבצער, וועלכע האָבן געקנאַקט מיט פונקען אויף אַלע זייטן. דעם איבערגעבראָכטן דריי־פוס האָט מאַטאָ געדענקט מיט דעם זעלבן שיכט סאַזשע נאָך פון דער קינדהייט. אין דעם צושטאַנד, דאַכט זיך, האָט אים די מאַמע געבראַכט אַלס נדן. אין דער שוואַרצער שיסל האָט אין אַ געדיכטער געלער פליסיקייט געקלעקעט דער באָב. דער רויך האָט זיך געצויגן ביז אין סופיט, געקראָכן אויף די לעבעדיקע שטיינערנע ווענט, ביז ער איז אַרויס דורך דער שטענדיק אָפענער טיר.

— צי קאָן מען נישט קאָכן אויפן הויף? — האָט ער מאַריען געפרעגט.

די שוועסטער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, הייבנדיק מיט די אַקסלען. זינט זי לעבט איז דער רויך געווען אין שטוב, און ער וויל אים פאַרטרייבן אין דרויסן? ווען אַלע זאָלן אַזוי אָנהייבן טאָן, וואָלט געווען אַ סוף צו ראָקאַ די דזאָלפאָ!

סאַלוואַטאָרע האָט געוואָלט פרעגן פאַרוואָס, אָבער ער האָט בלויז אַ צי געטאָן מיט די פלייצעס און אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון שטאָטראַט, ווו ער האָט פריער, צוריקקערנדיק זיך פון פרייהייטס־פלאַץ, באַמערקט פרעמדע שמועסן מיט דעם אַלטן קירכע־באַדינער אַנדרעאַ. דער סערזשאַנט האָט אים אויך דאָס מאָל נאָכגעקוקט. סאַלוואַטאָרע האָט געוווסט, אַז ער וויל מיט אים רעדן.

דאָס ראָזע הויז פון שטאָטראַט מיט די גרינע לאָדנס איז געשטאַנען אויף דעם פלעצל, צו וועלכן עס האָבן געפירט געדרייטע טרעפּ. די שויבן פון די פענצטער האָבן איצט אויסגעזען ווי גאָלדענע אין אונטערגאַנג פון דער זון. דער שמאָלער גלאָקנטורעם, וועלכער איז געווען ווי צוגעקלעפּט צו דער געביידע, האָט געוואָרפן אַ שוואַרצן שאָטן אויף דעם פלאַץ פאַר דעם ווייסן קאָסטשעל סאַנטאַ קיאַראַ. דער קאַראַבינער פרעצאַ איז איצט געזעסן אויף אַ טרעפּל פון קאָסטשעל און געשמועסט מיט אַנדרעאַן. ווען דער סערזשאַנט האָט דערזען סאַלוואַטאָרען, איז ער אויפגעשטאַנען און אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס. דאָס פּנים, טונקעלע פּנים פון פרעצאָן מיט די שוואַרצע רערער אונטער די אויגן האָט געבלישטשעט אויף דער זון ווי קופּער. דער סערזשאַנט איז נאָך געווען יונג, נישט געקוקט אויף זיין דיקקייט.

— וווהין גייסטו עס, סאַלוואַטאָרע? — האָט ער געפרעגט.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ שמייכל געטאָן און געמאַכט אַן אומבאַשטימטע באַוועגונג מיטן קאָפּ.

— קום צו מיר, וועלן מיר זיך אָנטרונקען מיט ווײַן. וועסט מיר דערציילן עפּעס פֿון דײַן וועלט. האָסט זיך אַזויפֿיל אָנגעזען.

די לעצטע ווערטער פֿון פּרעצאָן האָט פֿאַרטויבט אַ מעקען פֿון שאָף. אין איין רגע איז דאָס געסעלע געוואָרן פֿול מיט אַ שאָפּענער בהלה. די שאָף זענען אַראָפּגעשפּרונגען מיט אַ געדיכטער פֿאַליע פֿון די טרעפּ. נאָך זיי איז געלאָפֿן אַ צוועלפֿיעריקער בחור, פֿאָכנדיק מיט אַ בייטש אין דער לופֿט. דאָס פּנים פֿון פּאַסטעכל האָט סאַלוואַטאָרען דערמאָנט דעם יונגן פּאַפּיראָסן־פֿאַרקויפֿער פֿון אונטער די קאָלאָנאַדעס. די קינדער זענען דאָ אויסגעוואָקסן און מאַמאַ האָט נישט געוווּסט, וועמענס זיי זענען. אָבער די קינדער פֿון ראָקאַ די דזאָלפּאַ האָבן אים שוין געקענט.

— משאַ,* מאַמאַ — האָט אויסגערופֿן דאָס ייִנגל.

— משאַ, — האָט אָפּגעענטפֿערט מאַמאַ.

— מיט פּרעצאָן חברסטו זיך? מאַמאַ? — דאָס ייִנגל האָט געוויזן זײַנע אויסגעשטשערבעטע ציין. דער קאַראַביניער איז רויט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך באַמיט אַ שמייכל צו טאָן.

— דו קאָמוניסטיש הינטל, — האָט ער אים אַ דראָע געטאָן מיטן פֿינגער,
— וואַרט, אַז דו וועסט אונטערוואַקסן, וועל איך דיך ערשט אָנלערנען.

דאָס ייִנגל האָט זיך אַ גלעט געטאָן אונטער דער באָרד און אַ מעקע געטאָן, ווי אַ ציג. ער האָט אַ סווישטש געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופֿטן און פֿאַרשוווּנדן אונטער דער שטיינערנער געוועלבונג פֿון געסל.

— דו קענסט אים נישט? — האָט פּרעצאָ געפֿרעגט. — דאָס איז מינקאָטשיאַ, דער זון פֿון אונדזער גרעסטן קאָמוניסט אַרמאַנדאָ. אַרמאַנדאָ האָט שוין אָנגעשטעלט אויף דיר זײַן נעץ, נישט אמת? — דער קאַראַביניער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל. — איך פֿאַרשטיי נישט די קאָמוניסטן. זיי האַסן די רייכע, זיי וואָלטן זיי די גאָרגלען איבערגעשניטן, און אַרבעטן בײַ זיי ווילן זיי. אַפֿילו זייערע קינדער שיקן זיי צו די רייכע. מינקאָטשיאַ אַרבעט בײַ פֿיליפּעלאָן. און ווען פֿיליפּעלאָ זאָל נישט זײַן, ווו וואָלט אַרמאַנדאָ אים געשיקט אַרבעטן? און אַזוי איז מיט אַלע קאָמוניסטן. זיי וואָלטן אַליין געוואָלט זײַן די רייכע. און דײַן ברודער? דאָס איז אויך אַן עקזעמפּליאַר. ער האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַ רייך מיידל. ער פֿאַרמעסט זיך צו הויך. ווייסט, וואָס פֿיליפּעלאָ האָט געזאָגט?

—איך ווייס, — האָט מאַמאַ געזאָגט.

דער קאַראַביניער האָט פֿון דער זײַט אַ קוק געטאָן אויף סאַלוואַטאָרען:

---

* אַזאַ באַגריסונג.

— ביסט בייז? ביסט דאָך נישט קיין קאָמוניסט און נישט קיין הינקעדיקער.

— פרעצאָ האָט אַ קורצן לאַך געטאָן.

מאַמאַ האָט גאָרנישט געענטפערט און זיי זענען ווייטער געגאַנגען שווייגנדיק.

דער סערזשאַנט האָט געוווינט אין אַן אָפּגעזונדערט שטיבל מיט אַ הויף. אויף ביידע זייטן פון דער אַריינגאַנגס־טיר זענען געהאָנגען בלעכענע עמערס מיט ערד, אין וועלכע עס זענען געוואַקסן גערעניעס. דאָס איז געווען דאָס איינציקע בריגס פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ. אויף דער שוועל האָט אַ דרייעריק קינד זיך געשפּילט מיט אַ געלער קאַץ.

די פרוי פון קאַראַביניער האָט מיט דער פּאָלע פון איר שוואַרץ קליידל אָפּגעווישט דאָס בענקל און מאַמאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט.

די דראָטענע נעץ פונעם פענצטער האָט געוואָרפן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע אַ ציטערדיקן, זיידענעם שאָטן פון גאָלדלעכן הימל. אונטער דעם פּאַרוויכערטן קוימען האָבן געברענט טרוקענע צווייגן. עס האָט געשמעקט מיט באָב און מיט אייל. דריי שטיינערנע טרעפּלעך האָבן געפירט צו אַ פּאַרטיפונג, וווּ עס איז געשטאַנען אַ ברייט בעט איבערגעדעקט מיט אַ געלער קאָפּע.

די פרוי פון קאַראַביניער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ האַלבן ווייסן ברויט, אַ מעסער און אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל רויטן וויין. דערנאָך האָט זי דערלאַנגט פון אַש אַרויס וואַרעמע קאַשטאַנען.

פרעצאָ האָט אויסגעטאָן די מאַרינאַרקע. פון די הויזן, איינגעצויגענע מיט אַ שמאָלן פּאַסיק, איז אַרויסגעקראָכן די מיליטערישע קרעמאָווע בלוזע. ערשט איצט האָט זיך באַוויזן זיין ריזיקער בויך, וועלכער האָט הויך געסטאַרטשעט אַזש ביז צו דער ברוסט.

זיי האָבן זיך גענומען צום עסן. פרעצאָ האָט אָנגעגאָסן דעם רויטן וויין אין פּאָרצעלייענע טעפּעלעך. דערנאָך האָבן זיי פאַררויכערט פּאַפּיראָסן.

— עס ווערט שוין טונקל. מע דאַרף גיין, — האָט מאַמאַ געזאָגט.

— ראָזאַליאַ, צי איז דער באָב שוין פאַרטיק? — האָט געפרעגט דער קאַראַביניער, — ווי לאַנג וועט מען דאַרפן וואַרטן?

נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט ראָזאַליאַ אַ ברום געטאָן:

— נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן. ער וועט אַזוי גיך נישט זיין פאַרטיק. דאָס איז אַ פאַראַיאָריקער שד, האַרט ווי שטיין.

אין דרויסן איז שנעל טונקל געוואָרן. אויפן הימל זענען אַרויסגעטראָטן לענגלעכע פייערדיקע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעקילט צו אָוונט צו.

— דו האָסט שוין זיכער באַוויזן צו זען, וואָס ביי אונדז קומט פאָר. דאָס איז נישט דאָס זעלבע לאַנד, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט, ווען דו ביסט אוועק אויף דער מלחמה, — האָט ער פּלוצעם איבערגעריסן די שטילקייט. — אַ פּאַר-

שאָלטן לאַנג. איך שטיק זיך דאָ. פון איין זייט די פאַרלייזיקטע אָרעמקייט, און פון דער צווייטער זייט די קאָמוניסטן. דאָ איז אַפילו דער קשיאַנדז אַ קאָמוניסט. זיין דינסט האָט יער געמאַכט פיר ממזרים. און ער באַרימט זיך נאָך דערמיט פון דער אַמבאָנע, אַז ער פאַרלייקנט דאָס נישט, ווי אַנדערע קשיאַנדזן, וואָס ווילן זיך נישט צו זייערע קינדער אָנערקענען. און איצט רעדט ער אויס אַפּיקורסות דערפאַר, וויל מע האָט אים אַראָפּגענומען. ערגעץ אַנדערש וואָלטן די מענטשן פאַרשטייינערט אַזאַ אומגלויביקן. און דאָ רופט מען נאָך אים צו שטאַרבנדיקע. דאָס איז מעגלעך נאָר אין ראָקאַ די דזאָלפּאַ. אַ פאַרהייראַטער קשיאַנדז.

—ער האָט רעכט, — האָט זיך אָנגערופן ראָזאַליאַ, — אַ קשיאַנדז איז אויך אַ מענטש.

— זעסט עפּעס, — האָט דער קאַראַביניער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער זייט פון קיך, — אַ קשיאַנדז איז אויך אַ מענטש. בלויז אַ קאַראַביניער איז נישט קיין מענטש. אַפילו ביי זיך אין דער היים האָב איך נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

— וואָס הייסט, — האָט טאָטאָ אַ שמייכל געטאָן, — אַן אייגענע פרוי אין שטוב איז שטענדיק...

— יאָ, יאָ, — האָט דער סערזשאַנט אַ זיפץ געטאָן, — דו וועסט שוין זען, ווען דו וועסט חתונה האָבן. דו וואָלסט, אייגנטלעך, געקאָנט גוט חתונה האָבן, זעסט אויס אויף אַזאַ. עס וואָלט ביי דיר געקומען אַ סוף צו דער נויט. נישט אמת, ליאַ? מע דאַרף אים חתונה מאַכן. דאַ זע איך פאַר דיר בלויז איינע. אָבער זי איז שוין צוגעזאָגט אַ באַלעבאַטישן זון פון דזשינגאַ. ווייסט וועמען איך מיין, ליאַ?

ראָזאַליאַ האָט זיך נישט אָנגערופן. עס האָט אויך געשוויגן סאַלוואַטאָרע. ער האָט אַלץ געקוקט אין דער זייט פון פענצטער, ווי ס'וואָלט אים עמעצער פון דאָרט געקאָנט אַ רוף טאָן.

דער קאַראַביניער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף מענטשלעכע בליקן:

— ווי הייסטו אייגנטלעך? — האָט ער געפרעגט. — זיץ דאָ. דיין שטוב וועט דיר נאָך קריכן פון האַלדז. האָסט אָפּגעגעסן, אינטערעסירט דיך שוין מער גאָרנישט? ניין, ברודערל, זיץ. זיץ נאָך אַ ביסל, איך בעט דיך. לאָמיר אַ ביסל שמועסן. אַזוי ווי מענטשן שמועסן צווישן זיך.

— וועגן וואָס זאָל איך רעדן? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט.

— אַלצדינג. דאָ קאָן מען דאָך אומקומען.

אין שטוב איז שוין געוואָרן פולשטענדיק פינצטער. פון דער קיך איז געפאַלן אויפן סופיט אין אויף די ווענט דער אויסגעקרימטער שאָטן פון ראָזאַליען.

— הער זיך צו, — סאַלוואַטאָרע האָט דערפילט אויף זיין אַקסל די האַנט פון סערזשאַנט, — די ביסט דאָ ווי אַ גייער. איך בעט דיך, איב זיי וועלן דיך

וועלן אַרייַנציִען אין זייער פֿאַרשאָלטענער שייקע, לאָז זיך גישט. ווען פֿון צייט צו צייט אַרייַנקומען צו מיר. נאָכוואָס דאַרפֿסטו זיך פֿאַרנעמען מיט פּאָליטיק? איך פֿאַרנעם זיך אויך נישט מיט פּאָליטיק. — פֿרעצאָ איז געבליבן שטיל אויף אַ ווייַלע. דערנאָך האָט ער מיט אַ רואיקערער שטים צוגעגעבן: —ער, ווי נאַריש דו ביסט, נאַריש. ווען איך וואָלט אויף דייַן אָרט געווען אין אויסטראַליע... — דער סערזשאַנט האָט אַ בלישטש געטאָן אין דער פֿינצטער מיט די ווייַסלען פֿון זייַנע אויגן.

פֿון הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פֿון אַ קינד.

— גיי נאָר, גיב אַ קוק, פֿאַרוואָס לאָרענצאָ וויינט, — האָט געזאָגט האָזאַליאַ, — ס'איז שוין צייַט אים צו לייגן שלאָפֿן.

פֿרעצאָ האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און אַרויס. טאָטאָ איז אויפֿגעשטאַנען און זיך געזעגנט.

III

ער האָט זיך אויפֿגעוועקט בייַנאַכט פֿון דעם געדאַנק, וואָס האָט אים געעקבערט, אַז אַזוי וועט שוין בלייַבן אויף שטענדיק. ער איז אַליין צוריקגעקומען אין דער פֿולאַפּקע. ווען ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף זייַן שמוציקן געלעגער, איז דער האַזיקער געדאַנק אַרויפֿגעשווומען פֿון אויבן ווי אייל. אַ שטומער הילפֿלאָזער כעס האָט אים באַהערשט אויף זיך אַליין. וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער האָט זיך פֿאַרגריזשעט. ער וואָלט אַפֿילו געגאַנגען פֿאַר אַ פֿאַראָבעק צו פּיליפּעלאָן. אָבער איז די אויגן פֿון אַנדזשעליגען וואָלט דאָס געהייסן אַראָפּגיין עטלעכע טרעפּ נידעריקער. ווי וואָלט ער אויסגעזען? הייַנט האָט ער זי געזען צום ערשטן מאָל זינט זייַן צוריקקומען קיין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. זי איז אים געפֿעלן געוואָרן נאָך אַלס קליין מיידל, שטענדיק שיין אָנגעטאָן, אַן אַנדערע פֿון אַלע דאָרפֿישע קינדער. מעגלעך, אַז ערשט הייַנט איז זי אַרויס אין גאַס. אַזוי לאַנג ווי דזשיאַני איז געווען אין דאָרף, די צוויי טעג ווייַנאַכט און איין טאָג נייַ־יאָר, האָט זי זיך גישט געקאָנט באַווייַזן. דער פֿאָטער האָט אָפּגעהיט איר שוין צוויפֿלהאַפֿטע מיידלשאַפֿט. אַזאַ רייַצנדיקן גאַנג האָבן נאָר פֿרויען, וועלכע האָבן שוין דערקענט אַ מאַן. זי איז געווען שלאַנק און געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ לענגלעכע ברעט מיט צוויי רייען פֿרישׁ אויסגעבאַקענע ברייטלעך אויף איר. אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט דאָס בלויז אין חלום. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט די רויטע זאָקן און לענגלעכע אויגן, פֿאַרזשמורעטע מיט פֿאַראַכטונג. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, ווען זי האָט אים באַמערקט. מעגלעך, אַז זי האָט זיך געוואָלט פֿאַרהאַלטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס שמייכלט זי צו אים, ווי צו אַ ברודער פֿון דזשיאַני. זי האָט זיך כמעט נישט געביטן פֿון יענער צייַט. נישט

מער, וואָס איצט גייט זי איבערן דאָרף אַ סך שטאָלצער, ווי דעמלט. ווי האָט אַזאַ מיידל, אַ שלאַנקע, ווי אַ טשערעט, געקאָנט געפֿעלן דער הינקעדיקער דזשאַני?

ער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון אונטערן שינעל, ווי אַ טויכער, צי כאַפּן לופֿט. די שמאַטעס און די קישן האָבן געשטונקען מיט ווילגאַטש. עס איז אים געווען דושנע.

די מוטער און מאַריע זענען געשלאָפֿן פֿאַרמאַטערטע פֿון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, וואָס דער פֿאַרדינסט פֿון איר וואָלט מען געקאָנט פֿאַרשטעקן אין אַ פֿינגערהוט. זיי זענען געלעגן צוגעדעקט ביז איבערן קאָפּ. דאָס איז אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿון לעבן. ביינאַכט איז אין שטוב געוואָרן קאַלט. פֿון דער אויסגעקרומטער טיר האָט געשאָגט מיט קעלט.

די הילצערנע פֿיס פֿון געלעגער האָבן זיך צעסקריפּעט און פֿון אונטער זיי האָבן זיך צעקוואָקעט די הינער. טאַטאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אַלגעמיינעם געלעגער, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך דעם שינעל, אָנגעטאָן די פֿערמער=שיך און אַרויס אין דרויסן.

אין לבנה=ליכט האָט דער הימל אויסגעזען כמעט אָן שטערן און קאָבאַלט=בלוי. די צונויפֿגעקלעמטע הייזקעס, וועלכע זענען ביי טאָג געווען גראָ, האָבן איצט אויסגעזען ווייס, ווי אויסגעקאַלכטע מיט וואַפּנע אויף יום=טוב. טאַטאַ האָט אָפּגעאָטעמט מיט דער שטילער, ווי וואַסער דורכזיכטיקער לופֿט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל. אין לבנה=ליכט האָט ראָקאַ די דזאָלפּאַ אויסגעזען ווי אָן אַ סוף. איבערגעשניטן דורך די קרומע שאָטנס פֿון די געסלעך, מיטן אויסשיט פֿון געדיכט פֿאַרבויטע האָרבן האָט דאָס דאָרף דערמאָנט אַן אַראַבישן בית=עולם אָן צלמים. פֿון די קאָלומנאַדעס און נישט זגראַבנע גאַסן=וועלבונגען האָט אָפּגעשלאָגן דאָס זילבער פֿון דער לבנה.

אַן אַלטער הונט מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן בויך און אַראָפּגעלאָזטן שטערן איז שטיין געבליבן און מיט פֿאַרוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צו סאַלוואַטאָרען. ער האָט אים באַשמעקט די הויזן און איז אַוועק ווייטער. עס איז נאָר וואָס פֿאַריבער האַלבענאַכט. וואָס טאָן מיט אַזויפֿיל שעהן ביז באַגינען? ער וואָלט אַריינגעגאַנגען ערגעץ=ווו, ווו נאָר עס וואָלט זיך געלייגט, אַבי נישט צוריקקערן אויפֿן געלעגער. ביי לעליאָן, ביי וועלכן ער האָט געקויפֿט פּאַפּיראָסן, איז שוין אויך געווען פֿינצטער. און אין לאָקאַל פֿון דער קאָמוניסטישער סעקציע, פֿונוואַנען עס האָבן זיך ביז שפּעט דערטראָגן די קלאַנגען פֿון ראַדיאָ, איז געווען שטיל. עפּעס דאַרף מען אויסקלערן. ער וועט גיין קיין קראָטאָנע. ער וועט גיין אַזש ביז נעאַפּאָל. ער וועט זיך טרעפֿן מיט דעם מיידל, וואָס האָט אים געוואָרפֿן דעם פּאָמעראַנץ. אפשר ווייסט זי פֿון גאָר עפּעס אַן אַרבעט? ער וועט גיין פֿון שטוב צו שטוב, פֿון קראָם צו קראָם, פֿון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט. אפשר וועט ער געפֿינען אַ

באַשעפטיקונג. אַ וועלכע ס'איז. ער וועט אײַנגײן בלויז פֿאַרן עסן און שלאָפֿן. ער וועט זוכן, ער וועט בעטן. וואָס ער קען? אַלץ, וואָס מע באַדאַרף. פֿאַרן בלויזן עסן און שלאָפֿן... פֿאַרן בלויזן עסן און שלאָפֿן...

טאָטאָ האָט אויסגעציטערט פֿון קעלט. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און איז צוריק אַרײַן אין שטוב, עס האָט אַ סקריפּע געטאָן דאָס געשטעל, אונטערן געלעגער האָבן זיך צעקוואָקעט די הינער פֿון שלאָף. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער אייביק פֿײַכטער און האַרטער קישן, פֿאַרבאַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין די הענט. דורך די פֿינגער זענען אים גערונען הייסע טרערן.

IV

אַזוי זענען פֿאַריבער טעג און נעכט.

אין העלפֿט פֿעברואַר איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ שפּעדיקער פֿרילינגס-רעגן. עס איז געקומען די צײַט, ווען מענטשן גייען קיין קראַטאָנע, וווּ עס קומט פֿאָר דער מאַרק אויף אַרבעטער צום אַקערן. פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ זענען אַוועק דער קליינער מאַטעאָ, סאַנדראָ, דער זון פֿון אַלטן קירכע-באַדינער אַנדרעאָ, דער יונגער קאָנטשעטאָ, דער דאַריער שיאַוואָנע. עס איז אויך אַוועק סאַלוואַטאָרע.

אין אַזעלכע טעג איז דער פּיטאַגאָראַס-פּלאַץ געווען פֿול מיט מענטשן, ווי אַ קאַשטשיאָל אין יום-טוב. אַרבעטער זענען געקומען נישט בלויז פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ, נאָר אויך פֿון סטראָנגאָלי, ראָקאַ די נעטאָ, בעלוועדערע די ספּינעלאָ, קאַסאַבאָנאַ, דזשינגאַ און אַפֿילו פֿון טשיראָ, איזאָלאַ קאַפּאָ ריזוטאַ און סאַן דזשאָוואַני אין פֿיאָרע. די, וועלכע האָבן געוווינט נאָענט, זענען אויף נאַכטלעגער געגאַנגען אַהיים, און די, וועלכע האָבן געהאַט ווײַט, האָבן די נעכט איבערגעשלאָפֿן אויפֿן פּלאַץ. אייניקע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט קאָצן, און וועלכע זײַ האָבן זיך אײַנגעוויקלט, ליגנדיק זיך אויף דער ערד.

טאָטאָ איז געשלאָפֿן בײַם ברודער. דזשיאַני האָט געהאַט אַ צימערל אין געמיינזאַמען אַרבעטער-באַראַק אויף דער צווייטער זײַט פֿון „שאַנכאַי“, אָבער אויך בײַם ים, בײַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין פּאָרט. דער פּאָרט אין קראָטאָנע איז געווען פֿאַרשליימיקט, און די שיפֿלעך, וועלכע זענען פֿאַר דער מלחמה אַהער פֿאַרפֿאָרן, כדי צו פֿאַרנעמען די לאַדונג פֿון מאָנטעקאַטיני, האָבן אים איצט אויסגעמיטן פֿונוויטנס. עס האָבן זיך אַפֿילו נישט באַוויזן קיין פֿישער-שיפֿלעך. די ברעגן זענען געווען פּוסט. עס איז נאָר פֿאַרבליבן דער ים-לאַמטערן אין עק פֿון מאָלאָ, ווי וואָרנדיק מיטן רויטן אויג, אַז די ברעגעס זענען דאָ פֿאַרשליימיקט.

דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער האָט אַרײַנגעבלאָזן אַ וואַרעמער, געזאַלצענער ווינט. יעדער משוואָק, וועלכער האָט דאָ געשמעקט אין דער הילצערנער וואַנט,

איז געווען דורכגעפֿרעסן פֿון ים־זאַלץ. אין דער ערשטער נאַכט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם. סאַלוואַטאָרען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פֿערד יאָגן איבערן האָר.

דזשיאַני האָט זיך אומגעקערט אַהיים שפּעט בייַנאַכט. נאָך דער אַרבעט איז ער נאָך געגאַנגען אין דער פֿעדעראַציע אָדער אין פֿאַריין, וווּ ער איז געווען סעקרעטאַר. ער האָט געבראַכט ברויט, מאַרמעלאַדע, אַ פּאָר פּאָמעראַנצן, אַ פֿלעשל וויין און צייטונגען — אַפֿילו אַ שטיקל געלן קעז.

אַרייַנקומענדיק, האָט ער געפֿרעגט:

— נו וואָס, הייַנט האָט מען דיך נאָך אויך נישט געקויפֿט?

ער האָט אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש. אויף דער טונקעלער בלאַט פֿון טיש האָבן די פֿאַרביקע זאַכן אונטער דעם עלעקטרישן ליכט פֿאַרטריבן אויף אַ ווײַלע דעם אומעט און געוועקט נישט קיין קלוגע האָפֿענונגען.

— ווי קלערסטו, דזשיאַני, עס וועלן פֿאָרקומען אַ וועלכע ס'איז ענדערונגען? — סאַלוואַטאָרע האָט צוגעוואַרט אַ רגע, און דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— ווייסט, ווי גאָר איך בין געקומען קיין ראָקאַ די דזאָלפֿאַ, זענען געקומען צו מיר אַרמאַנדאָ און סילוויאָ. איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס זיי זענען נישטאָ אין קראָטאָנע. מעגלעך, אַז זיי האָבן געפֿינען ערגעץ־וווּ אַנדערש אַרבעט. עס איז דאָ פֿאַראַן דער קלייגער מאַטעאָ, קאָנטשעטאָ און סאַנדראָ. פֿון אַנדערע דערפֿער זענען געקומען מער ווי פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאַ. אָבער סיווי זענען זיי פֿאַראַן אַ בער גענוג אין קראָטאָנע. די מענטשן מאַטערן זיך זייער, הונגערן, וואַרטן, טאָמער וועט זיך געפֿינען אַ וועלכער ס'איז באַלעבאָס אָדער אַרענדאַטאָר. און איך וואָלט געגאַנגען ערגעץ בעטן אַרבעט, נאָר איך ווייס נישט ווו.

— ווי אַ נדבה? — האָט געפֿרעגט דזשיאַני.

סאַלוואַטאָרע איז בלאַס געוואָרן. דזשיאַני האָלט אים פֿאַר אַ בעטלער. דער פֿערמער אין אויסטראַליע האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט „אַ דאַנק“. ער האָט אַ רגע געטראַכט און געזאָגט:

— ווייסט, דזשיאַני? אַרמאַנדאָ און סילוויאָ האָבן מיר דערציילט וועגן דיר.

— און מיר האָבן זיי דערציילט וועגן דיר, — דזשיאַני האָט פֿאַנאַנדערגעלייגט די „אוניטאַ“, — עס!

— מאָרגן וועל איך זיך מסתמא צוריקקערן. די מענטשן הייבן זיך שוין אָן צעצייען. נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן, צופֿיל זענען מיר פֿאַראַן. און אפֿשר וואָלט זיך געפֿונען עפּעס בייַ דיר אין מאָנטעקאַטיני? וויפֿל מע וועט געבן, וועל איך נעמען.

— אַזוי? וועסט נעמען? — דזשיאַני האָט נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער צייטונג. — גיב אַכטונג, דאָ איז נישט אויסטראַליע.

— זיכער, אַז נישט. דאָרט שטאַרבט קיינער נישט פֿון הונגער.

— וואָס קאָנסטו וויסן. גאַנץ אויסטראַליע האָסטו נישט געזען. ביסט אַ נאַר.

— ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מענטשן לעבן דאָרט, ווען דו וואָלסט געזען, ווי איך האָב דאָרט געלעבט.

— דאָס איז טאַקע דאָס אומגליק, — דזשיאַני האָט צוגעגעבן מיט בייזקייט, — דיין אומגליק. אַזעלכע נאַראָנים, ווי דו, זוכט מען טאַקע אויף פּאַרעטער און שטרייקברעכער. אַזעלכע, ווי דו, וואָס גייען אָפּגעזונדערט, קאָן מען קויפן פאַר א ליאַדע וואָס. דו פאַרשטייסט נישט, אַז דאָרט אין אויסטראַליע האָט מען דיך טאָגטעגלעך אויסגענוצט, ווייל דו ביסט נישט געווען אין פאַריין.

— און וואָס וועט מיר העלפן דער פאַריין? מיין נישט, אַז איך בין אַזאַ נאַר. איך ווייס, אַז אומעטום וואַרט מען אויף נאַראָנים, כדי זיי אָפּצונאַרן, צי אין פאַריין, צי אויסער דעם פאַריין. טאַקע דערפאַר וויל איך זיך נישט לאָזן. ווייל אָפּנאַרן קאָן אַפילו אַ יאַטל, וואָס פאַרקויפט פּאַפּיראָסן. און וואָס איז שייך פּאַרעטער און שטרייקברעכער, — סאַלוואַטאָרע האָט אַ קוק געטאָן אויפן ברודער און טיף אָפּגעזיפצט, — ניין, ברודער, איך וואַרט גאָר...

— וואַרט, וואַרט, און דערווייל וועלן אַנדערע פאַר דיר זייערע פּלייצעס אונטערשטעלן. דו וואַרטסט, ווער עס וועט זיין שטאַרקער: זיי, צי מיר?

—איך בין נישט „זיי“ און נישט „מיר“. איך בין „איך“.

דזשיאַני האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, קוקנדיק אויפן ברודער מיט נייגעריקייט.

— דאָס האָט מען דיר אין אויסטראַליע אויסגעלערנט אַזוי שיין רעדן? דו רעדסט ווי אַן אינטעליגענט און נישט ווי אַ האַלבער אַנאַלפאַבעט. צי פאַרשטייסטו כאָטש, וואָס עס באַטייט „זיי“ און וואָס עס באַטייט „מיר“?

— „זיי“ — דאָס איז רוסלאַנד, און „מיר“ — דאָס זענען... די איבעריקע.

— מאַמאַ האָט זיך פאַרטראַכט, חניפהדיק אַ שמייכל געטאָן צו דזשיאַנין. — און אפשר פאַרקערט...

דזשיאַני האָט זיך צעלאַכט.

— טרינק, מאַמאַ — ער האָט איר אָנגעגאָסן וויין, — טרינק. ביסט אַ נאַר.

— און איך קאָן דאָס זעלבע זאָגן וועגן דיר. אויב מע זאָגט עפּעס, דאַרף מען דערקלערן פאַרוואָס.

—איך וואָלט באַדאַרפט אַ סך דערקלערן, — דזשיאַני האָט צונויפגעלייגט די צייטונג. ער האָט זיך פאַרנומען צום שלאָפן גיין.

—דו מוזט נישט זאָגן אַלץ פאַר אַמאָל. עס קאָן זיין אַ ביסל היינט, אַ ביסל מאָרגן.

— מאַ זאָל שוין זיין א ביסל מאָרגן... וועסטו זיין א באַוווסטזיניקער לוינאַרבעטער מיט איין טאָג שפּעטער, — דזשיאַני האָט זיך געשטעלט מיט דער פּליי=

צע צום ב־ודער און אויסגעטאָן די מאריגארקע. — יאָ, איך האָב פארגעסן צו פרעגן, וואָס מאכט דער סערזשאַנט פרעצאָ?

סאַלוואַטאָרע האָט געקנעטן מיט די פינגער א שטיקל ברויט. ער האָט פארבויגן די ליפּן און אויפגעהערט פלוצעם זיך צו שפּילן מיטן שווארצן קיילעכל.

— ווייסט, דזשיאני, איך האָב גערעדט מיט אנדזשעלינען, — האָט ער רויק געזאָגט.

דזשיאני האָט זיך אויסגעדרייט, האלטנדיק אין דער האנט די מאריגארקע.

— ווי דו ווילסט, — האָט ווייטער רויק געזאָגט סאַלוואַטאָרע, — שרייב אָן א בריוו, וועל איך איר אָפּגעבן, אויב דו האָסט צו מיר צוטרוי. און אפשר גלייבסטו מיר נישט? דו רעדסט מיט מיר נישט ווי מיט קיין ברודער, נאָר ווי מיט א פיינט. איך האָב געשמועסט מיט איר וועגן פארשיידענע זאכן.

דזשיאני האָט זיך אונטערגעהויבן, שטייענדיק אזוי א ווײַלע אויף א פינגער פון דער לינקער, קירצערער פוס, ווי ער זאָל אונטערהערן עמעצנס שטימע אויף יענער זייט וואנט.

— וועגן דיר האָבן מיר אויך גערעדט.

— י—אָ?

— יאָ.

— א־ז וואָס? — דזשיאני האָט א וואָרף געטאָן די מאריגארקע אויפן בעט.

— טאקע וועגן דעם, אז דו ביסט א נאר. אז דו ביסט א קאָמוניסט. „מיר וואָלטן זיך גיקענט נעמען, — האָט זי געזאָגט, — און אזוי וועל איך מוזן חתונה האָבן מיט דעם באלעבאטישן זון פון דזשינגאַ“.

דזשיאני איז הינקענדיק צוגעשפּרונגען צום טיש. ער איז געווען בלאס ווי לייוונט.

— זאָגסט ליגן! — האָט ער אויסגעשריגן.

סאַלוואַטאָרע האָט א שמייכל געטאָן:

— אויב דו וועסט שרייען, וועסטו מער קיין איין וואָרט פון מיר נישט הערן.

— זאָגסט ליגן! — האָט דזשיאני איבערגעחזרט.

— מירן גיין שלאָפן, — סאַלוואַטאָרע האָט א גינעץ געטאָן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאנען און אויך אויסגעטאָן די מאריגארקע.

V

סאַלוואַטאָרע איז אין קראָטאָנע געווען א גאנצע וואָך, אָבער שוין נישט ביים ברודער. ער האָט זיך דער־מאַנט די פארלאָזטע פּליאזשע־גארדעראָב אין „שאַנכאַי“, וווּ עס האָט אים פאַרפירט אין ערשטן טאָג פון זיין צוריקקער דער

באַפּיראָסן־פּאַרקויפער, דער קליינער שווינדלער פון אונטער דער קאָלאָנאַדע. די טיר איז געשטאַנען אָן אָפענע, און ער איז געשלאָפן אויף דער שמאָלער באַנק. ער האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם אָרט, אַפילו נישט סילוועסטראָן פון סילאַ: ער האָט געוואָלט זיין אַליין.

מיט יעדן טאָג איז אַלץ וויניקער געבליבן האָפענונג און — מענטשן. וואָס וויניקער אויסדויערנדיק איינער איז געווען, אַלץ שנעלער האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין דאָרף. די גליקלעכע, וועלכע האָבן דאָך געקריגן אַרבעט, האָט מען געקאָנט איבערציילן אויף די פינגער. די אַדמיניסטראַטאָרן פון די גיטער האָבן גענומען די שטאַרקסטע און די, וואָס האָבן בעסער אויסגעזען. די ברודיקסטע, די צום מערסטן נישט אויסגעשלאָפענע און אָרעמסטע האָבן זיי איבערגעלאָזט צום לענגסטן. אין־דער היים האָט אויף זיי געוואַרט נישט קיין בעסער עסן און נישט קיין בעסערער געלעגער, ווי אויף דעם פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ. דאָ האָט מען כאָטש אַליין געליטן און נישט געהערט דאָס געוויין פון די הונגעריקע קינדער און די קללות און יללות פון דער פרוי. שוין דאָס אַליין איז געווען אַ פאַרלייכטערונג. זיי זענען דעריבער געבליבן ווי מעגלעך לענגער.

זיי זענען געווען שמוציק און פאַרוואַקסן אַזש ביז די ווייסלען פון די אויגן. זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אויף דער זון האָבן זיך ביי זיי די ברעמען אַראָפּגעלאָזט און די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט פון מידקייט. זיי האָבן אַראָפּגערוקט אויפן שטערן די שוואַרצע, צעקנייטשטע קאַפּעליושן, צעשפּיליעט די שוואַרצע, צעריסענע מאַנטלען, די שוואַרצע, פאַרלאַטעטע מאַרינאַרקעס און אַרויסגעשטעלט אויף דער זון זייערע שוואַרצע מאָגערע ברוסטן. זיי האָבן נישט געהערט צו קיין פאַריין און זיי וואָלטן געגאַנגען פאַר יעדער פּרייז. די אַרבעטער, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעהויבן אַ שמועס, געשאָקלט מיט די קעפּ און געפרעגט, פאַרוואָס זיי אָרגאַניזירן זיך נישט.

פון ראָקאַ די דזאַלפאַ איז פאַרבליבן בלויז דער קליינער מאַטעאָ, דער מאַ: פון יאַלאַנדאַ. און אים — ווי ער האָט געזאָגט — האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען דאָס ברויט, וואָס די מיידלעך פון דער אָרטיקער קאָמוניסטישער פעדעראַציע האָבן פאַרטיילט צווישן די אַרבעטסלאָזע. פון אָנהייבס — בלויז פון צייט צו צייט, אָבער שפּעטער, ווען זיי זענען געוואָרן אַלץ וויניקער, — טאָגטעגלעך. די מיידלעך האָבן אויסגעשיט געל ברויט אויף אַ קאָץ, וועלכן מע האָט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. „איר זענט אַן אומבאַוווסטזיניקער דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט. אָבער דאָס איז נישט אייער שולד". — האָבן זיי געזאָגט און זענען אַוועקגעגאַנגען מיט אַ ליידיקן קויש.

דעמאָלט האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף די טרעפּ פון פּאָסטאַמענט, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער ביוסט פון אַ קעניג אָדער גענעראַל, און געקייט

דאָס ברויט, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט קוקורוזע. אַמאַדעאָ פון באָנאַקאַסאַ, דער ייִנגסטער אַרבעטער מיטן קלאָרן פּנים און העל־געלע האָר, וועלכע ס'איז נישט צו זען אין קאַלאַבריע, האָט געבראַכט וואַסער פון נאָענטן פאָנטאַן. זיי האָבן געטרונקען לויט דער ריי, געשמאַטשקעט און געזאָגט: „גוט וואַסער“. און מאַטעאָ האָט צוגעגעבן: „און זי קאָסט גאָרנישט“.

— גוט וואַסער... — האָט איבערגעחזרט גאַעטאַנאָ פון סאַן דזשיאָוואַני אין פיאָרע. — אָבער ווי לאַנג וועלן מיר נאָך זיצן אין דער פאַרפּאַסטער קראָטאָנע? — גאַעטאַנאָ האָט פאַרקרימט דאָס מויל, קראַצנדיק זיך אונטערן העמד צווישן די לאָפּאַטקעס.

— אַזש ביז וואַנען מע וועט אונדז אויפהערן טראָגן דאָס קאָמוניסטישע ברויט, — סילוועסטראָ האָט אַ גענעץ געטאָן העכער ווי געוויינלעך. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דעם מאַרמאָרנעם טרעפּ פון פּאָסטאַמענט, די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ. — די דאָזיקע קאָמוניסטן מיינען, אַז זיי וועלן אונדז פאַנגען מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע.

סילוועסטראָ האָט געשטאַמט אַזש פון סילאַ. סאַלוואַטאָרע האָט אים ליב געהאַט, ער איז אויך געווען „נישט אונדזערער, נישט זייערער“.

— מיט וועלכער פּראָפּאַגאַנדע? — האָט זיך צו סילוועסטראָן אויסגעדרייט מאַטעאָ, קנייטשנדיק זיין לאַנגע גראָבע נאָז.

— נו, מיט דעם ברויט, — האָט רויִק געענטפערט סילוועסטראָ.

— דאָס הייסט פּראָפּאַגאַנדע? — דער אַלטער גענאַראָ פון דזשינגאַ האָט מיט צוויי פינגער צעקעמט זיינע צוויי גראָע, דורך יאָרן שיטער געוואָרענע וואָנצעס — נו, דאָס איז נישט שלעכט.

— אַזוי איז, — האָט זיך אָנגערופן דער העל־געלער אַמאַדעאָ פון באָנאַקאַסאַ, — זאָל דע גאַספּערי מאַכן אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע. ווער דערלויבט אים נישט?

— ייִכטיק, — האָט איבערגעחזרט גאַעטאַנאָ, ווינקענדיק אין סילוועסטראָס זייט מיט זיינע גרינגע אויגן, — ביי אונדז אין סאַן דזשיאָוואַני אין פיאָרע זענען פאַראַן מער קריסטלעכע דעמאָקראַטן, איידער קאָמוניסטן. פאַר די וואַלן האָבן זיי אונדז צוגעזאָגט ערד. און איצט? דאָס הייסט פּראָפּאַגאַנדע. דער „סינדאַקאָ“ ביי אונדז איז אויך אַ קריסטלעכער דעמאָקראַט, אמת? — ער האָט זיך געווענדט צו זיין בן־עיר אַנדזשעלאָ, וועלכער האָט צוגעשאָקלט מיט זיין באַראַנישן קאָפּ. — און ווען מע גיט אים אַ דרוק צו, איז ער זיך אַליין מודה, אַז דע גאַספּערי איז נישט קיין אמתער קריסט.

— אָבער נאָך דעם ברויט קומט פּראָפּאַגאַנדע, — סילוועסטראָ פון סילאַ האָט אַ שפּיי געטאָן אין דער הייך און געטראָפן אין מאַרמאָרנעם פּנים פון קעניג צי פון גענעראַל.

VI

פון צייט צו צייט זענען געקומען ארבעטער פון מאָנטעקאטיני און געפירט שמועסן מיט די ארבעטלאָזע. בלויז סילוועסטראָ און סאַלוואַטאָרע האָבן אָפּגע־ענטפערט די ארבעטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן א דיסקוסיע. „דעם פאַרטיי, די אָרגאַניזאַציע, די פּארטיי שאַפן די, וואָס ווילן מיט אונדז אָנפירן, — האָט סילוועסטראָ געהויבן מיט די אַקסלען. — דאָס איז פאר אונדז נאָך איין שטיין אויף דער פּלייצע. צו וואָס דאַרף מען דאָס?“

סוף וואָך האָט זיך באַוויזן אויף דעם פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ דזשיאַני. ער איז רויט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען דעם ברודער; ער האָט געמיינט, אז סאַלוואַ־טאָרע האָט זיך צוריקגעקערט קיין ראָקא די דזאָלפּאָ נאָך זייער לעצטער אַמ־פּערניש.

די ארבעטסלאָזע זענען אויפגעשטאַנען פון די טרעפּ און אים ארומגע־רינגלט. די מענטשן האָבן זיך נאָך געגאַרט מיט א וועלכער ס'איז האָפענונג. און דזשיאַני האָט זי אונטערגעבלאָזן, אָנשטאָט זיי צו זאָגן, אז ער קאָן גאָרנישט טאָן פאר זיי און אז נישט צוליב דעם איז ער איבעריקנס געקומען. ווי נאַריש עס זענען די מענטשן! סילוועסטראָ האָט געהאַט רעכט. די מענטשן הערן די דאָזיקע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. פאר דער דאָזיקער אָרעמקייט זענען אפילו ווערטער א נדבה. און ווי ער רעדט?!

— נאַרישקייטן! — האָט פּלוצעם אויסגעשריגן סאַלוואַטאָרע. — ווי איז דאָס מעגלעך? וואָס מער מיר וועלן זיין אין פּאַרטיי, אַלץ גיכער וועלן מיר באַ־קומען ארבעט? דו זאָגסט בעסער ווי זאָל איך קריגן ארבעט? וועל איך דיר דאָס אַלץ איבעריקע מוחל זיין. זאָג, וואָס זאָל איך טאָן, אז איך זאָל קריגן ארבעט שוין היינט, שוין איצט. איך קאָן נישט וואַרטן אויף דעם פּאַרטיי. דיר איז גוט צו רעדן וועגן פּאַרטיי, ווייל דו האָסט ארבעט.

די שוואַרצע פּנימער פון די ארבעטסלאָזע האָבן זיך אויסגעדרייט צו סאַל־וואַטאָרען. דזשיאַני האָט פארביסן די ליפּן און געקוקט אויפן ברודער.

— וואָס? — האָט ער זיך אָנגערופן נאָך א ווײַלע. — פאַרוואָס אקוראַט דו איינער דאַרפסט קריגן ארבעט? פאַרוואָס אקוראַט דו? און דער? און דער? און די אַלע? זיי דאַרפן נישט קיין ארבעט? זיי זענען ערגער פון דיר? ניין, מיינע טייערע, אזוי וועלן מיר צו גאָרנישט נישט דערגיין. דאָ גייט נישט וועגן איינעם, דאָ גייט וועגן אַלע.

סילוועסטראָ איז געלעגן אויפן טרעפּ פון פּאָסטומענט און הויך געשפּיגן אין דער לופט.

— טאַטאָ, — האָט ער געזאָגט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס, — דו קענסט אים?

— אָנשטאָט סאַלוואַטאָרען האָט געענטפערט דער קלײנער מאַטעאָ:

— דו זעסט ניט, אַז דאָס זענען לײַבלעכע ברידער. זײ האָבן די זעלבע שטים, נאָר זײ רעדן אַנדערש. — מאַטעאָ האָט זיך אױפגעשטעלט אױף די שפּיץ פינגער און געפּרוּווט אַרײַנקוקן סאַלוואַטאָרען אין די אױגן: — הער אױס, — האָט ער געטײַטלט מיטן פינגער, — מיטן ברודער קאָנסטו זיך קריגן אין דער הײם. אָבער מיר דאָ ווילן זיך ניט קריגן. ייִכטיק, פאַרוואָס עפּעס אַקוראַט דו מוזט קריגן אַרבעט? אַלע ווילן מיר אַרבעט, וואָס ניט?

— איך קריג זיך ניט, — טאָטאָ האָט אָפּגעשטופּט דעם קלײנעם מאַטעאָ, — אָבער זאָל מיר קײנער ניט װײַזן קײן אײַלבירט אױף אַ קאַשטאַן. ווי קאָן מען ייִדן, אַז וואָס מער עס וועלן זײַן אַרבעטער אין פאַרײַן, אַלץ גיכער וועלן מיר קריגן אַרבעט. וואָס ווײניקער מיר וועלן זײַן, דאָס יאָ, דאָס פאַרשטײ איך.

— רעדסט נאַרישקײטן, — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דער העל־גלער אַמאַדעאָ פון באָנאַקאָסאַ, — ווער עס האָט מער מיליטער, דער זיגט.

— זיכער, — האָט צוגעגעבן דער קלײנער מאַטעאָ. — ביסט שוין געווען יעגער גוטער זעלנער, אַז אַפילו דאָס פאַרשטײסטו ניט.

— דאַנקען גאָט, — האָט זיך צעלאַכט דער העל־געלער אַמאַדעאָ פון באָנאַקאָסאַ, — אַנדערש וואָלט נאָך מוסאָליני די מלחמה געוווּנען.

— און אפשר וואָלט דאָן בעסער געווען? — האָט סילוועסטראָ הויך אַ כעכעץ געטאָן.

— בראַוואָ! — דזשיאַני איז צוגעגאַנגען צו סילוועסטראָן, וועלכער איז געלעגן אױף דעם מאַרמאָרנעם טרעפּ פון פּאָסטאַמענט. — פונוואַנען זענט איר? וואַרשײַנלעך ניט פון קאַלאַבריע?

סילוועסטראָ האָט, ניט אױפהײבנדיק זיך, אַ קוק געטאָן אױף דזשיאַני מיט די ווינקלען פון זײַנע שמאָלע אױגן:

— צוליב וואָס פרעגט איר זיך?

— פון נײַגעריקײט, איר רעדט ניט מיט אונדזער אַקצענט.

די אַרבעטסלאָזע האָבן זיך צונױפגעזאַמלט אַרום דזשיאַנין. דער העל־געלער אַמאַדעאָ פון באָנאַקאָסאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט צוקאָפּנס פון סילוועסטראָן, מאַטעאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דזשיאַנין. סאַלוואַטאָרע האָט אײַנגעבױגן דעם קאָפּ, זײענדיק פאַרנומען מיט אױסקראַצן פון קעשענע דאָס רעשטביסל טאַבאַק. פון צײַט צו צײַט האָט ער געוואָרפן פון אונטערן שטערן אַ בליק אױפן ברודער און אױף דעם ליגנדיקן אױף דער זון סילוועסטראָן.

— זעצט אײַך, מײַנע טײַערע, — האָט געזאָגט דזשיאַני, — אַ שאָד די פיס. נעמט אײַך אַ בײַשפּיל פון דעם, — ער האָט זיך אױף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, — פון דעם האַלבן פאַשיסט, האַלבן אַרבעטער. אים איז אַפילו דער־

הינטן א שאָד. איינגטלער, ווי רופט מען אייך? עס וועט לייכטער זיין אָנצורופן אייך ביים נאָמען, איידער ווי מיט אזא לאַנגן טיטל.

מאטעאָ האָט זיך מיט צוויי פינגער געהאלטן פארן נאָז, וועלכע האָט זיך ביי אים געטרייסלט פון געלעכטער. לאכנדיק, האָט ער געענטפערט אָנשטאָט סילוועסטראָן. ער האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען און דאָס אָרט פונוואַנען ער שטאמט.

— אך, סילא — האָט געזאָגט דזשיאַני, — א פרעכטיקע געגנט. עס זענען דאָרט פאראן וועלדער, טארטאקן. עס זענען אויך פאראן דאָרט א סך אמתע ארבעטער. וו האָט איר געארבעט, אין וואָס פאר אַן אָרט פון סילא?

סילוועסטראָ האָט ליגנדיקערהייט פארלייגט איין פוס אויף דער צווייטער און לייכט מיט איר באוועגט אין דער לופט.

סאלוואטאָרע האָט ארויסגעצויגן פון דער קעשענע פון זיין מיליטערישער בלוזע א שוועבעלע און, אָנבייגנדיק זיך, עס א רייב געטאָן אין דער פאָדעשווע פון סילוועסטראָס צעריסענעם שוך. דערנאָך האָט ער פאררויכערט א דינעם, זיך שיטנדיקן פאפיראָס. סילוועסטראָ האָט אויפגעעפנט די אויגן, איבערגעשראָקן פון דעם קנאַק פון שוועבעלע. די ארבעטסלאָזע האָבן זיך צעלאכט.

— נו, גוט, — האָט געזאָגט דזשיאַני, אָפּקערנדיק זיך פון סילוועסטראָן, — איז וואָס קלערט איר ווייטער צו טאָן? זיצן און וואַרטן?

די ארבעטסלאָזע האָבן געשוויגן.

— ביין, מיינע טייערע, — האָט ווייטער געזאָגט דזשיאַני, — אז מע וויל עפּעס האָבן, טאָר מען נישט וואַרטן. אז מע וויל עפּעס האָבן, דאַרף מען קעמפן. און קעמפן דאַרף נישט יעדער באַזונדער, ווייל דאָס איז נישט קיין שום קראַפט, נאָר אַלע צוזאַמען.

— און דערנאָך וועלן מיר גיין צו דער פּרעפעקטור, — האָט מיט דעם וועלבן טאָן ווייטער געצויגן סילוועסטראָ, — און דער פּרעפעקט וועט זיך דערשרעקן און וועט אונדז אַלעמען געבן אַרבעט. אָבער דאָ אין קראָטאָנע איז אפילו קיין פּרעפעקטור נישטאָ. עס וועט אויסקומען צו גיין אַזש קיין קאַטאַנזאַראָ, אָדער, נאָך בעסער, קיין רעדזשיאָ קאַלאַבריאַ.

— בראַוואָ, סילוועסטראָ, — האָט דזשיאַני צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — און אַז ער וועט זיך נישט איבערשרעקן צום ערשטן מאָל און צום צווייטן מאָל, וועט ער זיך איבערשרעקן צום דריטן מאָל. ווייל דאָס איז נישט קיין אופן צו קומען, לאָמיר זאָגן, איין מאָל צו דער פּרעפעקטור אין קאַטאַנזאַראָ, צי אפילו אין רעדזשיאָ קאַלאַבריאַ. וואָס ס'איז א ביסל ווייטער, שאַדט נישט, די ארבעטער וועלן באַווייזן צו גרייכן נאָך ווייטער — איז, הייסט עס, נישט גענוג צו קומען אין דער פּרעפעקטור איין מאָל און געענדיקט. מע האָט געפאָדערט א־בעט צי ערד און מען איז זיך צעגאַנגען, און אויפן צווייטן טאָג איז שוין קיינער

נישטאָ, ווייל יעדער איז זיך אַוועק צו זיך אַהיים און איצט דאַרף מען וואַרטן, ביז וואַנען מע וועט זיך אַמאָל ווידער צונויפקומען אָדער מע וועט זיך נישט צונויפקומען. נייִן, מע דאַרף שטענדיק זיין צוזאַמען. עפּעס אַנדערש זענען פאַבריקס-אַרבעטער. זיי אַרבעטן שטענדיק צוזאַמען און מע קאָן זיי יעדע מינוט צונויפזאַמלען. און די פּויערים זענען היינט צוזאַמען, און מאָרגן זוך דעם ווינט אין פעלד. וועגן דעם ווייסט די פּרעפעקטור זייער גוט. די פּרעפעקטור ווייסט, אַז די טאָג-אַרבעטער וועלן קומען איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, באַטייט דאָס, אַז זיי זענען אָרגאַניזירט און אַז זיי וועלן שוין כסדר קומען און וואָס אַמאָל מער. און פאַר דעם האָט שוין דער פּרעפעקט מורא. דאָס איז שוין דראָענדיק נישט בלויז פאַר דעם פּרעפעקט אין קאַטאַנצאַראָ, אָדער פאַר דעם פּרעפעקט אין רעדזשיאָ קאַלאַבריאַ, נאָר אויך פאַר דעם פּרעפעקט אין נעאַפּאָל און אַפילו פאַר דעם פּרעפעקט אין רוים.

— און דעמלט וועלן גלייך קומען קאַראַבינ׳ערן און אונדז געבן באַלד סיי אַרבעט, סיי ערד, אַז ס׳וועט אַזש גיין אַ רויך. — סילוועסטראָ האָט אַלץ געצויגן מיט דעם זעלבן טאָן, וואָס דזשיאַני.

— מעגלעך, — האָט דזשיאַני פאַרביסן די ליפּן, — מעגלעך, אַז ס׳וועט זיך אַזש רויכערן, אָבער מיר וועלן אויך אויף זיי אָנוואַרפן אַ שרעק.

— און זאָל אַפילו רויכערן, — האָט זיך אָנגערופן מאַטעאָ, — אַבי מע זאָל דערנאָך געבן ערד. אַביסל וועט מען דערהרגענען... נאָר עס איז אַלץ כדאַי.

— זיכער איז כדאַי, — האָט סילוועסטראָ געזאָגט, — דערהרגענען וועט מען אויך געווים, אָבער געבן וועט מען אַ פייג.

דזשיאַני האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— נישט אין דעם גייט עס, מיינע טייערע! אין פינף און פערציקסטן און אין זעקס און פערציקסטן זענען דאָך שוין ביי אונדז פאָרגעקומען ענלעכע זאַכן. מיר ווילן נישט קיין מן פון הימל. מיר ווילן מעגלעכע זאַכן. מיר ווילן אַרבעט און ערד. צי איז קיין אַרבעט נישטאָ? צי איז קיין ערד נישטאָ? עס איז דאָ. וויפיל ערד ליגט נישט באַאַרבעט? אויב אַ גוטסבאַזיצער וויל אַליין נישט באַאַרבעטן מאָגערע ערד-שטחים, ווייל ער זאָגט, אַז עס לוינט אים נישט, און ער וויל זיי אויך אַנדערע נישט געבן צו באַאַרבעטן, דעמלט דאַרף מען מיט אים אַנדעריש אַ רעד טאָן. נישט די פּריצים, נישט שעלבאַן גייט אָן די ערד. דערפאַר גייט זי אַנדערע אָן. צוליב וואָס ברענגט די רעגירונג צו פירן תבואה פון אַמעריקע, ווען ס׳איז פאַראַן דאָ אויפן אָרט גענוג ערד. די אַרבעטער וואָלטן געהאַט אַרבעט, און די מענטשן גענוג ביליק ברויט. אָבער טויזנטער העקטאַרן ליגן נישט באַאַרבעט און קיינער האָט פון זיי גאָרנישט. צי דאָס איז גערעכטיקייט? און אויב דאָס איז נישט קיין גערעכטיקייט, דאַרף מען זיי נישט פרעגן, מע דאַרף זיי צווינגען. זיי

קאָן מען איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, און אַרבעטער און פויערים איז פאַראַן אַ סך. אָבער אַ סך בלויז דעמלט, ווען זיי זענען צוזאַמען. אויף צפון, אין עמיליע, זענען כמעט אַלע אין פאַריין — די טאָגאַרבעטער, די וויניקערדיקע און קליינע אַרענדאַטאָרן. דאָרט איז טאַקע די אַרבעטסלאָזיקייט קלענער ווי ביי אונדז, ווייל דאָרט האָבן די פּריצים מורא.

סילוועסטראָ האָט אַ שפּיי געטאָן הויך איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע.

— האָבן מורא? פאַר וועמען? — האָט ער געפרעגט, אויפהייבנדיק זיך אויף די עלנבויגנס. — עס זענען שוין פאַריבער יענע צייטן. היינט האָט שוין דער פּריץ נישט קיין מורא. דאָס זענען נישט יענע יאָרן.

דזשיאַני האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין דעם מאַרמאָרנעם טריט:

— ער האָט מורא! — האָט ער אויסגערופן. — ער האָט מורא. נישט פון גוטן ווילן, נאָר פון שרעק האָט דער פּריץ אראָפּגענידעריקט דעם אָפּצאָל די קליינע אַרענדאַטאָרן...

— ער, ווען איז דאָס געווען, — האָט איבערגעריסן סילוועסטראָ.

— נו, טאָ זאָל ער נאָר פּרוּוון דאָס נישט דערהאַלטן. אָבער ער וואַגט נישט. ער האָט מורא. און נישט פון גוטן ווילן, נאָר פון שרעק מוז ער אייננגיין צו באַשעפטיקן אַזאַ און אַזאַ צאָל טאָגאַרבעטער אין משך פון אַזויפיל און אַזויפיל טעג אין יאָר. און דאָס נאָר די, וועלכע עס שיקט צו דער פאַריין. ווייל אין עמיליע איז דער פאַריין שטאַרק. און זאָל ווער פון די אַרבעטער וואַגן גיין אויף אַ קלענערער פּרייז, איידער ווי עס האָט איינגעשטעלט דער פאַריין...

— דאָס הייסט, אַז אויך איר קאָנט לאָזן אַ רויך? — האָט סילוועסטראָ זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכל. — איז וואָס פאַר אַן אונטערשייד?

אָבער דזשיאַני האָט זיך נישט געלאָזט דאָס מאָל איבעררייסן:

— ...און דאָרט איז נישט פאַראַן דאָס, אַז אַרבעטער זאָלן אַרויסגיין אויפן פּלאַץ, ווי אויף אַ מאַרק, און פאַרקויפן זיך אַליין פאַר גראָשנס.

— הייליקע מוטער, — האָט אויסגערופן דער העל־געלער אַמאַדעאָ, — אַלץ, אַלץ אויף צפון. און אויף דרום זענען אפילו די טאָגאַרבעטער ערגערע. איך בין פון באָגאַקאַסאַ. עס זענען ביי אונדז פאַראַן קאָמוניסטן. אפילו אונדזער לערער איז אַ קאָמוניסט. אָבער קיין אייניקייט איז נישטאָ. עס גייען נישט אַלע צוזאַמען. אונדזער דאָרף־שטעטל איז אַ ביסל רייכער פון אַלע איבעריקע אין דער געגנט. עס איז פאַראַן ביי אונדז מער באַלעבאַטים, וואָס פאַרמאָגן צו שטיקלעך ערד. און די באַראָן אונדזערער האָט פעדשטאַלן. אָבער קיין אייניקייט איז ביי אונדז נישטאָ. עס גייען נישט אַלע צוזאַמען. אַזוי, למשל, די פערדיונגען, דערפאַר וואָס זיי אַרבעטן אַ קיילעכדיק יאָר — צו זייער גליק דאַרף מען די בהמות געבן צו פרעסן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר — איז דערפאַר טאַקע,

וואָס זיי ארבעטן א קיילעכדיק יאָר, ווילן זיי זיך קיינמאָל נישט מיט אונדז פאראייניקן. ווען דער „מאעסטראָ"* זאָגט זיי, אז זיי זאָלן גיין צוזאמען מיט אונדז אָדער זיי זאָלן שטרייקן, אָדער עפּעס אנדערש, אזוי ענטפערן זיי, אז ס'איז א שאָד די בהמות.

— זיכער איז א שאָד, וואָס איז די אָרעמע בהמה שולדיק? — האָט זיך אָנגערופן דער אלטער גענאראָ פון דזשינגא. — פארוואָס דארף די אָרעמע חיה פגרן? מע דארף האָבן רחמנות.

— אַזוי? — האָט זיך צעבייזערט דער העל-געלער אַמאַדעאָ. — טאָ זאָל דער פריץ רחמנות האָבן אויף די מענטשן, אז זיי זאָלן נישט אויסגיין פון הונגער! דאָס איז טאקע די שולד פון פריץ, ווען די בהמה פגרט. דאָס האָט דער פריץ נישט קיין רחמנות און נישט די פערדיונגען.

— עד, וואָס ווייסט איר, — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דזשינאָ פון קאסטעלי אל מארע. ער האָט געהאט פארשטשעמעטע אייבערשטע ציין און גערעדט שעפּעליאווע. דערפאר האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָנגערופן. — וואָס ווייסט איר! — ער האָט א קלאפּ געטאָן מיט די הענט און אנטשוויגן געוואָרן.

— נו, רעד, רעד, — האָט מען אים צוגעגעבן מוט, — אז דו האָסט שוין אָנגעהויבן.

דזשינאָ האָט אויסגעווישט דאָס מויל מיטן אָרבל:

— ווער האָט עם רחמנות! ביי אונדז אין קאסטעלי אל מארע איז אפילו קיין בית-עולם נישטאָ. וייל אלץ ארום געהער צום באראָן באראקא. די טויטע דארף מען טראָגן פופצן קילאָמעטער ביז איזאָלאַ קאַפּאָ ריצוטאָ. נאָר נישט אלע מאָל איז פאראן א וועג. ווען עס פאלן רעגנס, קומען אַרויף פון אויבן אלע זומפּן רעמלט איז פון איין זייט א ים פון בלאָטע, און פון דער צווייטער זייט — אן אמתער ים. ווען עמעצער שטארבט ווארפט מען אים אריין אין אמתן ים.

— אויך מיר א זאך, — האָט געזאָגט סילוועסטראָ, — טאָ שאף א פארויי פון מתים.

— א, דו סילוועסטראָ, סילוועסטראָ, — האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ דער אלטער גענאראָ פון דזשינגא, — מעגלעך, אז ביי אונדז וואָלט צונויפגעקומען אזא פאריין. אונדזער קשיאָנדז הייסט זיך באצאָלן פינף הונדערט ליר פאר א קריסטלעכער לוויה. אזא ווי איך וועט מוזן זיך באגיין אָן דער געהייליקטער ערד.

— און אונדזער דאָרף, — האָט זיך אָנגערופן דער מאלארישער געלער אימאלאָ, — רופט מען „די ערד פון די געשטאָרבענע".

---

* לערער.

— צי דאָרט אין רוים ווייסט מען פון די אַלע זאַכן? — האָט געפרעגט דער שעפּעליאָווער דזשינאָ. — גייסט טײַלמאַל און דו טראַכסט: איך וועל בעטן דעם קשיאָנדז, ער זאָל אָנשרײַבן אַ בריוו קיין רוים.

— שרייב, שרייב, — האָט זיך צעלאַכט דער העל־געלער אמאדעאָ, — צום פּויפּסט.

— המ, צום פּויפּסט קאָן זיין נישט, אָבער צו שעלבאָן, — האָט זיך אָנגעגעדופן אנדזשעלאָ, טרייסלענדיק מיט דעם שאָפּענעם קאָפּ.

— אָדער צו דע גאַספּערין, — האָט צוגעגעבן דזשיאַני.

— אָ, דיע גאַספּערי, דע גאַספּערי, — דער קלײנער מאַטעאָ האָט צוגויפּגעצויגן די נאָז און אויפגעזונגען:

„ווען דע גאַספּערי איז ביי דער מאַכט,
איז זופּ און שיסל נישטאָ קיין סך“.

די ארבעטער האָבן זיך צעלאַכט.

אויף א קורצער ווײַלע זענען אַלע געבליבן זיצן שטיל. זיי זענען געזעסן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווען דער אלטער גענאַראָ פון דזשינגאַ האָט גענומען א וואָרט:

— דע גאַספּערי, דע גאַספּערי, וואָס פאַר א באַדייטונג האָט דע גאַספּערי?

— דער אלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א רגע און האָט אָנגעשפּאַרט זיין ביינערדיקע האַנט אויף דער קני. — עס איז געווען קריספּי, עס איז געווען דזשיאָליטי, עס איז געווען דער קעניג, עס איז געווען מוסאָליני. יעדער איינער פון זיי איז געווען אזוי גרויס, אז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אז עס וועט פאַר זיי קיין ערד אויף קיין קבר נישט סטאַרטשען, און איך, אַ קבצן, קאָן מען זאָגן, האָב זיי איבערגעלעבט. איך גיי נאָך, וואָרעם זיך אויף דער זון, איך קאָן נאָך ארבעטן, כאָטש איך זע אויס פיל עלטער פון מיינע יאָרן. און יענע זענען שוין נישטאָ. עס וועלן פאָריבער עטלעכע יאָר און דע גאַספּערי וועט אויך נישט זיין. מעגלעך, איך וועל זיך דאָס שוין נישט דערוואַרטן. אָבער איר, — יאָ. דערנאָך וועט קומען אן אנדערער גאַספּערי, און אייערע קינדער וועלן אים איבערלעבן, און אזוי וועט זיין בסדר. און קיין שום זאַך ענדערט זיך נישט. סיי דער הימל ענדערט זיך נישט, סיי די ערד ענדערט זיך נישט. די ערד וועט ווייטער, ווי אַ פּיאַווקע, אויסזייגן פון דיר אַלע כוחות און ביי די פּופּציקער וועסטו שוין אויסזען אזוי אַלט, אז קיינער וועט אויף דיר אפילו קיין קוק נישט וועלן טאָן. זאָלסט נאָר נישט חתונה האָבן מיט א בעטל־שטעקן, און זאָל די הייליקע מוטער דיך שיצן פון אַרויסלאָזן די נשמה אונטער דעם בלויזן הימל. אייגזאַם. איך קוק אויף אייך און איך טראַכט: דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזען און געהערט, חזרט זיך איבער נאָכאַמאָל. איך דאַנק גאָט, וואָס איך בין נישט יונג און איך מוז נישט

אָנהייבן פונדאָסניי. אפילו קריסטוס וואָלט זיך נישט געלאָזט צוויי מאָל קרייציקן. עס איז מיר אייך א שאָד, אָרעמע מענטשן, שלאָגט אייך נישט קאָפּ איין וואנט, ווייל ס'איז פאראן א שטארקער'ער פון אייך. אלץ גייט פאריבער, סיי די נאספערי, סיי „טראמאָנטאנא“, סיי „סיראָקאָ“, סיי די קאלטע רעגנס.

— בלויז איינס גייט נישט פאריבער, אלטער, — האָט געזאָגט סילוועסטראָ, — דער הונגער.

— דאָס איז אמת, — האָט א זיפץ געטאָן גענאראָ. — צום הונגער איז קיין עצה נישטאָ.

— שטארבן פון הונגער, שטארבן פון הונגער, — סילוועסטראָ האָט זיך פּלוצעם איינגעזעצט אין אַראָפּגעהאָנגען די פיס פון דער טרעפּ, — שטאַרבן פון הונגער און קיינמאָל שוין נישט זיין זאט...

— דאָס מוז זיין א שרעקלעכער טויט, — האָט דער אלטער גענאראָ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— הערט שוין אויף אמאָל צו רעדן פונעם טויט! — האָט אויסגערופן דזשיאני. — מענטשן, טראַכט נישט וועגן טויט, נאָר וועגן לעבן. הערט... איך האָב אייך אויסגעהערט...

— הערט אויף צו רעדן פונעם טויט, — דער העל־געלער אמאדעאָ איז אראָפּגעשפרונגען פון די טרעפּ און, איבערייסנדיק דזשיאנין, האָט ער זיך גראָב אויסגעשאָלטן. ער האָט א שטויס געטאָן מיט אימפּעט, ווי א פּיטבאָליסט, אַ קיילעכדיקן שטיין. דער שטיין האָט זיך אַוועקגעקייקלט איבערן פלאַץ אַזש ביז דעם נאָענטסטן פאָנטאן. — דערנאָך וועט זיך דאָס אלץ חלומען, — ער האָט א שמייכל געטאָן.

דורכן פלאַץ, וועלכער איז געווייגלעך געווען ליידיק אין די דאָזיקע מיטאָגשעהן, איז געגאַנגען אַ מענטש אין דער ריכטונג צו די אַרבעטסלאָזע, אָנגעטאָן אין ארבעטער־קליידער. ווען ער האָט דערזען דזשיאנין, האָט ער אָנגעהויבן צו אים מאַכן מיט דער האַנט:

— דזשיאני, קום, — האָט ער גערופן, — מיר האָבן דיך געזוכט, די ארבעטער וואַרטן אויף דיר.

דזשיאני האָט איבערגעריסן זיין אָנגעהויבענע רעדע און געוואַרט, ביז דער מענטש וועט צוקומען.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

ביי דעם אַרבעטער האָבן זיך שנעל באַוועגט די אויגנלעפּלעך. די ליפּן האָבן אים געציטערט.

— אין מאַנופאַקטוראַ האָט מען ארויסגעהאָנגען א רשימה פון אָפּגעזאָגטע. צוואַנציק האָט מען ארויסגעוואָרפן פון פאבריק. דיך, דזשיאני, אויך.

— וואַרט א ווײַלע, מיר וועלן גיין צוזאַמען. איך מוז דאָ נאָך ענדיקן. —

ער האָט א קוק געטאָן אויף די איבערראשטע ארבעטער און א מאך געטאָן מיט דער האַנט. — אַ צווייט מאָל. דערווייל זייט געזונט. איך וועל מאָרגן צו אייך קומען.

נאָך דעם אוועקגיין פון דזשיאַניו האָבן אלע א לעגגע־ע ווײַלע געשוויגן. ענדלעך האָט זיך אָנגערופן סילוועסטראָ:

— מע דאַרף זיך אָפּטראָגן פון קראָמאָנע. זיי וועלן שטרייקן. און דעמלט וועט שוין פאר אונדז קיין ברויט נישט זיין. מע דארף זיך געזעגענען מיט דעם קאָמוניסטישן ברויט.

קאַפּיטל דריי

I

דער ווינטער איז אָנגעקומען פּלוצעם, ווי אַן אומגליק. נאָך אַ וואַרעם און רעגנדיק וועטער האָט זיך פּלוצעם געשטעלט אַ טרוקענער, און דאָס גראָד אין מערץ, ווען די פעלדער פאָדערן צום מערסטן פייכטקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ שטורעם, פון אַ געמיש פון ווינטן, וועלכע האָבן געבלאָזן פון אַלע זייטן, פון ביידע ימען און פון די בערג. די ווינטן האָבן זיך געשלאָגן און אויפגעהויבן זיילן שטויב ביז אין הימל. גובר געווען האָט די „טראַמאָנטאַנאַ" פון צפון, פון דער זייט, וועלכע ברענגט שטענדיק אומגליקן.

דערנאָך האָבן אויף די שטיינער און פעלדער זיך אַראָפּגעלאָזט טרוקענע פרעסט. דערויף האָט דער ים געענטפערט מיט אַ נעפל, וועלכער איז אויפגעגאַנגען, ווי פון אַ קעסל. די גאַסן האָבן זיך איבער נאַכט באַדעקט מיט אַ פראָסטיק הייטל, ווי מיט דינעם גלאָז.

ווען די זון האָט זיך דורכגעריסן, האָבן זיך געוויזן די שפּיצן בערג. ענדלעך איז אַרויסגעפאַלן אַ שניי.

אויף די געלעגערס האָט מען אָנגעוואָרפן גאַנצע הויפנס שמאַטעס, צונויפגעשלעפּטע פון אונטערן פּאָלאַס און באַלקאָנס, וועלכע האָבן געדינט ווי אַ בוידעם, אָדער אַרויסגענומען פון די שוואַרצע קאַסטנס. אויב אין שטוב זענען געווען פענצטער, האָבן זיי קיין שויבן נישט געהאַט, און מע האָט זיי פאַרשטופּט מיט שמאַטעס. אין שטיבער אָן פענצטער האָט מען גוט פאַרמאַכט די טירן. און אומעטום איז געווען אַלציינס פינצטער. מע האָט פאַרלאָשן דאָס פייער אונטער די דרייפוסן, כדי נישט דערשטיקט צו ווערן פון רויך.

דער הונגער האָט אַראָפּגעשלעפּט די מענטשן פון די געלעגערס. מע האָט ווייניק געקאָכט. די רויטע פרוכטן פון דעם קאַקטוס „פּיקאַדינדיאַ", וועלכע מע האָט אַרויסגעשטעלט אויף דער זון, כדי זיי זאָלן רייף ווערן, — האָט מען שוין אויפגעגעסן. פון די ווענט האָט מען אַראָפּגענומען די בינטלעך קוקורוזע, אויסגעשיילט פון זיי די קערנער און געטיילט זיך מיט די עופות, וועלכע זענען נאָך געווען מער פרעסעריש פון די מענטשן.

מיטאָגצייט, ווען די זון האָט געוואַרעמט, האָט מען עולה־רגל געווען צום באַרג־דורכגאַנג נאָך וואַסער. און די קינדער האָבן געטאַפּטשעט מיט רויטע פיסלעך אין דער אָפּגעטייעטער ערד און צונויפגענומען ביטערע ציקאָריע.

ביים שמאָלן טייכל, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן נאָכן אונטערגאַנג פון דער זון, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פרויען, וועלכע האָבן געפירט מיט זיך אייזלען, אויב זיי האָבן אַזעלכע פאַרמאָגט; די אייזלען זענען געווען באַלאָדן מיט לענגלעכע פעסלעך. די פרויען האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, און לעליאָ דער קרעמער, וועלכן דער „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע האָט באַשטימט אַלס וועכטער, האָט אָפּגעמאָסטן יעדער איינער צו זעקס ליטער וואַסער. מע האָט זיך געדונגען פאַר נאָך איין מעסטל, געשאָלטן, גערעדט אַנטקעגן גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט באַשאַפן מענער צום פרעסן און צום מאַכן קינדער.

די פרוי פון אַלעסיאָ גרעקאָ, לואיזאַ ראָזאַטאַ פון ראָקאַ די נעטאָ, איז געשטאַנען מיט פאַרביסענע ליפּן, נישט אָנרופנדיק זיך אויף די בייזע ווערטער פון דזשיאָוואַנען. נאָכן טויט פון ייִנגסטן קינד, וואָס איז געוואָרן צעקוועטשט פון די חזירים אין „פּאַרקאָפּאָלי“, איז דזשיאָוואַנאַ, די פרוי פון אַרמאַנדאָ, שווער קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און נאָך איצט האָט זי זעקלעך אונטער די אויגן. לואיזאַ האָט געהאַלטן דאָס אייזעלע פאַרן צוים, און ווען ס'איז געקומען איר ריי, האָט זי אַראָפּגענומען פון הילצערנעם זאָטל ביידע פעסלעך. זי האָט געוווינט ווייט, אויפן עק דאָרף נאָך דעם סאַראַצענער טורעם, און זי איז געקומען נאָך וואַסער יעדן צווייטן טאָג. זי האָט דעריבער געהייסן זיך אָנגיסן אַ דאָפּלטע פּאָרציע וואַסער.

— אַז מע האָט אַן אייזל, — האָט זיך אָנגערופן דזשיאָוואַנאַ, — קאָן מען קומען נאָך וואַסער יעדן טאָג.

לואיזאַ האָט דעם קרעמער לעליאָ געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפּ, און ער האָט געהאָרכזאַם אָנגעפילט ביידע פעסלעך. לואיזאַ האָט זיי צונויפגעבונדן מיט אַ שטריק און אַריבערגעוואָרפן איבערן רוקן פון אייזל. נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק, האָט די פרוי פון אַלעסיאָ גרעקאָ געפירט דאָס אייזל איבער די שטיינער, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן אויף דעם פלאַכן וואַסער פון טייכל.

— פאַר די רייכע איז נישט גענוג, וואָס זיי האָבן אַן אייזל, וואָס אַרבעט פאַר זיי, אָרעמע חיה! זיי מיינען, אַז אַלע מוזן זיי אָפּטרעטן דעם וועג. אַזאַ אומפאַרשעמטע! — האָט געזאָגט דזשיאָוואַנאַ.

ווינטשענצאַ, די פרוי פון סילוויאָן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען די אָרעמע זאָלן עס ווייניקסטנס פאַרשטיין, — זי האָט מיט אַ שוואַרצן דאַרן פינגער אַריינגעדרוקט די האָר, וועלכע האָבן זיך איר אַרויסגעשאַרט פון אונטער דעם שוואַרצן טיכל.

— אַן אומפאַרשעמטע. זיכער, אַן אומפאַרשעמטע, — האָט אָנגעבלאָזן איר אונטערשטע ליפּ די אַנגאַזיקע אקושערקע פּאַסקאַלינא. — אויב א פרוי אַנטלויפט צוליב א פאַראָבעק פון איר אמתן מאַן, איז שוין קלאָר.

— וואָלט זי כאָטש געווען אַנטלאָפן אויף אַן אמת און נישט אַלעמאָל זיך צוריקקערן ווי א שאָף. ער! — האָט דזשיאָוואַנא א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— יענער אומגליקלעכער האָט עס געמיינט אויף אַן אמת... רו זיין נשמה...

— ער, צוואָס דערמאָנען אַלטע זאַכן. — האָט פיערינאַ, די פרוי פון ווי־טאָ, דער אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע“, געהויבן מיט די פּלייצעס. — נישט אמת?

II

קיאַראַ, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרץ טיכל, האָט געהאָלפן מאַריען צוצו־בינדן דאָס פעסעלע אויף די פּלייצעס. יאָלאַנדאַ, ביי וועלכער יאָר־יערלעך זענען געשטאָרבן די קינדער באַלד נאָכן געבוירן ווערן, איז געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אין דער שטיינערנער באַרג־וואַנט, וועלכע האָט אויסגעזען ווייט פון דער זון. איבער איר בלאַס, דעליקאַט פון אָפּגעצערטקייט פּנים זענען געפלאָסן טרערן.

— וואָס וויינסטו, יאָלאַ? — האָט געפרעגט קיאַראַ.

יאָלאַנדאַ האָט אויפגעהויבן אירע שיינע ברעמען. דורך די אָנגעפלאָסענע טרערן האָט זי דערזען די צעשוואָמענע פּנימער פון מאַריען און קיאַראַן. זי האָט זיי שוין באַמערקט פריער, ווען זיי זענען געגאַנגען מיט דער סטעזשקע צוזאַמען מיט פראַנצעסקאָס אייזעלע.

— ווער וויינט? איך וויין גאָר נישט, — האָט יאָלאַנדאַ געפּרוווט א שמייכל טאָן, — דאָס גייט מיר אַזוי אָפּ דאָס פּנים פון דער זון.

קיאַראַ האָט זיך צעלאַכט, אַ וואָרף טוענדיק אויף צוריק דעם קאָפּ, ווי א קליאַטשע.

— עס טוט וויי? — האָט זי געפרעגט, אָנווייזנדיק מיטן בליק אויף יאָלאַנ־דאַס בויך.

— אָ, ס'איז נאָך צייט, — יאָלאַנדאַ האָט זיך אויסגעגלייכט און אריינ־געדרוקט די דינע פינגער הינטערן שנור, וועלכער האָט זיך איינגעשניטן אין אי־רע אַקסלען. ווי דער שוועסטער פון „סינדאַקאָ“ אַברוציעזע, האָט איר דער קרע־מער לעליאָ אָנגעגאָסן א פול פעסעלע.

פראַנצעסקא האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרנעמענדיק די פאַלדן פון איר שוואַרץ קלייד, כדי זי נישט צו פאַרשפּריצן מיט דעם וואַסער פון דער קאַלוזשע.

די פרוי פון קשיאַנדז האָט אויסגערעדט דאָס אייזעלע מיט אַ שטענגל פון אַ דאָרנקוסט.

— אָ, יאָלאַנדאַ, גיב אַהער, — האָט געזאָגט פראַנצעסקאַ, — באַרג אַרויף וועסטו נישט דערטראָגן. — העלפנדיק איר אָראָפּנעמען דאָס פּעקעלע און צושלעפּן עס צום הילצערנעם זאָטל, האָט זי הויך גערעדט, אַז ס'זאָל איר הערן לעליאַ דער קרעמער. — עך, היגטישער זון, מיר, אַ מאַמע פון פיר ייִנגלעך, האָסטו געזשאַלעוועט נאָך איין טראָפּן, און דער דאָ האָסטו אומגעבעטן איבערגעגאָסן איבער די ברעגעס. ווייל זי איז די שוועסטער פון אַברוצעזען. און דער צווייטער, ווייל זי איז די פרוי פון אַלעסיאָ גרעקאָ, און נאָך און אַנדערער, ווייל זי איז די טאָכטער פון פיליפּעלאָן, — פראַנצעסקאַ האָט אַ זעץ געטאָן מיטן דאָרן־שטענגל דעם אייזעלע איבער די פיס.

— אי... אי... „טשוטשיאָ“*, שטיי, וווּ רייסטו זיך? — דאָס אייזעלע האָט דערפילט דעם ריח פון פריש, פייכט גראָז פון אונטער דעם צעגאַנגענעם שניי און עס האָט געצויגן פראַנצעסקען אין דער זייט פון גרינעם אָפּרים. — און דו, מיין שיינהייט, פאַרוואָס האָסטו געוויינט? — האָט זי זיך געוואַנדן צו יאָלאַנדען. — ווייַן נישט. די זינדיקע פרעסט וועלן הייַנט מאָרגן בריעכן דעם קאַרק. מיין דאָן דאָמעניקאָ זאָגט, אַז אַזאַ קעלט קומט איין מאָל אין הונדערט יאָר. און וואָס מאַכט עפּעס, מאַריאַ, מיין טאָטאָ? — פראַנצעסקאַ האָט נישט אָפּגעריסן איר בליק פון יאָלאַנדען. — מע וואָלט אים באַדאַרפט חתונה מאַכן. וואָס זאָגסטו, קיאַראַ?

קיאַראַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— זיכער, מומע, — פראַנצעסקאַ און קיאַראַס מוטער זענען געווען שוועסטער.

— און דו, יאָלאַנדאַ, האָסט געוואָלט באַרג אַרויף שלעפּן סיי דעם בויך, סיי די וואַסער? — פראַנצעסקאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — דאָס איז אַ ביסל צופיל. אַז מע טראָגט, דאַרף מען וויסן, ווי זיך אויפצופירן, מיין טייערער.

—עך, מומע פראַנצעסקאַ, ווען קאָן מען דאָ געפינען פאַר טאָטאָן? — קיאַראַ האָט אַ שמייכל געטאָן אין די פלייצעס מאַריען, דער שוועסטער פון סאַלוואַטאָרען.

— פינוואַנען זאָל איך עס וויסן? אפשר האָט ער עמעצן איבערגעלאָזט דאָרט, וווּ ער איז געווען, — האָט געזאָגט פראַנצעסקאַ, — ער איז דאָך נישט קיין קשיאַנדז.

---

* אייזעלע.

— לאָמיר גיין, — האָט זיך אָנגערופֿן יאָלאַנדאַ.

— לאָמיר גיין, אי... אי... „טשומשיאַ“, — האָט פֿראַנצעסקאַ אַ געשריי געטאָן אויפֿן אייזל.

אַלע פֿיר פֿרויען האָבן זיך געלאָזט גיין איינע נאָך דער אַנדערער מיט דער זומפּיקער סטעזשקע. דער אייזל האָט מאַרשירט דער ערשטער, אויסקלייבנדיק פֿאָרזיכטיק מיט די דינע פֿיס דעם האַרטסטן באָדן. די פֿרוי פֿון קשיאַנדז האָט אים פֿון צייט צו צייט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקל איבער די זייטן, כּדי ער זאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַן אייזל.

זיי זענען געגאַנגען אין דער הויכקייט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ לייכטן שיפּוע צום פּראַגאַלאַ־טאָל. אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן בערגל איז צווישן אייקאַליפּטוסן געשטאַנען דאָס פּאַלאַצל פֿון באַראָן בערלינגיערי, אין וועלכן עס האָט איצט געוווינט דער קשיאָנדז דאָן לואידזשי. פֿונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס האַווקען פֿון אַ הונט.

— וועלכער קריסטלעכער קשיאָנדז האַלט עס אַזאַ ווילדע בעסטיע? זעט אויס, אַז ער האָט מורא פֿאַר מענטשן. אויף אַ מייל וועט דער דאָזיקער הונט דערשמעקן אַ מענטשן. טפֿו! — האָט געזאָגט פֿראַנצעסקאַ.

— דאָס איז אַ הונט בלויז פֿאַר קאָמוניסטן, — האָט זיך אָנגערופֿן מאַריאַ.

— דאָס איז אַ הונט פֿאַר מענטשן, זיי זאָלן נישט קומען ביינאַכט וועקן דעם קשיאָנדז. נעכטן ביינאַכט האָט ראָזאַריאָ גערופֿן דאָן דאָמעניקאָ צו זיין מוטער, דער אַלמנה אַננאַ. ער האָט געוואַרט אויף דער מוטערס טויט ביז צום סאַמע סוף. ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז ס'איז נאָך צייט, אַז ער וועט מאָרגן רופֿן. דערנאָך, ווען דאָן דאָמעניקאָ איז אַהינגעגאַנגען, איז שוין געווען שפּעט. בלויז דאָס, וואָס ער האָט איר פֿאַרמאַכט די אויגן. און דער צווייטער זקן האַלט שוין אויך ביים שטאַרבן. דער קאָשטשיאָל־דינער אַנדרעאָ. דאָן דאָמעניקאָ קלינגט איצט פֿאַר אים דריי מאָל אַ טאָג. און דאָן לואידזשי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט נישט, ווער עס קלינגט. כאָטש קיינער קלינגט נישט אַזוי, ווי דאָן דאָמעניקאָ. אויב אומזיסט, קאָן עס אַפֿילו טאָן אַן אָפּגעזאָגטער קשיאָנדז. אומזיסט און באַקוועם, ווייל אַנדערש וואָלט דאָן לואידזשי אַליין געמוזט גיין קלינגען. אָבער באַגינען לאָז איך נישט דאָן דאָמעניקאָן אַרויסגיין פֿון שטוב, דעמלט איז דער פֿראָסט אַ שרעקלעכער. עס גייט פּשוט אַ פּאַרע פֿון מויל. וועסט נישט קלינגען באַגינען, האָב איך געזאָגט דאָן דאָמעניקאָן, גענוג, דיר איז עס נישט נייטיק, און דו וועסט אויך די מענטשן נישט וועקן. און דאָן דאָמעניקאָ אַליין איז שוין אויך נישט קיין יונגערמאַן. אַנדרעאָ ליגט אין דער קאַלטער קאַפּליצע. ער וווינט דאָרט, פֿון זינט די שנור האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער אייגענער שטוב. ביי טאָג פֿירט אים אַרויס דאָן דאָמעניקאָ אויף דער זון

און זעצט אים אוועק אויף די טרעפּ פון קאַשטשיאָל. דאָן דאָמיניקאָ זאָגט, אז ווען יעדעס יאָר זאָלן זיין אזעלכע פּריעסט, וואָלטן אלע זקנים אויסגעשטאָרבן.

— מעגלעך, אז אַזוי וואָלט געווען בעסער, — האָט זיך אָנגערופן מאַריאַ.

— אָבער עס וואָלטן געשטאָרבן נישט בלויז די אַלטע, — האָט געזאָגט יאָלאַנדאַ.

— און אונדזער מוטער אימאַקאָלאַטאַ איז אַלט און דער פּריאָסט האָט זי איינגעהויקערט, — האָט געזאָגט מאַריאַ און אַנטשוויגן געוואָרן. — אימאַקאָלאַטאַ האָט אַלץ וויניק שמאַטעס זיך צוצודעקן. ליגט אויפן געלעגער, און אויף מאַריען האָט זי איצט אַלץ אַרויפגעוואַלגערט. די מוטער ליגט און האַלט אין איין רעדן וועגן די הינער. כלומרשט, אז זיי דאַרפן לעבן, און זי, אַן אַלטע, דאַרף שטאַרבן? אַרמאַנדאָ זעגן אויך די הינער, ווי זאַלץ אין די אויגן. ער האָט געהייסן מאַריען די הינער אין שטאָט פּאַרקויפן, און דאָס געלט אָפּגעבן דזשיאַנין. פאַר די שטרייקנדיקע. אַזוי האָט געהייסן דזשיאַני. אָבער צי דזשיאָוואַנאַ פּאַרקויפט אויך אירע הינער פאַר די שטרייקנדיקע? און טאָטאָ טוט אויך אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט און רעדט אויך פּונקט אַזוי פון די הינער. ווען דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, — זאָגט טאָטאָ, — וועלן מיר אויפפרעסן די הינער ביז איינע. נישט באַוווּסט, וואָס איצט קאָן אין שטוב געשען, — האָט זיך מאַריאַ באַאומרויִקט.

— איצט — האָט געזאָגט פראַנצעסקאַ, — האָט אייער מוטער אימאַקאָלאַטאַ שוין זיכער פון דיר קיין רו נישט. יענע וואָך האָב איך זי באַגעגנט, ווען זי האָט זיך פון קאָשטשיאָל אומגעקערט. זי האָט די גאַנצע צייט געוויינט.

— דערויף איז זי אַלט, אַז זי זאָל וויינען, — האָט אָפּגעענטפערט מאַריאַ.

— אַז אימאַקאָלאַטאַ וויינט, דאָס זעען די מענטשן. אָבער אַז זי, מאַריאַ, מוז פאַר אַלעמען האָרעווען, דאָס זעען נישט די מענטשן. און אז דער פאָטער דזשיאַקאָמאָ איז זיך אויסגעגליכן זיין שוועבל־קרענק, און זי האָט אַזש ביז זיין סאַמע טויט געמוזט אַרומגיין אַרום אים, דאָס האָט אויך קיינער נישט געזען. זי וועט פאַרשוואַרצט, און קיינער אין שטוב העלפט איר נישט צו. — אייך, פראַנצעסקאַ, איז גוט מיט אייער דאָן דאָמעניקאָ, — האָט געזאָגט מאַריאַ.

— און פאַרוואָס געפינסטו זיך קיין מאָל נישט? — האָט געפרעגט פראַנצעסקאַ. — צוויי פרייען צוזאַמען אין איין שטוב איז צופיל. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. די מענער זענען שוין צוריקגעקומען.

— יאָ, צוריקגעקומען, — האָט אַ זיפץ געטאָן קיאַראַ, — אָבער חתונה האָבן וויל קיינער נישט פון זיי. זיי זענען צוריקגעקומען גאָר ערגערע, ווי זיי זענען געווען פריער. אויף דער וועלט האָבן זיי געזען אַ סך שיין אָנגעטוענע מיידלעך, און נישט ווי מיר, שטענדיק אין שוואַרצן. אַרומנעמען, פאַרשלעפּן אין אַ טונקל ווינקל, דאָס גאָר יאָ, אָבער חתונה האָבן וויל קיין איינער נישט.

— ווייל ווו וועט ער דיך נעמען? — האָט זיך מאַריאַ צעבייזערט. — אין אַ שטוב מיט אַ מוטער און מיט אַ שוועסטער? אויף ווילדע ציקאָריע? עס איז אַזוי אויך גענוג ביטער אין מויל.

— און אפשר וועט טאַטאָ געפינען אַ וועלכע ס'איז ארבעט אין שטאָט, וועט ער אייך העלפן, — האָט געזאָגט יאָלאַנדאַ.

— יאָ, פּונקט איצט, ווען אפילו דזשיאַני און די גאַנצע פאַבריק אַרבעטן שוין נישט פון זינט צוויי וואָכן, — מאַריאַ האָט פאַרביסן די ליפּן.

— אי־אי, „משומשיאָ“, — האָט פראַנצעסקאַ אַ געשריי געטאָן צום אייזעלע און עס דערלאַנגט איבער ביידע גראָע זייטן.

III

אין דער היים האָט מאַריאַ געטראָפן די טירן צעפּראַלט. טאַטאָ איז געזעסן אויף דער שוועל און געשיילט באָב, אריינגווארפנדיק אים אין אן אייזערנער שיסל. דעם באָב האָט ער געקויפט אין שטאָט. ער האָט אויסגעביטן איין אויסטראַלישן פונט. ער האָט אויך געקויפט טאַבאַק און פּאַפּיראָס־פּאַפּיר.

— אַ גאַנצן טאָג, נאָר ער פרעסט, — האָט מאַריאַ געזאָגט. — וואָלסט בעסער חתונה געהאַט. דו ביסט דאָך נישט קיין קרומער און נישט קיין קאָמוניסט.

די מוטער האָט גענישטערט אין שוואַרצן קאַסטן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אַ בינטל „זאַפּעס“ און אייזערנע פּרענטן.

— זוכסט שוין ווידער דאָס, וואָס דו האָסט נישט פאַרלוירן? — האָט מאַריאַ געזאָגט.

די אַלטע האָט נישט אָפּגעענטפערט. זי האָט אַרויסגעוואָרפן דאָס אַלטע אָנטועכץ פון פאַרשטאָרבענעם מאַן, צעקנייטשטע העמדער, אַ צעריסענעם קאַפּעליוש, רויטע זאָקן, פון וועלכע עס זענען נאָר פאַרבליבן אויסגעדרייטע אייבערשטע טיילן. דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, פאַרלייגט די הענט צווישן די קני און געקוקט אין איין פונקט. שפּעטער האָט זי אַלץ אַריינגעוואָרפן צוריק.

— מאַריאַ, — האָט אימאַקאָלאַטאַ געזאָגט, — דאָ איז ווידער געווען אַרמאַנדאָ.

— וואָס האָט ער געוואָלט? — מאַריאַ האָט זיך פּלוצעם אויסגעדרייט, אויסגיסנדיק דאָס וואַסער פון ערדענעם טעפּל אויף דער ערד.

— אַלץ דאָס זעלבע, — האָט געזיפצט די אַלטע, אויפהייבנדיק זיך שווער פון דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

— אַפילו קיין שאָלעכץ פון קיין איי וועל איך אים נישט געבן, — מאַריאַ האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין אויסגעשטעלטן היטן, — איך וועל אים גאָרנישט געבן.

אימאַקאָלאַטאַ האָט אַרייַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די פּלייצעס.

— ריכטיק, ריכטיק, טאָכטער, — האָט זי געזאָגט, — אָבער איך האָב געטראַכט, אפשר פאַר דזשיאַנין...

— פאַר דזשיאַנין! נישט גענוג, וואָס ער גיט גאָרנישט אין שטוב, וואָס צוליב אים האָבן מיר אַפילו די פאָר פּאַרשיווע סאָלדן פון פיליפּעלאָן פאַרלוירן! ס'איז דיר ווייניק, וואָס טאָטאָ האָט זיך אונדז אָנגעזעצט אויפן קאַרק, וועל איך נאָך וועגן דזשיאַנין קלערן.

— מאַריאַ, איך האָב דיר נאָר געזאָגט, אַז דאָ איז געווען אַרמאַנדאָ, — אימאַקאָלאַטאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער מיט אויגן פאַרנעפּלטע פון ייִד און אַלטקייט. — אָ, גאָט, גאָט, — האָט זי געקרעכצט.

— גיי, וויין פאַר פרעמדע, ווי אַ בעטלערין! — האָט מאַריאַ אויסגעשריגן. טאָטאָ האָט אַ וואָרף געטאָן די אייזערנע שיסל אויף דער ערד.

— הער, דו מרשעת, וועסט אויפהערן גריזשען, צי ניין? ווייל איך וועל דיר אַלץ צוריק אַרייַנשטופּן אין גאָרגל. — טאָטאָ האָט פאַרקלעמט די פויסטן, ווערנדיק בלייך, ווי לייוונט.

— הערסט זון, זון, זון, ווי זי האָט מיך אָנגערופן. מוטער הייליקע! אַ בעטלערין! — אימאַקאָלאַטאַ האָט אַרייַנגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט.

מאַריאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן געלעגער. זי האָט אָנגעשפּאַרט די באַק אויף דער דלאָניע און מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק געקוקט אויף דער קאַלוזשע צעגאָסענע וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע.

אימאַקאָלאַטאַ האָט זיך באַרואיקט. זי איז צוגעגאַנגען צו דער שוועל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן סאַלוואַטאָרען. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרשאַרנדיק אונטערן שוואַרצן טיכל גרויע האַרטע פּאַסמעס האָר. זי האָט זיך איינגעקוקט אין הימל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— און דיך האָט געזוכט דער קאַראַביניער. ער איז הייַנט געקומען צוויי מאָל. ער האָט געזאָגט זאָלסט קומען אין אָוונט. טאָטאָ מיינט... — די אַלטע האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן הימל, — אַזוי קאָן ווייטער נישט זיין. איבערן קאַשטשיאָל איז דער הימל ווידער בלאָ. לענגער קאָן אַזוי נישט זיין. עס וועט ווידער זיין אַ פראָסט. גיי צום סערזשאַנט. אפשר וועט ער דיר געבן אַ וועלכע ס'איז אַרבעט. אָבער קום נישט שפּעט.

טאָטאָ האָט געוווסט, אַז די אַלטע טראַכט וועגן שינעל, דאָס איז געווען די איינציקע וואָלגנע זאַך אין שטוב.

— איך וועל דער מאַמען געבן דעם שינעל, ווי נאָר איך וועל זיך צוריקקערן פון פרעצאָ, — האָט ער געזאָגט. — איר וועט זיך צודעקן מיט אים.

— ניין, ניין, — די אַלטע איז אויפגעשטאַנען פון שוועל, — מיר שלאָפן צוזאַמען מיט מאַריען. אין צווייען איז אונדז וואַרעמער. איך דאַרף נישט דעם שינעל. דו שלאָפסט אַליין.

טאָטאָ איז נישט צוגעשטאַנען.

— אפשר וועט מיר הייגט נישט זיין אַזוי קאַלט אין די פלייצעס, — האָט אימאַקאָלאַטאַ געזאָגט, און זי איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

IV

אויפן פרייהייטס־פּלאַץ האָט טאָטאָ געטראָפן אַ גרופּע אַרבעטסלאָזע, פאַר וועלכע קאָנטשעטאָ האָט געלייענט די „אוניטאַ“. דער „סינדאַקאָ“ פון קראָטאָנע, מעסינעטי, האָט באַשריבן אין צייטונג דעם שטרייק אין מאָנטעקאַטיני. די די־רעקציע האָט באַפרייט צוואָנציק אַרבעטער און נישט געפרעגט די מיינונג פון פאַריינס־ראַט. „די פויערים קויפן נישט קיין קינסטלעכע באַמיסטיקונג, טאָ פאַר וועמען וועלן מיר פּראָדוצירן?“ — האָבן זיי געזאָגט. און די אַרבעטער האָבן געענטפערט: — „אויב איר קאָנט נישט פירן די פאַבריק, טאָ וועלן מיר זי צו־נעמען און אייך ווייזן, אַז מיר קאָנען. ווייזט די ביכער, מיר וועלן קאָנטראָלירן אייערע רווחים, און איר וועט זען, אַז נישט בלויז די, וואָס איר ווילט באַפרייען, קאָנען אַרבעטן, נאָר אַז מע קאָן נאָך צונעמען אַ הונדערט נייע“. „ווו זענט איר געווען, הערן, ווען די פאַבריק איז געשטאַנען פאַרלאָזט?“ — האָט דער „סינדאַ־קאָ“ מעסינעטי געפרעגט די דירעקטאָרן. „ווען נישט די אַרבעטער, וואָלטן אין די ווענט פאַרבליבן בלויז די לעכער פון טשוועקעס. און איצט ווילט איר די זעלבע אַרבעטער אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט?“ — האָט געפרעגט דער סינדאַקאָ מע־סינעטי. „עס זענען שוין פאַריבער די צייטן, ווען מע האָט געקאָנט טאָן מיט אַרבעטער, וואָס נאָר עס האָט די פאַבריקאַנטן זיך פאַרוואָלט. דער איטאַליעני־שער אַרבעטער־קלאַס איז שוין נישט דער זעלבער, וואָס מיט צען און אַפילו פינף יאָר צוריק. הייגט האָבן מיר אַ מעכטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און דער פּראָלעטאַריאַט ווייס מיט וואָס פאַר אַ געווער ער דאַרף קעמפן קעגן דעם וויל־קיר פון די קאַפּיטאַליסטן און זייערע אויסנוצער. אויב די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון די אַרבעטס־געבער וועלן נישט געבן קיין רעזולטאַטן, וועלן מיר אַפּעלירן צום סאָלידאַריטעט־געפיל פון די אַרבעטער פון אַנדערע קאַטעגאָריעס, וועלכע וועלן אומבאַדינגט אונטערשטיצן די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַר־בעטער פון מאָנטעקאַטיני. די אַרבעטער פאָדערן: 1) אָנערקענען די קאָמפּעטענץ

פון פאַבריקס=ראַט אין דער פראַגע פון באַפרייען אַרבעטער, 2) אָננעמען צוריק די צוואַנציק אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, 3) באַצאָלן פאַר דער צייט פון שטרייק, 4) אַ צענפּראָצענטיקע לוין=העכערונג, 5) מילך פאַר די אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין אָפּטיילונגען, וואָס זענען שעדלעך פאַרן געזונט".

דער קליינער מאַטעאָ האָט געריבן די הענט פון הנאה און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איר הערט? איר הערט?

— אַ מאָלאָדיעץ מעסינעטי, — האָט געזאָגט וויטאָ, דער אייגנטימער פון „שאַראַבאַלע", אַ פלינקער, שלאַנקער ארבעטער מיט העל=גרויע אויגן.

— די קראָטאָנער האָבן אַ בעסער גליק צו אַ „סינדאַקאָ", איידער מיר, — האָט צוגעגעבן מאַטעאָ, — צום ביישפּיל, אונדזער אַברוצעזע, אויך בלומרשט אַ קאָמוניסט, אָבער קיינער זעט דאָס נישט.

— און דאָס, וואָס דער באַראָן האָט ביי אַלעמען אָפּגענומען די ערד, און ביי אים נישט, זאָגט אויך עפּעס, — האָט זיך אָנגערופן וויטאָ, — פאַר אומזיסט גיט מען קיינעם גאָרנישט...

— ווען מעסינעטי איז געוואָרן אויסגעקליבן, — האָט סילוויאָ געזאָגט, — האָבן אים די קראָטאָנער אויף די הענט אַריינגעטראָגן אין שטאָטראַט. די גאַנצע שטאָט האָט זיך צונויפגעזאַמלט.

— און מעסינעטי האָט געוויינט. איך האָב דאָס אַליין געזען, — האָט מאַטעאָ זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קורצן פינגער אין ברוסט.

— אַזאַ איז נישט קיין-שאָד אויסצוקלייבן, — האָט געזאָגט וויטאָ, דער אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע".

— אַזאַ איז נישט קיין שאָד אויסצוקלייבן, — האָט איבערגעחזרט מאַטעאָ, — כאָטש ער איז אַן אַדוואָקאַט.

— ווי אַן אַדוואָקאַט?! — האָט זיך אויפגערעגט וויטאָ. — אַזאַ אַדוואָקאַט, ווי דו אַ פויפסט. ער איז אויף צפון מיט די פּאַרטיזאַנער געווען.

אַרמאַנדאָ האָט אַ דריק געטאָן וויטאָן ביים אָרעם:

— אַדוואָקאַטן זענען אויך פאַראַן פאַרשידענע.

— זיכער, — האָט ער זיך באַרויִקט.

— יאָ, מיינע טייערע, — אַרמאַנדאָ האָט אַ רייב געטאָן מיט דער דלאָניע זיין האָריקע באַק, — יאָ. מיר האָט געזאָגט דזשיאַני, אַז מיר דאַרפן זיי העלפן, כאָטש מיט אַ זשמעניע ווייץ, אויך דאָס איז גוט. פון סטראָנגאָלי האָט מען זיי געבראַכט מעל, אַפילו פון ראָקאַ די נעטאָ. און פון ראָקאַ די דזאָלפאָ, ווו אַלע קענען דזשיאַני, גאָרנישט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט.

ראָקאַ די נעטאָ. פיעטראָ ראָזאַטאָ, דער ברודער פון לואיזען, דער פרוי פון אַליעסיאָ גרעקאָ, דער געפאַנגענער פון רוסלאַנד — האָט זיך סאַלוואַטאָרע. דער=

מאָנט אין זײַן רײזע־קאָמפּאַניאָן פֿון געפּאַל קײן קראָטאָנע. פֿון יענער צײַט האָט ער אים קײן אײן מאָל נישט געטראָפֿן. אפֿשר װעט ער בײַ אים באַקומען אַרבעט?

— און פֿון סטראָנגאָלי איז געקומען אַ פֿור מיט דעם אױפֿשריפֿט, — האָט װײַטער דערצײלט אַרמאַנדאָ, — „זאָלן לעבן די אַרבעטער! נידער מיט שעלבאַן“. אױף דעם פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ האָט זיך געמאַכט אַ צוזאַמענלױף, און די פּאָליצײ האָט אַראָפּגעריסן דעם טראַנספּאַרענט. מע האָט געלאַכט פֿון דער פּאָליצײ, װײַל אַלע האָבן שױן סײַװי איבערגעלײענט. איך האָב זיך גראָד צוריקגעקערט פֿון דזשיאַנין, — אַרמאַנדאָ האָט אָפּגעװישט מיט דער שװאַרצער דלאָניע זײַן האָריקע באַק, — יאָ, — האָט ער געזאָגט, און אַ קוק געטאָן אױף סאַלװאַטאָרען.

סאַלװאַטאָרע האָט דערפֿילט, װי דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. מע דאַרף אַװעקגײן. די קאָמוניסטן האָבן אַ װעלכע ס'איז געהײמניש. אַרמאַנדאָ װיל עפּעס זאָגן זײַנע חברים, אָבער אָן זײַטיקע מענטשן. זײ האָבן צװישן זיך אַזעלכע צײכנס, װי די אַמאָליקע קריסטן.

אױפֿן פֿרײַהײטס־פּלאַץ האָט זיך באַװיזן דער יונגער ראָזאַריאָ, דער זון פֿון דער אַלמנה אַננאַ. די אַרבעטער האָבן אים באַגריסט אָן װערטער, זײ האָבן נאָר אַ שאָקל געטאָן מיט די קעפּ. בײַנאַכט איז אים די מוטער געשטאָרבן און דאָס יינגל איז געקומען בעטן די חברים, זײ זאָלן אים העלפֿן זי באַערדיקן.

מע האָט זיך באַלד גענומען אײַנאָרדענען די לװיה. מאַטעאָ האָט געבראַכט ברעטער פֿון אַ קאַסטן, פֿון װעלכע מע האָט צונױפֿגעשלאָגן אַ טרומנע. װיטאָ האָט געגעבן זײַן „שאַראַבאַליע“ און דאָס מױלאײזל. די טרומנע האָט נישט געהאַט קײן צודעק, האָט מען זי צוגעדעקט מיט אַרמאַנדאָס קאָץ. סילװיאָ און ראָזאַריאָ האָבן מיטגענומען מיט זיך רידלען. מע האָט זיך באַדאַרפֿט צואײַלן, כּדי צו קאָנען זיך צוריקקערן נאָך פֿאַר זון־פֿאַרגאַנג.

די זון איז נאָך געװען הױך, װען מע האָט די טרומנע אױפֿגעלאָדן אױף דער „שאַראַבאַלע“ און גערירט.

דער געמײנזאַמער בית־עולם פֿאַר ראָקאַ די דזאָלפֿאָ און פֿאַר די אײַנװױנער פֿון די גראָטן הינטער די שװעבל־גרובנס פֿון מאַרקיז מאַסאַרי איז געלעגן אין דער זײַט פֿון שליאַך, כּמעט אױפֿן נאַקעטן פֿעלד. די „שאַראַבאַלע“ האָט העלדיש געקעמפֿט מיט דעם אומװעג. די גרױסע רעדער האָבן געסקריפּעט אױף די קײלעכדיקע שטײנער און פֿעלזן, װעלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון די בערג. זײ זענען געפֿאַלן אױף די סטעזשקעס פֿון די פֿוסגײער, װי זײ װאָלטן װעלן זיך לאָזן אין אַ בעסערער װעלט. דאָרט, װו די ערד איז געװען װײכער, האָט דאָס װאַסער אױסגעגראָבן טאָלן און גריבער. די טרומנע פֿון דער אָרעמער אַננאַ דער אַלמנה האָט זיך געטרײסלט. מע האָט באַדאַרפֿט זי האַלטן פֿון בײדע זײַטן, אַז דער מת זאָל פֿון איר נישט אַרױסשפּרינגען.

קיין פרויען זענען אויף דער לוויה נישט געווען. ראָזאַריאָ האָט קיינעם נישט געבעטן, ווייל סיי ס'איז וויט, סיי ער איז נישט אימשטאַנד געווען איינצואָרדענען קיין אַבלים=סעודה.

מע האָט זי באַגראָבן אָן אַ קשיאָנדז. דאָן לואידזשי האָט געוווּסט, אַז די לעצטע טרייסט האָט איר געגעבן דאָן דאָמעניקאָ. און דאָן דאָמעניקאָ, וועלכער האָט איצט פאַרטרעטן דעם קאָשטשיאָל=דינער אַנדרעאָ, האָט נישט געוואָלט דעם רעכטלעכן קשיאָנדז שטעכן אין די אויגן מיט זיין באַגלייטן אויפן בית=עולם. ער האָט דעריבער געזאָגט ראָזאַריאָן, אַז ס'איז נישט כדאי אים מיטצונעמען: ער איז אָפּגעזאָגט און ס'איז אַלציינס, צי מע וועט די מוטער באַערדיקן מיט דעם אַנטייל פון אַזאַ קשיאָנדז, אָדער אָן אים. אין שטוב איז ער געקומען, אָבער אין פעלד האָט אים געקאָנט דערזען דאָן לואידזשי. פון זינט זיין צוריקקער פון אויסטראַליע האָט סאַלוואַטאָרע זיך נאָך נישט געהאַט געזען מיט דאָן לואידזשין. צי האָט ער זיך געבויטן, — האָט טאַטאָ געטראַכט. — צי איז ער נאָך אַלץ אַזאַ העפלעכער און נאָכגיביקער ווי דעמלט, ווען זיי האָבן צוזאַמען געהאָלפן דאָן דאָמעניקאָן ביי דער מעסע.

סילוויאָ האָט דערלייזיקט אין שטאָטראַט ביי אַברוצעזען אַ קוויטל אויף אַן אומזיסטיקן פלאַץ. אין קאָשטשיאָל האָט מען נישט געקלונגען, ווייל דער קאָשטשיאָל=דינער האָט אַליין געהאַלטן ביים שטאַרבן.

דעם טויער פון בית=עולם האָבן זיי געטראָפן פאַרמאַכט. אָבער דער וועכטער, וועלכער האָט געוווינט דערנעבן, אין אַ געוועזענער קאַפּליצע, האָט פונדערווייטנס געפּאָכעט צו זיי מיט דעם לאַנגן שליסל.

אויף דעם קליינעם בית=עולם, ווי אַ הויף, זענען שוין געווען עטלעכע פרישע קברים. וואַרשיינלעך, זענען אין דער געגנט אויך געשטאָרבן מענטשן.

אויף צוריקוועגס זענען סילוויאָ, מאַטעאָ און ראָזאַריאָ געזעסן אויף דער „שאַראַבאַלע“, וועלכע עס האָט אָנגעטריבן וויטאָ. אַרמאַנדאָ, סאַלוואַטאָרע און דער נישט אָנגענומער קאָנטשעטאָ זענען געגאַנגען צופוס. זיי האָבן צוריקגעקערט צוזאַמען, איבעריאָגנדיק די פאָרנדיקע. צופוס איז זיך געגאַנגען גיכער מיטן שמאָלן פעלד=וועג.

אַרמאַנדאָ האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל. סאַלוואַטאָרע האָט אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיי האָבן דאָס שנעל דערליידיקט. די זון האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרבאַהאַלטן הינטער די בערג.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק. קאָנטשעטאָ האָט זיך אַלעמאָל אויסגעדרייט, ווי ער זאָל וועלן אָפּמעסטן דעם מהלך, וועלכער האָט זיך צווישן זיי און די פאָרנדיקע אַלץ פאַרגרעסערט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער קרים אַ שמייכל גע-

טאָן, געוואָרפן אַ שרעקעוודיקן בליק אויף אַרמאַנדאָן און סאַלוואַטאָרען און שטיין געבליבן:

— איך... איך וויל דאָ בלייבן שטיין... איך וועל צוואַרטן אַ רגע אייף זיי, — האָט ער געזאָגט.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט, האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט:

— דאָן דאָמעניקאָ איז אַ קאָמוניסט?

ארמאנדאָ איז געווען פארוווּנדערט:

— ביסט ביים זינען, צי וואָס? צי דאָן דאָמעניקאָ איז אַ קאָמוניסט? צוליב וואָס, אייגנטלעך, פרעגסטו?

— אזוי זיך, אָן שום סיבה. — טאַטאָ האָט א שמייכל געטאָן. — דאָן דאָמעניקאָ האָט מיך געטויפט. נו, און איך בין אויך געווען זיין מיניסטראַנט.

— מיך האָט ער אויך געטויפט, אַלע אין דאָרף האָט ער געטויפט, איידער לואידזשי איז געקומען.

— אָבער מע האָט אים אָפּגעזאָגט, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— נו איז וואָס?

— אויב ער איז נישט קיין קאָמוניסט, טאָ פארוואָס האָט מען אים אָפּגעזאָגט?

— ווייל לעבן מיט א פרוי מעג א קשיאָנדז בלויז ביינאַכט, ווען קיינער זעט נישט, ווי דאָס טוען אַלע קשיאָנדזן אין קאַלאַבריע. דאָן דאָמעניקאָ האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַלע זיינע פיר זין און פראַנצעסקען האָט ער אָנערקענט אַלס זיין פרוי. — ארמאנדאָ האָט זיך פארהאַלטן, אויך סאַלוואַטאָרע האָט זיך אָפּגעשטעלט. — אָבער דאָס אַליין וואָלט מען אים גערן מוחל געווען, ווען ער זאָל געווען פאַר די וואַלן סטראַשען מיטן גיהנום. אָבער ער האָט געזאָגט: „שטימט נישט פאַר די, וואָס אָנשטאָט ערד טיילן זיי איין פאַר אייניקע דעם גיהנום און פאַר אַנדערע דעם גן־עדן“.

— וואָרעם אויב אַפילו דאָן דאָמעניקאָ וואָלט שוין געווען אַ קאָמוניסט... — טאָטאָ האָט זיך ווי געשלאָגן מיט דער דעה און נישט פארענדיקט. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין א ווײַלע ארום האָט ער ווידער געפרעגט:

— פארוואָס זענט איר נישט געווען — נישט דו, נישט סילוויאָ, נישט וויטאָ אין קראָטאָנע, ווען מע האָט געדונגען מענטשן צום אקערן?

נאָך זיין צוריקקער פון קראָטאָנע האָט שוין סאַלוואַטאָרע איין מאָל געפרעגט וועגן דעם ארמאנדאָן. ארמאנדאָ האָט אים איצט ווידער געענטפערט דאָס זעלבע. אַז ער האָט נישט געוואָלט זיך אַוועקלייגן אויפן פּלאַץ, ווי אַן אָקס צום פאַרקויפן, אָבער דאָס איז נישט געווען דאָס וויכטיקסטע. ער האָט נישט געוואָלט ווי נאָך

איין אַרבעטסלאָזער ווייזן די פּריצים, אַז מע קאָן אַראָפּנידערן די לוינען. ער ווייסט, אַז ס'איז געווען דער קליינער מאַטעאָ. מעגלעך, אַז ס'זענען אויך געווען אַנדערע קאָמוניסטן, אָבער דאָס איז נישט זייער שולד. זיי זענען נאָך ווייניק באַוווסטזיניק. מעגלעך, אַז דאָרט, פונוואַנען זיי קומען, איז נאָך נישטאָ קיין פּראָפעסיאָנעלער פאַריין. אַזוי ווי, איבעריקנס, אין ראָקאַ די דזאָלפאָ. אָבער ווען מיט דער צייט וועלן זיין אומעטום פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דאַן וועט בערליננגיערי מוזן אָננעמען צו דער אַרבעט בלויז די, וואָס וועלן זיין אָרגאַניזירט, און אַזוי־פיל, וויפל עס וועט פאָדערן דער פאַריין. אַזוי איז אויף צפון.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ, וואָס אַרמאַנדאָ האָט געהאַט צו זאָגן. סאַלוואַטאָרע האָט געפילט, אַז עפּעס וואָס באַהאַלט ער אויס פאַר אים.

— האָסט זיך געזען מיט דזשיאַני? — האָט טאַטאַ געפרעגט.

— יאָ. מיר האָבן גערעדט וועגן דיר. דזשיאַני האָט וועגן דיר אַ שלעכטע מיינונג. אפשר דערפאַר, וואָס ער איז דיין ברודער, טוט עס אים מער וויי. כאָטש אויך מיר איז עס נישט אָנגענעם, וואָס דו חברסט זיך מיט דעם קאַראַביניער. — אַרמאַנדאָ האָט זיך אַ וויש געטאָן די באַק, עפּעס ענדיק דערביי דאָס מויל, ווי אַ פיש, — יאָ, סאַלוואַטאָרע, מענטשן זאָגן, כּדי צו האַלטן אַ וועסלע, איז נייטיק, אַז אַלע פינף פינגער זאָלן זיך העלפן. און דאָ, אפילו אין איין משפּחה, לאָזט זיך אַ ברודער מיט אַ ברודער נישט פאַרגלייכן. אויב יעדערער ציט אין אַן אַנדער זייט...

— איך צי אין ערגעץ נישט, — האָט זיך סאַלוואַטאָרע אויפגערעגט. — די פינגער זענען אייגענע, און די מענטשן זענען פרעמדע. איינער דעם צווייטן איז פרעמד. אפילו די אייגענע מוטער איז גרייט איר זון אָפּצונאַרן. אין אויסטראַליע גייט יעדער איינער מיט זיין וועג, און איינער דעם צווייטן שטערט נישט. דערפאַר האָט יעדער איינער גענוג אָרט.

— איך ווייס נישט, ווי עס איז אין דעם גליקלעכן לאַנד. אָבער מיר זענען אין ראָקאַ די דזאָלפאָ. דאָ וואָלט אויך געווען פאַר יעדן אָרט. אָרט איז פאַראַן גענוג. ווען צוויי, דריי זאָלן זיך נישט צעלייגן אַזוי, אַז ס'זאָל פאַר אַנדערע נישט בלייבן. פאַרשטייסט, וואָס איך זאָג? דאָס איז דאָך זייער פּשוט. אפילו מיין מינקוטשיאָ האָט דאָס שוין פאַרשטאַנען.

דער נאָמען האָט סאַלוואַטאָרען דערמאָנט אַנדזשעלינען. ער האָט אַ קוק געטאָן פון דער זייט אויף אַרמאַנדאָן און האָט אָנגעהויבן גיך צו רעדן:

— די זון וועט באַלד פאַרגיין, און ס'איז נאָך וואַרעם. אפשר וועט שוין קיין פראָסט נישט זיין. אונדזער מוטער געדענקט נישט אַזעלכע פרעסט. אמת? אַז מע האָט נישט קיין שום וואָלענע זאַכן, קאָן מען באמת פאַרפרוירן ווערן. און דיין מינקוטשיאָ איז שוין אַ גרויסע, איך האָב אים נישט דערקענט, ווען איך

האָב אים איינמאָל געזען, ווי ער האָט געטריבן די שאָף פון פיליפעלאָן, דעם פּאַמער פון אנדזשעלינען.

ארמאַנדאָ האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער ער האָט א קוק געטאָן אַדיפן הימל. ער איז געווען ריין ווי גלאָז. עס האָט אים נישט אויסגעזען, אַז ס'זאָל קיין פראָסט נישט זיין.

— מע קאָן נישט וויסן, צי עס וועט זיין, צי נישט. דאָס וועט מען זען, — האָט ער געזאָגט, — אַז ס'איז א פראָסט, ווילט זיך מיר עסן. א שלעכטע צייט האָבן זיי אויסגעקליבן צו שטרייקן אין מאָנטעקאטיני. — ארמאַנדאָ האָט זיך אויסגעדרייט, ווייל ער האָט דערהערט, ווי מע רופט אים.

סילוויאָ און דער קליינער מאַטעאָ זענען געפאָרן אויף דער „שאַראַבאַלע“ נאָר דערפאַר, כדי צו באַגלייטן דעם יונגן ראָזאַריאָ, וועלכער האָט באַגראָבן זיין מוטער, אָבער זיי האָבן שוין געהאַט געגוג דאָס פאָרן. ראָזאַריאָ האָט אויך רעזיגנירט פון דעם כבוד פון אן אבל. עס האָט זיי צעטרייסלט, ווי א קערנדל אין א רעשעטע. אַלע דריי זענען אראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד. סילוויאָ האָט געווּפן ארמאַנדאָן ער זאָל צוּוואַרטן. וויטאָ איז געבליבן איינער אַליין אויף די נישט אויסגעבעטע קאָזלעס.

— און ווו איז קאָנטשעטאָ? — האָט געפרעגט מאַטעאָ. — ער איז דאָך געגאַנגען מיט אייך.

קיינער האָט אים נישט געזען.

זיי זענען דעריבער געגאַנגען אין פירן.

— עס וואָלט געווען גוט צו מאַכן א קליינע סעודה, — האָט זיך ווידער אָנגערופן מאַטעאָ, אויסווישנדיק מיטן קולאַק די גראָבע נאָז. דערביי האָט ער פון דער זייט א קוק געטאָן אויף ארמאַנדאָן, ווי דאָס זאָל זיין אָפּהענגיק פון אים.

— אמת? אפשר נישט? א קלייניקייט ברויט און וויין. לאָמיר ארייינגיין צו אַלעסיאָ גרעקאָן. היינט האָט לואיזאַ געבאַקן ברויט. קומט. איין ברויט וועט זיין גענוג פאַר אַלע פיר, ניין, פאַר זעקס. און איין ליטער וויין. מיר וועלן זאָגן, אַז פרייטיק וועלן מיר אָפּאַרבעטן. און דאָס נאָך מיט א שמיץ אריבער. אַלעסיאָ וועט דערויף מאַכן א גוט געשעפט.

מאַטעאָ האָט אויסגעקליבן אַלעסיאָ גרעקאָן נישט אַזוי דערפאַר, וואָס לואיזאַ האָט היינט געבאַקן ברויט, נאָר דערפאַר, וואָס דאָס באַלעבאַטישע שטאָקיקע הויז, איינס פון די ווייניקע אין ראָקאַ די דזאָלפאָ, וואָס האָט זיך ארויסגעזען פון וועג, ווי א טורעם, איז געווען דאָס סאַמע נאָענטסטע. עס איז געשטאַנען אויף דרום, עטוואָס אין א זייט, צוגעקלעפּט צו דער באַרגיקער שטיינערנער וואַנט פון דער דרויסנדיקער זייט פון סאַראַצענער טויער. דער אַריינגאַנג איז געווען דורך שמאָלע טרעפּ, פאַרשטעלטע דורך אַ הויכן מויער, וועלכער האָט דערגרייכט ביז אַ העלפט פון שטאָק. פון דער נאָענט האָט דאָס הויז אויסגעזען, ווי אַ מאָנאַסטיר. עס איז

אלעסיאָן נישט שווער געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה צו פאַרמאַכן לואיזען הינטער אַ שלאָס, כדי זי זאָל נישט אַנטלויפן צו איר פאַראָבעק אין ראָקאַ די נעמאַ. עס איז נישט געווען אזוי גרינג ארויסצובאקומען זיך פון דאָרט.

אלע זענען ארויפגעגאנגען אין דער הייך, אויסער ארמאַנדאָן, וועלכער איז איבערגעבליבן מיט וויטאָן ביי דער „שאַראבאַלע". טאַטאַ איז געווען נייגעריק צו זען לואיזען. צוויי פרויען זענען געווען אין ראָקאַ די דזאָלפאָ, וועלכע זענען אים געפעלן: לואיזאַ אין אנדזשעלינא.ביידע שוואַרצע און הויכע. ער וועט זי פרעגן וועגן איר ברודער פיעטראָ ראָזאַטאַ פון ראָקאַ די נעמאַ, מיט וועלכן ער איז געפאָרן פון נעאַפּאָל.

לואיזא האָט, שטייענדיק אויף די קני, געוואַשן די שטיינערנע פאָדלאָגע. עס זענען נישט געווען נישט דער מאַן, נישט די קינדער. עס איז אויך נישט געווען דער שווער, דער אלטער יענער אנטאָניאָ, וועלכן מ'האָט נישט לאַנג ארויסגעלאָזט פון תּפיסה.

די שטוב האָט א ווייסע געטאָן אויף זיי מיט דער ווארעמקייט פון אָנגעהייצטן קיילעכדיקן אויוון, וועלכער איז ענלעך געווען צו א גרויסער ליימענער קאַסטע. הארט ביי דער פאָדלאָגע האָט זיך געשווארצט א קיילעכדיקע עפענונג. לואיזא איז אויפגעשטאַנען און שנעל אראָפּגעלאָזט דאָס שווארצע קליידל, וואָס איז געווען פון פאָרנט פארקאַטשעט. טאַטאַ האָט נאָך באַוויזן צו זען א שלאַנקן טונקעלן פוס. זי האָט מיט די אויגן עפּעס געזוכט איבער דער שטוב. דאָס טיכל איז געלעגן אויף א בענקל, וואָס איז געווען אריינגערוקט אין א ווינקל הינטערן אויוון. מיט די נאַקעטע ביז איבער די עלנבויגנס הענט האָט זי פארשארט די צעלאָזטע האָר, וועלכע האָבן געגלאַנצט פון בוימל. זי איז געווען שלאַנק, שמאָל אין טאַליע, נישט געקוקט וואָס זי האָט שוין געבוירן פינף קינדער, פון וועלכע בלויז צוויי האָבן געלעבט.

פארבינדנדיק אויפן קארק דאָס שווארצע טיכל, האָט זי זיי געפרעגט, צוליב וואָס זיי זענען געקומען. דער מאַן און דער שווער זענען אין שטאָט און וועלן זיכער צוריקקערן ערשט שפּעט אין אָוונט.

דער קליינער מאַטעאָ האָט ארייַנגעצויגן אין זיך דעם ריח פון פרישן געבעקס. אויפן מאַפּטשאַן איז געלעגן א לענגלעך ברעט און אויף אים, אויסגעלייגט אין א גלייכער ריי, ווייצענע לאַבנס. מאַטעאָ האָט זיי איבערגעציילט און הויך געזאָגט:

— צוועלף, — ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט, ווייזנדיק קורץ אָפּגעהאַקטע ציין און ראָזע יאַסלעס.

לואיזא איז שנעל דורכגעלאָפן מיט איר־ע שווארצע אויגן איבער די פּנימער פון די געסט. זי האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און געשוויגן.

— דאַנגאַ לואיזאַ, — האָט זיך אָנגערופן סילוויאַ, — האָט נישט קיין מורא. מיר זענען געקומען צו אייער מאַן. נאָר אַזוי ווי ער איז נישטאָ, וועלן מיר זיך אַוועקגיין.

— איך האָב נישט קיין מורא, — האָט געזאָגט לואיזאַ.

— איר פֿאַרשטייט, דאַנגאַ לואיזאַ, — האָט אָנגעהויבן מאַטעאָ, — ראָזאַריאָ האָט באַגראָבן זיין מוטער, די אַלמנה אַנגאַ. לויטן קריסטלעכן מנהג וואָלט מען באַדאַרפֿט די לוויה פֿאַרענדיקן מיט אַ סעודה. זענען מיר דעריבער געקומען בעטן, צי וואָלט פֿאַר אונדז פֿיר, ניין, — זעקס, צוויי וואַרטן פֿון אונדז, זיך נישט געפֿונען אַ וועלכע ס'איז אַרבעט. אַ וואָס פֿאַר ס'איז נישט פֿאַר־ינסט איצט אָדער שפּעטער, אויב נישט איצט. אויף אַרבעט איז שטענדיק דאָ צייט, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. — נישט אמת? — האָט ער געפֿרעגט אויסדרייענדיק זיך צו די חברים.

— איך ווייס נישט, — האָט לואיזאַ געענטפֿערט, — ווען קיין שום אַרבעט ווייס איך נישט. דאָס וועט דער מאַן וויסן.

— ריכטיק, מיר וועלן שוין מיט אייער מאַן, מיט דאָן אַלעסיאָ, איבערריידן. אַרבעט וועט זיך געפֿינען, אויב נישט איצט, איז נאָכן שניט, — האָט מאַטעאָ געזאָגט. — נאָר די סעודה מוז פֿאָרקומען היינט. צוריקקערנדיק פֿון בית־עולם, האָבן מיר דערפֿילט דעם ריח פֿון פֿריש ברויט. אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ וווינען דאָך נישט קיין סאַראַצענער, האָב איך געזאָגט צו ראָזאַריאָן. מיר וועלן אויפֿן קריסטלעכן שמייגער בעטן יעטלעכע לאַבנס ברויט אויף אָפּצואַרבעטן, זאָג איך אים. און ער זאָגט מיר, אויב דו בעטסט שוין, בעט דריי לאַבנס, פֿאַר יעדן איינעם אַ האַלבן לאַבן. לואיזאַ, זאָגט ער, איז פֿון אַ באַלעבאַטישער היים, זי וועט אונדז זיכער געבן. מיין פֿאַרשטאָרבענע מאַמע, זאָגט ער, פֿלעגט שטענדיק זאָגן, אַז ווען אַלע פֿרויען אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ זאָלן זיין אַזעלכע ווי דאַנגאַ לואיזאַ, דערמלט, האָ, האָ, — מאַטעאָ האָט מיט דער האַנט געדרייט אין דער לופֿטן.

— און איצט פֿרייט זיך מעגלעך אַנגאַ די אַלמנה, וואָס גראָד דאָס ברויט פֿון אייער אויוון וועלן מיר אויף דער אבלים־סעודה עסן. אפֿשר נישט אמת? מיר וועלן אָפּעסן, און דער באַלעבאָס וועט דערפֿון נאָך האָבן רווח. מיר זענען זעקס און מיר וועלן אָפּאַרבעטן מער, וויפֿל עס זענען ווערט עטלעכע לאַבנס ברויט.

— מיר זענען נישט געקומען נעמען אומזיסט, — האָט זיך אָנגערופֿן סילוויאַ, — מיר וועלן אָפּאַרבעטן.

— מיט אַ שמיץ אַריבער, — האָט צוגעגעבן מאַטעאָ.

לואיזאַ איז צוגעגאַנגען צום טאַפּטשאַן. עס איז געוואָרן שטיל. מאַטעאָ האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. לואיזאַ איז געשטאַנען אָן באַוועגונג. זי האָט מיט די אויגן אויסגעקליבן, וואָס פֿאַר אַ ברויט צו נעמען. מאַטעאָ האָט זיך איינגעבויגן, צוריקציענדיק די הענט אויף הינטן. לואיזאַ האָט גענומען דאָס קלענסטע פֿלאַכ=

טע ברייטל, וואָס איז געלעגן אויף דעם סאַמע עק פון דעם ברעט. מאַטעאָ איז צוגעלאָפן, אויסווישנדיק די הענט אין די הויזן. לואיזא האָט פלוצעם זיך אויסגעדרייט און, אָנשפּארנדיק דאָס ברויט אין דער ברוסט, צעריסן עס אויף צוויי העלפטן. איין העלפט האָט זי אוועקגעלייגט צוריק און די צווייטע האָט זי אויסגעצויגן פאָרויס. זי איז געשטאַנען מיט א זייט און נישט געקוקט אויף קיינעם.

מאטעאָ האָט אראָפּגעלאָזט די הענט.

— מיר זענען זעקס, — האָט ער געזאָגט.

— מער וועל איך נישט געבן.

— כאָטש איין גאַנצן.

זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

מאטעאָ האָט זיך אויסגעדרייט צו די חברים. ער האָט צעפּירט מיט די הענט און פרעגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

קיינער האָט אים נישט געגעבן קיין שום צייכן. קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין שום וואָרט. מאַטעאָ איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו סילוויאָן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אַלע צוזאַמען. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אין דרויסן. זיי זענען געלאָפן איבער די טרעפּ, קלאפּנדיק הויך מיט די שטיוול.

— זאָל זי זיך דערמיט ווארגן, האָט געזאָגט ראָזאַריאָ, — מע וועט זיך באגיין אָן א סעודה.

— א נדבה האָט זי געוואָלט געבן. פאר מענטשלעכער ארבעט. — סילוויאָ האָט פארקריצט מיט די ציין. — דאָס איז צוליב דיר, — ער האָט א בליץ געטאָן אויף מאטעאָן מיט זיינע שווארצע אויגן פון הינטער די געדיכטע ברעמען. — כ׳האָב באדארפט בלייבן פון אונטן.

— און אפשר פרווון ביי פיליפּעלאָן. — מאטעאָ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך נישט ריכטן אויף קיין ענטפער.

און קיינער האָט אים טאקע נישט געענטפערט.

V

לאָרענצאָ האָט אים שוין דערקענט און באגריסט אויף דער שוועל. ער האָט צוגעלייגט דאָס הענטל צום שטערן און סאלוטירנדיק אויסגערופן:

— „טשאַאָ“, טאָטאָ, „טשאאָ“!

— „טשאאָ“, רענצאָ, „טשאַאָ“, — האָט אָפּגעענטפערט סאַלוואַטאָרע.

לאָרענצאָ איז אַרויפגעקראָכן סאַלוואַטאָ־רען אויף די קני, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם שווארצן, אָפּגעטראָגענעם קאפּעליוש, וועלכן סאלוואטאָרע האָט געהאט

נאָך פון פאר דער מלחמה, און לאכנדיק אים געשטופּט א פינגערל אין אויג. טאַטאַ האָט זיך פּלוצעם צוריקגעצויגן, אַ קנאַק געטאָן הויך מיט די ציין און זיך איינגעבויגן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער וויל אים א ביס טאָן. לאָרענצאָ איז זיך פארגאנגען פון געלעכטער. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ארומגענומען סאלוואטאָרען פעסט ארום דעם האלדז.

— הער אויף! — האָט געשריגן די מוטער. — דו דארפסט באלד גיין שלאָפן.

— ניין, איך וועל נישט גיין, אמת, טאַטאַ? — לאָרענצאָ האָט זיך צוגעטוליעט צו סאלוואטאָריען.

— לאָז אים נאָך א ביסל זיך שפּילן, ליא, — האָט זיך פארקרומט דער קאראביניער.

— וועסטו דאן גיין נאָך דער וואָל, נישט איך, — האָט ראָזאליא געזאָגט,

— אָדער איך וועל מאָרגן גיין.

— לאָרענצאָ, זאָלסט זיך מיר שוין בארואיקן, — האָט א געשריי געטאָן דער סערזשאנט.

דאָס קינד האָט א קוק געטאָן אויפן פאָטער מיט קיילעכדיקע, עטוואָס אויסגעשטאַרטשעטע אויגן. דערנאָך האָט עס איבערגעטראָגן דעם בליק אויף דער מוטער, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צעוויינט.

ראָזאליאָ האָט מיט געוואלט אָפּגעריסן לאָרענצאָן פון סאלוואטאָרען און אים אוועקגעטראָגן צו דער פארטיפונג אין וואנט, ווו עס איז געשטאנען א ברייטע בעט, פארשפרייט מיט א געלן צודעק.

טאַטאָ האָט געוווסט, אז דער קאראביניער זוכט א געלעגנהייט צו זאָגן אים עפּעס אזוינס, וואָס ער באהאלט פון דער ווייב. ער האָט דעריבער, אין דער צייט ווען ראָזאליא איז געווען פארנומען מיט אנטשלעפן דאָס קינד, פרעגנדיק א קוק געטאָן אויף פרעצאָן.

לאָרענצאָ האָט דערווייל געוויינט און גערופן נאָך הילף:

— טאַטאָ, טאַטאָ, איך וויל נישט שלאָפן!

— אויב ער וועט נישט איינשלאָפן, וועל איך אים אנטשלעפן און דו וועסט גיין נאָך דער וואָל, ליאַ. איך האָב געטראָפן פיליפּעלאָן. ער האָט מיר געזאָגט, זאָלסט היינט קומען זי אָפּנעמען. מאָרגן דערוואַרט ער געסט פון דזשינגא, זיי דארפן זיך צונויפרעדן וועגן אנדזשעליגעס חתונה. ס'איז שוין פריליגג.

— איך קאָן אַוועקגיין, — האָט זיך אָנגערופן סאַלוואַטאָרע און איז אויפגעשטאנען.

פרעצאָ האָט אים אַ דריק געטאָן פאַרן עלנבויגן און צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בענקל. ער האָט אים פארהאלטן מיטן בליק: ער זאָל בלייבן ביז דאָס קינד וועט איינשלאָפן און ראָזאליא וועט אוועקגיין צו פיליפּעלאָן.

זיי זענען געבליבן זיצן בײַ דער קיך, געבראַכט טרוקענע צווײַגן און כּסדר צוגעוואָרפן צום פײַער. פון פאַרוויכערטן דעכל איז אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ דראָט אַ פאַרסמאַליעט טעפּל, אין וועלכן עס האָט זיך געקאָכט וואַסער.

טאַטאַ האָט זיך אײַנגעקוקט אין פײַער. ער האָט אויסגעזוכט אַ ריטל, אָנגעצונדן עס און צוגעלייגט צו זײַן פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס. ער האָט אַ קוק געטאָן, צי דער קאַראַבינײַער דאַרף אויך נישט צומאָל קיין פײַער. דאָס פּנים פון סערזשאַנט האָט געבלישטשעט פון פעטס. זײַן העמד איז געווען צעשפּיליעט. דער טיפער דעקאָלט פון וואָלענעם לײַב־העמדל האָט אַנטבלויזט זײַן ברוסט, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט דינע הערעלער, ווי אַ גאַנדז נאָכן אָפּפּליקן. „איך וועל נישט וואַרטן ביז ראָזאַליאַ וועט אַוועקגיין. האָבן מיט אַ פּאָליציאַנט אַ געמיינזאַמען סוד — זאָגט נישט פאָרויס קיין שום גוטס. כ׳וועל אויסדריכערן און אַוועקגיין“ — האָט סאַלוואַטאָרע געטראַכט.

— וואָס האָסטו געזאָגט, אַז דאָן דאָמעניקאָ איז אַ קאָמוניסט? — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן טאַטאַ.

פּרעצאָ האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל פון העמד דעם שטערן און זיך צעשמייכלט. ער האָט אָנגעשפּאַרט די האַנט אויף דער קני און אָנגעהויבן צוצוטופּען מיט דעם פוס. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און אָנגעוויזן מיטן בליק אויף דעם אַלקער. פון ווען אָן אין ראָקאַ די דזאָלפאָ שטערט עס רעדן קינדער צו שלאָפן? — האָט אַ טראַכט געטאָן טאַטאַ. די אויערן דאַרף מען צום שלאָף נישט פאַרמאַכן.

— מע האָט געלאַכט פון מיר, ווען איך האָב געזאָגט, אַז דאָן דאָמעניקאָ איז אַ קאָמוניסט. — טאַטאַ האָט נישט שטילער געמאַכט די שטים.

— מיר וועלן שמועסן וועגן דעם שפּעטער, דאָס איז אַ נאַרישקייט, — האָט געזאָגט פּרעצאָ.

— טאָ רעד וועגן דעם, וואָס איז נישט קיין נאַרישקייט.

— פּרעצאָ האָט אויפגעהערט צוצוטופּען מיט דעם פוס. ער האָט זיך פאַרטראַכט:

— און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז דאָן דאָמעניקאָ איז נישט קיין קאָמוניסט?

— האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס עס אַליין. עס איז נישט אַזוי לײַכט צו ווערן אַ קאָמוניסט.

— דו הייבסט מיר עפּעס אָן צו גוט צו רעדן וועגן קאָמוניסטן. — פּרעצאָ האָט אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פון דער פּאַרטיפונג. לאָרענצאָ איז שוין אײַנגעשלאָפן. — ע, ראָזאַליאַ! — האָט ער אַ רוף געטאָן.

די פרוי פון קאַראַבינײַער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיינערנע טרעפּעלעך, גענומען דאָס טיבל, וואָס איז געלעגן אויפן קאַסטן, און פאַרוואָרפן עס אויף די אַקסלען.

— גיב זעקס ליר, — האָט זי געזאָגט אויסשטרעקנדיק די האַנט צום מאַן, — מע דאַרף אים צוצאָלן. ביי פיליפּעלאָן האַלט אַלץ אין איין טייערער ווערן. ער האָט נאָך נישט צונויפגענומען, זעט אויס, דעם נדן, און די וואָל איז נאָך פון יעגער שערונג.

טאָטאָ האָט געוואָרפן א בליק אויף דעם שינעל, וועלכער איז געלעגן אויף דער שטול.

— ראָזאַליאַ, גיב איבער אַ גרוס אַנדזשעליגען פון סאַלוואַטאָרען. — פּרעצאָ האָט א קוק געטאָן אויף טאָטאָן, ארויסציענדיק פון קעשענע עטלעכע צעקנייטשטע בלויע באַנקנאָטן. ער האָט זיי איבערגעציילט און אָפּגעגעבן דער פרוי. — ליאַ, גיב נאָר דאָרט אַכטונג אויף דער וואָג, אַז די וואָל זאָל נישט זיין קיין פייכטע. און נישט קיין קורץ געשוירענע. טאָטאָ, אָפּגעבן אַנדזשעליגען א גרוס פון דיר?

סאַלוואַטאָרע האָט גאָרנישט געענטפערט.

זיצנדיק מיט די פּלייצעס צום פענצטער, פאַרקוקט אין פייער, האָבן זיי נישט באַמערקט, אַז דער הימל, וועלכער איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אַזוי ריין, ווי אייז, האָט זיך פאַרצויגן מיט שווערע וואָלקנס. זיי האָבן עס באַמערקט ערשט דעמלט, ווען זיי האָבן באַגלייט ראָזאַליען מיט א בליק ביז אין דער טיר.

— פאַרגעס נישט קויפן ביי לעליאָן פּאַפּיראָסן, — האָט דער קאַראַביניער איר נאָך נאָכגערופן. — נו, דער פראָסט ברעכט שוין דעם קאַרק, — האָט געזאָגט פּרעצאָ, ווענדנדיק זיך צו סאַלוואַטאָרען, — עס פאַרנעמט זיך אויף א רעגן. ביי אַלע הייליקע, ס'איז שוין די העכסטע צייט.

— יאָ, ס'איז שוין צייט, — האָט איבערגעחזרט טאָטאָ.

צו גוט הייבסטו מיר אָן טראַכטן וועגן די קאָמוניסטן, — האָט שטיל געזאָגט פּרעצאָ, ווי ער זאָל זיך מיט אָנשטרענגונג אין עפּעס דערמאָנען. — מעגלעך, אַז דאָס איז אפילו בעסער. וועגן דאָן דאָמעניקאָ האָסטו גערעדט מיט אַרמאַנדאָן אָדער מיט סילוויאָן? יאָ? און צי ביסטו אמאָל געווען אין זייער לאָקאַל אין שטיבל פון לעליאָ דעם קרעמער?

— ניין.

פּרעצאָ האָט פאַרצויגן די זאַפטיקע ליפּן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איז א שאָד.

דאָס איז נישט דער זעלבער פּרעצאָ, — האָט אַ טראַכט געטאָן סאַלוואַטאָרע. — צווישן די מיידלש־דיגע ברעמען פון קאַראַביניער האָט זיך באַוויזן א בייזער קנייטש. די באַקן און די אויגן, וועלכע האָבן געגלאַנצט פונעם פייער, האָבן פאַרלוירן זייער פולע ווייכקייט.

— פאַרשטייסט, סאַלוואַטאָרע, איך קום אויך נישט צו זיי, אָבער איך ווייס וועגן אַלץ. איך קען זיי אַלע דורך און דורך. איך קאָן דיר אויסרעכענען, ווער עס איז געווען אין לאָקאַל און וואָס ער האָט גערעדט, — דער קאַראַביניער

איז אויפגעשטאַנען און א קלאַפּ געטאָן סאַלוואַטאָריען איבער דער קני. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפקע, אויף וועלכער עס האָט זיך גערויכערט א לעמפּל פאַר א הייליק בילד. ער האָט אויפגעשלאָסן א שופלעדל און ארויסגענומען א העפט.

—דו זעסט דאָס? — דער סערזשאַנט האָט געפאָכעט אין דער לופט מיטן העפט. — דאָס וועט דיר א סך אויפקלערן. דאָס איז מיין ביבל. — דער קאַראַביניער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט בײַם פײַער. ער האָט צוגעוואָרפן א בינטל צווייגן, עס האָט א זעץ געטאָן א גרויסער פלאַם. ס'איז געוואָרן ליכטיק. מע האָט געקאָנט לייענען. פרעצאָ האָט איבערגעמישט דעם העפט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן דאָ אויף איינער, דאָ אויף א צווייטער זייט. דאָס פּנים, וואָס איז געווען איינגעבויגן איבער די דאָבנע פאַרשריבענע זייטלעך, איז אים געוואָרן רויט. פון צייט צו צייט האָט ער געגעבן דערקלערונגען. אַרמאַנדאָ פעראַרי „פו“ סעבאַסטיאַנאָ און דזשיאַני לאָ מיטאָ „פו“ דזשיאַקאָמאָ. קודם-כל די צוויי. בײַם נאָמען פון סאַלוואַדזשיאַני, טאָרעס ברודער האָט דער קאַראַביניער א שמייכל געטאָן. ווען נישט דזשיאַני, וואָלט מען נאָך אין ראָקאַ די דזאָלפאָ געקאָנט לעבן. ער איז געווען דער ערשטער, פריער האָט ער אַרײַנגעצויגן אַרמאַנדאָן, דערנאָך סילוויאָן. אייגנטלעך זענען אַלע אין ראָקאַ די דזאָלפאָ קאָמוניסטן. אַפילו ווען זיי מיינען, אַז זיי זענען דאָס נישט. און ווען זיי זאָגן, אַז זיי זענען עס נישט, ווייסן זיי אַליין נישט דערפון. דאָס איז דאָס געפערלעכסטע. זאָל זיי עמעצער זאָגן, אַפילו אַזאַ פיליפּעלאָ, וועלכער רעכנט זיך אין ראָקאַ די דזאָלפאָ אַלס גביר, און וועלכער וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט אויסגעגעבן זיין טאָכטער פאַר א קאָמוניסט, זאָל עמעצער זאָגן היינט, אַז מע קאָן נעמען די ערד פון באַראָן בערלינגיערי, אַזוי ווערט ער גלייך א קאָמוניסט. דאָס האָט מען געזען אין פינף און פערציקסטן און אין זעקס און פערציקסטן. דער וואָס האָט דאָס נישט איבערגעלעבט, דער וועט גאָרנישט קאָנען פאַרשטיין. דאָס לאָזט זיך פשוט נישט אויסראָטן. דאָ וואָלט בלויז איין מוסאָליני געקאָנט העלפן. אייניקע לאָזן בלוט, אַנדערע אָפּשרעקן, נו, און א טייל אויך עפּעס צוואַרפן. וואָרעם אויב מע זאָל אַלע צוזאַמען פאַרטרייבן בלויז מיט דער בייטש, איז ערגער. אייניקע דאַרף מען מיט א שטעקן, אַנדערע מיט צוקערקעס. צי גיט מען זיך כאָטש אָפּ אַ רעכענונג דערפון, אין דער הייך? און ווער עס האַלט, אַז א קאָמוניסט איז בלויז דער, וואָס האָט זיך פאַרשריבן אין דער פּאַרטיי, איז א נאַר. ווייל א קאָמוניסט איז נישט בלויז מאַטעאָ, וועלכער באַטייליקט זיך אין אַלע פאַרזאַמלונגען און אונטן אין לאָקאַל, כאָטש ער האָט נישט קיין מיטגליד-קאַרטע, נישט בלויז סאַנדראָ, דער זון פון אַלטן אַנדרעאָ, וועלכער האַלט זיך איצט פון דער ווייטנס, ווייל ער שעמט זיך פאַר זיין פרוי, דער מרשעת, וועלכע האָט איר שווער פון שטוב ארויסגעטריבן. נישט בלויז אַזעלכע, ווי סימאָנע באַרבאַראָ און זיין חבר פּעפּע פּעדעלי, וועלכע האָבן צוזאַמען עטלעכע „טאָ=

מאָלאטן" ערד, נישט בלויז דער דארער שיאוואָנע, דער הויכער פראַנצעסקאָ רוסאָנאָ און אַנדערע ענלעכע, וועלכע געהערן נישט צו דער פּאַרטיי, נאָר אפילו די רייכע, ווי אַלעסיאָ גרעקאָ, פעררארי, דער פעטער פון אַרמאַנדאָ, פיליפּעלאָ — אַלע זענען קאָמוניסטן. פּונקט אַזוי איז אויך אַ קאָמוניסט דאָן דאָמעניקאָ.

אין אַ געוויסן שיינעם טאָג קאָנען זיך אַלע וואַרפן אויף דער ערד פון באַראָן בערלינגערי. און אים אליין, בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ קאַראַביניער, קאָנען זיי דערשלאָגן אויף טויט. ווען ער גייט אַמאָל דורך די פעלדער, נעמט אים אַרום אַ שרעק ביי דעם געדאַנק, אַז די דאָזיקע אומענדלעכע נישט באַאַרבעטע שטחים מוז ער איינער אַליין שיצן קעגן אַלע און אונטערשטעלן זיינע פּלייצעס. ווי געמען אַזויפיל כוחות? טיילמאָל, ווען ער כאַפּט זיך אויף און זעט אַ געוויינלעכע זון, און ער הערט נישט קיין שאָס, נישט קיין געשרייען, וווּנדערט ער זיך אַליין, וואָס ער איז גליקלעך דורכגעשלאָפן נאָך איין נאַכט. דאָס איז פּשוט. פון איין זייט הונדערטער און טויזנטער, און פון דער צווייטער — ער איינער. ווי לאַנג עס איז קיין פולווער נישט געווען, האָט געזיגט דער, וואָס האָט געהאַט אַ גרעסערן כוח. אָבער שפּעטער האָט די צאָל שוין געהאַט אַ קלענערע באַדייטונג, און מער דער שכל. ווען נישט דער שכל, וואָלט קיין איין רעגירונג קיין איין נאַכט נישט אויסגעהאַלטן. דער המון וואָלט זי בלויז מיט דער צאָל דערשטיקט... אָבער... די קאָמוניסטן, אַלץ קאָן מען וועגן זיי זאָגן, בלויז נישט דאָס, אַז זיי זענען נאַריש. דאָס איז דאָס געפערלעכסטע. ווייל זיי ווילן דעם המון אַריינגעבן שכל. דעמאָלט וואָלט שוין דער סערזשאַנט פון די קאַראַביניערן אין ראָקאַ די דזאָלפאָ זיך געמעגט אָפּגעזעגענען מיטן ווייב, מיט לאָרענצאָן און מיט דער גאַנצער וועלט.

די קאָמוניסטן זאָגן, אַז ער שיצט דעם באַראָן בערלינגיערי. נישט אמת. ער שיצט קודם כל זיך. ער שטרעבט נישט צו רייכקייט. פאַר אים איז גענוג דאָס, וואָס ער האָט. ער איז נישט קיין בעל-קנאה, ווי אַנדערע, ווייל נישט ער, נישט זיין פאָטער זענען נישט געווען קיין פּויערים, עס בייסט אים דעריבער נישט קיין פרעמד אייגנטום און ער וויל ביי קיינעם גאָרנישט צונעמען. ס'איז באַוווּסט, פון פּויערים שטאַמען אָפּ אַלע באַנדיטן. אָבער ער וויל נישט קיין פרעמד רייכטום.

אָבער זאָל אים אויך די הייליקע קיאַראַ שיצן קעגן פּגרן פון אַרבעטסלאָזיקייט. צי איז ער דען קעגן דעם, אַז אויך אַנדערע זאָלן האָבן ברויט און אַרבעט? דאַקעגן, הלוואי וואָלטן זיי געהאַט, עס וואָלט דעמאָלט מעגלעך געווען אַ רואיקער לעבן. צי וואָלט מען דעמאָלט נישט באַדאַרפט האָבן קיין קאַראַביניערן? קאַראַביניערן וועט אויף דער וועלט שטענדיק זיין צו ווייניק. אָבער ער האָט שוין געזען אין פינף און פערציקסטן, ווי עס זעט אויס אין דער אמתן. דאָס זענען געווען פאַרשאָלטענע צייטן. מע האָט פאַרנומען ערד, ווי אייגענע. דער ערגסטער המון האָט געהאַט צו זאָגן און זיך געריסן צו דער מאַכט. דאָ אויף דרום נאָך נישט אַזוי, אָבער אויף צפון! און אָט אין יענער צייט, ווען נישט דער שכל, וואָלט דער המון

געזיגט. אַ קאַץ דאַרף זיך פריער פּאַרטאַיען, כדי שפּעטער אַ שפּרונג צו טאָן. די קלוגע מענטשן האָבן געזאָגט: לאָמיר זיצן ביז אַ צייט שטיל, דער המון וועט זיך קיין עצה נישט געבן. דאָ אויף דרום זענען די קאָמוניסטן שוואַך, און אויף צפון זענען דאָ די אַמעריקאַנער. נאָך די וואַלן האָבן די קאָמוניסטישע לאָקלן אָנגעהויבן צו פּוסטעווען.

— אַרמאַנדאָ האָט מיר געזאָגט, — האָט זיך אָנגערופן סאַלוואַטאָרע, — אַז זיי זענען דאָך פאַראַן אַ סך, די קאָמוניסטן.

— נו, אַ סך, דאָס נישט... אָבער גענוג. איין קאָמוניסט — איז אויך צופיל, אויב עס גייט אין דעם. און ס'איז געווען אַ צייט, ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער קאָמוניזם ענדיקט זיך שוין. נאָר לעצטנס האָבן זיי זיך ווידער אָנגעהויבן רירן. פון יולי, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער נישט איינגעגעבענער אַטענטאַט אויף טאָליאַטין. יאָ, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן רירן, — דער קאַראַביניער האָט אַ קלאַפּ געטאָן סאַלוואַטאָרען איבער דער קני, — טאַקע דערפאַר האָב איך דיך היינט געזוכט. אַרמאַנדאָ וויל גרינגערן די טעג אַ פּראָפּעסיאָנעלן פאַריין פון די לויןַ־אַרבעטער. דזשיאַני, דיין ברודער, האָט דאָס אים געהייסן. דאָרט, אין קראָטאָנע, איז פאַר די קאָמוניסטן ווייניק, זעט אויס, וואָס זיי אַליין שטרייקן. צי איך אינטערעסיר זיך מיט זייער שטרייק? זאָל וועגן דעם זאָרגן דער אָרטיקער קאַראַביניער. איך האָב גענוג מיינע דאגות. און דזשיאַני דאַרף נאָך קומען צו פאָרן דאָ אַהער, קיין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. ווי נאָר עס וועט זיך ענדיקן דער שטרייק אין מאָנטעקאַטיני אין קראָטאָנע, דאַרף דזשיאַני קומען צו פאָרן קיין ראָקאָ די דזאָלפּאָ און איינאָרדענען אַ מיטינג אויף דעם פרייהייטס־פּלאַץ. און עס דאַרף אויך קומען איינער פון צפון! — פּרעצאָ האָט זיך צעשמייכלט. — זעסט, איך ווייס אַלץ.

טאָטאָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. וועלכער איז געווען איינגעבויגן איבערן פייער. היינט האָט ער געזען אַרמאַנדאָן. נישט אַרמאַנדאָ, נישט סילוויאָ, נישט אַפילו וויטאָ, דער דאָזיקער גוטער וויטאָ — קיינער האָט אים גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן אויסבאַהאַלטן פאַר אים דאָס, וואָס עס ווייסט שוין דער קאַראַביניער. דאָס, הייסט עס, האָט אַרמאַנדאָ געוואָלט דערציילן דעמלט אויפן פּלאַץ, איידער ס'איז געקומען ראָזאַריאָ...

— וועסט זיין אויף דעם מיטינג, סאַלוואַטאָרע? — האָט געפרעגט דער קאַראַביניער.

— איך ווייס נישט, מעגלעך אַז איך וועל זיין, מעגלעך אַז נישט.

— וואָס הייסט אויפן מיטינג וועסטו נישט זיין? אַלע וועלן זיין, איך אויך, און דו וועסט נישט זיין? — האָט זיך פּרעצאָ פאַרוואונדערט.

— אַז איך וועל וועלן, וועל איך זיין, און אַז איך וועל נישט וועלן, וועל איך נישט זיין.

— דו דאַרפסט זיין אויף דעם מיטינג.

— פאַרוואָס?

— עס גייט מיר נישט אַזויפיל אין מיטינג... געדענקסט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט וועגן שכל? אַז זיי ווילן זיך צונויפנעמען צוזאַמען, דאַרפן מיר האָבן שכל. פאַרשטייסט שוין?

— ניין, איך פאַרשטיי נישט.

— זאָג מיר פריער, צי דו וועסט זיין אויפן מיטינג. און נישט בלויז דאָס, נאָר צי דו וועסט זיך פאַרשרייבן אין זייער פּאַרטיי, דעמלט וועל איך דיר אַלץ אויפקלערן.

— איך וועל זיך נישט פאַרשרייבן. איך וויל זיך אין ערגעץ נישט פאַרשרייבן. דו האָסט דאָך מיר אַליין געבעטן, איך זאָל נישט ווערן קיין קאָמוניסט.

דער קאַראַביניער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, פאַררויכערט און סאַלוואַטאָרען דערלאַנגט. ער האָט הויך אַ בלאָז געטאָן פאַר זיך דעם רויך פון פּאַפּיראָס.

— הער, סאַלוואַטאָרע, קיינער פאָדערט נישט פון דיר, זאָלסט ווערן אַן איבערצייגטער קאָמוניסט, ווי יענע. קאָנסט ווייטער בלייבן דער זעלבער, וואָס דו ביסט. דאָס איז נאָך בעסער. וועסט מיר קאָנען אָביעקטיוו דערציילן וועגן אַלץ, וואָס מע רעדט דאָרט און וואָס מע טוט. די אַרבעט איז נישט קיין שווערע און לעבן פון איר קאָן מען רואיק.

פאַרוואָס האָט נישט אַרמאַנדאָ, נישט סילוויאָ, נישט וויטאָ אים גאָר נישט געזאָגט וועגן מיטינג? נאַראָנים. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט דערציילן דעם קאַראַביניער. און דער קאַראַביניער ווייסט פריער פאַר אים. איך פייף אויף זיי פון העכסטן באַרג. איך פייף קודם-כל אויף דזשיאַנין. זאָל ער האָבן וועגן מיר אַ שלעכטע מיינונג. זיי אַלע דאַכט זיך, אַז זיי זענען די קלוגסטע און אַז זיי האָבן אַנטדעקט די גרעסטע געהיימניש. און דערווייל ווייסט פרעצאָ וועגן אַלץ. פרעצאָ וויל אים קויפן. — נו, און הייגט האָט מען דיך אויך נישט געקויפט? — האָט אים דזשיאַני געפרעגט אין קראָטאָנע.

— איצט פאַרשטייסטו מיך שוין? — האָט פרעצאָ געפרעגט. טאָטאָ האָט געשוויגן. ער האָט געקריזשעט דעם פּאַפּיראָס. דער ביטערער טאַבאַק איז אים אַריינגעפאַלן אין מויל. ער האָט אים אויסגעשפּיגן, דעם פּאַפּיראָס האָט ער אַריינגעוואָרפן אין פייער.

— איך פאַרשטיי, — האָט ער געזאָגט. — איך דאַרף זיך פאַרשרייבן אין פּאַרטיי. און פונוואַנען ווייסטו, צי איך וועל דאָרט נישט ווערן אַן אמתער קאָמוניסט? דעמלט וועסטו מיר אויפהערן צאָלן. מאַכסט מיט מיר נישט קיין זיכער געשעפט.

דער קאַראַביניער האָט צונויפגעצויגן די ברעמע.

— איך פארשטיי נישט.

— ווילסט מיך קויפן. און איך בין שוין, מעגלעך, א קאליע־געוואָרענע סחורה. קאָנסט אַרויסוואַרפן געלט אומזיסט.

— דו דאגה נישט דערפאַר, — האָט זיך צעשמייכלט דער סערזשאַנט.

— און ווער וועט זיך דעריבער דאגהן? — האָט טאָטאָ געפרעגט.

— איך.

— דו וועסט דאָך נישט וויסן, צי איך זאָג דיר דעם אמת. איך קאָן דיך אָפּנאַרן.

— זאָל דיר וועגן דעם דער קאָפּ נישט דארן. איך וועל שוין וויסן, צי דאָס איז אמת, צי נישט אמת.

— וויאַזוי?

— צופיל ווילסטו וויסן, ברודערל, דאָס איז א סוד.

— האָט איר אויך סודות, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ שמייכל געטאָן, — המ, און וועלכער איז דאָס אייער סוד?

— האָסט געדינט אין מיליטער. דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי אין מיליטער.

— מיר איז דאָרט נישט געפעלן. איך האָב נישט ליב קיין מיליטער.

— אַך, מיין טייערער, און ווער האָט עס ליב? איך האָב עס אויך נישט ליב. אָבער הונגערן איז בעסער?

— אין אויסטראַליע האָב איך נישט געוווּסט נישט פון קיין פאַריין, נישט פון קיין מיליטער. דער פערמער האָט נישט געהונגערט און געהאַט רו.

— אַך, מיין טייערער, ווען מיר זאָלן זיין אין אויסטראַליע! אָבער מיר זענען אין ראָקאַ די דזאָלפאָ. דאָ איז נישט באַוווּסט, צי מע וועט דיך נישט קוילען, דערפאַר וואָס דו האָסט אַ שטיקל ברויט און אַ גלאָז וויין. דאָס איז אַזוי, ווי אויף דער מלחמה. מע דאַרף זיך איינקוקן אין דער פינצטערניש, צי קיינער גייט נישט אויף דיר מיט אַ מעסער.

— אַ, — האָט זיך סאַלוואַטאָרע פאַרקרומט, — לאָז צורו. קיינער גייט נישט אויף דיר מיט קיין מעסער. לאָז צורו.

— נאָכן אַטענטאַט אויף טאָליאַטין... דעמאָלט האָט מען געשאָסן צו די פּאָליציאַנטן, אַנטוואָפנט מיליטער, אונטערגעצונדן טאַנקן. און נאָך דעם אַכט און פערציקסטן האָבן מיר שוין דאָס ניין און פערציקסטע, נישט קיין בעסערס. אָבער די דערפער גייען שוין אַרום אַגיטאַטאָרן און רייצן דאָס פאָלק, רעדן אָן צוצונעמען די ערד. דו זעסט דאָס נישט, ווייסט נישט, אָבער איך ווייס. עס גרייט זיך צו אין לאַנד אַ מלחמה.

— אַ מלחמה? — האָט זיך סאַלוואַטאָרע צעשמייכלט. — איצט נאָכאַמאָל אַ מלחמה? עד, דאָס מאָל שוין נישט...

— נישט אַזאַ מלחמה מיין איך. פֿאַרשטייסט נישט. איך מיין אַ מלחמה דאָ אין לאַנד.

— איך וויל נישט קיין שום מלחמה. וועגן קיין שום מלחמה וויל איך נישט הערן. צי מוז זיין אַ מלחמה? צי איז נישט בעסער, אַז ס׳זאָל שוין זיין אַמאָל שלום? צי קאָן מען נישט געבן די אַרבעטער דאָס, וואָס זיי ווילן? זיי ווילן דאָך גאָרנישט אַזויפֿיל. זיי ווילן אַרבעטן און עסן. מע דאַרף זיי דאָס געבן.

— רעדסט, ווי אַ קינד. וואָס הייסט געבן? וואָס ווילן זיי? ערד ווילן זיי. ווען דו זאָלסט האָבן ערד, וואָלסטו זיי אָפּגעגעבן אַ צווייטן? צוליב וואָס וואָלסטו דאָס געטאָן?

— אָבער בערלינגיערי עסט נישט אויף אַלץ, וואָס עס גיט אַרויס זיין גאַנצע ערד. נישט בלויז ער האָט אַ מאָגן. פֿאַרוואָס זאָל ער האָבן אַלץ און איך גאָרנישט? פֿאַר מיר וואָלט געווען גענוג אַ קליין שטיקל ערד, איך זאָל קאָנען רואיק לעבן. די קאָמוניסטן וואָלטן געהאַט רעכט, ווען זיי זאָלן נאָר נישט אָפּנאַרן די מענטשן און זאָגן גלייך, אַז זיי ווילן, עס זאָל זיין אַזוי ווי אין רוסלאַנד. — סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן, — דאָס הייסט — נישט זיי וואָלטן געהאַט רעכט, נאָר מיר וואָלטן געווען אָרנטלעך. נישט אמת, פּרעצאָ?

דער סערזשאַנט האָט אַלץ שטאַרקער געביסן זיין אונטערשטע ליפּ. ער האָט מיטן פֿאַרמאַכטן העפֿט אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער קני.

— האָסטו מיר, הייסט עס, נישט געענטפֿערט אויף מיין פֿראַגע, צי די ביסט מסכים אויף דעם, וואָס איך האָב דיר פֿריער געזאָגט.

מאַטאָ האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען פּרעצאָס אויגן פֿאַרוויטלטע פֿון בייזקייט. ער האָט געשוויגן.

— צו לאַנג באַטראַכסטו זיך, — האָט דער קאַראַביניער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך באַטראַכט זיך אינגאַנצן נישט.

— דאָס הייסט?

מאַטאָ האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צעשמייכלט.

— פֿאַרוואָס? — האָט דער סערזשאַנט געפֿרעגט.

— איך ווייס נישט. איך ווייס אַליין נישט.

— ביסט אַ נאַר, — האָט דער קאַראַביניער געזאָגט.

— אַזעלכע זוכסטו דאָך טאַקע.

עס האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר. ביידע האָבן מיטאַמאָל אויסגעדרייט די קעפּ, ווי צוויי גנבים. דאָס איז געווען ראָזאַליאַ. אויף דער שוועל האָט זי אַראָפּגענומען דאָס דורכגעווייקטע שוואַרצע טיכל, אָפּטרייסלענדיק עס פֿון רעגן.

— פֿאַר מיר איז שוין צייט. — מאַטאָ איז אויפֿגעשטאַנען. אויף זיין געזעגענען זיך האָט פּרעצאָ גאָרנישט געענטפֿערט.

— אַ גוטע נאַכט, האָנגאַ ראָזאַליאַ, איר האָט געקויפט וואָל? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט, באַגעגנדיק זיך מיט דער פרוי פון קאַראַביניער אינמיטן שטוב.

ראָזאַליאַ איז צוגעגאַנגען צום טיש און אַוועקגעלייגט דאָס פּעקעלע, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקראָכן שטיקער דורכגעגעצטע וואָל.

— דער טייוול אַליין האָט מיך היינט אַהין געשיקט, — ראָזאַליאַ האָט צוגעוואָרפן דעם מאַן אַ בייזן בליק, — פאַרוואָס האָסטו געזאָגט ליגן? מיר האָט פיליפּעלאָ גאָרנישט געזאָגט, אַז ער האָט דיך היינט געזען. איך וואָלט מאָרגן געקאָנט קומען נאָך דער וואָל. פיליפּעלאָ זיצט און האַקט זיך מיט די קולאַקעס אין קאָפּ. די טאָכטער איז אים אַנטלאָפן קיין קראָטאָנע.

טאָטאָ איז שטיין געבליבן. ער האָט אַ בלאַסער געקוקט אויף ראָזאַליען:

— קיין קראָטאָנע? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, צו דיין ברודער. ווייסט נישט, אַז אַנדזשעלינאַ און דיין ברודער...

— ראָזאַליאַ האָט איבערגעריסן.

ער האָט האַסטיק אַ שטויס געטאָן די טיר און אַרויס. איבער ראָקאַ די דזאָלפאָ האָט געווילדעוועט אַ פרילינגס־שטורעם.

VI

ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. דער שטורעם איז שוין פאַריבער. דער האַסטיקער רעגן־שטראָם, וועלכער האָט געקלאַפּט איבער דעם שטיינערנעם דאַך, האָט זיך פּלוצעם איינגעשטילט, ווי אַ מעכטיקער ווילער וואָלט אים פאַרטראָגן. די הונערס האָבן זיך דערוויטערט.

סאַלוואַטאָרע האָט אַרויפגעשלעפּט די פערמער־שטיוול אויף די באָרוועסע פיס, האָט פאַרוואָרפן דעם שינעל אויף די פּלייצעס און איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס. ס'איז אים נאָך פאַרבליבן אַ פּאָר ליר פון דעם אויסגעטוישטן אין קראָטאָנע פונט שטערלינג. דאָס רעשט האָט ער אויסגעגעבן אויף עסן און טאַבאַק. ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט רויכערן.

דער הימל איז נאָך געווען איינגעהילט אין דעם מילך־נעפּל פון רעגן. עס האָבן דורכגעלויכטן אייניקע גרויסע שטערן, און אַז אָפּגעהאַקטע ביז אין דער העלפט לבנה. די נאַכט איז געווען אַ שטילע. דאָס וואַסער איז שנעל געפלאָסן איבער די שיפּע געסלעך. נאָר די ברוק־שטיינער האָבן געגלאַנצט פייכטער ווי געווייגלעך. טאָטאָ האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס דאָרף איז געשלאָפן. נעכטן איז נאָך אין ראָקאַ די דזאָלפאָ געשלאָפן אַנדזשעליגאַ. ער איז געשטאַנען פאַר דעם הויז פון לעליאָ דעם קרעמער, וווּ די קאָמוניסטן האָבן געהאַט זייער לאָקאַל.

איבער דער טיר איז געהאָנגען א ברעטל מיט אן אויפשריפט: טאבאק און זאלץ. לעליאָ האָט געוווינט און געשלאָפן אין דעם קרעמל, די שטוב האָט ער די קאָמוניסטן אָפּגעגעבן אומזיסט. און אליין איז ער אויך אריינגעטרעטן אין דער פארטיי. ער וועט אויפוועקן לעליאָן און בעטן א פעקל טאבאק. צי ווייסט שוין דער קרעמער וועגן אנדזשעליגען? אין איר אנטלויפן האָבן זי געמוזט העלפן די קאָמוניסטן, די חברים פון דזשיאנין. דער אלטער פיליפעלאָ, אָדער ער וועט אליין אומקומען פון בושה, אָדער ער וועט דערהרגענען די טאָכטער. וועגן דעם באלעבאטישן זון פון דזשינגא האָט אים שוין פראנצעסקא דערציילט. פאר אים האָט עס דער אלטער פיליפעלאָ געהאָדעוועט אנדזשעליגען! דער יונגער פיליפעלאָ, דאָן לואידזשי, וווינט שוין נישט מיטן פאָטער. ווי זעט ער איצט אויס? ער האָט זיך זיכער זייער געענדערט. אזויפיל יאָרן! לואידזשי איז אַ קשיאָנדז, און ער איז א שלעפער. פון אויסטראליע האָט ער געוואָלט אָנשרייבן צו אים א בריוו, פרעגן וועגן אנדזשעליגען און וועגן דאָן דאָמעניקאָ. אמאָל האָט ער ליב געהאט דעם קליינעם דארן לואידזשי. ער האָט גערעדט אנדערש, שטילער פון אלע אין ראָקא די דזאָלפא. צי ווייסט ער שוין וועגן אנדזשעליגען? שוין שפעט, ער זאָל צו אים גיין. ער שלאָפט שוין, ווי אלע אין ראָקא די דזאָלפאָ.

ער האָט לייכט אָנגעקלאפט אין דער טיר. לעליאָ האָט נישט געענטפערט. ער האָט אויפגעהויבן די האנט, כדי שטארקער אָנצוקלאפן, נאָר ער האָט דערהערט געדעמפטע שטימען און טריט. ער האָט זיך אויסגעדרייט. איבערן געסל איז געגאנגען א גרופע מענטשן. סאלוואטאָרע האָט זיך פארהאלטן אין ווינקל, אין שאָטן פון הויז. איצט האָט ער זיי דערקענט, יעדערן לויט דער סילוועטקע. אַרמאַנדאָ, סילוויאָ און דער יונגער ראָזאַריאָ האָבן געטראָגן אויף די פלייצעס „זאַפאַ“-רידלען. די שאַרפן פון די קרומע רידלען האָבן געגלאַנצט אין בלאַסן פייכטן ליכט פון דער לבנה. וויטאָ, דער אייגנטימער פון „שאראבאלע“, האָט געפירט א מוילאייזל באלאָדן מיט צוויי זעקלעך. נישט קיין גרויסן פלאכן אקער האָבן געשלעפט אין צווייען פעפע פעדעלי און זיין חבר סימאָנע באַרבאַראָ.

— און אפשר א רוף טאָן לעליאָן, — האָט זיך אָנגערופן עמעצנס שטים, — ער זאָל האלטן וואך.

— ניין, ניין, האָט אויסגעשריגן סילוויאָ, — בעסער נישט!

— צוליב וואָס דארפן מיר אים וועקן, — האָט נאָך א ווילע שטילשווייגן צוגעגעבן ארמאנדאָ.

זיי האָבן זיך פארנומען אויף רעכטס און ארומגעגאנגען דאָס הייזל פון לעליאָן. סאלוואטאָרע האָט אראָפגענומען זיינע פערמער-שטיוול, פארבונדן זיי צוזאמען און פארוואָרפן איבערן אקסל. ער האָט אכטונג געגעבן, אז די באָרוועסע פיס זאָלן נישט פאטשן איבער די פייכטע קאלטע שטיינער. נאָכן רעגן האָט פארשמעקט ארום מיט א ביטערן ריח פון גראָז.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטערן לעבעדיקן פּלויט פון קאַקטוסן. איצט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער ווייסער סטעזשקע, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט שטיינער. די טונקעלע סילועטקעס, וועלכע זענען פריער געווען צונויפגעגאָסן אין איין שוואַרצן פלעק, האָבן זיך איצט צעטיילט, געוואָרן דייטלעכער און מע האָט זיי געקאָנט איבערציילן. צוזאַמען מיטן מוילאייזל זענען זיי געווען זיבן. דאָס מוילאייזל איז געגאַנגען פון פאָרנט. שפּעטער האָט מען שוין פון צווישן די קוסטעס געזען בלויז דעם קאָפּ פון מוילאייזל. די מענטשן האָט דאָס ווילדגראָז געגרייכט ביז איבער די לענדן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראַנד פון א בערגל, ווי זיי זאָלן זיך וועגן עפּעס באַראַטן. אין א ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין דער נידער, צום ברייטן פּאַשעפעלד, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט בערגלעך. דאָס איז געווען דער פּראַגאַלאַ־טאָל.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער סטעזשקע, וואָס פירט צום טאָל. ער האָט דערפילט די שניידנדיקע קעלט פון די קליינע, שנעל שטראָמענדיקע טייכעלעך, וועלכע זענען אין די צענדליקער געפלאָסן פון די בערג צווישן די שטיינער. ער האָט פאַרקאַטשעט די הויזן. ער איז איבערגעלאָפן דעם פאַרגאָסענעם דנאָ פון טאָל און איז אַרויסגעקומען אויף דעם צווייטן שיפּן ראַנד פון דער הויכקייט, וועלכע איז געווען באַוואַקסן מיט א געדיכטער וואַנט פון טשערעט. ער האָט זיך דורכגעריסן דורך די געוויקסן. ביי יעדן ריר פון די שאַרפע בלעטלעך איז אויף זיין פּנים און הענט געפאַלן אַן אמתער רעגן. ער האָט געפילט, אַז ער גייט אַלץ באַרג אַרויף. ער איז געוואָרן דורכגענעצט. ענדלעך האָט ער זיך אַרויסבאַקומען אויף דער מערבדיקער זייט פון דער הויכקייט. יענע זענען געגאַנגען מיט א קירצערן וועג פון דער צווייטער זייט.

אויפן דנאָ פון טאָל, וועלכער האָט זיך געצויגן ווייט אויף דרום, האָבן זיך געהערט טויבע קלעפּ פון די רידלען. די מענטשן האָבן אַרויסגעריסן די קרייטעכצער; אין ליכט פון דער לבנה האָבן זיך אייננגעבויגן און אויסגעגלייכט פיגורן, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן אין דער זייט קוסטאַרטיקע דערנער. אויף דער ערד זענען געשטאַנען זעקלעך מיט תבואה־קערנער. דאָס מוילאייזל, איינגעשפּאַנט אין אַן אַקער, האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף צוריק, נישט זייענדיק צוגעוווינט צו אַזא געשפּאַן. וויטאָ האָט עס געהאַלטן שטאַרק פאַרן צוים און שטיל גערופן:

— אי—אי, אי—אי...

דער אַקער האָט געשניטן לאַנגע, גלאַנציקע ערדפּאַסן. הינטער אים זענען געגאַנגען ראָזאַריאָ, סילוויאָ, וויטאָ. זיי האָבן צעקלאַפּט די גרודעס מיט די רידלען, ווי מיט א בראָנע.

דער אקער און די מענטשן זענען אוועק אלץ ווייטער. סאלוואטאָרע, א דורכגעווייקטער, האָט זיך געטרייסלט פון קעלט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זאָלן אים אַלע דערזען. ער האָט געוואָלט שרייען: העי, מענטשן, וואָס טוט איר? אָבער ער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף די טונקעלע סילועטקעס, וועלכע זענען געווען איינגעבויגן איבער דער ערד און איבער דעם אקער. און הינטער זיי איז געגאַנגען אן אויסגעגלייכטער ארמאנדאָ מיט א טאָרבע אָנגעהאָנגען אויפן האלדז, און מ'האָט געקאָנט זען די כסדרדיקע באוועגונג פון זיין האנט, וועלכע האָט געוואָרפן די קערנער.

קאַפּיטל פיר

I

אין משך פון צוויי וואָכן איז פיליפּעלאָ טאָגטעגלעך געפאָרן קיין קראָטאָנע. פאַר זון-אונטערגאַנג האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ.

די פרויען פלעגן ארויסלויפן פאַרן סאַראַצענער טויער אויפן בערגל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם שיפן שיפוע פון „פּאַרקאָפּאָלי" מיט אַ טיפן גרובן.

יעדעס מאָל האָט זיך באַוויזן אין דער געלער כמאַרע פון שטויב אַ צווייַרעדלדיקער, אויף רויט געפאַרבטער וואָגן. די ערשטע האָט באַמערקט לואיזאַ, די פרוי פון אַלעסיאָ גרעקאָ, פון איר הויז, וואָס איז געשטאַנען הויך, ווי אַ טורעם. אין די שפּעטע נאָכמיטאָג-שעהן איז זי נישט אָפּגעטרעטן פון פאַרקראַטעווען פענצטער, אויסקוקנדיק דעם צוריקקער פון אַנדזשעליניעס פאָטער. זי האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם מאַן, די קינדער, דעם שווער און די באַלעבאַטישקייט.

זיי זענען געשטאַנען אין שיין פון דער זון, וועלכע האָט זיך שוין געניינגט איבער די פּאַשע-פעלדער פון פראַגאַלאַ-טאָל, און זייערע אָנגעשטרענגטע בליקן זענען געווען געווענדט צום שליאַך. צי פירט ער נישט היינט די אומגליקלעכע, אַ געבונדענע מיט שטריק, ווי אַ שאָף? די אויסגעטריקנטע פנימער פון די פרויען האָבן זיך געקנייטשט אַרום די פאַרביסענע ליפּן. די ערדיקע הענט האָבן צוגעהאַלטן די טיכלעך און די פאַלעס פון די שוואַרצע קליידלעך, געריסענע פון ווינט, וואָס איז געקומען פונעם ים, וועלכן מע האָט פונדאַנען נישט געזען.

ווען פיליפּעלאָ האָט באַמערקט דעם שוואַרצן המון פון ווייבער, האָט ער אַ טרייב געטאָן די מוילאייזלען. די לופט האָט דערטראָגן דעם אַלץ נענטערן סווישטש פון דער בייטש, ווי אַ גוטע בשורה.

די חיות האָבן זיך געוואָרפן אין דער זייט, זיך געוואָלט אָפּרייסן פון דישעל, גלייך ווי דאָס וואָלט מעגלעך געווען. די פרויען האָבן ארויסגעלאָזט אַ דערשטיקטן, נישט זיכערן נאָך אויסגעשריי. צי קערט ער זיך אום אָן דער טאָכטער? יאָ, ער איז געשטאַנען אין וואָגן אַליין און געריסן די לייצעס. באַרג אַרויף איז

ער אראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד און געשמיסן די אייזלען איבער די פיס. ער איז דורכגעפלויגן ווי א פארמשפּטער. דאָס האָט אויסגעזען שרעקלעך: זיין אויסגעקרימט פּנים און דער שוים אויף די חיהשע מאָרדעס. דער וואָגן האָט געיאָגט מיט א רעש, ארויפגעדראַפּעט זיך בארג ארויף און זיך אראָפּגעלאָזט אונטער דער געוועלבונג פון סאַראַצענער טויער. די שווער געקאָוועטע רעדער האָבן הויך געקלאַפּט אויף די גאַסע ברוק-שטיינער. די פרויען האָבן שווייגנדיק באַגלייט מיט זייערע בליקן דאָס שענדלעכע אַנטלויפן, ביז דער בייזער פּאָטער איז פארשוואונדן הינטער דער שטיינערנער אַרקאַדע. דעמלט האָבן זיי אלע אָנגעהויבן רעדן. בלויז לואיזא איז געבליבן שטיין אין א זייט, אויפן האַנד פון אויסגעשווענקטן שטיינערנעם צאָן, אומבאַוועגלעך, אָן ווערטער, אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צו די פרויען. דעם ערשטן טאָג האָט יאָלאַנדאַ, די פרוי פון קליינעם מאַטעאָ, זי געפרעגט, פאַרוואָס זי איז אזוי אומעטיק. דזשיאָוואַנאַ, די פרוי פון ארמאַנדאָ, האָט זי דורכגענומען דערפאר מיט א בייזן בליק. און אומקערנדיק זיך צוריק אין דאָרף, האָט זי איר געגעבן צו פארשטיין: זי איז אומעטיק דערפאר, וואָס נישט גענוג, וואָס עס האָט זיך איר אויפגעעפנט די אַלטע וווּנד, האָט זי נאָך אראָפּגענידערט צו אונדז, פרויען פון לוין-ארבעטער, און זי איז דאָך א רייכע.

ווען ס'איז שטיל געוואָרן דער אָפּהילך פון די רעדער, האָבן אלע ארומגערינגלט פראַנצעסקען, וועלכע האָט די ערשטע אָנגעהויבן מיט איר זינגענדיקער שטים:

— אָ, דזשיאַני, דזשיאַני, — האָט זי ווי אויסגעשריגן, — האַלט זי פעסט, וועט זי זיין דיינע, האַלט זי פעסט, וועט זי זיין דיינע.

— און דו, פיליפּעלאָ, פיליפּעלאָ, זיי נישט אַזוי בייז, אַ רחמנות אויף די אָרעמע מוילאייזלען, — האָט געפּאַטשט מיט די הענט וויגטשענצא, די פרוי פון פּילוויאָן, — מיט וואָס האָבן זיך די אָרעמע מוילאייזלען פאַרשולדיקט? אָרעמע חיות.

— אָ, אַנדזשעלינאַ, גוטע אַנדזשעלינאַ, ווילסט נישט זיין קיין טאָכטער פון אַ שלעכטן גביר. אַנדזשעלינאַ האָט ליב דעם אָרעמען דזשיאַני, — האָט געזאָגט די קליינינקע פּיערינאַ, די פרוי פון וויטאָן, דעם אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע".

— אָ, דזשיאַני, דזשיאַני, אַנדזשעלינאַ וועט דיר ברענגען גליק און דו האָסט דעם שטרייק געוווּנען, — האָט דזשיאָוואַנאַ, די פרוי פון אַרמאַנדאָ, פאַרענדיקט מיט דער זילבער מעלאָדיע וואָס פראַנצעסקאַ.

קיאַראַ האָט געלאַכט, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ, ווי אַ קליאַטשע. עס איז איר געפעלן געוואָרן דער האַלב-זינגענדיקער טאָן, וועלכער דערמאָנט די שמועסן

בעתן שׂניט. זי האָט אָנגענומען יאָלאַנדען פאַר איר גאַמבע. יאָלאַנדאַ האָט באַוועגט מיט די ליפּן, וועלכע זענען געוואָרן פאַרגרעבט פונעם טראָגן.

— און אפשר האָט ער זי דערהרגעט אין שטאָט? — האָט זי געשעפּטשעט.

— אָ, יפת־תואר, — האָט פראַנצעסקאַ א פּיי געטאָן מיט איר ברייטער האַנט, — דאַן וואָלט דזשיאַני אים דערהרגעט. און די מוילאייזלען וואָלטן אונדז געבראַכט צו פירן אַ מת קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ.

די פרויען האָבן געלאַכט, געוואָרפן מיט די הענט, ווי זיי זאָלן זיך וועלן אָפּגרענעצן פון פראַנצעסקאַס רייד:

— אָ, דאָננאַ פראַנצעסקאַ, הערט אויף!

— ער וועט זי סיידי דערהרגענען, — די אָנגאָזייקע אַקושערקע פּאַסקאַלינאַ האָט מיט פאַראַכטונג אַ צי געטאָן די אונטערשטע ליפּ. — אַנדזשעלינאַ איז אַרויס פון דער מאַמעס בויך מיט צוויי פלעקן אויפן האַלדז.

— זיי וואָלטן ביידע געדאַרפט אַוועקפאָרן ווייט, קיין נעאַפּאָל, — האָט זיך אָנגערופן צום ערשטן מאָל לואיזאַ, די פרוי פון אַלעסיאָ גרעקאָ. זי האָט גערעדט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם.

די פרויען האָבן זיך אויסגעדרייט צו איר; זיי האָבן געוואַרט, צי זי וועט נאָך עפּעס זאָגן.

דזשיאָוואַננאַ האָט פאַרצויגן די ברעמען, אַלס צייכן, אַז קיינער זאָל איר נישט ענטפערן.

אָבער יאָלאַנדאַ האָט איבערגעחזרט:

— קיין נעאַפּאָל...

דזשיאָוואַנאַ האָט האַסטיק אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— קיין נעאַפּאָל? און וועט וועט זיי געבן עסן אין נעאַפּאָל? און אפשר זענען דאָרט די רייכע בעסער, ווי אין ראָקאַ די דזאָלפאָ? די, וואָס באַקן ברויט אין נעאַפּאָל, עסן אַליין אויף, פונקט ווי אין ראָקאַ די דזאָלפאָ. אפשר זאָג איך אַ ליגן, דאָננאַ לואיזאַ?

— דזשיאַני וועט דאָרט קריגן אַרבעט, וועט ער האָבן וואָס צו עסן און וועט נאָך אַנדזשעלינען געבן, — האָט געזאָגט יאָלאַנדאַ, — און סאַלוואַטאָרע וועט אַרבעטן אויף זיין אָרט אין קראָטאָנע. דער שטרייק איז שוין, דאַנקען גאָט, פאַרענדיקט...

— דיך גריזשעט שוין כסדר אין האַרצן סאַלוואַטאָרע, ווי אַ וואָלפישער צאָן — דזשיאָוואַננאַ האָט לייכט באַריירט איר אָרעם, — און וועגן קיין שום אַנדער זאַך אין לעבן קאָנסטו שוין נישט טראַכטן. ביסט קאָמיש. אין נעאַפּאָל טרומייטערט אַ טרומייטער איבער אַלע פלעצער, ווייל מע זוכט אַרום דזשיאַנין, כדי צו געבן אים אַרבעט. ווען מע זאָל קאָנען אַזוי געפינען אַרבעט, וואָס וואָלט עמעצן געפעלט? דאָננאַ לואיזאַ האָט היינט געגעסן אַ זופּ מיט טייגלעך, קאָן זי

אַזוי טראַכטן. אָבער דײַן מאַמע האָט הײַנטיקן פֿרילינג געהאַט אַ סך אַרבעטס־טעג? און דײַנע קינדער, פֿאַרוואָס טראַכסטו זיי יאָר־ייִערלעך אויפֿן בית־עולם? און אונדזערע קינדער, פֿאַרוואָס קומען זיי אום אָן אַן אויפֿזיכט? און אויב אַפֿילו זיי שטאַרבן ניט, צי וועט עמעצער אויף די ווערעמלעך רחמנות האָבן? וועט געבן זיי אַמאָל אַ שטיקל ברויט? אָבער די קינדער פֿון לואיזען עסן ניט אין דער פֿרי און בײַנאַכט ווילדע ציקאָריע. דו, יאָלאַ, חזר ניט איבער די ווערטער פֿון דאָנגאַ לואיזאַ. דער הונגער האָט דיך נאָך קיין שׂכל ניט אויסגעלערנט. די ווערטער פֿון אַ זאַטן זענען ניט פֿאַר אונדז. וואָס זיסער זיי זענען, אַלץ מער פֿאַרסמטער.

— און אײַערע ווערטער, דזשיאָוואַנאַ, זענען ביטערער פֿון גאַל, — האָט געזאָגט לואיזאַ.

— דאָנגאַ לואיזאַ, — דזשיאָוואַנאַ האָט פֿאַרלייגט די הענט, ווי צו אַ תּפֿילה,
— און וואָס פֿאַר אַ טעם האָט ווילדגראָז? פֿונוואַנען קאָנט איר דאָס וויסן?

— איך בין ניט געקומען אַהער קריגן זיך. לאָזט מיך צורו, — האָט געזאָגט לואיזאַ.

— איר ווילט האָבן אַלץ. סײַ געזונטע קינדער, סײַ ברויט, סײַ רו? און אונדז קומט גאָרניט? פֿאַרוואָס?

— איך האָב בײַ קיינעם גאָרניט צוגענומען, איך בין קיינעם גאָרניט שולדיק. און אויף געבן בעטלער נדבֿות וואָלטן קיין הענט ניט געסטאַיעט.

דזשיאָוואַנאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט:

— וואָס? חזרט עס איבער נאָכאַמאָל! איר האָט געהערט, פֿרויען? בעטלער!

ווינטשענצאַ האָט אויסגעשטרעקט די הענט פֿאַר זיך און, רוקנדיק זיך אויף צוריק, געזאָגט:

— יאָ, דזשיאָוואַנאַ טײַערע, אַזוי איז. מײַן סילוויאַ האָט מיר אויך דאָס זעלביקע געזאָגט. זי האַלט אונדז אַלע פֿאַר בעטלער.

די זעקלעך אונטער דזשיאָוואַנאַס אויגן זענען געוואָרן פֿיאָלעטע:

— פֿאַרוואָס קומט דאָס אַזוי אונדזערע מענער? פֿאַר זייער שווייס?!

די קליינע פֿיערינאַ האָט זיך געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין דער אויסגע־טרוקנטער ברוסט:

— מײַן וויטאָ, איר קאָנט פֿרעגן בײַ אַלע אין דאָרף, מײַן וויטאָ איז ניט, ווי אַנדערע, ער וואָלט בײַ קיינעם גאָרניט גענומען. פֿאַרקערט.

פֿראַנצעסקאַ האָט פֿאַרלייגט די הענט אין אַ קרייץ:

— דער רײַכער טראָגט אַ שד אונטער דער צונג, אָנשטאָט אַ שפּײַ צו טאָן, שפּײַט ער אַ צווייטן אין פּנים.

דזשיאָוואַנאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגנאיבער לואיזען אויפֿן ראַנד פֿון שמײַגערנעם צאָן. דער ווינט האָט איר געבלאָזן אין פּנים, אַראָפּגעריסן דאָס

טיכל פון קאָפּ. זי האָט עס צוגעהאַלטן מיט דער האַנט און פאַרבונדן אַרום דעם האַלדז.

— זיי קוקן זיך אָן איינע די אַנדערע אַזוי, ווי זיי זאָלן האָבן אַ געמיינזאַמען געליבטן, — האָט אַ ברוגז געטאָן די אַקושערקע פּאַסקאַלינאַ.

— פאַרוואָס קומט דאָס אַזוי אונדזערע מיַנער? — האָט איבערגעחזרט דזשיאָוואַנאַ. — אונדזערע מענער זענען בעטלערס? פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל זיי דערמעגלעכן אייך רואיק צו לעבן? וואָלט אייער דאָן אַלעסיאָ געפּרוּווט אַליין צעאַקערן, אַליין פאַרזייען, פּונקט ווי יער עסט יעס אַליין, אויף? גוט זיי אַזוי, אונדזערע מיַנער. אויב זיי לאָזן אייך רואיק לעבן, איז זיי גוט אַזוי. ביי אונדז זענען נאָך פאַראַן אַ סך פּחדנים. — דזשיאָוואַנאַ האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— נאָר וואַרט, די בעטלער וועלן אייך נאָך באַווייזן. עס וועלן אַזש פּעדערן פון אייך פליען.

— אָ, גאָט, — האָט יאָלאַנדאַ אַ זיפץ געטאָן.

פראַנצעסקאַ האָט פאַרקאַטשעט די ברייטע ספּודניצע און, צוהאַלטנדיק זי מיט ביידע הענט, איז זי צוגעלאָפן און אריינגעשטופּט זיך צווישן ביידע פרויען.

— וואָס ווילסטו, דזשיאָוואַנאַ? — האָט זי געפרעגט.

— איך וויל נישט גאָרנישט. איך וויל נאָר, אַז זי זאָל איבערחזרן נאָכאַמאָל, ווער עס איז אַ בעטלער. זאָלן דאָס די פרויען הערן און גוט פאַרגעדענקען. נו, ווער איז אַ בעטלער, רעדט, דאָנגאַ לואיזאַ! איך? מיין מאַן? מיין מינקושיאָ? ווען דיינע קינדער זאָלן אַזוי געשוואָלן ווערן פון הונגער, ווי אונדזערע, וואָלסטו נישט געגעבן אַ האַלב לעבל ברויט זעקס מענער אויף אָפּצואַרבעטן. דו אומפאַרשעמטע!

לואיזאַ האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים. דזשיאָוואַנאַ האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט. די צווייטע האַנט האָט זי פאַרקלעמט אין אַ פויסט און זיך פאַרמאָסטן מיט אַלע כוחות. זי האָט אָבער געטראָפן אין אַ פוסטקייט, ווייל פראַנצעסקאַ האָט נאָך באַצייטנס אַ צי געטאָן לואיזען צו זיך. לואיזאַ איז געווען העכער און געזונטער. זי האָט אַרויסגעריסן די האַנט און אַ שטויס געטאָן דזשיאָוואַנען, וועלכע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, פאַרטשעפּנדיק זיך אין נישט גלייכן שטיינערנעם באָדן. זי וואָלט געווען אומגעפאַלן, ווען עס זאָל זי נישט געווען אונטערהאַלטן די דאַרע, קליינע פּיערינאַ, די פרוי פון וויטאָן. פּיערינאַ האָט זיך געוואָרפן מיט די נעגל צו לואיזעס פּנים, נאָר זי האָט עס נישט דערגרייכט און בלויז אַ ריס געטאָן זי פאַרן אַרבל. דער דורכגעבראָכענער פון דער זון פּערקאַל האָט אַ סיקע געטאָן, רייסנדיק זיך אין אַ גלייכער ליניע. עס האָט אַ בלענד געטאָן לואיזעס ברוינער אָרעם. דזשיאָוואַנאַ האָט זיך אַרויסגעריסן פון פראַנצעסקאַס הענט און איבער פּיערינעס קאָפּ אַראָפּגעריסן לואיזעס דאָס טיכל פון קאָפּ. מיט איין זעץ האָט לואיזאַ אומגעוואָרפן די קליינטשיקע פּיערינאַ, און ווען דזשיאָוואַנאַ האָט זיך איינגעבויגן זי

אויפצוהייבן, האָט לואיזאַ איר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר. דזשיאָוואַנאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ קורצן געשריי, פאַרשטשעמעט די ציין און אָפּגעבויגן דעם קאָפּ אויף צוריק. זי האָט זיך געפּרוּווט אויפהייבן, אָבער זי האָט זיך נאָך מער צוזאַמענגעדרייט. פראַנצעסקאַ, ווינטשענצאַ, קיאַראַ און יאָלאַנדאַ האָבן זיך געוואָרפן איר צו הילף. די פרויען האָבן זיך איינגעקנוילט צוזאַמען, פאָכענדיק מיט די הענט און קווײטשענדיק.

— דו, יאָלאַ, פאַרנעם זיך פונדאַנען מיטן בויך. פּאַסקאַלינאַ, נעם זי צו!

— האָט געשריגן פראַנצעסקאַ. ווינטשענצאַ האָט אָנגעכאַפּט לואיזען פאַרן עלנבויגן:

— לאָז אָפּ די האָר! — האָט זי געשריגן. — די האָר לאָז אָפּ!

דזשיאָוואַנאַ איז געלעגן, סיטשענדיק פאַר ווייטיק. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן האָריזאָנטאַל, ווי עס זאָל איר זיין איינגעשניטן דער קאַרק. פון די פאַרמאַכטע אויגן זענען איר גערונען טרערן. פּיערינאַ און קיאַראַ האָבן געשלאָגן לואיזען איבער די הענט.

— לאָז אָפּ די האָר! — האָבן זיי איבערגעחזרט נאָך ווינטשענצען. — די האָר לאָז אָפּ.

פראַנציסקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, וווּ זי זאָל זוכן הילף. פּלוצעם האָט זי זיך צוריקגעצויגן. אויף דעם שטיינערנעם צאָן האָט זיך באַוויזן אַלעסיאָ גרעקאָ, דער מאַן פון לואיזען. לואיזאַ האָט אים דערזען, איידער ער האָט אָנגעהויבן אַרויפקריכן אויף דעם בערגל. זי האָט געוואַרט, ביז ער וועט צוגיין נאָענט, און ערשט דעמאָלט האָט זי צום לעצטן מאָל אַ ריס געטאָן דזשיאָוואַנען פאַרן קאָפּ און זי אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן פון דער ערד דאָס טיכל און עס פאַרוואָרפן אויף די אַקסל. זי האָט צונויפגענומען מיט ביידע הענט די האָר, זיי פאַרדרייט אין אַ קנופּ אויפן קאַרק און נישט אומקוקנדיק זיך, אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון בערגל, פריער פּאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שנעלער.

אַלעסיאָ איז שטיין געבליבן, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. ער האָט אַ פיר געטאָן זיין בליק איבער די פרויען. עס איז געוואָרן שטיל. מע האָט בלויז געהערט דאָס מעקען פון די שאָף, וועלכע האָבן צוריקגעקערט פון דער פּאַשע.

— פאַרוואָס זענט איר אָנגעפאַלן אויף מיין פרוי? — האָט ער געפרעגט. קיינער האָט נישט געענטפערט.

— כ'פרעג, וואָס האָט איר געוואָלט פון מיין פרוי? דו, דזשיאָוואַנאַ, האָסט עפּעס געוואָלט פון מיין פרוי? — די ברייט צעשטעלטע אויגן פון אַלעסיאָן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

— דאָן אַלעסיאָ, — האָט זיך אָנגערופן פראַנצעסקאַ, — ווער איז שולדיק, אַז אייער לואיזאַ קומט צו אונדז? נישט מיר גייען צו איר, נאָר זי צו אונדז.

צי איז דאָס אונדזער שולד? זי קומט צו פֿליען, ווי נאָר זי דערזעט פּיליפּעלאָן דורכן פֿענצטער. דאָס איז נישט אונדזער שולד, דאָן אַלעסיאָ.

אַלעסיאָ האָט נישט געהערט. ער האָט ברייט צעשפּרייט די פֿיס און אַזוי געשטאַנען אויפֿן שפּיץ פֿון פֿעלז. ער איז געווען אָן אַ קאַפּעליוש און זיינע האָר, אָפּגעקראָכענע פֿון דער זון, האָט צעבלאָזן דער ווינט, שוין נישט פֿון ים, נאָר פֿון טונקל ווערנדיקן מערב. דזשיאָוואַנאַ, בלאַס ווי לייוונט, האָט צוגעדריקט די הענט צום האַרצן. פֿון אַלעסיאָן האָט איר אָפּגעטיילט בלויז עטלעכע טריט. ער האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַראָפּצוגיין, מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן. די פֿרויען האָבן זיך ווידער צוריקגעצויגן. קיאַראַ איז די ערשטע אַוועקגעלאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון דאָרף. נאָך איר זענען אַוועק פּאַסקאַליגאַ, יאָלאַנדאַ און ווינטשענצאַ. פּיערינאַ האָט זיך אומגעקוקט און געבליבן שטיין. קיאַראַ האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אַלע און איז שוין געווען נאָענט פֿון סאַראַצענער טויער. פֿראַנצעסקאַ האָט אַרומגענומען דזשיאָוואַנען און זי געצויגן נאָך זיך. ווען אַלעסיאָ איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָבן ביידע פֿרויען זיך געהאַלטן פֿאַר די הענט. אַלעסיאָ האָט מיט איין קלאַפּ אָפּגעטיילט פֿראַנצעסקאַן פֿון דזשיאָוואַנען, ווי אַ נישט ביי͏טיקע צווייג.

— וואָס האָסטו געוואָלט פֿון לואיזען? — האָט ער געפֿרעגט.

— דאָננאַ פֿראַנצעסקאַ האָט שוין געענטפֿערט...

— איך פֿרעג דיך, און נישט פֿראַנצעסקען!

דזשיאָוואַנאַ האָט מיט מי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

— לואיזאַ האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים, געריסן פֿאַר די האָר. זי האָט אונדז אָנגערופֿן בעטלער. און איצט ווילט איר אויך מיך שלאָגן. נאָר דערפֿאַר, ווייל איך בין אָרעם... נאָר דערפֿאַר...

— דו פֿאַרבלענדסט מיר נישט די אויגן מיט דיין אָרעמקייט. זאָג, וואָס דאָ איז געווען. ווען איך זאָל זיין פּיליפּעלאָ, וואָלט איך אייך... אָבער איך בין נישט פּיליפּעלאָ, און מיין פֿרוי איז נישט אַנדזשעלינאַ, פֿאַרשטייסט? פֿון מיין נאָמען וועל איך נישט דערלויבן צו מאַכן אַ געלעכטער!

— דאָס האָט זי אונדז אָנגערופֿן בעטלער, מיר האָבן איר גאָרנישט געזאָגט, — האָט זיך אַריינגעמישט פֿראַנצעסקאַ. — גאָט איינער! נאָך אַזויפֿיל יאָרן האָט איר נאָך אַלץ מורא, מע זאָל אייך נישט אויסלאַכן. און דאָס הייסט אַ מאַנצפֿאַרשוין? איר וואָלט זיך באַדאַרפֿט שעמען! איר האָט דאָ שוין אָנגעפּלאָדזשעט מיט איר אפֿשר אַ האַלבע טוץ קינדער.

— שווייג, פֿראַנצעסקאַ!

פּיערינאַ, וועלכע איז אַנטלאָפֿן די לעצטע, איז צוריק געקומען צו לויפֿן. זי האָט הויך פֿאַרריסן איר מיידלש פּנים און געפֿינטלט מיט די אויגן. זי האָט זיך פֿאַרסאָפּעט לויפֿנדיק.

— דאָנקאַ לוּאיזאַ האָט מיך אויך... מיך אויך אומגעוואָרפן אויף דער ערד. זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן. דזשיאָוואַנאַ האָט איר גאָרנישט געטאָן... אַלע האָבן געזען. און וואָס האָב איך איר געטאָן. פרעגט, דאָן אַלעסיאָ, וועמען איר ווילט, — זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די פרויען, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים וואַל פון סאַראַצענער טויער, וואָס איז טונקל געוואָרן פון אָוונט־דעמערונג. די פרויען האָבן געזען ווי פיעריגאַ מאַכט מיט דער האַנט אין זייער ריכטונג און וויגטשיענצאַ האָט איר אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער באַוועגונג. זי האָט אויסגעשריגן:

— זי האָט אונדז אָנגערופן בעטלער, אונדז און אונדזערע מענער.

— אַן אומפאַרשעמטע. פאַרמאַך זי הינטער אַ שלאָס, אַזוי ווי נאָך דער חתונה, — האָט געשריגן די אָנגאָזיקע אַקושערקע פּאַסקאַלינאַ.

די פרויען האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— סיידוי וועט זי אַנטלויפן, — פּאַסקאַלינאַ האָט אָנגעוויזן די ריכטונג פון ראָקאַ די געטאָ. — כאָטש יענער האָט זיך דערטרונקען. זי וועט געפינען אַ צווייטן.

פראַנצעסקאַ האָט צונויפגעדריקט די פויסטן, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, געגעבן צייכנס, אַז זיי זאָלן זיך דאָרט ביים וואַל באַרואיקן. זי האָט מיט שרעק געקוקט אויף אַלעסיאָן, באַמיענדיק זיך אַ שמייכל טאָן צו אים.

אַלעסיאָ האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אַן אָקס. זיין טונקל פּנים האָט אין אָוונט־ליכט אויסגעזען שוואַרץ פון דעם צופלוס פון בלוט.

— דו פּאַסקודסטווע! — האָט אַלעסיאָ אויסגעשריגן און אָנגעכאַפּט דזשיאָוואַנען פאַר די אַקסל, טרייסלענדיק זי, ווי אַ באַרעגביימל.

— אַן אומפאַרשעמטע? — האָט ער אויסגעסיקעט דורך די ציין, — ווער איז אַן אומפאַרשעמטע? זאָג, ווייל איך וועל דיך טייטן!

— לאָז מיך אָפּ, לאָז אָפּ! — האָט געשריגן דזשיאָוואַנאַ.

— פאַרשאָלטענער פעבל! — אַלעסיאָ האָט מיט אַלע כוחות זי אַ וואָרף געטאָן אויף דער שטיינערנער ערד.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך דערהערט אַ געשריי. פון דער זייט פון פריי־הייטס־פּלאַץ איז געלאָפן דזשיאָוואַנעס יינגל, מינקוטשיאָ.

— מאַמע, מאַמע, — האָט ער געשריגן מיט אַ וויינענדיק קול.

ער איז געלאָפן גיך פאַר זיך איבער דער שיפּוע פון „פּאָרקאָפּאָלי“, וועלכער איז געווען פאַרזייט מיט די שוואַרצע גאָרעס פון שטאַלן. ער האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיך די בייטש, מיט וועלכער ער האָט געטריבן פּיליפּעלאָס סטאַדע.

ער איז געלאָפן איבער דער שיפּער וואַנט באַרג אַראָפּ, נישט קאָנענדיק איינהאַלטן דעם לויף. זיינע פיסלעך האָבן אַליין שנעלער געשווינדלט און די באָרוועסע פיאַטעס האָבן אָנמיטבטיק געפּאַטשט איבער דער טרוקענער ליים. נאָך אַ

רגע און ער וועט זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און וועט, ווי אַ שטיין, אַריינפאַלן אין אַן אָפּגרונט אָדער אין אַ שטאַל־גאָרע.

דזשיאָוואַנאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין דער ערד און זיך עטוואָס אויפגעהויבן. זי האָט דערהערט דאָס קול פון איר זון מינקוטשיאָ. דאָס קול איז געקומען פון דער זייט פון דאָרף. זי האָט אים געזוכט מיט די אויגן. ווען זי האָט דערזען איר בן־יחיד, האָט זי אַ קרעכץ געטאָן, כאַפּנדיק זיך פאַרן האַרץ. מינקוטשיאָ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון שיפּוע, ווי א שלעכטער שווימער, פאָכנדיק מיט די הענט אין דער לופט.

— מיין ייִנגל, מיין ייִנגל, הייליקע מוטער, — האָט זי געהאַלטן אין איין רופן, — הייליקע קיאַראַ, ער וועט אַריינפאַלן אין אַ גאָרע, מיין צווייט קינד!

זי האָט צונויפגענומען אַלע אירע כוחות, כדי זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו פּראַנציסקען און פּיעטראָן. ביידע פרויען זענען געשטאַנען די הענט צוגעדריקט צו די ברוסטן. ביידע האָבן גלייכצייטיק אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. דאָס ייִנגל איז אומגעפאַלן און זיך אָנגעהויבן אַראָפּקייקלען אויף אונטן. דזשיאָוואַנאַ האָט דערפילט אַ שאַרפן שטאָך אין האַרצן. די שוואַרצע גאָרע איז געוואָרן אומענדלעך ווי די נאַכט.

דזשיאָוואַנאַ איז געקומען צו זיך אויף די הענט פון איר מאַן אַרמאַנדאָ. זי האָט ברייט צעעפנט די אויגן. אַרום זענען געשטאַנען אַ סך מענטשן. עמעצער האָט לעבן איר געוויינט. דאָס איז געווען מינקוטשיאָ.

— לאָז מיך, אַרמאַנדאָ, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל אַליין גיין.

אַרמאַנדאָ האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד. דזשיאָוואַנאַ האָט אַרומגענומען דעם זון און אים צוגעדריקט צום האַרצן.

— מינקוטשיאָ? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס איז, מאַמע?

— דו האָסט איבערגעלאָזט די שאָף אַליין, מיין זון? פּיליפּעלאָ וועט דיך אַרויסוואַרפן.

II

אָבער די שאָף האָט פאַרטריבן אין פּיליפּעלאָס שטאַל סאַלוואַטאָרע. ער האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן. קיאַראַ, אײַלנדיק אין דאָרף נאָך אַרמאַנדאָן, האָט געטראָפן לעבן שטאָטראַט פריער סאַלוואַטאָרען, דערנאָך מינקוטשיאָן מיט דער סטאַדע. אַ פאַרסאַפּעטע, האָט זי אין איין אָטעם דערציילט וועגן אַלץ:

— גיי שנעל, מינקוטשיאָ, אַלעסיאָ שלאָגט דיין מאַמען, און איך וועל לויפן נאָכן טאַטן, — האָט זי ענדלעך דעם אָטעם געכאַפּט.

מינקוטשיאָ האָט אויפגעעפנט דאָס מויל און געקוקט אויף קיאַרען, ווי ער זאָל נישט פאַרשטיין, וואָס זי רעדט צו אים. דערנאָך האָט ער אַ רוף געטאָן מאַמע, פריער שטיל, ווי נישט גלייבנדיק זיין אייגענער שטים. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די בייטש און זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— מאַמע, מאַמע! — האָט ער געשריגן אַלץ העכער, לויפנדיק אין דער ריכטונג פון בערגל. נאָך עטלעכע טריט האָט ער זיך אומגעקערט, האָט אויפגעהויבן שנעל די בייטש און ווידער אָנגעהויבן לויפן אין דער זייט פון „פאָרקאָפּאָלי“.

— מאַמע, מאַמע! — האָט ער אַן אויפהער געשריגן.

סאַלוואַטאָרען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז וואָס מער דאָס ייִנגל האָט זיך דערווייטערט, אַלץ שטאַרקער האָט אַדורכגענומען זיין געשריי. די פאַררויטלטע קיאַראַ האָט באַגלייט סאַלוואַטאָרען, וועלכער האָט געיאָגט פאָרויס די צונויפגעפרעסטע סטאַדע שאָף, אַ גרויע פון שטויב. טאַטאַ איז געגאַנגען אַ פאַרכמורעטער און שווייגנדיקער.

— לואיזאַ האָט זי געריסן פאַר די האָר, — האָט קיאַראַ דערציילט, — און אָנגערופן אייך אַלע, אַלע מענער פון ראָקאַ די דזאָלפאָ — בעטלער.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט לעבן אויער און אַ ברום געטאָן:

— שוין, אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק. גיי צו אַרמאַנדאָן!

קיאַראַ איז שטיינגעבליבן. אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן:

— אָבער אין אָוונט וועלן מיר זיך זען? מיר וועלן זיך טרעפן? — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

סאַלוואַטאָרע האָט נישט געענטפערט. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און קיאַרען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אַ שמייכל געטאָן.

ווען זי איז פאַרשוווּנדן, האָט טאַטאַ הויך אָפּגעזיפצט. פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן צו פייפן. אָבער ער האָט באַלד אויפגעהערט. דאָס געשריי פון ייִנגל, וועלכער איז געלאָפן צוהילף דער מוטער, איז אים נאָכגעגאַנגען אַזש ביז אין שטאַל פון פיליפּעלאָן.

III

אומקערנדיק זיך פון פיליפּעלאָן, האָט סאַלוואַטאָרע באַגעגנט מאַטעאָן. מאַטעאָ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט אים נישט באַמערקט. ער האָט אויך נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג. נאָר ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער זיך פּלוצעם אויסגעדרייט, אַ געשריי געטאָן „דו, פיליפּעלאָס משרת“ און אויסגעשפּיגן. ער האָט דאָס געטאָן הויך, ווייל אין דער טונקל. טאַטאַ

האָט דאָס געקאָנט נישט באַמערקן. מאַטעאָ האָט צוגעוואַרט נאָך אַ רגע, נאָר זעענדיק, אַז טאָמאַ הייבט אָן שנעלער צו גיין, איז ער אַנטלאָפֿן. טאָמאַ האָט אים דעריאָגט און אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָלנער.

— אויף מיר וועסטו שפּייען? — האָט ער געשריגן.

מאַטעאָ האָט קורץ אַ בליק געטאָן מיט פֿאַרשטשעמעטע ציין.

— ער, דו גיבור, — האָט ער אויסגעשטאַמלט, — ביסט געזונט צוזאַמען מיט פּרעצאָן און פּיליפּעלאָן. שלאָג מיך, שלאָג. קאָנסט מיך שלאָגן.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך צוריקגעצויגן. מאַטעאָ האָט אַ קורצן לאַך געטאָן:

— דו, קין, דעם אייגענעם ברודער פֿאַרקויפֿסטו!

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿאָרויס, ווי ער זאָל באַקומען אַ פּלוצעמדיקן זעץ אין ברוסט. ער האָט דערפֿילט, ווי עס לויפֿט אים אָפּ דאָס בלוט פֿון פּנים. מאַטעאָ האָט זיך צוערשט גערוקט אויף צוריק, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען לויפֿן, כאָטש טאָמאַ האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט. מאַטעאָ איז געלאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון דער סעקציע און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער פֿאַרשוווּנדן אין טונקעלן פּאָדערציממער פֿון לעליאָ דעם קרעמערס הײַזקע.

סאַלוואַטאָרע האָט אויסגעריבן די אויגן מיט דער דלאָניע. די טונקלקייט איז געבליבן די זעלבע, אַ פּאַרנאַכטיקע. ער האָט איצט אונטערשיידט דעם סקריפּ פֿון אַ ראַדיאָ, דערנאָך אַן אָפּגעריסענעם געזאַנג, וואָס איז געוואָרן פֿאַרטויבט פֿון אַ סיקען און פֿון עטלעכע קולות צוזאַמען. ער האָט זיך געפֿונען אין אַ געסל, וואָס האָט נישט געפֿירט אַהיים. מאַטעאָס לויפֿן האָט אים פֿאַרפֿירט. די הײַזקע פֿון לעליאָ דעם קרעמער, וועלכע איז געווען געדעקט מיט טשערעט, האָט אין לבנה־ליכט אויסגעזען שוואַרץ. בלויז דער דאַך און די פֿענצטער פֿון קאָמוניסטישן לאָקאַל זענען געווען געלבלעך. דורכגייענדיק, האָט ער אַ קוק געטאָן אינעווייניק. עס איז דאָרט געווען פֿול פֿון מענטשן און רויך. אונטערן סופֿיט זענען געהאָנגען פּאַפּירענע סטענגעס. לעבן ראַדיאָ איז געשטאַנען דער יונגער ראָזאַריאָ, דער זון פֿון דער אַלמנה אַננאַ. ביים טיש זענען געזעסן אַרמאַנדאָ און סילוויאָ. די אַנדערע האָט ער נישט באַוויזן צו אונטערשיידן. אין פֿאַרנעפּלטן ליכט פֿון לאָמפּ, וועלכער איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון סופֿיט, האָט מאַטעאָ געווישט דעם שווייס פֿון שטערן. ער האָט הויך געלאַכט. ער האָט דערציילט וועגן אים, וועגן סאַלוואַטאָרען, און געלאַכט. די מענטשן האָבן אים אַרומגערינגלט אין מיטן פֿון שטוב. סאַלוואַטאָרע האָט אויך באַמערקט דאָס פּנים פֿון וויטאָן, דעם אייגנטימער פֿון דער „שאַראַבאַלע“. צי האָט ער אויך געלאַכט? טאָמאַ האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט, ער האָט ווידער דערפֿילט ווי עס שוידערט אים, ער האָט זיך שנעל פֿאַרנומען אויף לינקס. אַ וואַרף טאָן זיך אויפֿן געלעגער, מיטן פּנים אין דער האַרטער קישן! פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן, אַרומגעקוקט זיך אַרום, איינגעהערט זיך און ווידער פֿאַרדרייט אויף רעכטס. ער האָט אַרײַנגעצויגן דעם האַלדז

אין די אקסלען. ווען ער איז פאַרביי דעם אָפּהאַנג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט קרעמניעס, האָט ער דערפילט דעם געשמאַק פון „פּאָרקאָפּאָלי“. די אָפּגעריסענע שטיינדלעך האָבן געקלאַפּט איבער דער צעגראָבענער סטעזשקע, נאָך איידער זיי זענען אַראָפּגעפאַלן ערגעץ אין דער נידער. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דער גערויש פון אַ טייכל. דעם באַרג־דורכגאַנג האָט מען נאָך נישט געזען. אין לבנה־ליכט האָט די סטעזשקע געבלישטשעט מיט פעלזן־שטיינער, ווי מיט טויטע פּגימער. דאָס האָרף איז שוין פאַרשוואונדן הינטער דעם בערגל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט קאַקטוסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די הויכקייט, וועלכע איז געווען באַוואַקסן מיט נידעריקע דערנער־קוסטעס און וועלכע האָט פון צפון אַרומגערינגלט די פּאַשע־פעלדער פון פּראַגאַלאַ־טאָל. דער טאָל פון אונטן איז געווען באַדעקט מיט אַ נעפּל, ווי אַ שיסל קאָכעדיקע מילך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זוכנדיק דעם טונקעלן פלאַך פון די אייקאַליפּטוסן. דורך די צווייגן האָט דורכגעלויכטן די שיין פון פענצטער. דאָס פענצטער האָט מען געזען פון ווייט. ער האָט זיך פאַרקירצט דעם וועג, דראַפּענדיק זיך גלייך באַרג אַרויף. פון דער זייט איז דאָס בערגל געווען מילד און נידעריק. נאָר אין אייליקייט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן מיט די הענט פאַר די קוסטעס. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן גלייך אנטקעגנאיבער דעם פּאַלאַצל. אויף דעם קול פון בילנדיקן הונט האָט זיך אויפן שטאָק אויפגעעפנט אַ פענצטער. מאַמאַ האָט אַ געשריי געטאָן: „שטיל דאָרט“! דער הונט האָט אים דערקענט און זיך פריידיק צעוואָיעט. אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דער פליכוואַטער קאָפּ פון יונגן קשיאָנדז דאָן לואידזשי.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער שטיל געפרעגט. — אַך, דאָס ביסטו? — האָט ער זיך פאַרוואונדערט און פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

דער הונט האָט זיך געריסן אויף דער קייט, ווילנדיק זיך באַגריסן מיט סאַלוואַטאָרען.

— שטיל, ווילדער, — האָט געזאָגט דאָן לואידזשי. ער איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן סאַלוואַטאָרען אַזש ביז דער שטיינערנער פאַרצוימונג, וועלכע האָט אויסגעזען ווייס־שוואַרץ פון דער לבנה־ליכט און פון די שאָטנס פון די שלאַבעריק אַראָפּהענגענדיקע אייקאַליפּטוס־צווייגן. סאַלוואַטאָרע האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם אייזערנעם טויער, וועלכער איז געווען אַראָפּגענומען פון די זאַוויאַסעס.

— היות פילן די גוטסקייט פון מענטשן, — האָט געזאָגט דאָן לואידזשי. פירנדיק דעם גאַסט דורך דער שמאָלער קיפּאַריסן־אַליע, וועלכע איז געווען געשטרייפט פון שאָטנס און זילבערנעם לבנה־ליכט. דאָן לואידזשי מיט סאַלוואַטאָרען האָבן פאַרקערעוועט צו די אינערלעכע טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט צו די צימערן אויפן שטאָק.

דאָן לואידזשי האָט פאָרזיכטיק פאַרמאַכט הינטער סאַלוואַטאָרען די טיר, איינהויקערנדיק דערביי זיין לאַנגע פלאַכע פיגור. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און

אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ. דער טיש איז געווען פאַרוואָרפן מיט צייטונגען. לעבן דעם לאָמפּ איז געשטאַנען אַ מעשענער קרייז מיט קריסטוסן אין אַ דערנער־קרוין.

— אָ, יעזוס! — האָט אויסגעשריגן דער קשיאָנדז, פאַרשטעלנדיק זיך מיט די לאַנגע פינגער די אויגן. — וואָס איז דיר געשען? גיב אַ קוק אויף דיינע הענט!

טאַטאָ האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צום ליכט: זיי זענען געווען אין רויטע שטרייפן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס איז פון די דערנער.

— פון דערנער? — דאָן לואידזשי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — פון דערנער. — ער האָט אַרומגענומען סאַלוואַטאָרען פאַר די אַרעמס און אים אַוועק־געזעצט אין אַ ווייכער שטול, וועלכע איז געווען באַשלאָגן מיט אַ צערריסענעם אַטלאַס־מאַשעק. — אָ, גאָט, — האָט ער געשעפּטשעט. ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט דער שמאָלער זייטיקער טיר און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ בלע־כענער שיסל און מיט אַ האַנטעך. די שיסל האָט ער אַוועקגעשטעלט גלייך אונ־טער דעם לאָמפּ, אויף אַ ברייט צעשפּרייטער צייטונג. ער האָט גענומען די הענט פון סאַלוואַטאָרען און זיי איינגעטונקען אין וואַסער. סאַלוואַטאָרע האָט פאַר־מאַכט די אויגן. ער האָט דערפילט אַן אָנגענעמע קעלט.

— ווען איז דאָס געווען נייטיק? — האָט געפרעגט דאָן לואידזשי. — אויף אויסקויפן די זינד איז נישט דאָס היינט נייטיק. פונקט פאַרקערט.

— וועלכע זינד?

— פון דיין ברודער, פון מיין שוועסטער, צי ווייניק זינד איז פאַראַן אויף דער וועלט? מיר האָבן געמיינזאַמע זינדיקע. אָבער איך וועל זיך דעם גוף מיט דערנער נישט צעבלוטיקן. נישט אַזוי דאַרף מען היינט קעמפן מיט דעם שלעכטס.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע, אויסווישנדיק זיך די הענט. — איך האָב זיך געאײַלט צו דיר, איך האָב מורא געהאַט, אַז דו שלאָפסט שוין.

— אַ קשיאָנדז און אַ דאָקטאָר זענען נישט קיין באַלעבאַטים איבער זייער שלאָף. זייער שלאָף געהער צו די קראַנקע און צו די, וועלכע זוכן טרייסט. — דאָן לואידזשי האָט הויך אויפגעהויבן די ברעמען, באַווייזנדיק די שוואַרצאַפּלען, אַזוי ווי ביי הייליקע, אויף די בילדער. — מיין פריינד און ברודער, דו ביסט דער איינציקער אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, וואָס איילט זיך צו מיר. דאָס איז מיין באַלוי־נונג פאַר אונדזער פריינדשאַפט אין דער קינדהייט. קיינער איילט זיך נישט צו מיר אין דער זינדיקער ראָקאַ די דזאָלפּאָ. ווער עס האָט זי אָנגערופן מיטן נאָמען פון שוועבל,* האָט געהאַט אין זין דעם גיהנום אָדער סדום. טאַטאָ, צי האָסטו זיך

* ראָקאַ די דזאָלפּאָ באַדייט אַ שוועבל־פעלז

געזען מיט פיליפעלאָן? זײַ מיר מוחל, וואָס איך רוף אָן מײַן פֿאָטער בײַם נאָמען. די שנאה, וועלכע ריגלט מיך אַרום, האָב איך צו פֿאַרדאַנקען אָט דעם נאָמען. אָ, פֿאַר־וואָס בין איך נישט קיין זון פֿון אָרעמע עלטערן, ווי דו?

— אַ זון פֿון אָרעמע עלטערן, ווי איך? לואידזשי! איך בין טאַקע אַ זון פֿון אָרעמע עלטערן, אָבער אַ קשיאָנדז ביסטו, און נישט איך.

— אָ, איך בעט דיך, רעד נישט אַזוי. איך ווייס, וועגן וועמען דו טראַכסט אַצינד. איך הער זײַנע ווערטער. איך בעט דיך, רעד נישט אַרויס זײַן נאָמען אין מײַן אָנוועזנהייט, — אַ ציגל־רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבער די מאָגע־רע באַקן פֿון קשיאָנדז. — איך געדענק די ווערטער. ער האָט מיך געהאַסט, אפשר האָט ער געוווּסט, אַז איך וועל פֿאַרנעמען זײַן אָרט. ווען מיר האָבן צוזאמען אים מיטגעהאָלפֿן בײַם אַלטאַר, אויף דער פּיאַצעסיע פֿון פּאַטראָנעסע „סאַנטאַ קיאַראַ“, האָט ער שטענדיק זיך געוואָנדן צו דיר, און מיך האָט ער פֿײַנט געהאַט, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז אַ קשיאָנדז וועל איך זײַן, נישט דו. ער האָט שטענדיק איבער־געחזרט: „דער קאַשטשיאָל איז נישט פֿאַר די אָרעמע, דער קאַשטשיאָל איז פֿאַר די רײַכע, ווו שטופּסטו זיך, טאַטאַ!“ געדענקסט?

— ער האָט געזאָגט דעם אמת.

— צום באַדויערן, האָט ער געזאָגט דעם אמת. אויך איך האָב דאָס געוווּסט. „ווו שטופּסטו זיך, טאַטאַ?“ — האָט ער געזאָגט, אָבער ליב געהאַט האָט ער דיך. צום באַדויערן, האָט ער געזאָגט דעם אמת. דערפֿאַר האָב איך געליטן, דערצויגן זיך אין הכנעה. ווי איך האָב דיך מקנא געווען, וואָס דו ביסט אַ זון פֿון אָרעמע עלטערן! איך האָב דיר שטענדיק נאָכגעגעבן אין אַלעם, געדענקסט?

— ביסט שטענדיק געווען אַ דאַרער און שוואַכער, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — און דערנאָך ביסטו שוין נישט געווען. ביסט געגאַנגען אין שקאָלעס, גאָט ווייסט, אין וועלכער שטאָט. איך האָב טײַלמאָל געטראַכט וועגן דיר אין אויסטראַליע. די קינדער פֿון פֿערמער האָבן מיך דערמאָנט אין דיר. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך בײַ דיר און בײַ דאָן דאָמעניקאָ.

— דו קאָנסט נישט אויסמײַדן דעם נאָמען. זײַ מיר מוחל, טאַטאָ, — לואידזשי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — אויסטערליש, וואָס דו האָסט געוואָלט וויסן, וואָס בײַ מיר הערט זיך, — לואידזשי האָט אַראָפּגענומען די שיסל פֿון טיש און זי אַוועקגעשטעלט לעבן זיך אויפֿן שטול. — אויסטערליש, וואָס דו האָסט געוואָלט ווערן אַ קשיאָנדז. זײַ מיר מוחל, איך וועל זײַן אויפֿריכטיק. אַנדערש קאָן איך נישט. האָסט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון די אָרעמע עלטערן. נישט דער קאַשטשיאָל האָט דיך געצויגן, נאָר די פּאַראַפֿיע. צי דאַווקנסטו באַטש? ניין. וויפֿל מאָל איך האָב דיך געזען אין קאַשטשיאָל, האָב איך מיר געטראַכט, צוואָס קומסטו אַהער, באַקוקן די ווענט? די גאָלדענע סטאַטוע פֿון „סאַנטאַ קיאַראַ“?

נישטאָ אין דיר קיין גאָטפאַרכטיקייט. אָ, ברודער, זיי נישט בייז פאַר די ווערטער פון אמת. דו האָסט מיר אַליין געזאָגט, אַז דו שעצסט אין מיר דעם אמת.

— דאָס איז ריכטיק, איך בין נישט פרום. דאָן דאָמעניקאָ האָט געזאָגט, אַז זיין פרום הייסט נישט לויבן אָן אויפהער גאָט, פונקט ווי ער זאָל זיך נייטיקן אין דעם, און אַז די, וואָס טוען דאָס, האָבן נישט קיין ריינעם געוויסן.

— אויסטערליש, וואָס זייענדיק אין אויסטראַליע, האָסטו געטראַכט וועג־ מיר, און ווען דו האָסט זיך צוריקגעקערט קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ, האָב איך דיך דריי חדשים נישט געזען. אין משך פון דריי חדשים האָסטו נישט געזוכט מיט מיר זיך דורכצושמועסן. און פלוצעם, ווען אַנדזשעלינאָ איז אַנטלאָפן... אָ, אַנטשולדיק, זיי מיר מוחל, איך האָב דיר געוואָלט דערמאָנען, אַז דו ביסט מיר שולדיק אַן ענטפער. צי האָסטו זיך געזען מיט פיליפעלאָן.

— יאָ.

— יאָ? — האָט אויסגעשריגן דאָן לואידזשי.

— האָסט מיר אַליין געהייסן, — טאַטאָ האָט אויסגעשטרעקט די הענט אויף פאַרוויס.

— זיי מיר מוחל, אָבער דו טייטשסט אויס מיינע ווערטער קאַפּויער.

— טאָ זאָג מיר, איך זאָל וויסן, ווען זאָגסטו „יאָ“ און ווען „ניין“.

— ווען דאָס זאָל זיין אַזוי פשוט! וואָס בייטאָג איז ווייס, איז ביינאַכט שוואַרץ, זומער איז דאָס וואַסער וואַרעם, און ווינטער פרירט עס. באַגינען ווערט ווער געבוירן, און ביינאַכט שטאַרבט ווער. אויף דעם זעלבן קאָן מען אַמאָל זאָגן „יאָ“, און אַמאָל „ניין“. מע דאַרף זיך שטענדיק מיישב זיין מיטן געוויסן. וואָרעם צוליב וואָס איז דאָס געוויסן? גאָר פאַר די, וועלכע באַזיצן אים נישט, איז אַלץ פשוט און איינדייטיק.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט טאַטאָ אַ שעפטשע געטאָן, — לואידזשי,

— האָט ער געזאָגט הויך, — העלף מיר. איך דאַרף זיך היינט נאָכאַמאָל זען מיט דיין טאַטן. איך בין געווען ביי אים, ווען אָגשטאָט מינקוטשיאָן, האָב איך געבראַכט צו טרייבן די שאָף. ווייסט, לואידזשי, אַלעסיאָ גרעקאָ האָט געשלאָגן דזשיאָוואַנען, די פרוי פון אַרמאַנדאָן.

— פון אַרמאַנדאָן, — האָט איבערגעחזרט דער קשיאָנדז.

— פיליפעלאָ האָט מיר היינט ביינאַכט געהייסן קומען צו פרעצאָן. איך ווייס אין וואָס עס גייט. און איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז איך וועל נישט גיין. איך וויל נישט זיין קיין קין.

— אָ, רעד נישט אַזוי וועגן זיך, איך בעט דיך, — האָט אים איבערגעריסן דאָן לואידזשי. — גיי נישט צו פיליפעלאָן, אויב דיין געוויסן הייסט דיך נישט. אָבער זאָג נישט, אַז דו ביסט אַ קין. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין שוועסטער אַנדזשעלינאַ פאַר איר זינד, צי וואָלסטו מיך אויך אָנגערופן קין? דאָס איז

אייגנטלעך דאָס שוואַרצע און ווייסע, דאָס איז אייגנטלעך דער „יאָ“ און דער „ניין“. דזשיאַני קאָן זיין קין, אָבער דו נישט, דו האָסט אין זיך די גוטסקייט פון אַ מענטשן. דו קאָנסט נישט זיין קיין קין, ווייל עס גייט טאַקע אין דזשיאַנען. פּונקט ווי דו וואָלסט נישט געווען קיין יודאַש, ווען עס וואָלט געגאַנגען אין אַר־מאַנדאָן. אויב דו וועסט אַרויסרייסן אַנדזשעליגען פון די הענט פון דיין ברודער דעם אַנטיכריסט, וועט דאָס נישט באַדייטן, אַז דו ביסט געוואָרן אַ פאַררעטער. נאָר אויב דו צווייפלסט אפילו אַ האָר, צי דאָס איז אמת, כאָטש דו האָסט מיר שטענדיק געגלייבט, טו דאָס נישט. פון צווייפל ווערט געבוירן דער גיהנום. צווייפל איז עפּעס אַנדערש, ווי דאָס געוויסן. דאָס געוויסן קלייבט אויס ריכטיק, און דער צווייפל דערלאָזט נישט דעם גלויבן קומען צום וואָרט. דיין ברודער ווייסט נישט, וואָס איז אַזוינס געוויסן, צי דערפאַר דאַרף ער טריומפירן איבער דעם גוטס?

—איך פאַרשטיי נישט, איך ווייס נאָר, אַז אַנדזשעליגאַ האָט אים ליב, און נישט מיר, — האָט אויסגערופן טאָמאַ.

— דאָס איז, צום באַדויערן, אמת. אָבער איך רעד נישט וועגן אַזאַ ליבע. צי האָט דיר עמעצער געפרעגט אַמאָל, צי דו האָסט ליב אַנדזשעליגען? צי האָט עמעצער געפרעגט אַמאָל אַ הונגעריקן, צי ער האָט ליב ברויט? אַ הונגעריקן דאַרף מען געבן ברויט אָן פרעגעס. פאַרשטיי דאָס, סאַלוואַטאָרע, ראַטעווענדיק אַנדזשעליגען, ראַטעוועסטו זיך. איר וועסטו ראַטעווען בלויז די נשמה, אָבער זיך — סיי די נשמה, סיי דעם גוף. ווי לאַנג ווי מיר האָבן דעם גוף, וועלכן גאָט האָט געשאַפן, באַלעבנדיק אַ שטיקל ליים, דאַרף מען עס אָפּהיטן פון פאַרניכ־טונג, פון אַ פריצייטיקן טויט. „זאָלסט נישט מאָרדן“ באַציט זיך נישט בלויז צום לעבן פון אַנדערע, נאָר אויך צום אייגענעם לעבן. מיין ליבער טאָמאַ, גיב נאָר אַ קוק אויף זיך, ס'איז שוין צייט, זאָלסט אַ קוק געבן אויף זיך. ס'איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט זוכן אַן אַנדער אופן פון לעבן, ווי ביז איצט. ענטפער מיר, וואָס וואָלסטו געוואָלט צום שטאַרקסטן?

— אַרבעט.

— אַ געבענטשט וואָרט. — דער קשיאַנדז האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען.

— ווי ביסטו געקומען צו דעם וואָרט? צו דעם דאָזיקן הייליקן וואָרט, וואָס קויפט אויס אונדזערע זינד?

— אַ סך מענטשן ווילן דאָס זעלבע. איך בין נישט איינער.

— אָרעמע מענטשן, וועמען דער גורל זאָגט אָפּ דאָס, צו וואָס זיי זענען באַשאַפן געוואָרן. אָדער ווען דער גורל טוט אַ קוק אויף דיר, דויערט דאָס בלויז איין אויגנבליק, געדענק, דעם אויגנבליק דאַרף מען נישט דורכלאָזן. טאָמאַ, דער דאָזיקער אויגנבליק קאָן זיך מער נישט איבערחזרן. און דעמלט וועט דאָס גאַנצע לעבן נישט סטאַיען אויף חרטה האָבן. גיי צו פיליפּעלאָן, אָדער גיי נישט.

פון דיר איז עס אָפּהענגיק. דיין גורל האַלטסטו אין די אייגענע הענט. ווילסט אַרבעט, מער גאָרנישט?

— איך ווייס נישט, אפשר אויך רו. אַז קיינער זאָל אויף מיר נישט שפּייען,

— זיין שטים האָט א ציטער געטאָן, — יאָ, לואידזשי, דאָן לואידזשי, אנדזשעלינאַ איז נישט לואיזאַ. זי וועסטו הינטער קיין שלאָס נישט פאַרמאַכן. און דזשיאַני איז נישט אזא, ווי איך. אים וועלן העלפן די קאָמוניסטן. און מיר ווער? פרעצאָ? דו? עס זענען שוין נישט די צייטן, ווען מע האָט געקאָנט פארמאכן הינטער אַ שלאָס. ווען אַפילו פיליפּעלאָ זאָל זי אויף אַן אמת מיר וועלן געבן אין נישט טראכטן וועגן דעם באלעבאטישן זון פון דזשינגא, וועל איך זי נישט וועלן.

— עך, ברודער, פריינד, נאָך וויאַזוי דו וועסט זי וועלן! ווען דו וואָלסט נאָר געווען זיכער, אַז דו וועסט זי באַקומען! אָבער דו האָסט מורא, אַז פיליפּעלאָ וועט דיך אָפּנארן. איך קען דיך. נישט פון הייגט. נאָר אויך דו צווייפלסט, צי פיליפּעלאָ וועט דיר געבן אַנדזשעלינען... ביסט דאָך צוליב דעם צו מיר געקומען. דאָס האָסטו זיך פון מיר געוואָלט דערוויסן. איך ווייס נישט. איך ווייס נישט,

— דאָן לואידזשי האָט צעשפּרייט די הענט. — צי איך וועל באַווייזן אָנקאָרמען אַ טויטהונגעריקן? צי קאָן א דאָקטאָר באַווייזן געזונט מאַכן אַ טויטקראַנקן? איך ווייס נישט. וועגן דעם מוזטו זיך אליין איבערצייגן. דו ביסט נישט קין. דו ביסט דער אומגלויביקער טאָמאַש.

סאַלוואַטאָרע האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט:

— לואידזשי, איך בעט דיך, רעד צו מיר פּשוט. איך בעט דיך, העלף מיר,

— האָט ער שטיל געזאָגט.

— ברודער מיינער, פריינד, גיי, זאָל דיר העלפן דאָן דאָמעניקאָ, — דער קשיאָנדז איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך איינגעבויגן איבער דער שיסל מיט וואַסער. — אָ, וואָס פאַר אַ זינדיקע געדאַנקען איך האָב געהאַט, — האָט ער געשעפּטשעט. — די דערנער האָבן מיך אַריינגעטריבן אויף איין ווילע אין אַן אַמביציע. צו מיר האָט געאיילט מיין ברודער, כאָטש דער וועג פירט דורך ליידן און קרבנות. דורכגעפרעסן פון ספקות, וואַרפסטו אָפּ דעם קרבן. כ'האָב זיך אַריינגעטריבן אין אמביציע. איך האָב געקלערט, אַז איך וועל אָפּראַטעווען די נשמה פון מיין שוועסטער און דעם גורל פון מיין פריינד פון די קינדער-יאָרן. פאַרגיב מיר, קריסטוס!

IV

סאַלוואַטאָרע האָט געטראָפן קיארען זיצנדיק אויף דער שוועל צוזאמען מיט מאַריען און מיט דער מוטער. אַלע דריי האָבן געוואַרט אויף זיין צוריקקומען פון פיליפּעלאָן. ער האָט שוין באַדאַרפט פון לאַנג קומען.

קיאַראַ איז אויפֿגעשטאַנען און זיך אָנגעהויבן געזעגענען, און די מוטער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, כּדי צו צעבלאָזן דאָס אײַנגעלאָשענע פֿײַער אויף דער קיך. דאָס, וואָס קיאַראַ האָט דערציילט, האָט נאָך פֿאַרגרעסערט די שרעק, וועלכע איז געהאָנגען איבער דער שטוב פֿון צוויי וואָכן, פֿון זינט אַנדזשעלינאַ איז אַנטלאָפֿן.

מאַריאַ איז נישט אַרויסגעלאָפֿן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אויף דעם בערגל. יעדן אָוונט האָט זי איבערגעלעבט די פּײַן פֿון וואַרטן. זי האָט געוואַרט אויף קיאַרען, וועלכע פֿלעגט קומען מיט אַ פּנים פֿאַרוויסטלט פֿון פֿרייד. פּיליפּעלאָ איז ווידער געקומען פֿון קראָטאָנע אָן אַנדזשעלינען. אין גאַנץ ראָקאַ די דזאָלפֿאָ האָט בלויז איין מאַריאַ זיך נישט געפֿרייט. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר דער נקמה פֿון פּיליפּעלאָן. פֿאַר וועלכער? קיין וואָל אויף שפּינען גיט ער דאָך סיוויסיי נישט. צווייטנס, האָט זיך דערנענטערט פּאַסכע אָן דער האָפֿענונג צו קריגן עפּעס געלט פֿון דזשיאַנען. מע האָט געזאָגט, אַז די אַרבעטער פֿון מאָנטעקאַטיני האָבן באַקומען אַ סך געלט פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון שטרײַק. איצט וועט דזשיאַני זיכער פֿאַרברענגען דעם יום־טוב אין קראָטאָנע און וועט אַלץ אויסגעבן אויף אַנדזשעלינען. און אין שטוב וועט ער קיין פּרוטה נישט געבן. אָנשטאָט דעם, זי זאָל אים געבן נדן, וועט ער זי אויסהאַלטן. אַזאַ שוועגערין אין אַ משפּחה וואָלט געקאָנט זײַן אַ גליק. אָבער וואָס איז ווערט אַנדזשעלינאַ אָן דעם פֿאָטער? אַזויפֿיל ווי קיאַראַ, ווי זי אַליין. דער צוריקקער פֿון אַנדזשעלינען וואָלט אַראָפּגענומען די דאגות, און אויסער דעם וואָלט ער געקאָנט אַזויפֿיל ענדערן. פּיליפּעלאָ וואָלט זי סוף־כּל־סוף נישט דערהרגעט. און ער וואָלט געמוזט נישט אויף קיין איין זאַך אײַנגייען. דער באַלעבאַטישער זון פֿון דזשינגאַ וועט נישט נעמען קיין מיידל, וועלכע איז באַדעקט מיט חרפּה. אַזאַ טאָכטער האָט היפּש פֿאַרלוירן פֿון דעם פּרײַז. אַזאַ דאַרף מען וואָס שנעלער שטעלן אונטער אַ חופּה. און די חתונה וואָלט דורכגעפֿירט אַנדזשעלינעס ברודער, דער יונגער פּיליפּעלאָ, דאָן לואידזשי. דאָן לואידזשי האָט עטלעכע מאָל געשיקט נאָך סאַלוואַטאָרען, וועלכער האָט נאָך אַנדזשעלינעס אַנטלויפֿן פּלוצעם אָנגעהויבן גיין אין קאָשטשאָל. מאַריאַ האָט קיינמאָל נישט געפֿרעגט דעם ברודער, וואָס עס האָט געוואָלט פֿון אים דער יונגער קשיאַנדז. טאָטאָ איז געווען אַ פֿאַרשלאָסענער אין זיך, ווי דער פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער און ווי דער ברודער דזשיאַני, ווי איבעריקנס זי אַליין, נאָר דאָס, וואָס סאַלוואַטאָרע האָט הײַנט זיך אַליין אָנגעבאָטן אַהיימצוטרײַבן פּיליפּעלאָס שאָף, האָט איר פֿאַרשיכּורט ווי ווײַן. עס וואָלט געווען גענוג, אַז איר ברודער, וועלכער איז נישט געווען קיין קאָמוניסט און איז נישט געווען קיין קרומער, זאָל איבערטרעטן די שוועל פֿון פּיליפּעלאָן, אַז אַלע דאגות זאָלן פֿאַרשווינדן. זי האָט נישט געוווּסט וויאַזוי, אָבער די דרײַ מאַנסלײַט: פּיליפּעלאָ, דאָן לואידזשי און סאַלוואַטאָרע וועלן שוין געפֿינען צוזאַמען אַ מיטל,

ווי אזוי צו ברענגען אנדזשעליגען אהיים. קיארא האָט מיט פארוונדערונג געקוקט אויף מאַריען, וועלכע האָט פלוצעם געכאַפּט דריקן איר די הענט אָדער רוישיק זיך אויסקנאַקן די פינגער.

קיארא האָט זיך שוין געזעגנט צום צווייטן מאָל. און מאַריאַ האָט איר מיט בלישטשענדיקע אויגן געגעבן צייכנס, אז זי זאָל שוין אוועקגיין, ווייל טאָטאָ איז בייז און הונגעריק. ארייַנרוקנדיק דעם קאָפּ דורך דער אָפענער טיר, האָט קיארא נאָכאמאָל יעדן איינעם געוווּנטשן א גוטע נאכט און א רואיקן שלאָף. ווען ס'איז געקומען די ריי אויף סאלוואטאָרען, האָט ער אויף איר קיין קוק נישט געטאָן און נישט געהערט. נאָך נעכטן איז ער אן אנדעריער געווען. ער איז מיט איר געגאַנגען, צוערשט אויסגעפרעגט וואָס און וויאזוי איז פאָרגעקומען אויפן בערגל, געהייסן איר דערציילן גענוי, און שפּעטער זי אוועקגעפירט אין א טונקל ווינקל צווישן דעם טאַטאראַם און קאָשטשיאָל. און הייַנט? זי האָט אים דורכויס געוואָלט פרעגן וועגן עפּעס, אָבער איר קאָפּ איז געווען פוסט, ווי עמעצער זאָל פון איר האָבן אלץ ארויסגעבלאָזן. טאָטאָ איז ווירקלעך געווען בייז.

ווען טאָטאָ איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער זיך גלייך געוואָרפן אויפן געלעגער און צוגעדעקט דאָס פּנים מיטן אָרעם. זי האָט נישט געקאָנט אוועקגיין. דעם גאנצן טאָג האָט זי זיך געפרייט, האָפנדיק אויף דער מינוט. ווען ער זאָל כאָטש וויסן, ווי איר ווילט זיך ווייגען. ווען נישט די אלטע אימאַקאָלאטא, וואָלט זי זיך אוועקגעלייגט לעבן אים. אָבער פאר מאריען האָט זי נאָך מער מורא געהאַט. זי האָט געקוקט אויף איר מיט פּאַרדרוס, ווען זי האָט זי לייכט ארויסגעשטופּט איבער דער שוועל. מאריא האָט געוווּנקען צו איר, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער גאַס, ווי עס זאָל זיך דאָרט געפינען עפּעס א סוד, וואָס רופט זי און קאָן נישט וואַרטן. זאָל זי בלויז אויף א ווילע ארויסגיין. זאָל זי אים נאָר לאָזן אָפּעסן. מאַריאַ וועט אים דערנאָך אליין ארויסשיקן צו איר. קיארא האָט אומצופרידנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער זי האָט דאָך געגלויבט: אפשר איז דאָס אמת.

סאלוואַטאָרע האָט נישט געוואָלט עסן. אימאַקאָלאַטא האָט אָפּגערוקט דעם אייזערנעם טאָפּ און פארדושעט דאָס פייער. אין שטוב איז געוואָרן פינצטער. קיארא האָט פארשטאנען, אז ס'איז שוין אלץ פארפאלן. סאלוואַטאָרען האָט מען שוין אפילו נישט געקאָנט זען אויף דעם שווארצן געלעגער. זי האָט זיך שוין נישט געזעגנט און אוועקגעגאנגען נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

מאַריאַ האָט אַוועקגעשטעלט דעם טאָפּ אויפן בענקל לעבן ברודער. זי האָט אים פאָרגעלייגט עסן, ווייל עס וועט קאלט ווערן, און אויב ער וויל נישט איצט, וועט זי שפּעטער נאָכאמאָל צעלייגן א פייער. טאָטאָ האָט זיך אויפגעזעצט, א קוק געטאָן אין דער פינצטערער עפענונג פון דער טיר, גענומען דעם לעפל און אָנגעהויבן קייען די אויפגעפּוישטע קערנער פון אָפּגעקאָכטן ווייץ. ער האָט

דערפילט מאַריעס האַנט אויף זייַנע האָר. זי האָט מיט שטילע רייד אים איינגערעדט, ער זאָל עסן. ער האָט גוט געוווסט, אין וואָס איר גייט. פון איר גוטסקייט איז אים אַזש קאַלט געוואָרן.

די מוטער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער. זי האָט שטיל אונטערגעקרעכצט, ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

— פיליפּעלאָ האָט דיר געדאַנקט פאַר די שאָף? — האָט זי געפרעגט.

סאַלוואַטאָרע האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ וואַרף געטאָן דעם קעפל און גענומען זוכן אין די קעשענעס טאַבאַק. מאַריאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַוועקגעלאָפן אין דער פינצטערער טיף פון שטוב. עס האָט אַ סקריפּ געטאָן די דעק פון קאַסטן. זי האָט זיך אומגעקערט, אַרייַנרוקנדיק אין האַנט פון ברודער אַ פּאַפּיראָס. זי האָט פון צייט צו צייט געקויפט ביי לעליאָן דעם קרעמער עטלעכע „נאַציאָנאַלע“, כדי צו קאָנען געבן סאַלוואַטאָרען, ווען עס וועט אים אויספעלן טאַבאַק. טאָטאָ האָט שטאַרק פאַרצויגן. דאָס גליענדיקע פייערל פון פּאַפּיראָס האָט געוואָרפן אַ רויטלעך ליכט אויף זייַנע זוינגדיקע ליפּן און דינע נאָזדרעס. טאָטאָס פּנים האָט אַלעמאָל זיך געענדערט: אָט האָט ער זיך צעשמייכלט, אָט האָט ער ווידער צונויפגעצויגן די ברעמען און זיך פאַרכמורעט.

—מאָרגן גיי איך אין שטאָט, — האָט מאַריאַ געזאָגט, — כ'האָב צונויפגענומען אַ ביסל אייער. מ'ע דאַרף האָבן געלט אויף פּאַסכע. איך וועל אַרייַנגיין צו דזשיאַנין. אפשר וועסטו זיך אויך אויסקלייבן.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— איך בין טשעקאַווע, ווי איז דאָרט מיט אַנדזשעליִנען.

טאָטאָ האָט אָפּגעטרייסלט דעם אַש, אַ רייב געטאָן זיך מיט דער האַנט דעם שטערן, אָפּגעזיפצט און אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. די שוועסטער האָט אים פאַרהאַלטן.

— טאָטאָ מייַנער, מיט וועמען קאָנסטו דערפון רעדן, אויב נישט מיט מיר? מאַריאַ האָט אים גענומען פאַרן אָרעם. — צי האָסטו געזען פיליפּעלאָן? אויב דו ווילסט, וועל איך דיר העלפן.

סאַלוואַטאָרע האָט אַרויסגעריסן דעם אָרעם, האָט אַ סיקע געטאָן דורך די ציין, אַ שטויס געטאָן אויפן וועג דאָס בענקל, אויף וועלכן עס האָט זיך צעטאַנצט דער אייזערנער טאָפּ, און איז אַרויסגעגאַנגען.

מאַריאַ איז אים נאָכגעלאָפן.

— גיי, גיי, טאָטאָ, דאָרט וואַרט שוין קיאַראַ אויף דיר הינטערן ראָג. האָב חתונה מיט דער יאַלעווקע. זי איז פּונקט פאַר דיר. בעטלער!

סאַלוואַטאָרע האָט אַרייַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס און אַרייַנגעצויגן דעם האַלדז. מאַריאַ איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און, שעלטנדיק

אין דער שטיל, אים באַגלייט מיטן בליק. פּלוצעם האָט זי ברייט צעעפֿנט די אויגן. סאַלוואַטאָרע איז אַרונטער אונטער דער ווערלבונג פֿון געסל, וואָס פֿירט צום הויף, וווּ עס וווינט דער סערזשאַנט פֿון די קאַראַביניערן, פּרעצאַ.

V

סאַלוואַטאָרע האָט זיך איינגעקוקט אין טונקעלן פֿענצטער, אויף וועלכן עס האָט געציטערט דער אָפּשיין פֿון איינגעהייצטן אייוועלע. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און אַריינגעקוקט אינעווייניק. פֿיליפּעלאָ איז שוין געקומען. ער איז געזעסן אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום פֿענצטער. דער קאַראַביניער פּרעצאַ האָט ווי שטענדיק געטראָגן צעכראַסטעט די העמד און, האַלטנדיק די האַנט אין דער פּאַזוכע, געקנאָטן זיין פֿעטע ברוסט. זאָלן זיי צוואַרטן. דורך דער דראַטענער נעץ קעגן קאָמאַרן האָט סאַלוואַטאָרע דערהערט זיין נאָמען. מע האָט גערעדט וועגן אים קריגנדיק זיך. דער סערזשאַנט און פֿיליפּעלאָ האָבן זיך קעגנזייטיק נישט ליב געהאַט. דער פֿאָטער פֿון אַנדזשעליגען האָט הויך געשריגן, און פּרעצאַ האָט אים איינגעשטילט, פֿאַרקרימענדיק דערביי דאָס מויל. דער קאַראַביניער ווייסט, אַז מע הערט זיך אונטער. פֿיליפּעלאָ האָט איבערגעחזרט אין דער שטיל דאָס זעלבע, וואָס ער האָט פֿריער געזאָגט אין דער הויך, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין ווידער געשריגן און געזעצט מיט דער פּויסט אין טיש.

— פּאָליציי! דאָס דאַרף הייסן פּאָליציי, איטאַליענישע פּאָליציי! — האָט ער זיך געשטיקט פֿון כּעס. — ווי שעמט איר זיך נישט! ווי שעמט איר זיך נישט!

— עס זענען פֿאַראַן ערגערע דאגות פֿון אייערע, — האָט שטיל געזאָגט דער קאַראַביניער. דאָס לאָזט שוין איבער פֿאַר מיר.

— דאָס לאָזט שוין איבער פֿאַר מיר. דאָס לאָזט שוין איבער פֿאַר מיר. איך הער דאָס שוין פֿון צוויי וואָכן יעדן טאָג. איך בין שוין צו געלעכטער פֿאַר די ווייבער. אַפֿילו די ווייבער קאָנסטו נישט צעיאָגן. פֿאַרוואָס צאָלן מיר אייך? און דערצו ווער ווייסט, צי דער דאָזיקער שלעפּער וועט גאָר קומען.

ביידע האָבן אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פֿון דער טיר. זיי זענען שטיל געבליבן פֿון דערוואַרטונג און פֿאַרזיכטיקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ טראַסקע פֿון טרוקענע צווייגן. צי איז ראָזאַליאַ נישט געווען?

פּרעצאַ האָט אַרויסגענומען אַ פֿריש פּעקל פּאַפּיראָסן, אויפֿגעעפֿנט עס און אַ שנעל געטאָן פֿון אונטן מיטן פֿינגער. ער האָט פֿאָרגעלייגט פֿיליפּעלאָן, אָבער יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. דער קאַראַביניער האָט אַליין.

פאר־ויכערט. מיט זעלבן שװעבעלע האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט, װאָס האָט געשטעקט אין א פלעשל פון װײַן.

— ער װעט קומען, איך קען אים. נאָר צעפּלאָשעט אים נישט מיט נישט קיין גײַטיק װאָרט. אים דאַרף מען נעמען מיט גוטסקייט, מילד, װי א קאַץ. ער איז פול מיט פאַרדאַכט, װי א קאַץ.

װו קאָן איצט זיין ראָזאַליאַ? אויב דער קאַראַביניער האָט זי ערגעץ געשיקט, קאָן זי זיך אומקערן יעדע מינוט און אים טרעפן אונטערן פענצטער. פּיליפּעלאָ האָט געשװיגן און געפּויקט מיט די פינגער איבערן טיש.

— איך װייס, װאָס איך זאָג, — האָט זיך אָפּגערופן נאָכאַמאָל פּרעצאָ. — א הונגעריקער איז װייך, װי א שמאַטע, מע קאָן מיט אים אַלץ מאַכן. מע דאַרף נאָר אים א בלאָז טאָן אין פּנים מיט א געשמאַקן ריח. אַנדזשעלינאַ, דאָס איז א געשמאַקער ביסן. סיי א בעט, סיי א גדן.

— דו װעסט עס זאָגן, נישט איך! — האָט אויפגעברויזט פּיליפּעלאָ.

— און איך װאָלט זי אים געגעבן, — פּרעצאָ האָט זיך קורץ צעלאַכט.

פּיליפּעלאָ האָט א װאָרטשע געטאָן, װי אַן אַלטער הונט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט נידעריק דעם קאָפּ, אַזוי אַז מע האָט אים נישט אַרויסגעזען פון הינטער די ברייטע פּלייצעס. זיינע הענט זענען געבליבן ליגן שװער אויפן טיש. עס איז אַנטשטאַנען א שטילשװייגן. פּרעצאָ האָט אויסגעצויגן די פיס פאָרויס און פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט צום סופיט געדיכטע קנוילן רויך.

זיי האָבן װידער א קוק געטאָן אין דער זייט פון דער טיר. — אַריינגיין, צי ניין? — סאַלװאַטאָרע האָט זיך נאָך מער צונויפגעשרומפּן. ער האָט צוגעדריקט די פאַרקלעמטע פויסט צום מויל און דערפילט א װייטיק אין די הענט פון די געפּלאַצטע װוּנדן אונטער דעם פאַרטרוקנטן בלוט. דאָן לואידזשי האָט זיך מיט זיי צונויפגערעדט. אין דרייען פאַרװאָרפן זיי אויף אים דעם שטריק. ער האָט נישט געפילט, װען די דערנער האָבן אים צעריסן די הענט אויף דעם שיפּוע פון פּראַגאַלאַ. ער האָט זיך געאיילט צום קשיאָנדז. סאַלװאַטאָרע האָט פאַרביסן די ליפּן. ער האָט א ציטער געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז הינטערדער װאַנט האָט א שװינדל געטאָן דאָס לאַנגגעצויגענע געזיכט פון קליינעם מאַטעאָ. די הענט זענען אים געװאָרן קלעפּיק פון שװייס. ער האָט פּלוצעם אויפגעשװידערט און געװאָלט אָפּשפּרינגען פון פענצטער. אָבער גלייך האָט ער אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג, פאַרמאַכנדיק די אויגן. דאָס איז די קאַץ, מיט װעלכער עס האָט זיך געװיינלעך געשפּילט דער קליינער לאָרענצאָ. איצט זעט זי אויס שװאַרץ, אָבער בייטאָג, איז זי א געלבלעך־רויטע. זי האָט זיך עס א רייב געטאָן אין זיינע הויזן. גלייך האָט זי א שפּרונג געטאָן אויף דער שװעל און אָנגעהויבן שטיל צו מיאוקען און קראַצן אין טיר. זי האָט געבעטן, מע זאָל זי אַריינלאָזן. שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן רופן אַלץ העכער, איבעררייסנדיק יעדע

רגע, כדי צו געבן די מענטשן צייט זיך צו פארטראכטן. ענדלעך איז זי איבערגעגאנגען אין א יללה.

— לאָז אריין די קאץ, האָט זיך אָנגערופן ראָזאליא.

זי ליגט אלזאָ אין אלקער אויפן בעט און איז אין ערגעץ נישט ארויסגעגאנגען. אָבער זי שלאָפט נאָך נישט. — האָט זיך סאלוואטאָרע דערפרייט. אין א ווײלע וועט ארויסגיין פרעצאָ.

טאָמאָ האָט זיך דורכגעגנבעט צום פענצטער. אין ראָקא די דזאָלפאָ זענען די טירן נאָענט פון די פענצטער. ער איז פארלאָפן דעם קאראביניער. פרעצאָ איז שוין אויפגעשטאנען פון טיש. טאָמאָ האָט א דריק געטאָן אויף דער קאלטער קליאמקע. ער האָט דורכגעלאָזט די קאץ און אליין אויך אדורך די שטיינערנע שוועל. ער האָט זיך פארהאלטן, ווי ער זאָל דארפן עפענען נאָך א טיר. פרעצאָ האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אויף דער שטול, געמאכט מיט דער האנט א ברייטן האלב־קרייז און א קלאפ געטאָן מיט דער פלאך פון דער דלאָניע אין טיש. דאָס איז געווען אן איינלאדונג. פיליפעלאָ האָט א קוק געטאָן דורכן אקסל, ווייזנדיק סאלוואטאָרען נאָר א העלפט פון זיין גראָבן געזיכט. ביידע האָבן אים צוגעוואָרפן ווערטער, ווי א געשמאקן ביסן פאר א קאץ, וואָס מע וויל כאפן. סאלוואטאָרע האָט פארבאהאלטן די הענט אויף הינטן און געשמייכלט. דאָס מיידל אין געאפאָל האָט אים צוגעוואָרפן א פאָמעראנץ און האָט דערפאר גאָרנישט נישט געוואָלט. זי האָט אים צוגעוואָרפן גלייך אין די הענט, ער האָט זיך אפילו פון אָרט נישט גערירט. סאלוואטאָרע האָט געשמייכלט פון פארוואונדערונג, וואָס ער דערנענטערט זיך צום טיש, וואָס ער האָט א דריק געטאָן די קליאמקע, וואָס ער איז אריינגעגאנגען. דאָס אלץ איז אים אָנגעקומען אזוי לייכט. ער האָט א קוק געטאָן צום אלקער, וו עס זענען געלעגן ראָזאליא מיט לאָרענצאָ. די פינצטערע פארטיפונג אין וואנט האָט צוגעוואונקען, ווי א פוסט אויג צו א טאנצנדיק פלעמל פון א ליכט. עס האָט צוגעוואונקען אויף פרעצאָן, וועלכער האָט אָנגעגאָסן ווײן אין א פאָרצעלייענעם טעפעלע, עס האָט צוגעוואונקען פיליפעלאָן, וועלכער איז געזעסן צעלייגט ביים־טיש.

סאלוואטאָרע האָט פארבאהאלטן די הענט. פרעצאָ האָט א זעץ געטאָן מיט דער האנט אין קני, ווי אין א קישן. פיליפעלאָ האָט ארויסגעצויגן פון א צעריסן שאכטל א פאפיראָס. פרעצאָ האָט איינגעבויגן דאָס פלעשל מיטן ליכט. דאָס ליכט האָט א טריף געטאָן מיט א שווערן טראָפן אויפן בלאט פון טיש און פיליפעלאָ האָט הויך א פיפקע געטאָן, ווי מיט א ליולקע. דעם קאראביניער האָבן זיך געטרייסלט די גלאטע געלבלעכע הענט. ביי אנדזשעליגעס פאָטער זענען געפלויגן די שמאָלע אויגן. דאָס גראָבע געזיכט פון פאָטער איז נישט געווען ענלעך צום דארן געזיכט פון זון, אָבער סאלוואטאָרען האָט זיך דערמאָנט דאָן לואידזשי, אן איינגעבויגענער איבער דער שיסל מיט וואסער.

פרעצאָ האָט געערדט שנעל. אנדזשעליגעם פאָטער האָט נישט געהאט נישט קיין געדולד, נישט קיין צייט. ער האָט אַלץ געגעבן צייכנס מיט די אויגן. ער האָט אונטערגעטריבן דעם קאַראַביניער, ווי ער זאָל זיין א מויליייזל. סאַלוואַטאָרע האָט פארמאכט די אויגן און שטארק פארקלעמט די ברעמען, ווי א מענטש, וואָס וועקט זיך פון שלאָף. דער קאראביניער האָט געערדט פון אנדזשעליגען. דער סערזשאנט האָט באדויערט, וואָס זיין פרוי שלאָפט שוין, ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער. ראָזאליא וואָלט געקענט עדות זאָגן, ווי אָפט ער טראכט וועגן דער צוקונפט פון סאלוואטאָרען. יונג, געזונט, שיין, — ער וואָלט געקאָנט גוט חתונה האָבן. בלויז פון אים איז עס אָפּהענגיק, עס זאָל נעמען א סוף צו דעם ארומשלעפּן זיך און צו דער ארבעטלאָזיקייט. בלויז איין מאָל אין לעבן קאָן זיך טרעפן אזא גליק, איין מאָל אין לעבן טרעפט זיך א מעגלעכקייט ארויסצובאקומען זיך פון דער אָרעמקייט, ווי פון א זומפּ. אויב ער וועט אין דער צייט נישט אָנכאפּן די האנט, וועט ער פאמעלעך, פאמעלעך פארזונקען און קיינער וועט אפילו קיין פּיפּס נישט טאָן. טויזנטער, ווי ער, גייען אלע טאָג אראָפּ צום דנאָ שווייגנדיק. וואָרעם צו וואָס קאָן דען העלפן דאָס געשריי? צי האָט סאלוואטאָרעס פאָטער, וועלכן עס האָט אויפגעפרעסן דער שוועבל — געשריגן? אויך נישט. און דער פאָטער פון פאָטער? — און אזוי אויף צוריק, פון זינט די וועלט איז באשאפן געוואָרן. ווי זאָגט לואידזשי אין קאָשטשיאָל, אזא איז דער אייביקער גאנג פון דער געשיכטע, וועלכע פליסט ווי וואסער אין דער בידער שוין יאָרהונדערטער, פון דער צייט פון דער ערשטער זינד. דאָס גייט איבער פון פאָטער צום זון, פון פאָטער צום זון, און קיין שום געשריי וועט נישט העלפן. דאָס איז אזוי שרעקלעך, ווי מע וואָלט געקלערט וועגן גיהנום. הייליקער גאָט! אזא פאמעלעכדיק שטארבן! ס'איז גענוג זיך צוצוקוקן צו די פּנימער פון די דאָזיקע מענטשן, פון די מענער, פרויען און קינדער. — טפו! — דער קאראביניער האָט א שפּיי געטאָן אין דער זייט. — זאָל זיך ראטעווען, ווער עס קאָן נאָר!

— אך, הייליקע מאַריאַ! -- האָט אויסגערופן פיליפּעלאָ. די אויגן זענען אים געלאָפן צעשראָקענע.

—אין דו ביסט דאָך נישט קיין קאָמוניסט, סאַלוואַטאָרע. די זון האָט צו דיר א שמייכל געטאָן, — דער קאראביניער האָט א ביי געטאָן מיטן קאָפּ אין דער זייט פון פיליפּעלאָן, — אמת, צי נישט?

פיליפּעלאָ האָט נאָך אלץ געהאט שרעק אין די אויגן. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און פאנאנדערגעשפּרייט די הענט. עס האָט געקענט באדייטן: נו, אפשר יאָ. אָבער אין א ווײַלע ארום האָט ער חרטה געהאט. פּלוצעם האָט ער א ברום געטאָן:

— זיכער.

— ווייסט, סאַלוואַטאָרע, דו ביסט מיר נישט קיין ברודער, נישט קיין נאָענטער, נישט קיין קרוב, איז וואָס כלומרשט גייט עס מיך אָן דאָס אַלץ? אַזוי קלערסטו — נישט אמת? וואָס גיי איך אָן דעם דאָזיקן פּאָליציאַנט? ער מוז האָבן דערביי עפּעס אַן אינטערעס. ריכטיק? — המ, — דער קאַראַביניער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל. — מעגלעך... אָבער צי האָסטו אַ קלער געטאָן: וואָס גייען אָן דאָן לואידזשין נישט איין סאַלוואַטאָרע, נאָר הונדערטער הונגעריקע און אַרבעטסלאָזע? ער באַגערט זייער גוטס, נישט האָבנדיק דערביי קיין שום פּערזענלעכן אינטערעס. אמת? צי נישט אמת? וואָס וויל דאָן לואידזשי פאַר זיך? גאָרנישט. ער וויל בלויז אײַנהיטן די אָרעמע פאַר זינד. דאָס איז זיין פּראָפעסיע. נו, און אָרעמקייט מיט זינד זענען ברידער — דאָס איז באַוויזן. די קשיאָנדזן ווילן אויסהיטן די נשמה, און איך האָב ווייניקער הייליקע הענט, איך בין זיך מודה, איך וויל אויסהיטן דעם גוף... זעסט, מיר טיילן זיך איין אויף אַזאַ אופן. אָבער אויסהיטן די נשמה קאָן מען מאַסנווייז, דאָס קאָסט גאָרנישט, פאַרן גוף אָבער דאַרף מען צאָלן. דערפאַר קאָן איך אָפּראַטעווען אײנעם, העכסטנס צוויי. פאַרשטייסט? דאָס איז מיין פאַך. שאַדט נישט, איך באַליידיק זיך נישט. איך פּרוּוו איין מאָל, אַ צווייט מאָל, ביז...

— דער געשמאַקער ביסן נעמט, — סאַלוואַטאָרע האָט אַ וויש געטאָן מיט דער פייכטער האַנט דעם הייסן שטערן.

דער קאַראַביניער האָט צונויפגעצויגן די דינע ברעמען. ער האָט דערזען אויף די הענט פון סאַלוואַטאָרען די רויטע ראַצן:

— אַ געשמאַקער ביסן? האָסט אַ שלעכטן זכרון, ברודער, האָסט זיך אַליין אָנגעבאָטן, — פּרעצאָ, איינגאַנצן אַ רויט־געלער אין שיין פון ליכט, האָט אַ שמייכל געטאָן. — דו מיינסט, אַז אַלע זעען בלויז דיך איינעם, אַז אַלע פאַרוואָרפן אויף דיר נעצן, ווי קיינער זאָל שוין גאָר קיין שום אַנדערע דאגות נישט האָבן. צי געדענקסטו, ווי דו האָסט געוואָלט גיין אָנשטאָט ראָזאַליען צו פיליפּעלאָן נאָך וואָל, צו געדענקסטו, ווי איך האָב אין דיין נאָמען איר איבערגעשיקט אַ גרוס, און דו האָסט געשוויגן, ווייל דו האָסט עס צום שטאַרקסטן באַגערט.

— איך געדענק, — האָט געענטפערט סאַלוואַטאָרע, — נו איז וואָס?

פיליפּעלאָ האָט אָנגעהויבן הויך צו פּויקן מיט די פינגער איבערן טיש. פּרעצאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף סאַלוואַטאָרען פון דער זייט מיט מידע אויגן. דערנאָך האָט ער איבערגעוואָרפן דעם בליק אויף פיליפּעלאָן. אָבער פיליפּעלאָ האָט געשוויגן. דער קאַראַביניער האָט אים אַ שטויס געטאָן אין קני אונטערן טיש. פיליפּעלאָ האָט אַראָפּגעלאָזט די ווינקלען פון מויל און געשוויגן. דער קאַראַביניער האָט דעריבער געזאָגט:

— נו, איז גאָרנישט.

דעמלט האָט פיליפּעלאָ אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש:

— פאַרוואָס גאָרנישט? פאַרוואָס גאָרנישט? נישט צוליב דעם בין איך דאָ אַהער געקומען!

— ווירקלעך, דאָן פּיליפּעלאָ. זאָגט, צוליב וואָס זענט איר דאָ אַהער געקומען, צוליב וואָס האָט איר פאַרבעטן דעם דאָזיקן יונגן מענטשן. איך האָב זיך שוין אַזויפיל אָנגערעדט, איצט איז אייער ריי, — דער קאַראַבינער האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול, אויסצייענדיק די פיס אויף פאָרויס.

— איך זאָל נאָך רעדן? — פּיליפּעלאָ האָט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ,

— איך זאָל נאָך רעדן? ווייניק וואָס מיר האָט געטראָפן אזא אומגליק?

דער קאַראַביניער האָט עטלעכע מאָל א בלינצל געטאָן מיט זיינע טונקעלע בלישטשענדיקע ברעמען, איינגעאָטעמט אין זיך לופט און א שטאַרקן בלאָז געטאָן.

— סאַלוואַטאָרע, — פרעצאָס שטים איז געוואָרן ווייך, — זאָג דעם פאָטער פון אַנדזשעלינען, צי דיר געפעלט זיין טאָכטער.

טאָטאָ איז בלאַס געוואָרן, אונטער די אויגן האָט ער דערפילט א קאַלטע פייכטקייט פון שווייס. ער האָט געקוקט אין טונקעלן וויין און געשוויגן.

— זאָג, טאָטאָ „מיאָ“, — דאָס קול פון קאַראַביניער איז דערגאַנגען ווי פון אַלקער, א מילדס און געדעמפטס, — זאָג, טאָטאָ, צי אַנדזשעלינא געפעלט דיר?

— איך ווייס נישט.

— וואָס הייסט דאָס? ביסט א קשיאָנדז, צי דו האָסט גאָרנישט אין די הויזן, וואָס דו ווייסט נישט? — פרעצאָ האָט א זעץ געטאָן מיט דער פויסט. א שוואַרץ שפּיגעלע האָט זיך א צעוויג געטאָן אין פאָרצעלייענעם טעפּעלע. טאָטאָ האָט אויפגעהויבן די אויגן. דאָס האַרץ האָט זיך אים פּלוצעם אויסגעברייטערט. ער האָט ווי דערפילט א כעס און א פרייד גלייכצייטיק.

— אַנדזשעלינא האָט ליב דזשיאַני, — האָט ער געזאָגט, כאַפּנדיק לופט,

— אַנדזשעלינא וועט זיין זיין ווייב.

— מיין טאָכטער די ווייב פון דעם דאָזיקן שלעפּער, פון דעם דאָזיקן קרומען שלעפּער. אך, אך, ווו איז מיין באַלעבאַטישער איידעם?! — פּיליפּעלאָ האָט זיך צעפּאָכעט מיט די הענט און פּלוצעם טויב זיך צעלאַכט. — אך, אך, דו הערסט, פרעצאָ. איך וועל זי שוין זיכער דערשטיקן. א, „סאַנטא קיאַראַ“! וואָס זאָל איך אָנהייבן צו טאָן, אזא אומגליק?

— גיט אַנדזשעלינען סאַלוואַטאָרען פאַר א ווייב, — פרעצאָ האָט אקצענטירט יעדעם וואָרט, — זאָגט דאָס אים אליין, כל־זמן ס'איז נאָך צייט.

פּיליפּעלאָ האָט אויפגעהערט צו קרעכצן. ער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם קאַראַביניער. פרעצאָ האָט לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט צוויי פינגער א זעץ געטאָן איבערן טיש. פּיליפּעלאָ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— גוט, — האָט ער ארויסגעשטאַמלט, — סאַלוואַטאָרע, דו האָסט געהערט, וואָס פרעצאָ האָט דיר געזאָגט? גוט. דו באַקום נאָר ארויס, ווו זי באהאלט זיך. דו הערסט? ווו דזשיאַני באהאלט זי אויס. דיר, ווי א ברודער, וועט דאָס אָנקומען לייכטער פון מיר. וואָס פאַר א ווערט האָט דאָס ביי דיר? דאָס איז פאר דיר, פונקט ווי א שפּיי־טאָן. און מיך אין דעם באַראַק, ווו דזשיאַני וווינט, קען מען שוין. און מע שווייגט. מע וויל מיר גאָרנישט זאָגן. מע לאכט פון אַן אומגליקלעכן טאטן. איך האָב זיי צוגעזאָגט א באראן אויף פאסכע. איך וועל דעם באראן געבן דיר — און נאָך מער פון א באראן. און פאר דיר איז דאָס ווי א שפּיי טאָן. איטאליענישע פּאָליציי! אפילו קיין מיידל קאָן זי נישט אויסגעפינען.

דער דאָזיקער סערזשאנט, — פיליפּעלאָ האָט מיטן גראָבן פינגער אָנגעוויזן אויף פרעצאָן, — האָט מיר, פיליפּעלאָן, געוואָלט איינרעדן, אז אנדזשעלינא איז נישט אין קראָטאָנע. און איך, כאָטש איך בין נישט קיין פּאָליציאנט און נישט קיין קאראביניער, זאָג: אנדזשעלינא איז אין קראָטאָנע. זי באהאלט זיך אויס ביי דזשיאַנים קאָמוניסטן. כל זמן עס איז געווען דער שטרייק — אויף מיין אומגליק האָט אקוראט דעמאלט געמוזט זיין דער שטרייק — זענען די ארבעטער געזעסן אלע צוזאמען, זיי האָבן זיך צונויפגעזאמלט אין די שטיבער, אָדער דאָרט ערגעץ אין זייער גאָרע, און אנדזשעלינא איז כסדר געווען מיט זיי, צוזאמען מיט דזשיאַנין. און שפּעטער, ווען זיי האָבן געוווּנען דעם שטרייק, איז דזשיאַני אָפט נאָך דער ארבעט אהיים נישט געקומען, ווייל ער האָט אנדזשעלינען אין שטוב נישט געהאלטן. ער פלעגט זיך נישט אומקערן אויף נאכט. איז ווי הייסט דאָס — אז אנדזשעלינא איז נישטאָ אין קראָטאָנע? — פיליפּעלאָ האָט אָנגעבלאָזן א ליפּ, אויסקרומענדיק זי אין א פּאָדקאָווע. ער האָט פון אונטער די געדיכטע ברעמען געקוקט אויף דעם קאראביניער. — זאָגסטו, אז אנדזשעלינא איז נישטאָ אין קראָטאָנע?

פרעצאָ האָט געשוויגן.

— איצט שווייגסטו? אָ, גאָט, איך וועל דאָס נישט איבערלעבן! — פיליפּעלאָ האָט אָנגעהויבן גלעטן סאלוואטאָרען איבער דער פּלייצע. — שיינער, גוטער זון, העלף, העלף מיר, איך בעט דיך, איך וועל דאָס נישט איבערלעבן.

— וואָס קאָן איך טאָן? — האָט זיך אָנגערופן סאלוואטאָרע.

פיליפּעלאָ איז אויפגעשפּרונגען, גענומען אין זיינע הענט דעם קאָפּ פון סאלוואטאָרען און צוגעדריקט צו אים די ליפּן:

— א, זון מיינער, א סך, א סך, א סך! ווען דו וואָלסט נאָר געוואָלט.

סאלוואטאָרע האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט. פיליפּעלאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט און פארפלעכטנדיק די הענט איבערגעחזרט:

— אַ סך, א סך, א סך! — פלוצעם האָט ער זיך באַרואיקט. — פארשטייט זיך, אז נישט אליין. איך וועל דיר העלפן. פרעצאָ... ער, — האָט ער זיך פאר-

קרומט, — עס וועט דיר צוהעלפֿן א גרעסערער פֿון אים, אויב דו וועסט נאָר וועלן. אין קראַטאָגע גופא. פֿארשטייסט? ליגסט גאָרנישט צו. דאָס איז פֿאר דיר אזוי לייכט, דו ליגסט גאָרנישט צו, און קאָנסט נאָר געווינען.

— וואָס קאָן מען ביי אייך, אלטע, געווינען? — האָט זיך קורץ צעלאכט פֿרעצאָ. פֿיליפֿעלאָ איז שטיל געבליבן. ער האָט זיינע צעלאָפּעטע אויגן אָפּגע־שטעלט אויפֿן פּנים פֿון קאראביניער. דער סערזשאַנט האָט זיך צעשמייכלט. פֿיליפֿעלאָ האָט אים א שטויס געטאָן אונטערן טיש אין די קני. פֿרעצאָ האָט שטיל א פֿייף געטאָן:

— פֿי, אָ, איר אלטע, ווי גאריש איר זענט. פֿארוואָס זאָגט איר נישט, דאָן פֿיליפֿעלאָ, וואָס ער וועט ביי אייך געווינען? סאלוואטאָרע האָט רעכט צו וויסן. איך בין שטענדיק אויף דער זייט פֿון דעם, וואָס האָט רעכט. אזא בין איך שוין, דאָן פֿיליפֿעלאָ. אויסער דעם, ווייסט איר דאָך אליין, אז מיט אייער טאָכטער וועט איר שוין קיין גרויסע געשעפֿטן נישט מאכן. וועגן דעם באלעבאטישן איי־דעם פֿון דזשינגא מעגט איר פֿארגעסן. און וועלכער אנדערער באלעבאטישער זון וועט אייך איצט וועלן פֿאר א שווער, אלטער נארישער פֿיליפֿעלאָ! און סאל־וואטאָרע, יאָ. גיט אים אנדזשעלינען. זאָגט, אז איר וועט אים געבן אנדזשעלינען.

— גוט, איך וועל זי אים געבן, — פֿיליפֿעלאָ האָט פֿארפֿלאָכטן די הענט און זיי אוועקגעלייגט אויפֿן טיש, — אָבער פֿריער דארף מען זי אָפּגעפֿינען און צונעמען ביי דזשיאנין. פֿון דעם דארף מען אָנהייבן. אפשר נישט, סאלוואטאָרע? אפשר נישט, פֿרעצאָ?

— אך, — האָט זיך צעלאַכט דער סערזשאַנט, — דאָ וועט אייך שוין העלפֿן א גרעסערער פֿון מיר. איך זאָג ריכטיק, סאלוואטאָרע. אפשר נישט, פֿיליפֿעלאָ?

פֿיליפֿעלאָ האָט זיך אָנגעשפּארט מיט די עלנבויגנס אין טיש און דעם קאָפּ אוועקגעלייגט אויף די הענט:

— אן אומגליק, אן אומגליק, — האָט ער געקרעכצט, — הער, סאלוואַ־טאָרע, איך וועל דיר געבן אנדזשעלינען, אָבער פֿריער באַקום אַרויס, ווו זי באַ־האלט זיך. פֿריער געפֿין זי מיר.

טאָמאָ האָט געפֿירט מיטן פֿינגער איבערן ראנד פֿון פּאָרצעלייענעם טעפּעלע.

— ער, סאַלוואַטאָרע, פֿונוואַנען האָסטו אַזעלכע צעדראַפּעטע הענט? — האָט אויסגערופֿן פֿרעצאָ און ער האָט מיט די אויגן א זוך געטאָן די קאץ, וועלכע איז געלעגן ביי דעם אויסלעשנדיקן זיך פֿייער.

— זון מיינער, געפֿין מיר אנדזשעלינען...

— דאָן פֿיליפֿעלאָ, דאָן פֿיליפֿעלאָ, איר זוכט א נאר, — האָט סאלוואטאָרע געזאָגט.

— איך זוך? — האָט אויסגעשריגן פּיליפּעלאָ, — איך זוך? און ווער איז געגאַנגען אין קאַשטשיאַל, כּדי צו רעדן וועגן אַנדזשעליִנען מיט מיין דאָן לואידזשין? ווער האָט היינט מיינע שאָף אין שטאַל אריין פאַרטריבן, כּדי מיט מיר זיך צו זען? דו מיינסט, אז נאָר דו ביסט אַ קלוגער, און אַנדערע זענען נאַראָנים. און צוואָס ביסטו געקומען אהער? אויב דו האָסט נישט געוואָלט, האָסטו געקאָנט נישט קומען. קיינער האָט דיך מיט קיין שטריק נישט געצווינגען. איך וועל זיך געבן אן עצה אויך אָן דיר און אויך אָן פרעצאָן!

— טס, — האָט אַ סיקע געטאָן דער קאַראַביניער, — שטילער, דאָן פּיליפּעלאָ, איר וועט מיר אויפוועקן די פרוי מיטן קינד.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ קוק געטאָן אין דער זייט פון אַלקער. ראָזאַליאַ האָט אַ זיפץ געטאָן. זי איז נישט געשלאָפן.

— ווער האָט דיר אַזוי די הענט צעדראַפּעט? — האָט גאַכאַמאָל געפרעגט דער קאַראַביניער, — אַ קאַץ צי אַ מיידל? קיאַ־אַ? — פרעצאָ האָט זיך צעלאַכט.

סאַלוואַטאָרע האָט אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס. אויפן טיש איז געלעגן אַן אויפגעריסן שאַכטל „נאַציאָנאַלע“. עס האָבן אַרויסגעקוקט דערפון ווייסע פּאַפּיראָסן.

טאָטאָ האָט ווי דערפילט אויף די ליפן די טרוקנקייט פון פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. ער האָט אַ טרונק געטאָן אַ ביסל ווין. דער קאַראַביניער האָט אים צוגערוקט די פּאַפּיראָסן:

— זאָג מיר, סאַלוואַטאָרע, פונוואַנען האָסטו אַזעלכע צעדראַפּעטע הענט?

— פון די דערנער־קוסטעס אויף דעם שיפּוע פון פראַגאַלאַ נאָענט פון לואידזשיס פּאַלאַץ, — האָט געענטפערט סאַלוואַטאָרע.

— און ס'טוט וויי? — האָט פרעצאָ געפרעגט.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— אפילו דאָס ווייסטו נישט. פאַרוואָס נעמסטו נישט קיין פּאַפּיראָס? — ער האָט אַ גענעץ געטאָן.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— טאָ צוליב וואָס ביסטו געקומען? פרעצאָ האָט אַ בליץ געטאָן מיט זיינע ווייסע ציין.

טאָטאָ האָט ווידער אַ טרונק געטאָן פון ווין.

— גוטער ווין? וואָס? — האָט דער קאַראַביניער געפרעגט. — נו, מיינע טייערע, עס איז שוין שפּעט. מאָרגן מוז איך פאָרן קיין קראָטאָנע, כּדי זיך צו

זען מיט עמעצן, וואָס איז גרעסער פון מיר. איר קאָנט נאָך זיצן, אָבער איך זע נישט קיין ציל. סאלוואטאָרע טראָגט שוין אין זיך דעם קאָמוניסטישן וואָרעם. און איר, פיליפעלאָ, וועט זיך זיכער געבן אן עצה אָן מיר און אָן אים. — פּרעצאָ האָט נאָכאַמאָל אַ געגעץ געטאָן. — ס'איז שוין שפּעט. איך בין הונגעריק. ליא, גיב מיר עפּעס עסן, איך בין הונגעריק געוואָרן נאָך צוליב די דאָזיקע געסט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אין דער זייט פון אלקער.

ק א פ י ט ל   פ י נ ף

I

אויף די פעלדער איז נאָך געלעגן א געדיכטער טוי, ווען סאלוואטאָרע איז אריינגעקומען אין דעם דערפל־שטעטל ראָקא די געטאָ. די גאסן און הייזער זענען געווען קאַלטע פון דער זילבערנער זון. דער וועג האָט נישט לאַנג געדויערט, אָבער ער האָט זיך געפילט פאַרמאַטערט. די נאַכט האָט ער שלעכט געשלאָפן, ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. מאַטעאָ האָט אים קיין רו נישט געגעבן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אים אין די שטעכיקע דערנער. אומזיסט האָט ער זיך באמיט צו אנטלויפן, די פיס האָבן זיך אים פארפלאָנטערט אין די קרייטעכצער, ער איז אריינגעפאלן אין א גאָרע פון „פּראָקאָפאָלי“. פּיליפעלאָ האָט אים צוגעוואָרפן א שטריק. דער שטריק האָט זיך געדרייט און געשפרונגען. סאלוואטאָרע האָט געוואָלט כאַפּן די קאָץ, אָבער לעבן איר איז געלעגן ראָזאַליאַ, א טויטע און קאַלטע.

פאַרטאָג האָט אים אויפגעוועקט מאַריאַ, וועלכע האָט זיך שוין געדרייט איבער דער שטוב. ער איז געלעגן מיטן פּנים איינגעניורעט אין דער האַרטער און פון שווייס פייכטער קישן.

זיי זענען ארויסגעגאנגען צוזאמען, און ווי נאָר זיי זענען אריבער די שוועל, האָבן זיי באגעגנט דעם יונגן קאָנטשעטאָ. ער איז געשטאנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואנט פון שכנותדיקן הויף, וו עס האָט געוווינט סאנדראָ, דער זון פון אַלטן אַנדרעאָן, מיט זיין פרוי דזשודיטאַ פון באָנאַקאַסאַ מיט זייער כמעט איינייעריקן מארוטשיאָ קאָנטשעטאָ. ער האָט געהאלטן די הענט אין די קעשענעס און האָט געוואַרט ווארשיינלעך שוין פון א לענגערער צייט, ווייל ער איז געווען בלאס און לייכט געציטערט. ווען ער האָט דערזען סאלוואטאָרען און מאריען, האָט ער שנעל דורכגעפירט מיט צענומענע פינגער ווי מיט א קעמל איבער זיינע ווי סטרונעס גלייכע און הארטע האָר. ער האָט שרעקעוודיק פאַרזשמורעט די אויגן, ווי א קורצזיכטיקער.

נישט ווייט פון ראָקאַ די נעטאָ האָבן זיי דערהערט דאָס קול פון קאַראַביניער. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און צוגעוואַרט אויף אים. פּרעצאָ איז געגאַנגען קיין קראָטאָנע צופוס. ער האָט, הייסט עס, געזאָגט געכטן אמת, אַז ער קלייבט זיך פאַרטאָג אין שטאָט אַריין, כדי זיך צו זען מיט „איינעם אַ העכערן פון אים". סאַלוואַטאָרע האָט געקלערט, אַז ער וויל אַזוי־אַרום בלויז פּטור ווערן פון אים און פון פיליפּעלאָן.

מאַריאַ האָט געטראָגן אייער אין קאָשיק, וועלכער איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טיכל. עד, אַפילו אייער דאַרפן אין משך פון זעקס יאָר טראָגן טרויער. טאָטאָ האָט נישט געדענקט געגוי, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן, אָבער זעקס יאָר איז שוין זיכער פאַריבער און ס'איז שוין צייט, אַז מאַריאַ זאָל ענדלעך אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שוואַרצע רעקל, בלוזקע און טיכל.

מאַריאַ האָט היינט אַ סך גערעדט און הויך געלאַכט. אַזוי לאַנג ווי זיי זענען געגאַנגען אין דרייען, האָט זי זיך געווענדעט אויסשליסלעך צו קאָנטשעטאָן. סאַלוואַטאָרע האָט זי נישט דערקענט. אייגנטלעך איז זי געווען עלטער פון אים בלויז מיט דריי יאָר און זי וואָלט נאָך געקאָנט געפעלן ווערן. קאָנטשעטאָן האָט טאָטאָ נישט ליב געהאַט. מיט אַזעלכע שרעקעוודיקע אויגן האָט ער נישט באַדאַרפט ווערן קיין קאָמוניסט. אמת, ער האָט צו דער פּאַרטיי נישט געהערט, אָבער לויט זיינע איבערצייגונגען איז ער געווען אַ קאָמוניסט.

ווען דער קאַראַביניער האָט זיך אויסגעגליכט מיט זיי, האָט מאַריאַ אָנגעהויבן רעדן וועגן די הוצאות אויף יום־טוב. וויאַזוי זי וועט פאַרקויפן אַלע אייער צו פּופּצן ליר און איינקויפן אייל, לאָקשן, ווייַן, און אויב עס וועט סטייען, אויך פעט חזיר־פלייש.

— איין מאָל אין יאָר מוז יעדער מענטש, אַפילו דער אָרעמסטער, גוט אָפּעסן, — האָט געזאָגט דער קאַראַביניער. — דעמלט לעבט ער אַ גאַנץ יאָר צוליב דעם טאָג. און חזיר־פלייש, דאָס מוז זיין אומבאַדינגט. אין קאַלאַבריע זאָגט מען: אָנשטאָט אַ זון, בעסער אַ גאַנץ יאָר אַ חזיר האָדעווען, וועט ער דיר אין קאַרנאַוואַל די געמבע מיט פעטס אויסשמירן.

מאַריאַ האָט זיך צעלאַכט און קאָנטשעטאָ האָט זיך אָנגעכמורעט און אַ ברום געטאָן:

— אַזוי רעדן היינט בלויז זקנים.

דער קאַראַביניער האָט לאַכנדיק אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל:

— און דו, מילכפּיש, האָסט זיך אויך אויסגעקליבן אין שטאָט איינצוקויפן? מע זאָגט, אַז דו האָסט געזען אַנדזשעליקען. איז דאָס אמת?

קאָנטשעטאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף פּרעצאָן און זיך פאַרקרומט:

— און וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר דערמיט?

— עך, צוציק, האָס לערנען דיך די קאָמוניסטן אזוי שיין אָפּענטפערן אַן עלטערן? איך ווייס, אַז דו האָסט זי געזען. אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל וויסן, מאָ דערציייל נישט דיינע חברים. און דו האָסט זי געזען, ווען איר האָט זיך אומגעקערט פון דער לוויה פון ראָזאַריאָס מוטער, אַננאַ דער אַלמנה. מאַמאַ,
— האָט פּרעצאָ זיך געווענדעט צו סאַלוואַטאָרען, — דו געדענקסט, אַז איר האָט זיך אומגעקערט פון בית־עולם אהיים אין קאַנטשעטאַן?

סאַלוואַטאָרע האָט גאָרנישט געענטפערט.

— דעמלט מאַקע האָט קאַנטשעטאַ געזען אַנדזשעלינען, ווען זי איז אַנט־לאָפן פון דער היים. און איר האָט זי נישט געזען. — האָט פּרעצאָ ווייטער גע־רעדט. — קאַנטשעטאַ, זאָג, אויב דו ביסט אויף דער זייט פון דזשיאַני און אַנדזשעלינען, אויב דו ווינטשסט זיי גוטס, צי האָט אַנדזשעלינאַ עפּעס געהאַט מיט זיך, צי האָסטו איר געהאָלפן עפּעס טראָגן?

— איך האָב גאָרנישט געטראָגן, — האָט זיך אויפגערעגט קאַנטשעטאַ, — אַנדזשעלינאַ האָט גאָרנישט געהאַט מיט זיך!

— בראַוואָ, — האָט געזאָגט דער קאַראַבינער, — איך האָב אויך אזוי געטראַכט. איך בין געווען זיכער.

מאַריאַ האָט איבערגעלייגט דעם קאָרב פון איין האַנט אויף דער צווייטער. פון אונטער די ברעמען האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויף דעם קאַראַבינער און אויף סאַלוואַטאָרען. זי האָט זיך צעלאַכט:

— די אַנדזשעלינאַ האָט אַלע מענער פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַפילו אייך, פּרעצאָ, לאָזט זי נישט צורו? — דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו רעדן פון יקרות, פון די שלעכטע צייטן, זי האָט אָנגעוויזן אויף די פעלדער, אויף דער אויסגעוואַקסענער הויכער ווינטער־תבואה, — נאָר וואָס האָבן מיר צו זאָרגן, עס שטייט אונדז פאָר אַ שיין געוועטעניש. ברויט וועט ווערן ביליקער. מע דאַרף נאָר קאָנען אויסהאַלטן ביזן שניט. און איצט וואַקסט אַפילו אין פראַנגאַלאַ־טאָל ווייץ.

— יאָ, עס וואַקסט, — האָט דער קאַראַבינער געזאָגט, — ווער עס האָט זי פאַרזייט, איז באַוווּסט, אָבער ווער עס וועט זי אָראָפּנעמען, איז נישט באַ־וווּסט. האָסט זיך נאָך נישט פון וואָס צו פרייען, מאַריאַ, נישט דו, נישט עמע־צער אַנדערש אין ראָקאַ די דזאָלפאָ.

— איך? — האָט מאַריאַ אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

איר פריילעכקייט איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן, ווען עס האָט זיך באַוויזן ראָקאַ די נעמאָ, און מאַמאַ האָט זיך אָפּגעזעגנט און פאַרקערעוועט אין אַ זייטיקן וועג, וואָס האָט געפירט באַרג אַרויף. מאַריאַ איז געווען זיכער, אַז דער ברודער האָט זיך איבער נאַכט באַקלערט און דעריבער זיך אויסגעקליבן צוזאַמען מיט איר קיין קראַטאָניע. און ווען עס איז צוגעקומען צו זיי דער קאַראַבינער, איז זי

געווען איבערצייגט, אַז אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן נעכטן ביי פרעצאָן אין שטוב. צי איז צופעליק הײַנט פרעצאָ געגאַנגען צופוס אין שטאָט? זי האָט מיט בייז־קייט א קוק געטאָן אויפן ברודער, פארביסן די ליפן און א צי געטאָן קאָנטשע־טאָן ביים ארבל.

פון סאלוואטאָרען האָט זיך אָפּגעטאָן די מידקייט, כאָטש דער וועג האָט געפירט בארג ארויף. דער פרימאָרגן־ווינט האָט אים אָפּגעפרישט דאָס פנים. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער גייט אליין. קאָנטשעטאָ איז ווירקלעך דעמלט פארשוווּנדן נאָך דער לוויה. אָבער וואָס האָט דער קאראבינער פארטראכט? עפּעס האָט אים דאָרט פיליפּעלאָ געמוזט זאָגן נעכטן ביינאכט, ווען זיי זענען געבליבן אליין אָן אים.

סאלוואטאָרע האָט זיך צוגעזעצט, און כאָטש ער האָט געהאט נאָך איין קי־לאָמעטער בלויז קיין ראָקא די נעטאָ, האָט ער אויסגעטאָן די פערמער־שיך. ער האָט א קוק געטאָן אין דער נידער אויפן שליאך, וועלכער האָט זיך א־אָפּגעלאָזט צום טייך נעטאָ, וואָס איז געווען פול מיט ווירבלען. אונטער דער בריק האָט זיך געשפרייט א גרינע טיך. ער האָט דייטלעך געהערט דאָס געלעכטער פון מאַריען, און דאָס קלאַפּן פון א וואָגן, וואָס האָט זיך אהער דערטראָגן פון א לענגערע צייט, איז פלוצעם שטיל געוואָרן. סאלוואטאָרע איז אויפגעשטאַנען. ער האָט דערזען א רויט צווייערדערדיק וועגעלע און פיליפּעלאָן, וועלכער העלפט פאָר־זיכטיק צו מאַריען אויפצוזעצן זיך אויף די קאָזלעס. דער קאראבינער און קאָנ־טשעטאָ האָבן זיך ארויפגעכאַפּט נאָך איר. פיליפּעלאָ האָט א שמיץ געטאָן מיט דער בייטש די לופט. ער איז ווידער געפאָרן אין שטאָט אריין זוכן אַנדזשעלינען.

II

סאלוואטאָרע האָט געהאָפט צו טרעפן פיעטראָ ראָזאַטאָן אין שטוב. עס איז נאָך געווען גענוג פרי, און די צייט פון די גרויסע פעלד־ארבעטן איז שוין פאַריבער מיט א חודש צוריק. אַן אלטע, אָנצייטיקע פרוי, וועלכע האָט מיט א קרומען מעסער געשניטן גראָז אויפן אָפּהאַנג, האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג.

— דאָרט, ווו עס עגדיקט זיך די לאַנגע גאַס, — האָט זי געזאָגט.

פיעטראָ ראָזאַטאָ האָט געוווינט ביי דער קרייצונג פון צוויי געסלעך, אין אַ שמאָלן דורכגאַנג, ווי אַ האַלדז. דאָס איז געווען אַ לענגלעכער בנין פון גרויען שטיין, אויך געדעקט מיט אַ גרויער כוואַליענדיקער דאַכוווקע. אויפן רעכטן פליגל האָט דאָס הויז געהאַט אַ ברייטן איינגאָרנדיקן צוגעבוי, צוליב וואָס דאָס געבײַ איז געוואָרן אויף אַ העלפט שמעלער. אויף די קליינע קרום פאַנאַנדער־געשטעלטע קוואַדראַט־פענצטערלעך האָט אויף די דראָטענע נעצן געבלישטשעט

די פּרימאָרגנדיקע זון און זיך אָפּגעשלאָגן אין די מאַט־געוואָרענע פון שטויב שייבלעך. אַ לאַנגער קאָרידאָר אָן אַ טויער האָט דורכגעשניטן אויף אַ העלפט דאָס הויז און אויפגעעפנט אַן אויסבליק אין באַלעבאַטישן הויף מיט אַ פּאַרצוימונג אויף שאָף און בהמות, וועלכע זענען שוין געווען אויף דער פּאַשע. אַ באַזונדערע נאָרע מיט אַ הילצערן שיף דעכל — דאָס איז געווען די חזירים־שטאַל. זעט אויס, אַז ראָזאַטאַ האָט נישט געהאַלטן זיינע חזירים אין דער אַלגעמיינער קהלשער „פּאַרקאַפּאַלי". סאַלוואַטאָרע האָט זיך געלאָזט גיין מיטן שמאָלן קאָרידאָר. פּלוצעם איז פון דער זייט אַרויסגעשפּרונגען אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק און אַליאַרמירט אַלע שטוביקע עופות. עס האָט זיך אויפגעעפנט אַ שוואַרצע איינפליגלדיקע טיר און ס'האָט זיך באַוויזן אַ דיקע פרוי מיט אַ גרויסן קאָפּ, אַריינגעוואַקסן אין די אַקסלען. דאָס איז זיכער געווען די פרוי פון פּיעטראָ ראָזאַטאַ. סאַלוואַטאָרע האָט זי דעריבער געפרעגט, צי ער האָט געטראָפן דעם מאַן. די פרוי האָט געהאַט בייזע אויגן און אַן איבערגעשראָקן פּנים. זי האָט זיך צוגעקוקט צום אומבאַקאַנטן אַ לענגערע ווײַלע און נישט געענטפערט. דערנאָך האָט זי געפרעגט, ווער ער איז און וואָס ער וויל. סאַלוואַטאָרע האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך מיט פּיעטראָ ראָזאַטאַ באַקענט אין צוג, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון נעאַפּאָל, פון דער לוויה פון זיין ברודער דעם ווייַנהענדלער. דאָס איז געווען אפשר מיט פיר חדשים צוריק. אָדער אפילו נאָך מער. ער וואָלט געוואָלט, אויב דאָס איז מעגלעך, זיך זען מיט אים. ער וויל אים פרעגן, צי וואָלט אין אַזאַ שיינער באַלעבאַטישקייט זיך נישט געפונען אַ וועלכע ס'איז אַרבעט. אויב יאָ, איז גוט, און אויב נישט, וועט ער זיך אָפּוועקגיין. וואָס איז שייך דעם לוין, וועלן זיי זיכער דורכקומען. קיין סך פאָדערט ער נישט, פאַרקערט, ער פאָדערט זייער ווייניק.

די פרוי האָט זיך פּאַמעלעך באַרואיקט.

— אַרבעט? — האָט זי געזאָגט, אַ צי טוענדיק מיט די הויכע אַקסלען. זי האָט זיך אָבער צוריקגעצויגן, אַריינלאָזנדיק סאַלוואַטאָרען אין צימער. מיט אַ שאָקל פון קאָפּ האָט זי אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל צוּוואַרטן, און אַליין איז זי אַוועק אַזש ביזן סוף פון אַ לאַנגן צימער און אַ רוף געטאָן דעם מאַן ביים נאָמען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּיעטראָ ראָזאַטאַ, פאַרשפּיליענדיק די הויזן, זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון גאָרן איבער אַ לייטערל. ער איז געווען באָרוועס און אין בלויזן העמד.

סאַלוואַטאָרע איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל, אַוועקשטעלנדיק זיך אין שיין. ער האָט הויך באַגריסט דעם באַלעבאָס. פּיעטראָ האָט אים גלייך דערקענט. ער האָט געענטפערט אויף דער באַגריסונג, זיך דערנענטערט צום גאַסט און אים דערלאַנגט די האַנט.

— דו קומסט אפשר פון מיין שוואָגער?

— פון דאַן אַלעסיאַ גרעקאַן? פאַרוואָס עפּעס?

— איך פרעג סתם אַזוי.

— וואָס? ער קען אַלעסיאַן? — האָט אויסגערופן די פרוי. פּיעטראַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיטן בליק אָנגעוויזן דער פרוי אויפן גאָרנדל.

— גיי, ברענג מיר די שיך, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט.

— איז וואָס ווילסטו? — האָט פּיעטראָ זיך געווענדעט צו סאַלוואַטאָרען.

— איך האָב געמיינט, אפשר איז אייך נייטיק אַ וועלכער ס'איז געהילף אין דער באַלעבאַטישקייט.

פּיעטראַ האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער שוואַרצער קיילעכדיקער באָרד:

— האַ, אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט געקומען פריער.

— ווען ס'איז געווען די צייט פון אַקערן, האָב איך געזוכט אַרבעט אין קראַטאַגנע צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע.

— צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע? ביסטו אַ נאַר. אויב דו וועסט אַזוי זוכן, וועסטו קיינמאָל נישט געפינען. צוזאַמען מיט איבעריקע איז גוט צו גיין אין אַ פּראָצעסיע אָדער אויף אַ פאַרוויילונג.

— צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע — איז שלעכט, אַליין — איז אויך נישט גוט. אלציינס. מיט א חודש צוריק האָב איך געזוכט צוזאַמען מיט אַנדערע און נישט געפונען. היינט זוך איך אליין. נו, און וואָס איז דער אונטערשיד? דאָן פּיעטראָ? — טאַטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ווען דו וואָלסט כאָטש געקומען נעכטן...

— פּיעטראָ, — האָט אים איבערגעריסן די פרוי, — האָסט באַדאַרפט אַריינפירן דעם הזיר דורכצושטעכן, אויף וואָס וואַרטסטו?

— נו, אויב עס איז גאָרנישט נישטאָ, וועל איך מיר גיין. און אייך, דאָן פּיעטראָ, אַ דאַנק פאַר דער אויפנאַמע. פאַר אַ גוט וואָרט. איך וועל גיין און אַזוי לאַנג זוכן, ביז איך וועל געפינען. נישט אמת? ראָקאָ די נעטאָ איז רייכער און גרעסער פון ראָקאַ די דזאָלפאַ.

— ער איז פון ראָקאַ די דזאָלפאַ? — האָט ווידער אויסגערופן די פרוי פון פּיעטראָ ראָזאַטאָ.

פּיעטראָ האָט איצט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין איר זייט.

— אַ וועלכער ס'איז באַלעבאָס וועט זיך דאָך געפינען, — האָט ווייטער געזאָגט סאַלוואַטאָרע. — און אויב איר ווילט וויסן, טאַ דערלויבט, איך זאָל אייך זאָגן, דאָן פּיעטראָ, אַז קיין סך פאָדער איך נישט. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס פאַר אייך? גלייך ווי גאָרנישט. וויפל איר וועט מיר געבן, אַזויפיל וועל איך נעמען.

— וואָס קאָן איך דיר געבן? איך וועל דיך דאָך נישט צונעמען בלויז צוליב דעם, זאָלסט שפּעטער פייגל כאַפּן מיט די אויגן. קיין שום אַרבעט האָב איך פאַר דיר נישט. און אויף אומזיסטיקע קעסט, וועט זיך אויך אין דער אייגענער משפּחה עמיצער אָפּגעפינען.

— אומזיסטיקע קעסט? דאָן פּיעטראָ? — האָט אַ שמייכל געטאָן סאַלוואַטאָרע, — עך, ניין! פאַרוואָס מיינען אַלע, אַז אומזיסט. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אומזיסט קאָן מען קריגן בלויז לופט. און אויב מע וויל אַרבעטן, איז דאָך שוין נישט אומזיסט. אויפן עסן וועט יעדער איינער באַווייזן צו פאַרדינען. נישט אמת? דאָן פּיעטראָ? נעמט אַ הונט. ער טוט ווייניקער פון אַ מענטש, און פונדעסטוועגן וועט קיינער נישט זאָגן, אַז מע גיט אים אומזיסט צו פרעסן.

— דו רעדסט וועגן אַ הונט? — האָט זיך פּיעטראָ אַ וואַקל געטאָן. — פאַרוואָס עפּעס רעדסטו וועגן אַ הונט? פונקט ווי דו וואָלסט געוווסט, אַז פידאָ איז געפּגרט. איך ווייס אַפילו נישט פאַרוואָס. עפּעס אַ קרענק גייט איצט אַרום אין ראָקאַ די נעמאָ, צי וואָס? איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט פון דער קייט. — פּיעטראָ האָט אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבער די ליפּן. — אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט געקומען כאָטש נעכטן. היינט האָב איך אַפילו נישט ווו דיך אַוועקצולייגן. אויפן הויף אָדער אין קאָרידאָר וועסטו דאָך נישט שלאָפן?

טאַטאָ האָט געפילט, אַז דאָס בלוט אַנטלויפט אים פון פּנים.

— נו, וועגן שלאָפן... אויב עס גייט וועגן שלאָפן, איז אַ קלענערע דאגה, — האָט ער געזאָגט. — פאַרשטייט זיך, אין קאָרידאָר וועל איך נישט שלאָפן און אויך נישט אויפן הויף, איך האָב א האַרטן שלאָף. איר וואָלט דערפון גאָר נישט געהאַט. נו, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — און האַוועקן קאָן איך נישט. אָבער דערפאַר וואָלט איך געקאָנט אויף נאַכטלעגער זיך אומקערן קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ און פאַרטאָג קומען אַהער.

— ראָקאַ די דזאָלפאָ, — האָט ווידער זיך דערשראָקן די פרוי פון פּיעטראָן.

— אַך, ער איז פון ראָקאַ די דזאָלפאָ! נאָר דאָס וואָלט דאָ געפעלט.

— קראַקע נישט, — האָט פּיעטראָ זיך פאַרקרומט, — גיי אויבן, איך האָב דיר געזאָגט, זאָלסט גיין אויבן. איך וועל זיך געבן אַן עצה אָן דיר .

זי האָט בייז אויף אים אַ קוק געטאָן.

— קראַקע נישט, קראַקע נישט, — האָט זי געברומט, אָבער זי האָט זיך געלאָזט צום לייטערל, וואָס איז געשטאַנען אין פינצטערסטן ווינקל. קראַקע נישט, — האָט זי איבערגעחזרט. פּלוצעם האָט זי אַ געשריי געטאָן.

ביידע האָבן זיך אומגעדרייט. פּיעטראָ האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבער די באַקעס, און סאַלוואַטאָרע האָט ברייט צעעפנט די אויגן. איבערן לייטערל האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט לואיזאַ.

— צוליב וואָס ביסטו אַראָפּגעגאַנגען? — האָט אויסגעשריגן פּיעטראָ. — וווהין גייסטו?

— איך קער זיך אום אַהיים.

— דאָס איז נאָך דאָס קלוגסטע, — האָט געזאָגט פּיעטראָ. — זעסט, אַלעסיאָ זוכט דיך שוין אַפּילו נישט. אַ קינד וואָלט געוווּסט, וווּ מע קאָן דיך געפינען.

— און צוואָס איז נייטיק געווען דאָס גאַנצע אַנטלויפן? — האָט געפרעגט די פרוי פון פּיעטראָן. — איך האָב עס גלייך געזאָגט. און איצט וועט דיר אויסקומען זיך אומצוקערן אַליין מיט אַ פאַרשעמט פּנים. איך האָב דיר געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועלן מיר זיך מיט אַלעסיאָן נישט שלאָגן. דערנאָך איז בלויז אַ חרפּה פאַרן גאַנצן דאָרף.

— אַט האָסטו, — לואיזאַ האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פּאָר שיך דעם ברודער צו די פיס. — פיר מיך אָפּ צו אַלעסיאָן.

פּיעטראָ האָט אויפגעהויבן איין שוך פון דער ערד.

— אָפּפירן דיך צו אַלעסיאָן? שוין? פּלוצעם איז דיר געוואָרן אייליק? וואַרט צו ביז מיטאָגצייט.

— איך וויל נישט וואַרטן. איך וועל גיין אַליין.

— דער רוח ווייסט דיך, — פּיעטראָ האָט אָנגעהויבן אָנטאָן דעם שוך, שפּרינגענדיק אויף איין פוס. — געבעטן האָסטו געזאָגט, אַז דו וועסט ניכער שטאַרבן, איידער זיך אומקערן צו אַלעסיאָן, און היינט קאָנסטו שוין נישט צוּוואַרטן ביז מיטאָג.

— וואַרט, טייערע, פּיעטראָ האָט איצט קיין צייט נישט. וועסט אָפּעסן מיטאָג און דערנאָך וועסטו זיך רואיק גיין אַהיים. — די פרוי פון פּיעטראָ האָט זי געוואָלט אַ גלעט טאָן.

לואיזאַ האָט זי אָפּגעשטויסן מיטן עלנבויגן. זי האָט פאַרבונדן דאָס טיכל און שנעל זיך געלאָזט צו דער טיר. ביי דער טיר האָט זי זיך פאַרהאַלטן. זי האָט געהאַט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען און האָט אויף קיינעם נישט געקוקט. פון פראָפיל האָט מען געקאָנט זען, ווי עס ציטערן אירע ליפּן.

— איך בעט דיך, פּיעטראָ, פיר מיך אָפּ צו אַלעסיאָן.

— לואיזאַ, טייערע, — האָט אויסגערופן די פרוי פון פּיעטראָן, — פּיעטראָ מוז איצט אַוועקפירן אַ חזיר צו קוילענען. ביז פּיעטראָ וועט קומען פון ראָקאַ די דזאַלפּאַ, קאָן דער חזיר פּגרן. דו ווייסט עס אַליין. האָסט געזען, ווי עס האָט אים ביינאַכט אויפגעבלאָזן.

לואיזאַ האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר און איז אַרויס.

— לואיזאַ, — האָט איר נאָכגעשריגן פּיעטראָ, שפּרינגענדיק שוין אויף דער צווייטער פוס. — זאָג אַלעסיאָן אין מיין נאָמען, אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל אויפהייבן די האַנט אויף דיר... אויף מיין שוועסטער... אויף מיין שוועסטער...

— ער האָט געשריגן אומטערשפּרינגענדיק, אָבער ער האָט נישט געענדיקט. היגמערן פּענצטער אויפֿן הויף האָט זיך דערהערט אַ הויך קוויטשענדיק חזיריש כאָרכלען. פּיעטראָ מיטן ווייב זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. דער חזיר האָט שוין געהאַלטן ביים פּגרן.

III

פּונעם אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג אין דער אַפּריל־היץ אין די האַרטע פּערמערשיך האָט סאַלוואַטאָרע זיך צעפּאַרעט די פֿיס. בעתן זון־אונטערגאַנג איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק, וועלכער איז פֿול געווען פֿון מענער אין קאַפּעליושן, וואָס האָבן געראויכערט פּאַפּיראָסן און געשפּילט אין קאָרטן. ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווייַן און ס'האָט זיך אים לייכט פֿאַרדרייט אין קאָפּ. ער האָט דערפֿילט, אַז ער איז הונגעריק. איינגעטליך האָט ער אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט נישט געגעסן.

אַלע האָבן גערעדט הויך און אין דעם דאָזיקן טומל פֿון ווערטער איז שווער געווען עפּעס צו פֿאַרשטיין. דערפֿאַר האָט ער די פּנימער, וועלכע האָבן זיך אויסגעשיילט פֿון רויך, דערקענט אייגנס נאָכן אַנדערן. ער איז כמעט געווען ביי אַלע. ראָקאַ די נעטאַ איז נישט אַזוי רייך און נישט אַזוי גרויס, ווי עס האָט זיך אים פֿריער אויסגעדאַכט. נישט מער, וואָס פֿון דער פּאַשע האָט זיך אומגעקערט אַ ביסל מער שאָף און מער רויטע קי. און נאָך דאָס, וואָס אַ שערער האָט אָפּגעשוירן מענטשן אויף דער גאס אין קרומען שאָטן פֿון אַ מויער. נו, און די שענק. אָבער מיט אַרבעט איז דאָ געווען פּונקט אַזוי שווער, ווי אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. דער דאָזיקער שוואַרצער מיט דער קרומער נאָז האָט אים אָפּגעשיקט צום באַראָן בערלינגיערי. ער האָט ערד, טאָ זאָל ער ביי אים זוכן אַרבעט. ביים צווייטן טיש האָט געלאַכט אַ פּויער מיט אַ רויטער נאָז פֿון ווייַן. אַדרבא, ס'איז אים נייטיק אַ מענטש. ער וואָלט צוגענומען יעדן, ווער עס וואָלט אים אויסגעבאָרגט הונדערט טויזנט ליר אויף אָפּצוראַטעווען דעם ווייַנגאָרטן. אויב ער וועט דאָס יאָר נישט באַוואַסערן די ערד דורך קאַנאַלן, וועלן אים אַלע לאָזעס אומקומען. ער איז געגאַנגען קיין קראָטאָנע און געבעטן אין „באַנקאָ די נעאַפּאָלי“ אַ הלוואה. אָבער דאָרט דאַרף מען האָבן באַקאַנטע. דערנאָך האָט ער דערציילט אַ געשיכטע מיט אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אַרויסגעצויגן ביי אים צוואַנציק טויזנט אויף מאַרקעס און ביטעס. און אַזוי האָט ער אים אין משך פֿון אַ גאַנץ יאָר דערליידיקט די הלוואה אין באַנק. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע באַנק איז גאָרנישט פֿאַר הלוואות, נאָר פֿאַר דעפּאָזיטן. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל דאָס נישט וויסן. ער האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט

איינעם אַ באַאַמטן פֿון באַנק, און ביידע האָבן אים אין משך פֿון יאָר אָפּגענאַרט. אַזעלכע זענען זיי די אַדוואָקאַטן! אַזעלכע זענען די באַאַמטע פֿון דער באַנק! דער מאַנצפּאַרשוין מיט דעם ציטרין־טיכל אויפֿן האַלדז, וועלכער שפּילט מיט יענעם אין קאָרטן, איז זיין שכן. ווען ער האָט דערזען סאַלוואַטאָרען, האָט ער אים נישט געלאָזט אַפֿילו איבערטרעטן די שוועל און דורכן קינד האָט ער אים אַרויסגעשיקט אַ שטיקל ברויט. אין אַנדערע הייזער האָט מען געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ בעטלער. עס האָט אים נאָר געפֿעלט אַ הייליק בילד אונטערצושטעלן די פֿרויען צו די ליפּן, און מע וואָלט אים געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַ נזיר. ער האָט זיך דערמאָנט זיין שרעק פֿאַר די גרויסע טאָרבעס, אין וועלכע מע האָט פֿון רחמנות וועגן אַריינגעוואָרפֿן אַ שטיקל ברויט, אַ ציבעלע אָדער אַ זשמעניע באָב. ווען איינער אַ נזיר, לאָ זאָפּאָ האָט מען אים גערופֿן, ווייל ער האָט געהונקען, האָט אים געהייסן אַ קוש טאָן דאָס נאַסע פֿון סלינע בילד פֿון „סאַנטאַ קיאַראַ“, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און פֿאַרבאַהאַלטן דאָס פּנים אין דער מאַמעס קלייד.

ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען ברויט און נאָך ווייַן. ער האָט געהאַט הונדערט פֿופֿציק ליר. פֿון די פֿינף פֿונט סטערלינגען, וועלכע דער פֿערמער דזשאָן האָט אים געגעבן אויפֿן וועג, האָט ער איינעם אויסגעביטן אויף דער שיף, און דעם צווייטן אין קראָטאָנע, ווען ער האָט געזוכט אַרבעט און אויפֿגעהערט צו שלאָפֿן און עסן ביי דזשיאַנין. די איבעריקע דריי האָט ער באַהאַלטן אין דער אייבערשטער קעשענע פֿון זיין מיליטערישער בלוזע. ער האָט זיי געהאַלטן אויף אַ שוואַרצער שעה. אָבער צי קאָן נאָך זיין אַ מער שוואַרצערע שעה אין לעבן? פּיעטראָ האָט אים געוואָלט צונעמען אויפֿן אָרט פֿון הונט, וועלכער איז געפּגרט. ער האָט געמיינט, אַז טאַקע דערפֿאַר איז ער צו אים געקומען. אַנדערע ווידער האָבן אים אָנגענומען פֿאַר אַ בעטלער. וואָס זשע קאָן ער איצט טאָן? וווהין זאָל ער גיין? מיט ראָקאַ די דזאָלפֿאָ ענדיקט זיך נישט די וועלט. עס איז נאָך פֿאַראַן קראָטאָנע, קאַטאַנצאַראָ, קאָסענצאַ. אַך, עס איז נאָך פֿאַראַן נעאַפּאָל. דאָס מיידל, וואָס האָט אים געוואָרפֿן דעם פּאָמעראַנץ. ער האָט גלייך באַדאַרפֿט דאָרט בלייבן. זי וואָלט זיכער געפֿינען פֿאַר אים אַ וועלכעס ס'איז אָרט. זי וואָלט אים געהאָלפֿן געפֿינען. זי אייגענע האָט פֿון אים גאָרנישט נישט געוואָלט.

צו זיין טישל האָבן זיך צוגעזעצט דריי מענער. זיי האָבן אַרויסגעלייגט פֿעטע קאָרטן און אים געפֿרעגט, צי ער וועט מיט זיי שפּילן. טאָטאָ האָט אָפּגעזאָגט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. זיי האָבן דעריבער אַליין געשפּילט, אָן אים.

ער האָט באַצאָלט. עס איז שוין צוגעפֿאַלן דער אָוונט. דערווייל דאַרף מען זיך אומקערן אַהיים. אין צוויי טעג אַרום וועט זיין פּאַסכע. און נאָך יום־טוב וועט

מען זיך קאָנען לאָזן אין דער וועלט. ער וועט אָנהייבן פון קראָטאָנע. ער וועט זיכער עפּעס געפינען. לענגער אַזוי קאָן שוין נישט זיין. מיט ראָקאַ די גנעטאַ האָט די וועלט זיך גאָר נישט געענדיקט.

ער איז אַרויס פון שענק. עס האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג אַ גרופּע יינגלעך. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און איינגעלאַדן, ער זאָל גיין מיט זיי צוזאַמען. און ווען סאַלוואַטאָרע האָט גאָרנישט געענטפערט, האָבן זיי אים געלאָזט פריי, לאַכנדיק. זיי זענען געווען אַ סך. אפשר מער פון דרייסיק. דער עלטסטער האָט געהאַט ביי אַן אַכצן יאָר. ער האָט געפּאָכעט מיט די לאַנגע האַרע הענט און געזונגען, פאַרציענדיק יעדעס וואָרט. דאָס איז געווען איינע און די זעלבע דאָרפישע מעלאָדיע. סאַלוואַטאָרע האָט די ווערטער נישט געקענט. דער עלטסטער האָט אָנגעהויבן, און אַ צווייט יינגל אין אַ געל העמדל אָן אַרבל האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָניע. די איבעריקע האָבן אונטערגעברומט בלויז די מעלאָדיע, אַרויסכאַפּנדיק זיך דאָ אָדער דאָרט מיט אַן איינצל וואָרט. מע האָט געזען, אַז דאָס לידל ווערט טאַקע ערשט איצט געבוירן. אויף יעדן גראַם האָט מען געוואַרט, מורא האָבנדיק, אַז עס וועט נישט אַרויסקומען און דערנאָך האָט מען אים באַגריסט מיט אַ פריידיקן שאָקלען מיטן קאָפּ, מיט פּאַטשעריי און געלעכטער. עס האָבן זיך איבערגעחזרט באַקאַנטע נעמען, נאָך וועלכע עס איז געקומען אַ פּייפעריי אָדער בראַוואָ-פּאַטשערייען.

טאָטאָ האָט אויפגעכאַפּט אַ פראַגמענט:

„און אויב שעלבאַ האָט די פּאָליציי,
וועלן מיר אַרויסגיין אין דער ריי...

ער האָט זיך דערמאָנט דאָס לידל, וואָס דער קליינער מאַטעאָ האָט געזונגען אין קראָטאָנע, ווען ער האָט מיט אַ חודש צוריק צוזאַמען מיט די אַנדערע לוין-אַרבעטער געזוכט אַרבעט:

„ווען גאַספּערי איז ביי דער מאַכט,
איז זופּ אין טאָפּ נישטאָ קיין סך".

דער הויכער און דאַרער זינגער האָט צוגעקליבן אַלץ נייע גראַמען:

„דער יונגער — ער האָט נישט קיין פּחד,
טאָליאַטי שטייט אויף דער וואַך איצט".

— זאָל לעבן טאָליאַטי! זאָל לעבן טאָליאַטי! — האָבן געשריגן די יינגלעך, און די מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אין די שוואַרצע עפענונגען פון די פענצטער, האָבן געבליצט מיט די אויגן, צוגעשמייכלט, אָבער געשוויגן. די יינגלעך האָבן געפּאָכעט צו זיי מיט די הענט און גערופן:

— קומט מיט אונדז, קומט אויף דער פּראָווייִלונג!

„ווען יונגע צוזאַמען מאַרשירן,
מוזן די פּריצים קראַפּירן".

— האָט געזונגען דער עלטסטער. די גאַס האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט שטימען:

— גוט, גוט.

פון אַ נידעריק הייזל איז אַרויסגעלאָפן שוין נישט קיין יונגער מאַנצפּאַרשוין און, אויפהייבנדיק אין דער הייך אַ פאַרקלעמטע פויסט, האָט ער געשריגן:

— זאָל לעבן רוסלאַנד!

— גוט, גוט, — האָבן אים מיט פּאַטשערייַ אָפּגעענטפערט די יינגלעך.

— זאָל לעבן דער חבר סטאַלין! — האָבן זיי געשריגן.

„אין רוסלאַנד אַרבעט — האָט אַ יעדער,
ביי אונדז דעם רייכן שיצט דער סדר".

— גוט, גוט! — האָבן אָנגעענטפערט די יינגלעך, פּאַטשענדיק מיט די הענט.

— אַרבעט, ערד, וואַסער — דאָס דאַרפן מיר, און נישט קיין מלחמה, — האָט עמעצער אויסגעשריגן מיט אַ דין קולעכל. מע האָט זיך צעלאַכט. דער גראַמענמאַכער האָט שוין מיט אַ הייזעריק געוואָרענעם קול אויפגעזונגען:

„פון אַלע זייטן פעלדער פרייע,
און קיין ברויט פאַר אונדז נישט סטאַיעט".

— מיר פאָדערן ברויט און נישט קיין קוילן...

— אַ טויט דער מלחמה, זאָל לעבן דער שלום, אַ טויט דער מלחמה, זאָל לעבן דער שלום! — האָבן אַלע געשריגן צוזאַמען, מאַכנדיק מיט די הענט צום טאַקט.

דער צוג האָט זיך פאַרגרעסערט, באַזונדער זענען געגאַנגען די יינגלעך, און באַזונדער, עטוואָס אין דער זייט, זענען געגאַנגען די מיידלעך, האַלטנדיק זיך פעסט פאַר די הענט. אַ כמאַרע קליינוואַרג איז אָן אויפהער פאַרלאָפן דער ערשטער שורה דעם וועג, פּלאָנטערנדיק זיך צווישן די פיס פון די מאַרשירנדיקע. אַזוי זענען זיי דערגאַנגען צום פּלעצל פאַרן קאָשטשיאָל. הויך איבער זיי האָט געלויכטן אַ גרויסע לבנה. דער, וואָס האָט די לידער געזונגען, איז שטיל געוואָרן. ער האָט געמאַכט אַ ברייטע באַוועגונג מיט דער האַנט און דער שפּילער האָט אַוועקגענומען די האַרמאָניע פון מויל.

עס האָט זיך איינגעשטילט. אויפן פּנים פון עלטסטן איז געפאַלן אַ בלוילעכער אָפּשיין פון דער לבנה, און סאַלוואַטאָרען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס ייִנגל ווייסט איצט נישט וואָס צו טאָן. מ'האָט געזען, אַז ער פאַרטראַכט זיך איבער עפּעס. דאָס ייִנגל האָט זיך צוריקגעצויגן ביז אין סאַמע קאַשטשיאָל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די העל־בלישטשענדיקע מאַרמאָר־טרעפּ. ער האָט אויפגעהויבן די הענט, כאָטש אַלע זענען שוין געווען גרייט אים צו הערן שווייגנדיק. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע, אַ קראַץ געטאָן זיך אין דער ברעם און אָנגעהויבן רעדן וועגן דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די יוגנט דאַרף איר זיין דאַנקבאַר, ווייל פון איצט אָן וועט זי האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. נישט דערפאַר, וואָס די יונגע ווילן נישט זיין צוזאַמען מיט די עלטערע אין איין פּאַרטיי, וועלכע האָט שטענדיק געהאַט השגחה איבער די יוגנטלעכע און וועט זי ווייטער האָבן, נאָר דערפאַר, וואָס די יוגנטלעכע מוזן האָבן זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע. דאָס הייסט אויך, אַז די איטאַליענישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט צוטרוי צו דער איטאַליענישער יוגנט און באַטראַכט זי ווי אַזאַ, וואָס שטייט, אַזוי צו זאָגן, פּאָליטיש אויף די פיס. פאַר דער יוגנט ווערן די צייטן אַלץ ערגער. אויב אייניקע ארבעטן, איז נוצט מען זיי מער אויס, מ'צאָלט זיי ווייניקער. ווייניקער צאָלט מען אַ ייִנגל, איידער אַן עלטערן אַרבעטער, נאָך ווייניקער א יונג מיידל. אָבער ער זאָגט דאָס נישט צוליב קנאה צו די עלטערע. זיי פאַרדינען אויך נישט אַזויפיל, וויפל עס קומט זיי פאַר זייער אַרבעט. דאָס הייסט אייגנטלעכער אויסנוצונג, ווייל דער פאַבריקאַנט און דער פּריץ נעמען צו דעם גאַנצן ריווח צו זיך אין קעשענע. אַנדערש איז אין רוסלאַנד, אין די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וו עס זענען נישטאָ נישט קיין פאַבריקאַנטן, נישט קיין פּריצים. וואָלטן כאָטש די פּריצים פון קאַלאַבריע געגעבן אַ טייל פון זייערע רווחים אויף איינצוקויפן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, אויף צו באַוואַסערן, אויף באַמיסטיקונג! וואָלטן כאָטש די געלטער געבליבן אין דער אָרעמער קאַלאַבריען! מיליאָנען ליר פירט אַרויס דער פּריץ אויף צפון. דאָרטן בויט ער זיך פּאַלאַצן, קינאָס און ער גיט אויס אויף זיינע געליבטע. דאָס זענען געלטער, אויסגעקוועטשטע פון דעם שווייס און פון דער ערד אין קאַלאַבריע! דערפאַר איז די ערד היינטיקס יאָר אַ סך טרוקענער און אומפּרודוקטיווער, ווי אין פריערדיקן, און אויפן צווייטן יאָר וועט זיין נאָך ערגער. און וועמענס איז די ערד, אויב נישט פון די, וואָס אַרבעטן אויף איר? דערפאַר טאַקע ווילן נישט דערלאָזן די, וואָס אַרבעטן אויף איר, במילא אויך די יוגנט, אַז מע זאָל פון דער ערד אַ תל מאַכן. דעם באַראָן בערלינגיערי גייט זי נישט אָן. פּונקט ווי די רייכע קאַפּיטאַליסטן גייט נישט אָן דאָס גאַנצע לאַנד. דער יונגער רעדנער האָט זיך פאַרהיקעט און איבערגעריסן. דעמאָלט האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען:

— בראַוואָ, טורי, בראַוואָ, טורי!

דאָס ייִנגל האָט אַ שמייכל געטאָן, געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, מע זאָל אויפהערן שרייען, האָט אויסגעווישט מיט דער האַנט דאָס מויל און ווידער אָנגעהויבן:

— יאָ, טאַקע מיר, יונגע, דאַרפן האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, ווייל מע צאָלט אונדז ווייניקער. און עס איז נאָך אַ גליק, ווען עמעצער האָט אַרבעט, און וויפל זענען פאַראַן יונגע, וועלכע האָבן ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געאַרבעט, ווייל זיי האָבן קיין אַרבעט נישט געקאָנט געפינען! וויאַזוי זשע קאָן לעבן אַ יוגנט, אויב זי ווייסט נישט, צי זי וועט אַמאָל קריגן אַרבעט? אָבער עס איז פאַראַן נאָך עפּעס ערגערס. די קאַפּיטאַליסטן און שלעכטע ווילן אונדז יונגע פון איין זייט פאַרפּייניקן מיט הונגער, פון דער צווייטער זייט ווילן זיי פאַרגיסן אונדזער בלוט, אַז מיר זאָלן גיין אין דער מלחמה. און איר ווייסט קעגן וועמען?

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, — האָבן זיך אָפּגערופן שטימען. עס האָבן זיך אויפגעהויבן פויסטן אין דער הייך. די פּנימער פון די ייִנגלעך האָבן זיך אָנגעפולט מיט צאָרן.

— גוט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — דאָך וועל איך זאָגן: קעגן רוסלאַנד, וווּ די מענטשן אַרבעטן רויִק און האָבן אונדז ליב, ווייל זיי זענען די זעלבע אַרבעטער, ווי מיר. נאָר זיי זענען גליקלעכער פון אונדז.

— זאָל לעבן רוסלאַנד, — האָט עמעצער אויסגעשריגן לעבן סאַלוואַטאָרען. דאָס איז געווען דער זעלבער נישט יונגער מאַנצפאַרשוין, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און באַגריסט דעם צוג מיט אַן אויפגעהויבענער פויסט.

— זאָל לעבן דער חבר סטאַלין!

— זאָל לעבן דער שלום!

— זאָל לעבן! זאָל לעבן!

דער עלטסטער האָט אויפגעהויבן די האַנט. די יוגנטלעכע האָבן זיך באַרויִקט.

— אָבער מיר, — האָט אַלץ העכער געווען דער רעדנער, — אָבער מיר וועלן זיי זאָגן: מיר ווילן נישט קיין מלחמה! מיר ווילן נישט קיין מלחמה און באַסטאַ!

— מיר ווילן נישט קיין מלחמה און באַסטאַ! — האָבן אונטערגעכאַפּט די יוגנטלעכע.

— בראַוואָ, טורי!

— בראַוואָ!

— יאָ, — האָט געזאָגט דער עלטסטער, — מיר שרייען בראַוואָ, אָבער עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן מלחמה. איר ווייסט, ווער עס וויל מלחמה?

— מיר ווייסן, מיר ווייסן!

— איר ווייסט, אָבער נאָך נישט אַלץ ווייסן. איך וועל הערייבער זאָגן די, וואָס ווייסן נאָך נישט: אמעריקע!

— נידער מיט אמעריקע! — האָט אויסגערופן ווידער דער זעלבער נישט יונגער מאַנצפּאַרשוין, וועלכער איז געשטאַנען לעבן סאַלוואַטאָרען. — קריס־טאָפּירו קאָלומבו* וויל מלחמה, — האָט ער געשריגן, נישט נעמענדיק אין אכט די צייכנס, וועלכע עס האָט אים געגעבן דער עלטסטער, אַז ער זאָל זיך באַרואיקן. אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַן אומבאַ־קאַנט לידל:

קריסטאָף קאָלומבוס, וואָס האָסטו פאַרקלערט?
די יוגנט די בעסטע, דו האָסט זי צעשטערט.
און איך בין דורכן ים אַזש געפאָרן
אויף האָלץ, וואָס איז פאַרדויכערט געוואָרן.
אַמעריקע דו האָסט דאָלאַרן אַ סך...

דערנאָך האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צוגעגעבן:

— ווייטער געדענק איך שוין נישט, אַזויפיל יאָרן... אָ, איך קען אמעריקע זייער גוט, איך קען זי זייער גוט, כ'האָב מיין יוגנט דאָרט אָפּגעאַרבעט! — האָט ער געשריגן און ער האָט אָנגעהויבן זיך קלאַפּן מיט דער פויסט אין ברוסט.

— מעריקאַנער, מעריקאַנער, — האָט מען געלאַכט.

— באַרואיקט אייך, חברים, — האָט גערופן דער עלטסטער. דער אמע־רי־קאַנער האָט עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך איינגעשטילט.

דער רעדנער האָט א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל, ווי ער זאָל וועלן אָפּווישן א שמייכל, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— איז ווייסט איר, חברים, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן דאָ אין ראָקאַ די נעטאָ? מיר האָבן באַשלאָסן שאַפן א פאַרבאַנד פון קאָמוניסטישער יוגנט. מיר וועלן קעמפן פאַר אַרבעט און שלום. און מיר וועלן נישט אָפּטרעטן, ביז מיר וועלן נישט זיגן. מיר רופן אייך, אַלע יונגלעך, און אייך, אַלע מיידלעך: טרעט אַריין אין אונדזער פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. זאָל לעבן דער פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט!

— זאָל לעבן! זאָל לעבן! — די יוגנטלעכע האָבן געפאָכעט אין דער לופט מיט פאַרשידנקאָלירקע טיכלעך.

— זאָל לעבן דער חבר טאָליאַטי!

— זאָל לעבן!

— היפּ, היפּ, הוררא! היפּ! היפּ! הוררא!

---

* אין קאַלאַברישן דיאַלעקט: קריסטאָף קאָלומבוס.

דאָס ייִנגל אין דעם געלן העמדל אָן אַרבל האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן אויף דער האַרמאָניע אַ מעלאָדיע, וועלכע סאַלוואַטאָרע האָט געקענט, נאָר ער האָט נישט געדענקט פֿון וואַנען. דער עלטסטער האָט אָנגעהויבן זינגען און נאָך אים אַנדערע.

„באַנדיערא ראָססאַ“, „באַנדיערא ראָססאַ“, — האָט מען איבערגעחזרט.

אַ קליין ייִנגל, ענלעך צו דעם פּאַרקויפער פֿון פּאַפּיראָסן אין קראָטאָנע, האָט אַ שטומס געטאָן סאַלוואַטאָרען אין עלנבויגן. שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צום טאַקט פֿון דער מעלאָדיע, האָט ער אים געגעבן צייכנס, אַז ער זאָל מיטזינגען. סאַלוואַטאָרע האָט אַ ווונק געטאָן צו אים מיט איין אויג און, צולייגנדיק אַ פֿינגער צום מויל, האָט ער אים צו פֿאַרשטיין געגעבן, אַז ער איז אַ שטומער. דאָס ייִנגל האָט זיך צעלאַכט.

וואָס פֿרייען זיי זיך אַזוי? אים איז אויך געווען ליכטיק אויפֿן האַרצן, אָבער ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז פֿונעם ווײַן, וועלכן ער האָט אויסגעטרונקען אויפֿן ניכטערן מאָגן.

דאָס פֿלעצל, וואָס איז איצט געווען זילבערדיק פֿון דעם לבֿנה־ליכט, איז געווען פֿול, און פֿון די געסלעך זענען נאָך אַלץ אָנגעקומען ייִנגלעך, מיידלעך און קינדער.

— אַ קאָמוניסטישע פּראָווינץ! — האָבן זיי געשריגן, אויסדרייענדיק זיך און רופֿנדיק מיט דער האַנט אַנדערע.

עס האָבן זיך ווירקלעך אָנגעהויבן טענץ. צוערשט האָבן געטאַנצט די ייִנגלעך אַליין. די מיידלעך זענען געשטאַנען צוזאַמען און צעקוויטשעט זיך יעדעס מאָל, ווען עמעצער פֿון די ייִנגלעך האָט זיי אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ האַנט, וועלנדיק אַרײַנציִען אין ראָד. דאָס קליינוואַרג פֿון אַכט—נײַן יאָר האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פֿיס, געשפּרונגען די מיידלעך אין די אויגן און זיי צוגעוואָרפֿן מיאוסע ווערטער.

ענדלעך איז אײַנע אַרויס אין דער מיט און זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו באַוועגן נישט צום טאַקט פֿון דער מעלאָדיע.

— „קאַלאַברעסעללאַ“, „קאַלאַברעסעללאַ“,* — האָבן די ייִנגלעך אָנגעהויבן שרײַען צו דעם, וואָס האָט געשפּילט אויף דער האַרמאָניע.

— אַ טאַנגאָ, אַ טאַנגאָ! — האָבן אַנדערע אויסגערופֿן.

— אַ „קאַלאַברעסעללאַ“, „קאַלאַברעסעללאַ“ — האָט מען צוריקגעשריגן.

דאָס ייִנגל אין געלן העמדל אָן אַרבל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַלס צייכן פֿון הסכּמה און געביטן די מעלאָדיע. און אַלע האָבן אויסגערופֿן:

— אַ „קאַלאַברעסעללאַ“, „קאַלאַברעסעללאַ“!

---

* אַ קאַלאַברישער פֿאָלקס־טאַנץ.

די ערשטע פאר האט געטאנצט צום אָנהייב פאמעלעך. נאָך איר איז געגאנגען א צווייטע, א דריטע. די מיידלעך האבן אויפגעהויבן די אָרעמס אין דער הייך, געטרייסלט מיט די דלאָניעס, דרייענדיק זיך ארום זייערע טענצערס, וועלכע זענען א ווײַלע געשטאנען אויף אן אָרט. דער טאנץ איז געוואָרן וואָס א מאָל שנעלער. איצט האָבן די יינגלעך זיך געדרייט ארום די טענצערינס, וועלכע האבן מיט הראָבנע טריטעלעך זיך באַוועגט אויף איין אָרט. די מיידלעך האבן געגלאנצט מיט די אויגן און מיט דער ווייסקייט פון זייערע ציין. ביז סאלוואטאָרע איז דערגאנגען צו די טרעפּ פון קאָשטשיאָל האט דאָס גאנצע פלעצל גערוישט פון מענטשן, האנטפּאטשערייען, געזאנג און געלעכטער.

מאַטאָ האט זיך אוועקגעזעצט אויף די מארמאָרנע טרעפּ. ער האט אָנגעשפּארט די עלנבויגנס אין די קני און פארבאהאלטן דאָס פּנים אין די הענט. עס האט אים געמאטערט דער שלאָף. דער קאָפּ איז אים אראָפּגעפאלן אויף דער ברוסט. ווען לואיזא איז ארויס פון שטוב, האט ער געוואָלט נאָך איר נאָכלויפן. ער וואָלט גערן געטאנצט, אָבער בלויז מיט לואיזען אָדער אנדזשעלינען. ער וואָלט זיך אזוי דורכגעשלאָפן דאָ אויפן פלעצל, ווען די פארוויילונג זאָל דויערן א גאנצע נאכט. עס וואָלט געווען אָנגענעם.

די פארוויילונג איז אָבער שנעל איבערגעריסן געוואָרן. סאלוואטאָרע האט זיך אָפּגעטרייסלט פון דרימל און, אויסרייבנדיק די אויגן, דערהערט א געוויין. עס איז געוואָרן אַלץ נענטער און ס'איז געקומען פון דער בריק. די שטים פון א וויינענדיקער פרוי האבן די יונגטלעכע דערהערט שוין פריער. די מיידלעך האבן זיך אָפּגעשטעלט און פארהאלטן זייערע טענצערס. די הארמאָניע איז שטיל געבליבן. מע האט זיך צוגעהערט.

— עפּעס א טרויער אין שטעטל, — האט איינע א שעפּטשע געטאָן.

— עפּעס א טרויער, — האט מען איבערגעחזרט.

אלע האבן זיך געווענדט אין דער זייט, פונוואנען דאָס קול איז געקומען. א פרוי האט אלץ דייטלעכער גערופן:

— אוי, מאמע מיינע, אוי, מאמע מיינע.

די יוגנט האט זיך א לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון דער לאנגער גאס. דאָס פלעצל איז געוואָרן פוסט. אויך סאלוואטאָרע האט זיך אהין געלאָזט. די גאס איז שווארץ געווען פון מענטשן. פאר די הייזער זענען געשטאנען פרויען מיט פארבראָכענע הענט, אראָפּגעלאָזט צו דער ערד. די קינדער האבן זיך געהאלטן פאר די מאמעס שווארצע קליידלעך.

צוויי מאַנסלייט האָבן געטראָגן א פרויאישן קערפּער. דער ברעג פון איר קלייד האט זיך געשלעפּט ביי דער ערד און איבערגעלאָזט אויף די ברוק-שטיינער א שמאָלן שפּור פון וואסער. דערנעבן איז געגאנגען אן עלטערער מענטש מיט אַ ביקס פארוואָרפן איבערן אַקסל און מיט אַ דערשאָסענעם האָז, צוגעבונדן צום

פּאַסיק. נאָך אים איז געגאַנגען א פרוי, וועלכע האָט ווי א בלינדע געהאַלטן אויסגעשטרעקט אירע דיקע אָרעמס. דאָס איז געווען די פרוי פון פּיעטראָ ראַזאַטאַ. ערשט איצט האָט סאַלוואַטאָ־ע דערקענט פּיעטראָן אַליין. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געטראָגן דעם טויטן קערפּער.

וואָס נענטער צו איר שטוב, אַלץ העכער האָט געקלאָגט די פרוי פון פּיעטראָ ראַזאַטאַ. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און זיך געוואָרפן אויף דער ערד. די פרויען, וועלכע האָבן זי באַגלייט, האָבן זי אויפגעהויבן און געגלעט איבער די אָרעמס.

— א, שיינקייט, — האָט געקלאָגט די פרוי פון פּיעטראָן, — וואָס האָסטו אונדז געטאָן? אוי, אוי! און איך האָב דיך אַזוי געבעטן: קער זיך נישט אום צו אַלעסיאָן. עס זאָל אים גאָרנישט פאַרבלייבן, אויסער א שוואַרצער קאַץ, וועלכע מיאַוקעט! דערפאַר וואָס ער האָט זיין האַנט אויף דיין שיין פּנימל אויפגעהויבן, זאָל זיין האַנט אים מער קיין ברויט צום מויל נישט דערלאַנגען! אוי, אוי! שיינקייט מיינע, אוצר פון אונדזער משפּחה! א, שכנות, מיינע גוטע, איר זאָלט נישט קומען צו אים אין שטוב! א, אָרעמע לואיזא, ער וועט זיך א צווייטע נעמען אין בעט, און דיין בעט וועט זיין די שוואַרצע ערד.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער זייט פון די מענער, וועלכע האָבן געטראָגן דעם קערפּער פון לואיזען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט, שטויסנדיק מיט די עלנבויגנס אויף רעכטס און לינקס. די מאַסע האָט זיך פאַמעלעך באַוועגט פאָרויס. ווען עס האָט זיך געענדיקט די לאַנגע גאַס, איז די ענגשאַפט געוואָרן נאָך גרעסער. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען פון פרויען, מע זאָל זיי די קינדער נישט צעטרעטן. סאַלוואַטאָרע האָט זיך מיט אַלע כּוחות געשטופּט פאָרויס, ווערנדיק געזידלט פון אַלע זייטן. איין פרוי האָט זיך אפילו פאַרמאַסטן אויף אים מיט דער פויסט. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך שווערע, שוואַרצע כוואַליעס, ווי אין שלאָף.

ווען ער האָט זיך דערשלאָגן צו פּיעטראָס הויז, איז דער קאָרידאָר געווען פול מיט וויינענדיקע פרויען. זיי האָבן געוואָלט זיין וואָס נענטער, כּדי צו זען דאָס געזיכט פון דער דערטרונקענער. — צוויי אומגליקן אין איין טאָג, — האָט געקלאָגט אַן אַלטע אָנצייניקע פרוי.

— יאָ, יאָ, סאַמע באַגינען א חזיר, און איצט...

— אָ, אומגליקלעכע לואיזא, אָ, אומגליקלעכע מאַריסאַ, — האָט די אָנצייניקע פרוי פאַרבראָכן די הענט.

מע האָט דעם קערפּער אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. דער אַלטער מיט דער ביקס און מיט דעם האָז בײַם פּאַסיק איז געפאַלן אויף די קני.

— דער יעגער אַנטאָניאָ, דער פאָטער פון אַלעסיאָן, — האָט מען געשעפּטשעט.

— איך האָב זי דערזען אין וואַסער שוין אַ טויטע, — האָט טויב געבליפּעט דער אַלטער אַנטאָניאָ. — איך האָב זי דערזען אין וואַסער...

פּיעטראָ איז געשטאַנען מיט אן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס פּנים האָט אים געציטערט פון געוויין. מאַריסאַ, די פרוי פון פּיעטראָן, האָט זיך נאָכאַמאָל געוואָרפן אויף דער ערד, און ווען מע האָט זי אויפגעהויבן, האָט זי געזאָגט:

— טראָגט זי אַריין אין דער מיט. גאָט, ווי אַ מתּנה טראָגן מיר זי אַריין אין שטוב!

פּיעטראָ און דער צווייטער מאַנצפּאַרשוין, פון וועלכן עס האָט געריננען דאָס וואַסער, האָבן אַריינגעטראָגן דעם קערפּער פון לואיזען. אין קרומען לבנה־ליכט, וואָס איז אַהער געפאַלן דורך דער אָפענער קאָרידאָר־טיר, האָט דער בּרעג פון לואיזעס קלייד אַ בליאַסק געטאָן ווי זייד.

מאַריסאַ, די פרוי פון פּיעטראָן, האָט אויפגעעפנט אַ נידעריקע איינפליגל־דיקע טיר און, דורכלאָזנדיק די מענער, וועלכע האָבן געטראָגן דעם קערפּער פון דער זעלבסטמערדערין, האָט זי געזאָגט:

— זאָל זי נישט ליגן אין קאָרידאָר, גאָט מיינער, גאָט מיינער!

ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען סאַלוואַטאָרע האָט זיך צוריקגעקערט קיין ראָקאַ די דזאַלפאַ. אָבער אין דאָרף, זעט אויס, זענען נאָך נישט אַלע געשלאָפן, ווייל דורכגייענדיק דורך דעם סאַראַצענער טויער, וועלכער האָט געוואָרפן אַ געדיכטן שאָטן, האָט טאָטאָ דערהערט עמעצנס שטימען.

ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. אויפן פרייהייטס־פּלאַץ האָט ער זיך מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אין אַ מויער. ער האָט זיך נישט געוואָלט צוזעצן, ווייל גלייך האָבן זיך אים פאַרמאַכט די אויגן פון מידקייט.

די האַרטע פערמער־שיך האָבן אים געפּאַרעט די טריט. ער האָט זיך געגליטשט איבער די ברוך־שטיינער, וועלכע זענען אויפן שיפּן אויסבייג, וואָס האָט געפירט צום שטאָטראַט, געווען אויסגעריבן פון די שנעל אַראָפּפאָרנדיקע אויף דעם אָרט רעדער. נאָך דעם אויסבייג האָט זיך באַוויזן די מוניציפּאַלע גאַס מיט די געדרייטע טרעפּ און איינגאָרנדיקע הייזער מיט די באַלוסטראַדעס און גאַנעקלעך.

אין בלויען ליכט האָבן זיך לעבן שטאָטראַט אויסגעטיילט פיר טונקעלע געשטאַלטן. דער „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס. אפילו פון דער ווייטנס האָט מען אים געקאָנט דערקענען לויט דעם בריטן קאַפּעליוש, וועלכער איז געווען פאַררוקט הויך אויפן שטערן. אַנטקעגן איז געשטאַנען דער קאַראַבּיניער. פרעצאָ האָט עפּעס הויך דערציילט, ווי ער זאָל רעדן צו אַן עולם מענטשן. אַברוצעזע האָט פון צייט צו צייט זיך אָפּגע

רופן מיט אַ דערמוטיקנדיק וואָרט. פון צייט צו צייט האָט פּרעצאָ זיך אומגעדרייט. אַ גלאַנץ טוענדיק אין לבנה-ליכט מיט זיין פעט פּנים. דאָס איז געווען אַ פרייליכער שמועס. אין ראָקאַ די דזאָלפאָ האָט מען נאָך נישט געוווסט וועגן דעם טויט פון לואיזען.

סאַלוואַטאָרע האָט זיי געוואָלט אויסמיידן און לענגאויס די שאָטנס פון די הייזער זיך אַריינבאַקומען אין דעם געסל צווישן דעם קאַשטשיאַל און שטאָטראַט. אָבער ער האָט אַ ציטער געטאָן, דערהערנדיק דעם נאָמען פון אַנדזשעלינען, דערנאָך פון דזשיאַנין.

ער איז צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט. אויסער דעם „סינדאַקאָ" און קאַראַביניער זענען אויך געווען לעליאָ, דער קרעמער און דער יונגער קאַנטשעטאַ. ביידע זענען געזעסן אויף דער שוועל אין שאָטן.

— אַך, סאַלוואַטאָרע, — פּרעצאָ האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט, — איך דערצייל פונקט דאָ, וויאַזוי איך האָב דיר דיין ברודער הייַנט אַרויסגעצויגן פון אַרעסט. אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט געגאַנגען אין דער פרי מיט אונדז קיין קראָטאָנע. אמת, קאַנטשעטאַ?

— דזשיאַנין? — סאַלוואַטאָרע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם „סינדאַקאָ", און דערנאָך ווידער אויף דעם קאַראַביניער.

— יאָ, פונקט דעמלט, ווען דו ביסט געווען אין ראָקאַ די נעטאָ, נישט וויסנדיק צוליב וואָס. גראָד איך. נישט דו, נישט אַרמאַנדאָ, נישט די אַנדערע קאָמוניסטן, נאָר דער אָרעמער קאַראַביניער פון ראָקאַ די דזאָלפאָ האָט אים אַרויסגעשלעפט, — פּרעצאָ האָט זיך צעלאַכט. — נישט וויכטיק, וואָס דיין דזשיאַני האָט מיר אַפילו נישט באַדאַנקט. נו, ווייל די קאָמוניסטן קומט אַלץ. דערפאַר אָבער וועט עס מיר פּיליפּעלאָ פאַרגעדענקען. ביז אין גרוב אַריין.

— און איך אויך, — האָט זיך אָנגערופן קאַנטשעטאַ.

— דאָס ווייס איך נישט. דאָס וועט זיך ערשט אַרויסווייזן, מיין טייערער, — פּרעצאָ האָט אַ דראָע געטאָן קאַנטשעטאַן מיטן פינגער. — נישט באַדאַרפט אים מודה זיין, אַז דו האָסט געזען אַנדזשעלינען אין טאָג, ווען זי איז אַנטלאָפן. ער האָט שוין פאַרזיכערט דעם פּאָליציי-קאָמענדאַנט אין קראָטאָנע, אַז ער האָט אַן עדות.

קאַנטשעטאַ האָט זיך פאַרלוירן.

— אָבער איך האָב אים געזאָגט דאָס זעלבע וואָס אייך, אַז זי האָט גאָרנישט געהאַט מיט זיך.

— דאָס האָסטו אים נישט באַדאַרפט זאָגן. דאָס ווייס ער בעסער פון דיר, — דער קאַראַביניער האָט אויפגעהויבן זיינע דינע ברעמען. — פּיליפּעלאָ איז דאָך נישט פּרעצאָ. איך, אַז איך זע, אַז עמעצער איז גערעכט, מעג דאָס אַפילו זיין אַ קאָמוניסט, טו איך אַלץ, כדי אים אַרויסצובאַקומען פון תפיסה. אָבער פּי-

ליפּעלאָן גייט נישט אין אמת. איך האָב דאָס אים גלייך געזאָגט, נאָך נעכטן בייטאָג, ווען דו, סאַלוואַטאָרע, ביסט אַוועקגעגאַנגען, — פּרעצאָ האָט זיך פאַרלוירן. — יאָ... איך האָב אים געזאָגט, אז מיט דער בבא־מעשה וועט ער ווייט נישט פאַרפאָרן. איך בין געווען ערליך לגבי אים. און אזא אויסטראכטעניש וועט אפילו א קינד אין קאלאבריע נישט גלייבן. דאָס, וואָס דער גרעסערער, — דער קאראביניער האָט א שמייכל געטאָן צו סאלוואטאָרען, — דער גרעסערער פון מיר אין קראָטאָנע, ד. ה. דער סערזשאנט טשיפּאָלא, האָט צוויי שעה געגלויבט, איז נישט דערפאר, וואָס ער איז נארישער פון מיר, נאָר דערפאר, וואָס ער איז א גוטער מענטש און עס איז אים געווען א רחמנות אויף דעם אומגליקלעכן פאָטער. ער האָט אים געוואָלט העלפן.

— מיר אויף דרום האָבן אַלע ווייכע הערצער, ווי טינופת, — האָט א זיפץ געטאָן דער סינדאַקאָ אַברוצעזע.

— דאָס איז אמת, — האָט מסכים געווען לעליאָ דער קרעמער, וועגנדיק צו פּרעצאָן זיין לאַנג גלאַט פּנים פון א סרים.

— איך פארשטיי נישט, — האָט סאלוואטאָרע געהויבן מיט די אקסלען.

— איך וועל דיר נישט גיין דאָ איבערדערציילן אלץ נאָכאמאָל, — האָט געזאָגט פּרעצאָ, — אָבער אפשר וועסטו מיר זאָגן אַ דאַנק דערפאַר, וואָס איך האָב דיר אַרויסגעשליפּט דעם ברודער? וואָס? מסתמא פרייסטו זיך דאָך, סאַלוואטאָרע?

— א דאנק דיר, — האָט געזאָגט סאלוואטאָרע.

— איך האָב עס נישט דערוואַרט. נאָר יאָ, דו ביסט נאָך נישט קיין קאָמוניסט, — האָט א שמייכל געטאָן דער קאראביניער. — אלזאָ נעכטן ביינאכט איז פיליפּעלאָ נאָך לאנג געזעסן און געקלאפּט מיט די פויסטן אין טיש. ער האָט געשריגן, אז ער מוז ארויסבאקומען אנדזשעלינען א לעבעדיקע אָדער א טויטע. און פלוצעם זאָגט ער מיר, אַז אַנדזשעלינאַ האָט ביי אים אַרויסגעגנבעט צען... ניין, צוואנציק... צי אפשר נאָך מער קילאָ פון דער סאמע דינסטער וואָל. מיט דעם איז ער אוועקגעפאָרן קיין קראָטאָנע, אריינגעגאנגען צו טשיפּאָלאן און געהייסן ארעסטירן דזשיאנין דערפאר, וואָס ער האָט אָנגערעדט זיין טאָכטער צו גנבה. אָבער איך בין צום גליק געווען אקוראט דעמלט אין קאָמיסאריאט, ווען מע האָט געבראכט צו פירן דזשיאנין. פיליפּעלאָ האָט שוין אויף אים געוואַרט.

— דאָס איז אַ חזירייַ, — האָט זיך אויפגערעגט דער סינדאַקאָ אַברוצעזע, — אַז אַזאַ פיליפּעלאָ זאָל זיך פילן אין קאָמיסאַריאַט, ווי ביי זיך אין דער היים.

פּרעצאָ האָט אַרויסגענומען אַ שאכטל פּאַפּיראָסן און מכבד געווען אַלע לויט דער ריי. לעליאָ איז אונטערגעשפּרונגען, דערלאנגענדיק דעם קאראביניער פייער.

דער קאַראַבינער האָט שטאַרק פאַרצויגן, אַרויסגעלאָזט צום הימל אַ גרויסן קנויל רויך און ווייטער דערציילט. — פיליפּעלאָ האָט זיך גלייך געוואָרפן אויף דזשיאַני, ווי נאָר מע האָט אים אַריינגעפירט אין די קייטלעך, גייט, אָן קייטלעך. פיליפּעלאָ האָט געשריגן: געלט אָדער תפיסה! נישט גענוג וואָס ער אַליין איז אַ קאָמוניסט, רעדט ער נאָך אָן זיין טאָכטער צו גנבה. און זאָל ער נישט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. דאָ, — פּרעצאָ האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף קאָנטשעטאָן, — האָט פיליפּעלאָ געזאָגט, אַז ער קאָן שטעלן אַן עדות, וועלכער האָט געזען אַנדזשעלינען, ווי זי איז אַנטלאָפן פון שטוב מיט אַ גרויסן זאַק וואָל אויף די פּלייצעס. זיכער, אַז דזשיאַני האָט שוין נישט דאָס געלט, ווייל ער האָט אַלץ צעטיילט צווישן די אַרבעטער. וועט ער גיין זיצן אין תפיסה. אָדער זאָל ער ברענגען צו פירן אַנדזשעלינען און זאָל זי זאָגן, וווּ האָט זי אַהינגעטאָן דאָס געלט. איצט ווייסט שוין יעדער, פאַרוואָס די אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני האָבן אַזוי לאַנג זיך נישט צוריקגעקערט צו דער אַרבעט. צוואָס האָבן זיי באַדאַרפט אַרבעטן, ווען דזשיאַני האָט זיי געגעבן געלט אומזיסט. געגנבעטע געלט!

דער קאַראַבינער האָט זיך צעלאַכט.

— איך האָב געטראַכט, — האָט ער געזאָגט אין אַ ווייל, — אַז דער סערזשאַנט פון קראָטאָנע, דרך אגב, מיינער אַ גוטער חבר, וועט פרעגן, ווען האָט פיליפּעלאָ באַמערקט די גנבה, אַזויפיל וואָל איז דאָך נישט קיין שפּילקע. ער האָט דאָך דאָס באַדאַרפט באַמערקן אין זעלבן טאָג. פאַרוואָס זשע האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם ערשט אין אַ פּאָר וואָכן. הע, ווען מע זאָל מיט אַזאַ איינפאַל קומען אין דער צייט פון שטרייק! דעמלט וואָלט דאָס געווען גאָר אַן אַנדער ענין. מע וואָלט אַריינגעזעצט נישט בלויז דזשיאַנין, נאָר נאָך עטלעכע. די צייטונגען וואָלטן געשריבן, אַז די קאָמוניסטן העלפן די שטרייקנדיקע מיט געלט, וואָס קומען פון גנבה. נאַטירלעך, צוליב מאַנגל אין באַווייזן, וואָלט מען שפּעטער אַלעמען באַפרייט, אָבער דערווייל וואָלט מען אַ סוף געמאַכט צום שטרייק. אויף אַזאַ המצאה, אַז דאָס געלט איז געגאַנגען פאַר די שטרייקנדיקע, איז מסתמא פיליפּעלאָ אַליין נישט געפאַלן. דאָס איז אַ גוט שטיקל אַרבעט. אָבער דער סערזשאַנט פון קראָטאָנע איז ביי דעם אַלעמען נישט קיין נאַר, און ער האָט דאָס אַלץ ווי געהעריק נישט באַטראַכט. ערשט איך האָב אים געמוזט געבן צו פאַרשטיין, אַז איצט, ווען דער שטרייק איז שוין פאַרענדיקט, איז נישט כדאי אויסצושטעלן די פּאָליציי אויף געלעכטער, ווייל יעדעס קינד אין קאַלאַבריע וועט פאַרשטיין, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער גנבה איז אַ ליגן. דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטנס, ווען אַפילו אַנדזשעלינאַ זאָל האָבן געגנבעט, וואָס פאַר אַ באַווייזן זענען פאַראַן קעגן דזשיאַנין? זוכט אַנדזשעלינען! אָבער אַנדזשעלינען קאָן די פּאָליציי נישט געפינען. ענדלעך האָט דער סערזשאַנט פון קראָטאָנע

איינגעזען, אַז איך האָב רעכט, אַז ס׳איז נישט כדאי צוליב פּיליפּעלאָן איינ־שטעלן זיך און זיין אמת. נו, און דזשיאַני איז שוין היינט אויף דער פריי!

— און דו ביסט אויך אַ כלי, זאָל גאָט אָפּהיטן מיט דיר האָבן צו טאָן, — האָט געזאָגט אַברוצעזע.

— מיט וועמען האָב איך צו טאָן? — האָט פּרעצאָ געפרעגט, — מיט פּי־ליפּעלאָן? הער, „סינדאַקאָ“, זאָלן אַלע בירגער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ דיך אַזוי אכטן, ווי איך אכט דיך און שעץ... נאָר דאָס מאָל ביסטו נישט גערעכט. איך בין שטענדיק אויף דער זייט פון געזעץ. איך האָב פיינט, אַז עמעצער וויל זיך אַרויסדרייען מיט אַ גלעזל ווייַן. אויב ער וויל אָפּנעמען אַנדזשעלינען, טאָ זאָל עס אים אַ ביסל קאָסטן. זאָל ער זי אויסגעבן פאַר אַ לייטישן בחור. נישט קיין רייכן, אָבער אַן אָרנטלעכן. אפשר נישט? און זאָל ער וויסן אויפן צווייטן מאָל, אַז ס׳איז נישט גענוג איינצוזעצן דזשיאַנין אין תפיסה, כדי אַנדזשעליגאַ זאָל אַליין קומען צו לויפן צו אים. אַן אַלטער באָק! ער האָט געוואָלט, אַז אַנדזשע־לינאַ זאָל קומען אין קאָמיסאַריאַט. מיר איז נישט געפעלן געוואָרן אַזאַ פּלאַן. צי בין איך גערעכט, „סינדאַקאָ“? אפשר נישט? — דער קאַראַביניער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַברוצעזען אין אַקסל און זיך צעלאַכט.

דער „סינדאַקאָ“ האָט אים אַ שטויס געטאָן מיט דער פויסט אין בויך, וועלכער איז געווען שטאַרק אויסגעפּאַסט מיט די גילדענע קנעפּ פון זיין הער־גרויער פּאָליציייִשער מאַרינאַרקע.

— אָבער, — האָט זיך פּרעצאָ אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופן, — פּיליפּעלאָ איז איינגעשפּאַרט. עס וועט זיך גאָר אַזוי נישט ענדיקן. איך פיל מיט מיין נאָז עפּעס אַ שלעכטן ריח. ער וועט זיך נישט באַרויקן, דער אַלטער באָק.

קאפיטל זעקס

I

אויף פֿאַסכע האָט מאַריאַ פֿאַרבעטן צו זיך קאָנטשעטאָן. און פֿון דעמלט האָט דער יונגער בחור אָנגעהויבן קומען צו איר אַלע אָפּטער. אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ האָט מען גערעדט און געשמועסט, אַז ער וועט גיכער געקאָנט זיין איר לעצט מפּיל־קינד. אזוי האָבן אלע געגעבן מאריען פֿיל מער יאָר, איידער זי האָט געהאט אין דער אמתן. פּאסקאלינא, די אָנגאָזיקע אקושערקע, וועלכע האָט אלע געבוירענע אין דאָרף אָן איר הילף געהאלטן פֿאַר עלטער פֿון זיך, האָט דערציילט, אַז זי איז נאָך געווען א קליין מיידעלע, ווען מאַריאַ איז שוין געווען רייף חתונה צו האָבן. מע האָט געוווסט, אז דאָס איז נישט אמת, אָבער קיינער האָט נישט געוואגט צו רעדן איר אנטקעגן מחמת שרעק פֿאַר א גוט־אויג. איבעריקנס, איז מאַריאַ צו דרייצן יאָר שוין געווען אן אמתע פרוי און האָט אויסגעזען ווי היינט. זייט צוואָנציק יאָר האָט מען זי געדענקט מיט דעם זעלבן פֿארביסענעם און דארן פּנים, בלישטשענדיקע אויגן און מיט אקסלען עטוואָס איינגעהויקערטע איבער דער פֿלאכער ברוסט. מע האָט דעריבער מסכים געווען מיט פּאסקאלינען, נאָך מער דערפֿאר, וואָס אין דאָרף האָט קיינער מאריען נישט ליב געהאט. קיינער האָט פֿון איר נישט געהערט קיין גוט וואָרט; ווען מע האָט איר געטראָפֿן אין גאס, האָט זי אָפּגעקערט דעם קאָפּ, כּדי נישט צו זאָגן קיין גוט־מאָרגן. זי האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין יינגלעך, ווען זי איז נאָך געווען יונג, זי האָט זיך נישט געחברט מיט קיין מיידלעך אין איין עלטער מיט איר. זי איז נישט געגאנגען נישט אין קאָשטשיאָל, נישט אויף קיין פּארוויילונגען, אַפֿילו נישט אין יום־טוב פֿון „סאַנטאַ קיאַראַ ד'אַסיסי“, דער פּאַטראָנעסע פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ, ווען אויפֿן פּלאַץ, וועלכער האָט דעמלט נאָך נישט געהייסן פֿרייהייטס־פּלאַץ, זענען געקומען צו פֿאָרן א קארוזעלע, א פֿייער־שלינגער, א פּארקויפֿער פֿון פּעטער שינקען און הענדלער מיט ביליקע זייגערלעך.

און איצט האָט זי פּלוצעם אַרויסגעוויזן א ווילגעוויגטקייט צום יונגן קאָנטשעטאָ.

צו דער שכנטע דזשודיטאַ פון באַנאַקאַסאַ, דער פרוי פון סאַנדראָן, וועלכע האָט אין יאָר פון דער גרויסער טריקעניש ארויסגעטריבן פון שטוב דעם אלטן שווער, דעם קאָשטשיאָל־באַדיגער אנדרעאָ, זענען געקומען פרויען פון די ווייטסטע געסלעך. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך דאָס שפינדל מיט וואָל, וועלכע עס האָט זיי געגעבן פיליפעלאָ צום שפינען, און האָבן זיך אויסגעזעצט אונטער דער געמויערטער וועלבונג פון שמאָלן און קאַלטן הויף, פון וועלכן מע האָט דורך דער אָפענער טיר געקאָנט זען אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אין שטוב פון לאַ מיטאָ. ווען ס'איז געקומען דער קליינער קאָנטשעטאָ מיט די לאַטעס אויפן הינטן און גלאַנציקן קאָפּ פון אייל, האָבן די פרויען זיך איבערגעבויגן איבער זייערע שפינדלעך און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. און אימאַקאָלאַטאַ האָט געוויינט אין די ווינקלען פון בושה. זי האָט אויסגעמיטן די שכנות, וועלכע זענען ניי־געריק געווען צו וויסן, צי עס געפעלט איר דער קומענדיקער איידעם און ווען מע וועט שוין ענדלעך טרינקען ווייַן אויף מאַריעס חתונה. בלויז פראַנצעסקאַ האָט זיך געקאַכט, וואָרנדיק אימאַקאָלאַטען פאַר אַן אומגליק. פון אַזאַ פּאָרל קאָן קיין שום גוטס נישט אַרויסקומען. אויב מע קלייבט זיך צו נישט צו דער פּאָר, אַנדויקט זיך יעס, ווי מיט דער אָרעמער לואיזען.

אימאַקאָלאַטאַ האָט זיך אויסגעווישט מיטן ברעג פון שווארצן טיכל די אויגן, אָבער וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? צי וועט מאַריאַ איר הערן? עס איז נאָך געווען ערגער, ווי פראַנצעסקאַ האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. פראַנצעסקאַ האָט נישט געוווסט אַלץ. מאַריאַ האָט גאָר נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קאָנטשעטאָן: פאַר מאַריען האָט דער מאַן געקאָנט האָבן הונדערט יאָר, די ביי־נער זאָלן זיך שוין פון אים שיטן, אבי ער זאָל זיין א רייכער באַלעבאָס. צו וואָס איז איר דעריבער געווען נייטיק דאָס דאָזיקע ייִנגל, האָט בלויז איין גאָט אין הימל געקאָנט וויסן!

אָבער איין מאָל האָט אימאַקאָלאַטאַ געוואַגט וואָרענען דער טאָכטער, אַז זי זאָל קיינעם אומזיסט דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען, ווייל דאָס איז אַ זינד, וועלכע „סאַנטאַ קיאַראַ“ וועט איר נישט מוחל זיין. מאַריאַ האָט אויפגעהויבן אַזאַ געשריי, אַז טאַטאָ איז צו איר צו מיט די פויסטן.

— איך וועל דעם דאָזיקן סמאַרקאַטש פון שטוב דורכטרייבן! — האָט ער איר געדראָט.

— וועל איך זיך מיט אים טרעפן אין פעלד, — האָט מאַריאַ געענטפערט, עפּעס פלוציעם אינגאַנצן אַ בארואיקטע.

— אין פעלד וועסטו מיט אים נישט גיין, — האָט זיך פאַרוויטלט אימאַ־קאָלאַטאַ.

— פאַרוואָס עפּעס נישט? — האָט מאַריאַ געפרעגט.

אַמאַקאָלאַטאַ האָט פֿאַרפֿלאָכטן די מאָגערע הענט צווישן די קני. זי האָט אַ פֿאַרשעמטע אַ קוק געטאָן אויפֿן זון. זי האָט געוווּסט, אַז סאַלוואַטאָרע טראַכט דאָס זעלבע, וואָס זי. מאַריאַ האָט פֿאַרפֿירט דעם נאַרישן בחור, אָבער זי האָט שטענדיק געדענקט, אַז זי זאָל מיט אים לאַנג נישט פֿאַרבלייבן אויג אויף אויג. דעם בחור האָבן געברענט די באַקן, ווען אין שטוב איז קיינער נישט געווען אויסער מאַריען, ער האָט עפּעס געשטאַמלט, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן, און מיט הער צונג אָפּגעלעקט די טרוקענע ליפּן. ער איז נאָך ווי פֿריער כמעט טאָג־טעגלעך געגאַנגען קיין קראָטאָנע, טראָגנדיק אייער און עופֿות, וועלכע עס האָבן אים געגעבן צו פֿאַרקויפֿן די פֿרויען, וואָס האָבן אַליין נישט געקאָנט גיין, אָבער אַלץ זעלטענער האָט ער שוין געבראַכט די „אוניטאַ“, און אַלץ זעלטענער האָט ער זי געלייענט אויפֿן קול פֿאַר די נישט גראַמאָטנע לויען־אַרבעטער.

נישט געקוקט אויף אַלץ, האָט קאָנטשעטאָ נישט אויפֿגעהערט צו זיין אין דער סעקציע, און מאַריאַ האָט געוווּסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי די קאָמוניסטן. זי האָט אויך אייניקע פֿון די ערשטע געוווּסט די נעמען פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן צעאַקערט און פֿאַרזייט אַ שטיק פֿעלד אין פּראַגאַלאַ־טאַל.

— נעכטן איז אַרמאַנדאָ געווען ביי דזשאַנין, — האָט קאָנטשעטאָ דערציילט. — דזשאַני האָט אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס האָבן אַזוי ווייניק מענטשן צוגעהאָלפֿן ביים פֿאַרנעמען ערד, אַז מע האָט באַדאַרפֿט מער אַרבעטער אַריינציען. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס ס'איז ביז איצט נאָך נישטאָ קיין פֿאַריין. און ער האָט אים אָנגעזאָגט צו שאַפֿן אַזאַ פֿאַריין פֿון לויען־אַרבעטער.

— נאָך דאָס פֿעלט אונדז דאָ, — האָט געזאָגט מאַריאַ.

— מע דאַרף זאַמלען כוחות צום קאַמף פֿאַר אַרבעט און נאָך פֿאַר אַנדערע וויכטיקע זאַכן, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט אויף דער פֿאַרזאַמלונג, — און דערמאָלט וועלן די קאָמוניסטן זיגן, — האָט קאָנטשעטאָ דערציילט.

— פֿאַר וועלכע נאָך אַנדערע זאַכן, טשעקאַווע? — האָט מאַריאַ געפֿרעגט.

— וואָס גייען דיך פּלוצעם אַזוי אָן די קאָמוניסטן? — האָט זיך אָנגערופֿן סאַלוואַטאָרע.

— איך האָב שוין צוויי ברידער קאָמוניסטן, דעריבער גייען זיי מיך אָן. נישט מער, איינער איז אַ קלוגער און דער צווייטער אַ נאַר. נאָר קאָנסט זיך טרייסטן, טאַטאָ, קלוג ווערן איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. נעכטן האָט מיר פּיפּעלאָ געפֿרעגט וועגן דיר. איך האָב אים געזאָגט, אַז דו ביסט נאָך נישט קלוגער געוואָרן.

סאַלוואַטאָרע האָט פֿאַרטרעטן מיט דער פֿוס דאָס רעשט שטיקל פּאַפּיראָס און פֿאַרקריצט די ציין. פּלוצעם איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון קאַסטן און זיך געווענדעט צו קאָנטשעטאָ:

— און דיר, אויב עס בייסט דיר די צונג, פֿאַרשטופּ זי זיך אין...

קאָנטשעטאָ האָט זיך אָנגעצונדן:

— אויך מיר אַ קאָמוניסט געוואָרן! מיט פּרעצאָן האָט ער זיך אָפּגערעדט, ווי אַזוי אַנדזשעליניען אויסצושפּיאָנירן, און איצט משפּעט ער זיך צו מיר.

סאַלוואַטאָרע איז צו אים צוגעגאַנגען, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, אָנגענומען פאַרן קאָלנער און ווי אַ הינטל אַרויסגעטראָגן אויף יענער זייט שוועל.

II

אויף דער טיר פון דער סעקציע האָט קאָנטשעטאָ צוגעקלעפּט אַן אַלטע צייטונג „אוניטאַ“. אויף איר איז געווען אָנגעשריבן מיט דיקע אותיות, לייענבאַרע אַפילו פאַר אַ קינד, אַז זונטיק דעם 22־טן אַפּריל, זעקס אַ זייגער וועט אויף דעם פרייהייטס־פּלאַץ פאָרקומען אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג. וועגן שאַפן אַ פאַריין פון לויף־אַרבעטער אין ראָקאַ די דזאָלפאָ וועלן רעדן: דער סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די כעמישע אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני אין קראָטאָנע, דזשיאַני לאָ מעאָ, און סעבאַסטיאַנאָ נאָצע. דעם צווייטן האָט אין ראָקאַ די דזאָלפאָ קיינער נישט געקענט. אַרמאַנדאָ האָט בלויז געוווסט, אַז ער שטאַמט פון צפון.

ווען סאַלוואַטאָרע האָט איבערגעלייענט די מעלדונג, האָט ער געטראַכט, אַז דזשיאַני וועט זיכער מיטנעמען אַנדזשעליניען קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ. ער וועט וועלן ווייזן, אַז ער האָט נישט מורא פאַר פיליפּעלאָן. אַנדזשעלינאַ וועט הייסט עם שלאָפן אויף דעם זעלבן שמוציקן געלעגער, וואָס ער?

דערזעענדיק סאַלוואַטאָרען, איז קאָנטשעטאָ בלאַס געוואָרן און זיך צוריקגעצויגן. גאָר באַמערקנדיק, אַז סאַלוואַטאָרע שמייכלט, האָט ער צוגעדעקט די מעלדונג מיט די הענט:

— דאָס איז נישט פאַר אַזעלכע ווי דו!

— נישט געקוקט דערויף, וואָס איך הייס אויך לאָ מעאָ? — טאָטאָ האָט אים לייכט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ.

— נו, איז וואָס, אַז דו הייסט לאָ מעאָ? — האָט זיך פאַרקרומט קאָנטשעטאָ, — קין איז אויך געווען אַ ברודער.

— דאָס האָט מאַטעאָ דיך אויסגעלערנט די דאָזיקע ביבל? — האָט געפרעגט סאַלוואַטאָרע.

— מאַטעאָ, צי נישט מאַטעאָ, אַלע זאָגן אַזוי. פיליפּעלאָס שאָף ווילסטו דאָך. אַפילו מאַריאַ ווייסט, אַז דו האָסט געוואָלט דזשיאַנין שלעכטס טאָן, ווייל ער האָט אַנדזשעליניען. — קאָנטשעטאָ האָט זיך פאַרשטעלט מיטן אָרעם.

אָבער סאַלוואַטאָרע האָט צוריקגעצויגן, דעם אויפגעהויבענעם פויסט און אַרויסגעשטאַמלט בלויז:

— דו סמאַרקאַטש!

אין דער מינוט איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם לאָקאַל פון דער סעקציע אַר־מאַנדאָ. קאָנטשעטאַ האָט שנעל אָנגעהויבן אויסצוגלעטן די צעקנייטשטע בריגן פון דער מעלדונג. אַרמאַנדאָ האָט זיך אָנגעשטעלט הינטער קאָנטשעטאָן מיט די פּלייצעס צו סאַלוואַטאָרען און געלייענט וואָרט ביי וואָרט פּאַמעלעך און הויך, ווי ער זאָל זוכן פעלערן אין דער מעלדונג.

סאַלוואַטאָרע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך האָב שוין פריער איבערגעלייענט. מאַטער זיך נישט, אַרמאַנדאָ.

— איז ווען־זשע וועסטו קומען, טאַטאַ? — אַרמאַנדאָ האָט זיך אויסגעדרייט, אַ ביסל טרויעריק מיט דער האַנט דאָס שמעקעדיקע פּנים.

— שוין פון אַ חודש, אַז איר רעדט וועגן דעם פּאַריין, און איר לייגט אַלץ אָפּ. צי געדויערט יעדע זאַך ביי אייך אַזוי לאַנג? — טאַטאַ האָט אָנגעבלאָזן די אונטערשטע ליפּ.

— דאַגה נישט, סאַלוואַטאָרע, מיר וועלן באַווייזן. — האָט געזאָגט אַר־מאַנדאָ.

— יאָ, מיט אַזעלכע ווי קאָנטשעטאָ, זיכער.

— נו, וועסטו קומען, טאַטאַ? — האָט נאָכאַמאָל געפרעגט אַרמאַנדאָ.

— איך ווייס נאָך נישט.

— און ווען וועסטו וויסן?

סאַלוואַטאָרע האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען.

— נו, גוט, קאָנטשעטאַ, איצט וועלן מיר זיך נעמען אָנצושרייבן אַ טראַנס־פּאַרענט. קום, — אַרמאַנדאָ האָט אַ שאָקל געטאָן צו קאָנטשעטאָן מיטן קאָפּ און ביידע זענען אַריינגעגאַנגען אין לאָקאַל.

III

אָבער ביז שבת פאַרנאַכט איז נישט געווען באַוווסט, צי דער מיטינג וועט פאָרקומען. דזשיאַני איז ווידער געוואָרן אַרעסטירט.

פרייטיק אין אָוונט האָט סאַלוואַטאָרע דערהערט אַ הוסטן, דאָס איז גע־ווען קאָנטשעטאָס ציכן. פון זינט סאַלוואַטאָרע האָט אים אַרויסגעוואָרפן, האָט ער אויף אַזאַ אופן אַרויסגערופן מאַריען פון שטוב. מאַריאַ פלעגט געווינלעך אַפּציען מיטן אַרויסגיין. דאָס מאָל אָבער איז זי אַרויסגעלאָפן, נישט גענומ־דיק אַפילו קיין טיכל אויפן קאָפּ.

זי האָט זיך צוריקגעקערט מיט דער ידיעה וועגן דעם ארעסט פון דזשיאַני. אימאַקאָלאַטאַ האָט שטיל אָנגעהויבן צו זיפצן. זי האָט זיך אונטערגעהויבן פון געלעגער, פאַרבראָכן די הענט און געשעפּטשעט:

— מיין זון, מיין זון, איצט וועט מען אים שוין נישט ארויסלאָזן.

— הערט אויף, — האָט אויף איר א געשריי געטאָן מאַריאַ.

סאַלוואַטאָרע איז א גאַנצן טאָג נישט אַראָפּגעקראָכן פון געלעגער. ער האָט געהאַט געשוואָלענע פיס און אין דער פרי, ווען ער האָט געוואָלט אויפשטיין, האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ. ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. ער האָט באַדויערט, וואָס ער איז נישט ארויסגעגאַנגען מיט מאַריען. ער וואָלט געפרעגט קאָנטשעטאַן, ווען מע האָט אים אַרעסטירט, און פאַרוואָס. אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרויסזען, אַז קאָנטשעטאַ וועט קומען פון קראָטאָנע מיט אַזאַ ידיעה.

מאַריאַ האָט זיך געדרייט איבער דער שטוב. אין דער פינצטער האָט זי אָנגעשעפּט א ביסל וואַסער פון פעסל. מע האָט געהערט, ווי זי טרינקט. דער־נאָך איז זי ווידער צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי פאַרמאַכט.

— עפן אויף די טיר. עס איז אַזוי אויך דערשטיקט צו ווערן, — האָט סאַל־וואַטאָרע זיך צעבייזערט.

מאַריאַ האָט צוריק אויפגעעפנט די טיר. אימאַקאָלאַטאַ האָט געוויינט, סמאַרקענדיק מיט דער נאָז.

— פונוואַנען ווייסט קאָנטשעטאַ? ווער האָט אים געזאָגט? האָט סאַלוואַ־טאָרע געפרעגט.

— קאָנטשעטאַ? — האָט זיך מאַריאַ פאַרוואונדערט, — דאָס איז בכלל נישט געווען יער.

— זאָגסט ליגן! — האָט טאַטאַ א געשריי געטאָן, אויפרייסנדיק זיך פון געלעגער. — טאַ ווער זשע האָט עס דיר געזאָגט, אויב נישט ער? מיט וועמען האָסטו דיך איצט געזען, אויב נישט מיט אים?

— אַלע ווייסן שוין. ווער, ווער, אָבער דו דאַרפסט איצט זיצן שטיל.

טאַטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער דעם געלעגער די שיך און זיי אָנגעהויבן אָנצוטאָן. די הענט האָבן אים געציטערט.

— גיב מיר דעם שינעל, — האָט ער געזאָגט.

— צי וואָס איז דיר איצט נייטיק דער שינעל? — מאַריאַ האָט זיך דער־שראָקן צו זיין געלעגער. — וואָס איז דיר? ציטערסט איבעראַנצן. וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט, דזשיאַני וואָלט זיך אַזוי נישט איבערגענומען וועגן דיר, ווי דו וועגן אים.

— גיב דעם שינעל, זאָג איך דיר!

— איך וועל אים דיר באַלד געבן, איך דאַרף אים א זאַך טאָן. וווּהין ווילסטו גיין? בעסער, אַז דו זאָלסט ליגן. קוים וואָס דו האַלטסט זיך אויף די פיס.

— נישט דיין זאך. גיב אהער דעם שינעל.

— נישט מיין זאך? איך קלער וועגן דיר מער, ווי דו אליין. דזשיאַני קלערט וועגן דיר? צי וועגן מיר? פון זינט ער האָט אנדזשעליגען, האָט ער אונדז קיין פרוטה נישט צוגעשיקט. אים פעלט גאָרנישט! צי דאַגהט ער, וואָס דו קאָנסט שוין אויף די פיס נישט גיין פון הונגער? ווי לאַנג קאָנסטו אזוי לעבן? דו נאר!

— וווּ איז דער שינעל? — סאלוואטאָרע האָט אָפּגעשטופּט מאַריען און אין דער פינצטער איז ער צוגעגאַנגען צו דעם קאסטן, וועלכער איז געשטאַנען אין ווינקל. עס האָט א סקריפּע געטאָן די דעק.

— איצט וועט שוין אַפילו פרעצאָ נישט העלפן, — האָט מאַריאַ געזאָגט, שטיקנדיק זיך פון כעס. — דו נאר! איצט וועט שוין אנדזשעלינא זיך מוזן צוריקקערן אהיים, — זי איז צוגעלאָפן צום קאסטן און אָנגעכאַפּט סאלוואטאָרען פאַרן אָרעם. — ניין, וועסט אין ערגעץ נישט גיין, — האָט זי געשריגן, ארויסרייסנדיק ביי אים דעם שינעל. — איך וועל דיר נישט לאָזן גיין. פאַר דיין טובה וועגן, טאַטאָ „מיאָ“, אנדזשעלינא וועט מאָרגן זיך אומקערן קיין ראָקא די דזאָלפאָ, צו אונדז.

— אוי, גאָט מיינער, גאָט מיינער, — האָט אימאַקאָלאַטא געקרעכצט.

— גוט, גיי, אזוי צי אזוי וועסטו גאָרנישט העלפן. נאָר איך זאָג דיר צום לעצטן מאָל. באַטראַכט זיך, באַטראַכט זיך! איך קאָן שוין אויך נישט מער. איך וועל א שפּיי טאָן אויף אייך אַלע. איך וועל אייך איבערלאָזן. פּגרט דאָ אליין מיט דער אַלטער, — מאַריאַ האָט מיט אַלע כוחות אַ שטויס געטאָן סאַלוואַטאָרען אין ברוסט און פאַרהאַקט די דעק פון קאַסטן. אַ ווײַלע האָט זי נאָך געקוקט, ווי סאלוואטאָרע טוט אָן אויף זיך דעם שינעל, דערנאָך האָט זי א שפּיי געטאָן צו זיינע פיס און ארויסגעלאָפן פון שטוב, איבערלאָזנדיק די טיר ברייט צעעפנט.

סאלוואטאָרע האָט אָפּגעווישט מיטן ארבל פון שינעל דעם קאלטן שווייס פון זיין שטערן. ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד די שעפּ, איינגעטונקען זי אין פּעסל און לאַנג געטרונקען די קאלטע וואסער.

ארויסגייענדיק, האָט ער געהערט דאָס געוויין פון דער מוטער:

— קינדער, לאָזט מיך נישט איבער אליין, קינדער.

IV

סאלוואטאָרע האָט נישט געטראָפן ארמאנדאָן אין שטוב. דזשיאָוואַנא איז געלעגן קראַנק. פון זינט זי איז דערמלט געפאלן אין חלשות אויפן בערגל, האָט זי שוין נישט געקאָנט קומען צו זיך.

— ער איז נישט לאַנג אַרויסגעגאַנגען, — האָט זי געזאָגט, — און וועט מסתמא אײַנגיכן קומען. ער איז פאַרנומען מיטן מיטינג. ער גייט אַרום איבער די שטיבער די מענטשן צו איבערצייגן.

און צי סאַלוואַטאָרע וועט אויך זײַן זונטיק אויף דעם פרײַהייטס־פּלאַץ? זי פילט זיך שוין א סך בעסער. זי וועט זיכער אויפשטיין און גיין הערן. נישט דערפאַר, וואָס אַרמאַנדאָ זאָגט, אַז דאָס איז זייער אַ וויכטיקע פאַרזאַמלונג. מעגלעך, אַז זי איז אַ וויכטיקע, אָבער וויפל זענען דאָ אַזעלכע, וואָס וועלן אפילו נישט וועלן קומען. נישט אמת? ווײַל פאַר זיי דאַרף מען האָבן א מוסאָליני, וועלכער האָט באַפוילן צונויפצוטרייבן אויפן פּלאַץ, ווען ער האָט גערעדט. ער האָט גערעדט אין רוים און אין ראָקאַ די דזאָלפאָ האָבן אים אַלע געמוזט הערן דורכן ראַדיאָ, וועלכן מע האָט געבראַכט פון קראָטאָנע. סאַלוואַטאָרע געדענקט? זיכער, געדענקט ער. די מענטשן זענען געשטאַנען מיט אַנטבלויזטע קעפּ, ווי אויף א לוויה, און געשוויגן. דערנאָך האָט דער קאַראַביניער אויסגעשריגן —,,זאָל לעבן" און אַלע האָבן אים נאָכגעשריגן. דערנאָך זענען אַלע שטיל אַהיימגעגאַנגען. דזשיאָוואַנאַ האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט. אָבער ווען דאָס זאָל זײַן אָפּהענגיק פון איר, וואָלט זי געראָטן ווייניקער רעדן און מער טאָן. אַזאַ פיצל ערד אין פראַגאַלאַ־טאָל האָט קיין שום באַדײַטונג נישט. מע וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען דעם גאַנצן טאָל! לענגער קאָן מען שוין אַזוי נישט לעבן. אָבער די מאַנסלײַט זענען נאַריש, פויל און פּחדנותדיק. אַרמאַנדאָ זאָגט, אַז מע דאַרף זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. אָבער ווּ קומט דאָ פּראָוואָצירן? זיי זענען פשוט פּחדנותדיק. זיי האָבן פשוט מורא. פאַרוואָס האָבן זיי מורא, די נאַראָנים, פאַרן טויט?

וועט פאַרקומען, הייסט עס, אַ מיטינג אָן דזשיאַני. סאַלוואַטאָרע האָט פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם צווייטן פון צפון. זעט אויס, אַז בײַ זיי איז שטענדיק אַזוי, פון פאָרויס שטעלט מען אַרויס צוויי. אויב מען אַרעסטירט איינעם, איז דאָ דער צווייטער.

— וואָס וואָלט דזשיאָוואַנאַ געזאָגט, ווען מע זאָל געווען אַרמאַנדאָן אַרעסטירן און דזשיאַני, למשל, וואָלט אַרומגעגאַנגען איבער די שטיבער איבערצייגן די מענטשן?

דזשיאָוואַנאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין דער קישן.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי געזאָגט, — פאַרוואָס זאָל מען עפּעס אַרעסטירן אַרמאַנדאָן?

דזשיאָוואַנאַ, הייסט עס, ווייסט פון גאָרנישט. אַרמאַנדאָ האָט נישט געוואָלט איר פאַרשאַפן קיין צרות.

— אך, גאָרנישט, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — איך האָב זיך בלויז געוויצלט.

אויף דער גאַס האָט ער געטראָפן מינקוטשיאָן. ערשט איצט האָט ער זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט. זינט אַנדזשעלינאַ איז נישטאָ, מוז ער אויך אַרבעטן פאַר איר ביז שפּעט אין אָוונט. דזשיאָוואַנאַ האָט אַלץ געשיקט אַרמאַנדאָן צו פיליפּעלאָן, ער זאָל זיך מיט אים קריגן, אָבער אַרמאַנדאָ האָט בלויז צוגעזאָגט טאָגטעגליך, אַז ער וועט גיין. ווען מינקוטשיאָ האָט אַליין געזאָגט, אַז ער וועט אַזויפיל נישט אַרבעטן, האָט פיליפּעלאָ געענטפערט, אַז אויף זיין אָרט וועט ער קריגן צען דערוואַקסענע. ער קאָן זיך אַוועקגיין אַפילו מאָרגן.

— דו ווייסט נישט, מינקוטשיאָ, וווּ ס'איז איצט דיין טאַטע? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט.

— אין דער סעקציע, ער האָט דאָרט אַ פאַרזאַמלונג. גיי, טאַטאָ, אַלע זענען דאָרט דאָ. ער רעדט וועגן דעם זונטיקדיקן מיטינג, — מינקוטשיאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן סאַלוואַטאָרען אין פּלייצע. — גיי, גיי.

— הער נאָר, מינקוטשיאָ, דו ביסט דאָך עפּעס אַ קלוגער יינגל, ווער וועט רעדן אויפן מיטינג?

— דיין ברודער דזשיאַני און נאָך איינער. האָסט נישט געלייענט די מעלדונג? — מינקוטשיאָ האָט אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר שוואַרצע אויגן ווי איילבירטן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ מיט אומצופרידנקייט.

— הער אויס, מיין טייערער, דזשיאַני איז אַרעסטירט. צי דו ווייסט נישט דערפון?

— איך ווייס פון גאָרנישט, — האָט מינקוטשיאָ געזאָגט אַן איבערגעשראָקענער.

— ווייסט דאָס קיינער נישט אויסער קאָנטשעטאָן, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — אויסטערליש.

— קאָנטשעטאָ? — האָט מינקוטשיאָ איבערגעפרעגט. — איך האָב אים ערשט געזען, ווי ער איז אַריינגעגאַנגען צו פיליפּעלאָן.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן:

— פיליפּעלאָ!

מינקוטשיאָ האָט זיך צעלאַכט, ווייזנדיק אין לבנה־ליכט זיינע שטשערבאַטע ציין.

— יאָ, צו פיליפּעלאָן, צו פיליפּעלאָן, — האָט ער איבערגעחזרט, — מיט דיין שוועסטער מאַריאַ.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן יינגל. אַ רגע האָט ער געשוויגן, דערנאָך האָט ער אים אָנגענומען פאַר דער גאָמבע:

— מינקוטשיאָ, — האָט ער געזאָגט, — דאָס הייסט, אַז דו האָסט זיי אַליין געזען, מיט דיינע אייגענע אויגן? יאָ. גוט... נו, גיי שוין אַהיים. דאָרט

ליגט דײַן מאַמע אײנע אַלײן. מע דאַרף איר אַלטינג געבן. און זאָג איר גאָרנישט וועגן דעם אַלעמען. גײ, גײ, מיקוטשיאַ.

סאַלוואַטאָרע איז קײנמאָל נישט געווען אין דער סעקציע. צי איז אַזאַ ווי ער דערלויבט אַרײַנצוגײן אין דער צײַט פֿון אַ פֿאַרזאַמלונג? ער וועט עמעצן בעטן, מע זאָל אַרויסרופֿן אַרמאַנדאָן. דער קלײנער מאַטעאָ און קאָנטשעטאָ געהערן אויך נישט צו דער פּאַרטײ און זײ גײען אַלײן, וווּ זײ ווילן. אָבער זײ האָט מען געהאַלטן פֿאַר קאָמוניסטן אָן לעגיטימאַציעס. ער וועט נישט אַרײַנגײן אינעווייניק, נאָר ער וועט אַרויסרופֿן אַרמאַנדאָן דורכן פֿענצטער. כּדי מע זאָל נישט זאָגן, אַז ער איז געקומען אונטערהערן, וועט ער גלײַך אַ געשרײ טאָן: „אַרמאַנדאָ“! ער וועט אים נאָר פֿרעגן, צי ער ווייסט, אַז ס'איז אַרעסטירט דזשיאַני. און פֿאַר וואָס. וואָרעם עס קאָן דאָך נישט זײַן, אַז אַרמאַנדאָ זאָל נישט וויסן, פֿאַר וואָס עס איז אַרעסטירט אַזאַ קאָמוניסט ווי דזשיאַני. און אויב קאָנטשעטאָ איז שוין דערווײַל געווען אין דער סעקציע און דערציילט? און אפֿשר איז שוין איצט קאָנטשעטאָ דאָ אין לאָקאַל, אפֿשר האָט ער זיך שוין אומגעקערט פֿון פֿיליפּעלאָן? אויב אַרמאַנדאָ ווייסט שוין פֿון קאָנטשעטאָן, אַז דזשיאַני איז אַרעסטירט? וועט קײנער דאָך אין גאָרנישט חושד זײַן קאָנטשעטאָן? און אַנדזשעלינאַ וועט זיך צוריק אומקערן קײן ראָקאַ די דזאַלפּאַ? ער איז גאָרנישט שולדיק, וואָס אַנדזשעלינאַ וועט זיך אומקערן קײן ראָקאַ די דזאַלפּאַ.

דער ראַדיאָ האָט געשוויגן, דאָס הייסט, אַז די פֿאַרזאַמלונג קומט נאָך פֿאָר. סאַלוואַטאָרע האָט זיך דערנענטערט צום שטיבל פֿון לעליאָ דעם קרעמער. עמעצער וועט זיכער באַלד אַרויסקומען. ער וועט בעטן אַרויסרופֿן אַרמאַנדאָן, אָבער בײַ די קאָמוניסטן גײט קײנער נישט אַרויס בעת אַ באַראַטונג.

פֿון גײן גײן האָט ער זיך פֿאַרשוויצט. עס האָט אים געשווערט דער שינעל, עס האָבן אים געשווערט די פֿערמער־שיך. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס פֿון הונגער. דאָס האָט מאַריאַ ריכטיק געזאָגט. ער האָט אָנגערירט אונטערן שינעל די אײבערשטע קעשענע פֿון דער מיליטערישער בלוזע און זיך באַרואיקט. ער האָט מיט די פֿינגער אָנגעטאַפּט אַ האַרטע זאַך. עס זענען אים נאָך פֿאַרבליבן דרײַ פֿונט שטערלינג. מאָרגן וועט ער גײן אין שטאָט און קויפֿן פֿלייש, ווײַן און לאָקשן. אפֿשר איז דאָס אמת, אַז אַנדזשעלינאַ וועט וווינען מיט אים אונטער אײן דאַך. צי דזשיאַני זאָרגט זיך וועגן אים? מאַריאַ האָט אמת געזאָגט. צום בעסטן וועט זײַן אַוועקצוגײן. אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. ער האָט געוואָלט זיך אָפּרוען.

קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען. עס האָט אים פֿאַרהאַלטן אַ שטים, וועלכע איז דורכגעדרונגען פֿון אינעווייניק דורכן קאָרידאָר, אַ באַקאַנטע שטים פֿון די קינדער־יאָרן. וועמענס קול זאָל דאָס זיין? ראָזאַריאָס, דעם זון פֿון דער געשטאָרבענער אַננאַ דער אַלמנה? סאַנדראָס, דעם זון פֿון אַלטן אַנדרעאַ? וויטאָס, דעם אייגנטימער פֿון דער „שאַראַבאַלע“? ניין. דאָס איז געווען נאָך לענגער. סאַלוואַטאָרע איז צוגעגאַנגען נאָך נעענטער, כּדי זיך צוצוהערן צו דער שטים. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר. אין דער פֿינצטער האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף דער טיר. ער האָט צוגעלייגט צו איר דאָס אויער, די לייכטע טיר פֿון ווייכן האָלץ, שטערוויז געלאַטעט מיט דיקט, האָט אַ ציטער געטאָן ווי אַ לעבעדיקע זאַך און זיך געעפֿנט. פֿאַמעלעך, שטיל האָט זי זיך צוריקגעצויגן אינעווייניק, ווי אַ הויף־טירל, ווען מע לאָזט עס אָפּ אַליין. דורך די פֿאַרמאַכטע ברעמען האָט ער, ווי אַ בלינדער, דערפֿילט רויט ליכט. קיינער האָט נישט געהערט דעם סקריפּ פֿון די זאַוויאַסעס. קיינער האָט אים נישט באַמערקט. קיינער האָט נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין. די פֿאַרזאַמלטע זענען געווען פֿאַרקוקט אין דאָן דאָמעניקאָ. דאָס איז געווען זיין שטים.

דער אָפּגעזאָגטער קשיאָנדז האָט געטראָגן אויף זיך די סוטאַנע, וועלכע טאָמאָ געדענקט נאָך פֿון לאַנג, אַן אויסגעריבענע און גלאַנציקע פֿון פֿעטס. אָבער דעם גרויסן מעטאַלענעם צלם אויף דער ברוסט האָט ער נישט געהאַט. דאָן דאָמעניקאָ האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אין טיש. ער האָט גערעדט אַנדערש, ווי אין קאָשטשיאָל. פּונקט אַזוי ווי אַלע אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. דאָס איז געווען אַ פּראָסטע האַרטע רעדע און נישט קיין זינגענדיקע, ווי מע הערט פֿון דער אַמבאָנע. דערפֿאַר האָט ער נישט געקאָנט דערקענען דאָס קול.

וואָס האָט דאָ געוואָלט דאָן דאָמעניקאָ? צי איז ער אויך אַ קאָמוניסט? דער קאַראַביניער, הייסט עס, האָט געהאַט רעכט? סאַלוואַטאָרע האָט זיך צוגעהערט. אָבער די ווערטער זענען דורכגעגאַנגען דורך אים, ווי וואַסער דורך אַ זיפּ. ער האָט דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און דערנאָך אַלע מאָל שוואַכער. ס'איז אים געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן. עס האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ. ער זאָל נאָר נישט אומפֿאַלן. עס האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים מיט מענטשלעכן שוויס און מיט רויך. דער שינעל האָט אים געדריקט אויף די אַקסל און געצויגן צו דער ערד. ער האָט געוואָלט כאַפּן לופֿט און, אַ פֿיר טוענדיק די האַנט איבערן פּנים, האָט ער זיכער אַ קרעכץ געטאָן, ווייל איצט האָבן זיך אַלע אומגעדרייט. די שטים פֿון דאָן דאָמעניקאָ האָט זיך איבערגעריסן.

ראָזאַריאָ און וויטאָ האָבן אים גענומען אונטער די הענט און צוגעפֿירט צום פֿענצטער. מע האָט אים אַוועקגעזעצט און צעשפּיליעט דעם שינעל. דער ווינט פֿון פֿענצטער האָט אים אויפֿגעמונטערט. ער האָט דערפֿילט אויף די ליפּן

אַ פּאָר וואַרעמע טראָפּנס וואַסער, וועלכע האָבן גערונען פֿון אַ פֿלעשל. ער האָט געעפֿנט די אויגן און טיף אָפּגעזיפֿצט.

— נו, ווי? ס'איז דיר בעסער? — האָט אַרמאַנדאָ געפֿרעגט.

— איך האָב געוואָלט בלויז פֿרעגן, פֿאַרוואָס מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין. איך, איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, — האָט סאַלוואַטאָרע אויסגעשריגן.

אַרמאַנדאָ האָט שנעל איבערגעגעבן דאָס פֿלעשל וויטאָן און זיך איינגעבויגן איבער סאַלוואַטאָרען. ער האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו זיין פּנים.

— וואָס רעדסטו? האָט ער געפֿרעגט, — ווען האָט מען אַרעסטירט?

— דזשיאַנין, נאָר איך ווייס נישט פֿאַרוואָס און איך ווייס נישט ווען. דערפֿאַר בין איך געקומען צו דיר, אַרמאַנדאָ, נאָר צו דיר. אין דער היים ביסטו נישט געווען. מינקוטשיאָ האָט מיר געהייסן גיין אַהער, — טאָטאָ האָט איבערגעריסן, אַ קוק געטאָן אויף אַרמאַנדאָן און אַ שמייכל געטאָן. — דו ווייסט נאָך אויך נישט?

— ווער האָט דיר געזאָגט? — האָט אַרמאַנדאָ געפֿרעגט.

— קאָנטשעטאָ איז דאָ נישטאָ? — צי ער איז דאָ נישט געווען? ער איז אויפֿגעשטאַנען און אים אָנגעהויבן זוכן מיטן בליק. ער איז נישט געווען. ביים טיש איז געבליבן בלויז דאָן דאָמעניקאָ. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. סאַלוואַטאָרען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גייענדיק צו אים, רעדט צו דער אָפּגעזאָגטער קשיאָנדז מיט דער האַנט אַ שמייכל. סילוויאָ און ראָזאַריאָ האָבן פֿאַר אים געמאַכט אַן אָרט. זיי האָבן אים צוגעלאָזט נענטער צו סאַלוואַטאָרען. דער קשיאָנדז האָט אויסגעצויגן די האַנט. טאָטאָ האָט זיך איינגעבויגן, כּדי זי אַ קוש צו טאָן. די צווייטע האַנט האָט דאָמעניקאָ אַרויפֿגעלייגט סאַלוואַטאָרען אויפֿן קאָפּ.

— ער, דו לייכטזיניקער זון, האָט ער זיך צעלאַכט, — אַזאַ לאַנגע צייט ביסטו שוין אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ, און האָסט זיך צו מיר אַפֿילו נישט אַריינגעכאַפּט. זעט אויס, אַז גראָד דאָ האָבן מיר זיך באַדאַרפֿט טרעפֿן.

— „רעווערענדאָ“, צי איז דאָ נישטאָ קאָנטשעטאָ? — האָט סאַלוואַטאָרע געפֿרעגט, — צי איז ער דאָ נישט געווען? איך האָב זיך נאָר געוואָלט דערוויסן, פֿאַרוואָס מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין. איך האָב נישט געוווּסט, אַז איך וועל אייך דאָ טרעפֿן, „רעווערענדאָ“.

— פֿונוואַנען ווייסטו, אַז מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין? — האָט אים איבערגעריסן אַרמאַנדאָ.

— צי איז דאָ נישט געווען קאָנטשעטאָ? — האָט סאַלוואַטאָרע געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס פֿרעגסטו זיך אַלץ אויף קאָנטשעטאָן? — האָט סילוויאַ זיך צעבייזערט, — ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך, רעד ווי אַ מענטש!

— ער רעדט ווי אַ מענטש, — האָט זיך אָנגערופֿן דאָן דאָמעניקאָ.

— צי האָט קאָנטשעטאָ דיר געזאָגט וועגן דעם אַרעסט? — האָט אַרמאַנדאָ געפרעגט.

— ניין, ניין, — האָט אויסגעשריגן סאַלוואַטאָרע, — נישט מיר און נישט אייך.

— טאָ וועמען?

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— זאָג וועמען? — איז אַרמאַנדאָ צוגעשטאַנען.

— איר ווייסט נישט וועמען, — האָט זיך הינטער סאַלוואַטאָרען דערהערט אַ קוויטשעדיק קול. דער קליינער מאַטעאָ האָט זיך אַריינגעשטופּט צווישן אַרמאַנדאָן און דאָן דאָמעניקאָן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אין די קני און פאַרקוקט סאַלוואַטאָרען אין די אויגן, — איר ווייסט נישט וועמען? מיר האָבן שוין אַ צווייטע כישופמאַכערין אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, אַן ערגערע פון פּאַסקאַליגען. דער פאָטער דזשיאַקאָמאָ איז געווען אַן אָרנטלעכער, די מוטער אימאַקאָלאַטאַ איז אויך אַן אָרנטלעכע, דזשיאַני איז אַן אָרנטלעכער, נאָר זיין שוועסטער מאַריאַ האָט פאַרפירט אַ בחור. דער סמאַרקאַטש האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם ריח פון אַ קליידל און ער מיינט, אַז קיינער אויסער מאַריען פאַרמאָגט דאָס נישט. און דו, סאַלוואַטאָרע, ביסט אַזויפיל ווערט, ווי זי, ביסט אַ שפּיאָן. דאָס איז איין האַנט. דער רוח ווייסט צוליב וואָס ער איז דאָ געקומען!

נישט אויפהייבנדיק נאָך אַלץ דעם קאָפּ, האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט:

— איך האָב געזוכט אַרמאַנדאָן. איך בין נישט קיין שפּיאָן, מאַטעאָ.

— צוליב וואָס זשע ביסטו געקומען? — האָט געפרעגט מאַטעאָ, — איך וועל דיר באַלד זאָגן צוליב וואָס דו ביסט געקומען. איך האָב עס פון דיינע אויגן אַרויסגעלייענט. איצט, ווען מ'האָט דזשיאַנין אַרעסטירט, ציסטו אויס דיין האַנט נאָך אַנדזשעליגען. פיליפּעלאָס שאָף האָבן זיך דיר פאַרגלוסט. מיינסט, אַז איצט איז געגוג נאָך אַנדזשעליגען בלויז די האַנט אויסצושטרעקן? פיליפּעלאָ מעג זי דיר צוזאָגן, אָבער מיר וועלן זי דיר נישט געבן. צוליב דעם ביסטו איילנטלעך געקומען. מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין... איך דעם שמעקט עפּעס... ביסט נישט קיין שפּיאָן? און ווער איז געגאַנגען אויף אַ ביינאַכטיקן שמועס צו פרעצאָן? איך?

— עך, מאַטעאָ, דו רעדסט נאַרישקייטן, — האָט זיך אָנגערופן דאָן דאָמעניקאָ, — סאַלוואַטאָרע איז אייך געקומען עפּעס זאָגן, נאָר ער ווייסט נישט וויאַזוי. נישט אמת, סאַלוואַטאָרע? ציימנווייז ווייסט אַ מענטש אַליין נישט, פאַרוואָס ער איז אויף דעם אָרט און נישט אויף קיין אַנדערן. איך קען סאַלוואַטאָרען נישט פון היינט. נישט אמת, טאָטאָ „מיא“? רעד, רעד, סאַלוואַטאָרע! מתודה זיין זיך איז אַ גוטע זאַך. דערנאָך קאָן מען אָנהייבן אַ לעבן פונסניי.

פון די שטיינער פון אונדזער דאָרף וועסטו זיך נישט קאָנען אָפּרייסן. וואָס שנעלער דו וועסט עס פאַרשטיין, אַלץ בעסער פאַר דיר. דו האָסט זיך אָפּגע־ ריסן, ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קינד, דו רייסט זיך אָפּ פון זיי איצט. און איצט האָסטו געמוזט קומען אַהער. דיר גייט נישט אין דזשיאַני... מע קאָן גיין אַזוי־אַרום צי אַנדערש, אָבער פריער צי שפּעטער גייט מען אַרויס אויף דעם וועג, וועלכן מע האָט געזוכט. שוין לאַנג, לאַנג, — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, ווען איך בין נאָך געווען אַזוי יונג, ווי סאַלוואַטאָרע, ביז איך געפאָרן קיין רוים. אין רוים בין איך אַרומגעגאַנגען צופוס. איך האָב ליב צו גיין צופוס. איך פרעג איינעם, ווי מע גייט צו דער באַזיליק־קירך פון הייליקן פּיאָטר, איך פרעג אַ צווייטן. איינער זאָגט אַזוי, אַ צווייטער זאָגט אַנדערש. עס איז געווען אַ הייסער טאָג. איך האָב זיך פאַרמאַטערט. איך האָב זיך דעריבער צוגעזעצט אויף אַ פּלעצל, ווו עס איז געווען שאָטן און אַ פאָנטאַן. דעם קופּאָל פון הייליקן פּיאָטר זעט מען אין רוים פון אומעטום, נאָר איך ווייס נישט, וויאַזוי גייט מען צו אים. איך האָב געקוקט און געקוקט אויף דעם קופּאָל, ביז וואַנען איך בין איינגעשלאָפן, — דאָן דאָמעניקאָ האָט זיך הויך צעלאַכט. — גיב אַכטונג סאַלוואַטאָרע, זאָלסט נישט אַנטשלאָפן ווערן. אָבער דו ביסט נאָך יונג. יאָ, מיין טייערער, איך האָב זיך היינט מתודה געווען פאַר אַלעמען. דו ביסט נאָך דאָ נישט געווען. איך וועל עס דיר איבערחזרן אין אַ פּאָר ווערטער. איך האָב זיך מתודה געווען נישט פון מיינע פיר זינד. ווייל דאָס איז נישט קיין זינד. דער בישוף די קאַריאַטאַ האַלט, אַז דאָס איז אַ זינד, ווען אַ קשיאַנדז איז זיך מודה עפנטלעך צו זיינע זינד, המ... כ׳בין אַ פּלוידערער... איך וועל דיר נישט איבערחזרן דאָס, וואָס איך האָב שוין היינט געזאָגט. קיינער וועט מיין ווידוי נישט אויסהערן פאַר מיין טויט. האָב איך דעריבער דאָ זיך מתודה געווען אויף דער גרעסטער זינד פון מיין לעבן: געמלעך, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע יאָרהונדערט צו שפּעט. איך וואָלט באַדאַרפט, מיין טייערער, קומען אויף דער וועלט, ווען אַרנאָלדאָ דאַ ברעסטשיאַ איז געגאַנגען אויף רוים. עך, נאָך היינט, מיט מיין זיבעטן יאָר־ צענדליק אויפן קאַרק, וואָלט איך נאָך געהאַט געגוג חשק. איך וואָלט אייך אַלע, מיינע טויף־קינדער, מיטגענומען מיט זיך. נו, אַרמאַנדאָ, וואָלסט געגאַנגען צוזאַ־ מען מיט מיר אויף רוים? עך, היינט וואָלט איך שוין נישט געפרעגט וועגן וועג!
— דאָן דאָמעניקאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף אַרמאַנדאָן.

אַרמאַנדאָ האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען:

— איך ווייסט נישט, „רעוועריענדאָ“, ווי קום איך קיין רוים! מיר האָבן נאָך דאָ גענוג אַרבעט. מע לאָזט זיך אונדז נישט איינאָרדענען אפילו אין ראָקאַ די דזאָלפאָ. דער „רעוועריענדאָ“ ווייס, פאַרוואָס מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין? ווייל ער האָט באַדאַרפט רעדן זונטיק אויף אונדזער מיטינג.

— ניין, — האָט זיך אָנגערופן סאַלוואַטאָרע, — דאָס האָבן געטאָן פיליפעלאָ מיט קאָנסעטאַ... און נישט דער מיטינג.

— קאָנטשעטאַ? וואָזוואָרום קאָנטשעטאַ? — האָט אויסגערופן לעליאַ דער קרעמער, — סאַלוואַטאָרע איז אַראָפּ פון זינען.

טאָטאַ האָט געשוויגן.

— אַרמאַנדאָ, — האָט סילוויאַ געזאָגט, — אויף אַזאַ אופן וועלן מיר צו גאָרנישט נישט דערגיין, ס'איז אַ שאָד צייט. צום בעסטן וועט זיין, ווען עמיצער וועט גיין ברענגען קאָנטשעטאַן. מעגלעך, אַז פון איר וועלן מיר זיך דערוויסן וועגן אַלץ. צום מיטינג זענען פאַרבליבן בלויז צוויי טעג.

— מע דאַרף נישט קאָנטשעטאַן, — האָט דאָן דאָמעניקאָ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — סאַלוואַטאָרע ווייסט מער פון קאָנטשעטאַן. רעד סאַלוואַטאָרע.

סאַלוואַטאָרע איז געזעסן מיטן אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— הם... — אַרמאַנדאָ האָט אין פאַרלעגנהייט אַ קוק געטאָן אויף סילוויאַן. זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיטן בליק און צוזאַמען צוגעגאַנגען צום טיש. דאָרט האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן שטיל צו רעדן צווישן זיך.

— מיין פראַנצעסקאַ, — האָט געזאָגט דער קשיאַנדזש, — איז מיין אַמבאַסאַדאָר און מיין צייטונג. פון זינט איך גיי נישט אַרויס אויף דער אַמבאָנע, וואָלט איך אָן איר געווען בלינד און טויב. דו הערסט, אַרמאַנדאָ? נאָך אַ רגעלע געדולד. טאָטאָ „מיא“, איך ווייס וועגן דיר מער, ווי דו אַליין. דערצייל אַלץ, וואַרף אַראָפּ פון זיך אַ שטיין. אַנדזשעלינאַ... דזשיאַני... מאַריע... אַזוי פיל זאַכן מיטאַמאָל אויף דיין אָרעם האַרץ. רעד, סאַלוואַטאָרע, וועסטו זען, אַז ס'וועט דיר גרינגער ווערן. רעד!

— „רעוועדענדאַ“, איך ווייס גאָרנישט.

— צוואָס זשע ביסטו געקומען אַהער?

— איך האָב שוין געזאָגט, עס גייט אין דזשיאַנין.

— און נישט אין אַנדזשעלינען?

— „רעווערענדאַ“, — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן אַרמאַנדאָ, — לאָזט סאַלוואַטאָרען, איך בעט אייך, צורו. מיר הייבן אָן די באַראַטונג. עס גייט אונדז אין צוויי זאַכן: אין מיטינג, און איצט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ נייער ענין: דער אַרעסט פון דזשיאַנין. אָבער אַזוי צי אַנדערש, דער מיטינג מוז שוין פאָרקומען, מיר קאָנען אים שוין לענגער נישט אָפּלייגן.

— אַזוי איז, — האָט זיך אָנגערופן וויטאָ, — ס'איז נישטאָ צוליב וואָס אָפּצולייגן. אַלע האָבן געזאָגט, — אַז זיי וועלן קומען.

— ס'איז נישטאָ צוליב וואָס אָפּצולייגן, — האָט איבערגעחזרט דער יונגער ראָזאַריאָ, — אַלע האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך פאַרשרייבן.

— דאָס איז איינס, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאַ, — דער מיטינג מוז און וועט פאָרקומען. אַלע לוין-אַרבעטער וועלן קומען און אַלע לוין-אַרבעטער וועלן זיך פאַרשרייבן אין פאַריין. און דעם ערשטן מאַי וועלן מיר מאַרשירן אין קראַטאָנע צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לוין-אַרבעטער. און איצט דער צווייטער ענין: דער אַרעסט פון דזשיאַני. — קודם-כל מוזן מיר זיך דערוויסן, ווען ער איז געוואָרן אַרעסטירט. מאַטעאָ, גיי און ברענג צופירן קאָנטשעטאַן.

— איך וועל גיין מיט אים, — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן סאַלוואַטאָרע,

— קאָנטשעטאָ איז ביי פיליפּעלאָן, — טאַטאַ האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער דאָן דאָמעניקאָ האָט אים פאַרהאַלטן, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף זיין אַקסל.

— דו וועסט בלייבן דאָ, אַנטלויף ניט, — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס איז קאָנטשעטאָ געגאַנגען צו פיליפּעלאָן און ניט צו אונדז?

— האָט סילוויאָ געפרעגט. — איך פאַרשטיי שוין גאָרניט. דאָ איז עפּעס ניט קיין ריינע שותפות.

— עס מאַכט ניט, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ — פריער צו שפּעטער וועט אַלץ זיך אויפקלערן. גוט. מאַטעאָ, וועסט גיין צוזאַמען מיט סאַלוואַטאָרען.

— איך מיט אים? — האָט אויסגערופן מאַטעאָ, — קיינמאָל ניט! איך וועל גיין אַליין. — מאַטעאָ איז מיט האַסטיקע טריטלעך דורכגעלאָפן דורכן צימער און געמאַכט אין דער זייט פון סאַלוואַטאָרען אַ מיאוסע באַוועגונג מיט דער האַנט. די אַרבעטער האָבן זיך צעלאַכט.

— נו, אויב אַזוי, וועל איך מיר גיין, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ שעפּטשע געטאָן.

דאָן דאָמעניקאָ האָט זיך צו אים איינגעבויגן:

— איצט טאָרסטו ניט אוועקגיין פונדאַנען, מע וועט זאָגן, אַז דו געהערסט צו דער קאָמפּאַניע.

אַרמאַנדאָ האָט אויסער דעם קליינעם מאַטעאָ געשיקט דעם יונגן ראָזאַריאָ.

— אויב ער וועט שוין ניט זיין ביי פיליפּעלאָן, טאָ גייט צו אים אין שטוב אַריין, נאָר קערט זיך אום שנעל, — האָט אַרמאַנדאָ נאָכגעשריגן די אַוועקגייענדיקע.

— דער ענין מיטן מיטינג איז, הייסט עס, דערלייזדיקט, — האָט ער ווייטער גערעדט, — קיינער וויל ניט צו דעם פּונקט נאָך עפּעס צוגעבן? — האָט ער געפרעגט.

לעליאָ דער קרעמער האָט אויפגעהויבן די האַנט:

— און אפשר דאָך אָפּלייגן נאָך דאָס מאָל דעם מיטינג? — לעליאָ האָט אויסגעצויגן זיין לאַנג פּנים אָן שום האָר-וווּקס, — ווייל אָן דזשיאַנין קאָן זיך דער מיטינג ניט איינגעבן ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָ קענען אים אַלע. און דעם פון צפון קען ביי אונדז קיינער ניט. עפּעס אַנדערש איז, ווען עס רעדט

א באַקאַנטער, אַזעלכן גלייבט מען שנעלער. און אַ פֿרעמדער, ווער ווייסט אים דאָרט.

— חבֿר לעליאָ, — האָט געענטפֿערט אַרמאַנדאָ, — דו קענסט נישט דעם חבֿר פֿון צפֿון? איך קען אים אויך נישט. אָבער איך האַלט אים נישט פֿאַר קיין פֿרעמדן. דאָס איז אונדזערער אַ חבֿר. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, ווער האָט דיר געזאָגט, חבֿר לעליאָ, אַז עס וועט נאָר רעדן סעבאַסטיאַנאָ נאַצע? עס וועט אויך רעדן דזשיאַני.

— דזשיאַני? — האָט אויסגערופֿן וויטאָ.

הינטער די פּלייצעס פֿון סאַלוואַטאָרען האָבן זיך געהערט שטילע געלעכטערס.

— דזשיאַני?!

— נו, איך בין נאָך אין דעם נישט זיכער, — אַרמאַנדאָ האָט אויפֿגעהויבן די האַנט, איינשטילנדיק דעם וואַקסנדיקן גערויש. — אָבער דאָס הענגט אָפּ נאָר פֿון אונדז. וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווען מיר אַלע לוין-אַרבעטער וואָלטן זיך אויסגעקליבן מאָרגן פֿאַרטאָג קיין קראָטאָנע און דאָרט צוזאַמען מיט די דאָרטיקע אַרבעטער געפֿאָדערט, מע זאָל אונדז אַרויסלאָזן דזשיאַנין? ווי מיינט איר? ווי איז אייער מיינונג?

— איך קאָן גיין, — האָט זיך אָפּגערופֿן וויטאָ, — איך וועל איינשפּאַנען דאָס מוילאייזל און קאָן מיטנעמען עטלעכע מענטשן.

— איך מיין, אַז אַלע וועלן גיין. — סילוויאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף די פֿאַרזאַמלטע.

— זיכער, — האָט סאַלוואַטאָרע דערהערט הינטער זיך עטלעכע שטימען.

— מיר וועלן גיין, אָבער פֿריער ווילן מיר וויסן, פֿאַרוואָס מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין. אפֿשר גאָר...

— אפֿשר גאָר, — האָט אַ שמייכל געטאָן אַרמאַנדאָ, — זאָגט, סימאָנע באַרבאַראָ, וואָס באַדייט דער „אפֿשר גאָר"? צי האָט דזשיאַני עמעצן באַגנבֿעט? צי עמעצן געהרגעט, און מע האָט אים רעכטלעך איינגעזעצט אין תּפֿיסה? אַ קאָמוניסט זיצט אין תּפֿיסה דערפֿאַר, וואָס ער האָט רעכט, און נישט די, וואָס האָבן אים איינגעזעצט.

— בראַוואָ, גוט, גוט, — האָט עמעצער אַפּלאָדירט.

— נישט דאָס, אַז ער האָט עמעצן באַגנבֿעט אָדער געהרגעט, — האָט זיך פֿאַרטיידיקט סימאָנע באַרבאַראָ, — נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן.

— נו, מיר דאַכט זיך, אַז קיינער איז נישט דאַקעגן; אַלע זענען מסכּים, — האָט געזאָגט סילוויאָ. — מיר דאַרפֿן זיך אײַלן. עס איז שוין שפּעט, און מע וואָלט נאָך באַדאַרפֿט צו וויסן געבן די אַנדערע אין דאָרף. איך בין זיכער, אַז אַלע וועלן גיין. נישט אמת?

— וואַרט, סילוויאַ, — אַרמאַנדאָ האָט אַרויסגענומען פון שופלאַד אַ בויגן פּאַפּיר. — מיר מוזן זיך איבערצייגן, צי אַלע זענען באמת גרייט צו גיין מאָרגן קיין קראַקאָוו. דאָ האָב איך פאַרשריבן אַלע לוין־אַרבעטער פון דאָקאַ די זאַלפאַ. איך וועל אויסרופן די, וועלכע זענען דאָ אין לאָקאַל, און צו די אַנדערע וועלן מיר גיין צו יעדן באַזונדער.

— ניין, מע דאַרף נישט, — האָבן זיך אָפּגערופן שטימען. — צו וואָס דאָס אויסרופן?

אַרמאַנדאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע, אויף סילוויאַן און פאַרבאַהאַלטן די רשימה אין קעשענע.

— אַרמאַנדאָ, — האָט זיך אָנגערופן דאָן דאָמעניקאָ, — אויף מיר קאָנסטו רעכענען. איך וועל גיין. איך וועל אָנזאָטלען דאָס אייזל. פראַנציעסקאַ וועט שרייען, אָבער... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די לוין־אַרבעטער האָבן זיך צעלאַכט.

— איך בעט אַ וואָרט, — איינער מיט פון שטוב איז אַרויסגעגאַנגען סימאָנע באַרבאַראָ, — איך האָב געוואָלט זאָגן נאָר אַ פּאָר ווערטער, — סימאָנע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אַ רגע, אַ גלעט געטאָן זיין גרויס פּירקאַנטיק בערדל. — גיין שמעצן באַפרייען פון תפיסה איז נישט אַזוי לייכט. אַ פאַריין וועלן מיר שאַפן נישט צוליב דעם, מע זאָל גיין איבער די תפיסות, נאָר כדי צו באַקומען ערד. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צעאַקערן דאָס שטיקל ערד אין פּראַגאַלאַ־מאָל, טאָ זאָל זאָגן אַרמאַנדאָ אַליין, האָב איך דער ערשטער געגעבן דעם אַקער און קערנער אויפן פּאַרזיי. און וואָס איז שייך דזשיאַניין, האָב איך אינגאַנצן נישט געטראַכט, אַז ער זאָל האָבן צוגעגעבט אָהער ווערטן דערהרגעט. מעגליך, אַז איך האָב מיר נישט גוט אויסגעדריקט. יעדער איינער האָט רעכט צו זאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם מיין איך, אַז די, וואָס ווילן, קאָנען גיין קיין קראַקאָוו. נאָר מע דאַרף נישט יעדן באַזונדער אויסרופן.

הינטער סאַלוואַטאָרען האָבן אייניקע אַפּלאָדירט.

— ער רעדט ריכטיק, — האָט זיך אָנגערופן לעליאָ דער קרעמער.

— און איך וויל אויך עפּעס זאָגן, — האָט זיך אָנגערופן שמעצער פון הינטערן פענצטער.

אַרמאַנדאָ האָט אים פאַרבעטן, אַנווייזנדיק אים אויף אַן אָרט לעבן טיש. דאָס איז געווען פּאַאָלאָ פערארי, אַרמאַנדאָס אַ שוועסטערקינד.

— איך בין דאָ געקומען, — האָט אָנגעהויבן פּאַאָלאָ, — צום ערשטן מאָל, כאָטש מיין טאַטן האַלט מען פאַר אַ גביר. אָבער אַזוי איז נישט. אויב עס איז אַפילו אַ גוט יאָר, איז שווער די ווייַנטרויבן צו פאַרקויפן. וויל בערלינגיערי פאַרקויפט פיל ביליקער. איך געדענק דאָס נישט, אָבער נאָך יענער מלחמה האָט דער פאָטער פאַרנומען פון „אינטן" דאָס שטיקל ערד און פאַרזעצט ווייַן־לאָגעס,

און הערנאָך, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן געבן פּרוכט, האָט מע פאַרקויפט און ס׳ נישט איז געלעבט. נאָך דער מלחמה האָט מען באַדאַרפט פאַרזעצן נייע לאָזעס, א העלפט פון די אַלטע זענען פאַרטרוקנט געוואָרן, ווייל מע האָט באַדאַרפט צו־פירן וואַסער פון טייך, און אויף דעם איז נישטאָ קיין געלט. דערווייל פאַרקויפט דער באַראָן זיינע ווייַנטרויבן וואָס אַמאָל ביליקער, און אונדז בלייבט גאָרנישט איבער צו טאָן, ווי צו פאַרקויפן נאָך ביליקער, ווי ער. און ווי קאָן מען דאָ קומען צו א סוף?

— נו, טאָ גיב אונדז אָפּ דיין ווייַנגאָרטן, — האָט אויסגערופן לעליאָ דער קרעמער, — אָרעמער פעראַרי!

— רייס אים נישט איבער, — האָט אַרמאַנדאָ א קלאַפּ געטאָן אין טיש.

— דו פאַרטיידיקסט אים. איך וועל אַפילו נישט זאָגן, אַז דערפאַר, וואָס ער איז דיין משפּחה. אָרעמער פעראַרי, — לעליאָ האָט זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמלטע. — אפשר וועלן מיר אויך פאַרטיידיקן פיליפּעלאָן? ווען אַלעסיאָ גרעקאָ האָט באַוואָלהט דזשיאָוואַנען, א קראַנקע פרוי, האָט אַרמאַנדאָ אויך גע־זאָגט: „אַלעסיאָ גרעקאָ איז נישט אונדזער פיינט“. א שאָד וואָס עס איז נישטאָ מאַטעאָ. ער האָט געוואָלט באַוואַרפן גרעקאָס הויז מיט שטיינער. מע דאַרף זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן, האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט. אז היינט שלאָגט מען דזשיאָ־וואַנען, וועט מען מאָרגן שלאָגן יאָלאַנדען, האָט ריכטיק געזאָגט מאַטעאָ. ניין, אַרמאַנדאָ, — לעליאָ האָט אויסגעשטרעקט א ציטערנדיקע האַנט, — ווי קאָנסטו זיך אָננעמען פאַר אַנדערע, אַז דו קאָנסט נישט באַצאָלן פאַר דער עוולה פון דיין אייגן ווייב. און איצט איז פעראַרי זיכער נישט אונדזער פיינט? אָרעמער פעראַרי, לאָמיר זיך צונויפלייגן פאַר אים. בערלינגערי וויינט אויך מסתמא, אז ער האָט ווייניק.

אייניקע שטימען האָבן זיך אָנגערופן:

— בראַוואָ, לעליאָ, גוט, גוט.

— ביי מיר האָט מען דאָס לעצטע מאָל געקאָכט אין פּאַסכע. און ביי דיר פּאַאָלאָ?

— ברויט זעסטו טאָגטעגלעך אויפן טיש, פּאַאָלאָ!

— באַרואיקט אייך, — האָט אויסגערופן אַרמאַנדאָ, — נישט צוליב דעם האָבן מיר זיך צונויפגענומען, אז מיר זאָלן זיך קריגן. נאָר אויב עס גייט שוין אין דעם, וועל איך איבערחזרן נאָך אַמאָל. די, וואָס האָבן א ביסל ערד, זענען נישט אונדזערע שונאים. אין פינף און פערציקסטן און אין זעקס און פערציקסטן האָבן זיי געקומען צוזאַמען מיט די לויִן־אַרבעטער ערד ביים באַראָן בערלינ־גערי. פּונקט אַזוי ווי איר, סימאָנע באַרבאַראָ, ווי איר, פּעפּע פּעדעלי, וועלכע גייט איצט צוזאַמען מיט אונדז. און צום קאָאָפּעראַטיוו געהערט צוזאַמען מיט אונדז. בערלינגערין ווילט זיך טאַקע בלויז דאָס, אַז אין דאָרף זאָל זיין אַ שפּאַל־

טונג. אויף צפון גייען אַפילו די פּאַרמעגלעכע באַלעבאַטים צוזאַמען מיט די לוין־אַרבעטער קעגן די פּריצים.

— איך בעט א וואָרט, — סילוויאָ האָט אויפגעהויבן די האַנט, — חברים און בירגער, באַרואיקט אייך. נישט צוליב דעם זענען מיר געקומען, כדי זיך קריגן מיט פעראַרין...

— פאַרוואָס נישט, — האָט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די פאַרזאַמלטע דער נידעריקער און פעטער פעפע פּעדעלי מיט א בינט אויפן פוסטן אויג. — נישט מיר האָבן אָנגעהויבן. פּאַאָלאָ האָט אָנגעהויבן. זאָל ער דאָ נישט קלאָגן פאַר אונדז.

— פעפע, — האָט זיך אָנגערופן וויטאָ, צונויפלייגנדיק די הענט ווי צו א געבעט, — טייערער פעפע, צי פּאַאָלאָ האָט געהאַט רעכט צו קומען אהער? ער האָט געהאַט רעכט. פּאַאָלאָ האָט געהאַט רעכט צו זאָגן, וואָס ער טראַכט? ער האָט געהאַט. איז אין וואָס גייט אייך?

— ער האָט געהאַט רעכט צו זאָגן, און איך האָב נישט קיין רעכט? — האָט זיך אויפגעקאָכט פעפע, — יעדער איינער האָט רעכט צו זאָגן, וואָס אים דריקט.

— ריכטיק, — אַרמאַנדאָ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — רעדט, פעפע, רעדט.

א ווײַלע איז פעפע פּעדעלי געשטאַנען, ווי ער זאָל זיך באַטראַכטן. דערנאָך האָט ער א צי געטאָן די הויזן:

— וואָס איך האָב צו זאָגן, האָט שוין געזאָגט מײַן חבר סימאָנע. און וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן, האָב איך שוין געזאָגט. איצט זאָלן רעדן אַנדערע.

— איז ווער נאָך בעט דאָס וואָרט? — האָט געפרעגט אַרמאַנדאָ. עס איז געוואָרן שטיל.

— אויב אזוי, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ, — וועלן מיר זיך צוריקקערן צום ענין דזשיאַני.

— אפשר וועל איך עפּעס זאָגן, — האָט זיך דערהערט א גראָב קול און אויף דער מיט פון שטוב איז אַרויסגעגאַנגען דער העכסטער און שטאַרקסטער לוין־אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ, פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ. רעדנדיק, האָט ער די גאַנצע צייט געקוקט אויף אַרמאַנדאָן. — צו וואָס פאַרדרייט איר אונדז דעם קאָפּ? פון אויגוסט פאַריקעס יאָר האָב איך קיין „זאַפּאַ“ נישט געהאַלטן אין האַנט. ווען נישט מײַן לוטשיאַ, וועלכע פאַרדינט עטלעכע ליר אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט, וואָלטן מיר שוין פון לאַנג געשטאָרבן פון הונגער. אָבער ווי לאַנג קאָן מען אזוי אַרומגיין אָן אַרבעט און וואַרטן, ביז די פּרוי וועט עפּעס ברענגען אין שטוב אַרײַן. איך קאָן נאָך הונגערן אַ חודש, צוויי און אַפילו מער, נאָר איך זאָל וויסן, אַז דערנאָך וועל איך קריגן אַרבעט. זונטיק דאַרף פאָרקומען א מיטינג.

גוט. זאָל זיין א מיטינג. וואָס וועט אונדז דער האָזיקער מיטינג געבן, ווייס איך נישט, גאָר גוט עפּעס. זאָל זיין א מיטינג. לאָמיר פּרוּוון. איך בין געקומען, ווייל ארמאנדאָ האָט מיר געזאָגט. ארמאנדאָ איז פּונקט דער זעלבער ארבעטסלאָזער, וואָס איך. איך גלייב אַרמאַנדאָן. אָבער דו זאָגסט, אַרמאַנדאָ, מע זאָל גיין קיין קראַמאָנע... פראנצעסקאָ רוסאנאָ האָט צעפּיטט די הענט, — איך ווייס נישט. מענטשן האָבן דאָך פרויען און קינדער. איך האָב אויך אַ פרוי...

— לאָמיר מיטנעמען מיט זיך די פרויען מיט די קינדער, — האָט געזאָגט לעליאָ.

— ווייל דו, לעליאָ, האָסט נישט קיין פרוי און נישט קיין קינדער, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט, — די פרויען מיט די קינדער לאָמיר דערווייל לאָזן צורו.

— האָסט מורא פאַר דזשיאָוואַנען און מינקאָטשיאָן, — לעליאָ האָט לאכנדיק געוויזן זיינע גרויסע ציין.

— יאָ, איך האָב מורא, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ.

— אַך, דו קרעמערל, — איז אויפגעשפרונגען וויטאָ. — אַרמאַנדאָן וואַגסטו פאַרצוואַרפן פחדנות! דעם העלד פון דער גריכישער פּארטיזאנקע. און דו ביסט ווייַן אונדזער פּארטיי?!

אין שטוב איז אנטשטאנען א מהומה.

— קרעמערל!

— חזירישע צורה!

— זאָל לעבן ארמאנדאָ!

— וואָלטן אלע געווען אזוי ווי ארמאנדאָ!

— בארואיקט אייך, — ארמאנדאָ האָט א זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש. — בארואיקט אייך! אויף אזא אופן וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגיין צו קיין סוף. אזוי ווי עס זענען פאַראַן אזעלכע, וואָס ווילן נישט גיין מאָרגן קיין קראַמאָנע, לייג איך פאָר אָפּצושטימען. וועלן מיר וויסן, וויפל זענען פאָר און וויפל זענען קעגן.

— ניין, ניין, ארמאנדאָ, — האָט זיך אָנגערופן סימאָנע בארבאראָ, קראַצנדיק זיך אין זיין דרייקאַנטיק בערדל, — אַזוי טאָר מען נישט. אויב שטימען, טאָ מוזן שוין אלע. מיר דאַרפן צוואַרטן, ביז עס וועלן צוריקקומען מאַטעאָ און ראָזאַריאָ צוזאַמען מיט קאָנטשעטאָן.

— אויב עס גייט אין מאַטעאָן און ראָזאַריאָן, — האָט וויטאָ געזאָגט, — טאָ מעגט איר זיין זיכער, האָן סימאָנע, אז זיי וועלן גיין אָן אן אָפּשטימונג. און אייניקע וועלן נישט גיין, כאָטש זיי וועלן שטימען.

— ניין, אַרמאַנדאָ, — האָט זיך אָפּגערופן עמעצנס אַ ייִנגלשע שטים. סאַלוואטאָרע האָט זיך נישט אויסגעדרייט. ער האָט נישט געוווסט, ווער עס רעדט. — וואָס זענען מיר אייגנטלעך? — האָט געקלונגען זיין קלאָר קול, — איך בין

ניט קיין קאָמוניסט, אָבער ס'איז מיר אַ בושה. אפשר וואָלט איך עס ניט באַדאַרפט זאָגן... דאָ האָבן אַלע זיך געוואָלט פאַרשרייבן אין פּאַריין, דאָס איז אמת, אָבער פאַרוואָס האָבן זיי זיך געוואָלט פאַרשרייבן? ווייל זיי טראַכטן, אַז זיי וועלן באַלד באַקומען אַרבעט. ווייל אויף צפון זאָל דער פּאַריין האָבן פיל זאַכן אויסגעקעמפט פאַר די אַרבעטער. ווייל אַלעמען איז געפעלן געוואָרן די ווייַז, וועלכע עטלעכע אַרבעטער האָבן פאַרזייט אין פּראָגאַלאַ־טאָל. דאָס איז אמת, אַז אויף צפון האָט דער פּאַריין אויסגעקעמפט רעכט פאַר די לוין־אַרבעטער. אָבער ווער איז אין דעם דאָזיקן פּאַריין? אַזעלכע ווי מיר. און זיי האָבן עס טאַקע אויסגעקעמפט. די גוטבאַזיצער — ווער עס לייענט די „אוניטאַ“, ווייסט עס — האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעטרעטן פּריווילעגיעס. און דאָ וועט אויך אַזוי זיין. ס'איז ניט גענוג צו פאַרשרייבן זיך און באַסטאַ. אָבער וויאַזוי וועט אויסזען דער דאָזיקער קאַמף? אויב אַז מע דאַרף גיין קיין קראָטאָגנע, זאָגט איינער אַזוי און דער צווייטער אַנדערש. אפשר דאַרף איך עס ניט זאָגן... אָבער איך פאַרשטיי, אַז ס'וועט זיין אַ פּאַריין, הייסט עס ניט, אַז מע קען שוין זיצן רואיק אין שטוב, און די אַרבעט וועט שוין אַליין אָנקלאַפּן אין טיר. צי דאָס גיין קיין קראָטאָגנע האָט גאָרניט קיין געמיינזאַמס מיט אונדזער אַרבעטסלאָזיקייט? איך מיין, אַז יאָ. ס'איז מיר אַ בושה, כאָטש איך בין ניט קיין קאָמוניסט, און דערפאַר זאָג איך, אַז אָן אָן אָפּשטימונג דאַרף מען מאָרגן גיין קיין קראָטאָגנע. מיר וועלן דאָס טאָן צוליב דזשיאַנין, און נאָך מער צוליב אונדז אַליין. איך האָב געענדיקט.

— בראַוואָ, גוט, — האָט אַפּלאָדירט וויטאָ, דער אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע“.

— אַ דאַנק דיר, לינאָ, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — האָסט גוט גערעדט. ביסט אַ באַוווסטזיניקער אַרבעטער.

— און איך בין ניט קיין באַוווסטזיניקער אַרבעטער? — האָט זיך אויפגעקאָכט דער העכסטער און שטאַרקסטער לוין־אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפאָ, פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ. — נאָר גערעכט איז סימאָנע באַרבאַראָ. אין די הײַנטיקע צייטן איז שווער צו באַפרייען פון תפוסה. עס איז ניט דאָס פינף און פערציקסטע אָדער זעקס און פערציקסטע.

— דאָס איז אמת, — האָבן זיך אָנגערופן עטלעכע שטימען.

דאָס איז אמת, — האָט אַרמאַנדאָ מסכים געווען, — איך האָב ניט געזאָגט, אַז דאָס איז לייכט. אָבער אַזעלכע זאַכן האָט מען שוין געזען. מיר וועלן דאָס פאָדערן צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני. אויב אַלע אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני און מיר אַלע וועלן דעמאָנסטרירן און פאָדערן, אַז מע זאָל אַרויסלאָזן דזשיאַנין, וועלכן מע האָט אַרעסטירט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן ביי אונדז אויפן מיטינג, וועט זיך עס אונדז

אויף זיכער איינגעבן. די פּאָליציי האָט נישט צום ערשטן מאָל אַרעסטירט רעדנער. און אין דער צייט פון די וואַלן האָט זי נאָך ערגערע זאַכן אָפּגעטאָן. מיר געדענקען דאָס אַלע. וויפל מאָל די אַרבעטער האָבן געשטרייקט דערפאַר, וואָס מע האָט אַרעסטירט אַ וועלכן ס׳איז סעקרעטאַר פון פּאַרטיי, אַזויפיל מאָל האָט מען געזיגט. נאָר עס מוז הערשן אייניקייט. אויב מיר וועלן אַלע גיין, וועלן מיר אויך זיגן. ניט נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ פרייד דאָס וועט זיין, אויב דזשיאַני וועט אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פרייַ אַדאַנק די אַרבעטער און אונדז און ער וועט קאָנען אַרויסטרעטן אויף אונדזער מיטינג. דאָס וועט זיין אונדזער ערשטער זיג.

— און אויב מיר וועלן זיך אומקערן אָן דזשיאַנין, וועט דאָס זיין אונדזער ערשטער דורכפאַל, — האָט געזאָגט סימאָנע באַרבאַראַ, — איז אפשר בעסער נישט אָנצוהייבן.

— ווען אַלע וואָלטן געקלערט ווי איר, — סימאָנע, האָט זיך אָנגערופן וויטאַ, — וואָלט קיינער גאָרנישט אָנגעהויבן. צוואָס פּאַרזייען, ווען עס קאָן זיין אַ טריקעניש. צוואָס בויען אַ שטוב, ווען זי קאָן אָפּגעברענט ווערן. צוואָס עסן, ווען איך וועל נאָכאַמאָל הונגעריק זיין.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָבן די אַרבעטער געשאָקלט מיט די קעפּ, אָבער זיי זענען באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. סאַלוואַטאָרע האָט אַ קוק געטאָן אין דע־זייט פון דער טיר. עס האָבן זיך אומגעקערט מאַטעאָ און ראָזאַריאָ, אָבער אָן קאָנטשעטאָן.

— ביי פּיליפּעלאָן איז ער נישט געווען, — האָט אויסגערעכנט דער קליינער מאַטעאָ, — אין דער היים איז ער נישט געווען, ביי מאַריען איז ער נישט געווען און ביי פּרעצאָן איז ער אויך נישט געווען.

— נו, וועל איך מיר שוין גיין, — האָט שטיל געזאָגט סאַלוואַטאָרע, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט. ער האָט נישט קיין קוק געטאָן אויף דאָן דאָמעניקאָן. צווישן אים און דער טיר איז געלעגן אַן איבערגעקערט בוים־קלעצל. אויפן וועג האָט סאַלוואַטאָרע עס אויפגעהויבן. אפילו קיין שטולן האָבן זיי דאָ נישט. איצט האָבן אַלע אַרומגערינגלט מאַטעאָן און ראָזאַריאָן. אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן פּאַראַמאָל. עס איז געוואָרן אַ טומל און אַ גערויש. סאַלוואַטאָרע האָט גאָרנישט געהערט, אויסער זיינע אייגענע שווערע טריט.

ענדלעך איז ער אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט דערפילט די ווייכע דרויסנדיקע לופט, באַלויכטן פון דער קלענער ווערנדיקער לבנה.

— נו, וועל איך מיר גיין, — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע.

סאַלוואַטאָרע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אָבער דאָס מיידל האָט אים דערלאַנגט דאָס פלעשל צו די ליפּן.
דאָס וואַסער איז געווען קאַלט

V

— טאַטאַ „מיא“, „טאַטאַ „מיא“, — האָט געשעפּטשעט קיאַרע, טוליענ־דיק זיין קאָפּ צו אירע קני.

סאַלוואַטאָרע האָט זי געגלעט איבער די האָר.

— איך בין אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך. האָסטו מיך געזוכט? האָסט זיך געוואָלט מיט מיר זען? יאָ, טאַטאַ?

— יאָ.

— לאָמיר אַריינגיין, טאַטאַ, מיין מוטער איז נישטאָ, זי איז ביי דער מומע פראַנצעסקען און זי וועט אַזוי שנעל נישט קומען.

סאַלוואַטאָר־ע איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן אויף דער שטיינערנער פּליטע, וועלכע איז געווען אַריינגעפּרעסט אין אַ פינצטערן ווינקל פון הויף. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין מויער פון דער פאַרצווימונג.

— צי האָסטו אַ ביסל פרישע וואַסער? — האָט ער געפרעגט.

— גיי אַריין, וועסטו זיך אָנטרינקען. איך האָב זי היינט געבראַכט. זי איז נאָך קאַלט.

— גיב מיר אַ ביסל וואַסער, קיאַראַ.

קיאַרא האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אַריינגעלאָפן אין שטוב. ער האָט געהערט דאָס פּאַטשן פון אירע באָרוועסע פיס איבער די שטיינער פון אויסברוקירטן הויף. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן. קיאַרא איז געשטאַנען איבער אים, ביז אַ העלפט באַלויכטן פון דער לבנה. אין דער האַנט האָט זי גע־האַלטן אַ פלעשל און אַ שטרויענעם געפלעכט. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, אָבער דאָס מיידל האָט אים צוגעטראָגן דאָס פלעשל צום מויל. די וואַסער איז נאָך געווען קאַלט.

— טרינק, טרינק, — האָט קיאַראַ געשעפּטשעט.

— גוטע וואַסער, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט און אָפּגעווישט מיט דער האַנט די ליפּן, — אַ דאַנק דיר, קיאַראַ.

— אָ, טאַטאַ, ווי לאַנג מיר האָבן זיך שוין נישט געזען. — קיאַרא האָט אוועקגעשטעלט דאָס פלעשל לעבן דער שטיינערנער פּליטע. זי האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זיין האַלדז און זיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט. — ווי נאָס דו ביסט פון שווייס?! טו אויס דעם שינעל, טאַטאַ. און אפשר ביסטו הונגעריק? טאַטאַ? וואַרט, — קיאַראַ איז ווידער אויפגעשפּרונגען און אַריינגעלאָפן אין שטוב. זי האָט זיך אומגעקער־ט מיט ברויט און מיט איילבירטן.

— עס, טאַטאַ.

— איך בין נישט הונגעריק, קיאַרא. איך וואָלט געוואָלט פאַררויכערן.

— עס, עס, דאָס זענען זיסע, גרינע איילבירטן. איך האָב זיי אַליין היינט געבראַכט פון שטאָט. ווי איך זאָל וויסן, אַז דאָס איז פאַר דיר. איך האָב פאַרקויפט גאַרן אין שטאָט.

— וועלכע גאַרן?

קיאַראַ האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק און הויך זיך צעלאַכט:

— גאַרן פון וואָל, פון פיליפּעלאָס וואָל. האָסט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז דו האָסט מיך אַזש לאַכנדיק געמאַכט.

סאַלוואַטאָרע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט צווישן די קני:

— ווייסט, קיאַראַ, מע האָט אַרעסטירט דזשיאַנין. איך האָב זיך עס היינט דערוווסט.

— הייליקע מוטער, „סאַנטאַ קיאַראַ"! — דאָס מיידל האָט פאַרבראָכן די הענט. — וואָס וועט איצט טאָן אַנדזשעלינאַ? זי קאָן נאָך צוריקקומען צום פאָטער. זי וועט דאָך אַליין נישט בלייבן אין קראָטאָנע. אפשר נישט? טאַטאָ? צי דו וואָלסט געוואָלט, אַז זי זאָל צוריקקומען?

— ביסט אַ נאַר.

— אַלע זאָגן, אַז דו ביסט פאַרליבט אין איר. און דערפאַר האָסטו נישט ליב דזשיאַנין. און אויך דערפאַר, וואָס דו ווילסט רייך חתונה האָבן. אָבער דאָס איז נישט אמת. נישט אַזוי?

— אמת, — האָט סאַלוואַטאָרע איבערגעחזרט מיט דעם זעלבן טאָן.

קיאַראַ האָט זיך ווידעראַמאָל שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט.

— טאַטאָ, ס'איז דיר האָד הייס. פאַרוואָס טוסטו נישט אויס דעם שינעל?

טו אויס דעם שינעל, — קיאַראַ האָט אַליין אָנגעהויבן אויפצוקנעפּלען אים דעם שינעל.

— איך שוויץ פון קעלט און נישט פון היץ, — האָט טאַטאָ געזאָגט.

— עס, טאַטאָ, איך בעט דיך, עס.

— די לוין־אַרבעטער גייען מאָרגן קיין קראָטאָנע, ווייסט, קיאַראַ?

— נאָך וואָס?

— כּדי צו באַפרייען דזשיאַנין.

— „סאַנטאַ קיאַראַ"!

— זיי מיינען, אַז זיי וועלן אים באַפרייען.

— און דו וועסט אויך גיין, טאַטאָ?

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— וועסט נישט גיין? און אפשר וועט מען דיך אויף זיין אָרט צונעמען צו דער אַרבעט?

— פאַרוואָס עפּעס מיך? עס זענען פאַראַן אַזויפיל אַרבעטסלאָזע אין קראָטאָנע גופא.

— אָבער דיר קומט פריִער פאַר אַלעמען. ביסט זײַן ברודער.

— ביסט אַ נאַר.

קיאַראַ איז צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן צו זײַן מויל און געשעפּטשעט:

— איך בין נישט קיין נאַר. דערנאָך, אַז דזשיאַני וועט אַרויס פון תפיסה, וועסטו אים צוריק אָפּגעבן זײַן שטעלע.

— און איך וועל ווידער זײַן אַרבעטסלאָז?

— גאָט מײַנער, גאָט מײַנער, — קיאַראַ האָט פאַרפלאָכטן די הענט, — פאַרוואָס פרוּוון נישט די מענטשן עפּעס צו טאָן? זאָל שוין כאָטש פאָרקומען דער מיטינג.

— דו אויך? — סאַלוואַטאָרע האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, — אַ סך וועט דיר דער מיטינג העלפן.

— און אפשר וועט ער יאָ העלפן.

— ביסט אַ נאַר.

— איז וואָס, אויב אַזוי, דאַרף מען טאָן?

— איך ווייס נישט. איך האָב נישט באַדאַרפט צוריקקומען פון אויסטראַליע. דאָס ווייס איך.

— טאַטאַ, וועסט זען, וועסט נאָך באַקומען אַרבעט, — איר שטים האָט געציטערט. — וועסט זען. טאַטאַ, האָב חתונה מיט מיר. איך וועל אַזוי לאַנג גיין אין שטאָט אַרײַן, ביזוואַנען איך וועל געפינען אַרבעט. מיר איז גרינגער צו קריגן אַרבעט. גרינגער פון דיר.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— ווילסט נישט? פאַרוואָס?

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אין דער קני און מיט דער האַנט האָט ער זיך פאַרדעקט די אויגן. קיאַראַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים אויף די קני.

— אויב איך געפעל דיר נישט, טאָ פאַרוואָס האָסטו מיך געזוכט? אויב איך געפעל דיר נישט פאַר קיין ווײַב, טאָ אַזוי געפעל איך דיר כאָטש? זאָג, טאַטאַ!

סאַלוואַטאָרע האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ.

— מײַן ליבער, מײַן ליבער, — קיאַראַ האָט זיך צוגעדריקט צו זײַנע פיס, — אָרעמער מײַנער, אָרעמער.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אײַנגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן. זי איז אויפגעשפּרונגען און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— טאַטאַ „מיאָ“, — האָט זי געשעפּטשעט ציטערנדיק.

סאַלוואַטאָרע האָט זי צוגעצויגן צו זיך און אויפגעשטאַנען.

— קום אין שטוב, — האָט קיאַראַ געבעטן, שטיקנדיק זיך מיט איר אייגענער שטים, — קום אין שטוב.

האַלטנדיק סאַלוואַטאָרן פאַר די הענט, האָט זי זיך צוריקגעצויגן אין דער זייט פון שטוב. סאַלוואַטאָרע האָט זיך געלאָזט פירן.

VI

אומקערנדיק זיך פון קיאַרען, האָט סאַלוואַטאָרע אויסגעקליבן אַ ווייטערן וועג, וועלכער האָט געפירט אַרום דעם דאָרף. ער האָט פאַרוואָרפן דעם שינעל אויף די פלייצעס. הינטער דעם צעכראַסטעטן העמד האָט דער ווינט אים געקילט די ברוסט און דעם האַלדז. ראָקאַ די דזאָלפאָ איז געשלאָפן. אין אַזאַ פוסטער און רואיקער נאַכט זענען איינגעשלאָפן די שוואַרצע געדאַנקען, וועלכע האָבן געמאַטערט אין משך פון טאָג. די האַרטע פערמער־שיך האָבן געקלאַפּט איבער די ברוקשטיינער. די מויערן פון די הייזער און די וועלבונגען פון די הייף האָבן געקלונגען פון זיינע טריט.

אויף דעם פעלזיקן הויקער פון בערגל, וואָס איז מיט דערנער־קוסטעס געווען פאַרשטעלט פון לבנה־ליכט, האָט סאַלוואַטאָרע דערזען צוויי געשטאַלטן. איינבייגנדיק זיך, האָבן זיי זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן צווישן די געוויקסן. סאַלוואַטאָרע האָט אַ פייף געטאָן. ער האָט באַלד דערקענט מאַריען מיט קאָנטשעטאָן. ער האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס.

— העי דאָרט, באַהאַלט זיך נישט, — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויפן גאַנצן קול.

מאריא איז ארויסגעגאנגען פון באהעלטעניש.

— קוקסט אונטער? — האָט זי געזאָגט.

— אַך, ווירקלעך! און ווו איז דיין בחורעץ? האָט נישט קיין מורא. איך וועל קיינעם נישט דערציילן. — סאַלוואַטאָרע איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פלאַכן ראָוו, וועלכער איז געווען פאַרשיט מיט שטיינער.

— גיי נישט צו, זאָג איך דיר, גיי נישט צו, — קאָנטשעטאָ האָט זיך אַרויסגעבויגן פון צווישן די קוסטעס, האַלטנדיק אַ דראָנג אין די הענט.

— איך וועל זיך מיט דיר נישט שלאָגן, קאָנטשעטאָ. איך וויל נאָר, זאָלסט מיר דערציילן, פאַרוואָס דזשיאַני איז געוואָרן אַרעסטירט, — סאַלוואַטאָרע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער זאָל וועלן צוגיין צו קאָנטשעטאָן. אָבער ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. מאריא האָט זיך געוואָרפן צווישן אים און קאָנטשעטאָן. סאַלוואַטאָרע האָט זיך צעלאַכט. — דו ווילסט וועמען פאַרטיידיקן, דו?

— פאַרגינסט מיר נישט דאָס יינגל, סאַלוואַטאָרע? — האָט מאַריאַ געזאָגט.

— ווייסט, אַז עס גייט מיר נישט אין דעם. איך ווייס, אַז דו האַלטסט אים נישט צום שלאָפן. זאָג מיר, וואָס פאַר אַ שותפות האָט איר געשלאָסן מיט פּיליפּעלאָן? וואָס האָט ער אייך צוגעזאָגט? וואָס האָט ער דיר צוגעזאָגט, קאָנטשעטאָ? דו ביסט דער איינציקער עדות, וועלכער האָט געזען אַנדזשעלינען, ווען זי איז אַנטלאָפן פון שטוב. זאָג עס איצט נאָכאַמאָל, צי אַנדזשעלינאַ האָט עפּעס געהאַט מיט זיך. צי אפשר האָסטו זיך שוין באַטראַכט און קלוגער געוואָרן? דערצייל, פאַרוואָס האָט מען אַרעסטירט דזשיאַנין?

— פונוואַנען קאָן ער וויסן? — האָט מאַריאַ געזאָגט, אוועקזעצנדיק זיך לעבן סאַלוואַטאָרען.

— נישט דיר פרעג איך, מיין טייערע, — סאַלוואַטאָרע האָט איר געגעבן אַ פּעטשל איבער דער באַק. — גיי אַהיים. מיט דיר וועל איך שפּעטער שמועסן.

— טאַטאַ, צי קאָן מען מיט דיר רעדן, ווי מיט אַ מענטש, צי ניין? קאָנטשעטאָ וועט דיר אַלץ דערציילן. — מאַריאַ האָט זיך אויסגעדרייט. — קום אַהער, קאָנטשעטאָ, דערצייל אים מיט, וועמען דו האָסט זיך היינט געזען אין קראַטאָנע.

קאָנטשעטאָ האָט אַוועקגעוואָרפן דעם דראַנג, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— מיט אַנדזשעלינען, — האָט ער געזאָגט.

— און וואָס האָט זי דיר געזאָגט? — האָט מאַריאַ געפרעגט.

— אַז זי וויל זיך אומקערן קיין ראָקאַ די דזאַלפּאַ.

— צו וועמען?

— זי וויל וווינען ביי אייך.

— אַ ליגן, מיין טייערע, דאָס האָסטו צוגעטראַכט, — סאַלוואַטאָרע האָט אַ שמייכל געטאָן, — וואָס וועסטו האָבן דערפון? ווו האָסטו געזען אַנדזשעלינען?

— ביי דזשיאַנין אין שטוב, — האָט מאַריאַ געענטפערט פאַר קאָנטשעטאָן.

— וואָס הייסט? — האָט סאַלוואַטאָרע זיך פאַרוואונדערט, — אַנדזשעלינאַ האָט שוין נישט קיין מורא און באַהאַלט זיך שוין נישט אויס פאַרן פאָטער?

— זייט אַ וואָך פאָרט שוין נישט פּיליפּעלאָ קיין קראַטאָנע. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף אַלץ, מע קאָן דאָך נישט אַ גאַנץ לעבן זיך אויסבאַהאַלטן. ווי מע קאָן אויך נישט אַ גאַנץ לעבן זוכן. צי איז נישט אַזוי, טאַטאַ?

— דאָס איז אמת, — האָט טאַטאַ אַ זיפץ געטאָן.

מאַריאַ האָט זיך צוגערוקט און אַ גלעט געטאָן דעם ברודער איבער די הענט:

— דאָס, וואָס דו זוכסט, ליגט אויף דער ערד, מע דאַרף זיך נאָר איינבייגן. הער, זי איז איצט אַליין און דאַרף האָבן דיין הילף, טאַטאַ.

— און דזשיאַני? — האָט טאַטאַ שטיל געזאָגט.

— פאַר אים האָב נישט קיין מורא. איצט וועט מען אים אַזוי גיך נישט אַרויסלאָזן. דו ווייסט דאָך עס אַליין זייער גוט. ביסט געווען ביי פּרעצאָן?

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— מאַמאָ, פייף אויף דעם, וואָס אַנדערע וועלן זאָגן. האָב נישט מורא דער־פאַר, וואָס מע וועט דיך חושד זיין. דזשיאַני וועט שוין איצט אויף זיכער לאַנג זיצן.

סאַלוואַטאָרע האָט אָפּגעשטויסן די האַנט פון דער שוועסטער. ער האָט מיטן פינגער אַ ווונק געטאָן צו קאָנטשעטאָן:

— קום אהער, חברהמאַן, זעץ זיך. דערצייל, ווען האָט מען אים ארעס־טירט?

קאָנטשעטאָ האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט און אָוועקגעזעצט זיך לעבן מאַריען.

— היינט, — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— דאָס ווייסט ער נישט, מאַמאָ, — האָט מאַריאַ שנעל געענטפערט.

— דאָס ווייס איך נישט, — האָט איר נאָכגעזאָגט קאָנטשעטאָ. — אָבער איר ווייסט ביידע, אַז מע וועט אים אַזוי גיך נישט אַרויסלאָזן.

— אַזוי מיין איך. מען אַרעסטירט אים דאָך שוין צום צווייטן מאָל. אַ מעות האָט מען געקאָנט האָבן דאָס ערשטע מאָל, אָבער דאָס צווייטע מאָל, ניין. פאַר־געסט, אַז דזשיאַני איז אַ קאָמוניסט, — מאַריאַ האָט לייכט אַ הייב געטאָן אירע איינגעהויקערטע אַקסלען.

— און פאַרוואָס האָסטו געזאָגט אַ ליגן, אַז נישט קאָנטשעטאָ האָט דיר דערציילט וועגן דזשיאַנים אַרעסט? פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז אַלע ווייסן שוין וועגן דעם?

— כ'האָב געזאָגט, נו איז וואָס? האָסט זיך צוגעטשעפּעט! יעדן האָלטסטו פאַר אַ ליגנער. יעדער וויל דיך נאָר אָפּנאַרן. אָ, דו נאַר, וואָס וויל איך דען? בלויז דיין גוטס. אַן אַנדערע וואָלט שוין לאַנג געזאָגט: גענוג! זאָל ער אומקומען פון הונגער, אויב ער האָט קיין שכל נישט. — מאַריאַ האָט זיך פּלוצעם באַרו־איקט. — איך האָב שטענדיק דיך ליב געהאַט מער פון דזשיאַנין. ביסט געווען דער יינגסטער אין דער משפּחה.

— דו קאָנסט שוין עמעצן ליב האָבן! דו האָסט אין דעם דיין אייגנעם אינטערעס. עפּעס האָט דיר פיליפּעלאָ געמוזט צוזאָגן. יאָ, צוליב וואָס זענט איר געווען ביי אים?

— וועגן דעם ווייסטו אַויך? — מאַריאַ האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל. — עך, אין דעם פאַרשאָלטענעם ראָקאַ די דזאָלפּאָ קאָן מען קיין שום

זאַך נישט אויסבאַהאַלטן. אָבער דעסטאָ בעסער. איך האָב נישט קיין שום סודות. יאָ, איך בין געווען ביי פיליפעלאָן, כדי אים צו מעלדן פאָרויס, אַז אַנדזשעלינאַ וויל זיך אומקערן קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ און זיך באַזעצן ביי אונדז. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין שום אַוואַנטורעס. און איך וועל זיך שוין באַמיען, אַז זי זאָל ביי אונדז בלייבן אויף שטענדיק און צו דזשיאַנין קיינמאָל זיך נישט אומקערן. דו ביסט שענער פאַר דזשיאַנין. עס וועט דעריבער נישט שווער זיין זי צו פאַרהאַלטן. און פיליפעלאָ וועט מסכים זיין און וועט זיכער נישט וועלן, אַז זיין טאָכטער זאָל לעבן אין אָרעמקייט. פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי, און וואָס האָט דערויף געזאָגט פיליפעלאָ?

— ער האָט געפרעגט, ווען מיר וועלן חתונה האָבן, — האָט זיך אָנגערופן קאָנטשעטאָ.

— לאָז צורו, דו נאַר! — מאַריאַ האָט אים אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן.

— דו וועסט מיט מאַריען חתונה האָבן, אַזוי ווי איך מיט אַנדזשעלינען, — סאַלוואַטאָרע האָט אַ קורצן לאַך געטאָן.

— דאָס איז אָפּהענגיק נאָר פון דיר, טאַטאָ. פיליפעלאָ האָט געפרעגט, פאַרוואָס דו קומסט קיינמאָל נישט אַריין צו אים. איך האָב אים געזאָגט, אַז דו האָסט מורא פאַר מענטשלעכע צינגער. מע רעדט אַזוי אויך, אַז דו לויפסט אויף אַנדזשעלינעס גרן.

— המ, — האָט טאַטאָ אַ ברום געטאָן.

— נו, טאַטאָ, ס'איז שוין שפעט, — מאַריאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בלאַסווערנדיקן הימל. — לאָמיר גיין אַהיים. די מאַמע איז אַליין. ס'איז שוין נישט ווייט צו טאָג.

— פאַרטאָג גייען די אַרבעטער קיין קראָטאָנע באַפרייען דזשיאַנין, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — צי וועסט אויך גיין מיט זיי, קאָנטשעטאָ?

— איך פאָר מיט פיליפעלאָן אָפּנעמען אַנדזשעלינען.

— אַך!

מאַריאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף קאָנטשעטאָן מיט ווילדן כעס. דערנאָך האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דעם קאָפּ פון סאַלוואַטאָרען, וועלכער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— וואָס איז דיר, טאַטאָ? ס'איז דיר נישט גוט? — האָט זי געפרעגט.

— קום אַהיים, וועסטו זיך אָוועקלייגן.

— אַך, לאָז מיך צורו!

מאַריאַ איז אויפגעשטאַנען און אַ ווונק געטאָן צו קאָנטשעטאָן, אַז ער זאָל זיך אויפהייבן. זי האָט זיך איינגעבויגן איבער סאַלוואַטאָרען:

— וואָס איז דיר, טאַטאָ?

— דו צויג, — האָט אַרויסגעסיקעט סאַלוואַטאָרע. — דעם אייגענעם ברודער האָסטו איינגעזועצט אין תפיסה. דיין קאָפּ שטעקט אין דעם. צויג! אין וועמען ביסטו אַריינגעראָטן?!

— אין דעם זעלבן, וואָס דו. דו מיינסט, אַז דו ביסט בעסער פון מיר? ביסט דער זעלבער.

— טראָג זיך אָפּ!

— איך וואָלט נישט אָנגעהויבן, ווען איך זאָל דיך גוט נישט קענען.

— טראָג זיך אָפּ, זאָג איך דיר!

— איך האָב געוואָלט נעמען אַלץ אויף זיך, ווייל דו ביסט אַ פּחדן. איך וואַג און דו נישט. דאָס איז דער גאַנצער אונטערשיד.

— גיי אַוועק!

— דו וואָלסט געוואָלט האָבן סיי אַנדזשעלינען, סיי דעם גדן, סיי אַ ריינעם געוויסן. איך האָב דיר געהאָלפן, וויפל איך האָב געקאָנט. אָנשטאָט פיליפּעלאָן, וואָלסטו געקאָנט פאָרן ברענגען אַנדזשעלינען. אָבער איך האָב געוווסט, אַז אויב עס וועט אויסקומען צו נעמען זי מיט כוח, וועסטו זיך דער ערשטער דערשרעקן. און דזשיאַני וועט זיצן פאַר אָנרעדן צו גנבה. פיליפּעלאָ האָט עדות. אויב אַנדזשעלינאַ וועט מיט גוטנס נישט וועלן אהיימפאָרן קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ, וועט זי אויך גיין אין תפיסה. איצט ווייסטו שוין אַלץ!

— אַזויפיל שווינדלעריי!

— אַזויפיל נויט!

— איך האָב עס פאָרגעפילט... איך האָב עס פאָרגעפילט...

— אַזויפיל נויט! איך וויל נישט מער פגרן פאַר הונגער. פגר דו צוזאַמען מיט דער אַלטער. דאָ, אין דעם פאַרשאָלטענעם ראָקאַ די דזאָלפאָ. גענוג! איך וועל זיך געפינען אַן אָרט אויף דער וועלט. קיין איין טאָג וועל איך דאָ מער נישט בלייבן.

— מאַריאַ, מאַריאַ, — קאָנטשעטאָ האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, — ווילסט מיך איבערלאָזן? מאַריאַ!

— טראָג זיך אָפּ, דו סמאַרקאַטש! איך זאָל דיך מער נישט זען פאַר די אויגן, — מאַריאַ האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך. — דו נאַריש באַשעפעניש!

סאַלוואַטאָרע האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. עס האָט זיך אים ווידער פאַרדרייט דער קאָפּ.

— וויין, וויין, טאַטאָ, — האָט מאַריאַ געזאָגט, — דו צעקראָכענע פרייַלין. האָסט באַדאַרפט געבוירן ווערן ביים באַראָן בערלינגיערי. אַזוי ביסטו נישט צו גאָט נישט צום טייוול.

סאַלוואַטאָרע האָט געהערט, ווי מאַריאַ האָט אַ שפּיי געטאָן צו זיינע פיס און אַוועק. נאָך איר איז נאָכגעלאָפן קאָנטשעטאָ און סקאַווטשעט ווי אַ הונט.

קאַפּיטל זיבן

I

אימאַקאָלאַטאַ האָט זיך איבערגעצלמט, ווען זי האָט דערהערט דעם דינעם קלאַנג פֿון גלאָק. דאָס האָט דער אַלטער קאַשטשיאָל־באַדינער אַנדרעאָ געקלונגען.

ווי שטענדיק, האָט ער זיך געפֿלייסט צו קלינגען צוויי מאָל שטאַרק און איין מאָל שוואַך, וועלנדיק נאָכמאַכן דאָמעניקאָן, אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן טועה צו זיין און ווייטער שוין געקלונגען אויף זיין שטייגער, גלייכמעסיק.

זי האָט פֿאַרריכט דאָס אָפּגעקראָכענע פֿון זון און אַלטקייט טיכל, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן אויף הינטן, און געאיילט אין קאַשטשיאָל אַריין.

ס'איז שוין געווען סוף אַפּריל און דער פֿאַרנאַכטיקער הימל האָט נאָך לאַנג איינגעהאַלטן די קלאָרקייט.

דער קאַשטשיאָל, ווי געוויינלעך אין וואָכעדיקע טעג, איז געווען פּוסט. עטלעכע אַלטע פֿרויען זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג לעבן דעם שפּריצקאַן מיטן הייליקן וואַסער, און אין דער טונקעלער פֿאַרטיפֿונג פֿאַר דער שוואַרץ געוואָרענער סטאַטוע פֿון דער פּאַטראָנעסע פֿון ראָקאַ די דזאָלפּאָ און פֿון איר אַליין האָט געקניט קיאַראַ. אפֿשר האָט זיך איר אויך געטראָפֿן אַ וועלכעס אומגליק? דאָס מיידל האָט אויסגעקושט די גאָלדענע שיך פֿון דער הייליקער, וועלכע האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פֿון אונטערן קליידל.

דער קשיאָנדז דאָן לואידזשע, דער זון פֿון פּיליפּעלאָ, האָט פֿאַרענדיקט „Tantum ergo sacramentum" קיאַראַ האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַרויסגעצויגן פֿון הינטער דער בלוזקע אַ זיידן טיכל און פֿאַרוואָרפֿן עס. אַרום דעם האַלדז פֿון דער סטאַטוע, מאַכנדיק אַ לויזן קנופּ. אין שיין פֿון די ליכט, וועלכע האָבן געשטעקט אין הויכע שוואַרצע לייכטער, האָט אַ שימעריר געטאָן דער רויטער מאַטעריאַל און אין דעם כמורנעם ווינקל איז פֿריילעכער געוואָרן.

דאָן לואידזשי האָט געבענטשט דעם פּוסטן קאַשטשיאָל מיטן צייכן פֿון קרייץ. דער אַלטער אַנדרעאָ האָט גלייך אָנגעהויבן אַרומצופּאָרען זיך, כדי צו פֿאַרלעשן וואָס שנעלער די ברענענדיקע ליכט, וועלכע זענען שוין איצט נישט

געווען נייטיק. ער האָט זיך באַוועגט שנעל, כאָטש דעם גאַנצן שאַרפֿן ווינטער האָט ער שווער געקרענקט און בלויז אַדאַנק דער אויפֿזיכט פֿון דאָן דאָמעניקאָ און דער פֿרילינג־זון האָט ער באַוויזן צו שטעלן זיך אויף די פֿיס. ער האָט זיך אָבער געקאָרטשעט און געהויקערט, און זיין גאַנג, כאָטש אַ רירעוודיקער, איז דאָך געווען הילצערן, ווי די פֿיס זאָלן זיך אים איינברעכן אין די קני. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער טענצלט אונטער ספּעציעל, כדי עמעצן לאַכנדיק צו מאַכן. אַנדרעאָ האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביי דער סטאַטוע און אַ גלעט געטאָן קיאַרען אי־בערן אַקסל. דערנאָך האָט ער פֿאַרפֿלאָכטן די פֿינגער, וועלכע זענען געווען אויסגע־קרומט פֿון אַלטקייט, און געשאָקלט דעם קאָפּ אין אַנטציקונג. נאָכן פֿאַרענדיקן די אָוונטיקע תּפֿילה זענען אויך צוגעגאַנגען די אַלטע פֿרויען, וועלכע האָבן מיט זייערע אָגצייניקע יאַסלעס געקייט די רעשטלעך פֿון געבעט. זיי האָבן געוואָלט אַ טאַפּ טאָן דאָס זייד.

— דאַנקסט, צי דו בעטסט? — האָט אַנדרעאָ געפֿרעגט קיאַרען.

— ביידע זאַכן, — האָט זיך דאָס מיידל צעלאַכט, קושנדיק די הייליקע אין דער מונקל־ברוינער קיילעכדיקער באַק. — זעסט, — האָט זי אַ שעפּטשע גע־טאָן דער הייליקער אויפֿן אויער, — איך זשאַלעווע דיר גאָרנישט, טאָ זיי אויך דו גוט פֿאַר מיר. ווייסט אַליין אין וואָס עס גייט מיר. הערסט? איך זאָל נאָר נישט באַדאַרפֿן שפּעטער דאָס טיכל ביי דיר אָפּנעמען. הערסט?

אַרויסגייענדיק האָט זי זיך אויסגעדרייט אין דער זייט פֿון אַלטאַר און צום לעצטן מאָל זיך איבערגעצלמט, לייכט איינבייגנדיק די קני. זי איז אַרויסגעלאָפֿן, כדי צו דעריאָגן אימאַקאָלאַטען, וועלכע איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון די קאָשטשיאָל־טרעפּ.

— אַ גוטן אָוונט, אימאַקאָלאַטאַ, — האָט זי אויסגערופֿן.

— דאָס איז אַ דאַנק־נדבֿה, צי אַ בקשה? — האָט די אַלטע געפֿרעגט.

קיאַראַ האָט זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— איך וועל אייך באַגלייטן, אימאַקאָלאַטאַ, צי מאַריאַ איז דאָ אין דער היים? — האָט זי געפֿרעגט.

— נישט מאַריאַ און נישט סאַלוואַטאָרע זענען דאָ, — האָט געענטפֿערט די אַלטע, — נאָר אַלציינס, קאָנסט גיין. וועסט אַ ביסל זיצן און אַוועקגיין. און אפֿשר וועסטו זיך אויף עמעצן פֿון זיי דערוואַרטן. מאַריאַ איז אַוועק קיין קראָטאָ־נע. ווייסט, אַז מע האָט מיין דזשיאַנין איינגעזעצט אין תּפֿיסה?

— איך ווייס, אימאַקאָלאַטאַ. טאָטאָ איז אויך אַוועק? נעכטן האָט ער זיך געפֿילט אַזוי שוואַך.

— אָרעמער טאָטאָ. איך האָב אַפֿילו נישט געהערט, ווען ער איז אַוועקגעגאַנ־גען. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז ער שוין נישט געווען, — אימאַקאָלאַטאַ האָט אַ זיפֿץ געטאָן, — איך זאָג מאַריען: וווּ איז טאָטאָ? און זי ענטפֿערט מיר,

אַז ער איז זיך נישט מתוודה פאַר איר. אָבער זי האָט געוווסט, אַז ער איז אַוועק קיין קראָטאָנע. ווייל שפּעטער, ווען ס'איז געקומען פיליפּעלאָ, האָט זי אים געזאָגט. איך האָב אויך געוואָלט גיין. אָבער ווער וואָלט אין שטוב פאַרבליבן? אַזויפיל זענען אַוועק קיין קראָטאָנע, אַפילו דאָן דאָמעניקאָ.

— זעט נאָר, זעט! — האָט קיאַראַ געזאָגט. — איצט וועט מען זיכער באַפרייען דזשיאַנין.

— באַפרייען, זאָגסטו? הייליקער גאָט! אָבער איך האָב מורא פאַר פיליפּעלאָן. ער איז געקומען היינט גאַנץ פרי און פרעגט מאַריען, ווו איז קאָנטשעטאָ, פּונקט ווי ער וואָלט שוין ביי מיר אין שטוב געשלאָפן. ער האָט אים געוואָלט מיטנעמען אין שטאָט. צוליב וואָס פאַרט פיליפּעלאָ אין שטאָט אַריין? האָב איך געפרעגט מאַריען. און זי האָט מיר געענטפערט דערויף: ער וויל זיכער דזשיאַנין, ווי דעם אמתן איידעם, אַ מתנה ברענגען. — אַזאַ איז זי שוין מיין טאָכטער.

— טאָטאָ איז נישט אַזעלכער? נישט אמת?

— און דאָנאַ פראַנצעסקאַ איז אויך געווען היינט פרי. איר דאָן דאָמעניקאָ איז נאָך פאַרטאָג צוזאַמען מיט אַלע אַוועקגעפאָרן.

— זעט נאָר, זעט!

— און דעמלט האָט מאַריאַ געבונדן אַלע הינער און אויך זיך פאַרנומען. דאָנאַ פראַנצעסקאַ זאָגט צו איר מיט גוטנס: צוואָס דאַרפסטו די אַלע הינער? ווילסט איבערקויפן דעם סערזשאַנט אין קראָטאָנע, ער זאָל דיר דיין ברודער פון תפיסה אַרויסלאָזן? און זי דערויף: איך וועל פאַרקויפן, אַלע וועל איך פאַרקויפן. אַזוי, מיין קיאַראַ, איצט איז מיר מיט סאַלוואַטאָרען שוין פאַרבליבן בלויז דער טויט.

— און סאַלוואַטאָרע איז אויך אַוועק פאַרטאָג?

— ניין. ווען עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, האָב איך געהערט, ווי ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים. דערנאָך בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן און מער שוין גאָרנישט געהערט.

— אַזוי שפּעט האָט ער זיך אומגעקערט? ווען ס'האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג!

אימאַקאָלאַטאַ האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

קיאַראַ האָט אויך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך פאַרטראַכט. אַ לענגערע ווײַלע זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. זיי זענען שוין פאַריבער די מוניציפּאַל־גאַס, ווען קיאַראַ האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. זי האָט מיט דער האַנט פאַרהאַלטן אימאַקאָלאַטען, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט.

— ווי אַ געזאַנג, — האָט זי געזאָגט, — איר הערט, אימאַקאָלאַטאַ?

— יאָ, טאָכטער, ווי אַ געזאַנג.

זיי האָבן זיך אָנגעדריִיט מיטן פּנים אין דער זייט פון שליאַך. אין העכערן טייל פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ האָט מען דאָס געזאַנג, זעט אויס, דערהערט שוין פריער. מען איז אַרויסגעלאָפן פון די שטיבער. פרויען זענען שטיין געבליבן און אַרומגעקוקט זיך אין גאָלדענעם ליכט פון זונפאַרגאַנג. זיי האָבן זיך פאַרשטעלט די שטערנס מיט די הענט און מיט די פינגער געטייטלט אין דער ריכטונג פון סאַראַצענער טויער. דערנאָך האָבן זיך ווידער, אין לויף צעפּאָכעט זייערע טיכלעך, ווי שוואַרצע פליגלען. יינגלעך מיט העמדלעך, וואָס זענען זיי אַרויסגעקראָכן פון די הייזלעך, האָבן זיך איבערגערופן מיט דורכדרינגלעכע פייפערייען. מיידלעך האָבן פון צייט צו צייט אויסגעשאָסן מיט געלעכטערס. האַלב־נאַקעטע קינדער האָבן מיט געשרייען אָנגעפילט די שמאָלע שיפּע געסלעך.

— זיי קערן זיך אום! אונדזערע קערן זיך אום!

מינוטנווייז האָט דאָס געזאַנג זיך איבערגעריסן און אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער באַלד האָט זיך עס דערהערט נאָך נענטער און פייערלעכער.

— קומט, — האָט קיאַראַ געזאָגט, — לאָמיר אויך גיין!

ווען אימאַקאָלאַטאַ און קיאַראַ זענען, אומקערנדיק זיך, ווידער דורכגעגאַנגען געבן שטאָטראַט, האָט זיך באַוויזן דער קליינער מינקוטשיאָ, דער זון פון דזשיאָוואַנען און אַרמאַנדאָן. ער האָט געטריבן פיליפּעלאָס שאָף. זיין פּנים איז געווען רויט און גלאַנצנדיק פון זונאונטערגאַנג. מינקוטשיאָ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די געדרייטע טרעפּ און מיט אַ גרינער פריש־אָפּגעשניטענער לאַזע אונטערגעטריבן די צעפּלאָשעטע, צונויפגעפּרעסטע שאָף.

ווען ער האָט דערזען אימאַקאָלאַטען, האָט ער אַ דערפרייטער אָנגעהויבן מאַכן צו איר מיט די הענט:

— אימאַקאָלאַטאַ! אייער זון האָט מען אַרויסגעלאָזט! איך האָב אים אַליין געזען! זיי וועלן דאָ באַלד זיין. איך האָב אים דערקענט פון דער וויטנס.

— סאַנטאַ קיארא! — האָט אַ שעפּטשע געטאָן אימאַקאָלאַטאַ.

— איך האָב געזאָגט, אַז מע וועט אים זיכער באַפרייען, — האָט געזאָגט קיאַראַ.

II

דער „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע, דער ברודער פון יאָלאַנדען און שוואָגער פון קליינעם מאַטעאָ, איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטאָטראַט מיט די ראָזע ווענט און גרין געמאָלענע לאָדנס.

דער „סינדאַקאָ“ האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און, זשמורענדיק די אויגן אונטער דעם ברייטן קאַפּעליוש, געפירט דעם בליק אַרום און אַרום, ווי ער זאָל עמעצן זוכן צווישן די מענטשן, וואָס זענען געלאָפן באַרג אַרויף. און

געפונענדיק ענדלער, האָט ער אין א שמייכל צענומען די גראָבע ליפּן, וועלכע זענען געווען צוגעדעקט מיט שווארצע געדיכטע וואָנצעס. ער האָט דערזען אימאַקאָלאטען, וועלכע קיארא האָט געהאַלטן אונטער דער האַנט. ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון שוועל און, טרייסלענדיק דעם ווייכן, וויאלן בויך, איז ער צוגעלאָפן צו איר מיט דראָבנע טריטלעך.

אימאקאָלאַטא האָט א געשריי געטאָן פון שרעק, ווען דער „סינדאקאָ" האָט איר פּלוצעם פארצוימט דעם וועג. זי האָט אפילו נישט קיין צייט געהאַט זיך צוריקצוציען און זיך אָנגעשלאָגן מיט איר ברוסט אין דער ברוסט פון דער דאָרפישער מאַכט. קיארא האָט זיך צעלאַכט. אַברוצעזע האָט זיך אויך צעלאַכט:

— אָ, אימאקאָלאטא, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער זאָל זיין אין כעס, — אזוי האַנדלט מען? אלעמען איז מען מודיע, אז דזשיאני איז ארעסטירט און אַז מע דאַרף גיין קיין קראָטאָנע, כדי אַרויסצובאַקומען דעם אומשולדיקן פון תפיסה, און מיר זאָגט מען אפילו קיין וואָרט נישט? — דער „סינדאַקאָ" האָט אונטערגעהאַלטן אימאקאָלאטען פארן עלנבויגן, — גיט אַכטונג, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן בליק אויף א ראָוו, אין וועלכן עס איז גערונען דאָס שמוץ פון „פּאָרקאָפּאָלי", און געהאָלפן דער אלטער אריבערגיין. — און אפשר וואָלט איך באַוויזן עפּעס צו טאָן פאר אונדזער דזשיאנין, אָ? צי טויג איך שוין אפשר צו גאָרנישט? מען איז נישט געקומען צו מיר, טראַכט איך מיר, איז נישט, איז ערגער פאַר זיי. איך וואָלט אַן אויפנאַמע מיט אַ סעודה געמאַכט לכבוד דזשיאַנין. אַ ביסל ווייַן האָב איך, וואָלט איך נאָך דערצו אַ חזיר אַוועקגעלייגט. ווי זשע וועט עס עפּעס זיין אָן ווייַן און אָן פלייש! עה, — האָט ער זיך צעלאַכט, — צוליב וואָס רעד איך דאָס? וואָס אייגנטלעך וויל איך פון אייך? נישט אזוי?

אימאַקאָלאַטאַ איז נאָך אַלץ געווען איבערגעשראָקן. זי האָט זיך נישט אָפּגערופן און בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען זי האָט דערפילט, אז דער „סינדאַקאָ" קוקט אויף איר, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער. און קיאַראַ האָט מיט הסכמה געדריקט איר אָרעם: „ווירקלעך, וואָס וויל ער פון אונדז?"

נאָר ווען זיי זענען געקומען אויפן פּלעצל פארן קאָשטשיאָל, איז אברוצעזע שטיל געוואָרן. אימאקאָלאטען האָט אָנגעהויבן מאַטערן דער וועג, וועלכער איז דאָ געוואָרן אלץ מער שיף, און אברוצעזע האָט זי ווידער גענומען אונטערן אָרעם.

— איר פרייט זיך, אימאקאָלאטא? — האָט ער געפרעגט.

— איך זע אים נאָך נישט, — האָט געענטפערט די אלטע, — ביז איך וועל אים נישט זען מיט די אייגענע אויגן, וועל איך נישט גלייבן.

—עס הייבט אָן טונקל ווערן, — האָט זיך אָנגערופן קיאַראַ.

— נו, ס'איז נאָך פולשטענדיק ליכטיק, — האָט הויך געזאָגט דער „סינדאקאָ", אויפהייבנדיק דעם בליק. אין דער טיף פון זילבערנעם הימל איז געהאָנ־

גען א בלאָסער, קוים אָנזעעוודיקער שטערן. — עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די לאַנגע טעג. לענגער די טעג, לענגער דער הונגער, — האָט ער א זיפץ געטאָן. — ער!

אימאקאָלאַטא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און קיארא האָט געענטפערט מיט אַ קרעכץ: אויף די טרעפּ פון קאָשטשיאָל איז געשטאַנען דער קשיאָנדז לואידזשי, ווי ער זאָל ערשט איצט האָבן פארענדיקט די פארנאַכטיקע תפילה, און לעבן אים איז געשטאַנען דער אַלטער אַנדרעאָ.

דער „סינדאקאָ" האָט אָפּגעלאָזט דעם אָרעם פון אימאקאָלאַטען און באַגריסט זיך מיטן קשיאָנדז. דאָן לואידזשי האָט זיך טיף פארנייגט, און אַנדרעאָ, אָנווייזנדיק מיטן פּנים אויף דעם סאראצענער טויער, וועלכן מע האָט פון דאָרטן שוין געזען, האָט געפרעגט:

— וואָס איז עס פאר א צוואמענגעלויף?

— ווען איך זאָלן ווּיסן, — האָט געענטפערט אברוצעזע, — מענטשן לויפן. און אז מענטשן לויפן, לויף איך אויך.

— א פיינער וואָיט, — האָט א ברום געטאָן אַנדרעאָ, — וואָס ווייסט גאָר נישט.

— אַפילו דיר, אַלטער, געפעל איך נישט, — האָט זיך אַברוצעזע צעלאַכט.

אונטער דעם סאראצענער טויער און אויף ביידע זייטן שליאך זענען געשטאַנען בּרויען און קינדער. אלע האָבן גערעדט הויך און צוזאמען. די יינגלעך זענען געקומען צו לויפן מיט א געשריי:

— זיי זענען שוין נאָענט, און דאָן דאָמעניקאָ איז סאמע שפּיץ.

דערנאָך זענען זיי ווידער אוועק מיטן שליאך צו באַגעגענען די זיך אומקערנדיקע און זענען פארשווונדן הינטערן בערגל, וואָס פארשטעלט דעם אויסבייג פון וועג.

— איר האָט געהערט? מיין דאָן דאָמעניקאָ גייט אין דער שפּיץ! — האָט אויסגערופן פראנצעסקא, באַגריסנדיק זיך מיט אימאקאָלאַטען. — איר האָט געזען? אין סאמע שפּיץ! ער וועט מיר נאָך ווערן, זאָל גאָט אָפּהיטן, א קאָמוניסט אויף די עלטערע יאָרן. און דאָס אייזל האָט ער אויך זיכער פארמאָרדעוועט!

איצט האָט אברוצעזע אָפּגעלאָזט אימאקאָלאַטען און שנעל אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג פון שליאך. ער האָט ארייַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און זיך אוועקגעשטעלט אין סאמע מיטן.

מע האָט געמאַכט אן אָרט פאר אימאקאָלאַטען אונטערן טויער, וועלכער האָט אָפּגעטיילט דעם וועג פון דעם ראָוו אונטער „פּאָרקאָפּאָלי". די אַלטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. זי איז געווען דערהיצט און פאַרמאַטערט,

זי האָט אויפגעבונדן פון הינטן דאָס טיכל און מיט איין עק געפּאָכעט זיך אין פּנים.

— דו שוויצסט, אַלטע? — האָט פראַנצעסקאַ געזאָגט. — וועסט באַלד וויינען פון פרייד.

אימאַקאָלאַטאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— פאַרוואָס זינגט מען נישט? — האָט זי געפרעגט א באַאומרואיקטע.

— אינטערעסאַנט, צי דזשיאַני האָט אויך מיטגענומען מיט זיך אַנדזשעלינען, — האָט קיארא געזאָגט.

— איר הערט, ווי עס סקריפּען רעדער? דאָס איז די „שאַראַבאַלע“, פון מיין וויטאָן, — האָט געזאָגט די דראָבנע פּיערינא, אַוועקזעצנדיק זיך לעבן אימאַקאָלאַטען אויף דער ערד. — די רעדער זענען אויסגעטרוקנט, ווי פעפער, א נס, וואָס זיי צעשיטן זיך נישט, ווי א פעסל אָן וואַסער.

— ווייז נישט, פּיערינא, — האָט זיך אָפּגערופן ווינטשענצא, די פרוי פון סילוויאָן, — עס וועלן קומען אונדזערע. וועלן מיר דיר אָפּקויפן א גאַנצן נייעם וואָגן.

— עס וועט אויסקומען לאַנג צו וואַרטן, — האָט געענטפערט פּיערינא. — איר זאָגט צו, ווי דער קשיאָנדז אין קלויסטער, אַלץ נאָכן טויט.

— פאַרוואָס זינגען זיי נישט? — האָט געפרעגט אימאַקאָלאַטא. — אמת, קיארא, אַז פריער האָבן זיי געזונגען? צי האָבן זיי פריער אויף זיכער געזונגען?

— און איך האָב פריער נישט געהערט און הער איצט נישט, — האָט געזאָגט די אָנגעזיקע אָקושערקע פּאַסקאַלינא.

— דו הערסט גאָר, ווען מע ווייגט, — האָט איר אָפּגעענטפערט פראַנצעסקא. — פאַרוואָס זעט מען נישט יאָלאַנדען? צי האָט מען דיך שוין גערופן צו איר, פּאַסקאַלינא? ס'איז שוין, דאַכט זיך, צייט. און די אָרעמע דזשיאָוואַנאַ זעט מען אויך נישט.

אין דער מינוט איז א פאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפן אַברוצעזע. ער האָט געזוכט אימאַקאָלאַטען.

— זיי גייען שוין, אַכטונג פרויען! — האָט ער געשריגן. ער האָט געכאַפּט די אַלטע אימאַקאָלאַטאַ פאַר דער האַנט און זי אָנגעהויבן ציען אין דער זייט פון טויער.

פראַנצעסקאַ, פּיערינאַ, קיארא און ווינטשענצא זענען זיי נאָכגעגאַנגען.

אַברוצעזע האָט אַוועקגעשטעלט אימאַקאָלאַטען אין סאַמע מיט פון טויער אונטערן פּאַסאַר פון בויגן. אַנדערע פרויען האָט ער אָפּגעטריבן, מאַכנדיק נערוועז מיט די הענט.

— איר שטעלט זיך א ביסל פון הינטן, — האָט ער געזאָגט צו פראַנצעסקען און פּיערינען, וועלכע האָבן זיך געשטופּט, וועלנדיק זיין ביי דער זייט פון אימאַ־

קאַלאַטעז. — איר זעט דאָך, אַז דאָס איז די מוטער, — האָט ער מיט ביידע הענט אָנגעוויזן אויף אימאַקאָלאַטען, — ער מוז דאָך צוערשט זיך זען מיט דער מוטער, צעקושן זיך מיט איר. קלאָר? און איך וועל מיר אוועקשטעלן דאָ, — האָט ער געוויזן אן אָרט לעבן אימאַקאָלאַטען. — איך וועל האַלטן א קורצע רעדע. ווען איך וואָלט נאָך געוווסט היינט אין דער פרי, וואָלט איך צוגעגרייט א לענגערע. נאָר, פאַרפאַלן. ווער זאָל אונדזער דזשיאַנין באַגריסן, אויב נישט איך? איך געדענק אים נאָך, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. נישט אמת, אימאַקאָלאַטא? די אימאַקאָלאַטא איז א הייליקע פרוי, — האָט ער זיך געווענדט צו פראַנצעסקען, אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל. — שטופּט אייך נישט, — האָט ער געשריגן אויף די קינדער, וועלכע, זעענדיק דאָס ארומפּאָרען זיך פון „סינדאַקאָ“, זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון מויער.

— מע וועט פאָטאָגראַפירן, קומט, מע וועט פאָטאָגראַפירן, — האָבן די קינדער געשריגן, — אמת, סיניאָר „סינדאַקאָ“?

— נישט אמת! — האָט זיך אברוצעזע געבייזערט.

אָבער די קינדער האָבן נישט געגלייבט, און זיי האָבן זיך געשטופּט צום סאמע מיט פון מויער. זיי האָבן זיך צוזאמענגעפּרעסט לעבן אימאַקאָלאַטען און איר פאַרקוקט אין די אויגן, שטורכנדיק און קריגנדיק זיך.

דאָס געשריי האָט אויפגעהערט, ווען אויפן שליאַך האָבן זיך באַוויזן די צוריקקערנדיקע.

אין פראָנט איז געלאָפן א כמאַרע קינדער. צווישן זיי האָט מען געזען זיך שאָקלען אויפן אייזעלע דאָן דאָמעניקאָ. ער איז געפאָרן אין דער שפּיץ. דאָס אייזעלע האָט געפירט פארן צוימל מינקוטשיאָ. דערנאָך האָט זיך געהוידעט אויף די ברוק־שטיינער די פּוסטע „שאַראַבאַלע“ פון וויטאָן. דאָס מוילאייזל האָט קיינער נישט געפירט אָדער אונטערגעטריבן, עס האָט געוווסט דעם וועג פון צען יאָר און האָט געצויגן דאָס סקריפּנדיקע וועגעלע מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ. וויטאָ האָט איבערגעלאָזט די חיה אויף איר אייגענעם באַראָט און אַליין זיך פאַראייניקט מיט די חברים, וועלכע זענען געגאנגען אין א צעוואָרפענער גרופּע.

עטלעכע יינגלעך האָבן אָן שום שוועריקייטן מיטגעהאָלפן דעם טראָט פון קליינעם מאַטעאָ. מאַטעאָ איז ארויסגעלאָפן פאָרויס און, דערזעענדיק אונטער דעם סאַראַצענער טויער די מאסע וואַרטנדיקע פרויען און קינדער, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָכען אין דער לופט מיט א רויט טיכל, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אויף דער קרומער בייטש פון וויטאָן.

— זאָל לעבן די רויטע פאָן! — האָט עמעצער אויסגעשריגן הינטער אים.

מאַטעאָ האָט זיך אויסגעדרייט, און, מיינענדיק, אַז דאָס איז דזשיאַני, האָט ער אויפגעהויבן א פאַרקלעמטע פויסט און מיט צושטימונג געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ.

נישט געקוקט, וואָס די טונקלקייט איז אַלץ געוואָרן געדיכטער, האָט מען דזשיאנין גלייך דערקענט לויט דעם, וואָס ער האָט אונטערגעהונקען. פון דער רעכטער זייט האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם אַרמאַנדאָן, און פון דער לינקער — אַן אומבאַקאַנטן, פעסט געבויטן מאַנצפּאַרשוין אין ברילן און אין אַ טונקעלן קאַפּעליוש. אַ האַלבן טראָט הינטער זיי איז געגאַנגען סילוויאָ, וועלכער האָט פון צייט צו צייט זיך איינגעבויגן צום אויער פון אומבאַקאַנטן און עפּעס אים דערציילט. יענער האָט אים אָפּגעדאַנקט דערפאַר מיט אַ בליק.

וואָסער נישט איז אָרדענונג האָט געהערשט בלויז אין דער ערשטער ריי, וועלכע איז געגאַנגען גלייך נאָך דזשאַנין, אַרמאַנדאָן און דעם אומבאַקאַנטן. שוין סילוויאָ איז געגאַנגען אַליין. די אָרדענונג האָט געהיט אַן אַלטער לוין־אַרבעטער, דער דאַרער און לאַנגער גאַספּאַרע שיאַוואָנע, וועלכער האָט זיך אויף דער מלחמה מיט עסטרייך דערדינט צו אַ קאַפּראַל, אָבער אויך צו אַ לונגן־קראַנקהייט. ער האָט עס אַלעמען געהייסן זיך האַלטן פאַר די הענט, כאָטש אין מיליטער האָט מען דאָס נישט געלערנט. ער האָט אַפילו געוואָלט אויסשטעלן די רייען לויטן וווּקס, נאָר דער גרעסטער און שטאַרקסטער לוין־אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ, פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, האָט אים אויסגעלאַכט און דעם גאַנצן וועג געגאַנגען אַזוי ווי ס'איז אים געפעלן. וויטאָ, דער אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע“, דער יונגער לינאָ, אַ קרוב פון גאַספּאַרע שיאַוואָנע, און ראָזאַריאָ, דער זון פון דער פאַרשטאָרבענער אַלמנה אַננאַ, זענען געגאַנגען אין דער לעצטער ריי, פאַרנעמענדיק כמעט די גאַנצע ברייט פון וועג.

הינטער זיי איז געגאַנגען אַ כאַאָטישע גרופּע. די לוין־אַרבעטער האָבן אויסגעטאָן די מאַרינאַרקעס, טראָגנדיק זיי אויף די הענט אָדער פאַרוואָרפנדיק זיי אויף די אַקסל. אייניקע האָבן געטראָגן מיט זיך קערבלעך אָדער געשלעפּט זעקלעך מיט ציקאָריע אָדער מיט דאַרע צווייגן, וועלכע זיי האָבן אָנגעקליבן אויפן וועג. פון קראָטאָנע האָט מען באַדאַרפט צוריקקערן מיט דזשיאַנין צוזאַמען, אָבער אויך נישט מיט פּוסטע הענט. פיל האָבן געפירט פאַר די הענט די קינדער, וועלכע זענען זיי ווייט אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן. זיי האָבן הויך דערציילט די טאַטעס, וואָס ס'איז פאַרלאָפן אין דער היים פאַרן גאַנצן טאָג. ס'האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט זינגען, עס איז גענוג געווען דער גערויש פון די קינדער.

נאָר מאַטעאָ האָט אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט די בייטש מיט דעם רויטן טיכל, ווי אַ דיריגענט פון אַ מיליטערישער קאַפּעליע. ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ ביסל צוריק און מיט דער האַנט געגעבן צייכנס, אָבער קיינער האָט זיי נישט באַמערקט. דערנאָך האָט ער אַליין אויסגעשריגן:

— זאָל לעבן דער חבר דזשיאַני און דער חבר נאָטשע!

אונטער דעם בויגן פון סאַראַצענער טויער האָבן אָפּגעהילכט דינע יינגלשע בראַוואָס. אין אָנהייב האָבן זיך אָפּגערופן אַ פּאָר שטימען, נאָר ווען דזשיאַני האָט

זיי איינגעשטילט מיט א מאַך פון דער האַנט, האָבן די אויסגעשרייען זיך אָנ־געהויבן איבערחזרן אַלץ שטאַרקער דאָ אונטער דעם טויער, דאָ צווישן די זיך אומקערנדיקע אַרבעטער.

— זאָל לעבן דער חבר דזשיאַני!

דזשיאַני האָט אויפגעהויבן זיין אָרעם הויך איבער די קעפּ און א טרייסל געטאָן מיט דער דלאָניע.

— זאָל לעבן דער פּראָפעסיאָנעלער פאריין פון די לוין־אַרבעטער, — האָט ער אויסגערופן שמייכלענדיק.

די יינגלעך האָבן אַפּלאָדירט און די פרויען זענען געשטאַנען רואיק מיט די הענט פארלייגט אויף די בייכער.

— זאָל לעבן! — האָבן אויפגעכאַפּט דזשיאַנים לאָזונג די לוין־אַרבעטער, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער ריי. עמעצנס אַ דין קעלכל האָט אויסגערופן:

— זאָל לעבן טאָליאַטי!

דערויף האָבן אַלע מאַרשירנדיקע אָפּגעהילכט:

— זאָל לעבן!

אויף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. זיי האָבן זיך שוין דערנענטערט צום טויער.

א פארשוויצטער, מיט אן אראָפּגערוקטן קאַפּעליוש אין דער זייט, האָט אברוצעוו זיך באַמיט מיט צעשפּרייטע הענט איינהאַלטן דעם געדראַנג פון די פרויען און קינדער.

— נישט שטופּן זיך, — האָט ער געשריגן מיט א כריפּעדיק קול, — נישט שטופּן זיך! מאַכט א דורכגאַנג. ווו איז אימאַקאָלאַטאָ? אימאַקאָלאַטאַ, פאָרויס!

— ער האָט זיך נישט געקאָנט געבן קיין עצה און אראָפּגעלאָזט די הענט. אָבער פּלוצעם האָט ער ארויפגערוקט אויפן שטערן זיין ברייטן שווארצן קאַפּעליוש, אויסגעשטרעקט פאָרויס די האנט און אויסגערופן אויפן גאַנצן קול:

— זיי באַגריסט, דזשיאַני, ביי אונדז אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, וואָס דו ביסט געוואָרן באפרייט! זייט באגריסט איר אלע, וועלכע...

אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט.

די פרויען האָבן אָנגעהויבן לויפן צו זייערע מענער, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך צוריקגעקערט נאָך יאָרן פון קריג. פראַנצעסקאַ האָט אויפגעהויבן דאָס קליידל העכער פון די קני און, דורכשטופּנדיק זיך דורך דער מחנה פון קינדער, צוגע־קומען צו איר דאָן דאָמעניקאָ. זי האָט ארויסגעריסן פון מינקוטשיאָן דאָס ציימל און, טאַפּנדיק די זייטן פון אייזל, האָט זי בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ. די דראָבנע פּיערינאַ האָט זיך געוואָרפן ווייטאָן אויפן האַלדז און אַזוי געבליבן הענגען א רגע אין דער לופט. ווינטשענצאַ האָט זיך פארהאַלטן אויף העלפט וועג, זעענדיק, אַז סילוויאַ גייט לעבן אַן אומבאַקאַנטן. אַנדערע האָבן צוגענומען ביי די מענער די קערבלעך און זעקלעך, ארויפלייגנדיק זיי זיך אויפן קאָפּ.

קיאַראַ האָט פאַרביסן די ליפּן און צוגעדריקט די האַנט צו דער ברוסט. זי האָט איבערגעלאָזט אימאַקאַלאַטעו און געלאָפן לענגויס דעם שליאַך. סאַלוואַטאָרע איז נישט געווען צווישן דער ערשטער גרופּע, וועלכע האָט באַגלייט דזשיאַנין, נישט צווישן די איבעריקע לוין־אַרבעטער. אַנדזשעלינאַ איז אויך נישט געווען. קיאַראַ האָט אָפּגעשטעלט. דזשיאַני האָט זי, הייסט עס, איבערגעלאָזט אין קראַטאַנע.

— צי איז סאַלוואַטאָרע נישט געקומען? — האָט זי געפרעגט סאַנדראַן, דעם זון פון אַלטן אַנדרעאַ, וועמען די פרוי דזשודיטאַ פון באַנאַקאָסאַ האָט דערלאַנגט אויף די הענט דעם אייניעריקן מאַרוטשיאַ.

— מיט אונדז איז ער נישט געווען, — האָט געענטפערט סאַנדראַ.

— אָבער ער איז דאָך געווען אין קראַטאַנע, — האָט קיאַראַ געזאָגט.

סאַנדראַ האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען:

— מעגלעך.

קיאַראַ האָט זיך אומגעקערט צום טויער. דאָ איז אויך סאַלוואַטאָרע נישט געווען.

אַריינגייענדיק אין דאָרף, האָבן די צוריקגעקומענע ווידער אָנגעהויבן צו זינגען. קיאַראַ האָט פאַרבראָכן די הענט. אַ לענגערע ווײַלע איז זי געשטאַנען אַליין אונטער דער טונקעלער וועלבונג. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן לויפן נאָכן זינגענדיקן המון. אָבער זי האָט זיך באַלד פאַרקערעוועט אויפן שליאַך. זי איז שטיין געבליבן. עמעצער איז געגאַנגען אויף דעם פוסט געוואָרענעם וועג.

— סאַלוואַטאָרע, — האָט זי שטיל געזאָגט, — סאַלוואַטאָרע! — האָט זי איבערגעחזרט העכער.

דער מענטש, וואָס איז געגאַנגען אויפן וועג, האָט זיך פאַרהאַלטן און זיך אָוועקגעשטעלט אַזוי, ווי ער זאָל דערזען אַ געפערלעכן הונט. עס איז געווען פינצטער.

קיאַראַ האָט זיך מיט אימפּעט געוואָרפן אין זיין זייט.

— טאַטאַ „מיא“, טאַטאַ „מיא“, — האָט זי געשעפּטשעט.

דאָס איז נישט געווען טאַטאַ, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער פּלייצע אין אַ בייוועגיקן שטיינערנעם סלופּ, האָט דער מענטש מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן. דאָס איז געווען קאָנטשעטאָ.

III

סאַלוואַטאָרע איז אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט. נישט ווייט פון סטראַנגאַלי האָט ער געטראָפן פאָרן פיליפּעלאָן. די לייצעס זענען געלעגן פאַרלאָזט אויף די קאָזלעס, און די מוילאייזלען זענען געגאַנגען טראָט ביי טראָט. מע האָט

געקאַנט מיינען, אז פּיליפּעלאַ דרימלט. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי נישט ארויס־געדעדט צו זיך קיין וואָרט, ערשט פאַר ראָקאַ די דזאַלפּאַ, ווען סאַלוואַטאָרע איז אראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן אויף דער ערד, כדי מע זאָל אים אין דאָרף נישט זען צוזאַמען מיט דעם פּאָטער פון אַנדזשעלינען, האָט דער אַלטער גע־פרעגט:

— און דו האָסט זי געזען?

סאַלוואַטאָרע האָט א רגע זיך געוואַקלט, דערנאָך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און איך זאָג דיר, אַז איך וועל זי דערהרגענען! — פּיליפּעלאָ האָט אַ טרייב געטאָן די מוילאייזלען מיט דער בייטש און געלאָזט הינטער זיך סאַל־וואַטאָרען איינעם אַליין אויפן וועג.

דערנענטערנדיק זיך צו דער שטוב, האָט סאַלוואַטאָרע דערזען דורך דער־ברייט צעעפנטער טיר ליכט און אינעווייניק אין שטוב מענטשן און רויך פון פּאַפּיראָסן.

ער איז אריין אינעווייניק. אויף א רגע האָט דער שמועס זיך איבערגעריסן, פון באַלקאָן איז אראָפּגעהאָנגען א לאָמפּ מיט אן אויסגעפּוצט גלעזל. נישט באַ־ווּסט, פונוואַנען עס האָט זיך גענומען.

אויף אַ בענקל, רעכטס פון אויסגעקילטן דרייפוס, איז געזעסן, דער „סינ־דאקאָ" אברוצעזע אין ברייטן קאַפּעליוש. ווען די מוטער האָט דערזען סאַלוואַ־טאָרען, האָט זי זיך א ריס געטאָן פון דעם שווארצן נידעריקן קאַסטן מיט דעם קיילעכדיקן דעק. אָבער גלייך האָט זי זיך אָנגעהויבן דרייען, אַרומקוקנדיק זיך ארום און ארום אויף דער ערד, ווי עס זאָל איר האָבן ארויסגעפאַלן עפּעס פון די הענט. צווישן די, וואָס האָבן פארנומען ערטער אויפן געלעגער, האָט סאַל־וואַטאָרע דערזען צוערשט דזשיאַני, וועלכער האָט געהוידעט דעם רעכטן, גע־זונטן פוס, און דערנאָך א פּעכטגעבויטן מאַן אין ברילן. דער מאַן האָט גע־שמייכלט צו אים א פארוווּנדעטער.

סאַלוואַטאָרע האָט אים אויך באַלד דערקענט.

— א גוטן אָוונט, — האָט ער געזאָגט, וועגדנדיק זיך בלויז צו אים.

— א ג'טן אָוונט, — האָט דער מאַן א שמייכל געטאָן, — איר גע־דענקט מיך?

— דו קענסט אים? — האָט דזשיאַני געפרעגט. — דאָס איז מיין ברודער־סאַלוואַטאָרע.

— אָך, — דער מאַן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.

סאַלוואַטאָרע האָט זי א דריק געטאָן:

— איך בין לאָ מעאָ, סאַלוואַטאָרע לאָ מעאָ, — האָט ער געזאָגט.

— און איך בין סעבאַסטיאַנאָ נאַטשע.

— אָך, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— צי געדענקסטו די צעקלאַפּטע פּלאַש? — האָט נאַטשע געפרעגט.

— איך געדענק.

— אַ קאָמישע געשיכטע, נישט אמת?

— וואָס פאַראַ געשיכטע? — האָט געפרעגט דער קליינער מאַטעאָ.

— וואָס פאר א געשיכטע? — האָט געפרעגט דער סינדאקאָ אברוצעזע.

— סאַלוואַטאָרע, — נאַטשע האָט פאַרריכט די ברילן, — דערציילט זיי.

— טו אויס דעם שינעל, — האָט דערהערט הינטער זיך טאַטאָ. לעבן אים איז געשטאַנען אימאַקאָלאַטאַ, וועלנדיק אים העלפן אויסטאָן דעם שינעל, — דו ווייסט נישט, וו איז מאַריאָ? — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

סאַלוואַטאָרע האָט אויסגעטאָן דעם שינעל און אים דערלאַנגט דער מוטער. מיטן בליק האָט ער געזוכט אַן אָרט, וו זיך אוועקצוזעצן. נאַטשע האָט זיך צוגערוקט צו דזשיאַנין און מיט דער האַנט אָנגעוויזן סאַלוואַטאָרען אַן אָרט צווישן זיך און ארמאַנדאָן. סאַלוואַטאָרע האָט זיך אנידערגעזעצט.

— נו, טאָ דערצייל, וואָס איז עס פאר א געשיכטע מיט א פלעשל, — ארמאַנדאָ האָט א קלאַפּ געטאָן סאַלוואַטאָרען איבער דער פּלייצע.

— אַ נאַרישקייט, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ ברום געטאָן, און, ווענדנדיק זיך צו דזשיאַנין האָט ער געפרעגט: — הייסט עס, מ'האָט דיך באַפרייט, נישט גע־קוקט אויף אלץ?

— נישט געקוקט אויף אלץ? — האָט זיך דזשיאַני פאַרוואונדערט. — נישט געקוקט אויף וואָס?

סאַלוואַטאָרע איז רויט געוואָרן.

— נו... גאָרנישט. איך האָב נישט געגלויבט.

— זיכער, — האָט מאַטעאָ פאַרקרומט די נאָז, — אז מע וועל עפּעס נישט, גלייבט זיך נישט.

— מאַטעאָ — האָט זיך אָנגערופן ארמאַנדאָ, — לאָמיר זיין אמתדיק, נישט נאָר ער האָט נישט געגלויבט.

— דאָס איז אמת, — האָט געזאָגט וויטאָ, — ווען נישט דו, אַרמאַנדאָ, וואָלט קיינער קיין קראַטאָנע נישט געגאַנגען.

— זאָל לעבן ארמאַנדאָ, אדאנק וועמען דזשיאַני איז באַפרייט געוואָרן פון דער פינצטערער תפיסה! — האָט אויסגערופן דער „סינדאקאָ“ אברוצעזע.

— אדאנק ארמאַנדאָן, אדאנק סילוויאַן, גדאנק דיר און אדאנק דיר — נאַטשע האָט אָנגעוויזן לויט דער ריי אויף וויטאָן, אויף דעם יונגן ראָזאַריאָ און קליינעם מאַטעאָ, — און קודם כל אדאנק די ארבעטער פון מאָנטעקאַטיני. גלייך נאָכן אַרעסט פון דזשיאַנין, דאָס הייסט פריטיק, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ שטרייק, און שוין שבת זענט איר געקומען פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ. די דירעקציע

האָט זיך איבערגעשראָקן, און די פּאָליציי האָט מורא באַקומען פאַר א גענעראַל־שטרייק, די בעקער האָבן געדראָט, אז זיי וועלן וואַרפן די אַרבעט. נו, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. עס איז נאָר א שאָד, וואָס מע האָט גערעדט וועגן א פרוי און וועגן עפּעס א גנבה, נישט וועגן דער סיבה פון שטרייק. די פיינט באַמיען זיך מיט כלערליי ליגנס צו פאַרקלענערן די פּאָליטישע באַדייטונג און די ריכטיקייט פון אונדזער קאַמף. יאָ, — נאָטשע האָט אָנגעהויבן צו פּויקן מיט די פינגער איבער די קני, — און דו, סאַלוואַטאָרע, ביסט אויך געווען אין קראַטאָנע?

— יאָ.

— און דו האָסט זיך נישט אומגעקערט צוזאַמען מיט אונדז?

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— נו, גוט, — האָט זיך אַריינגעמישט אַרמאַנדאָ, — דערציילט, וואָס איז דאָרט געווען מיט דעם פּלעשל. נאָטשע האָט אָנגעוויזן אויף סאַלוואַטאָרען, אָבער טאָמאָ האָט א הייב געטאָן מיט די אַקסל. נאָטשע האָט דאַן אַראָפּגענומען די ברילן, אויסגעווישט זיי מיט א טיכעלע און אין א ווײַלע אַרום אָנגעהויבן:

— איך האָב נישט געוווּסט, פאַרשטייט זיך, אז סאַלוואַטאָרע איז א ברודער פון דזשיאַני. קיין שום זאַך האָט דערויף נישט אָנגעוויזן. און דאָס וואָס ער האָט גערעדט וועגן ערד, האָט נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אז ער שטאַמט פון דער געגנט פון ערדלאָזע לוין־אַרבעטער. נאָר, זעט אויס, אז אין ראָקאַ די דזשאָלפּאָ זענען אויך אַזעלכע געבוירן געוואָרן.

— ער האָט יאָרן פאַרבראַכט אין אויסטראַליע, — האָט זיך פאַרכמורעט אָנגערופן דזשיאַני.

— די דאָזיקע זיינע אויסטערלישע, נישט פּראָלעטאַרישע אָנשווינגען האָבן אַזוי אַריינגעבראַכט אין כעס איינעם אַן אַרבעטער אין צוג, אז ער האָט פאַרגעסן אין זיין פּלעשל ווײַן. דאָס פּלעשל איז, נאַטירלעך, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און באַץ! איצט שטעלט אייך פאָר די פאַרצווייפלונג פון דעם דאָזיקן מענטשן! א הייסבלוטיקער, ווי געוויינלעך א נעאַפּאָליטאַנער, איז ער גלייך אַרויף מיט א געשריי אויף סאַלוואַטאָרען, און ס'האָט קיין ספק נישט געפעלט, אז ער זאָל זיין גאַנצע בייזקייט צוליב דער פּאָליטיק און צוליב ווײַן אויסגיסן אויף אים. צום גליק האָט מיינע א חברטע, וועלכע איז געפאָרן מיט אונדז אין געביט, געפונען ערגעץ אַ ליידיק פּלעשל און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט.

— אַ טשעקאַווע געשיכטע, — האָט זיך אָפּגערופן אַברוצעזע, אַראָפּלאָזנדיק די ווינקלען פון די גראָבע ליפּן.

— א נאַרישקייט, — האָט ווידעראַמאָל א ברום געטאָן סאַלוואַטאָרע.

— דאָס איז אינגאַנצן נישט אַזאַ נאַרישקייט, ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן, — האָט געזאָגט נאָטשע, — אַלעמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אז די סיטואַציע

איז, אזוי צו זאָגן, אָן שום אויסוועג, און די חברטע האָט זיי באַוויזן, אז מע דאַרף זיך קיינמאָל נישט אונטערגעבן, וועגן דעם דאַרפן די חברים געדענקען. אַמאָל איז דאָס א געפּלאַצטע פלאַש, און אַמאָל עפּעס וויכטיקערס.

— א פלאַש אהער, א פלאַש אהין, וואָס צו טראַכטן וועגן סאַלוואַטאָרען, ליידער אונדזערער א לאַנדסמאַן, ווייסן מיר, אָבער א ביסל ווייַן וואָלט אונדז איצט אויך נישט פאַרשאַדט — דער קליינער מאַטעאָ האָט א צי געטאָן מיט דער נאָז.

— דאָס איז אויך אמת, — האָט געזאָגט נאַטשע.

מאַטעאָ האָט א קנאַק געטאָן מיט צוויי פינגער און אין שמייכל באַוויזן קורץ אָפּגעהאַקטע ציין.

אַלע האָבן זיך הויך צעלאַכט.

— א סיטואַציע אָן אן אויסוועג, — האָט דזשיאַני געזאָגט, א ווונק טוענדיק אין דער זייט פון נאַטשען.

— און איך האָב אן אויסוועג, — אַברוצעזע האָט פייערלעך אויפגעהויבן די האַנט אין דער הייך. — טייערער שוואָגער, — האָט ער זיך געווענדעט צו מאַטעאָן, — ווען דו זאָלסט אזוי א שפרונג טאָן צו אַניעזען, וואָלט זי דיר געגעבן צוויי פלעשלעך „קאַטאַנצאַראָ מאַרינאַ“, דעם אמתן. זאָג איר, אַז פאַר יאָלאַנדען וועל איך קריגן אַנדערע. און זאָג איר, אַז איך האָב דיר געשיקט.

— דיין אַניעזע וועט מיר נישט גלייבן, — מאַטעאָ האָט זיך א קראַץ געטאָן אין קאָפּ, אָבער ער איז גלייך אויפגעשטאַנען פון אָרט, גרייט צו גיין.

— זאָלסט איר זאָגן, אַז אזא חזיר, — דער „סינדאַקאָ“ האָט געמאַכט א באַרואיקנדיקע באַוועגונג מיט דער האַנט, — אַז אזא חזיר, ווי איר ניטאַ, איז נישטאָ אין גאַנץ „פּאַרקאָפּאַלי“, און אַז אַפילו פּאַסקאַלינאַ איז נישט אימשטאַנד אים צו געבן אן עין־הרע. דעמלט וועט אַניעזע דיר געבן נישט בלויז ווייַן, נאָר אַלץ, וואָס דו וועסט וועלן. — מאַטעאָ האָט א גלעט געטאָן מיטן פינגער די גאָמבע און א ווונק געטאָן צו וויטאָן. ביידע זענען אַרויס.

— יאָ, — נאַטשע האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, — אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזערע ענינים. אַרמאַנדאָ האָט געפרעגט, ווי עס שטייט די פראַגע פון די נישט באַאַרבעטע ערד־שטחים. המ. דאָס איז א וויכטיקע פראַגע. ווען איך בין געווען אויף דער קאָנפערענץ אין באַרי, האָט מען אַרומגערעדט קודם־כל די פראַגע וועגן די ביוראָס פון אַרבעטס־פאַרמיטלונג, וועלכע דער מיניסטער פאַנפאַני וויל ביי אונדז אַרויסרייסן, ווי אויך דעם ענטפער פון די גוטסבאַזיצער אויף דעם פּראָיעקט צו שליסן אן אַלגעמיינעם קאָלעקטיוון אָפּמאַך. שוין צוויי יאָר, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער

פאָדערט צו שליסן א קאָלעקטיוון אָפמאַך אין לאנד=מאַסשטאַב. אזעלכע, ווי עס האָבן די שטאָטישע אַרבעטער. און שוין צוויי יאָר, אַז די גוטבאַזיצער ווילן אפילו נישט הערן וועגן אונטערהאַנדלונגען. און צום שניט איז שוין גאָרנישט אזוי ווייט. פונדאנען די נויטווענדיקייט צו פארשטאַרקן די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט. יאָ, אָבער דאָס איז אין אפוליא. דאָרט איז אן אנדערע סיטואציע איידער ווי אין קראָטאָנער קרייז. דאָרט זענען פאראן א סך ארענדאטאָרן, מיטעלע און קליינע ערד=אייגנטימער...

— ביי אונדז איז די פראַגע פון די נישט=באַארבעטע ערד=שטחים דאָס וויכטיקסטע, — האָט זיך אָנגערופן ארמאנדאָ.

— איר ווייסט בעסער פון מיר, — האָט נאָטשע געזאָגט. — און ווי מיינט איר, „סינדאקאָ“ אברוצעזאָ? ווי זעט אויס ביי אייך די פראגע מיט די נישט=באַארבעטע ערד=שטחים? צי האָט איר גערעדט וועגן דעם מיט דעם „סינדאקאָ“ פון קראָטאָנע מעסינעטין? דאָס איז אונדזערס א חבר, א זאכלעכער מענטש, אַ געוועזענער פאַרטיזאַן. ער וואָלט אייך זייער אַ סך געקאָנט העלפן אין אייער ארבעט און בכלל.

— אָ, יאָ, — אברוצעזע האָט זיך א ריס געטאָן פון בענקל און צוריק זיך אוועקגעזעצט, — מעסינעטי דאָס איז אן אמתער קאָמוניסט, אזעלכע דארפן מיר!

— איך האָב נישט איינמאָל געזאָגט דעם חבר „סינדאקאָ“, ער זאָל אָנהאַלטן א קאָנטאַקט, ווי מע זאָגט עס, מיט מעסינעטין אין קראָטאָנע, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט, — אָבער ביז איצט האָט זיך עס עפּעס נישט איינגעגעבן.

— און מיט אונדז אויך נישט... — סילוויאָ האָט א בליץ געטאָן מיט די אויגן פון אונטער די געדיכטע ברעמען.

— עס וואָלט גוט געווען, — האָט ווידער אָנגעהויבן נאָטשע, — אַז איר, חבר אַברוצעזע, זאָלט מאָרגן אויפן מיטינג נעמען אַ וואָרט און זאָגן, אַז אויפן סמך פון דער איטאַליענישער רעפּובליקאַנישער קאָנסטיטוציע האָבן די לאנד=ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אַ רעכט צו די נישט באַארבעטע אָדער שלעכט=באַארבעטע ערד=שטחים פון די לאטיפונדיסטן. דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע, כאָטש נישט דער איינציקער ציל פון פאריין. דער ענין מיטן די דאָזיקע ערד=שטחים גייט אָן צום מיינסטן די היגע ארבעטער.

— זיכער, זיכער, — האָט מסכים געווען אברוצעזע, — ווען ס'הערשט אזא ארבעטלאָזיקייט... דאָס זענען דאָך נישט קיין וויצן.

— איר רעדט דאָך זייער שיין, אברוצעזע... — דזשיאני האָט לייכט צוגעזשמורעט די אויגן, — איך געדענק נאָך פון פאַר די וואַלן...

— דער ענין פון די נישט־באַאַרבעטע ערד־שטחים איז דער וויכטיקסטער, — האָט זיך ווידער אָנגערופן ארמאנדאָ נאָך א ווײַלע נאָכדענקען, — ער ציט צו נישט בלויז ארבעטער.

— ער ציט צו, — האָט איבערגעחזרט נאָטשע, — דאָס איז גוט, וואָס ער ציט צו. אזוי דאַרף זײַן. בכלל ציט צו אונדזער פּראָגראַם, ווײַל ער איז פּשוט און אמתדיק. אָבער די פראַגע פון די נישט באַאַרבעטע ערד־שטחים איז אויך אפשר איינער פון די שווערסטע אָפּשניטן. צו דעם דאַרף מען זײַן צוגעגרייט אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעיש. סילוויאָ האָט מיר היינט אויפן וועג דערציילט וועגן דעם צעאַקערן די ערד פון באַראָן בערלינגיערי. דאָס איז ריכטיק. אז איר האָט דאָס געטאָן שטילערהייט בײַנאַכט, איז פארשטענדלעך. יעדע פאָרם פון קאַמף, וועלכע קאָנצענטרירט אונדזערע כוחות קעגן די גוטבאַזיצער, איז א ריכטיקע. איך פארשטיי אויך, אז איר האָט נאָך נישט געהאַט קיין געניג כוחות אַרויסצוטרעטן אין אָ ברייטערן קאַמף. איר האָט איבעריקנס נישט געהאַט נישט קיין מכשירים, נישט קיין זריעה, פונדעסטוועגן קאָן דאָס נישט זײַן קיין באַוועגונג בלויז פון עטלעכע מענטשן, ווי פון א געווויסער קאַטעגאָריע אויסדערווײַלטע... דאָס מוז אָננעמען א מאסן־כאַראקטער. המ... — נאָטשע האָט אַראָפּגענומען די ברילן און זיי אויסגעווישט מיט אַ טיכעלע, — דעמלט וועט קיינער נישט קאָנען זאָגן, אַז דאָס איז אַ גנבה בײַנאַכט. איר וועט זײַן אזוי שטאַרק, אז איר וועט זיך קאָנען פארטיידיקן קעגן פּאָליצייאישער פּראָוואָקאַציע. איר וועט דעראָבערן פאַר זיך נישט בלויז די מערהייט פון די אַרבעטער, נאָר פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. איר וועט דעראָבערן פאר זיך די אונטערשטיצונג פון די מיטעלע שיכטן, אויף וועלכע עס דריקט די רעאקציע פון די גוטבאַזיצער און וועלכער דער קלער נוצט אויס פאר זײַנע צילן. אָבער עס גייט נישט בלויז אין דעראָבערן ערד. אין פארשידענע טיילן פון לאַנד איז אויפגעקומען א נייע פאָרם פון קאַמף. א שטרייק אויף צולהכעיס. און דאָס, וואָס איר האָט געטאָן, איז אויך א שטרייק אויף צולהכעיס. ווען איצט זענען געקומען אזעלכע צייטן, אין וועלכע די קאַפּיטאַליסטן דערפירן דאָס לאַנד צו רואין, ווײַל זיי זענען שוין נישט פאראינטערעסירט אין דעם, אז די פאבריקן זאָלן פּראָדוצירן מער, ווי אויך נישט אין דעם, אַז די ערד זאָל אַרויסגעבן מער, דעמלט זאָגן די אַרבעטער: מיר זענען א שעפערישער כוח און מיר וועלן נישט דערלאָזן צו רואינירן דאָס לאַנד. ווײַל דאָס דאָזיקע לאַנד, די פאַבריקן, די ערד — איז אונדזערס. מיר, אַרבעטער, נעמען זיך אונטער קעגן דעם ווילן פון די קאַפּיטאַליסטן צו באַנייען אונדזער לאַנד. מיר וועלן אייך באַווייזן, אז מיר וועלן בעסער פון אייך אָנפירן מיט די פאבריקן און באַאַרבעטן די ערד. אייך זענען נישט נייטיק קיין וועגן, נישט קיין בריקן, נישט קיין עלעקטראָוואָניעס. אַרבעטלאָזע איז דאָ גענוג. און די אַרבעטלאָזע גייען אַרויס און בויען וועגן, בריקן און עלעק־

טראָוויעס. די אַרבעטלאָזע זאָגן: איר ווילט אונדז נישט געבן קיין אַרבעט, וועלן מיר זיך נעמען אַליין. די אַרבעטלאָזע זאָגן: דאָס איינציקע, וואָס איר ווילט פּראָדוצירן, — דאָס זענען מכשירים פאר א נייער מלחמה, טויט־מכשירים, און מיר ווילן אַרבעטן פאַרן לעבן. די פּאָליציי צעיאָגט די אַרבעטלאָזע, שיסט צו זיי, אָבער זיי קערן זיך ווידער אום און בויען וועגן, בריקן און עלעקטראָוויעס. דאָס איז אייגנטלעך דער שטרייק אויף צולהכעיס. דאָס איז קאמף פאר ארבעט, און גלייכצייטיק א קאמף פאר אויפבויען דאָס לאנד. דאָס אויפפרישן ערד, וועלכע איז פון יאָרהונדערטער פארלאָזט, איז אויך א שטרייק אויף צו להכעיס. דאָס איז אויך אויפבוי. דאָס איז אַ קריג מיט פאַרוויסטונג און אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס איז אן אָנהייב פון באַזייטיקן די גוטבאַזיצער און אָפּשאַפן די לאטיפונדיעס. און במילא איז דאָס אן אָנהייב פון באַפרייען דאָס לאַנד פון אונטער זייער הערשאַפט.

— ס'איז שוין די העכסטע צייט, אז זי זאָל זיך שוין איינמאָל פאר אלעמאָל ענדיקן, — האָט זיך אָנגערופן סילוויאָ, א טרייסל טוענדיק מיט זיין שווארצער גריווע.

— דאָס איז אמת, — נאָטשע האָט פארנייגט דעם קאָפּ אין א זייט, צושליסנדיק דערביי די אויגן. — די צייט, ווי די צייט, נאָר אליין מאַכט זיך דאָס נישט. קיין שום זאך קומט נישט אליין, די גוטבאַזיצער וועלן נישט אָפּגעבן פרייוויליק אפילו קיין איין טאָמאלאטע ערד. כאָטש דאָס געזעץ איז אויף אונדזער זייט. זיי פייפן אויפן געזעץ, ווייל זיי האָבן הינטער זיך דע גאַספּערין און שעלבאַן.

— דאָס זענען הולטאַיעס, — האָט מיט אויפרעגונג א סיקע געטאָן אבּרוצעזע און א קוק געטאָן פריער אויף ארמאנדאָן און דערנאָך אויף נאָטשען.

— אָבער די לאנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער זענען נישט אליין, — האָט באָטשע ווייטער גערעדט, — עס זענען דאָ די ארבעטער אין די שטעט. אָרגאַניזירטע, באַוווסטזיניקע, א מעכטיקער קלאַס. קודם־כל אָרגאניזירטע. און אין דער ערשטער ריי אונדזער פּאַרטיי, אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען. אלע צוזאמען וועלן מיר דערווייזן, אז די גוטבאַזיצער אין דאָרף און די פאבריקאַנטן אין די שטעט וועט נישט העלפן קיין שום דע גאספערי, קיין שום שעלבא. מיר האָבן נישט מורא געהאַט פאר מוסאָליניִן, נישט פאר היטלערן, ווען מיר האָבן זיך אָרגאניזירט, און מיר האָבן זיך צוגעגרייט צום קאַמף. דערפאר דארף מען זיך אָרגאניזירן. דער קאמף איז נישט קיין לייכטער. וועגן דעם דארפן וויסן די ארבעטער אין דאָרף, פונקט ווי דאָס וויסן די ארבעטער אין שטאָט, ווייל די נישט צוגעגרייטע צעלויפן זיך נאָכן ערשטן קלאַפּ און שעלטן די, וואָס האָבן זיי שלעכט צוגעגרייט. זיי מוזן וויסן, אז יעדער קאַמף פאָדערט קרבנות.

— און אז זיי וועלן וויסן, וועט זיי דערפון ווערן גרינגער? — האָט זיך אָנגערופן סאַלוואַטאָרע און איז רויט געוואָרן. דערנאָך איז ער גלייך געוואָרן בלאַס.

— צי גרינגער? הם... — האָט זיך נאָטשע פאַרטראַכט, — איך ווייס נישט. מעגלעך יאָ. אָבער אונדזער פּאַרטיי, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, באַהאַלט גאָרנישט אויס און נאַרט קיינעם נישט אָפּ, און ווי ביז איצט, איז זי דערויף נישט שלעכט אַרויסגעקומען.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך באַמיט א שמייכל צו טאָן, אָבער די ליפּן האָבן זיך אים נאָר בלויז אויסגעקרימט אין א גרימאַסע.

— דאָס איז זייער טשעקאַווע, וואָס איר זאָגט דאָ, וואָס איר דערציילט אונדז, — האָט זיך אברוצעזע געווענדעט צו נאָטשען, — אָבער וועגן דעם וועט איר זיכער רעדן מאָרגן אויפן מיטינג. און מיר וואָלטן נאָך געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך בכלל אויף דער וועלט. זיכער ווייסט איר א סך. אזא מענטש ווי איר, נאָטשע, באַווייזט זיך זייער זעלטן ביי אונדז אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. צום ביישפּיל, זאָגט אונדז, צי וועט זיין א מלחמה? און אויב עס וועט זיין א מלחמה, וועט זיך דער פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער ענדיקן. אלץ וועט זיך ענדיקן. דאָס איז טויט, ווי איר האָט אליין געגעבן אָנצוהערן. דאָס איז א סוף.

— זיכער, אַז מלחמה דאָס איז אַ סוף, — האָט זיך אָנגערופן דער יונגער ראָזאַריאָ, — עס וועט נישט זיין, ווער עס זאָל פאַרנעמען די ערד. דערפאַר ווילן די גוטבאַזיצער עס זאָל זיין אַ מלחמה.

— מיט דער מלחמה, — האָט נאָטשע געזאָגט, — איז פונקט אַזוי ווי מיט די נישט באַאַרבעטע ערד־שטחים. מע דאַרף קעמפן קעגן איינעם און קעגן צווייטן

— און אַזוי ווי דער שונא פון שלום איז דער קאַפּיטאַליסט און גוטבאַזיצער, איז אויך יעדער קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסט און גוטבאַזיצער אַ קאַמף קעגן מלחמה. יעדע דעראָבערטע טאָמאַלאַטע ערד שוואַכט אָפּ דעם לאַטיפונדיסט, וועלכער וויל מלחמה, און שטאַרקט אונדז, וואָס ווילן שלום.

— אַזוי איז, — האָט זיך אָנגערופן ראָזאַריאָ, — ענלעכע זאַכן האָט אונדז קאָנטשעטאָ אַרויסגעלייענט פון „אוניטאַ“.

— קאָנטשעטאָ, — האָט אויסגערופן דזשיאַני, — נישט אַרויפלאָזן אים אויף דער שוועל. דאָס איז אַ שפּיאָן פון פּיליפּעלאָ. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען דעם אַדרעס פון אַנדזשעלינען! ער האָט אים געוואָלט אויסנאַרן ביי די איינוווינער פון באַראַק! טרייבט אים, ווי אַ הונט!

— שטילער, דזשיאַני, — האָט נאָטשע געזאָגט.

— טרייבט אים ווי אַ הונט! — האָט דזשיאַני געשריגן, — פאַרוואָס שטילער? צוליב אים האָט מען מיך אַרעסטירט. פאַר עפּעס אַן אויסגעטראַכטער

גנבה. ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס עדות. איך האָב געמיינט, אַז איר ווייסט שוין וועגן דעם אַלעמען.

— באַרואיק זיך דזשיאַני. מע האָט דיך אַרעסטירט, כדי נישט צו דערלאָזן צום מאָרגנדיקן מיטינג, — נאָטשע האָט אַ בליץ געטאָן אויף אים מיט אַ בייזן בליק פון אונטער די ברילן, — דאָס איז אַ קלאַסן־קאַמף און נישט דיין ריין פּערזענלעכער ענין. אויב קאָנטשעטאָ איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, דאָס איז אַן אַנדער זאַך. אָבער אונדזערע חברים אַרעסטירט מען נישט דערפאַר, וואָס זיי פּאַרבאַהאַלטן ווייבער, נאָר כדי צו ברעכן אונדזערע רייען.

— סעבאַסטיאַנאָ, — דזשיאַני האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין קני, — דו וואַרפסט מיר פאָר...

— איך וואַרף דיר גאָרנישט פאָר, — נאָטשע האָט גערעדט רואיק, וואָרט ביי וואָרט, צושליסנדיק די ברעמען, — אָבער אויב מע קאָן דיך אַרעסטירן יעדן צווייטן טאָג, און דו גיסט דעם פיינט אַ פּרעטעקסט...

— איז לויט דיין מיינונג וואָלט איך באַדאַרפט אָפּשיקן דאָס מיידל צום טאַטן דעם גביר? — האָט דזשיאַני איבערגעריסן. — קיינער פון די חברים אין קראָטאָנע טראַכט נישט אַזוי און שטעלט נישט אַוועק אַזוי די פראַגע. פאַרקערט, זיי העלפן מיר, ווי נאָר זיי קאָנען, אויב דו ווילסט וויסן!

— פיליפּעלאָ איז נישט אַזאַ גביר, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — ער האָט די סטאַדע שאָף און דאָס איז אַלץ. קיין ערד האָט ער נישט פּונקט ווי מיר.

— אָבער טראַכטן טראַכט ער ערגער פון אַ פּריץ, — האָט דזשיאַני געזאָגט.

— און וואָס האָסטו געטאָן, אַז ער זאָל טראַכטן, ווי דו? — האָט נאָטשע געפרעגט.

— אַזוי ווי איך? — האָט דזשיאַני זיך פאַרוואונדערט. — ער, ווי איך? ווילסט זיך? — ער איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן און דערנאָך רואיק צוגעגעבן: — בערלינגיערי האָט אים איבערגעקויפט. ער האָט ביי אים נישט אָפּגענומען די פּאַשע־פעלדער, כדי צו האָבן אין דאָרף נאָך איין מענטש. פיליפּעלאָ האָט דערטראָגן אויף דעם אַלטן יעגער גרעקאָ, ער וועט אויך זיכער דערטראָגן אויף אונדזערע מענטשן.

— אָבער אין פינף און פערציקסטן האָט פיליפּעלאָ צוזאַמען מיט אונדז פאַרנומען די ערד פון באַראָן בערלינגיערי, — האָט זיך אָנגערופן אַרמאַנדאָ. — איך זאָג נישט, אַז ער וועט ווערן אַ קאָמוניסט, אָבער מע דאַרף אים ווייניקסטנס מאַכן אומשעדלעך, אויב שוין נישט פאַר אַן אונדזערן...

— הם, — האָט נאָטשע אַ ברום געטאָן.

— פיליפּעלאָ האָט גענומען ערד, — האָט דזשיאַני אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען. — דאָס איז געווען אַמאָל, אָבער היינט איז ער אַ קלאַסן־פיינטלעכער עלעמענט. מיט אַזעלכע מענטשן דאַרף מען קעמפן. איבעריקנס, — כ׳בעט דיך,

סעבאַסטיאַנאַ, לאָמיר מער נישט רעדן וועגן דעם. לאָזט צורו מיינע ענינים. און וואָס עס הייסט קלאַסן־קאַמף, ווייס איך אַליין.

— המ, — האָט גאָטשע געזאָגט, — „מיינע ענינים“.

— המ, — האָט איבערגעהזרט אַרמאַנדאָ, צונויפציענדיק די ברעמען. עס איז געוואָרן שטיל.

— גוט, — האָט זיך אָנגערופן דזשיאַני, — רופט אַהער פיליפּעלאָן. וועסט זיך דעמלט אַליין איבערצייגן.

— ניין! — האָט אויסגעשריגן סאַלוואַטאָרע ווי אין שלאָף.

אַלע האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט. דזשיאַני האָט זיך איינגעבויגן, אָפּגערוקט עטוואָס מיט דער האַנט גאָטשען און עקשנותדיק זיך איינגעקוקט אין ברודער.

— פאַרוואָס נישט? — האָט זיך אַרמאַנדאָ פאַרוואונדערט. — איך מיין, אַז ראָס קאָן אונדז אַלעמען צונוץ קומען. און אפשר וועט דערגיין צו אַ פאַרשטענדיקונג.

— פאַרוואָס נישט? — האָט אויך דזשיאַני געפרעגט. — פאַרקערט! זאָל אים דער חבר גאָטשע זען, זאָל ער אים הערן. אפשר ווייסטו עפּעס, טאַטאָ? אפשר האָט דיר פיליפּעלאָ עפּעס געזאָגט?

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אַלזאָ? — איז דזשיאַני צוגעשטאַנען.

— פיליפּעלאָ וועט נישט קומען, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — צו קאָמוניסטן גייט ער נישט.

— ווען מיר אויך גאָרנישט אָנווערן, — האָט אַרמאַנדאָ אַ שמייכל געטאָן. — אָבער פּרוּוון שאַדט נישט. און אפשר טאַקע דו, סאַלוואַטאָרע, וועסט נאָך אים גיין?

— גוט, — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע. ער איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. אַרמאַנדאָ האָט טאַקע רעכט געהאַט. ער קאָן שוין באמת גאָרנישט אָנווערן. ער אַליין האָט אַ געשריי געטאָן „ניין“, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט אין אַנדזשעלינען, וועלכע ער האָט היינט געזען אין קראָמקאָנע.

IV

ווען סאַלוואַטאָרע האָט געבראַכט צופירן פיליפּעלאָן, זענען דער קליינער מאַטעאָ און דער ברייטפּלייציקער וויטאָ שוין לאַנג געווען צוריק. ביידע זענען געקומען בגילופנדיק, ווייל אַניעזע האָט זיי אָנגעטרונקען מיט שטאַרקן זויערן וויין און זיי געגעבן נישט בלויז די צוויי פלעשלעך „קאַטאַנצאַראָ מאַרינאַ“, נאָר אויך ברויט

און אַ שטיק רויע צוגערויכערטע שינקע. דאָס פֿלייש וואָלט נישט געסטייעט פֿאַר אַלעמען, האָט מען עס דעריבער אָפּגעגעבן אימאַקולאַטען, זי זאָל אָפּקאָכן פֿון דעם אַ זופּ צו דער זונטיקדיקער סעודה נאָכן מיטינג. דער וויין איז שוין געווען פֿאַנאַנדערגעגאָסן אין פֿאָרצעלייענע טעפּעלעך. מע האָט געטרונקען און צוגעביסן מיט ברויט, וואָס מאַטעאָ האָט צעטראָגן אויף אַ ריינעם טעלער. מע האָט געלויבט דעם וויין און דאָס ברויט. אַברוצעזע האָט געשמייכלט און מיט גרינגשעצונג געהויבן די ברעמען. דער „סינדאַקאָ" האָט פֿאַרענטפֿערט זיך און דאָס ווייב, אַז ווען מע וואָלט אים באַצייטנס מודיע געווען וועגן דער באַפֿרייונג פֿון דזשיאַניין און וועגן דעם קומען קיין ראָקאַ די דזאָלפּאָ פֿון אַזאַ חבר, ווי נאָטשע, וואָלט מען געקאָנט אַ טראַכט טאָן וועגן איינאָרדענען אַן אמתן אָוונטברויט.

מע האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן און פֿאַררויכערט פּאַפּיראָסן, ווען עס זענען אַריינגעקומען סאַלוואַטאָרע און פֿיליפּעלאָ, אויף וועלכן קיינער האָט זיך שוין נישט געריכט. עס זענען פֿאַריבער צוויי שעה. סאַלוואַטאָרע האָט אים נישט געטראָפֿן אין דער היים. די פֿרוי פֿון פֿיליפּעלאָן, אַגאַטאַ, פֿאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ האַנטעך, האָט געקאָכט אַ געדיכטע זופּ. פֿיליפּעלאָ איז, הייסט עס, געווען פֿאַר אָוונטברויט און האָט באַדאַרפֿט באַלד קומען. אָבער דאָס האָט געדויערט צו לאַנג און סאַלוואַטאָרע האָט זיך געזעגנט מיט אַגאַטען, וועלכע האָט אים נישט געפֿרעגט, צוליב וואָס ער איז געקומען.

ערשט אויפֿן וועג האָט ער געטראָפֿן פֿיליפּעלאָן. דער אַלטער האָט גלייך מסכים געווען צו גיין מיט אים. סאַלוואַטאָרע האָט אים געפֿרעגט, צי ער וויל נישט פֿריער אַריינגיין אין שטוב און אָפּעסן אָוונטברויט. אָבער פֿיליפּעלאָ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

אַברוצעזע האָט אים באַגריסט מיט אַ הויכן אויסגעשריי. דער „סינדאַקאָ" האָט אויפֿגעהויבן אַנטקעגן ליכט איינס נאָכן צווייטן ביידע פֿלעשלעך פֿון וויין און אַן אַנטוישטער אָנגעבלאָזן זיינע גראָבע ליפּן. די פֿלעשלעך זענען געווען ליידיק. אָבער אימאַקולאַטאַ איז צוגעלאָפֿן מיטן וויין, וועלכן מע האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָליצע פֿאַר סאַלוואַטאָרען. זי האָט עס געוואָלט דערלאַנגען פֿיליפּעלאָן. אָבער אַברוצעזע האָט איר אַרויסגענומען פֿון האַנט דאָס פֿאָרצעלייענע טעפּעלע און אויסגעשטרעקט די האַנט צום גאַסט. פֿיליפּעלאָ איז געשטאַנען אויסגעדרייט צום „סינדאַקאָ" מיט דער פּלייצע און זיך איינגעקוקט אין הענגענדיקן לאָמפּ.

— טרינק, פֿיליפּעלאָ, — האָט אָנגעהויבן אַברוצעזע, — דאָס איז „קאַטאַנצאַראָ מאַרינא", אַ זעלטענער וויין, מיין אַניעזע האָט אים געהאַלטן פֿאַר מיין שוועסטער יאָלאַנדאַ, אויב גאָט וועט איר ענדלעך געבן אַ געזונטן זון. נאָר מיין שוואָגער, דער טייערער מאַטעאָ, האָט אים געבראַכט אַהער, ווייל ער האָט געוווּסט

אַז אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט. פאַראַן אַ צייט אויף טויפן, פאַראַן אַ צייט אויף קריגן זיך, פאַראַן אַ צייט אויף יום־טובן און פאַראַן אַ צייט אויף שלום. אַלע אַנוועזנדיקע דאָ טייערע געסט, וועלכע האָבן פאַרדינט אונדזער אַכטונג און וועלכע דאַרפן זיין טייער אויך דיין איידל האַרץ, וועגן וועלכן עס זאָגט עדות כאָטשבי דאָס, וואָס דו ביסט געקומען צו אונדז, אַלע דאָ טייערע געסט האָבן באַשלאָסן באַלגנדיקעס: אין אַזאַ פרייִדיקן טאָג, ווען פון דער פינצטערער תפיסה איז אַרויסגעגאַנגען אונדזער טייערער לאַנדסמאַן, די באַשיינונג פון ראָקאַ די דזאָלפאָ, מיט איין וואָרט, אונדזער דזשיאַני, און ווער עס איז דזשיאַני, דאַרף איך דיר, פיליפעלאָ און די אַנדערע דאָ נישט דערציילן, אַז דאָס איז איינער פון די בעסטע זין, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן אונדזער אָרעמע ראָקאַ די דזאָלפאָ, אין אַזאַ פרייִדיקן טאָג האָבן מיר דאָ אַלע באַשלאָסן איינשטימיק, — אַברוצעזע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו אַרמאַנדאָן, וועלכער האָט אים געגעבן צייכנס, אַז ער זאָל שוין ענדיקן, — האָבן מיר באַשלאָסן דאָ איינשטימיק, קומענדיק צום אויספיר, אַז אין אַזאַ טאָג קאָן נישט פעלן איינער פון די גרעסטע צירונגען פון אונדזער אָרעם, אומגליקלעך, פון גאָט און לייט פאַרלאָזן, פינצטער און פאַרגעסן דערפל, ווי דו ביסט עס, פיליפעלאָ. דעריבער, אין נאָמען פון אַלע דאָ אַנוועזנדיקע, און קודם־כל פון אונדזער ליבן גאַסט, — אַברוצעזע האָט זיך פאַרנייגט פאַר נאַטשען, — לאַד איך דיך איין אויסצוטרינקען מיט אונדז צוזאַמען (מיר האָבן שוין אויסגעטרונקען, — ער האָט אַ שמייכל געטאָן) דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן געטראַנק פאַרן געזונט, פאַרן גליק, און דאָס וויכטיקסטע — פאַר שלום! טרינק אויס אַלס צייכן, אַז ס'איז שוין נישטאָ צווישן אונדז קיין שום באַליידיקונג, קיין שום בייזקייט, קיין שום שנאה, קיין שום שולד. ווייל ווער עס איז אָן שולד, זאָל דער ערשטער וואַרפן אַ שטיין. נישט אמת, פיליפעלאָ? נישט אמת, טייערע געסט?

פיליפעלאָ האָט אָפּגעריסן זיין בליק פונעם לאָמפּ, ווי ער זאָל זיך האָבן אויפגעכאַפּט, און האָט אָפּגעשטויסן די האַנט פון „סינדאַקאָ“, וועלכע האָט אים דערלאַנגט דעם וויין. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויסן שוואַרצן קאָפּ, אויסמיידנדיק דזשיאַנים בליק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, פאַרזשמורענדיק די אויגן, ווייל ער האָט נישט דערקענט וויטאָן, וועלכער איז געזעסן אויף דער ערד, אָנשפאַרנדיק זיך מיט די פלייצעס אין פוסגעשטעל פון געלעגער און געדרימלט. פלוצעם האָט פיליפעלאָ זיך געווענדט צו נאַטשען:

—און איר ווער זענט? — האָט ער געפרעגט.

נאַטשע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— איך בין סעבאַסטיאַנאָ נאַטשע, און ס'איז מיר אָנגענעם צו באַקענען זיך מיט אייך.

פיליפעלאָ האָט אַ מרוקע געטאָן:

— אַנגענעם... אַנגענעם...

ראָזאַריאָ און מאַטעאָ האָבן זיך איבערגעקוקט.

אימאַקאָלאַטאַ האָט אַראָפּגענומען דעם שינעל פון דעם שוואַרצן קאַסטן און, לויפנדיק מיט דראָבנע טריט, האָט זי אים געשלעפּט אויף דער ערד.

— זעצט אייך, דאָן פּיליפּעלאָ, — האָט זי געזאָגט עטוואָס פאַרסאַפּעט.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט געפרעגט פּיליפּעלאָ. — נאַטשע? נאַטשע... איך האָב נאָך נישט געהערט אַזאַ נאָמען.

— מילא, — האָט נאַטשע אַ שמייכל געטאָן, — איר האָט זיכער נאָך פון אַ סך זאַכן נישט געהערט. און וואָס איך טו דאָ? איך וועל מאָרגן רעדן אויפן מיטינג צוזאַמען מיט דזשיאַני, אייער איידעם. צי וועט איר אויך קומען?

פּיליפּעלאָס ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן. נישט אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— צוליב וואָס האָט איר מיך אַהער גערופן?

— קודם כל זעצט אייך, פּיליפּעלאָ — האָט נאַטשע געזאָגט.

פּיליפּעלאָ האָט זיך געוואַקלט, אַ קוק געטאָן פון אונטער די אַנגעצויגענע ברעמען אויף נאַטשען און זיך אַוועקגעזעצט. דאָס קיילעכדיקע דעקל פון לייכטן האָלץ האָט שטיל אַ קרעכץ געטאָן.

— דאָס האָט איר מיך געהייסן רופן? — האָט ער געפרעגט.

— נישט ער, — האָט זיך אָנגערופן דזשיאַני, — דאָס האָב איך אייך געהייסן רופן. צי האָט עס אייך סאַלוואַטאָרע נישט געזאָגט?

פּיליפּעלאָ האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין די קני. ער האָט אָנגעבויגן אין אַ זייט דעם קאָפּ און געשוויגן. דערנאָך האָט ער ווידער געפרעגט:

— הייסט עס, אַז קיינער האָט מיך נישט גערופן? אויב אַזוי, קאָן איך זיך אומקערן אַהיים.

— איך זאָג נאָכאַמאָל. דאָס האָב איך אייך געהייסן רופן, — דזשיאַני האָט אויפגעהויבן די שטים.

פּיליפּעלאָ האָט האַסטיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַרמאַנדאָ? צו וועמען רעדט ער? זאָג אים, אַז איך בין געקומען, כדי אייך אַלעמען צו ווייזן, ווי ווייט איך האָב נישט קיין מורא פאַר אייך. איך באַהאַלט נישט אוים נישט זיך, נישט קיינעם, ווי איר.

— אוי, וואָס ווייטער אַלץ ערגער, — האָט סילוויאָ אַ שעפּטשע געטאָן.

אין דער שטילקייט האָט אַ סיקע געטאָן אַ נישט דערדרויכערט שטיקל פּאַפּיראָס, וואָס מ'האָט אַוועקגעוואָרפן אויף דער פייכטער ערד.

— יאָ, וואָס ווייטער אַלץ ערגער, — האָט פּיליפּעלאָ איבערגעחזרט סילוויאָס ווערטער, — מיט קיין שיינע ווערטער וועט איר מיך נישט נעמען. איר קאָנט די מלאכה. אָבער מיט מיר — האָט איר שלעכט געטראָפן. אַנדערע פאַר־

דרייט איר דעם קאָפּ, אָבער נישט מיר. איך וועל נישט אַוועקגיין קיין אַנדערער, ווי איך בין געקומען. אויב איך זאָל דאַרפן הונדערט יאָר גראָבן, וועל איך זיך צו מיינס דערגראָבן. אַזוי איז!

— אַלט קאַלאַבריש בלוט, — האָט אַברוצעזע אַ וונק געטאָן מיט איין אויג.

דזשיאַני האָט ווידער אָנגעהויבן הוידען מיט דער געזונטער פוס. נאָטשע האָט אַרויסגענומען פון אַ בלוי שאַכטעלע אַ פּאַפּיראָס, און סילוויאַ האָט מיט בייזקייט אָפּגערוקט מאַטעאָן, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט פאַרלייגטע הענט אויפן הינטן, פאַרשטעלנדיק פּיליפּעלאָן.

— צוואָס האָט איר מיך גערופן? — האָט פּיליפּעלאָ געפרעגט.

אַרמאַנדאָ האָט אַ וויש געטאָן מיט דער מאָגערער האַנט די באַוואַקסענע באַק, עפּנדיק דערביי דאָס מויל, ווי אַ פיש:

— יאָ, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ, — איך האָב געמיינט, אַז דערפון וועט אַרויס עפּעס גוטס. אָבער איך זע, אַז דאָס בלוטיקע נקמה־נעמען איז אין קאַלאַבריע נאָך נישט פאַרשוואונדן. און ביי אייניקע דויערט עס אַפילו ביז צום סאַמע טויט. ווען אַפילו, — אַרמאַנדאַ האָט אומבאַמערקט אַ דריק געטאָן דזשיאַנין פאַרן אָרעם, — דזשיאַני, און ער האָט אויך אַביסל עקשנות אין זיך, — ווען אַפילו דזשיאַני זאָל פאַר אַלע עדות וואַרפן זיך צו אייערע פיס, ווי צום פאָטער פון אַנדזשעלינען, און בעטן ביי אייך די טאָכטער און... אַז איר זאָלט אים מוחל זיין, וואָלט איר אויך זי אים נישט געגעבן?

— מוחל זיין! ער האָט זי אַליין גענומען! ער האָט זי אַרויסגעגנבעט, טייערער אַרמאַנדאָ.

— צו אָפט וואַרפט איר פאַר מענטשן גנבה, פּיליפּעלאָ, — האָט זיך סילוויאָ פאַרקרומט, — און ווי איז געווען מיט דעם גאָרן?

— פּי, האָט אַרויסגעפּלאַצט פּיליפּעלאָ, — איינער גנבעט אַ מיידל, און אַנדערע גנבענען ערד ביינאַכט. וואָס מע וואַרפט אייך פאַר, איז נאָך אַלץ ווייניק.

— ווער־מען: אייך? — נאָטשע האָט אַרויפגערוקט מיט אַ פינגער די ברילן.

פּיליפּעלאָ האָט געשוויגן, אָבער נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט:

— איר ווייסט עס אַליין.

— הערט, פּיליפּעלאָ, — האָט אָנגעהויבן נאָטשע, — איר זענט זיך טועה, אויב איר מיינט, אַז דזשיאַני וויל אייער הסכמה, ווייל ער האָט זיך פאַר אייך איבערגעשראָקן. קיינער דאָ וויל אייך נישט בעטן וועגן גאָרנישט און וועט אייך אויך צו די פיס נישט פאַלן, ווייל די צייטן זענען שוין פאַריבער. און אויב אייך דאַכט זיך אויס, אַז זיי זענען נאָך נישט פאַריבער, האָט אייער טאָכטער אייך באַוויזן, אַז איר זענט זיך טועה. מיר האָבן אייך גערופן, ווייל מיר האַלטן, אַז

קליינער האָט אייך נישט באַוואָלהט, נאָר איר זיך אַליין. וואָס האָט איר קעגן דזשיאַנין?

— איך וויל נישט קיין קאָמוניסט!

— וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן אייך געטאָן די קאָמוניסטן?

— איך וויל נישט קיין קאָמוניסט.

— פאַרוואָס?

פיליפעלאָ האָט געשוויגן.

— אָבער אין פינף און פערציקסטן זענט איר געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז צו פאַרנעמען די ערד פון באַראָן בערלינגיערי? דעמלט זענען די קאָמוניסטן געווען גוט? — סילוויאָ איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריק אַוועקגעזעצט.

— איך וואַרפט דאָס מיר פאָר? וואַרפט עס מיר נישט פאָר! — האָט אויסגעשריגן פיליפעלאָ, — כ'האָב זיך בלויז איינמאָל געלאָזט מאַכן צו נאַר.

— ביי אַלע הייליקע, — האָט אויסגערופן דער קליינער מאַטעאָ, אַ צי טוענדיק מיט דער נאָז, — טייערער מענטש! אָבער די פּאַשע־לאַנקעס האָט איר פאַרהאַלטן פאַר זיך און פאַר די שאָף אויף שלעכטע צייטן? פאַרוואָס האָט איר זיי נישט אָפּגעגעבן דעם אָרעמען באַראָן בערלינגיערי? איר האָט באַדאַרפט אָפּגעבן! — מאַטעאָ האָט אַוועקגעשטעלט צופוסנס פון פיליפעלאָן אַ פוסט פאַרצעלייען טעפּעלע. — איר האָט באַדאַרפט אָפּגעבן.

פיליפעלאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַטעאָן און זיך פאַרקרומט. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעקערט און געזאָגט:

— אַ, דאָס טוט אייך וויי? וואָס מיר האָט בערלינגיערי נישט געטשעפּעט און ביי אייך האָט ער אַלץ אָפּגענומען? איך ווייס. איך ווייס.

— איר ווייסט שלעכט. שלעכט ווייסט איר, — מאַטעאָ האָט זיך לייכט געהוידעט אויף זיינע קורצע פיס, — דאַכט זיך נישט, פיליפעלאָ, טייערער דאָן פיליפעלאָ, מיר וועלן אָפּנעמען צוריק. עס וועט קומען אַזאַ צייט. אַלץ וועלן מיר אָפּנעמען. ווער עס האָט פּאַשע־לאַנקעס — איינס, ווער עס האָט שאָף — צוויי...

אַרמאַנדאָ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, צוגעגאַנגען צו מאַטעאָן און אים אַוועקגעזעצט אויף דער ערד לעבן דעם דרימלענדיקן וויטאָן.

— זיץ דאָ — אַרמאַנדאָ איז געווען בייז, — ביסט שיכור! — רעדסט נאַרישקייטן.

נאַטשע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געווענדט צו אַרמאַנדאָן:

— איך זע, אַז די צייט לויפט. די מענטשן זענען היינט אויפגעשטאַנען פאַר־טאָג, זיך אָנגעגאַנגען צופוס קיין קראָטאָנע און צוריק, אַרויסגעריסן דזשיאַנין

פון תפיסה. נאָך אַזאַ טאָג שלאָפט זיך געשמאַק. און אייך, פיליפעלאָ, ווינטש איך, אַז איר זאָלט אויך גוט שלאָפן.

פיליפעלאָ האָט אַריינגעשטעקט דעם גראָבן פינגער אין דער געקרייזלטער האַרטער באָרד, אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ און זיך איינגעקוקט אין פוסטן טעפּעלע.

— פריער האָט איר מיך גערופן, און איצט וואַרפט איר מיך אַרויס? — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז אויך גערעכטיקייט?

— ער הייבט אָן פון אַן אַנדער זייט, — האָט סילוויאָ אַ בורטשע געטאָן און אַ שטויס געטאָן אַרמאַנדאָן אין פוס.

— איז וואָס? האָט נאָטשע געפרעגט. — קיינער וואַרפט אייך נישט אַרויס, — האָט ער אַ ווײַלע צוגעגעבן.

— יאָ, יאָ, — האָט פיליפעלאָ געקרעכצט, — איר קאָנט מיך אַרויסוואַרפן. אַז איך בין געקומען צו אייך, קאָנט איר מיך אַרויסוואַרפן.

נאָטשע האָט אומגעדולדיק אַ סמאָקע געטאָן מיט דער צונג.

פיליפעלאָ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַוועקגעלייגט די הענט אויף די קני און נישט געקוקט אויף קיינעם:

— איר, נאָטשע, זענט דאָ דער עלטסטער, ווי איך זע. און איר זענט גאָרנישט ענלעך צו קיין קאָמוניסט. אַזאַ קאָן זיין אמתדיק, האָב איך זיך געטראַכט. איר לאַכט? לאַכט נישט. און איך וועל אייך זאָגן, איר זעט נישט אויס אויף קיין קאָמוניסט, איר דערמאָנט נישט אין די היגע, דערפאַר בין איך געקומען. סאַלוואַטאָרע האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז דאָ עמעצער פון שטאָט, אַפילו פון צפון, דאַכט זיך. אמת, סאַלוואַטאָרע? מיט אַזאַ, האָב איך געטראַכט, איז כדאַי זיך דורכצושמועסן. אפשר האָט ער אויך אַ טאָכטער...

— הייסט עס, נישט קענענדיק מיך, האָט איר שוין געוווּסט, אַז איך זע נישט אויס ווי אַ קאָמוניסט, — האָט נאָטשע זיך צעלאַכט, — און לויט וואָס דערקענט איר אַ קאָמוניסט אויף דער גאַס?

— לאַכט, לאַכט, — האָט פיליפעלאָ געשאָקלט מיטן קאָפּ, — ווען עמעצער וואָלט מיר געזאָגט היינט אין דער פרי, אַז אין אָוונט וועל איך רואיק זיצן מיט מיין פיינט אונטער איין דאַך, און דאָס נאָך אונטער זיין דאַך, וואָלט איך אים אָנגעשפּיגן אין דער צורה, זייט מוחל פאַר אַזאַ אויסדרוק. איז אויב איך זיץ שוין מיט מיין פיינט אונטער איין דאַך, ווייל איך שוין דערפאַר עפּעס האָבן. איר פאַרשטייט מיך? אַנדערש, צוואָס האָב איך באַדאַרפט קומען אַהער? און דאָ ווייס איך אַפילו נישט, צוואָס האָט מען מיך גערופן. שלום מאַכן? נאָך אַזאַ חרפּה שלום מאַכן? און דער, וואָס האָט באַדאַרפט זיין מיין איידעם, דער באַלעבאַטישער זון פון דזשינגאַ, איז שוין געווען אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. און איצט שלום מאַכן? און גאָרנישט? אַלץ איז אין אָרדענונג? און וואָס איז דאָס פאַר.

אַ שלום, ווען דער פּיינט האָט אַלץ, און איך געווין דערפון גאָרנישט? אַפילו אין געריכט געשעט דאָך נישט אַזוי. האַ?

— און וואָס וואָלט איר געוואָלט האָבן? — האָט נאָטשע געפרעגט.

— די טאָכטער. זאָל מיר דזשיאַני אָפּגעבן די טאָכטער, וועל איך צו אים גאָרנישט האָבן, און ער וועט צו מיר גאָרנישט האָבן. דאָס וועט זיין גערעכטיקייט. אַנדזשעלינאַ איז פריער געווען נישט גערירט, און איצט?

— וואָס הייסט? — האָט דזשיאַני זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פויסטן אין די קני. — אומקערן? צי צוזאַמען מיט דעם פלאַקס, וואָס זי האָט געגנבעט, צי איר וועט זי אָננעמען אָן דעם דאָזיקן פלאַקס?

— חוזקסט? — האָט אויסגעשריגן פּיליפּעלאָ. — דו קאָמוניסטישער גנב! דו מאַכסט נאָך חוזק פון מיר?! איך וועל דיר ווייזן! — פּיליפּעלאָ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

עס איז אויך אויפגעשפּרונגען דער יונגער ראָזאַריאָ מיט צעפלאַמטע אויגן און זיך געוואָלט וואַרפן אויפן אַלטן. אַרמאַנדאָ און סילוויאָ האָבן אים געכאַפּט פאַר די הענט און צוריק אַוועקגעזעצט אויפן אָרט.

— אַזאַ פּריצישער משרת, אַ מסור, — האָט געשריגן דער יונגער ראָזאַריאָ.

— באַרואיק זיך — דזשיאַני האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל, — מע דאַרף זיך נישט באַליידיקן אויף אַזאַ... — ער האָט זיך געווענדט צו פּיליפּעלאָן. — וואָס וועט איר מיר ווייזן? מע וועט מיך נאָכאַמאָל אַרעסטירן? אויב יאָ, איז נישט פאַר אייער פאַרגעניגן וועגן. טשיפּאָלאַ האָט מער דאגות, איידער צוליב אייער פאַרגעניגן אַרעסטירן מיך און אַרויסלאָזן. ער האָט געהייסן אייך אַרויסוואַרפן, אויב איר וועט זיך נאָכאַמאָל באַווייזן אין דער פּאָליציי.

— דו זאָגסט ליגן ווי אַ הונט! וואָס טשיפּאָלאַ קאָן זאָגן, ווייס איך בעסער! וואָס הייסט? ס'איז שוין אין קאַלאַבריע נישטאָ קיין לייטישע פּאָליציי?

— איך קען דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין קראָטאָנע, — האָט אַברוצעזע געזאָגט מיט אַ ווייכער באַרואיקנדיקער שטים, — דאָס איז אַן אָרנטלעכער מענטש. ס'איז זיכער אַזוי, ווי עס האָט געזאָגט דזשיאַני. פרעצאָ אַליין איז אויך...

פּיליפּעלאָ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט אין דער זייט פון „סינדאַקאָ:

— פרעצאָ? וואָס פרעצאָ? איך ווייס, דאָס איז איין קאָמפּאַניע פרעצאָ מיט דזשיאַנין!...

— און אויב איר ווילט טאָן שלעכטס אַנדזשעלינען, — האָט ווייטער געזאָגט דזשיאַני, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף פּיליפּעלאָס געשריי, — טאָ געדענקט, אַז נישט איך, נישט מיינע פריינד וועלן דאָס אייך נישט דורכלאָזן טרוקן. איצט ווייסט איר שוין, פאַרוואָס איך האָב געהייסן אייך רופן.

— נאָטשע! — פּיליפּעלאָ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, — איך נעם אייך אַלס עדות. איר הערט? איר זעט? ער רעדט צו מיר אַזוי, ווי ער און נישט

איך וואָלט געווען דער פֿאָטער פֿון אַנדזשעלינען! איך נעם אייך פֿאַר אַן עדות, אַז ער האָט מיך גערדאָט. — פֿיליפּעלאָ איז פּלוצעם אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט. — ווען ווען עס דראָען, דו קרומער שד! איך וועל דיר די צווייטע פֿוס אונטער־האַקן! — פֿיליפּעלאָ האָט געטרייסלט מיט די פֿויסטן, הויך אויפֿגעהויבענע איבערן קאָפּ.

אימאַקאָלאַטאַ האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט און אַרויסגעלאָזט אַ שטילן געשריי. דזשיאַני איז געזעסן רואיק און געקוקט אויף דעם זיך שליי־דערנדיקן פֿיליפּעלאָן. די אַנדערע זענען אויך געזעסן, נישט אַראָפּלאָזנדיק פֿון אַלטן קיין אויג, גרייט אויפֿצושפּרינגען. פֿיליפּעלאָס שאָפּן־ליפּ האָט געציטערט, די אויגן האָבן זיך אים אָנגעפֿילט מיט בלוט, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס מע שטיקט אים ביים האַלדז. דערנאָך האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, אַראָפּגעלאָזט די פֿאַרקלעמטע פֿויסטן, אַ זיפֿץ געטאָן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפֿן קאַסטן.

אַברוצעזע האָט הויך געאָטעמט.

— יאָ, — נאָטשע האָט פֿאַררוקט דעם אַרבל פֿון דער מאַרינאַרקע און אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער, — ס'איז שוין שפּעט. מיר דאַרפֿן זיך אַלע זאָגן אַ גו־טע נאַכט. איך בין דזשיאַנים גאַסט און וועל דאָ איבערבלייבן.

אַלע האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן אויפֿצושטיין, נישט אומקוקנדיק זיך אויף דעם אומבאַוועגלעכן פֿיליפּעלאָן. ער איז געזעסן מיט צוגעדריקטע פֿויסטן צום שטערן. פּלוצעם האָבן זיינע אַקסלען זיך אויפֿגעטרייסלט, און ער האָט אַרויסגע־לאָזט אַ לאַנגן זיפֿץ.

אַברוצעזע האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק אויף נאָטשען. דער־נאָך האָט ער זיך איינגעבויגן און אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף די איינגעהויקערטע פּלייצעס פֿון אַלטן.

— באַרואיק זיך ,טייערער, באַרואיק זיך, — האָט ער אים געבעטן.

— לאָזט אים צורו, „סינדאַקאָ“, לאָזט אים צורו! — האָט אויסגעשריגן דזשיאַני.

— וועל איך שוין מער מיין אַנדזשעלינקען נישט זען?! — האָט פֿיליפּעלאָ געקלאָגט.

סילוויאָ האָט אַ שפּיי געטאָן. אימאַקאָלאַטאַ האָט אין אַ ווינקל ווייטיקלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיטן עק פֿון טיכל געווישט זיך די נאָז. מאַטעאָ איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ערד און, איינגעבויגן אין דער העלפֿט, האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין דער קני, נאָכמאַכנדיק דאָס קרעכצן פֿון אַלטן:

— אָ, מיין אַנדזשעלינקע, אָ, מיין פֿיליפּעלאָ, טייערער פֿיליפּעלאָ!

דער אַלטער האָט צוגענומען די פֿויסטן פֿון שטערן און אָנגעשטעלט זיין בליק אויף נאָטשען:

— וואַרט, איך וועל זיך אַליין נעמען די גערעכטיקייט! איך שפּיי אויף משיפּאַלאָן, אויף פּרעצאָן, אויף אַלע. שטאַרקע — אַלע אויף איינעם. איך וועל אייך נאָך ווייזן!

נאַטשע איז אויפגעשטאַנען:

— נו, שוין, אַ סוף! — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די חברים, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

אַרמאַנדאָ און סילוויאָ האָבן אַ שאָקל געטאָן מיט די קעפּ. זיי האָבן זיך פאַרנומען צום אָוועקגיין און געגעבן אַנדערע צייכנס, אַז ס'איז שוין צייט אַהיים. אַלע האָבן מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען. נאָר פּיליפּעלאָ איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף די קני.

— איר האָט אפשר מורא אַרויסצוגיין? — האָט אַרמאַנדאָ געפרעגט, — האָט נישט מורא, קיינער וועט אייך קיין שלעכטס נישט טאָן.

פּיליפּעלאָ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט.

— נו, וועל איך אויך שוין גיין, — האָט זיך אָנגערופן דער „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע און ער איז צוגעגאַנגען צום הענגנדיקן לאָמפּ, שלעפנדיק נאָך זיך דאָס בענקל. ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן בענקל, אַריינגעדרייט דעם קנויט, אַראָפּגענומען דעם לאָמפּ און פאַרלאָשן דאָס פייער.

די אַרויסגייענדיקע האָבן זיך נאָך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל. די לעצטע זענען אַרויסגעגאַנגען מאַטעאָ און דער פאַרשלאָפענער וויטאָ.

— דו פילסט? עפּעס רויכערט זיך, — האָט געפרעגט מאַטעאָ.

— דאָס איז פון לאָמפּ, האָט וויטאָ געזאָגט.

— עפּעס ברענט? — האָט געפרעגט סילוויאָ.

— ווירקלעך, אַ משאָד, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ.

אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן אין דער עפענונג פון טיר אַ פאַרסאַפּעטער מענטש, וועלכער האָט געשריגן:

— לאָזט מיר דורך!

דאָס איז געווען לעליאָ דער קרעמער.

— וווּ איז דזשיאַני? וווּ איז אַרמאַנדאָ?

— וואָס איז געשען? — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט.

— אַן אומגליק! מע האָט אונטערגעצונדן דעם לאָקאַל! איך בין געלאָפן צו אייך.

ער איז שוין געשלאָפן אין זיין קרעמל, וואָס איז געווען ביי דעם לאָקאַל פון דער סעקציע. עס האָבן אים אויפגעוועקט קנאַלן און גלייך האָט ער דערפילט אַ רויך. ער איז אויפגעשפּרונגען פון בעט. די טיר איז געווען צעפּראַלט. אין מיט פון לאָקאַל איז דער טיש געווען איבערגעקערט, די פּאַפּירן פון די שופלאָדן צעוואָרפן אויף דער ערד, דער ראַדיאָ צעבראָכן. דער אַפּיש וועגן מאָרגנדיקן מיטינג

אַראָפּגעריסן און צעריסן. פאַרוואָס האָט מען זיך צונויפגענומען צוזאַמען מיט גאַטשען ביי דזשיאַנין, און נישט אין לאָקאַל? מע האָט אויסגענוצט, וואָס דער לאָקאַל איז געווען פּוסט, און מע האָט אים אונטערגעצונדן. ער האָט נאָך באַמערקט אַ מענטשן, וועלכער איז אַנטלאָפן דורכן פענצטער. ווער האָט דאָס געקאָנט זיין?

— און וואָס ברענט? האָט געפרעגט אַרמאַנדאָ.

— דער טשערעטענער דאַך און די לאָדנס פון צווייטן פענצטער. זעט אויס, אַז ער האָט געוואָלט פאַרברענען אויך דעם טיש און אַלץ פון אינעווייניק, — לעליאָ האָט פאַרבראָכן מיט די הענט.

— קומט, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — ווען איז דאָס געשען?

— נישט לאַנג צוריק, — האָט געענטפערט לעליאָ.

— און ווער זענט איר? — האָט געפרעגט גאַטשע.

— וואָס הייסט, — האָט לעליאָ געענטפערט, — אַ חבר פון דער סעקציע. פרעגט וועמען איר ווילט.

— צי האָט איר דערקענט דעם, וואָס איז אַנטלאָפן?

— עס איז געווען פינצטער, חבר.

— וואָס הייסט פינצטער? עס האָט דאָך געברענט?

— אָבער איך האָב נישט באַוויזן אים צו דערזען, חבר.

— קומט, — גאַטשע האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט.

— מע לעשט שוין, — האָט געזאָגט לעליאָ. — גלייך זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן. זיי האָבן אַראָפּגעריסן דעם טשערעט מיט די לאָדנס. צום גליק. מאַטעאָ איז געגאַנגען נאָך אַברוצעזען, וועלכער האָט געשלעפּט דעם לאָמפּ.

— דאָס זענען הולטאַיעס, דאָס זענען הולטאַיעס, — האָט ער געבורטשעט אונטער דער נאָז. דערנאָך, ווענדנדיק זיך צו פיליפּעלאָן, האָט ער געפרעגט: — און איר בלייבט דאָ אַן אומגעבעטענער אויף נאַכט? צי אפשר האָט אייך סאַלוואַטאָרע פאַרבעטן?

V

אויפן מיטינג איז געקומען גאַנץ ראָקאַ די דזאָלפאָ. עס איז אַפילו געקומען אַנטאָניאָ גרעקאָ, אָבער אַלעסיאָ אַליין האָט נאָך דעם טויט פון זיין פרוי לואיזאַ אויסגעמיטן מענטשן. דער אַלטער יעגער האָט געטראָגן אויף דער קלאַפּע צוגעניים אַ שטיקל שוואַרצן געוואַנט, אַלס צייכן פון טרויער נאָך זיין שנור. עס איז אויך געקומען דער אייגנטימער פון וויינגאָרטן, פעראַרי, מיט זיין זון פּאַאָלאָ, דער פעטער און קוזין פון אַרמאַנדאָן. אָבער צום וויניקסטנס האָט מען דערוואַרט פיליפּעלאָן, באַזונדערס נאָך דער נעכטיקער שׂרפה. די מענטשן האָבן

זיך צום הונדערטסטן מאָל אויסגעדרייט אין דער זייט פון די שטיינערנע טרעפּ פון קאָשטשיאָל, כדי זיך איבערצוצייגן, צי דאָרט זיצט ווירקלעך דער פּאָטער פון אנדזשעלינען. אין אָנהייב איז ער געזעסן אַליין, הערנאָך צוזאַמען מיטן קאַראַביניער, כאָטש ערשט נעכטן האָט דער אַלטער אויף פּרעצאָס אָנבליק געשפּיגן מיט האַס. צי האָט ער אים דורך נאַכט מוחל געווען, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן דזשיאַנין פון דער תפיסה? האָבן זיי זיך איבערגעגעבן, הייסט עס, אַקוראַט נאָכן אונטערצינדן פון לאָקאַל. פּיליפּעלאָ האָט נישט מורא געהאַט זיך צו ווייזן די קאָמוניסטן פאַר די אויגן: ווען מע האָט אונטערגעלייגט דאָס פייער, איז ער געווען אין הויז פון די לאַ מעאָס. קיינער האָט אים נישט געקאָנט גאָרנישט פאָרוואַרפן. אָבער אויף דעם פרייהייטס-פּלאַץ איז נישט געווען קאָנטשעטאָ.

עס איז אויך נישט געווען סאַלוואַטאָרע. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, ווען דער מיטינג האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן. נאָכן נעכטיקן טאָג אין קראָטאָנע האָט ער זיך געפילט אָפּגעשוואַכט און ער וואָלט זיך נישט גערירט פון געלעגער, ווען נישט אימאַקאָלאַטאַ, וועלכע האָט פון סאַמע פרי געקאָכט די זופּ פון דער שינקע און געהאַלטן אין איין קרעכצן, בעטנדיק אים, ער זאָל זיך דערוויסן, ווו איז מאַריאַ און וואָס עס איז מיט איר געשען. דאָס ערשטע מאָל אין קאַלאַבריע האָט אַ נישט-חתונה-געהאַטע פרוי פאַרבראַכט אַ נאַכט אויסער דעם הויז פון די עלטערן. אימאַקאָלאַטאַ האָט דערביי אויפגעהויבן די אויגן צום בילד פון „סאַנטאַ קיאַראַ“, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיקט צום שטיינערנעם סלופּ, וועלכער האָט אונטערגעהאַלטן דעם סופיט אין ווינקל. די אַלטע האָט געהאַט פולע אויגן מיט טרערן יעדעם מאָל, ווען סאַלוואַטאָרע האָט געענטפערט, אַז ס'איז אַ שאָד דאָס זוכן זי. ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל אין קאַלאַבריע, אַז אַ מיידל זאָל פאַרברענגען אַ נאַכט אויסער דעם הויז פון די עלטערן. פאַר מאַריען האָט דאָס געטאָן אַנדזשעלינאַ. ס'איז אַ שאָד דאָס זוכן מאַריען. זי וועט שוין אַהיים מער נישט צוריקקערן. נישט צוליב דעם איז זי אַוועק.

ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון לאָקאַל. פּונקט ווי אַנדערע, איז ער געווען איבערצייגט, אַז קאָנטשעטאָ האָט דאָס געטאָן אין פאַרשטענדיקונג מיט פּיליפּעלאָן. ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס האָט ער דאָס באַדאַרפט איצט טאָן. צוליב מאַריען דאָך נישט. ווען זי זאָל אַפילו נישט האָבן אַוועק פון ראָקאַ די דזאָלפאָ, וואָלט זי דאָך אויך קיין שום נוצן פון דער שרפה נישט געהאַט. אפשר האָט אים אויפגעצווונגען פּיליפּעלאָ, דראָענדיק, אַז ער וועט אַלץ דערציילן די קאָמוניסטן.

די שרפה, זעט אויס, האָט מען גלייך פאַרלאָשן. אויסער אַ הויפן פאַרברענטן טשערעט, וואָס מע האָט אַראָפּגעריסן פון דאַך און ביז איצט נאָך נישט אויפגעראַמט, איז קיין שום שפּור נאָך דער שרפה נישט געבליבן. לעליאָס קלייטל איז געווען נישט גערירט. און ווי עס זעט אויס אינעווייניק, האָט מען געקאָנט

זען פון דער צווייטער זייט דורכן פענצטער. דערויף אָבער האָט סאַלוואַטאָרע זיך געפילט זייער פאַרמאַטערט. מע האָט באַדאַרפט ארומגיין דאָס שטיבל. צו גיין גלייך פאָרויס האָט אים נאָך דעם נעכטיקן ארוימדרייען זיך איבער די גאַסן פון קראָטאָנע אויסגעוויזן פיל לייכטער. ביז שפּעט נאָכמיטאָג האָט ער זיך ארומגעשלעפּט איבער דער שטאָט, כדי צו זען אַנדזשעלינען. ווען ער זאָל געוועזן וויסן, אַז ער וועט זי טרעפן אַזוי געענדערט, וואָלט ער זי אייננאַנצן נישט געזוכט.

ער איז געשטאַנען לעבן אַן אייזקראָם, ווען ער האָט זי דערזען. דער פויער, וועלכע איז געקומען צו פאָרן מיט א באַלעבאַטישן וואָגן אויף פיר רעדער, האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער קאָסע אין ברוק און זיך איינגעהערט אין איר קלאַנג, דערנאָך האָט ער זי צוגעדריקט צו דער ערד און אויסגעפּרוּווט די עלאַסטישקייט פון איר שטאָל.

— אויפן בלויזן הייַשניט וועט זי טויגן, — האָט ער זיך געווענדט צו סאַלוואַטאָרען, — דאָס איז נישט דער פאַרמלחמהדיקער שטאָל. אָבער צום שניידן תבואה איז זי צו ווייך. דאַנקען גאָט, צום שניט איז שוין נישט אַזוי ווייט.

ערשט איצט האָט סאַלוואַטאָרע באַמערקט, אַז אויף דעם ראַגאָוון הויז הענגט א רויטער שילד פון דער קאָמוניסטישער פעדעראַציע און אונטער אים צוויי קלענערע: פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און פון פאַרבאַנד פון איטאַליענישע פרויען. זי איז ארויסגעגאַנגען פון לאָקאַל נאָך מיט צוויי מאַנצלייט און מיט דזשיאַנין. הייסט עס, אַז מע האָט אים באַפרייט, דזשיאַני האָט זי באַגלייט בלויז עטלעכע טריט און האָט זיך אומגעקערט צו די מענטשן, וועלכע האָבן אויף אים געוואַרט פאַרן טויער. אַנדזשעלינא האָט געטראָגן א העל שטאָטיש קליידל, נישט אויף איר געניייט, און ברוינע פּאַנטאָפל מיט אָפּגעטראָטענע קנאַפּל. און שוין נישט קיין רויטע זאָקן אויף די פיס, נאָר פון הויטקאָליר. אויך איר גאַנג איז שוין נישט געוועזן אַזאַ ווי אין ראָקאָ די דזשאַלפּאָ. אָ, זאָל גאָט געבן, אַז ער זאָל זיך האָבן טועה געווען. אפשר איז דאָס פאָרט נישט אַנדזשעלינא? ווען ער האָט דערזען, אַז זי האָט פאַרקערעוועט אויף לינקס, האָט ער איבערגעשניטן דאָס קווערע געסל. ער איז געבליבן שטיין אויפן ראָג אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען זען פון נאָענט איר פּנים. ער האָט געהערט זייער געשפּרעך. זיי האָבן גערעדט הויך, העכער ווי געווייגלעך, ווי מענטשן דערפרייטע. זעט אויס, זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס מע האָט דזשיאַנין ארויסגעלאָזט. אַנדזשעלינא האָט גערעדט שטילער, ווי זי זאָל מורא האָבן. אָרעם מיידל.

אין סאַלוואַטאָרען האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי א גנב. ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז זי קאָן זיין אַן אָרעם מיידל. צי וועט זי אים דערזען? און אויב זי וועט אים דערזען, צי וועט זי רעדן מיט אים? ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַזוי, אַז זי זאָל אים קאָנען זען. אָבער ער האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן.

צו אַלעם ערשטן האָט ער דערזען אַ בויך. און דערנאָך אַ מיאוס פּנים. דאָס איז געווען זי. ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. דאָס האָט באַטייט — אַ סוף. ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'וועט זיך אים פאַרדרייען אין קאָפּ. ער האָט זיך צוגעזעצט, אָנשפּאַרנדיק זיך אין מויער פון אַ הויז. איצט האָט ער שוין נישט קיין שום האָפענונג. איצט וואָלט שוין אַפילו מאַריאַ גאָרנישט נישט געהאָלפן. מיט אַזאַ בויך וועט פּיליפּעלאָ זי נישט אַרויפלאָזן אויף דער שוועל פון זיין הויז.

פון פּרייהייטס־פּלאַץ האָט זיך דערטראָגן די פּעסטע גראָבע שטים פון נאָטשען. ראָקאַ די דזאָלפּאָ איז געווען אויסגעליידיקט, אַלע זענען איצט אויפן מיטינג. סאַלוואַטאָרע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף טרעפּלעך אין מיטן גאַס. ער האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און באַהאַלטן אין קעשענע דעם טאַבאַק מיטן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, איינגעוויקלט אין אַ צייטונג. דער טאַבאַק איז געווען ביטער און האָט אים נישט געשמעקט, ער האָט אים אָבער אויסגערייכערט ביז צום סוף. ער האָט זיך אַזש די פינגער אָפּגעבריט. פון צייט צו צייט האָבן זיך דערטראָגן אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען. די נאָכמיטאָגדיקע זון האָט שטאַרק געוואָרעמט. דער ווייץ וועט הייעטיקס יאָר שנעלער רייף ווערן. ער האָט אויסגעטאָן די מאַרינאַרקע און אונטערגעלייגט אויף אַ העכערן טרעפּל. עס האָט אים געמאַטערט דער שלאָף אויף דער זון. ווי אין נעאַפּאָל ביי דעם קעניגלעכן שלאָס. צי וועט אים אַ מיידל צוּוואַרפן אַ פּאָמעראַנץ? עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז קיאַראַ. פאַר אים איז דאָס שוין דער סוף. אַ סוף אין איטאַליע, אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט עמעצנס ווערטער: „דאַנקען גאָט, דער שניט איז שוין נישט ווייט". נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. פאַר דעם בלויזן עסן און שלאָפן? וואָס זינגען זיי דאָרט? זאָלן זיי זינגען! מיר וועלן נאָך זען.

ק א פ י ט ל   אַ כ ט

I

פאַר דעם פאַלאַצל אין פראַגאַלאַ, ווו עס האָט איינזאם געוווינט דער זון פון פיליפעלאָ, דער קשיאָנדז דאָן לואידזשי, איז פאַרפאָרן א פיאַקער אויף פיר רעדער, איבערגעדעקט מיט א ווייסן פאראסאָל־באַלדאַכין. באלד האָט זיך געמאכט אַ צונויפגעלויף פון פרויען און קינדער. די מענער האָבן זיך געהאלטן פון ווייטן. אַזאַ פריצישן געשפאן האָט מען שוין דאָ נישט געזען, דאכט זיך, פון זיבן און פערציקסטן, ווען עס איז זיך צעפאַלן דער קאָאָפעראַטיוו פון די לאנדווירטשאפטלעכע אַרבעטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַראָפּיאָגן די מענטשן פון די פארנומענע שטחים אין די לאטיפונדיעס פון באַראָן.

פריער איז אויסגעשטיגן דער געהילף, וועלכער האָט זיך מיט זיין קליידונג נישט אונטערשיידט פון די אָרטיקע איינוווינער, דערנאָך אגאָסטאָ מאַיאָלינאָ, דער אַדמיניסטראַטאָר פון די גיטער פון אַלטן בערלינגיערי. זעלטן ווען אַזאַ גרויסער מענטש האָט זיך פאַרהאַלטן אין ראָקאַ די דזאָלפאָ מער ווי א שעה. בערלינגיערי אַליין, וועלכן מע האָט געזען אויף די פעלדער, וואָס געפינען זיך נאָענטער צו קראָטאָנע, שטענדיק ארומגעוויקלט דעם האלדז מיט א שאַל, האָט זיך קיינמאָל דאָ נישט באַוויזן. צוליב וואָס האָט ער געהאַט צו קומען קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ, ווו די ערד איז, ווי ווייט דאָס אויג קאָן גרייכן, געלעגן נישט באַאַרבעט. דער אַדמיניסטראַטאָר מאַיאָלינאָ האָט דעריבער געמוזט האָבן זייער וויכטיקע סבות, וואָס ער האָט זיך אין אזא הייסן טאָג אויסגעקליבן קיין פראַגאַלאַ.

איידער זיי זענען אַרויפגעגאַנגען מיטן קשיאָנדז דאָן לואידזשי מיט די דרויסנדיקע טרעפ אויפן גאָרנדל, האָבן זיי זיך דורכגעשפּאַצירט א הין און צוריק אויף דער שמאָלער קיפּאַריסן־אַלייע, ביידע מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן: דער דיקער אַדמיניסטראַטאָר און דער דאַרער קשיאָנדז. זיי האָבן הויך גערעדט וועגן דעם וועטער און די היץ, און די פרויען, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די מיילער, האָבן דורך דעם נידעריקן פאַרצוימונגס־מויער נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון גאַסט, ווען ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קאָלירטן נאָזטיכעלע און זיך אויס־

געוויסט דערמיט דעם שווייס פון שטערן, ווען ער האָט, נישט באַוווסט צוליב וואָס, אָנגעבלאָזן זייַנע רויטע באַקן און ווען ער האָט בגניבה אַ קוק געטאָן פון די טרעפּ אין דער נידער, אין דער זייט פון טאָל, ווו אויף צולהכעיס דעם באַראָן איז דער ווייץ, ווי אויף „מאַרצואָלע“*, געווען אַזש צו שיין, און ווי אויף אַ פּאַרזיי פון די אַרבעטער גופא — אַזש צו רעאַל.

דערווייל האָט דער געהילף אויסגעשפּאַנט די פערד, צערוקט די אַרויסגענומענע פון די זאַוויעסעס אייזערנע פליגלען פון דעם קיינמאָל זיך נישט פאַרמאַכנדיקן טויער און אַריינגעפירט די פערד אין פוסטן שטאַל, ווו עס איז שוין פון יאָרן נישט געווען קיין ריח פון פערד און קיין קערנדל פון האָבער. נישט מער, וואָס די אָרעמע חיות, וועלכע האָבן דאָך קיין שום שלעכטס די מענטשן נישט געטאָן, וועלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. הייסט עס, אַז דער הער וויל דאָ בלייבן לענגער, אויף איבער נאַכט, און אפשר נאָך אויף לענגער. ער מוז דאָ האָבן וויכטיקע ענינים, און נישט איין מענטשלעכע קריוודע וועט דערפון אַרויסקומען.

דער געהילף איז אויך אַרויפגעגאַנגען איבערן גאָרנדל, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם בילן פון לעאַן, וועלכע איז נישט געווען צוגעוווינט צו קיין טומל. די צויג האָט זיך געריסן אויף דער קייט, ביז זי איז אַזש כריפּענדיק געוואָרן פון מידקייט. דאַן האָט זי אַוועקגעלייגט דעם פּיסק אויף די אויסגעצויגענע לאַפּעס און געוואָרן גלייכגילטיק.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל, און וואָס זיי וועלן דאָרט אין דרינען באַשליסן, ווייסט בלויז איין גאָט, — האָבן די פרויען געזיפצט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַנאַנדערגיין, אָפּטרייבנדיק פון זיך די עלטערע קינדער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייערע קליידלעך, און נעמענדיק אויף די הענט דאָס קלייניוואַרג.

זיי האָבן נאָך געזען, ווי עס לויפט אַראָפּ פון די טרעפּ דער געהילף, שוין אַ באַאָרמטער און פליכטוואַטער. מע האָט אים געשיקט, זעט אויס, צו פרעצאָן, ווייל נישט לאַנג דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעקערט צוזאַמען מיט דעם קאַראַבינער. נאָך איידער מע האָט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן וועגן אים, האָט דער קאַראַבינער שוין געוווסט, אַז ער איז נויטיק. דער געהילף האָט אים געטראָפן אויף העלפט וועג, אייַלנדיק זיך צום פּאַלאַץ.

דער אַרמיניסטראַטאָר אַגאָסטאָ מאַיאָלינאָ איז פינדעסטוועגן נישט פאַרבליבן אויף איבער נאַכט. אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט גענוג באַקוועמלעכקייטן, און אפשר האָט אים דער קאַראַבינער איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט נייטיק, אַז ער צוזאַמען מיט דאָן לואידזשין וועלן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן. דער אַרמיניסטראַטאָר מאַיאָלינאָ איז אַזוי־אַרום אַוועקגעפאָרן דעם זעלבן אָוונט צוזאַמען מיט דעם געהילף. און צוויי טעג אַרום זענען אָנגעקומען פון קראָ-

* דער פרילינג־ווייץ, פאַרזייט אין מערץ

טאָגנע צוויי קאַראַביניערן. זיי האָבן צוערשט פֿאַרנומען אויפֿן גאָרנדל דעם געראַמען זאַל מיט די פּאָר פֿאַרשטויבטע אָפּגעריסענע פּאָטעלן, וועלכער איז געשטאַנען פּוסט, ווי א באָד. זיי האָבן זיך לאַנג געפּאָרעט ביים עפֿענען די פֿאַרשלאָסענע לאָדנס, כדי אַריינצולאָזן א ביסל פֿרישע לופֿט און ליכט. די פֿענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף די פּאַשע-פֿעלדער פֿון פּראַגאַלאַ, וועלכע זענען געווען פֿאַרוואַקסן מיט קריטשעכצער און דערנער. דער ווייץ פֿון די אַרבעטער איז געוואַקסן אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט, אויף וועלכער עס זענען אַרויסגעגאַנגען די פֿענצטער פֿון קשיאַנדרז דאָן לואידזשי. אָבער אין קורצן האָבן זיך די קאַראַביניערן, דער עלטערער א רויט-געלער און דער ייִנגערער מיט א דין וואָנצעלע, ווי א פֿאָדעם, געמוזט איבערציען פֿון געראַמען זאַל אין אַ צימער אויפֿן פֿאַרטער לעבן דער קיך. אין סאַלאָן האָט מען אויפֿגעהאָנגען א שילד מיט א קרייץ און מיט אַן אויפֿשריפֿט „ליבערטאַס"*.

אין פּאַלאַצל, וואָס איז ביז נישט לאַנג געווען פּוסט, האָט זיך געמאַכט א באַוועגונג. די קאַראַביניערן האָבן קודם-כל געבראַכט אין אָרדענונג די קיך, פֿאַרריכט מיט גרויס מי דאָס ברונעמל, דאָס איינציקע אין דער גאַנצער געגנט, און פֿון דעמלט האָט זיך צוויי מאָל אין טאָג, גאַנצפֿרי און פֿאַרנאַכט, אויפֿגעהויבן א רויך פֿון קוימען. געקאָכט האָט פֿאַר די קאַראַביניערן און פֿאַר דאָן לואידזשען — קיאַראַ, וועלכע דער קשיאַנדרז האָט צוגענומען אויף שטוביקער אַרבעט, כאָטש אַלע אין דאָרף האָבן געקלערט, אַז די דאָזיקע אַרבעט וועט באַקומען דזשודיטאַ פֿין באַנאַקאַסאַ, די פֿרוי פֿון סאַנדראָ. נאָך פּראָדוקטן אין שטאָט איז געפֿאָרן אויף א ראָווער דער רויט-געלער קאַראַביניער פּיקולי. ער האָט אויך געבראַכט די צייטונגען פֿאַרן קשיאַנדרז.

אומקערנדיק זיך פֿון דער אַרבעט אויף ביינאַכט אַהיים, פֿלעגט קיאַראַ אַריינגיין צו אימאַקאָלאַטען און איר איבערלאָזן ברויט און א שיסל לאָקשן, באַגאָסן מיט פּאָמידאָרן-סאָס. טיילמאָל האָט זי אָפּגעגאָסן אין א פֿלעשל א ביסל אייל אָדער וויין, און דאָס רעשט האָט זי אַוועקגעטראָגן דער מאַמען. ווען זי האָט געטראָפֿן סאַלוואַטאָרען, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן פֿון די קאַראַביניערן, וועלכע האָבן איר נישט געגעבן קיין רו. צום מערסטן דער רויט-געלער פּיקולי. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער איר ברענגען פֿון קראָטאָנע מאַנדלען אין האָניק אָדער צוקערקעס איינגעוויקלטע אין שאַרכנדיקע פּאַפּירלעך. ער, וואָס פֿאַר א נאַר! אין שטאָט האָט ער א ווייב און קינדער. היינט האָט ער איר כלומרשט געהאָלפֿן מאַכן אָרדענונג אין דעם אייבערשטן גרויסן זאַל, כדי צו קאָנען זי פֿאַרטשעפּען. אין דעם ליידיקן זאַל וועט זיין אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר אַרבעטסלאָזע, האָט איר פּיקולי געזאָגט. אין דעם פּאַלאַצל איז שוין געווען סאַנדראָ, דער זון פֿון אַלטן אַנדריעאָ. נו, און קאָנטשעטאָ.

* דער לאָזונג פֿון דער איטאַליענישער קריסטלעך-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי

עפּעס האָבן זיי דאָרט ביים קשיאַנדז זיך אָפּגעשריבן. זי האָט געהערט, ווי דאָן לואידזשי מיטן יונגערן קאַראַביניער, אַלפּיאָ, האָבן גערעדט וועגן דעם קליינעם מאַטעאָ. אָבער מאַטעאָ האָט נישט געוואָלט קומען אין פּאַלאַצל. דער קשיאַנדז האָט אַפּילו געשיקט יאָלאַנדען אַ פּלעשל אייל. אָבער מאַטעאָ איז סיידוי נישט געקומען. יאָלאַנדע איז שוין איצט געזונט, דאָך נאָך אַזאַ שווערן געבורט... מע זאָגט, אַז זי האָט דאָס ניינעבוירענע געוואָלט באַלד אוועקטראָגן צו דער שוועגערין אַגיעזע, דער פרוי פון „סינדאַקאָ“, אָבער מאַטעאָ האָט זיך געוואָרפן אויף איר מיט די פויסטן, ער האָט זי שיר נישט צעשלאָגן. די אַקושערקע, די אָנגאָזיקע פּאַסקאַלינאַ, האָט אים געמוזט אַרויסוואַרפן פון שטוב, ווייל פון שרעק וואָלט די מוטער געקאָנט פאַרלירן די מילך. פּאַסקאַלינאַ האָט דאָס קינד געהייסן אַ נאָמען געבן לופּאָ קריסטאָפאָראָ. לופּאָ, דאָס איז אַ צוגאָב צום נאָמען קעגן עין־הרעס און קעגן רוחות. און מאַטעאָ טראָגט מיט זיך אַ ווייסע סטענגע. אויפן צווייטן טאָג נאָכן געבורט פון קינד האָט ער אַראָפּגענומען די געבורטס־סטענגע פון דער טיר און פון דעמלט אָן טראָגט ער זי מיט זיך. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס וועט קריסטאָפאָראָ ברענגען גליק. איצט וועט יאָלאַנדעס יינגל, דאַכט זיך, שוין בלייבן לעבן. אַגיעזע, איר שוועגערין, די פרוי פון „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע, שיקט איר ציגן־מילך, חזיר־פעטס און טיילמאָל אויך פלייש. ווען אַגיעזע זאָל געווען אַזוי טאָן פריער, וואָלט יאָלאַנדאַ, מעגלעך, נישט אוועקגעטראָגן יענע קינדער אויפן בית־עולם. אָבער די פרוי פון „סינדאַקאָ“ האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קינדער. וואָס קאָן אַזעלכע וויסן! נישט אמת?

אימאַקאָלאַטאַ האָט צעגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט אויפהערנדיק אַרויפוויקלען די לאָקשן אויפן גאָפּל.

קיאַראַ האָט געפרעגט סאַלוואַטאָרען, צי ער פרייט זיך, וואָס יאָלאַנדעס קינד לעבט, די „סאַנטאַ קיאַראַ“ זאָל זיך נאָר נישט מיישב זיין און ווידער אָפּטאָן דער אָרעמער פרוי עפּעס אַן עוולה. פּונקט ווי זי האָט איר, קיאַרען, אָפּגעטאָן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי טראָגט איר נאָמען. קיאַראַ האָט זיך צעלאַכט. דאָן לואי־דזשי ווייסט נישט, אַז זי האָט ביי דער הייליקער אָפּגענומען דאָס זיידענע טיכל. זי האָט אים געזאָגט, אַז אויף זיכער האָט עס עמעצער צוגענבעט. אפשר האָט זי עס נישט באַדאַרפט אָפּנעמען? וואָס נאָר! ווי די הייליקע קיאַראַ איז צו איר, אַזוי איז זי צו דער הייליקער קיאַראַ. אַפילו די הייליקע זענען איצט גערן אָפּצו־נאַרן דעם אָרעמען מענטשן. צ׳ים בעסטן איז, אַז מ׳האָט גליק אין לעבן. דעמלט דאַרף מען נישט אָנקומען צו קיין שום נדרים. ווי אַנדזשעלינאַ, פיליפּעלאָס טאָכ־טער. אפשר נישט? זי האָט געוואָלט האָבן דזשיאַני, האָט זי אים. און איצט האָט אפילו פיליפּעלאָ שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ. ער האָט אויפגעהערט פאָרן קיין קראָטאָנע. פון זינט קאָנטשעטאָ האָט אים געזאָגט, אַז אַנדזשעלינאַ איז טראָגעדיק. זאָל זיך אים אויסדאַכטן, אַז זי איז געשטאָרבן, —

האָט זי געהערט, ווי פּיליפּעלאָ האָט געזאָגט צו זײַן זון דאָן לואידזשי. זי אַליין וואָלט ער נאָך פֿאַרשלעפּט בײַ די האָר אין שטוב אַרײַן, אָבער איצט, מיט אַ קינד אין בויך?! קאָנטשעטאָ האָט זי געזען אין קראַנקענע. ער האָט אויך אים, סאַלוואַטאָרען, געזען. און פֿון מאַריען האָט ער אַלץ נישט קיין שום ידיעה. ווי אַ שטיין אין וואַסער. דער אָרעמער קאָנטשעטאָ! וואָס האָבן זיך די קאָמוניסטן צו אים צוגעטשעפּעט? צי סאַלוואַטאָרע האָט אויך, אַז ער האָט אונטערגעצונדן דעם קאָמוניסטישן לאָקאַל? קאָן זײַן. אַז עמעצער האָט אַן אָנגעדראָלן האַרץ, וואַגט ער אויף אַלץ, אַבי עס זאָל אים נאָר נישט פּלאַצן.

— אָ, גאָט, — האָט זי אָפּגעזיפֿצט און געוואַרט ביז סאַלוואַטאָרע און אימאַקאָלאַטאַ וועלן אויפֿהערן עסן. דערנאָך האָט זי זיך געזעגנט, ווײַל די מאַמע וואַרט שוין זיכער אויף איר, כאָטש געוויינלעך פֿאַרהאַלט זי זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט בײַ איר שוועסטער פֿראַנצעסקאַ, העלפֿנדיק איר אין דער באַלעבאַטישקייט. נאָר זי האָט זיך שוין דאָ איצט אַזוי־פֿיל אָנגערעדט, ווי קיינמאָל נישט.

II

אַלפֿיאָ, דער ייִנגערער קאַראַביניער, אַ שוואַרצער בחור מיט דינע וואָנצעס, ווי פֿעדעם, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אין ראַם פֿון דער טיר, אַראָפּגערוקט דאָס קאַראַביניערסקע היטל מיטן געלבן בלעכל פֿון פֿאָרנט און געפּרעגט אימאַקאָלאַטען אויפֿן זון. דער קשיאָנדז דאָן לואידזשי האָט אים אַרויסגערופֿן צו זיך אין פּאַלאַצל. וואָס איז דאָס, וואָס מע קאָן אים קיינמאָל נישט טרעפֿן אין דער היים! ער קומט שוין הײַנט דאָס צווייטע מאָל נאָך אים. אַלפֿיאָ איז געווען בייז, אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין בארואיקט און געבעטן אימאַקאָלאַטען אַ ביסל וואַסער. מיט איין זופּ האָט ער אויסגעטרונקען אַ גאַנצע שעפּ. וואָס וועט שוין זײַן אין אויגוסט, אויב אין מײַ זענען אַזעלכע היצן? אין שטאָט איז נישט היים. נאָר צום ערגסטן איז צו זײַן אַ קאַראַביניער. קוים אַ מענטש געוויינט זיך ערגעץ צו, געפֿינט זיך אַ וועלכעס ס׳איז מיידל אויף סטאַלע, אַזוי פֿאַרשיקט מען אים שוין אין אַזאַ ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. דאָ איז אַפֿילו נישטאָ קיין רעסטאָראַציע מיט אַ טישל און אַ פֿלעשל ווײַן, וווּ מע זאָל קאָנען כאַפּן אַ שמועס אָדער אַ שפּיל טאָן אין קאָרטן. דער עלטערער קאַראַביניער פּיקולי איז כאָטש יעדן צווייטן טאָג אין קראָטאָנע און זעט זיך מיט זײַן ווײַב און מיט זײַנע קינדער. און אים שיקט אַרום דאָן לואידזשי איבער די שטיבער, ווי אַ בריוו־טרעגער. דאָ איז אַפֿילו קיין בריוו־טרעגער נישטאָ. נעכטן האָט אים פּיקולי געבראַכט אַ בריוו פֿון קראָטאָנע. דער בריוו האָט אַרומגעוואַנדערט אַ גאַנצע וואָך און האָט זיך צוריקגעקערט צו דער מוטער קיין קאַטאַנצאַראָ. די מוטער האָט אָוועקגעשיקט דעם בריוו צו דער שוועס=

טער, וועלכע ווינט אין קראָטאָנע, און די שוועסטער האָט צופעליק געטראָפן פּיקולין אויף דער פּאָטשט. די מאַמע שרייבט אים, אַז זי פילט זיך אַ ביסל בעסער. אָבער אויף ווי לאַנג? די אַלטע איז שוין אַליין אין שטוב, אָן קיינעם.

— און וויפל זעגט איר אַלט? — האָט ער געפרעגט אימאַקאָלאַטען. ער האָט געבעטן נאָך אַ ביסל וואַסער, דערמאַנט אימאַקאָלאַטען, אַז זי זאָל שיקן דעם זון אין פּאַלאַצל אריין. וואָרעם איב סאַלוואַטאָרע וועט נישט קומען, וועט דער דאָזיקער דאָרער גלה, דאָן לואידזשי, מיינען, אַז ער איז אינגאַנצן נאָך אים נישט געגאַנגען.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אומגעקערט נאָך מיטאָג. פאַרטאָג איז ער מיט וויטאָן געפאָרן צו די פעלזן פון ראָקאַ די סאַנטאַ קיאַראַ. דער ים איז געווען רואיק און וואַרעם. ביידע האָבן פאַרקאַטשעט די הויזן ביז איבער די קני און אַרומגעקראָכן צווישן די שוואַרצע שטיינער. זיי האָבן אָנגעקליבן „ים־פרוכטן“, וואַסער־טייטלען און שנעקן. זיי האָבן צעקלאַפּט די שאָלעכץ און אויפגעגעסן דאָס לעבעדיקע פלייש. די רעשט פון פאַנג האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ פלאַכן קאָרב אויף אָפּצוקאָכן אין דער היים.

— מע וואָלט דאָס געקאָנט אויפעסן אַ סך אָן אַ צאָל. זיי זענען קליינע, די דאָזיקע באַשעפעניש, — האָט געזאָגט וויטאָ, אַראָפּרוקנדיק די הויזן. — זיי זענען גוט מיט אייל און מיט אַ ציטרין. אַזוי וואָלט זיך ערשט נאָך זיי אויפעסן אַן אמתן טעלער לאָקשן. ס'איז געשמאַק און עס רייצט נאָך מער דעם אַפּעטיט.

וויטאָ האָט אַראָפּגענומען פון דער „שאַראַבאַלע“ דעם סערפּ און אָנגעשניטן אַ זעקל גראָז, וואָס איז געוואַקסן אויף דער קליינער לאָנקע, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען גרין, נישט געקוקט אויף דער טריקעניש, וואָס האָט שוין געדויערט אַ חודש צייט. ער האָט אָפּגעבונדן פון שטיין דאָס מוילאייזל און איז אַראָפּגעגאַנגען מיט אים צום ברעג פון ים, צו דער — „שאַראַבאַלע“.

סאַלוואַטאָרע האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעלע מיט טאַבאַק איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר. זיי האָבן פאַרדרייערט צו פּאַפּיראָסן און זיך אויפגעזעצט אויף דער „שאַראַבאַלע“.

עס איז געווען מיטאָג־צייט און די ליפּט, צעוואַרעמט פון דער זון, האָט געציטערט איבער דער ערד.

— אין אַפריקע איז נישט געווען אַזוי היים, — האָט געזאָגט טאָטאָ.

— און עס וועט זיין נאָך הייסער, — האָט צוגעגעבן וויטאָ.

— יאָ, — האָט סאַלוואַטאָרע מסכים געווען.

— אַז זיי הייבן שוין אָן שיסן צו פּרויען, — האָט וויטאָ געזאָגט, — הול-מאַיעס! — האָסט געהערט?

— יאָ.

— אויפן צפון זענען די פּרויען נישט ערגער פון די מענער. הלוואי וואָלטן מיר דאָ געווען אַזוי באַוווסטזיניק, ווי דאָרט די פרויען!

— ריכטיק, — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע. ער האָט זיך דערמאָנט „רעגאַ-טען" פון צוג, די חברטע פון נאָטשען. — און ווי האָט זי געהייסן? — האָט ער געפרעגט.

— מאַריאַ מאַרגאָטי. דעם מאַן האָט זי פאַרלוירן אין דער מלחמה. עס זענען איבערגעבליבן צוויי קינדער, קיילעכדיקע יתומים.

— הם, — האָט סאַלוואַטאָרע א ברום געטאָן.

— און דו, סאַלוואַטאָרע, וועסט זיך פאַרשרייבן אין פאַריין? איך זאָג עס פאַר דיין טובה ווענן. מיר וועלן אין האַרבסט פאַרלייגן אַ קאָאָפּעראַטיוו. זריעה וועלן מיר שוין האָבן אייגענע. פון דעם אייגענעם ווייץ אין פּראַגאַלאַ.

— צי מיינסטו, אַז עס וועט שוין אַזוי בלייבן? — האָט סאַלוואַטאָרע גע-פרעגט. — נישט אומזיסט איז דאָ געקומען צופאָרן מאַיאָלינאָ. מע וועט עס ביי אייך צונעמען. אַלץ וועט מען צונעמען.

— דאָס וועט מען נאָך זען. סילוויאַ איז געווען אין טאַראַנטאָ. ער דערציילט, ווי אַלע דעלעגאַטן האָבן געשטימט, אַז איצט מוזן זיי געווינען דעם שטרייק, וועלכער וועט זיין געווענדט קעגן די גוטבאַזיצערס, — וויטאָ האָט אויסגעשפּיגן דעם רעשט פאַפּיראָס. — סילוויאָ האָט אויך גערעדט. און דערנאָך, ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אים אַלע אַפּלאָדירט. דאָס מוז זיין, — וויטא האָט געזוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט, — אָנגענעם. איך וואָלט אויך געוואָלט זיין אַמאָל אויף אַ צוזאַ-מענפאָר.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן. זיי זענען שווייגנדיק אַרויפגעפאָרן אויפן בערגל, פון וועלכן מע האָט געזען אויף דער זון די גרויע ראָקאַ די דזאָלפאָ. סאַלוואַטאָרע האָט אויסגעטאָן דאָס העמד און זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ.

— אַפילו אין אַפריקע איז נישט געווען אַזוי היים.

— שוין נישט לאַנג צום שניט, — וויטאָ האָט אַ טרייב געטאָן דאָס מויל-איידל. — גיט וואָס ס'איז היים, וועט אונדזער ווייץ שנעלער רייף ווערן.

— דאָס איז „מאַרצואָלאַ", — האָט געזאָגט סאַלוואַטאָרע. — איך האָב געזען, ווי איר האָט זי פאַרזייט.

— דו האָסט געזען, — וויטאָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — און דו האָסט ביז איצט גאָרנישט געזאָגט? — ער האָט אים מיט זיין ברייטער דלאָניע אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער נאַקעטער פּלייצע. — מיר האָבן מורא געהאַט, אַז עמעצער

זאָל אונדז באַמערקן פֿאַרן פֿאַרזייען. דערנאָך האָט מען שוין אַ פּייג אונדז געקאָנט עפּעס טאָן.

— פֿינדעסטוועגן האָט איר דאָס אויסבאַהאַלטן. ערשט שפּעטער האָט נאַטשע אייך געזאָגט, אַז מע דאַרף דערפֿון נישט מאַכן קיין סוד. האַלט זיך, האָב איך געטראַכט, מיט אייער סוד.

— ביסט אויך גוט, — האָט זיך צעלאַכט וויטאַ, — דאָס געפֿעלט מיר. פֿאַר־שרייב זיך אין אונדזער פֿאַריין. אין טאַראַנטאַ האָט מען גערעדט, אַז די אַרבעטס־לאָזע אויפֿן דאָרף מוז מען צאָלן שטיצע, פּונקט ווי די אַרבעטסלאָזע אין שטאָט. איך זאָג עס פֿאַר דיין טובה וועגן. ליגאַ האָט דאָס זעלבע אויסגעלייענט דערנאָך פֿאַר אַלעמען פֿון דער „אוניטאַ“, אויב דו גלייבסט מיר נישט. צוליב אַזעלכע ווי דו, טאַטאַ, קאָנען מיר צו גאָרנישט דערגיין. דאָס איז אַ שטענדיקע גויט, נישט קיין לעבן.

טאַטאַ האָט אָנגעהויבן שטיל צו פּייפֿן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנ־גערופֿן:

— און צוליב וואָס גייט דיר אַזוי גראָד אין מיר? אַז איך זאָל געהערן צום פֿאַריין?

— פֿאַרוואָס גראָד דו? יעדער! ווען עס זאָל דאָ איצט זיצן מיט מיר אַן אַנדער טאַטאַ, וואָלט איך אים אויך צוגערעדט. דאָס איז אין מיין אינטערעס. אַלע דאַרפֿן פֿאַרשטיין, וואָס איז אין זייער אינטערעס. יעדער דאַרף געהערן צו זיין פֿאַריין. אַלציינס, צי אַ קאָמוניסט, צי נישט. קיינער קוקט נישט, צי אַ קאָמוניסט, צי נישט.

— די קויל אויך נישט.

וויטאָ האָט אַ צי געטאָן פֿאַר די לייצעס.

— האָסט מורא? — האָט ער געפֿרעגט. — און דאָרט אין אַפֿריקע, אַז מע האָט דיר געהייסן שיסן, האָסטו נישט מורא געהאַט?

— דעמלט איז געווען מלחמה?

— און דו מיינסט, אַז דאָס איז נישט קיין מלחמה. נישט מער, דאָרט האָבן דיך געשיקט אַנדערע, און דאָ גייען מיר אַליין. אויב מע וועט דערהרגענען, פֿאַר־פֿאַלן, ווייסט מען כאָטש פֿאַר וואָס. און דאָרט?

— הם, איך וויל נישט קיין שום מלחמות. אַלציינס. טויט איז טויט, אַלציינס, איך האָב שוין געהאַט גענוג מלחמה אויפֿן גאַנצן לעבן.

וויטאָ האָט אַ קוק געטאָן דורכן אַקסל אויף סאַלוואַטאָרען און אַ שאָקל גע־טאָן מיטן קאָפּ. פֿון צייט צו צייט האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט די לייצעס, כּדי אַראָפּצוטרייבן די פֿליגן, וועלכע האָבן זיך איינגעגעסן אין דער מאָגערער פֿעל פֿון דעם מוילאייזל. ער האָט איינגעהויקערט די ברייטע פּלייצעס. ער איז געזעסן אַ בייזער און אָנגעכמורעטער.

— הזירשע בוים! — האָט ער געשאָלטן יעדעם מאָל, ווען דאָס מוילאייזל האָט זיך אויסגעגליטשט איבער אַ שטיין אָדער איבער אַ גרוב.

זיי זענען אַרייַנגעפאָרן אין דאָרף. סאַלוואַטאָרע האָט אָנגעטאָן צוריק דאָס העמד, וואָס איז געווען פייכט און שאַרף זיך געפילט פון שוויס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, כדי אַראָפּצושפּרינגען אויף דער ערד.

— וואַרט צו, איך וועל דיך צופירן, — האָט וויטאָ אַ בורטשע געטאָן און פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל געסעלע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געוועלבטן קאָרידאָר און געפירט צום הויז, וווּ עס האָט געוווינט סאַנדראַ, דער זון פון אַנדרעאַן, מיט זיין ווייב דזשודיטען פון באַנאַקאַסאַ, פון דעם שטעטל פון שלעכטע פרויען. אַנטקעגן איז געשטאַנען די הייזקע פון די לאָ מעאָס. אימאַקאָלאַטאַ איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל און אָפּגעוואַרט מיט אַ קאָרב אין האַנט דעם זון און די „ים-פרוכטן“.

וויטאָ האָט אָפּגעשיט אַ העלפט, טיילנדיק זיך מיט סאַלוואַטאָרען.

— דיר קומט מער פון מיר, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — פאַר דעם מוילאייזל און דער „שאַראַבאַלע“.

— אַך, לאָז צורו, — וויטאָ האָט אָנגעכמורעט דעם גלאַטיקן, גידעריק פאַרוואַקסענעם שטערן.

— דער ים איז פאַר אַלע. אמת, אימאַקאָלאַטאַ? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, ווייזנדיק גרויסע שטאַרקע ציין. — מע קאָן מאָרגן נאָכאַמאָל פאָרן.

די מושלעס, וועלכע האָבן זיך געשיט אין אימאַקאָלאַטעס קאָרב האָבן געקלאַפּט, ווי שטיינדעלעך.

— אַלדאָס גוטס, מאַטאָ — האָט וויטאָ געזאָגט, אויפהייבנדיק די האַנט צום געזעגענען זיך.

— אַלדאָס גוטס, וויטאָ — האָט סאַלוואַטאָרע זיך צעשמייכלט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

וויטאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די לייצעס אין די אויסגעמאָגערטע זייטן פון מוילאייזל און אָפּגעפאָרן. ער האָט זיך נאָך אויסגעדרייט:

— העי, סאַלוואַטאָרע, איך וועל נאָך קומען צו דיר אין אָוונט. כ'וועל דיך מיטנעמען אין לאָקאַל, מאַטאָ! טשאַאָ!

— טשאַאָ, וויטאָ.

III

דאָן לואידזשי האָט נישט באַוויזן צו פאַרבאַהאַלטן די „אוניטאַ“. דאָס איז געווען אַן אַלטער צעקנייטשטער נומער. ער האָט דערינבער בלויז אָפּגערוקט די קאָמוניסטישע צייטונג פון דער צעשפּרייטער פלאַכטע „אָבסערוואַטאָרע ראָמאַ=

נאָ“, אויף וועלכער עס האָט זיך געפֿונען אַ לענגלעכער בילד פֿון פּויפּסט אין ברילן און אין אַ ווײַס היטעלע. אויף דער ערשטער זייט פֿון „אוניטאַ“ איז געווען אויפֿגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

„דערהרגעט אַ פּויערטע אין מאָלינעלאַ דורך דער פּאָליציי, וועלכע האָט פּאַרטיידיקט שטרייקברעכער“.

און פֿון אונטן:

„פּראָטעסטן קעגן די געשעענישן אין מאָלינעלאַ. אַלגעמיינער שטרייק אין באָלאָניער פּראָווינץ“.

דאָן לואידזשי, הייסט עס, האָט שוין געוווסט וועגן מאַריאַ מאַרגאָטי.

— איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט נישט קומען, — דאָן לואידזשי האָט אַ פֿייַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּליך. — דו האָסט זיך געענדערט. אַמאָל האָסטו זיך געאײַלט צו מיר — האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום — דורך דערגער. הײַנט דאַרף מען דיך עטלעכע מאָל רופֿן.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, וועלכער איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט פּאַפּירן. אויף אַ גראָבן בוך אין אַ געלן אײַנבונד איז געשטאַנען אַ מעשענער קרייץ מיט קריסטוסן. אויסער דעם בוך איז דאָ גאָרנישט געווען געענדערט.

— דו שווײַגסט, — אין שטים פֿון קשיאָנדז האָט זיך געפֿילט אַ פֿאַרבאָרגענער כעס. — האָסט זיך געענדערט. דו חברסט זיך מיט קאָמוניסטן. האָט מען מיר דערציילט. דאָס איז מיין שולד. דו האָסט רעכט. ביסט געקומען דעמלט אין פֿאַרצווייפֿלונג און האָסט געוואַרט אויף מיין הילף. און איך האָב דיך איבערגעלאָזט דיין אייגענעם גורל. איך האָב צופֿיל געגלויבט אין דיר. איך האָב איבערגעשעצט דיינע כוחות און געוואָלט, אַז דער נצחון זאָל זיין אויסשליסלעך דיינער. איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט אַליין באַשליסן.

— צוליב וואָס האָסטו מיך גערופֿן? — סאַלוואַטאָרע האָט זיך דערשראָקן פֿאַר זיין אייגענער פֿראַגע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזוי האָט געפֿרעגט דער אַלטער פֿיליפּעלאָ, ווען דזשיאַני האָט אים גערופֿן.

דאָן לואידזשי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים. ער האָט אַוועקגעלייגט די הענט איינע אויף דער צווייטער.

— האָסט רעכט, סאַלוואַטאָרע: איך האָב זיך אָפּגעוואַשן די הענט. דעמלט האָסטו זיך אַליין אָנגערופֿן קין, און אפֿשר בין איך געווען פּילאַטוס. נאָר פּילאַטוס האָט סוף־כל־סוף ריינע הענט, — ער האָט אַ שמייכל געטאָן. — איך האָב געטראַכט דעמלט וועגן דיין טובה און וועגן דער טובה פֿון אַנדזשעליקען. דעמלט האָב איך נאָך געקאָנט אַזוי טראַכטן וועגן מיין שוועסטער.

— וועגן דעם לאָמיר שוין נישט רעדן! — האָט אים איבערגעריסן סאַלוואַטאָרע.

— גוט. וועגן דעם וועלן מיר שוין נישט רעדן. — דער קשיאַגדז האָט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט און אַ הוסט געטאָן. — צוליב וואָס האָב איך דיך גערופן? הייגט זהד איך דיין הילף.

— מיין הילף? — סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין ברוסט.

— דיין באַשיידנקייט רופט אַרויס ביי מיר פרייד — דער קשיאָגדז האָט אַ רגע געשוויגן — און טרערן.

— הם — האָט זיך סאַלוואַטאָרע פאַרקרימט, — צוליב וואָס האָסטו מיר געהייסן קומען?

— נו, גוט. הער זיך צו אויפמערקזאַם צו דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דאָ גייט נישט אין אַנדזשעליגען, האָב קיין מורא נישט. אין איר האָבן מיר אַלע פאַרגעסן: איך און מיין אָרעמער פאָטער, און דו...? — דאָן ליאידזשי האָט פּליצעם אַ קוקט געטאָן סאַלאַווטאָרען אין די אויגן. — אַמאָל האָסטו געוואָלט זיין אַ קשיאַגדז, פּונקט ווי איך. דערנאָך האָסטו געוואָלט זיין דער מאַן פון אַנדזשעליגען. האָסט נישט ליב געהאַט נישט דעם קאָששיאָל, נישט אַנדזשעליגען, איך קען דיך גוט. נישט פון הייגט, מיין טייערער. דו מיינסט, איך וואַרף עס דיר פאָר, וואָס דו האָסט געוואָלט זיין אַ קשיאָגדז, אָדער וואָס דו האָסט געוואָלט זיין אַנדזשעליגעם מאַן? פאַרשידן זענען די וועגן צו דערגרייכן דאָס, וואָס מיר האָלטן פאַר אונדזער גורל. און דו ביסט געווען פאַר מיר, אויסער אַלעמען, אַ באַווייז, אַז דער גייסט חוזקט אָפּ פון קערפּער. איך ווייס נישט, צי דו פאַרשטייסט מיך?

— ניין, איך פאַרשטיי נישט.

— דער גייסט גייט, ווו ער וויל. מיטן קערפּער ביסטו פאַרבונדן מיט ראָקאַ די דזאָלפּאָ. אָבער דיין גייסט פאַראַכט דעם דאָזיקן הויפן שטייגער, אַנטרינט פונדאַנען. דיין גייסט רייסט זיך שטענדיק העכער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ.

— דו ביסט אויך פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ און אַנדזשעלינאַ איז אויך געווען...

— ...געווען, — דער קשיאָגדז האָט ווידער אַ קוק געטאָן אין די אויגן פון סאַלוואַטאָרען, — געווען... יאָ, דו האָסט שוין אויך פאַרגעסן אין אַנדזשעליגען. ס'איז געגוג, אַז אַ פרוי זאָל פאַרגיין אין טראָגן פון אַ צווייטן, אַז מע זאָל אין איר פאַרגעסן.

— מיט וואָס דאַרף איך דיר העלפן?

— ראַטעווען ראָקאַ די דזאָלפּאָ!

— איך פאַרשטיי נישט. רעד מיט מיר פשוט. צי מיט אַנדערע אַרבעטסלאָזע רעדסטו אויך אַזוי?

— מיט אַנדערע אַרבעטסלאָזע? אַך, יאָ, איך פאַרשטיי... מיט זיי האָב איך נאָר גערעדט וועגן אַרבעט. דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס זיי קאָנען פאַרשטיין.

— איך אויך.

דאָן לואידזשי האָט לייכט אָנגעבלאָזן זיינע בלוילעכע, שמאָלע ליפן.

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען פון טיש. אַ רגע האָט ער זיך וועגן עפעס פאַרטראַכט. פלוצעם האָט ער אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען איבערן צימער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער נידעריקער טיר, וועלכע איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ פאָרהאַנג. ער האָט אָפגערוקט דעם פאָרהאַנג און געעפנט די טיר. סאַלוואַטאָרע האָט דערזען אַ פוסטן גרויסן סאַלאָן מיט אויסגעשטעלטע אין רייען אָפגעריסענע פאָטעלן, שטולן און בענקלעך. גלייך אַנטקעגן איבער איז געהאָנגען אויף דער וואַנט אַ גרויסער קרייץ און אונטער אים אַ שילד מיט אַ צלם און מיט אַן אויפשריפט: „ליבערטאַס“, און אויך אַ פאָרטרעט, וואָס זיינע שטריכן האָט ער נישט געקאָנט דערקענען.

— ס'איז היים, — האָט געזאָגט דאָן לואידזשי, — און פון דעם זאַל וועט אַ ביסל מיט קעלט, דעריבער האָב איך געעפנט. דאָס איז דער זאַל, ווו עס וועלן זיך פאַרזאַמלען מיינע אַרבעטסלאָזע, וועלכע איך וועל געבן אַרבעט. דער דאָזיקער לאָקאַל וועט נישט ווערן פאַרברענט. ער האָט אַ דאַך פון שטיינערנע דאַכווקעס. המ... — דער קשיאָנדז האָט צונויפגעלייגט די הענט, — איך וועל זיך באַמיען צו רעדן מיט דיר אַזוי, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין. מסכים? מיט אַ וואָך צוריק איז דאָ געווען דער אַדמיניסטראַטאָר מאַיאָלינאָ. ווייסט וועגן דעם?

— איך ווייס.

— און זיכער ווייסטו שוין צוליב וואָס.

— ניין, איך ווייס נישט.

— דיינע פריינד, די קאָמוניסטן, האָבן דיר נישט געזאָגט? זיי גריזשען זיך דאָך איין אומעטום, ווי די מייז.

— איך האָב נישט קיין פריינד קאָמוניסטן.

— ווייסטו נישט, הייסט עס? טאָ וועל איך דיר זאָגן. ער האָט מיר אָנפאַרטרויט די פאַרטיידיקונג פון ראָקאַ די דזאָלפאָ קעגן די קאָמוניסטן. — דער קשיאָנדז איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט געעפנט דעם אינעווייניקסטן לאָדן. עס איז געוואָרן ליכטיק. אַ פאַס זון איז געפאַלן אויף דער שטיינערנער פאָרלאָגע, וועלכע איז געווען אויסגעלייגט מיט קרעמע און רויטע פליטן.

— צו דעם בין איך דיר נויטיק? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט, אויסדרייענדיק זיך צום קשיאָנדז, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט, וואָס סאַלוואַטאָרע רעדט. — דו האָסט נייע קאַראַביניערן. צוויי.

דאָן לואידזשי האָט נישט געענטפערט. קוקנדיק אַלץ פאַר זיך. דורכן פענצטער האָט מען געזען אַ פוסטן הימל און די שימערירנדיקע פון ווייטנס סילאַבערג. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס פאַלאַצל הענגט אין דער לופטן. ביי זיינע פיס האָט זיך געשפרייט דער טאָל פראַנאַלאַ, ווי אַ ריזיקע שיסל.

פּלוצעם האָט זיך דאָן לואידזשי אויסגעדרייט:

— יאָ, צווי, — האָט ער געענטפערט, — און אַז מע וועט דאַרפן, וועט זיין מער.

— און זיי וועלן שיסן?

— אַלץ איז אין די הענט פון גאָט.

— אַהאַ...

דאָן לואידזשי האָט אויסגעגלייכט די איינגעהיקערטע פּלייצעס:

— דו האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל מיט דיר רעדן קלאָר? — מסכים. איך וועל רעדן קלאָר. דו האָסט עס מיר ווייניקסטנס געקאָנט איינשפּאָרן. נאָר ניין... מע דאַרף נישט... בעסער אַזוי. איז הער. די קאָמוניסטן האָבן ביינאַכט פאַרזייט ערד, ווי גנבים. דאָרט אין טאָל. אויב זיי וועלן זאַמלען די פרוכט פון דער דאָזיקער גנבה, וועט דאָס באַדייטן, אַז מיט אונדזער פחדנות העלפן מיר טריאומפירן דאָס שלעכטס. דאָס הייסט, אַז מיר קוקן הילפלאָז אויף דעם סוף פון ראָקאַ די דזאָלפאָ. דאָס איז דער סוף פון דער וועלט. אין אַלץ וואָס עס איז און וואָס איז געווען הייליק פאַר יעדן מענטשן — אָן אונטערשיד צי אַן אָרעמאַן, צי אַ רייכן — אַלץ, אויף וואָס עס האָט זיך ביז איצט אָנגעשפּאַרט די וועלט, וועט ווערן צעקלאַפּט. עס וועט פאַרשווינדן דער אמת, אַז דער מענטש איז געוואָרן געשאַפן לויט דעם בילד און לויט דער געשטאַלט פון גאָט. דער מענטש וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ חיה, און איין חיה וועט אַרויסרייסן די רייב ביי דער צווייטער חיה. צי ווילסטו לעבן, סאַלוואַטאָרע, אין אַזאַ וועלט, אין וועלכער דאָס פאַרברעכן זיגט איבער דער צניעות? — דאָן לואידזשי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך פאַרהוסט. אויף די שלייפן איז אים אַרויסגעטרעטן אַ דראָבנער שווייס. זיין גאַנץ מאָגער געזיכט האָט געציטערט. פּלוצעם האָט ער אָפּגעווענדט זיין בליק פון סאַלוואַטאָרעס פּנים. — הם... — ער האָט זיך אויסגעגלייכט, — נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן. דאָס איז פאַר דיר נישט צוטריטלעך. מע דאַרף מיט דיר רעדן נאָך קלאָרער. איז הער. איצט האָב איך אין מיין האַנט זייער אַ סך. איך קאָן געבן אַרבעט די, וועלכע וועלן עס פאַרדינען. די אַנדערע זאָלן ליידן הונגער. צי רעד איך קלאָר? איך גרינדע אַ פאַריין פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. ווער עס וועט געהערן צו מיין פאַריין, וועט קריגן אַרבעט. ווער עס וועט געהערן צו זיי, וועט נישט קריגן. און די ערשטע אַרבעט וועט זיין דאָס אָפּקאָסען דאָס דאָזיקע לעסטערנדיקע פעלד ווייץ. — דער קשיאָנדז איז צוגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום פענצטער. — דער ווייץ איז אויסגעוואַקסן, ווי אַ ממזר, אָן אַ טאַטן, דאַ פאַר מיינע אויגן. זיי האָבן פאַרגוואַלטיקט די ערד, ווי גנבים ביינאַכט. אַ שאַנד זיי. איך וועל זיך אַליין געבן אַן עצה. דו, סאַלוואַטאָרע, ווילסט מיר נישט העלפן, — דער קשיאָנדז האָט זיך אָפּגעדרייט. — איך קען דיך. דו ביסט אַ פּתדן. דו וואָלסט געוואָלט, אַז מע זאָל דיר אַלץ ברענגען גרייט

אויף אַ מאַץ. האָסט מורא, אַז די קאָמוניסטן וועלן דיך אָנרופֿן שטרייקברעכער, פֿאַרעטער, יאָ? דאָס איז נאָרניסט, מיין טייערער, איך וואָרן דיך, די קאָמוניסטן זענען פֿעיק אויף נאָך ערגערס. נאָר אויף די געוואַלט־אַקטן פֿון די קאָמוניסטן וועלן ענטפֿערן די קאַראַביניערן.

— אַזוי ווי אין מאַלינעלאַ.

סאַלוואַטאָרע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט אויסגעמיטן דעם קשיאָנדזס בליק.

דער קשיאָנדז איז מיט אַ שנעלן טראָט פֿליצעם צוגעגאַנגען צום טיש.

— גענוג, — דאָן לואידזשי האָט אויף סאַלוואַטאָרעס אַקסל אַרויפֿגעלייגט זיין ציטערדיקע האַנט. — קלייב אויס: מיר אָדער זיי. אַרבעטסלאָזיקייט אָדער אַרבעט. ווייס, אַז איך האָב דיך באַשטימט פֿאַר דעם פֿאָרזיצער פֿון פֿאַריין.

טאַטאָ האָט דערפֿילט אַ קעלט אין הינטערשטן טייל פֿון קאָפּ, ווי פֿון פֿענצטער זאָל האָבן אַ ווייע געטאָן אַ פּראָסטיקער ווינט. ער איז געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט.

— אָבער... — האָט ער אויסגעשטאַמלט.

— קלייב אויס!

— ניין, — האָט סאַלוואַטאָרע אויסגעשריגן, — איך וויל נישט, איך קאָן נישט.

— מיט אַנדזשעלינען האָסטו אויך נישט געקאָנט! און היינט גייט זי אַרום מיט אַ בויך. ווי די דאָזיקע ערד, וועט זי געבוירן אַ ממזר. מיין שוועסטער! מיין שוועסטער!

דאָן לואידזשי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט די דאַרע הענט.

IV

דער קאַראַביניער אַלפּיאָ האָט זיך נישט ריכטיק געקלאָגט פֿאַר אימאַקאָלאַטען, אַז ס'איז נישטאָ קיין ברוטערגער אין ראָקאַ די דזאָלפּאַ. ער פֿלעגט קומען צו פֿאָרן אויף אַ ראָווער, אמת, נישט דער זעלבער (ווען יענעם האָט מען געזאָגט, אַז ער איז רייך געוואָרן פֿון אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן נאָך אין זעקס און פֿערציקסטן) אין נישט אַזוי אָפֿט, ווי אין דער צייט פֿון דער מלחמה. דעמאָלט פֿלעגט ער קומען כמעט יעדן טאָג און ברענגען אָדער אַ טרויעריקע ידיעה, ווען עמעצער איז אומגעקומען אויפֿן פֿראָנט, אָדער אַ פֿריילעכע בשורה, ווען עמעצער איז אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. אין לעצטן פֿאַל האָט די גליקלעכע משפּחה איינגעאָרדנט אַ יום־טוב פֿאַרן גאַנצן דאָרף.

דער ראָווער האָט איצט געקלונגען, פּונקט ווי דעמלט, ביי יעדן גאַסן-אויסבייג, אַרומגערינגלט פון אַ מחנה שרייענדיקע קינדערלעך. זיי האָבן באַגלייט דעם בריווטרעגער אַזש ביז דער טיר פון אַדרעסאַט.

היינט איז דער אַדרעסאַט געווען סילוויאָ.

אין אָוונט האָבן זיך אין לאָקאַל צונויפגענומען די אַרבעטער. נאָך דער שׂרפה האָט מען דעם דאַך געדעקט מיט נייעם טשערעט, מע האָט פאַרריכט דעם טיש, אויסגעשניטן פון „וויע נואָווע" טאָליאַטין און די וויטאָריען און צוגעקלעפּט צו דער הויפּט-וואַנט, אַרייַנשטעלנדיק אין מיטן אַ סערפּ און אַ האַמער. סילוויאָ האָט געבראַכט צו פירן פון טאַראַנטאָ צוויי גרויסע אַפּישן. אויף איינעם זענען געווען רוסישע טראַקטאָרן אויף אַ פעלד און אַן אויפשריפט: „זאָל לעבן רספסר, די פעסטונג פון שלום", און „נידער מיט די מלחמה-אונטערצינדער!". דער צווייטער אַפּיש איז געווען אַן ערשטמאַיאיקער. מענער, פרויען און קינדער — אַלע אָן אונטערשייד — האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און איבער זיי האָבן זיך געהויבן פענער, טראַנספּאַרענטן, סטענגעס, באַלאָנדלעך מיט די ווערטער: „שלום", „מיר פאָדערן שלום", „אַרבעט, און נישט קיין קוילן, אַרבעט, און נישט קיין האַרמאַטן", „ערד פאַר ערדלאָזע, אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע", „זאָל לעבן אַן אמתע ערד-רעפאָרם, נידער מיט דעם שווינדלער דע גאַספּערי". הונדערטער, טויזנטער אויפשריפטן, וועלכע זענען אין פּערספּעקטיוו פון בילד געוואָרן אַלץ קלענער און אומדייטלעכער. און דאָס אַלץ אין קאָלירן, ווי לעבעדיקע.

דער הענגענדיקער נאַפטלאָמפּ איז אויך צעבראָכן געוואָרן בשעת דעם אָנפאַל, האָט מען אים פאַרטרעטן מיט אַ בלעכענער באַנקע מיט אַ רערל, אין וועלכן עס האָט מיט אַ קלאָרן פלאַם געברענט קאַרביד. די אויסגעבראָכענע טיר האָט מען צעשניטן אויף ברעטער און געמאַכט פון זיי בענק. זיי זענען נישט געווען באַקוועם, אָבער דאָך בעסער פון די קלעצלעך. אויפן אָרט פון דער טיר האָט מען געמאַכט אַ פאָרהאַנג פון זעק, וועלכע עס האָט צונויפגענייט פיערינאַ, וויטאָס ווייב.

קיינער האָט נאָך נישט פאַרנומען קיין אָרט. די אַרבעטער זענען געשטאַנען גרופּעסווייז אין דער מיט פון צימער און געשמועסט. אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין דער וואַנט איז געשטאַנען דער הויכער, דאַרער גאַספּאַרע שיאַוואָנע, וועלכער האָט אין זיבעצן יאָר זיך דערדינט צו אַ קאַפּראַל און צו שווינדזוכט. ער האָט זיך מיט צענדליקער אַנדערע מענטשן פאַרשריבן אין פּאַרטיי, און היינט איז ער צום ערשטן מאָל אין לאָקאַל. ער איז געווען דער פעטער פון יונגן לינאָ. ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער פאָטער פון לינאָן איז אומגעקומען הינטער טאָברוק, האָט ער די שוועסטער מיט דעם צוועלפיעריקן זון צוגענומען צו זיך. לינאָ האָט געהאָלפן דעם פעטער פלעכטן די קאָשיקעס פון טשערעט, און גאַספּאַרע האָט זיי אַוועקגעטראָגן אין שטאָט אַריין פאַרקויפן. איצט איז שוין

לינאָ געווען קלוגער פֿין פֿעטער, און ער האָט עס טאַקע אָנגערעדט גאַספּאַרען אַרײַנצוטרעטן אין פּאַרײַן. גאַספּאַרע האָט פֿון זײַן זײַט אָנגערעדט אַנדערע צען, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געדינט אין מיליטער.

— זײַ מײַנען, אַז מע וועט גלײַך באַקומען ווײַניקסטנס אַ צענטנער ווײַץ פֿון פֿראַגאַלאַ, — האָט אויפֿגעקלערט לעליאָ דער קרעמער.

מאַטעאָ האָט מיט פֿאַראַכטונג אַ קרום געטאָן די נאָז און געזאָגט:

— נישט דײַן זאַך. אַז ס'וועט זײַן, וועלן זײ באַקומען.

ער האָט זיך אָפּגעדרייט, ווײַל ער האָט דערהערט אַ שמועס צווישן וויטאָן און סילוויאָן.

— ס'איז נישט שײַן לגבי אַנדערע, — האָט וויטאָ געזאָגט, — אַז דער ברודער פֿון דזשיאַנין זאָל נישט געהערן צום פּאַרײַן. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל נאָך אים קומען.

— וואָס צאַצקעסט איר זיך מיט אים? — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קלײַנער מאַטעאָ. — נו, איז וואָס, אַז ער איז דזשיאַנים אַ ברודער, זאָל ער אַפֿילו זײַן טאָליאַטים אַ ברודער. מע האָט געזען, ווי ער איז נעגאַנגען צום קשיאָנדז.

דער גרעסטער און שטאַרקסטער אַרבעטער פֿון האָקאַ די דזאָלפּאָ, פֿראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן שוואַרצן געקרײַזלטן קאָפּ:

— וואָס שאַדט עס דיר, מאַטעאָ? — האָט ער געזאָגט מיט אַ נידעריקער שטים.

— נו, אַז מיר וועלן אָנהייבן אַרײַנלאָזן יעדן... — האָט מאַטעאָ אויסגעשפּיגן, — אײַנער איז שוין דאָ, — האָט ער נישט באַוועגנדיק מיטן קאָפּ אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף סאַנדראָן, דעם זון פֿון אַלטן אַנדרעאָ, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ זײַט.

סילוויאָ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט נישט מאַטעאָס באַוועגונג. וויטאָ האָט זיך אויך נישט אָנגערופֿן און איז אַרויס פֿון לאָקאַל.

דער יונגער ראָזאַריאָ האָט געדרייט דעם ראַדיאָ. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים, די האָר זענען אים אַראָפּגעפֿאַלן אויף די ברענענדיקע אויגן. לעבן אים איז געשטאַנען דער העלאויגיקער לינאָ. נאָכן אָנפֿאַל אויפֿן לאָקאַל האָבן ביידע פֿאַריכט דאָס צעקלאַפּטע קעסטל, און דער ראַדיאָ האָט ווידער געשפּילט. עס האָבן זיך נאָר באַקימען העכערע טראַסקן ווי פֿריער, און מ'האָט נאָך ווײַניקער געקאָנט פֿאַרשטיין די ווערטער, אָבער דער לאָקאַל איז נישט געבליבן אָן ידיעות. מע האָט אָנגעשטעלט בלויז אויף נעאַפּאָל, ווײַל דאָס איז געווען אַ נענטערע סטאַציע איידער רוים.

ווען וויטאָ האָט זיך אויסגעקליבן צו סאַלוואַטאָרען, איז סילוויאָ צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהויבן פֿאַריכטן דעם קאַרביד־לאָמפּ. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעבויגן איבער אַ ליגירט בײַנעלע פּאַפּיר פֿון אַ העפֿט. ער האָט יעדע רגע

אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין דער זייט פון דער טיר. אָבער וויטאָ האָט נאָך נישט געקאָנט צוריקקערן. סילוויאָ האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די פּאַר־זאַמלטע. סאַנדראָ איז געזעסן אייגער אַליין אין דער צווייטער ריי. די איבעריקע זענען אַלע געשטאַנען גרופּעסווייז אין מיט פון צימער און הויך געשמועסט.

מאַטעאָ איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך געבייזערט, פאַרוואָס עס הייבט זיך נאָך נישט אָן די פאַרזאַמלונג. עס איז אויך צוגעקומען ליגאָ און געפרעגט, צי אַרמאַנדאָ וועט זיין.

— עס וואָלט געווען גוט, ווייל אַרמאַנדאָ... — ליגאָ האָט איבערגעריסן און רויט געוואָרן. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף סילוויאָן, האָט דער לעצטער צוגעוויפּ־געצויגן זיינע בערשטיקע ברעמען און געזאָגט:

— קלאָר, אַז ס'וואָלט געווען גוט... ער מוז אָבער זיין אויף אַ זיצונג אין קראַטאָנע.

ליגאָ האָט זיך צוריקגעצויגן פון טיש און זיך אַוועקגעזעצט אין דער צוויי־טער ריי, אויף דער זעלבער באַנק, וואָס סאַנדראָ.

סילוויאָ האָט צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע און אין דער זייט פון פאָרהאַנג. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף דעם פערטעלע פּאַפּיר און זיך געווענדט צו ראָזאַריאָן:

— ראָזאַריאָ, הער שוין אויף צו דרייען. מיר הייבן אָן.

— באַלד, באַלד, — האָט זיך ראָזאַריאָ געבעטן, — נעכטן האָב מיר נישט דערהערט, עפּעס איז געווען וועגן נאַנקין...

— לאָז איצט צורו נאַנקין, מיר הייבן אָן.

די פאַרזאַמלטע האָבן פאַרנומען ערטער. מאַטעאָ האָט זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעזוכט דעם מעכטיקן פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, וועלכער איז געזעסן מיט די פּלייצעס צום טיש און געענדיקט אַ שמועס מיט דעם סובאַרענדאַטאָר פון עטלעכע טאָמאָלאַטן, סימאָנע באַרבאַראָ, וואָס האָט געטראָגן אַ דרייקאַנטיק גרוי בערדל, און מיט זיין קאָלעגע פּעפּע פּעדעלי, אַ צווייטן סובאַרענדאַטאָר, וועלכער האָט געטראָגן אַ באַנד אויף דעם אויסגעלעכערטן אויג. דער קליינער מאַטעאָ האָט זיך צוגערוקט צו פראַנצעסקאָן.

סילוויאָ האָט אויפגעהויבן דאָס פערטעלע ליגירט פּאַפּיר. ער האָט זיך אָפּ־געווישט דאָס מויל.

צו סילוויאָן, דעם סעקרעטאַר פון פאַריין פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבע־טער אין ראָקאַ די דזאָלפאָ, האָט געשריבן אַלדאָ לאַטשידאָנאַ פון אַווערטאַנאָ, אויך אַ סעקרעטאַר. זיי האָבן זיך באַקענט און באַפריינדעט אין טאַראַנטאָ אויפן צוזאַמענפאָר.

„ווען מיר האָבן זיך דערוווסט פון דער „אוניטאַ“, — האָט געשריבן אַלדאָ לאַטשידאָנאַ, — אַז דעם 18־טן מערץ, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער

שטרייק אין וואָלפּאַראַנאַ, האָט מען אין מאָלינעלאַ דערהרגעט די אָרעמע מאַריע מאַרגאָטי, האָבן מיר אָנגענומען אַן איינשטימיקן באַשלוס, אַז מיר זאָלן צושיקן אַ באַשטימטע סומע איר צוויי קינדער, וועלכע זענען איצט, צוליב דעם קאַפּיטאַליסטישן טעראָר, איבערגעבליבן קיילעכדיקע יתומים, ווייל זייער פאָטער איז נאָך פאַר דעם אומגעקומען אויף דער מלחמה.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קאַמפּאַניע צווישן אונדזערע פאַריינס־מיטגלידער, וועלכע דערגייען איצט, נאָך דער לעצטער ווערבירַ־אַקציע, צו דער צאָל פון 68, אַקעגן די 49 פון יענעם פאָריקעם יאָר, און מיר זענען גליקלעך, וואָס מיר קאָנען אייך מודיע זיין, אַז אין משך פון עטלעכע טעג האָבן מיר צונויפגעזאַמלט 6450 (ווערטלעך: זעקס טויזנט פיר הונדערט פופציק ליר). די דאָזיקע סומע האָבן מיר דערנאָך איבערגעשיקט צו דער „אוניטאַ“ קיין רוים מיט דער ביטע איבערצוגעבן זי די יתומים פון מאַריע מאַרגאָטי, וועלכע איז געפאַלן אַ קרבן אין קאַמף פאַר אונדזער אַלגעמיינער זאַך, דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דורך דער פּאָליציי פון דע גאַספּערין און שעלבאַ, וועלכע פאַרטיידיקן די פּריווילעגיעס פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די אַמעריקאַנער מלחמה־אונטערצינדער.

זאָל לעבן דער קאַמף פאַר אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען און פאַר דער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע קלאַסן!

זאָל לעבן דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין די ראַמען פון דער מעכטיקער איטאַליענישער אַלגעמיינער אַרבעטס־קאָנפעדעראַציע!

גייט אין אונדזערע וועגן!

פאַר דער פאַרוואַלטונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין
פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין אַווערטאַנאַ
סעקרעטאַר
אַלדאָ לאַטשידאָנאַ

פּ. ס.

שוין די צווייטע וואָך דויערט דער העלדישער שטרייק פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין וואָלפּאַראַנאַ, און דער „רוימישער קאַמפּאַניע“ און אין אונדזער אַפּוליע. אין קאָסענצאַ אָקופּירן די אַרבעטסלאָזע דעמאָנסטראַציעס און פאָדערן אַרבעט. אין גאַנצן לאַנד קאָכט דער קאַמף. זאָלן לעבן די העלדישע לייז־אַרבעטער פון צפון! זאָל לעבן דער צום קאַמף אויפוואַכנדיקער דרום! אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפאָ, זאָל לעבן די סאָלידאַריטעט!“

סילוויאַ האָט צונויפֿגעלייגט דאָס פּאַפּיר און טיף אָפּגעאָטעמט. ער האָט נאָכאַמאָל זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און אַ קוק געטאָן אויף די פֿאַרזאַמלטע. אין צימער האָט געהערשט אַ שטילקייט.

— איך האָב געענדיקט. אפשר וויל עמעצער פֿון אייך נעמען אַ וואָרט? — ער האָט אַ ווײַלע געוואַרט. — קיינער נישט, — ער האָט זיך פֿאַרוווּנדערט, — קיינער פֿון אייך וויל נישט רעדן?

די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעדרייט, געזוכט מיט די אויגן, ווער ס'זאָל דער ערשטער נעמען אַ וואָרט.

— אין איך האָב געמיינט, — סילוויאַ האָט אַ סמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, — אַז דער מאָרד פֿון מאַרגאָטין... — עס האָט געהערשט אַ שטילשווײַגן. די אַרבעטער זענען געזעסן מיט עטוואָס אײַנגעבויגענע קעפּ אין די שוואַרצע אָפּגעטראָגענע קאַפּעליושן.

דער סבאַרענדאַטאָר פֿון עטלעכע טאָמאָלאַטן, סימאָנע באַרבאַראָ, האָט אַ גלעט געטאָן זײַן דרײַקאַנטיק בערדל און אַרײַנגעצויגן די אונטערשטע ליפּ. סילוויאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים דערמוטיקנדיק.

— נו, סימאָנע באַרבאַראָ?

— הם, — האָט סימאָנע אַרויסגעשטאַמלט, — אַ מאָרד... ווירקלעך אַזאַ מאָרד... אַז זיי הייבן שוין אָן שיסן צו פֿרייען... אָבער מיר, דעם אמת זאָגנדיק, מיר זענען דאָ היינט נישט צוליב דעם געקומען. קלאָר, אַז נישט צוליב דעם זענען מיר דאָ געקומען, אפשר נישט?

— אָ, ווירקלעך, — האָט זיך אויפֿגעהויבן דער בײַכיקער פּעפּע פּעדעלי מיטן באַנד איבן אויג, — האָסט עס מיר אַרויסגענומען פֿון מויל, קאָלעגע סימאָנע. דאָס איז אמת, אַז מיר זענען נישט צוליב דעם געקומען דאָ אַהער. נאָר אַז סילוויאָ האָט אָנגעהויבן צו לייענען, קאָן איך שוין גאָרנישט זאָגן. זייער האַרציק האָבן זיי אָנגעשריבן דעם דאָזיקן בריוו. איך ווייס נישט, צי בײַ אונדז וואָלט עמעצער אַזוי געקאָנט. אַז זיי הייבן שוין אָן שיסן צו פֿרייען, די הולטאַיעס! ווירקלעך, אַזאַ מאָרד! דאָס איז פֿון איין זײַט, פֿון דער צווייטער ווידער, וווּ נעמט מען געלט?

— אין איך האָב געטראַכט, — האָט זיך אָנגערופֿן סימאָנע באַרבאַראָ, — אַז די אָנגעהעריקייט צום פֿאַריין הייבט זיך נישט אָן פֿון געבן געלט.

— אָהאָ, — האָט אַ הילך געטאָן אַ טיף געלעכטער פֿון פֿראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, דעם גרעסטן און שטאַרקסטן לוין־אַרבעטער אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, — אויב עס גייט אין דעם, זאָג איך דאָס זעלבע, וואָס פּעפּע פּעדעלי: וווּ נעמט מען געלט? קיינער מיר ניכער איבעררוקן דאָס דאָרף אין אַ זײַט. הע!

— עד, דו, פראַנצעסקאָ, — האָט זיך דערהערט דאָס קוויטשעדיקע קול פון לעליאָ דעם קרעמער, — דו לאַכסט, דאַנקן גאָט, ווי פון אַ פאָס. ביסט געזונט, פראַנצעסקאָ! ביסט גוט, פראַנצעסקאָ!

— קריך מיר נישט אין אויגן, לעליאָ! — האָט אַ וואָרטשע געטאָן פראַנצעסקאָ.

— חברים! — האָט אויסגערופן סילוויאָ, — נישט אין דעם גייט. איך זע, איר האָט נישט פאַרשטאַנען. — סילוויאָ האָט אַ רייב געטאָן מיט דער האַנט די באַק, ווי דאָס האָט געטאָן אַרמאַנדאָ. — איך האָב אייך איבערגעלייענט, וואָס עס שרייבן צו אונדז חברים פון אַפולי, פון אַווערטאַנאָ. זיי שרייבן, אַז ס'איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ פרוי, די אָרעמע מאַרגאָטי, וואָס איז געפאַלן אַלס קרבן פאַר אונדזער אַלגעמיינער זאַך. דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דורך דער פאָליציי פון דע נאַספערין און שעלבאַן. דאָס האָב איך אייך איבערגעלייענט, ווי אַ ביישפּיל, אויף וועלכן מע דאַרף זיך לערנען. דאָס הייסט סאָלידאַריטעט. סאָלידאַריטעט! עס איז מיר געגאַנגען בלויז אין דעם. און איך רעד צו אייך גאָרנישט וועגן געלט. איך וויל נישט, אַז איר זאָלט געבן געלט, פונוואַנען, וועלכע געלט? פון געלט, מיין טייערער סימאָנע באַרבאַראָ, הייבט זיך נישט אָן, און אויף געלט ענדיקט זיך נישט. ס'איז קלאָר? שפּעטער, נאָכן שניט, אַז מיר וועלן אַראָפּנעמען אונדזער ערשטן ווייץ, דעמלט וועט יעדערער אַליין געבן, אַזוי ווי ער וועט וועלן און וויפל ער וועט וועלן! און דעמלט וועל איך אָנשרייבן אַ בריוו צו אַ צווייטן פאַריין, נאָך אַן אָרעמערן פון אונדזערן. צי זאָג איך נישט אמת? צי האָב איך אפשר דעם בריוו נישט באַדאַרפט לייענען?

— הער, סילוויאָ, צי דו ביסט אַ סעקרעטאַר, צי דו ביסט נישט, — האָט זיך אַ רים געטאָן דער קליינער מאַטעאָ, — אויב דו ביסט אַ סעקרעטאַר, קוק נישט, וואָס אַנדערע רעדן.

— אַנטשולדיקט, — האָט סימאָנע אויפגעהויבן אַ האַנט, — אַנטשולדיקט, ווער האָט סילוויאָן אויסגעקליבן פאַר אַ סעקרעטאַר, אויב נישט מיר? זייער פיין, מאַטעאָ! נישט קיקן, וואָס אַנדערע רעדן! וואָס הייסט דאָס אַנדערע? יעדער האָט רעכט צו האָבן זיינע געדאַנקען און רעדן. פאַר די צייטן פון מוסאָליניז האָט מען געקאָנט אַזוי רעדן, ווי דו. עד, מאַטעאָ!

— איך בעט אַ וואָרט, איך בעט אַ וואָרט, — האָט געשריגן דער קליינער מאַטעאָ. — איך וועל אייך באַלד באַווייזן, אַז סימאָנע באַרבאַראָ ווייסט נאָך נישט אַלץ. און אויב ער ווייסט, איז נאָך ערגער. עס איז נישט אַזוי, ווי עס זאָגט סימאָנע באַרבאַראָ. איך זע דאָ איינעם... המ.. איך וועל אייך גלייך זאָגן וועמען, — דער קליינער מאַטעאָ האָט זיך אויסגעדרייט, אויפגעהויבן זיך אויף די שפּיץ-פינגער און זיך אַוועקגעשטעלט גלייך קעגנאיבער סאַנדראָן, וועלכער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — איר זעט, דאָס איז דער לוין-אַרבעטער

סאַנדראָ. איך וויל, אַז אַלע זאָלן אים זען. אַזוי. צי האָט ער אויך רעכט צו רעדן? ציין, ער האָט אַפילו נישט די רעכט צו זיצן צוזאַמען מיט אונדז!

— מאַטעאָ, — האָט אויסגערופן סילוויאַ, — באַרואיק זיך, עס איז נישט איצט די צייט דערויף.

אָבער מאַטעאָ האָט ווייטער גערעדט.

— מע האָט געזען, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פּאַלאַצל. איך ווייס, צוליב וואָס ער איז דאָרט געגאַנגען. אָבער פאַרוואָס איז סאַנדראָ נישט געקומען אַהער און נישט דערציילט? דאָס אייגנטלעך האָב איך געוואָלט זאָגן.

— ווער האָט מיך געזען? — האָט סאַנדראָ געפרעגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

— און אפשר איז דאָס נישט אמת? — דער קלייניקער מאַטעאָ האָט זיך אָנגענומען פאַר די לענדן.

— נישט דיין זאַך! פע! — האָט סאַנדראָ אַ בורטשע געטאָן.

— מאַטעאָ! — סילוויאָ האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש.

מאַטעאָ האָט זיך אויסגעדרייט צו סילוויאָן:

— נישט מיין זאַך? — האָט ער זיך פאַרקרומט, ווייזנדיק זיינע קורצע ציין.— נישט מיין זאַך, דו הערסט, סילוויאָ? נישט מיין זאַך! נישט דיינע! קיינעמס נישט! הע? — מאַטעאָ האָט אָנגעכאַפּט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ פאַרן אַרבל. — וואַרף אַרויס דעם דאָזיקן שפּיאָן!

סילוויאָ איז צוגעשפּרונגען צו מאַטעאָן און מיט געוואַלד אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. — זיץ רואיק, ווייל איך וועל זיין געצוווּנגען דיך פונדאַנען אַרויס- צוואַרפן.

— מיך, — מאַטעאָ האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסט, — מיך?

— יאָ, דיך. דו שטערסט בלויז!

— אַ פיינער סעקרעטאַר. אַרמאַנדאָ וואָלט שוין...

— נאָך איין וואָרט, און דו וועסט אַרויסגיין פונדאַנען! איך שפּאַס נישט, מאַטעאָ, דו הערסט?

דער קליינער מאַטעאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף סילוויאָן, אויף זיין רויט פּנים און קאַלטע אויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איך הער, — האָט ער געזאָגט, — איך בין נישט טויב. דאָס, סילוויאָ, וואָלט איך פון דיר זיך נישט גערעכט, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— מע קאָן נישט אַזוי, מאַטעאָ, — האָט אים שוין סילוויאָ באַרואיקט, — מע קאָן נישט אַזוי. דערויף וואַרטן נאָר אונדזערע שונאים, די פּריצים און קאַפּי- טאַליסטן, אַז ס'זאָל ביי אונדז קיין אָרדענונג נישט זיין. פאַרשטייסט, מאַטעאָ? אָנפירן קאָנען נישט אַלע פּאַראַמאָל.

— ער, — האָט אַ שמייכל געטאָן סימאָנע באַרבאַראָ, — ריכטיק און נישט ריכטיק. סיי סילוויאָ איז גערעכט, סיי מאַטעאָ איז גערעכט. אָנפירן קאָנען נישט אַלע פּאַראַמאָל, דאָס איז אמת, חבר סעקרעטאַר סילוויאָ, אָבער — ער האָט אונטערגעשפּאַרט דאָס בערדל, — עס זאָל זיין דאָ צווישן אונדז אַ שפּיאָן פון קשיאָנדז, איז איך נישט גוט. דאָ איז גערעכט מאַטעאָ. כאָטש פון דער צווייטער זייט, ווייס איך נישט, צי סאַנדראָ איז באמת אַ שפּיאָן. נאָר אויב ער איז באמת אַ שפּיאָן, דאַן קאָנען מיר נישט רעדן וועגן אונדזערע ענינים. אָבער אויב דער יונגער סאַנדראָ איז נישט קיין שפּיאָן, טאָ וועט ער זיך אפשר אַליין אויסדעקלאַרירן.

— ריכטיק, קאָלעגע סימאָנע, — האָט זיך אויפגעהויבן פּעפּע פּעדעלי, אַרויפציענדיק אויף דעם גרויסן בויך די זיך אַראָפּגליטשענדיקע הויזן.

— זאָל ער זיך אַליין אויסדעקלאַרירן, — האָט ווייטער געזאָגט סימאָנע באַרבאַראָ, — אַזאַ איז מיין שטעלונג. אויב עמעצער איז געווען ביים קשיאָנדז, מוז ער נאָך נישט זיין קיין שפּיאָן. זאָל סאַנדראָ זאָגן וועגן וואָס ער האָט גערעדט מיט דעם קשיאָנדז. אַזאַ איז מיין שטעלונג. — סימאָנע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין דער זייט. — איך האָב געענדיקט.

— איך בעט אַ וואָרט, — דער יונגער ראָזאַריאָ האָט אַ צי געטאָן מיט דער נאָז. — אָדער אַ שפּיאָן, אָדער נישט קיין שפּיאָן — אין אַ סוף! אויב ער איז געווען ביים קשיאָנדז, הייסט עס, אַז ער איז קעגן אונדז. מיר ווייסן גוט, וואָס דאָן לואידזשי וויל. וואָס ער פאַרטראַכט קעגן אונדז. אַ ליי־אַרבעטער, ווי איך פאַרשטיי, קאָן נישט גיין אין פּאַלאַצל, ווען אונדזער ווייץ אין פּראַגאַלאַ איז שוין הויך אויסגעוואַקסן. דאָ איז נישטאָ קיין סך וואָס צו רעדן.

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, — האָט סימאָנע באַרבאַראָ אַ זיפץ געטאָן, — און איך מיין, אַז רעדן האָט יעדערער רעכט.

— ריכטיק, — האָט געשאָקלט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ מיטן געקרייזלטן קאָפּ, — זאָל סאַנדראָ רעדן. זאָל ער אַליין זאָגן.

— ריכטיק, זאָל סאַנדראָ אַליין זאָגן, — פּעפּע פּעדעלי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — אַ סוף!

— זאָל ער רעדן, — האָט זיך אָנגערופן דער דאַרער, הייכער גאַספּאַרע שיאַוואָנע, ליגאָס פעטער. ער איז געזעסן אין דער לעצטער ריי צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער, וועלכע זענען צום ערשטן מאָל געווען אין לאָקאַל. זיי האָבן געטראָגן לייווענטענע העמדער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. די יונגע האָבן געטראָגן מיליטערישע פוראַזשקעס און די עלטערע — קאַפּעליושן, גרוי פון שטויב. — מאַטעאָ האָט זיך צוגעשעפּעט צו סאַנדראָן, ווי אַ שפּין, — גאַספּאַרע האָט ברייט זיך צעפּאַכעט מיט דער האַנט, ווי צום טאַקט, איינס, צוויי. — ווען מע האָט אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו פון אָווערטאַנאָ, האָבן אייניקע גלייך אויפגעהויבן אַ געשריי,

אַז נישט צוליב דעם איז מען דאָ געקומען, און איצט, ווען מע האָט זיך גענומען צו אַ מענטשן, איז מען שוין צוליב דעם יאָ געקומען? מע האָט שוין פאַרגעסן, צוליב וואָס מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט? גערעכט איז סילוויאָ, אַז נישט אַלע פּראָמאָל קאָנען אָנפירן, אָנפירן קאָן בלויז איינער.

— דאָ איז נישט אין מיליטער, — האָט אים סימאָנע איבערגעריסן.

— גוט, — האָט זיך פאַרלוירן גאַספּאַרע שיאַוואָנע, — דאָ איז נישט אין מיליטער, אָבער מיר זענען אויך נישט קיין געריכט, אַז מיר זאָלן איצט משפטן סאַנדראָן, ס'איז נישט די צייט דערויף. אָבער אויב מע האָט שוין דערפון אַזויפיל גערעדט, זאָל ער אַליין זאָגן, זאָל ער מודה זיין אַלץ, ווי עס איז אין דער אמתן, און אַ סוף!

— איך טראַכט אויך אַזוי, — האָט סילוויאָ געזאָגט, — איך האָב זיך פאַרטראַכט און איך האַלט, אַז מע דאַרף דאָס איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערליידיקן און אַ סוף. זאָל אונדז דאָ סאַנדראָ אויפקלערן. איך מיין, — סילוויאָ האָט איבערגעריסן אין מיטן פון וואָרט. ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער טיר. דער פאָרהאַנג פון די זעק האָט זיך אָפּגעבויגן און עס זענען אַריינגעקומען וויטאָ מיט סאַלוואַטאָרען.

סאַלוואַטאָרע איז שוין דאָס צווייטע מאָל געווען אין קאָמוניסטישן לאָקאַל. היינט האָט ער דאָס געטאָן צוליב וויטאָן. אויפן וועג האָט אים וויטאָ געפרעגט, צי ער וועט אַלע טאָג קומען אין פאַריין. מירן זען. מאָרגן פרי וועט ער נאָכאַמאָל פאָרן צו די פעלזן פון ראָקאַ די סאַנטאַ קיאַראַ. דאָס זיכער. נאָר צי ער וועט זיך פאַרשרייבן אין פאַריין? הם. אַ גאַנצן אָוונט האָט סאַלוואַטאָרע זיך נישט דערווייטערט פון שטוב, ער איז אַרויסגעגאַנגען, געשטאַנען אויף דער שוועל און אויסגעקוקט וויטאָן: אפשר האָט זיך די פאַרזאַמלונג שוין אָנגעהויבן? וויטאָ וויל פון אים גאָרנישט. ס'איז גוט צו שמועסן מיט אַ מענטשן, וואָס וויל פון דיר גאָרנישט. דעמלט זאָגט ער דעם אמת, און אַלץ איז קלאָר און פאַרשטענדלעך. וויטאָ האָט אים מיטגענומען מיט זיך אין לאָקאַל, ווי ער נעמט אים מיט אויף זיין „שאַראַבאַלע“.

צי ער וועט קומען מאָרגן אין לאָקאַל? מירן זען, ווי עס וועט זיך ענדיקן דער משפט איבער סאַנדראָן. דער אומגליקלעכער האָט געהאַט אַ בלאַס פּנים. וואָס האָט ער מורא? פאַר וועמען האָט ער מורא? ער האָט ביז בלוט פאַרביסן די גראָבע ליפּן. וואָס ווילן פון אים די קאָמוניסטן? וואָס איז דער אונטערשייד צווישן סילוויאָן און סאַנדראָן, וואָס איינער פרעגט אויס, און דער צווייטער ענטפערט ווי אַ שולדיקער? אַ שולדיקער? אויב אַזוי — ווי קומען דאָ די קאָמוניסטן? דעמלט דאַרף קומען אַ געריכט, אַ ריכטער, וועלכער האָט זיך דערויף געלערנט אַ גאַנץ

לעבן. אַ ריכטער האָט רעכט אויסצופרעגן, אָבער נישט סילוויאַ! סילוויאַ איז נישט אימשטאַנד צו שיקן קיין קאַראַבינער אייגצוזעצן אין תפיסה. און פונדעסטוועגן הערן אים אַלע. ווי ער זאָל האָבן רעכט אַרויסצוגעבן אַן אורטייל: „יאָ“ אָדער „נישט“. דאָס אַליין האָט זיך געלייגט אויפן הארצן, ווי אַ שווערער נישט פאַר־שטענדלעכער חלום. עס וועט געגוג זיין אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, כדי זיך אויפ־צוּוועקן! אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע דריקעניש. אין מיליטער האָט די ביקס געדריקט אויף דער פּלייצע. עס וואָלט געווען אַ פאַרלייכטערונג, ווען מע וואָלט זי אַוועקגעוואָרפן אין זאַמד. נאָר דאָרט איז איבער אים געשטאַנען עמעצער אַ העכע־רער און ער האָט אים געקאָנט דערשיסן. אָבער פאַרוואָס זיצן דאָ אַלע אַזוי געדול־דיק? זיי ווילן דאָס. זיי איז דערמיט גוט. דער נארישער סאַנדראָ גייט אויך נישט אַרוים. זיי שטאַמפּעווען אויף זיין וואָרט. און ער גיט נישט קיין שפּיי און גייט נישט אַרוים. ער זוכט תירוצים, פאַרענטפערט זיך, פּרווט זיך אַרויסדרייען, און ער וואָלט דאָך פשוט געקאָנט אַרויסגיין! קיינער שטייט אַפילו נישט ביי דער טיר, כדי אים צו פאַרהאַלטן.

ענדלעך האָט ער זיך מודה געווען!

— יאָ, — סאַנדראָ האָבן געציטערט די גרויסע רויטע ליפּן.

— פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן נישט געהערן אַפילו צו איין פאַריין, — האָט סילוויאַ אַ שמייכל געטאָן. — סאַלוואַטאָרען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז צו אים, — און דו האָסט זיך פאַרשריבן אין צוויי מיטאַמאָל. ווילסט זיך פאַרזיכערן אויף אַלע זייטן.

סאַנדראָ האָט אַ מרוקע געטאָן:

— יענער איז קיין שום פאַריין.

— בראַוואָ, — האָט אויסגערופן וויטאָ און אויפגעהויבן די האַנט, כדי אַ קלאַפּ צו טאָן סאַנדראָן איבערן אַקסל. אָבער ער האָט זיך צוריקגעצויגן.

— זאָג נאָך נישט קיין בראַוואָ — האָט סילוויאַ געזאָגט, — גיב אונדז צו פאַרשטיין, סאַנדראָ: דו זאָגסט, אַז יענער איז קיין שום פאַריין, וואָס זשע אויב אַזוי האָסטו דאָרט געזוכט?

— דער קשיאַנדז האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט. צי איז דאָס אַזאַ פאַרברעכן?

— גאָט שעפּעלע — האָט מאַטעאָ אַ ברום געטאָן, — אומשולדיק, ווי אַן אויערל פון אַ ניי געבוירן קינד.

פראַנצעסקאַ רוסאַנאָ האָט אָנגעבלאָזן די באַקן מיט אייגגעהאַלטענעם געלעכ־טער. זיין באַוואַקסן פּנים איז געוואָרן פול, ווי ביי אַ קינד.

פּעפּע פּעדעלי האָט זיך איבערגעבויגן פאָרויס, פאַרריכט די שוואַרצע שמאַטקע אויפן אויג און אַ קלאַפּ געטאָן מאַטעאָן איבערן קאָפּ:

— וואָס מאַכט דיין ברעקל, הע?

מאַטעאָ האָט פאַרמרוזשעט די אויגן, ווי אַ קאַץ:

— וואָס עס מאַכט מיין קריסטאָפאָראָ?

— אַזוי — סילוויאָ האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט די באַק, — אַמאָל האָסטו, סאַנדראָ, געהערט צו דער פּאַרטיי. קיינער האָט קעגן דיר גאָרנישט געהאַט. האָסט אַליין אויפגעהערט צו קומען.

— אין דעם שטעקט דזשודיטעס קאָפּ, מע זעט עס גלייך... מאַטעאָ האָט איבערגעריסן, פילנדיק אויף זיך סילוויאָס בייזן בליק.

— האָסט אויפגעהערט קומען אין דער סעקציע — האָט ווייטער געצויגן סילוויאָ, — מע האָט געזאָגט, אַז דו שעמסט זיך. דעם אַלטן טאַטן האָסטו אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. ער איז נעגאַנגען שלאָפן אין דער קאַלטער קאַפּליצע פון קאַשטשיאָל אין אַזאַ ווינטער, ווי דער היינטיקער איז געווען. דעמלט האָסטו זיך באַטש ווייניקסטנס געשעמט.

— דעם טאַטן האָב איך נישט אַרויסגעוואָרפן, דאָס איז נישט אמת.

— המ... מע קאָן מסכים זיין. נישט דו, נאָר דזשודיטא. — האָט מאַטעאָ געזאָגט.

— דזשודיטען לאָז צורו, הערסט? — האָט זיך סאַנדראָ וואָרף געטאָן

— מאַטעאָ, לאָז צורו! — האָט זיך געבעטן סילוויאָ.

— גוט, סילוויאָ, בלויז איין וואָרט. מיר זענען נאַראָנים. — מאַטעאָ האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן. — ערשט איצט פאַרשטיי איך. סאַנדראָ מוז הערן דעם קשיאָנדז דאָן לואידזשי, ווייל אין דעם שטעקט דזשודיטעס קאָפּ. קלאָר.

— לאָז צורו דזשודיטען, — האָט אַ געשריי געטאָן סאַנדראָ.

— לאָז צורו, מאַטעאָ, הער אויף צו שרייען, — האָט סילוויאָ געזאָגט.

— איך שריי? — האָט מאַטעאָ געהויבן מיט די אַקסלען. — סאַנדראָ שרייט. דאָס איז נישט מיין שולד, וואָס זיין מאַרוטשיאָ איז ענלעכער צו דאָן לואידזשי, ווי צו...

מאַטעאָ האָט נישט געענדיקט. סאַנדראָ איז אַריבערגעשפּרונגען איבער דער באַנק, אַרויפגעוואָרפן זיך אויף מאַטעאָן, מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט אים פאַר דעם העמד און אים אָנגעהויבן טרייסלען:

— דו, וואָרעם, — האָט ער אַרויסגעסיקעט דורך די צונויפגעפּרעסטע ציין, — דו וואָרעם!

מאַטעאָ האָט זיך געצאַפּלט, באַמיענדיק זיך אַ שטויס צו טאָן סאַנדראָן מיט דער פוס. ער האָט אים אַ ביס געטאָן אין האַנט און זיך אַרויסגעריסן.

פראַנצעסקאָ, לינאָ און ראָזאַריאָ האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צווישן די זיך שלאָגנדיקע. פראַנצעסקאָ האָט ברייט צענומען די הענט און צוגעדעקט מאַטעאָן. ווּיטאָ האָט אָנגעכאַפּט סאַנדראָן פון הינטן און זיך באַמיט אים אָפּצוציען.

דער גראָבער פּעפּע פּעדעלי האָט אַריבערגעוואָרפן איין פוס איבער דער באַנק

און אזוי זיצנדיק, האָט ער בגנבה צוגעוואונקען מיט דעם געזונטן אויג צו זיין קאָלע־גע סימאָנע. אנדערע האָבן זיך אויפגעשטעלט, כדי בעסער זיך צוצוקוקן צום גע־שלעג. אָבער דער קלייניקער מאַטעאָ, געשיצט הינטער די פּלייצעס פון פראַנ־צעסקאָ רוסאָנאָ, האָט פאררוכט אויף זיך דאָס צעריסענע העמד און געשריגן:

— וואַרף אים ארויס, פראַנצעסקאָ, וואַרף ארויס דעם שפּיאָן.

— לאָז אָפּ סאַנדראָ! — האָט סילוויאָ געשריגן.

וויטאַ האָט געפאָלגט.

סאַנדראָ האָט מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ געגומען גיין צו דער טיר.

— סאַנדראָ, בלייב — האָט אים נאָכגעשריגן סילוויאָ, — און דו, מאַטעאָ... דו...

מאַטעאָ האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל.

— דו האָסט געהערט? — האָט רואיק געפרעגט סילוויאָ.

— סילוויאָ... סילוויאָ... — האָט מאַטעאָ ארויסגעשטאַמלט.

סילוויאָ האָט געשוויגן.

— סילוויאָ, איך בעט דיך? פאַרוואָס? — מאַטעאָ האָט זיך מיטן בליק געווענדט צו די פארזאמלטע. — חברים... — ער האָט א קוק געטאָן אויף פראַנ־צעסקאָן, דערנאָך אויף וויטאָן.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

מאַטעאָ האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס. ער האָט זיך אויסגעדרייט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן פּאמעלעך, טראָט ביי טראָט, צו גיין אין דער ריכטונג פון דער טיר. פלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אריינגערוקט די האַנט אין דער קעשענע, ארויסגעצויגן פון דאָרט א ווייס בענדל און א וואָרף געטאָן עס א יף דער ערד.

— אָט האָט איר אַלץ! — ער האָט מיט די קורצע פינגער פארדעקט דאָס פּנים און ארויסגעלאָפן פון לאָקאַל.

אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע איז געבליבן ליגן דאָס ווייסע געבורט־בענדל פון קריסטאָפאָראָ לופּאָ.

V

סילוויאָ האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— הייב עס אויף, סאַנדראָ!

סאַנדראָ האָט זיך א רגע געוואַקלט, דערנאָך זיך איינגעבויגן, פאַרזיכטיק אָנגענומען מיט די שפּיץ־פינגער דאָס בענדל מיט דעם בלייען אויג און דעם רויטן ראָזעטל, כדי עס נישט צו פאַרברודיקן, און אוועקגעלייגט עס אויפן טיש.

סימאָנע באַרבאַראָ האָט א סמאָקע געטאָן מיט די ליפּן:

— אפשר נישט באַדאַרפט אזוי שטרענג...

— סאַנדראָ, — סילוויאָ האָט אָפּגערוקט דאָס בענדל אין א זייט, — איצט זאָג: דו וועסט וואַרפן יענעם פּאַריין צום טייוול? יאָ, צי ניין?

סאַנדראָ האָט טיף אָפּגעזיפצט און געשוויגן.

— יאָ, צי ניין? — האָט סילוויאָ איבערגעחזרט.

סאַנדראָ האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין א זייט.

— סאַנדראָ, ווייס, אַז דו ביסט... אַז דו קאָנסט זיין דער פּאַרעטער פון דיין אייגענעם מאַרוטשיאָ, — האָט סילוויאָ אויסגעשריגן.

— פון מאַרוטשיאָן?

— אפשר נישט? אַזוי איז, סאַנדראָ! דאָס איז א קלאַסן־קאַמף, דאָס איז אַ קאַמף פאַר ערד מיטן באַראָן. כדי דיין מאַרוטשיאָ, אז ער וועט אויסערוואַקסן, זאָל נישט זיין אזוי אַרבעטסלאָז, ווי דו, ווי מיר אַלע זענען אַרבעטסלאָז.

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט סאַנדראָ איבערגעחזרט.

— טאָ זאָג: מיט אונדז, אָדער קעגן אונדז?

— לאָזט מיר צורו, לאָזט מיר צורו!

— קוק אונדז אין די אויגן, סאַנדראָ! — סילוויאָ האָט אים א דראָע געטאָן מיטן פינגער. — געדענק, מיר פאַרגעסן נישט קיין פאַרעטער. מיר האַנדלען אַמתדיק.

„מאַדאָנאַ“, — האָט סאַנדראָ אויסגעשטאַמלט, — אַלץ איז שוין פאַרפאַלן!

— פאַרוואָס פאַרפאַלן?

— איך האָב גענומען א קאָנטאָ.

— וויפל?

— פינף הונדערט ליר. פאַר צוויי טעג פאַרויס. איך האָב אונטערגעשריבן. דער קשיאָנדז האָט געהייסן.

— האָסט אונטערגעשריבן? — ווינטאָ האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— די האָסט אונטערגעשריבן? האָסט אויף זיך אליין געשטעלט א צלם. דו נאַר!

— ווי אַ נאַריש מיידל האָסטו זיך אָפּגעגעבן... פאַר א צוקערל, — האָט זיך אָנגערופן דער גראָבער פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

— פינף הונדערט ליר פאַר צוויי טעג, — האָט אויסגערופן מיט שטיינונג דער דאַרער שיאַוואָנע, דער פעטער פון יונגן ליגאָ.

— און גאָרנישט — איז בעסער? — האָט אים צוגעוואָרפן סאַנדראָ.

— ניו, ריכטיק, — לעליאָ דער קרעמער האָט אויפגעהויבן זיין פנים פון אַ סרים, — גאָרנישט, דאָס איז דאָס ווינציקסטע. ווייניקער קאָן שוין נישט זיין.

— אַך, טראָג זיך אָפּ צו דײַנע געפּגרטע ייִדעס, — האָט דער יונגער ראָזאַריאָ אַ שטויס געטאָן לעליאָן אין די פּלייצעס.

— סאַנדראָ, — סילוויאָ האָט אויפגעהויבן די האַנט און איינגעשטילט די פאַרזאַמלונג, — דאָס, וואָס דאָן לואידזשי האָט צוגעזאָגט, איז נישט די אַרבעט, ווי דו מיינסט. דאָס איז נישט קיין קאָנטאָ, ווי דו מיינסט. די צוויי טעג, דאָס איז אַלץ. צוויי טעג וועט זײַן גענוג, כדי אָפּצוקאָסען דאָס גאַנצע פעלד, וואָס איז פאַרזייט מיט אונדזער אייגענער זריעה. צי וואָלסטו געקאָנט קומען צו עמעצן פון אונדז און צונעמען בײַ אים די לעצטע „זאַפּע"?

סאַנדראָ האָט געשוויגן.

— זעסט? — האָט סילוויאָ געזאָגט, — צי האָסטו נאָך די פינף הונדערט ליר?

— איך האָב זיי אָפּגעגעבן דזשודיטען.

— דאָס איז פונקט ווי דעם טייוול די נשמה — האָט אַ זיפץ געטאָן פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

מע האָט זיך צעלאַכט.

— איך בעט אַ וואָרט, — האָט זיך אָנגערופן דער יונגער ליגאָ מיט די זילבערנע אויגן און לאַנגע קינדערשע וויעס. ער האָט אויפגעהויבן אין דער הייך אַ פאַרקלעמטע פויסט. — איך האָב אַן איינפאַל, לאָמיר מאַכן אַ זאַמלונג אַזוי ווי יענע אין אווערטאַנאָ און אומקערן דעם קשיאָנדז דעם אַדערויף.

— ער איז אַראָפּ פון זינען, — פעפּע בעדעלי האָט זיך אָפּגעקערט מיט פאַראַכטונג און זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פינגער אין שטערן, — פינף הונדערט ליר? ווער וועט דיר געבן? ווען דו זאָלסט אַפילו ווי אַ נזיר אַרומגיין איבער גאַנץ ראָקאַ די דזאָלפּאָ.

סאַלוואַטאָרען האָבן אָנגעהויבן דריקן די האַרטע פערמער־שיך. ער איז אויף אַ רגע אויפגעשטאַנען, באַלד ווידער זיך אַוועקגעזעצט לעבן וויטאָן. מיט די פינגער האָט ער אָנגערירט די אייבערשטע קעשענע פון דער מיליטערישער בלוזע. ער האָט אַרויסגעפילט די זײַדענע פּאַפּירלעך פון די אויסטראַלישע באַנקנאָטן. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס פּעקל טאַבאַק, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר, און עס אויך אונטערגערוקט וויטאָן. וויטאָ האָט אויך פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס.

— ווו וועלן זיי נעמען פינף הונדערט ליר? — האָט ער געפרעגט.

— זיי וועלן נישט נעמען. — האָט וויטאָ געענטפערט.

אין די ווינקלען פון נידעריק באַוואַקסענעם שטערן זענען סאַנדראָן אַרויסגעטרעטן גראָבע טראָפּנס שווייס. ער האָט זיי אָפּגעווישט מיטן אַרבל פון דעם העמד, וועלכע איז געווען פאַרקאַטשעט ביז איבער דעם עלנבויגן. אויפן אָרעם איז געבליבן דער צייכן פון מאַטעאָס ציין.

אַ שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ אַרמאַנדאָ, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ טראַכט געטאָן. סילוויאָ קוקט מיט אַנדערע, שלעכטע אויגן אויפן מענטשן. „מיר זענען אמתדיק“, — האָט סילוויאָ געזאָגט. דאָס רופט ער אָן אמתדיק! דער אָרעמער סאַנדראָ, עס ווערט קאַלט פון אזא אמת. ביסט שוין איינגאַנצן אַ פאַרסמטער, און ער דריקט נאָך אַלץ, ביז דו וועסט זאָגן דעם לעצטן „יאָ“. דער קאַלטער בליאַסק אין די אויגן פון סילוויאָן האָט זיך געלאָשן און געצונדן. דאָס איז געווען די פרייד און די בייזקייט פון אַ יעגער.

— וואָלסט געגאַנגען? — האָט אַלץ איבערגעחזרט סילוויאָ. און סאַנדראָ האָט מורא געהאַט צו ענטפערן:

— ער, דאָס זענען נישט מער ווי רייד, — האָט ער זיך פאַרטיידיקט.

— זאָל עס דיך נישט אָנגיין. זאָל זיין, אַז דאָס זענען נישט מער ווי רייד. אָבער ענטפער, ווען איך וואָלט דיר פון אונטער דער ערד געקריגן געלט, צי וואָלסטו געגאַנגען און זיי געוואָרפן דעם קשיאָנדז אין פנים אריין און געזאָגט, אַז מיר מוזן קעמפן? צי וואָלסטו אים געזאָגט אונדזער פּראָגראַם און אַז דו ביסט מיט אונדז אייניק? אַז דו ביסט נישט קיין פאַרעטער פון דיינע חברים?

סאַנדראָ האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אָפּגעזיפצט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף סאַלוואַטאָרען, וועלכער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און צעדריקט דעם פּאַפּיראָס. סאַנדראָ איז געווען פאַרמאַטערט פון לאַנגן שטיין און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן אָרט פון סאַלוואַטאָרען. ער האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען, צוגעשפּאַרט די באַק אויף דער האַנט און מיט דער צווייטער אַלץ שטאַרקער זיך געריבן די קני.

די אַרבעטער האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער. ווי לאַנג קאָן מען זיצן רואיק? וויטאָ האָט געזויגן די איבערשטע ליפּ, אריינציענדיק זי אזש ביז די אָפּגעראַזירטע וואָנצעס. פראַנצעסקאָ ראָזאַריאָ האָט ריטמיש ווי אַ זייגער צוגעטופּעט מיט דער פוס. דער גראָבער פּעפּע פעדעלי האָט געשאָרעוועט מיט די שיך אונטער דער באַנק. סימאָנע האָט מיט רעזיגנאַציע געהויבן די ברעמען. סאַנדראָ האָט איפּגעהערט רייבן די קני און שטאַרק פאַרקוועטשט די וויעס, ווי מע זאָל מיט די וויעס קאָנען פאַרדעקן דאָס גאַנצע פנים. סאַלוואַטאָרע, ווען ער איז געווען צום ערשטן מאָל אין לאָקאַל, איז ער אויך אַזוי געזעסן איינגעבויגעט אין זיך און נישט געוואַגט אַ קוק צו טאָן ארום. עס האָט אויף אים געדריקט אַן אומגעזעענע מאסע, ווי דער בליק און דער געדאַנק פון די מענטשן זאָלן אָננעמען וואָג בלויז דערפאַר, ווייל די האָזיקע מענטשן זענען אַ סך און זיי קלערן נאָר וועגן אייגם.

— ... וואָלסט געגאַנגען?

סאַנדראָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט אויף סילוויאָן אַ פּאָר גאָרנישט זעענדיקע אויגן. ער האָט זיך געוווּנדערט, צי ער איז אויך נישט געווען זיכער, אַז סילוויאָ פרעגט אים אַלץ וועגן דעם זעלבן.

— יאָ, — האָט ער אָפּגעאָטעמט.

סילוויאָ האָט מיט דער האַנט צוגעדעקט דאָס מויל און א הוסט געטאָן, און אין דער אמתן האָט ער אויך אָפּגעאָטעמט.

אָפּגעאָטעמט האָבן אַלע, אַפילו די אהבעטער, וועלכע זענען צום ערשטן מאָל געווען אין לאָקאַל און זענען געזעסן צוזאמענגעפּרעסט ארום דעם הארן, בייגערדיקן גאַספּארע שיאוואָנע.

סילוויאָ האָט שנעל געפירט מיט דער האַנט איבערן טיש. פארטשעפּענדיק די ווייסע סטענגע פון קריסטאַפּאָראָן, מאַטעאָס יינגעלע, האָט ער זי אָפּגערוקט, א בייזער. ער האָט אויך אָפּגערוקט דאָס קארביד-לעמפּל, וואָס האָט שוין פון לאַנג הויך געסיקעט.

— יאָ, — האָט סילוויאָ געזאָגט, — זיכער אז יאָ, סאַנדראָ.

— בראַוואָ, סאַנדראָ! — האָט אויסגעשריגן וויטאָ, בליצנדיק פון פרייד מיט די ציין פון אונטער די שווארצע נישט אָפּגעראַזירטע וואָנצעס.

— בראַוואָ, סאַנדראָ! — האָט אויסגערופן פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

— בראַוואָ. בראַוואָ! — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

— אָבער דו האָסט אונדז פאַמעלעכן געצויגן די נשמה, — פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי אַ ש־סטער מיט אַ דראַטווע, און האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער, פאַרמאַכנדיק דערביי די אויגן.

— זעסט, סאַנדראָ, איידער דו זאָגסט אַרויס יאָ, קאָן אַפילו אַזאַ־אָ אויך דאַר ווערן, — פּעפּע פּעדעלי האָט זיך א קלאַפּ געטאָן אין בויך, — כאָטש איין גאָט ווייסט, וו האָט זיך גענומען ביי מיר אזא כלי — עפּעס א ממזר.

— שוין אַ ביסל צופיל בראַוואָס, — האָט ליגאַ זיך פּאַרוויטלט, בלישטשענדיק מיט די העלע אויגן, ווי זילבער, — ער וואָלט גלייך באַדאַרפט זאָגן יאָ.

— באַדאַרפט, נישט באַדאַרפט, — סימאָנע בארבאראָ האָט א שאָקל געטאָן מיט זיין דרייקאַנטיק בערדל אויף ליגקס און אויף רעכטס, — אין בוך אריין, ווי אין א קראָם, וועלן מיר דאָס נישט פאַרשרייבן. יעדער האָט רעכט צו רעדן, וואָס ער וויל. אַ צונג באַהאַלט זיך, ווי אַ שטערעפּאַכע, און קיינער קאָן איר גאָרנישט טאָן. און ווען ער וואָלט געזאָגט: ניין, וואָלט אויך געווען פארפאַלן. אָבער מיר גייט אין עפּעס אַנדערש. נו, גוט, — ער האָט שוין געזאָגט יאָ. און וואָס איצט? וואָס ווייטער?

אַלע האָבן א קוק געטאָן אין זיין זייט:

— וואָס הייסט? — האָט געפרעגט וויטאָ.

— וואָס הייסט? איך וועל דיר באַלד זאָגן, — האָט סימאָנע בארבאראָ רואיק גערעדט. — פון בלויז „יאָ“ האָט נאָך קיינער קיין פינף הונדערט ליר נישט געבווירן. סילוויאָ וועט דאָך אים די פינף הונדערט ליר נישט געבן. ער האָט גע-

וואָלט, אַזוי צו זאָגן, אויספּרובירן דעם כאַראַקטער פון סאַנדראָן. אָבער מיט וואָס וועט ער גיין צום קשיאָנדז? מיטן כאַראַקטער? דאָן לואידזשי וועט דאָך אים דאָס געלט נישט שענקען. ער וועט איינגעבן אין געריכט, ווי א האָפּ!

— דאָס געלט וועל איך אים נישט געבן, — האָט געזאָגט סילוויאָ, — דאָס איז אמת.

— איז וואָס זשע דערפון? — סימאָנע באַרבאַראָ האָט געוויזן דעם שפּיץ פון צונג.

— אך, די חזירשע נויט! — האָט וויטאָ זיך אויסגעזידלט, — אז א מענטש וויל שוין זיין אָרנטלעך, האָט ער קיין געלט נישט.

— אומזיסט נעמען מיר זיך אַליין צרות, — האָט אויסגעשריגן פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ. — מירן שוין דערנאָך זען. אויף דאָגהן האָבן מיר נאָך צייט.

— ניין, מיר האָבן נישט קיין צייט, — האָט סאַנדראָ א מרוקע געטאָן.

סאַלוואַטאָרע האָט אים דערלאַנגט דאָס פּעקעלע טאַבאַק. סאַנדראָ האָט גענומען דעם טאַבאַק, פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף סאַלוואַטאָרען און געזאָגט:

— סאַלוואַטאָרע איז דאָך אויך געווען ביים קשיאָנדז. נישט בלויז איך בין געווען.

וויטאָ האָט א שטויס געטאָן סאַנדראָן מיטן עלנבויגן:

— לאָז אָפּ, עס וועט זיך אָנהייבן א נייע געשיכטע. ער איז דאָך קיינמאָל קיין קאָמוניסט נישט געווען, ווי דו, און ער געהער אויך נישט צום פאַריין, ווי דו.

— פאַרוואָס זאָל איך אָפּלאָזן? — סאַנדראָ האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, ער האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און אָפּגעגעבן סאַלוואַטאָרען דעם טאַבאַק.

— זאָל אים סילוויאָ אויך נעמען אויפן פאַרהער, ווי מיך, אפשר נישט?

— סאַנדראָ האָט רעכט און נישט וויטאָ, — האָט זיך אָנגערופן סילוויאָ, — דאָס, וואָס סאַלוואַטאָרע איז נישט געווען קיין קאָמוניסט, אָדער וואָס ער געהערט נישט צום פאַריין, הייסט נאָך נישט, אַז ער קאָן טאָן, וואָס אים געפעלט. אָבער, — סילוויאָ האָט עטלעכע מאָל אַ רייב געטאָן די הענט, ווי ער זאָל זיי אָפּוואַשן, — לאָמיר שוין פאַרענדיקן מיט איין ענין. אַנדערש וועלן מיר דאָ זיצן ביז די הענער וועלן אָנהייבן קרייען. איך האָב שוין אייניקע מאָל געזאָגט, אַז עס הייבט זיך נישט אָן פון געלט און עס ענדיקט זיך נישט אויף געלט. דאָס, וואָס סאַנדראָ האָט אונדז דאָ דערקלערט, אז ווען ער זאָל האָבן פינף הונדערט ליר, וואָלט ער אוועקגעגאַנגען צום קשיאָנדז און אים געמאָלדן אונדזער פּראָגראַם, איז מער ווערט ווי געלט. גענוג. צי האָב איך רעכט, סאַנדראָ?

סאַנדראָ האָט געשאָקלט מיט קאָפּ, נעמענדיק פון וויטאָס הענט די שוועבעלעך און אַליץ נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

— אַלזאָ, — סילוויאָ האָט צונויפגעלייגט די הענט, — איין פּונקט איז פאַרענדיקט. וואָס אַנבאַלאַנגט געלט, וועלן מיר זיך נאָך פאַרטראַכטן, ווען ארמאַנדאָ

וועט צוריקקערן פון קראַטאָנע. עפּעס וועלן מיר זיכער אויסטראַכטן. און איצט וועלן מיר איבערגיין צום וויכטיקסטן פונקט, צוליב וועלכן מיר זענען זיך איינגעטלעך צונויפגעקומען.

זיי זענען זיך צונויפגעקומען דערפאַר, וואָס ס׳איז שוין געווען נאָענט פון שניט. אין דעם יאָר האָבן זיך פריער געשטעלט די היצן און מע וועט פריער קאָנען קאָסען דעם ווייץ, וועלכן מ׳האָט פאַרזייט אין מערץ. די אַרבעטער גייען קיין פראַגאַלאַ אים באַטראַכטן. די זאַנגען בייגן זיך שוין און הייבן אָן ווערן געל. עס וועט זיין אייגענע זריעה איף דעם האַרבסט־פאַרזיי. און אין האַרבסט וועט מען שוין נישט פאַרזייען אין געהיים און נישט בלויז עטלעכע טאָמאָלאַטן. אין האַרבסט וועט מען פאַרנעמען דעם גאַנצן פראַגאַלאַ־טאָל. פון ביידע זייטן פון פאַלאַצל. אָבער קודם־כל דאַרף מען אַראָפּנעמען דעם ווייץ. צעאַקערן און פאַרזייען שטילערהייט קאָן מען, אָבער קאָסען — ניין. יעדערער געדענקט, ווי ס׳איז געווען אין פינף און פערציקסטן און אין זעקס און פערציקסטן. אָבער יעדערער געדענקט אויך, ווי דאָ, אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, איז געווען אין זיבן און פערציקסטן און אין אַכט און פערציקסטן. מ׳האָט נאָר וואָס פאַרזייט דאָס שטיקל פאַרנומענע פעלד, נאָר וואָס איז אויפגעגאַנגען די תבואה, ווי אַלץ איז געוואָרן פאַרניכטעט. מאַיאָלינאָ האָט געבראַכט צו פירן פון דער ווייט אָקסן מיט אַקערס און פאַראַקערט דאָס פעלד. אין דעם יאָר האָט מען דאָס נישט געטאָן, און דער ווייץ איז שוין הויך. מעגלעך, אַז זיי האָבן פשוט נישט געהאַט אונטער דער האַנט נישט קיין אָקסן, נישט קיין אַקערס. אָבער יעדער געדענקט, אַז צוריק מיט אַ חודש איז דאָ געווען מאַיאָלינאָ, דער אַדמיניסטראַטאָר פון באַראָן בערלינגיערי. זיי האָבן באַשלאָסן צוזאַמען מיט דאָן לואידזשין און מיט דעם קאַראַביניער צו שאַפן אַ פאַריין פון שטרייקברעכער, כדי אָפּצורוימען דעם ווייץ די אַרבעטער אונטער דער נאָז. ווי דאַרף מען זיך פאַרקוקן דערויף? זעקס זענען זיי געווען. וויטאָ האָט געגעבן דאָס מוילאייזל, סימאָנע באַרבאַראָ און זיין קאָלעגע פּעפּע פעדעלי האָבן געגעבן דעם אַקער און די זריעה, אויסער דעם, זייער אַרבעט. אַרמאַנדאָ, ראָזאַריאָ און ער, סילוויאָ, האָבן געגעבן בלויז זייער אַרבעט. איצט זענען זעקס ווייניק. ער רעדט שוין נישט וועגן דעם, אַז מע וועט דאַרפן אָפּהיטן, מע זאָל דעם ווייץ קיין שום שלעכטס נישט טאָן. דאָן לואידזשי האָט בלויז איין קאָנטשעטאָ, און איין מענטש איז נאָך נישט קיין פאַריין. אָבער דאָך דאַרף מען זיין אויף דער וואַך. זעקס איז ווייניק, ווייל וואָס מער עס וועלן אין האַרבסט אַרויסגיין אין פעלד, אַלץ בעסער וועט זיין. דערפאַר האָט מען אויך געגריגדעט דעם פאַריין. און איצט, ווי וועט זיין מיט קערנער אויף דעם פרילינג־פאַרזיי? אַרמאַנדאָ, ראָזאַריאָ, וויטאָ און ער, סילוויאָ, רעזיגנירן פון דעם טייל, וועלכער עס קומט זיי פאַר דער אַרבעט, אַלץ וועלן זיי אָפּגעבן אין קאָלעקטיוו. איצט גייט אין סימאָנע באַרבאַראָ און פּעפּע פעדעלי. זיי וועלן אויך פאַר דער אַרבעט נישט נעמען, אָבער מע וועט זיי אָפּגעבן

די תבואה, וועלכע מע האָט ביי זיי אויסגעבאָרגט אויף דעם פּאַרזיי אין מערץ. מסכּים? סימאָנע האָט איפּגעהויבן די האַנט. — מסכּים, גוּ, זיכער, אַז קריגן זיך וועגן דעם וועט קיינער נישט, אָבער אַן ענדגילטיקן ענטפער וועט ער געבן אין אַ טאָג, צוויי. קיין איילעניש איז אַזוי צי אַזוי נאָך נישטאָ. — אַלזאָ, — האָט ווייטער סילוויאָ געזאָגט, — דער פּאַרזיי־פאָנד וועט זיין. עס איז נאָך נישט באַוווּסט, ווי גרויס, אָבער איצט געפינט זיך דער פּאַרייַן אין אַ סך אַ בעסערער לאַגע, איידער פריליִנג. עס איז אויך אָפּהענגיק פון געראָטנקייט. און אַ געראָטנקייט זעט זיך פאָרויס ווי ביז איצט אַ גוטס, נישט געקוקט אויף דער טריקעניש. דאָס פעלד ליגט אין טאָל, אין דער נידער, וווּ עס איז שטענדיק פאַראַן מער פייכטקייט ווי אין דער הייך. — דאָס איז דער אָנהייב פון אונדזער נייעם קאָאָפּעראַטיוו, חברים, — האָט סילוויאָ אָפּגעזופט מיט דערלייכטערונג און אַ בליק געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע. — אפשר וויל עמעצער אַ וואָרט? — האָט ער געפרעגט.

— איך בעט, — האָט סאַנדראָ זיך אָנגערופן, — זאָל סילוויאָ נעמען אויפן פאַרהער סאַלוואַטאָרען אַזוי ווי מיך.

— איצט רעדן מיר וועגן וויכטיקערע ענינים, — האָט סילוויאָ קורץ אָפּגעהאַקט.

סימאָנע באַרבאַראָ האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין זיין דרייקאַנטיק בערדל:

— טאַקע דערפאַר, וואָס מיר רעדן וועגן וויכטיקערע ענינים, טאַקע דערפאַר. געמלעך די וויכטיקערע ענינים וויל וויסן דער קשיאַגדז, און דעריבער דאַרף מען וויסן, וואָס סאַלוואַטאָרע האָט געטאָן אין פּאַלאַצל. אַז איך האָב זיך וועגן דעם פאַרטראַכט, האָב איך געזען, אַז סאַנדראָ האָט רעכט.

— דער קאָלעגע סימאָנע רעדט ריכטיק, — פּעפּע פּעדעלי האָט אויפגעהויבן אַ פינגער אין דער הייך, — איך האָב צו סאַלוואַטאָרען גאָרנישט, נאָר איך ווייס...

— איך גאַראַנטיר פאַר אים, — האָט וויטאָ רואיק געזאָגט, — סאַלוואַטאָרע וועט איצט מיינען, אַז איך האָב אים דערפאַר אַהער געבראַכט, ווי אין אַ פּולאַפּקע.

— האָב נישט מורא, וויטאָ, איך וועל גאָרנישט מיינען, — סאַלוואַטאָרע האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, — און זיי קאָנען רעדן, וואָס זיי ווילן.

— זעט נאָר, ער דערלויבט אונדז צו רעדן, וואָס מיר ווילן. ווי גאַוואַהדיק דו ביסט, סאַלוואַטאָרע, — פּראַנצעסקאָ רוסאַנאָ האָט אַ דריי געטאָן מיט זיין געקרייזלטן קאָפּ.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— ווי דאַרט גאַוואַהדיק, — האָט פּעפּע פּעדעלי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ער מיינט, אַז ער איז פון אַ בעסער טייג געקנאָטן. איר זעט נישט, וואָס פאַר אַ דעליקאַטער ער איז.

— און איך מיין, — האָט געזאָגט פּראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, — אַז ס'מוז זיין געראָטנקייט. מע האָט אויסגעפרעגט סאַנדראָן, דעם אָרעמען מאַטעאָן האָט

מען אַרויסגעוואָרפן, און בלויז סאַלוואַטאָרע איז אַן אויסנאַם. פאַרוואָס? עס דאַרף זיין גלייכהייט.

— עס האַרף זיין גלייכהייט, — סימאָנע האָט א שמייכל געטאָן און פון אונטער די אראָפּגעלאָזטע ברעמען א קיק געטאָן אין דער זייט פון סאַלוואַטאָרען, — ריכטיק. און וואָס איז אזוינס גלייכהייט? וועלכע גלייכהייט ווילסטו האָבן, פראַנצעסקאָ? ווען אלע פאַלן אַן אויף איינעם, דאָס איז גלייכהייט? אַז עמעצער וויל רעדן, האָט ער רעכט צו רעדן, און אז עמעצער וויל נישט רעדן, האָט ער אויך רעכט נישט צו רעדן.

— אַנטשולדיקט זייער, — האָט זיך אָנגערופן ליגאָ, רויט ווערנדיק, — דאָס איז נישט ריכטיק, וואָס עס זאָגט סימאָנע באַרבאַראָ. איך בין נאָך יונג און וואָלט זיך אפשר נישט באַדאַרפט אריינמישן. אָבער סימאָנע באַרבאַראָ זאָגט איין מאָל אַזוי, און באַלד ווידער זאָגט ער אַנדערש. דאָס איז איינס. און צווייטנס: סאַלוואַטאָרע דאַרף רעדן. דאָס איז נישט בלויז זיין ענין. דאָס איז קלאַסנקאַמף.

— בראַוואָ, ליגאָ — האָט סילוויאָ אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — ביסט באמת, ווי אַרמאַנדאָ האָט געזאָגט, א באַוווסטזיניקער אַרבעטער.

— אַ באַוווסטזיניקער? יאָ? — סאַנדראָ האָט מיט פאָרוואורף אַ קוק געטאָן אויף סילוויאָן. — און איך? איך בין נישט קיין באַוווסטזיניקער? און איך וויל, אַז מע זאָל אויספרעגן סאַלוואַטאָרען פונקט ווי מיך.

— ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, ווי אַן אייזל, — האָט וויטאָ אַ סיקע געטאָן צווישן די ציין.

— מע האָט אים נישט באַדאַרפט ברענגען, — האָט זיך אָנגערופן פעפּע פּעדעלי, — צוליב וואָס האָסטו אים געבראַכט, אויב דו ווייסט נישט, וואָס ער טראַכט.

— פאַרוואָס ווייסט מען נישט? מע ווייסט, — פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן. — ביי דעם אייגענעם ברודער האָט ער געוואָלט צונעמען אַנדזשעליגען, כדי צו קריגן די שאָף פון פּיליפּעלאָן, דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטנס — איז ער אַוועק צום קשיאָנדז אַלס שטרייקברעכער און נאָך פאַר דעם זיך געחברט מיט דעם קאַראַביניער פּרעצאָ. דאָס זאָגט עפּעס. אַ שאָד, וואָס מע האָט דעם אָרעמען מאַטעאָ אַרויסגעוואָרפן. ער וואָלט דאָס אים אַלץ אַרויסגעלייגט! עך, סאַלוואַטאָרע, סאַלוואַטאָרע, — האָט ער א זיפץ געטאָן.

— עך, נאַראָנים, נאַראָנים, — האָט וויטאָ זיך אָנגערופן.

— און איצט דערלויבט, אַז איך זאָל אויך עפּעס זאָגן, — סילוויאָ האָט אַ בליק געטאָן מיט אַ פּאָר שלעכטע אויגן, — גוט? און דו, סאַלוואַטאָרע, זיץ.

— איך וויל נישט זיצן, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— איר זעט, אַפילו זיצן וויל ער נישט, — האָט זיך אָנגערופן לעליאָ דער קרעמער.

— ביסט געווען ביים קשיאָנדז? — האָט סילוויאָ געפרעגט.

— זיכער איז ער געווען, — האָט סאַנדראָ געענטפערט פאַר סאַלוואַטאָרען, — זיין אייגענע קיאַראַ האָט דאָס אַלעמען דערציילט.

— וואָס האָט געוואָלט פון דיר דער קשיאָנדז, סאַלוואַטאָרע? — האָט סילוויאָ געפרעגט.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן. ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן.

— נו, גוט, מיר ווייסן, וואָס דאָן לואידזשי וויל, אָבער וואָס האָסטו אים געענטפערט? — האָט סילוויאָ געפרעגט.

סאַלוואַטאָרע האָט פאַרקרומט דאָס מויל אין אַ שמייכל.

— זאָג! וואָס האָסטו אים געענטפערט? — האָט סילוויאָ אַ געשריי געטאָן.

— סאַלוואַטאָרע האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף סילוויאָס פּנים, וואָס איז געווען רויט פון כעס:

— דו אויף מיר שריי נישט, — האָט ער געזאָגט, — אויף זיי קאָנסטו זיך שרייען. ווער ביסטו? אַ ריכטער? — סאַלוואַטאָרעס שטים איז געווען טויב, ווי זי זאָל אַרויסקומען פון עפּעס אַ פרעמדער ברוסט.

סילוויאָ איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַ פאַרוואונדערטער געקוקט אויף סאַלוואַטאָרען מיט קאַלט-בלישטשענדיקע אויגן.

עס איז געוואָרן שטיל, אָבער נישט מער ווי אויף אַן אויגנבליק. גלייך איז אויסגעבראָכן אַ טומל.

— ער לאַכט פון אונדז! — איז אויפגעשפרונגען פּעפּע פעדעלי.

— ער לאַכט פון אונדז! — האָט געהילכט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

וויטאָ איז צוגעשפרונגען צו סאַלוואַטאָרען און אים אָנגעכאַפּט פאַר די קלאַפּעס פון דער מיליטערישער בלוזע:

— טאַטאָ, פאַרוואָס ענטפערסטו נישט ווי אַ מענטש?! סאַנדראָ האָט געקאָנט, און דו נישט?

סאַלוואַטאָרע האָט אים אָפּגעשטויסן. אָבער וויטאָ האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— אַרויסוואַרפן אים! — האָט פראַנצעסקאָ געליאַרעמט.

— אַרויסוואַרפן אים! — האָט מען געשריגן.

— טאַטאָ! — וויטאָ האָט אים געטרייסלט, ווי ער זאָל אים וועלן אויפוועקן פון שלאָף. — די חזירשע נויט! רעד, דו נאַר! רעד, וואָס האָסטו געענטפערט דעם קשיאָנדז! וואָס שווייגסטו? צי דו האָסט גענומען אַ קאָנטאָ, ווי סאַנדראָ? דו האָסט דאָך גאָרנישט נישט גענומען, טאַטאָ!

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ ריס געטאָן און אָפּגעשטופּט וויטאָן. ער האָט אַריינגעצויגן דעם האַלדז אין די פּלייצעס, אַריינגעזעצט די הענט אין די קעשענעס

און זיך צונויפגעקוליעט, ווי אַ הונט פאַר אַ רעגן. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט.

— איך האָב זיך דאָ צו אייך נישט געשטופּט. איך בין דאָ נישט געקומען צו אייך רעדן. איך בין געקומען דאָ בלויז הערן.

ער זאָל נאָר נישט אומפאַלן. ער זאָל נאָר נישט אומפאַלן.

אַרום אים האָט מען געשריגן וואָס אַמאָל העכער. סילוואָ האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל. ער האָט, זעט אויס, געשריגן העכער פון אַלע. פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן אים די אויגן שרעקלעך געבלישטשעט.

סאַלוואַטאָרע האָט פעסט פאַרדריקט די ווייס. אַרויס פונדאַנען, אַרויס פונדאַנען ווי צום שנעלסטן. אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע מאַסע, אַראָפּוואַרפן ענדגילטיק. ער מוז זיי נאָר זאָגן, אַז זיי זענען נישט אמתדיק, שלעכט. וואָס זאָל ער זיי צוּוואַרפן צום סוף? מאַמעס האָט זיי צוגעוואָרפן אַ ווייסע סטענגע, סאַלוואַטאָרע האָט אָנגערירט מיט די פינגער די אייבערשטע קעשענע פון דער מיליטערישער בלוזע.

ער האָט זיך איינגעשרומפּן און אינגאַנצן געפּיבערט. ווי שווער ס׳איז פונדאַנען אַרויסצוגיין! נאָר די טיר האָט צום גליק אויסגעבראָכן קאַנטשעטאָ. פון דעם פאַרהאַנג פון זעק האָט אַ זעץ געטאָן דער שלעכטער ריח פון דער „פאַרקאָפּאַלי“-ערד.

ק א פּ י ט ל נ ײַ ן

I

זיי זענען געזעסן אונטערן הויכן באַרג פון גרינעם משערעט, אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום פּאַלאַצל, וואָס איז געווען פאַרבאַהאַלטן הינטער דער אייקאַליפּטוס־ און קיפּאַריסן־אַלייע. זיי האָבן געקוקט אויפן ווייץ. דאָס אומאויפהערלעכע גרילן פון גריל האָט איינגעשלעפערט דעם יונגן ראָזאַריאָ, דעם זון פון דער געשטאָרבענער אַננאַ דער אלמנה. ער איז געלעגן אויפן רוקן מיט די הענט פאַרלייגט אונטערן קאַרק. עס האָבן געברומט די ווילדע בינען, פאַרמאַטערטע פון דורשט. וויטאָ, דער אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע“, איז געזעסן מיט פאַרפלאָכטענע הענט אויף די קני. ער האָט איבערגעטראָגן דעם בליק פון די גלאַנציקע פעלזן, וועלכע האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון דער ערד, ווי נאַקעטע זשעברעס, אויף דעם גאָלדענעם פעלד און שטיל אָפּגעזיפצט. אויף די שיפּועים צווישן די שטיינער האָבן זיך געשוואַרצט פאַרברענטע איגדזעלעך פון גראָז און קרייטעכצער. אין די נידעריקע דערנער־קוסטעס האָט געציטערט די שיטער געוואָרענע לופט.

סילוויאָ האָט טיף אויפן פּנים אַראָפּגערוקט דעם דאַשעק פון דעם היטל. זיין האָריקע ברוסט האָט געגלאַנצט פייכט פון שוויים.

דער יונגער לינאָ האָט אונטערגעפייפט. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט זיינע העלע אויגן ווי זילבער אויף אַן אָדלער, וואָס איז געהאָנגען אומבאַוועגלעך אין דער הייך.

דער ווייץ, כאָטש פון פרילינג־פאַרזיי, איז אויסגעוואַקסן זייער שיין. פון די קאַלטע נעכט איז די „מאַרצואָלאַ“ געוואָרן בייגעוודיק און פאַמעלעכער רייף געוואָרן, כמעט ווי די איידעלע ווינטער־תבואה אין די נידעריקערע און ווייטע פון ראָקאַ די דזאָלפאָ געגנטן. ער איז געווען הויך און די זאַנגען האָבן זיך געבויגן צו דער ערד. ערשט נישט לאַנג צוריק איז דער רעכטער ברעג, אַ שיטערער און אויסגעקראָכענער, ווי אַ ווינקל פון אַ רייפן מענטשלעכן שטערן, נאָך געווען העלגרין, די שטענגלעך שלאַבעריק און די זאַנגען גרוי. איצט זענען זיי געווען אָפּגעברענט און גאָלדיק פון דער זון. דעם שניט האָט מען אָפּגעוואַרט אַ ליאַדע טאָג.

— שיינער ווייץ, — האָט זיך אָנגערופן ווימאָ. — ער האָט דאָס געזאָגט יעדן טאָג און דערביי לייכט אָפּגעזיפצט.

סילוויאָ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וויפל וועט מען דאַרפן אָפּרעכענען יענע צוויי פאַר דער זריעה? — האָט געפרעגט דער יונגער לינאָ, אָפּרייסנדיק דעם בליק פון פויגל, וועלכער האָט גע־שוועבט אין דער ריכטונג פון די סילאַנער בערג.

— גענוג, — האָט געזאָגט ווימאָ.

— פאַרפאַלן, — האָט צוגעגעבן סילוויאָ.

— נו, זיכער.

פעפּע פעדעלי און סימאָנע באַרבאַראָ האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, אַז זיי דאַרפן האָבן די תבואה צום האַרבסט־פאַרזיי. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט פון פריער, און יעדער פרווו צו ענדערן האָט אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד פון סימאָנע באַרבאַראָ. ביידע סובאַרענדאַטאָרן זענען זעלטן געקומען אין פראַגאַלאַ־טאָל; זיי זענען געווען פאַרנומען מיטן קאָסען זייערע עטלעכע טאָמאָלאַטן ווייץ אויף די „פעודאַ“־גיטער פון באַראָן בערלינגיערי, וועלכע זענען געווען אַרענדירט פון גרעקאָן. די פעלדער זענען געווען ערגעץ הינטער די שוועבל־גרובן. בלויז אין איין זייט האָט מען באַדאַרפט גיין איבער אַ שעה באַרג־אַראָפּ מיט די סמעזשקעס צווישן די שטיינער. די תבואה איז געוואַקסן ווייט פון ראָקאַ די דזאָלפאָ. דער דאָזיקער שמאָלער פאַס ווייץ איז געווען דאָס איינציקע פאַרזייטע שטיקל פעלד צווישן די גרויסע נישט באַאַרבעטע שטחים.

מענטשן זענען געקומען פון דאָרף און געזעסן אויף דעם פעלדז־אָפּריס, וועל־כער האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער מערבדיקער זייט פון טאָל. זיי האָבן אַראָפּ־געהאָנגען די פיס אין דער לעדיקייט און געקוקט אויפן ווייץ, כאָטש קיינער פון זיי האָט נישט־צושטייער געגעבן נישט קיין קערנער, נישט קיין אַרבעט. — עס שאַדט נישט, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — זאָלן זיי וויסן, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון דעם נייעם קאָאָפּעראַטיוו.

— ווער עס פאַרזייט, פאַר דעם איז די ערד גוט, ווי אַ פרוי, — האָט מען געשמייעסט, האָבנדיק אין זין דאָס זעקסטל, וואָס האָט בייגאַכט דעראָבערט אַ שפּאַן פון די אומבאַאַרבעטע שטחים.

— דעם גאַנצן טאָל וואָלט מען באַדאַרפט פאַרזייען, — האָט מען גערעדט און מיטן בליק געמאָסטן וויפל טאָמאָלאַטן עס קאָן דאָ זיין.

די פרויען און מיידלעך, וועלכע האָבן געשלעפט פון טאָל דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון דער זון אַלץ טיפער און ווייטער פון ראָקאַ די דזאָלפאַ, זענען שטיין געבליבן צו פאַרריכטן די פעסעלעך אויף די פלייצעס.

— שיינער ווייץ, — האָט דער יונגער לינאָ געשמייכלט צו זיי מיט די ציין.

די מיידלעך האָבן אים געענטפערט מיט אַ פּוסט געלעכטער, און די פרויען האָבן פאַרצויגן די בענדלעך, וועלכע האָבן זיך זיי איינגעשניטן אין די אַקסלען.

— אָבער ס׳איז ווייניק, — האָבן זיי געזאָגט, — וואָס איז דאָס? פאַר יעדערן אַ זשמעניע.

— און דאָס איז אויך נישט זיכער, — האָבן זיי אין אַ ווײַלע צוגעגעבן.

— ער, — האָט ליגאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — ס׳איז זיכער, ס׳איז זיכער. האָט נישט קיין מורא.

— יאָ, ס׳איז זיכער. ווי צו באַקומען ברויט פון פּאַלאַץ. — די פרויען האָבן געהייבן מיט די אַקסלען און זיך אומגעקערט מיט דער שלענגלדיקער סטעזשקע קיין ראָקאַ די זאָלפּאָ.

פון פּאַלאַצל האָט זיך דערטראָגן דאָס בילן פון לעאָן. עס האָט זיך מיט איר געריצט אים לאַנגווײַליקייט דער יונגער קאַראַביניער, אַלפּיאָ, מיט די דינע וואָנצעלעך, ווי פעדעם. פון קוימען איז געגאַנגען אַ רויך פון דעם פייער, וואָס מע האָט צעלייגט אויף צו קאָכן מיטאָג, און די אָפּגעקראַכענע לאָדנס זענען געווען פאַרהאַקט, כדי נישט אַרײַנצולאָזן אינעווייניק די היץ. דאָן לואידזשי האָט געעפנט די פענצטער פאַרנאַכטצו. זיין צו פרי פּליכעוואַטע געוואָרענער קאָפּ האָט זיך צוריקגעצויגן יעדעס מאָל, ווען עמעצער פון די, וואָס האָבן געהאַלטן וואַך ביים ווייץ, האָט זיך אויסגעדרייט אין זיין זייט: וויטאָ, ראָזאַריאָ אָדער ליגאָ. אַרמאַנדאָ איז דאָ זעלטן געווען. אָדער דזשיאָוואַנאַ איז געלעגן קראַנק, אָדער ער איז געגאַנגען קיין קראָטאָנע אויף אַ זיצונג פון דער פעדעראַציע.

יעדן זונטיק האָט דער יונגער קשיאָנדז דאָן לואידזשי געדונערט פון דער אַמבאָנע אויף די אַנטיכריסטן און פאַרברעכער, וועלכע רויבן צו פרעמד אייגנטום. ער האָט אין נאָמען פון גאָט פאָרויסגעזאָגט טויט און פאַרווּסטונג פאַר ראָקאַ די זאָלפּאָ. מע האָט געוווסט, אַז זיי קאָנען קומען, סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע, ווען צולהכעיס דעם באַראָן וואַקסט דער ווייץ אויף די פון אייביק נישט באַרבעטע גיטער. עס קאָן קומען דער טויט, אָבער נישט פון גאָט, ווי עס האָט געזאָגט פּיליפּעלאָס זון, דער קשיאָנדז דאָן לואידזשי, נאָר פון די קאַראַביניערן. שוין אַ חודש צייט, אַז ס׳זענען אומגעקומען פון קוילן שטרייקנדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אויף צפון. זייערע נעמען האָבן די קאָמוניסטן אויפגעשריבן אויף די טירן פון דער סעקציע אין ראָקאַ די זאָלפּאָ. אויף דער המצאה איז געפאַלן דער בלויאויגיקער ליגאָ, און אַרמאַנדאָ האָט אים ווידער געלויבט אין אַלעמענס אָנוועזנהייט פאַר דער „איניציאַטיוו“.

דאָן לואידזשי האָט געדונערט פון דער אַמבאָנע, אָבער דער קאַשטעשאַל איז געווען פּוסט אפילו אין זונטיק. דער קשיאָנדז האָט געפּרווט איינאָרדענען אַ פּראָצעסיע מיט דער סטאַטוע פון „סאַנטאַ קיאַראַ“, אָבער מע האָט געוווסט, אַז

דערנאָך האָרף זיין א פאַרזאַמלונג אין דעם גרויסן זאַל פון פּאַלאַצל און אז דאָן לואידזשי וועט איינרעדן, אז מע זאָל אריינטרעטן אין זיין פאַריין. קיינער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין חשק צו טראָגן די אזוי אויך שווערע סטאַטוע פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ אזש ביז פּראַגאַלאַ. אין פּאַלאַצל האָבן די מענטשן נישט געוואָלט גיין, פון זינט זיי האָבן פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דער יונגער פיליפּעלאָ רופט זיי צו זיך. דער קשיאַנדז האָט געשיקט דעם יונגן קאַראַביניער אַלפּיאָ צו מאַטעאָן, ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אז סילוויאָ האָט אים ארויסגעוואָרפן פון דער פאַרזאַמלונג. דער קלייניקער מאַטעאָ האָט פון דעם אָוונט אויסגעמיטן די חברים, געוואַרט ביז סילוויאָ וועט אים קומען איבערבעטן. אומזיסט. קאָנטשעטאָן, וועלכער איז געקומען אים באַזוכן, האָט ער ארויסגעוואָרפן פון שטוב. יאָלאַנדען האָט ער אויסגעזידלט, ווייל זי האָט אים פאַרטיידיקט. און דעם קשיאָנדז האָט דער קלייניקער מאַטעאָ געהייסן זאָגן, אז פאַר דעם וועג זענען אַלע שיך אַלציינס. אויב דער חשובער זון פון פיליפּעלאָן, דער „רעווערענדאָ" דאָן לואידזשי, האָט צו אים א ווייכטיקן ענין, קאָן ער זיך מטריח זיין צום אָרעמען מאַטעאָ. דער קשיאָנדז, דער אַדמיניסטראַטאָר מאַיאָלינאָ, דער באַראָן בערלינגיערי און דע גאַספּערי האָבן אזוי ארום אין גאַנץ ראָקאַ די דזאָלפּאָ געקאָנט רעכענען בלויז אויף קאָנטשעטאָן. אָבער אויף א פאַריין פון שטרייקברעכער איז איין קאָנטשעטאָ נישט גענוג. אפילו סאַנדראָ, דער זון פון אַלטן אַנדרעאָ, איז אוועק צום קשיאָנדז אָן די פינף הונדערט ליר און אים דערקלערט, ווי סילוויאָ האָט אים געהייסן, „אונדזער פּראָגראַם". ער וועט קיין פאַרעטער נישט זיין, צום פאַריין פון שטרייקברעכער וועט ער נישט געהערן און וועט נישט קאָסטן פאַרן פּריץ דעם ווייץ, וועלכן די אַרבעטער האָבן פאַרזייט. קיין מענטש אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ וועט נישט אויפהייבן די האַנט אויף דער געמיינזאַמער תבואה, אויב אפילו דאָס וואָלט אים געקאָנט אָפּראַטעווען פון אַ הונגער-טויט. דאָס איז א שטרייק, פּונקט אזוי ווי דער שטרייק פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אויפן צפון, וווּ עס גיסט זיך שוין א חודש צייט פּויעריש בלוט.

דער קאַמף איז פאָרגעקומען אויף צפון. און אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ האָבן די קאָמוניסטן אויפגעשריבן מיט קויל אויף דער טיר פון דער סעקציע אין טרויערראַמען די נעמען פון די געפאַלענע.

אייביקער רום אונדזערע העלדן, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר ערד. — האָבן זיי אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף דער וואַנט. אזוי איז געווען אין „אוניטאַ".

מע האָט זיך צונויפגענומען פאַרן לאָקאַל אָדער אין פּראַגאַלא-טאָל, ווו דער ווייץ איז געוואַקסן אַלץ שענער. דער יונגער, העלאויגיקער ליגאָ האָט פאַרגלייענט פאַר זיי וועגן דעם טויט פון אזעלכע ווי זיי אַרבעטער. ער האָט זיי פאָרגעלייענט

אויפֿן קול די „אוניטאַ“, וועלכע עס האָט זיי צוגעשיקט דזשיאַני פֿון קראָטאָנע. די קעפּ זענען געווען אַזעלכע גרויסע און שוואַרצע, אַז אַפֿילו די, וואָס האָבן נישט געקאָנט לייענען, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס רעדט זיך וועגן טויט.

די „אוניטאַ“ איז אָנגעקומען מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון עטלעכע טעג, און ווען לינאָ האָט זי פֿאָרגעלייענט בייטאָג, אַז הייבט שטרייקן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער פֿון וואָלפּאַדאַנע אויף צפֿון, ווייל זיי פֿאָדערן אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטס־טאָג, מעליאָראַציע פֿון דער פֿאַרלאָזטער ערד, סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג און שטיצע פֿאַר אַרבעטסלאָזע, האָט דער יונגער ראָזאַריאָ אין אָוונט געכאַפּט אין ראַדיאָ צווישן די באַריכטן וועגן די נצחונות פֿון דער כינעזישער פֿאָלקס־אַרמיי און דערנאָך וועגן „באַדויערנסווערטע פֿאָרפֿאַלן אין מעדיגליאַ“. די אַרבעטער האָבן פֿאַרריסן די קעפּ און גראָב געשאָלטן:

— הינטישע זין, עס גיסט זיך בלוט און זיי זאָגן... ווי האָבן זיי עס דאָרטן געזאָגט, ראָזאַריאָ? — דער ריזיקער פֿראַנצעסקאָ רוסאַנאָ האָט נישט געקאָנט איבערחזרן דאָס לשון, וואָס מ'האָט אָנגעגעבן אין ראַדיאָ.

ערשט אין אַ פּאָר טעג איז אין „אוניטאַ“ געווען אָנגעגעבן אין אַ שוואַרצער ראַם דער נייער נאָמען פֿון דערהרגעטן אַרבעטער אין מעדיגליאַ. ער איז קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, אַזוי פֿיל ווי לינאָ אָדער ראָזאַריאָ, ווען דער אייגנטימער האָט אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט און אים דערשאָסן אויפֿן אָרט. דאָס ייִנגל האָט געהייסן פּאַסקאַלי לאַמבאַרדי. ער האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים געהיט די פֿעלדער קעגן די שטרייקברעכער. אַזוי ווי זיי היטן אָפּ זייער ווייץ אין פּראַגאַלאַ.

— איך פֿאַרשטיי נישט, — האָט זיך אָנגערופֿן דער ביינערדיקער, הויכער גאַספּאַרע שיאַוואָנע, דער פֿעטער פֿון יונגן לינאָ, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע אַריינגעטראָטן אין פּאַרטיי, — דאָרט אויף צפֿון זענען אויך פֿאַראַן שטרייק־ברעכער?

— און פֿאַרוואָס זאָלן זיי נישט זיין? — האָט געפֿרעגט לעליאָ דער קרעמער, וועלכער איז געזעסן אויף אַ שוועל פֿון זיין קרעמל. זיי זענען אומעטום פֿאַראַן.

גאַספּאַרע שיאַוואָנע האָט געקוקט מיט אָנשטרענגונג אויף לעליאָן, פֿאַרטראַכט זיך איבער עפּעס און געצופּט די אַראָפּהענגעדיקע וואָנצעס.

— אומעטום, — האָט ער איבערגעחזרט, — דאָס איז שלעכט. מער שלעכטס ווי גוטס איז פֿאַראַן צווישן אונדז — פּלוצעם האָט ער אָנגעכאַפּט סיליוואַן ביי די קלאַפּן פֿון סורדוט, — העי, איר קאָמוניסטן פֿון „סאַנטאַ קיאַראַס“ גנאָד, פֿאַרוואָס טוט איר גאָרנישט? איר וואַרט, ביז מע וועט אונדז אויסשיסן ווי די הינט? עד, שיין רעדן — דאָס קאָנט איר! זעט נאָר: איינס, צוויי, דריי, צען, הונדערט! — ער האָט מיטן מאָגערן פֿינגער אָנגעוויזן אויף וויטאָן, פֿראַנצעסקאָן, רוסאַנאָן, ראָזאַריאָן, אויף אַלע אַרבעטער, וועלכע זענען געשטאַנען פֿאַרן לאָ־

קאָל, — דאָס זענען מענטשן! איך בין אויך אַ מענטש און האָב אַ ווייב מיט קינדער, ווי יעדער מענטש. און דאָ, — גאַספאַרע האָט זיך אַזעץ געטאָן אין ברוסט, — און דאָ שטיקט די עוולה, ווי אַ רויך. אויף וואָס וואַרטן מיר? זיי שיסן? זאָלן זיי שיסן! בעסער קראַפירן איידער אַזאַ לעבן. טפו! — גאַספאַרע האָט אָפגעשטויסן סילוויאָן און אַרויסגעריסן פון ליגאָס הענט די „אוניטאַ“, — צי איז שוין נישטאָ קיין מיטל? — ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער ביינערדיקער האַנט אין פאַפיר. — וואָס איז דאָס פאַר אַ צייטונג? פאַרוואָס שרייבט מען דאָ נישט, אַז מע זאָל פאַר יעדן אונדזערן דערהרגעטן איין פריין. מע וועט דערהרגענען איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, דעמאָלט וועלן זיי וויסן, אַז מע טאָר נישט שיסן. זיי וועלן אָנמאַכן אין די הויזן. — גאַספאַרע האָט זיך פאַרהוסט מיט אַ טיפן טרוקענעם הוסט.

— פעטער, — האָט זיך אָנגערופן ליגאָ, — דער שטרייק איז אין גאַנצן לאַנד. אַלע אַרבעטער שטרייקן.

— הם... — גאַספאַרע האָט לייכטער אָפגעאָטעמט, כאָטש דער אַטאַק איז נאָך נישט פאַריבער. — אַ שטרייק...

— מע דאַרף זיך נישט לאָזן פראָוואָצירן, — האָט סילוויאָ געזאָגט.

— הם... וואָס זשע הייסט דאָס? — גאַספאַרע האָט זיך אַ קלאַפ געטאָן מיטן פינגער אין שטערן. — דאָס הייסט, אַז מע דאַרף זיך לאָזן דערהרגענען? צי האָב איך עס גוט פאַרשטאַנען, סילוויאָ?

— גאַספאַרע האָט רעכט, — דער יונגער ראָזאַריאָ האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און געקוקט אויף די שפיצן פון זיינע שיך. רעדנדיק, האָט ער אויסגעמיטן סילוויאָס בליק. — און ביי אונדז איז אַפילו קיין שטרייק נישט געווען. גאָרנישט.

— אומגליקלעכע ראָקאָ די זאָלפאָ, — האָט אַ שפיי געטאָן פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, — אַפילו קיין שטרייק קאָן נישט זיין! אַזוי צי אַזוי טוען מיר גאָרנישט אַ קיילעכדיק יאָר.

— עס איז פאַראַן איינער, וואָס אַרבעט אין ראָקאָ די זאָלפאָ, — האָט ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן וויטאָ, אַוועקזעצנדיק זיך אויפן שטיין פאַר דער שוועל פון דער סעקציע, — און ער שטרייקט. איך האָב אים געזען, ווי ער איז געזעסן פאַר פיליפעלאָס הויז און געוויינט. דאָס איז מינקוטשיאָ, אַרמאַנדאָס יינגל. — וויטאָ האָט אַ סמאָקע געטאָן מיט די ליפן, — ער האָט געוויינט, ווייל ער האָט רחמנות געהאַט אויף די שאָף. ער האָט זיי נישט אַרויסגעטריבן אויף דער פאַשע. ער האָט געשטרייקט און געוויינט.

— דאָס הייסט, אַז דער שטרייק איז ביי אונדז אַ פולער, — האָט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, — איין אַרבעטנדיקער און די זעלבע צאָל שטרייקנדיקע. אפשר נישט?

— און מיר האָבן אויך געשטרייקט, — האָט געזאָגט סילוויאַ, אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ אין דער זייט פון פּראַגאַלאַ, וועלכע מע האָט פונדאַנען נישט געזען. — אונדזער וווּנץ איז אונדזער שטרייק. פאַר אונדזערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטסלאָזע איז אַ שטרייק — אַרבעט צולהכעיס דעם באַראָן. ווי האָט עס געזאָגט דער חבר גאַטשע, געדענקסטו וויטאַ?

וויטאַ האָט געשוויגן, און דער יונגער ראָזאַריאָ האָט זיך אָנגערופן אין אָנגע־כמורעטער:

— אַ שטרייק אויף צולהכעיס.

וויטאַ איז געזעסן מיט פאַרפלאָכטענע הענט אויף די קני. ראַפּטעם האָט ער פאַרוקט דאָס היטל אויפן שטערן:

— גאַטשע האָט געהאַט רעכט, אַרמאַנדאָ האָט געהאַט רעכט, דו, סילוויאַ, האָסט רעכט. נאָר גיט מיר איצט דעם פרייַז אין די הענט. די האַנט וואָלט קיין ציטער נישט געטאָן!

— אַך, איך ווייס, איך ווייס, — האָט סילוויאַ געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער שטרייק אויף צפון האָט געדויערט. ער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַלץ נידעריקער אויף דרום. הינטער פּעראַראַ האָט מען אין דעם קאַמף פאַר ערד ווידער דערהרגעט אַן אַרבעטער. אויף דער טיר פון דער סעקציע האָט מען אונטער די נעמען פון מאַריאַ מאַרגאָטי און פּאַסקאַלי לאַמבאַרדי אויפגעשריבן אַ דריטן: אַריסטיד מאַצאָני. ווידעראַמאָל האָט דער אייגנטימער אַרויסגענומען אַ פּיסטאָלעט אין דערשאָסן אַ מענטשן אויפן אָרט. אָבער דאָס מאָל האָט מען אויך דערהרגעט דעם אייגנטימער.

דער שטרייק האָט אַרומגענומען אַפּוליע און לוקאַניע. עס איז געווען די צייט פון שניט. די גוטסבאַזיצער האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן בעסער פאַרלירן די תבואה איידער נאָכגעבן.

סילוויאַ, וויטאַ און ביידע יונגטלעכע, ראָזאַריאָ און ליגאַ, זענען געזעסן אין שאָטן פון גריגעם משערעט. הייַנט איז אויך געקומען אַרמאַנדאָ. עס זענען אויך געקומען גאַספּאַרע שיאַוואָנע און פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

— זיי זענען אַראָפּ פון זינען, זיי ווילן אויסהונגערן דאָס לאַנד. אַפּוליע איז נישט ווייט פון אונדז — האָט געזאָגט וויטאַ.

— זיי האָבן נישט מורא פאַר גאָט, — האָט געזאָגט גאַספּאַרע שיאַוואָנע, — עס איז די גרעסטע זינד צו לאָזן די תבואה אומקומען. די ערד איז דעם באַראָנס, אָבער די אַרבעט געהער צו מענטשן. אַזויפיל אַרבעט וועט גיין אין גיוועץ.

— די ערד איז אויך נישט דעם באַראָנס, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ. — די ערד געהער אויך צו די, וואָס באַאַרבעטן זי. פריער צי שפּעטער וועלן מיר זי אָפּנעמען.

— בראַוואָ, — האָט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ אַ הילך געטאָן מיט זיין באַס. — דאָס פאַרשטיי איך.

— אָבער ווען וועט דאָס זיין? — האָט געפרעגט גאַספּאַרע שיאַוואָנע.

— זעסט גאַספּאַרע, — אַרמאַנדאָ האָט אָנגעוויזן אויפן ווייץ, — דאָס איז דער אָנהייב.

— און יענע דאָרט, — גאַספּאַרע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאַלאַצל, — מיינסטו, וועלן זיך צוקוקן דורכן פענצטער און שווייגן?

— און מיר ווי? מיר וועלן זיך צוקוקן און שווייגן? — האָט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ זיך הויך צעלאַכט.

די אַרבעטער האָבן געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

דער שטרייק איז געווען אַן אַלגעמיינער. עס האָבן געשטרייקט די פּויערים און די אַרבעטער. אויפן דאָרף האָבן צוויי מיליאָן לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס. עס האָבן געשטרייקט די סעזאָן־אַרבעטער, טאָג־אַרבעטער, אַרענדאַטאָרן, סובאַרענדאַטאָרן און ווייניקערדיקע.

— דאָס הייסט אייניקייט, — האָט סילוויאָ געזאָגט, — דאָס איז מער ווי מוסאָלינים מיליטער. די שטאָטישע אַרבעטער האָבן אונטערגעשטיצט די פּויערים. דאָס הייסט זיין סאָלידאַר. איר וועט זען, אַז די גוטבאַזיצער וועלן מוזן ווייכער ווערן, — האָט סילוויאָ געזאָגט.

אין קראָטאָנע האָט מען אויך געשטרייקט אין דעם טאָג. דער ברוטרעגער איז געקומען צו פאָרן אויפן ראָווער ערשט איבערמאָרגן און האָט געבראַכט צו פירן די „אוניטאַ“ פאַר צוויי טעג. ער האָט אויך געבראַכט אַ בריוו פאַר סילוויאָן. עס האָט אים ווידער געשריבן דער סעקרעטאַר פון פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטער אין אַווערסאַנע, אַלדאָ לאַטשידאָניא, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפריינדעט אויפן צוזאַמענפאָר אין טאַראַנטאָ.

בײַ אונדז אין אַפּוליע, — האָט געשריבן אַלדאָ לאַטשידאָנאַ, — הערשט אַ פּרעכטיקע שטימונג. די קאַמפס־גרייטקייט איז אויף אַ הויכן ניוואָ. דער באַוווסטזיין נעמט אַרום אויך אַנדערע שיכטן. דער אַלגעמיינער שטרייק, וועלכער האָט אונטערשטיצט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, איז אַדורך זיגרייך און סאָלידאַר. מע קאָן זאָגן, אַז אַפילו אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע ער־טער, ווי טורי און אַנדערע, זענען געווען סאָלידאַר דאָס מאָל מיטן העלדישן

קאַמף פֿון די פֿריערישע מאַסן פֿאַר ערד, שלום און דעמאָקראַטיע. דו האָסט מיר געשריבן וועגן אײַער שטרייק אויף צולהכעיס, אַז איר האָט אים אײַנגעקלערט. איך מוז דיר פֿאַרשאַפֿן אַן אומאָנגענעמלעכקייט און אַרויספֿירן פֿון טעות, ווײַל דאָס זעלבע קומט פֿאָר אויך בײַ אונדז דאָ, אין אַפּוליע: פֿון אַ חודש פֿירן מיר שוין דעם דאָזיקן אַזוי גערופֿענעם „שטרייק אויף צולהכעיס". איך וועל דיר דערציילן, ווי ס'איז פֿאָרגעקומען, כאָטש מע האָט שוין וועגן דעם געשריבן אין „אוניטאַ". די אַרבעטסלאָזע גייען אַרויס אויף אַן אַרבעט, וועלכע זיי האָבן פֿריער אויסגעקוקט, און ווען די פּאָליציי יאָגט זיי אַראָפּ פֿון פֿעלד צי פֿון וועג, קערן זיי זיך אום אויפֿן צווייטן טאָג צוריק. אין אַזוי יעדן טאָג. אין פּוטיגנאַנאָ האָב איך אויך געשטרייקט אויף צולהכעיס צוזאַמען מיט אַ צענדליק אַרבעטסלאָזע בחורים. „צוליב וואָס אַרבעט איר?" — האָבן געפֿרעגט די קאַראַבינערן. „מיר ווילן אַרבעטן, ווײַל מיר זענען הונגעריק און ווילן עסן" — האָבן מיר געענטפֿערט. „אָבער פֿאַר דער אַרבעט וועט אײַך קיינער ניט באַצאָלן", — האָבן געזאָגט די קאַראַבינערן. „עס שאַדט ניט, מיר זענען שוין יאָרן אַרבעטסלאָז, אַזוי לאַנג טוען מיר גאָרניט, וועלן מיר כאָטש ווײַניקסטנס ברענגען נוצן אונדזער לאַנד", — האָבן מיר געענטפֿערט. דאָס מאָל זענען די קאַראַבינערן אַוועקגעגאַנגען און אונדז געלאָזט צורו. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט מען אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה הונדערטער אַרבעטער, ווען ס'איז געווען דער אַלגעמײַנער שטרייק, אָבער מע האָט זיי באַלד אַרויסגעלאָזט. „איר פֿרעסט צו פֿיל, — האָט מען זיי געזאָגט, — דערפֿאַר לאָזן מיר אײַך אַרויס, איר קאָסט אונדז צופֿיל". „דאָס איז אמת, אַז מיר עסן אַ סך, — האָבן די אַרבעטער געזאָגט, — ווײַל מיר האָבן שוין לאַנג ניט געגעסן". און נאָך ידיעה וועל איך דיר אָנגעבן. אייניקע גוטס־באַזיצער זאָגן, אַז עס האָבן זיך צוריקגעקערט די צײַטן פֿון פֿינף און פֿערציקסטן אין זעקס און פֿערציקסטן און זיי אַנטלויפֿן צוזאַמען מיט די ווײַבער און קינדער קיין באַרי, קיין נעאַפּאָל און אַפֿילו קיין רוים. דאָס איז אַ גוטער צייכן פֿאַר אונדז. וואָס איז שייך דער תּבֿואה, איז דער ווייץ שוין אינגאַנצן רייף. ערמערוניין הייבט ער זיך שוין אָן אויסצושיטן. אויב די גוטסבאַזיצער וועלן הײַנט, מאָרגן ניט נאָכגעבן, קאָן דאָס גאַנצע געראַטעניש צו גרונט גיין. וועגן דעם בלויז גייט זיי. וועט ווערן אַ יקרות אויף תּבֿואה. אָבער די אַרבעטער וועלן דאָס ניט דערלויבן. מיר וועלן ניט דערלאָזן דערצו, אַז מענטשלעכע אַרבעט זאָל גיין צו גרונט. מיר וועלן אַליין אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער, אָבער ניט פֿאַר די גוטסבאַזיצער, נאָר פֿאַר זיך. מיר וועלן די תּבֿואה צעטיילן צווישן אונדז און דער אָרעמער באַפֿעלקערונג, וועלכע איז אויך זייער אומגליקלעך. איך וועל ענדיקן מיטן אויסרוף: „זאָל לעבן דער שטרייק פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אזש ביזן נצחון!"

II

די ידיעה וועגן נצחון האָט געבראַכט צו פֿירן אַרמאַנדאָ צוזאַמען מיט דעם נומער „אוניטאַ“. פֿון הימל האָט געפּלייצט אַ נאָכמיטאָגדיקע היץ, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פֿון קראָטאָנע. ביז ראָקאַ די נעטאָ האָט אים אונטערגעפֿירט פּיעטראָ ראָזאַטאָ, דער ברודער פֿון דער אומגליקלעכער לואיזאַ. דער וואָגן איז געווען הויך אָנגעלאָדן מיט סנאָפּעס ווייץ. אַרמאַנדאָ האָט פּיעטראָן דערציילט וועגן דעם געוווּנענעם שטרייק און וועגן דער פֿרייד פֿון די אַרבעטער.

— דאָס איז אַ גרויסער שריט פֿאָרויס, — האָט ער געזאָגט.

פּיעטראָ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געפֿרעגט, צי איצט וועלן זיך וויניקער מענטשן שלעפּן איבער די דערפֿער, וואָס בעטלען אַרבעט. זיי לאָזן נישט לעבן און ברענגען בלויז אומגליקן אין שטוב. ווען סאַלוואַטאָרע, דער פֿון ראָקאַ־די זאָלפּאָ, איז געווען ביי אים בעטן אַרבעט, איז אין דעם זעלבן טאָג געשען דאָס אומגליק מיט לואיזען.

אַרמאַנדאָ האָט באַדאַנקט פֿאַרן אונטערפֿירן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואָגן. פּיעטראָ האָט אַ סמאָקע געטאָן צו די ווייסע אָקסן מיט די ברייט פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע הערנער און פֿאַרקערעוועט אויף לינקס קיין ראָקאַ די נעטאָ.

אַרמאַנדאָ האָט זיך פֿאַרנומען פֿון שליאַך אויף די גרויע, פֿון זון אויסגעברענטע פֿעלדער. ער האָט אויסגעטאָן דעם סורדוט, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט שטויב, ווי מיט מעל, און אויסגעווישט מיט דער האַנט די ווינקלען פֿון מויל, וועלכע זענען געווען פֿאַרטריקנט מיט אַ ווייסלעכער סלינע. עס האָט אים געמאַטערט דער דורשט. אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ קופּערנע ערד און שטיינער. ווילדע איילבירט־ביימלעך, פֿאַרגעסענע פֿון גאָט און פֿון מענטשן, מיט אויסגעהוילטע שטאַמען און שווידערלעך צעקרומטע צווייגן, האָבן דורכגעלאָזט די זון, ווי דורך אַ זיפּ. אין ערגעץ נישט קיין ברעקל גראָז, קיין ברעקל שאָטן. ער האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צום טאָל. אָבער אויך דאָ האָבן געליכטן העלע קיילעכדיקע שטיינער פֿון אַן אויסגעטרוקנטן טייכל. די אָנגעשוואָלענע פֿיס פֿון היץ האָבן אומגעשיקט געטראָטן איבער דעם שטיינערנעם טייך־געלעגער. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט אויף דער סטעזשקע, און איז אויף אַ וויילע שטיין געבליבן. ער האָט אָפּגעווישט דעם שטראָמענדיקן שווייס פֿון האַלדז. פֿראַנגאַלאַ ליגט אַזוי צי אַזוי אויפֿן וועג, און דזשיאָוואַנע האָט זיך היינט פֿרי געפֿילט בעסער. ער וועט זיך לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן, ער וועט בלויז צונויפֿנעמען די חברים אין דאָרף אַריין. מע דאַרף זיי מיטנעמען. דזשיאַני האָט געהייסן נאָך היינט רופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג און איבערלייענען די באַגריסונג פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר די זיגרייכע אַרבעטער. „דער נצחון פֿון די העלדישע אַרבעטער באַגריסט מיט ענטוזיאַזם דאָס גאַנצע איטאַליענישע פֿאָלק — האָט געשריבן די „אוניטאַ“. און דזשיאַני האָט אויף דעם פּיאַטאַראַס־פּלאַץ גע־

רעדט צו די בירגער פון קראָטאָנע, צו די אַרבעטער, אַרבעטסלאָזע און יוגנט.
„דאָס איז אַ גרויסע פרייד פאַרן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אַ היסטאָרישער זיג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אויפן דאָרף“, — האָט דזשיאַני געזאָגט, איבערחזרנדיק די ווערטער פון די וויטאָריאָ. אין פענצטער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין האָט מען אַרויסגעהאָנגען די דרייקאָלירנדיקע פאָן און די רויטע פאָן. אויפן פּלאַץ האָט די יוגנט געטאַנצט און פון פאַריין־לאָקאַל האָט זיך דערטראָגן מוזיק פון אַ פּאַטעפאָן. פריער האָט מען געשפּילט הימנען, איינעם נאָכן אַנדערן: פון גאַריבאַלדין, מאַמעלין און צום סוף דעם אינטערנאַציאָנאַל. נאָך פערציק טעג איז דער נצחון געקומען אומגעריכט. ער האָט געקאָסט אַ סך בלוט. „כבוד די העלדישע סעזאָן־אַרבעטער פון גאַנץ איטאַליע, וועלכע האָבן מיט זייער קאַמף אַריינגעשריבן דאָס שענסטע און דערהויבנסטע זייטל אין דער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון אונדזער לאַנד. נאָך קיינמאָל האָבן די סעזאָן־אַרבעטער נישט דורכגעפירט קיין קאַמף אין לאַנד־מאַסשטאַב, וועלכער זאָל האָבן אַזאַ היסטאָרישע באַדייטונג. דאָס איז אַ שריט פאָרויס, אַ גרויסער שריט פאָרויס!“ — האָט דזשיאַני געזאָגט. אָבער וויפל דאַרף מען נאָך האָבן אַזעלכע שריט? אַרמאַנדאָ האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער נאַקעטער און אויסגעברענטער ערד, וועלכע איז איצט געווען פול מיט דער גרימפּלעניש פון גרילן. ער איז שוין נישט געווען ווייט פון טאָל. וואָס וועט ער זיי זאָגן היינט אויף דער פאַרזאַמלונג?

— דאָס איז אויך אונדזער זיג.

ער האָט זיי געטראָפן אין שאָטן פון טשערעט, וועלכער האָט זיך געהאַלטן גרין, נישט געקוקט אויף דער היץ. ראָזאַריאָ איז געשלאָפן, די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ.

— נו, ווי האַלט עס מיט דעם ווייץ? — האָט זיי אַרמאַנדאָ באַגריסט.

— זעסט דאָך, ווי שיין ער איז, — האָט סילוויאָ געענטפערט. — האָסט זיך געזען מיט דזשיאַנין אין דער פעדעראַציע?

— ביסט זיכער הונגעריק, — האָט אַרמאַנדאָ אַ שמייכל געטאָן, — וויל ביסט בייז ווי אַ טייוול.

סילוויאָ האָט אָנגעהויבן גריזשען דעם נאָגל פון גראָבן פינגער.

— נו, — אַרמאַנדאָ האָט זיך אַ וויש געטאָן די באַק און געשוויגן אַ ווײַלע. ער האָט אויסגעריסן אַ זאַנג ווייץ, צעריבן אויף דער האַנט און אַ בלאָז געטאָן, — אין אַ פּאָר טעג וועט מען קאָנען אָנהייבן קאָסען. דער ווייץ איז שוין פאַרטיק. דאָס איז איינס, און צווייטנס: דער שטרייק איז געוווּנען.

אלע דריי: סילוויאַ, וויטאָ און ליגאָ האָבן אָנגעהאָנגען זייער בליק אויף אַר־מאַנדאָן.

— איר קאָנט זיך נישט פרייען? — אַרמאַנדאָ האָט לייכט אַ שטוים געטאָן וויטאָן אין ברוסט.

— האָסט עס געזאָגט אַזוי, — האָט וויטאָ צעפירט די הענט, — אַזוי רואיק. און דאָס איז דאָך אַ סוף מיט די גוטבאַזיצער. אפשר נישט? מע דאַרף עס דער־ציילן אַלעמען אין דאָרף.

— ריכטיק, מע דאַרף עס דערציילן אַלעמען אין דאָרף, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — קומט. איך דאַרף נאָך אַרייַנגיין צו אימאַקאָלאַטען. דזשיאַני האָט מיך געבעטן. וועקט אויף ראָזאַריאָן... קומט. איך מיין, אַז הייַנט וועט דעם ווייַץ שוין גאָרנישט געשען.

ראָזאַריאָ האָט זיך אַליין אויפגעוועקט. ער האָט זיך פאַרקרומט, ווייל די הענט זענען אים אָנטשלאָפן געוואָרן פונעם ליגן אויף זיי. ער האָט זיך קיים אויפגע־הויבן פון דער ערד און אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דאָס העמד. ער האָט אומגערן צענומען די פאַרטריקנטע ליפּן, וועלכע זענען אים ווי אָנגעשוואָלן געוואָרן פון שלאָף.

— ראָזאַריאָ, אונדזערע האָבן געוואונען דעם שטרייק, — האָט ליגאָ געזאָגט, — האָסט אַלץ פאַרשלאָפן.

— מיט די גוטבאַזיצער, — האָט אויסגעשטאַמלט ראָזאַריאָ, — איך האָב געהערט, איך בין לחלוטין נישט געשלאָפן, אַז ס'איז אַ סוף מיט די גוטבאַזיצער.

— לאָמיר זאָגן, אַן אָנהייב פון אַ סוף, — האָט אַרמאַנדאָ פאַרבעסערט, — קומט.

די גאַסן פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ זענען געווען פוסט. אין די הייזער זענען די טירן געווען פעסט צוגעמאַכט. די מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער זון. פון די מויערן און ברוקשטיינער האָט געשלאָגן אַ הויכע היץ. אין דער אומבאַ־וועגלעכער לופט איז געהאָנגען דער געשטאַנק פון „פּאָרקאָפּאָלי“. עס איז נישט געווען מיט וואָס אָפּצוטעמען אין די ענגע שטייַנערנע געסלעך. די הינער האָבן זיך אייַנגעלייגט ווי טויטע אָנטער די ווענט אויף די שמאָלע פאַסן פון דעם דורכ־זיכטיקן שאָטן. בלויז דער הזיר פון „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע איז געגאַנגען מיט אַ ניהעריק אָראָפּגעלאָזטן פּיסק. פאַר דעם פּאָרטיק־קאָרידאָר איז געלעגן די אויס־געטריקנטע וואָל, וועלכע דזשודיטאַ פון באַגאַקאַסאַ האָט אויסגעוואַשן. דאָס איז געווען דער רעשט וואָל, וועלכע דזשודיטאַ האָט באַקומען פון פּיליפּעלאָן פון דער לעצטער שערונג. נאָך העם, ווי איר מאַן סאַנדראָ איז אַוועק צו דאָן לואידזשין אים איבערצוגעבן „אונדזער פּראָגראַם“, האָט פּיליפּעלאָ אויפגעהערט איר צו געבן אַרבעט.

דערלעבן איז געשטאַנען די הייזקע פון די לאָ מעאָס.

— איך וועל דאָ אַרייַנגיין אויף אַ רגע צו אימאַקאָלאַטען, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט.

סילוויאָ, ראָזאַריאָ און ליגאָ האָבן זיך געזעגנט. וויטאָ האָט אַרמאַנדאָ פאַרהאַלטן. נאָך היינט דאַרף ער אָפּפירן אימאַקאָלאַטען קיין קראָטאָנע.

אַרמאַנדאָ האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר, אָבער זי איז געווען פאַרמאַכט.

— ווער איז דאָרט? — האָט זיך אָנגערופן אַ קול פון אינעווייניק און אין אַ רגע האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל אימאַקאָלאַטאַ. זי האָט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלט דעם שטערן, מרוזשענדיק די אויגן קעגן ליכט.

— איך בין געקומען צו אייך, אימאַקאָלאַטאַ, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ, — דזשיאַני בעט אייך, איר זאָלט קומען צו אים קיין קראָטאָנע.

— קומט אַרייַן אינעווייניק, — די אַלטע האָט זיך אָפּגערוקט, כדי צו מאַכן אָרט פאַר זיי ביידן.

אין שטוב איז געווען קיל און גיך געקוקט אויף דער אָפענער טיר — פינצטערלעך.

— קיין קראָטאָנע? — די אַלטע האָט פאַרפלאָכטן די הענט. — וויאַזוי וועל איך גיין אַהין? — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם געלעגער. ערשט איצט האָבן אַרמאַנדאָ און וויטאָ באַמערקט דעם ליגנדיקן סאַלוואַטאָרע.

— ער שלאָפט, — האָט אַרמאַנדאָ געפרעגט, צי ער איז קראַנק?

— ער, — האָט די אַלטע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אויפן געלעגער. ער האָט אויפגעהויבן די וויעס.

— דאָס זענט איר? — האָט ער זיך פאַרוואונדערט, קוקנדיק אויף די געסט.

— ביסט קראַנק, טאַטאָ? — האָט וויטאָ געפרעגט.

— ער, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ שמייכל געטאָן.

— מיר נעמען בייַ דיר צו די מאַמען, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — אַנדזשעלינאַ וועט היינט=מאָרגן געבוירן. דזשיאַני בעט, אַז די מאַמע זאָל קומען צו אים.

סאַלוואַטאָרע האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל גיך פאַרשטיין, און דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— וויאַזוי וועל איך גיין? — האָט אימאַקאָלאַטאַ פאַרבראָכן די הענט, — וואָלט כאָטש מאַריאַ געווען אין דער היים.

— אַנדזשעלינאַ גייטיקט זיך אין דער הילף פון אַ פרוי, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט. — וואָס זאָגסטו הערצו סאַלוואַטאָרע?

סאַלוואַטאָרע האָט, גיך אויפהייבנדיק דעם בליק, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גייט, מוטער, גייט, — האָט ער זיך אָנגערופן אין אַ ווייַלע אַרום.

— וואָס הייסט, — האָט פלוצעם אויסגערופן אימאַקאָלאַטאַ, — היינט=מאָרגן דאַרף זי געבוירן? „סאַנטאַ קיאַראַ!“ וויפל צייט איז דען פאַריבער, זינט

זי איז פון דער היים אַוועק? — זי האָט שטיל אָנגעהויבן רעכענען אויף די פינ־גער: — אינגאַנצן פינף חדשים — גאָט מייַנער, גאָט מייַנער! אָט אַן אומגליק.

— ביי קאָמוניסטן גייט עס צו שנעל, — האָט וויטאָ זיך צעלאַכט.

אימאַקאָלאַטאַ איז מיט פאַרבראָכענע הענט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, צוגע־גאַנגען צום שווארצן קופערט. זיפצנדיק האָט זי אויפגעהויבן די קיילעכדיקע דעק און ארויסגענומען א גרויס, שווארץ טיכל, דאָס שווארצע זונטיקדיקע קלייד און שיך. זי האָט דאָס אלץ איינגעפּאקט אין א קלענער טיכל.

— און וואָס וועט זיין מיט דיר? — האָט זי זיך געווענדעט צו סאלוואטאָרען.

— גאָרנישט. איך וועל מאָרגן אויפשטיין. איך וועל נאָך היינט אויפשטיין.

— ער איז דאָך צווישן אייגענע, — האָט וויטאָ געזאָגט, — ער וועט נישט פארפאלן ווערן. — און אויסדרייענדיק זיך צו ארמאנדאָן האָט ער צוגעגעבן:

— איך גיי איינשפּאַנען דאָס מוילאייזל.

— וואָס? — האָט זיך אימאַקאָלאַטאַ דערשראָקן. — שוין? באַלד?

— כ'מיין אזוי, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט.

— נו, וועל איך גיין צווישן געבן קיארען. גיין, סאלוואטאָרע?

סאלוואטאָרע האָט געשוויגן. ער האָט געוויסט, אז קיארא קערט זיך אום אהיים פון פאלאצל ערשט אין אָוונט און טרעט דאָ שטענדיק אָפּ.

— קומט, — וויטאָ האָט גענומען די אלטע אונטערן אָרעם.

— און איך וועל נאָך דאָ א ביסל פארבלייבן, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט.

III

— ווייסט, סאלוואטאָרע, מיר האָבן געוואָגן דעם שטרייק, — האָט ארמאנ־דאָ אָנגעהויבן.

— נו, איז וואָס? — האָט סאלוואטאָרע געפרעגט.

ארמאנדאָ איז געזעסן אויפן בענקל און איינגעבויגענער, די הענט אראָפּגע־לאָזט צווישן די קני. ער האָט א קוק געטאָן אויף דעם אויסגעדארטן, פארוואקסע־נעם פּנים פון סאלוואטאָרען.

— פון זינט דו ביסט געקומען קיין ראָקא די דזאָלפּאָ איז פון דיר געוואָרן א העלפּט. צי איז אונדז בעסער פון דיר, סאלוואטאָרע? און דאָך האלטן מיר זיך אויף די פיס.

— וואָס קאָן איך טאָן? אזוי איז שוין מיט מיר.

— און וואָס וועט זיין ווייטער?

סאלוואטאָרע האָט א הייב געטאָן מיט די אקסלען.

— דער שטרייק איז געוואָגן געוואָרן פאר דיר אויך, סאלוואטאָרע.

— ער, דאָס זענען נאָר רייד.

— קוק זיך צו, סאַלוואַטאָרע, פון איין זייט קעמפן צוויי מיליאָן אַרבעטער אין משך פון פערציק טעג. מע שיסט צו זיי, מע דערהרגעט, מע זעצט אַריין אין די תפיסות, און זיי שטייען ווי אַ מויער, גיבן זיך נישט אונטער. זיי קעמפן, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס איז דאָס איינציקע מיטל. און פון דער צווייטער זייט זאָגסטו: ער, דאָס זענען נאָר רייד.

— צי האָט מען אַ סך דערהרגעט? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט.

— צוואָס פרעגסטו?

— צי וואָלסטו געוואָלט זיין איינער פון די דערהרגעטע?

— ניין, — האָט אַרמאַנדאָ געענטפערט.

— זעסט שוין, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— איך האָב וועגן דעם קיינמאָל נישט געקלערט, — האָט אַרמאַנדאָ אַ שמייכל געטאָן. — אַזוי האָסטו עס מורא פאַרן טויט?

סאַלוואַטאָרע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איך וואָלט דיר זייער געוואָלט העלפן, סאַלוואַטאָרע.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס גראָד מיר? ס'איז נישט כדאי.

— איך האָב זיך נישט פאַרטראַכט פאַרוואָס. פּשוט ווי אַ מענטשן. ווי אַן אַרבעטער, ווי איינעם פון אונדזער קלאַס. דו ביסט פאַר מיר, ווי אַ ברודער. פּונקט אַזוי ווי סילוויאַ, אַזוי ווי וויטאָ. אַזוי ווי אַלע אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ.

— ווען אַלע זאָלן טראַכטן אַזוי ווי דו, אַרמאַנדאָ! יעדער טראַכט נאָר וועגן זיך. און אויב ער איז פאַר דיר גוט, איז עס דערפאַר, ווייל ער האָט דערביי עפּעס אַן אינטערעס, אָדער ער באַהאַלט עפּעס אויס פאַר דיר, ווייל ער וויל דיך אָפּנאַרן.

— צוואָס דאַרף איך אָדער סילוויאַ, אָדער וויטאָ דיך אָפּנאַרן? צי ביסטו נישט דער זעלבער אָרעמער טייוול, וואָס מיר אַלע? מיר האָבן נישט קיין פעל־דער, נישט קיין פאַבריקן, אַז מיר זאָלן דיך קאָנען אויסנוצן.

— נישט אין דעם גייט.

— טאָ זאָג זשע אין וואָס גייט.

—זאָגסט: אַ ברודער. און איך האָב אַן אייגענעם ברודער. איצט נעמט ער צו ביי מיר אפילו די מאַמען. פּונקט ווי אים זאָל קומען אַליין, און מיר גאָרנישט.

אַרמאַנדאָ האָט זיך צעלאַכט:

— דו רעדסט אַזוי, ווי דו זאָלסט אין אַ ריינעם קאָפּ זוכן ליייז. וואָס פאַר אַ אויסטערלישע געדאַנקען דו האָסט. זיי נישט קיין קינד!

— איך האָב געוווסט, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין. נישט אין דעם גייט מיר, נאָר אין גאַנצן לעבן בכלל.

— איך האָב גערעדט מיט דזשיאַני וועגן דיר. ער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף דיר העלפן. און אַנדזשעלינאַ האָט אויך געזאָגט, אַז מע דאַרף דיר העלפן. זי האָט

געפרעגט, פאַרוואָס דו שטייסט אין א זייט פון פאַריין. אין א זייט וועסטו אומקומען ווי א פליג. צוזאמען, אַז דו וועסט זיין מיט אונדז צוזאמען, וועסטו פאַרשטיין דעם אונטערשיד. ווען דו וועסט דערפילן דעם טעם פון קאמף... אז מ'איז צוזאמען, האָט מען גאָר אנדערע געדאנקען. ס'איז פשוט קיין צייט נישטאָ אויף אַזעלכע געדאנקען, ווי דיינע. וועסט זען.

— איך האָב שוין געזען, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — איר זענט שלעכט און נישט אמתדיק. איר האלט דעם מענטשן אָט אזוי, — סאַלוואַטאָרע האָט געמאַכט מיט דער האַנט אַ באַוועגונג פון שטיקן.

— יאָ, — האָט געזאָגט ארמאנדאָ, — מיר זענען שלעכט, אָבער נאָר דעמאלט, ווען מיר מוזן. צו קיין שונא דאַרף מען נישט זיין ווייכהאַרציק.

— מאַטעאָ איז א פיינט? סאנדראָ איז א פיינט? איך בין אויך א פיינט?

— יעדער האָט זיך זיינע פעלערן. מעגלעך, אז לגבי מאַטעאָן האָט סילוויאָ נישט געהאנדלט אינגאַנצן ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָס איז זיין פעלער. אָבער סילוויאָ וויל זיך נישט צו דעם מודה זיין. זיין שוואכקייט האלט ער פאַר א כוח. ער האָט זיך שוין אפילו מיט מיר צעקריגט. ער איז א היציקער און איינגעשפאַרטער. אַן איינגעשפאַרטער, ווי אלע אין קאַלאַבריע. הם... און איך בין נישט קיין איינגעשפאַרטער? און דו ביסט נישט קיין איינגעשפאַרטער? צי האָסטו א טראַכט געטאָן, פאַרוואָס סילוויאָ האָט אזוי געהאנדלט לגבי מאַטעאָן?

— אָ, איך וויים פאַרוואָס, — האָט אויסגערופן סאַלוואַטאָרע, — ווייל ער איז א סעקרעטאַר, ווייל ער מיינט, אז ער קאָן משפטן ווי אַן אמתער ריכטער. ווייל ער איז אַן עלטסטער, ווי אין מיליטער. איך האָב שוין געהאַט גענוג איבער זיך די עלטסטע אין מיליטער. איך וויל עס מער נישט אין מיין לעבן. ס'איז מיר שוין נישט גוט דערפון.

— א סעקרעטאַר, דאָס איז נישט קיין מיליטערישער ראַנג. אַ סעקרעטאַר קאָנסטו זיך אויסקלייבן, ווער דיר געפעלט און ווער עס טויג זיך דערצו.

— איך האָב אים נישט אויסגעקליבן. איך האָב קיינעם נישט אויסגעקליבן.

— ווילסט אליין זיין א סעקרעטאַר, — האָט ארמאנדאָ זיך צעלאַכט, — דיין אייגענער סעקרעטאַר.

— הם... אנדזשעלינא וויל מיר העלפן...

— דו האָסט אויף איר אַ פאַרדרוס? וואָס האָט זי דיר שלעכטס געטאָן?

— ניין, גאָרנישט.

ביידע זענען שטיל געבליבן. דורך דער אָפענער טיר האָט און שטוב אריינגעווייעט א היץ. סאַלוואַטאָרע איז געלעגן אין בלויזן העמד און אין די הויזן, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעקוקט זיינע ביינערדיקע פיס. צוקאָפּנס האָט ער געהאַט זיין שינעל, צונויפגעלייגט אין צווייען. ער האָט געקוקט אויף דעם פּאַם זון, וועלכער האָט זיך דערנענטערט אלץ מער צום בילד פון „סאַנטאַ קיאַראַ“, וואָס

איז געווען צוגעקלעפּט צום שטייענערנעם זייל אין ווינקל פון שטוב. די הייליקע האָט געהאַט אַ זים, לענגלעכדיק פּנים און גרויסע אומעטיקע אויגן. אַרמאַנדאָן האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט זאָגן וועגן אַנדזשעלינען. אַרמאַנדאָ האָט געהאַט רעכט. וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט אים אַנדזשעלינא געטאָן? נישט דורך דאַנען האָט געפירט זיין לעבנס־וועג. ווען אַלץ האָט זיך געענדיקט, צי קאָן מען נאָך מורא האָבן פאַרן טויט? קיין שום האָפענונג, קיין שום האָפענונג. דזשואַני וועט זיין דער פאָטער פון אַנדזשעלינעס קינד. אַרמאַנדאָ וועט געווינען נאָך אַ שטרייק. און ער וועט וואַרטן, ביז קיאַרא וועט אים אין אָוונט ברענגען עפּעס עסן פון דעם קעסל פון די קאַראַביניערן.

— אָבער איין זאַך קאָנט איר מיר נישט פאָרוואַרפן, — האָט זיך פּלוצעם סאַלוואַטאָרע שטיל אָנגערופן, — קעגן אייך בין איך קיינמאָל נישט געווען. איך האָב נישט געוואָלט.

— עך, איך ווייס דאָס, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט, — אָבער אויך נישט מיט אונדז. אין דעם שטעקט די גאַנצע צרה.

— און וויפל האָט מען דערהרגעט שטרייקנדיקע? — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט.

— האָסט שוין ווידער מורא, טאַטאָ?

— ניין, אַרמאַנדאָ, נישט צוליב דעם פרעג איך דאָס, גלייב מיר.

— איך ווייס... — אַרמאַנדאָ האָט זיך צוגערירט צו זיין באַק, וועלכע איז געווען באַגאָסן פון שווייס.

— איך מוז מאָרגן אויפשטיין. איך וועל נאָך הייגט אויפשטיין, — סאַלוואַטאָרע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער. — זאָל די מאַמע גיין צו דזשיאַנין.

— און דו וועסט גיין מיט אונדז אַ קוק טאָן אונדזער ווייץ. זי איז שוין אויסגעוואַקסן.

— איך וועל פאָרן מיט וויטאָן צום ים, צו די פעלזן פון דער הייליקער קיאַרא.

ארויסגייענדיק, האָט אַרמאַנדאָ פאַרמאַכט די טיר, אַזוי אַז אין שטוב איז געוואָרן פינצטער. אָבער די היץ, וועלכע איז פריער אַריינגעגאַנגען, איז שוין פאַרבליבן. עס איז געווען דושנע. סאַלוואַטאָרע האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין דער שטיינערנער געלעכערטער וואַנט. אויפן טישל איז געלעגן די „אוניטאַ". ער איז אַראָפּגעגאַנגען און געעפנט די טיר. אומקערנדיק זיך צוריק אויף דעם געלעגער, האָט ער גענומען די צייטונג. אונטער דער פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגן מענטשן איז געווען אונטערגעשריבן: לוטשיאַנאָ ראָמאַניאָלי, סעקרעטאַר פון לאַנד־פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. דאָס איז סילוויאָ אויף גאַנץ איטאַליע — האָט אַ שמייכל געטאָן סאַלוואַטאָרע. דער סעקרעטאַר אויף גאַנץ

אימאַליע האָט אויך געשמייכלט. זעט אויס, אַז ער האָט זיך געפֿרייט. ארמאַנדאָ פֿרייט זיך אויך. אַלע — וויפֿל האָט ארמאַנדאָ דאָ געזאָגט? צוויי מיליאָן? — פֿרייען זיך זיכער.

סאַלוואַטאָרע האָט אוועקגעלייגט די צייטונג. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַרטער קישן און פֿאַרמאַכט די אויגן. די מאַמע פֿאָרט היינט אַוועק קיין קראָטאָנע, און מע קאָן אויסגיין, וועט קיינער קיין לעפֿל וואַסער נישט דערלאַנגען. האָסט געוואָלט זיין אַליין? האָסטו דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט. דזשיאַני האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף אים העלפֿן, דערפֿאַר נעמט ער צו די מוטער, ווען ער ליגט קראַנק. אַנדזשעלינאַ האָט אים געוואָלט העלפֿן... ווי האָט זי דאָס געזאָגט? אייגנטלעך קען ער אַפֿילו נישט איר קול. פֿון די אַמאָליקע יאָרן געדענקט ער עס שוין נישט. ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידעלע, איז איר קול געווען אַ שטילס, צי אַ הויכס? אַ טיפֿס, טרוקנס, כמעט מענלעכס, ווי ביי דער דערטרונקענער לואיזען, די פֿרוי פֿון אַלעסיאָ גרעקאָ, צי אַ געוויינלעכס, און בלויז אַ ביסל אַ הייזעריקלעכס ווי ביי קיאַרען? ער געדענקט איר לייכטן ריידנדיקן גאַנג פֿון אַ פֿרוי, וואָס האָט שוין דערקענט אַ מאַן. ער געדענקט אירע טונקעלע, פֿאַרזשמורעטע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים, נישט ווי אויף קיין מאַן, נאָר ווי אויף דעם ברודער פֿון דזשיאַני. סאַלוואַטאָרע האָט פֿאַרביסן די ליפּן. אָבער אַפֿילו אַזוי האָט זי בלויז איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף אים, ווען ער האָט זי געטראָפֿן נאָכן צוריקקערן פֿון אויסטראַליע. זי האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ ברעט מיט פּלאַכע לאַבנס ברויט. איין מאָל האָט זי אויף אים אַ קוק געטאָן מיט צוגעזשמורעטע אויגן. דערנאָך האָט אַלץ פֿאַרשטעלט דער אויפֿגעבלאָזענער העסלעכער בויך. ער האָט זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. די מענטשן האָבן פֿריער פֿאַר אים געוווּסט, אַז ער האָט ליב געהאַט די שאָף פֿון פּיליפּעלאָ. מאַריאַ האָט אים געקענט בעסער, ווי ער זיך אַליין. אונטער די וויעס האָבן אים געבריט טרערן. ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן. די מוטער האָט שוין באַדאַרפֿט צוריקקומען. היינט וועט קיאַראַ וועלן בלייבן מיט אים איבער נאַכט, ווי נאָר זי וועט זיך דערוויסן, אַז ער איז אַליין. אין דער מוטער אירער וועט זי זאָגן, אַז זי האָט געמוזט אַרבעטן אין פּאַלאַצל. סאַלוואַטאָרע האָט אוועקגעלייגט די האַנט אויף דער צייטונג. ער וועט נאָך היינט אויפֿשטיין און אַוועקגיין פֿון שטוב. ער פֿילט זיך אַ סך בעסער. און דאָס עסן פֿון די קאַראַביניערן קאָן קיאַראַ לאָזן שטיין אויפֿן טיש אָדער נישט. ווי זי וועט וועלן. וויטאָ וועט זיין אין דער סעקציע, אפֿשר וועט ער אים טרעפֿן אין גאַס. ער וועט זיך אָפּרעדן מיט אים, אַז מע זאָל זיך מאָרגן אויסקלייבן צו די פֿעלזן פֿון דער „סאַנטאַ קיאַראַ“. אָך, וויטאָ וועט נישט זיין. ווער ווייסט, ווען ער וועט זיך אומקערן פֿון קראָטאָנע. ווי לאַנג וועט די מוטער בלייבן ביי דזשיאַני? זיכער ביז וואַנען מע וועט דאָס קינד אַ ביסל צוהאָדעווען. ארמאַנדאָ האָט ספּעציעל אים איבערגעלאָזט די „אוניטאַ“. ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען וויטאָ. פֿון דעם לעצטן אָונט

אין סעקציע. און היינט וואָלט ער זיך אויך נישט געוויזן, ווען נישט דאָס, וואָס ער דאַרף אָפּפירן די מאַמען אין שטאָט. און סאַלוואַטאָרען האָט מען דאָך נישט אַרויסגעוואָרפן, אַזוי ווי מאַטעאָן. ער איז אַליין אַרויסגעגאַנגען. אָבער פאַר וויטאָן, זעט אויס, איז אַלצאיינס. סאַלוואַטאָרע האָט זיך דעמאָלט קוים דערשלעפּט אין שטוב אַריין. אַפילו וויטאָ איז אומפאַרשרותדיק. אַפילו וויטאָ, אַז ער ווערט אַ קאָמוניסט, ווערט ער אַן אַנדער מענטש. און דאָך איז ער אַליין אַרויסגעגאַנגען פון לאָקאַל. סילוויאָ האָט אים נישט אַרויסגעוואָרפן, ווי מאַטעאָן. סאַלוואַטאָרע האָט געקוקט פאַר זיך מיט ברייטע צעעפנטע אויגן, ווי ער זאָל גאָכאַמאָל דערפילן אויף זיך סילוויאָס בליק. סילוויאָ האָט שלעכט געהאַנדלט לגבי מאַטעאָן. דאָס איז סילוויאָס פעלער — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט. אַרמאַנדאָ איז אויך אַ קאָמוניסט, איז אויך אומפאַרשרותדיק, נאָר ער האָט נישט דעם בייזן בליק, וועלכן עס האָט סילוויאָ. ער וואָלט געבליבן, ער וואָלט פון דער סעקציע נישט אַרויסגעגאַנגען, ווען עס וואָלט געווען אַרמאַנדאָ. מעגלעך, אַז ער וואָלט אַפילו געענטפערט אויף די פראַגן. און מעגלעך, אַז אַרמאַנדאָ וואָלט אים גאָרנישט אויסגעפרעגט, ווי אַ גנב אויף אַ געריכט. אָבער אַרמאַנדאָ איז דאָך אויך אַ קאָמוניסט, וואָלט ער זיכער אויך געוואָלט וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן סאַלוואַטאָרען. און דעם אמת וועגן אים האָבן אַנטדעקט אַנדערע מענטשן, פרעמדע, ווי פרעצאָ, דאָן לואידזשי, און אַפילו מאַטעאָ, אָדער אייגענע, ווי דזשיאַני אָדער מאַריאַ. דער איינציקער אַלטער דאָן דאָמעניקאָ האָט געזאָגט אָן בייזקייט: „קלאַפּ נישט אין קיין פאַרמאַכטער טיר“. ווי אַ מענטש צו אַ מענטש, און נישט ווי קיין ריכטער. דער מענטש איז דאָך דער גאָט אויף דער ערד. נישטאָ אויף דער וועלט עפּעס גרעסערס פון אַ מענטש. וויטאָ... עך, וויטאָ! ער איז אַ גוטער און דאָס איז אַלץ. ער פאַרשטייט אַזויפיל, אַ'ין אפשר אַ ביסל מער פון מאַטעאָן, פון סאַנדראָן. און אויב עמעצער טראַכט נישט אַזוי ווי ער, ווערט ער בייז און אומפאַרשרותדיק. ער איז נישט גערעכטיק, ווי סילוויאָ. אַרמאַנדאָ, נו וואָס, אַרמאַנדאָ איז בלויז איינער.

סאַלוואַטאָרע האָט גענומען די צייטונג.

„דאָס גאַנצע איטאַליענישע פאָלק באַגריסט דעם זיג פון די העלדישע אַרבעטער. אַ גרוס פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר די זיגרייכע אַרבעטער“.

דאָ אַ זיג, דאָרט אַ זיג...

אַפילו פון די צייטן פון דער מלחמה געדענקט ער נישט קיין שום זיג. עס זענען געווען בלויז מפּלות. לוטשיאַנאָ ראָמאַניאָלי האָט אַראָפּגעשמייכלט פון דער פאָטאָגראַפיע. פון איין זייט — צוויי מיליאָן... צוויי מיליאָן אַרבעטער האָבן דערפילט דעם טעם פון זיג. אַרמאַנדאָ האָט אים נישט געזאָגט, וויפל עס זענען פאַראַן

דערהרגעטע. וויפל מע האָט דערהרגעט, האָט מען דערהרגעט, אָבער מע האָט געזיגט! ארמאנדאָ וואָלט אויך געקאָנט אומקומען. סילוויאָ האָט אויך געקאָנט אומקומען. סאַלוואַטאָרע האָט פאַרשטאַנען. סילוויאָ האָט אויך געקאָנט אומקומען און דעריבער איז ער געווען אומפשרותדיק. דעריבער... דעריבער — האָט סאַלוואַטאָרע געשעפּטשעט. דעריבער האָט סילוויאָ געקאָנט ארויסוואַרפן מאַטעאָן, אויספרעגן סאַנדראָן, אויספרעגן אים. „דער פעלער פון סילוויאָ“ באַשטייט גאָר אין עפּעס אַנדערש, אָבער אין וואָס? אין דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן מאַטעאָן? ניין, ארמאנדאָ! נישט אין דעם! סילוויאָ האָט געהאַט רעכט דערצו. אָבער „דער פעלער פון סילוויאָן“ באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן מאַטעאָן, האָט נישט באַוויזן ריין צו מאַכן סאַנדראָן אין זיינע אייגענע אויגן, און נישט אים דערנידעריקן, האָט נישט באַוויזן צווינגען סאַלוואַטאָרען צו ענטפערן אַזוי ווי איינעם פון די דאָזיקע צוויי מיליאָן, וועלכע האָבן היינט געזיגט. „וויפל זענט איר פאַראַן“ — האָט סאַלוואַטאָרע געפרעגט ארמאנדאָן און סילוויאָן, ווען זיי זענען צו אים געקומען דאָס ערשטע מאָל, כדי אים צו ווערבירן פאַר דער פּאַרטיי. ארמאנדאָ האָט דאַן געענטפערט: „האָב נישט קיין מורא, מיר זענען נישט ווייניק!“ ארמאנדאָ האָט קיין ליגן נישט געזאָגט. איך האָב עס געמוזט איבערקרענקען, כדי צו פאַרשטיין, — האָט סאַלוואַטאָרע ביטער א שמייכל געטאָן, ארומקוקנדיק זיך איבער דער שטוב, — און אַזוי האָב איך דערמיט פאַרשפּילט, ווען אַנדערע האָבן געוווּנען. איך האָב געקלאַפּט אין א פאַרמאַכטער טיר. און איך בין געבליבן אַליין. איך האָב עס געמוזט דורכקרענקען, און אַנדערע האָבן געמוזט געווינען — פריער האָב איך דאָס נישט פאַרשטאַנען.

און דערצו נאָך: וואָס האָבן מענטשן גערעדט וועגן אים און וועגן די שאָף פון פיליפּעלאָ, דעם פאָטער פון אַנדזשעלינען. דאָס געזיכט האָט זיך אים צוזאַמענגעצויגן ארום דעם מויל, וואָס האָט געציטערט פון אָפּגעשוואַכטקייט. ער איז שווער אַנידערגעפאַלן אויף דער קישן. א געוויין, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן שוין פון לאַנג, האָט אויסגעטרייסלט זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט געכליפּעט שטום. איבער זיינע באַקן האָבן געפליצט טרערן. ער האָט זיך נישט באַמיט איינצוהאַלטן זיי, נישט אָפּגעווישט זיי מיט דער האַנט. ער האָט געפילט זייער שטראָמענדיקע וואַרעמקייט אויפן פּנים און אויף די אויערן. די טרערן זענען איינגעזונקען אין דער האַרטער קישן.

דאָס געוויין איז געווען א קורצס, ווי א פרילינג-שטורעם. סאַלוואַטאָרע האָט זיך אויפגעהויבן. א ווײַלע האָט ער מיט די רויט געוואָרענע אויגן געקוקט אויף דעם שוואַרצן פאַררויכערטן סופיט, אויף די שוואַרצע געלעכערטע ווענט. דערנאָך האָט ער אראָפּגעלאָזט די באָרוועסע פיס פון געלעגער און אָנגעהויבן זוכן זיינע שווערע שיך.

IV

דער „סינדאַקאָ“ אברוצעזע האָט זיך געוואָלט באַפרייען ווי צום שנעלסטן פון אַנטאָנִיאָ גרעקאָ, דעם אַלטן יעגער, דעם פאָטער פון אלעסיאָ גרעקאָ, ווייל יעדע מינוט האָט באַדאַרפט אָנקומען פרעצאָ, דער סערזשאַנט פון די קאַראַביניערן. פרעצאָ האָט עס אים נעכטן דערציילט וועגן דעם נצחון פון די שטרייקנדיקע, אָפּחוזקנדיק, וואָס דער „סינדאַקאָ“, ווי שטענדיק, דערוויסט זיך וועגן אַלץ אין ראָקאַ די דזאָלפאָ דער לעצטער.

דער אלטער אנטאָניאָ איז געקומען אין שטאָט-ראַט שוין אָוונטצו, ווען מע דערזוארט שוין קיינעם נישט, מיט דער ביטע צו העלפן אים קעגן דער פּאָליציי: ער האָט באַקומען א באַפעל אָפּצוגעבן די ביקס, אויף וועלכער ער האָט דרך אגב קיין דערלויבעניש נישט געהאַט, און משך פון דריי טעג אונטער דער דראָונג פון תפיסה. דאָס האָט באַדאַרפט זיין, לויט אים נאָך, אַ שטראָף דערפאַר, וואָס ער האָט דערשאָסן א האָז אויף א פארבאָטענעם שטח. וויפל זשע צייט איז שוין פאריבער פון יענעם שאָס? ער גערעדנקט דאָס גענוי, ווייל אין דעם זעלבן טאָג, זייענדיק באַהאַלטן אין משערעט, האָט ער דערזען זיין שנור לואיזען, ווי דער שטראָם האָט זי געטראָגן נישט ווייט פון בריק איבער דער נעטאָ.

ווידער אַ מסירה, אַזוי ווי דעמלט, ווען ער האָט דערהרגעט אַ ווילדן חזיר פון באַראָן בערלינגיערים רעזערוואַט?

ווידער פּיליפּעלאָ? — דער אַלטער האָט פאַרזשמורעט די העל-גרויע אויגן. איין יאָר איז ער שוין צוליב אים אָפּגעזעסן אין תפיסה.

אברוצעזע האָט געהויבן די אַקסלען פון אומגעדולד, וועלכע דאָרט מסירות! איצט האַנדלט זיך עס נישט אין קיין ווילדן חזיר אָדער אין א האָז. אין לאנד שיסט איצט כסדר עמעצער צו עמעצן. עס גייט אין מענטשן. צי האָט ער נישט געהערט וועגן די אומרוען אין די דערפער, דאָ אין איין אָרט, דאָ אין א צווייטן? עס וועט דעריבער בעסער זיין, ווען אין ראָקאַ די דזאָלפאָ ווייניקסטנס וועט זיין שטיל. זאָל ער אַליין אָפּגעבן די ביקס, איידער מע מאַכט די רעוויזיע און מע ארעסטירט אים.

דער אַלטער האָט באַוועגט מיט די פארוועלקטע, געלבלעכע עקן פון די גרויע וואָנצעס. ער האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און מסכים געווען מיט אַלץ, וואָס דער „סינדאַקאָ“ האָט געזאָגט. נאָר ווען דער לעצטער האָט געענדיקט, האָט ער צעפירט מיט די הענט:

— נו, וועל איך זי באַהאַלטן, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל זי פארגראָבן. און קיינער וועט זי נישט געפינען. איך וועל זאָגן, אז איך האָב נישט קיין ביקס. קיין עדות האָבן זיי נישט.

אברוצעזע האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן און ווידער געהויבן מיט די אַקסלען.

דער אַלטער יעגער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג אין גומען:

— יעגיץ מאָל, ווען מע האָט מיך אַרעסטירט, האָבן זיי זי אויך נישט געפונען.

— זאָל זיין אַזוי, — דער „סינדראַקאָ" האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער איז אויפגעשטאַנען, ווייל ער האָט דורכן פענצטער דערזען פיליפּעלאָן.

אָבער אַנטאָניאָ איז ווייטער געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, לייכט צושאָקלענדיק מיט אים. פּלוצים האָט ער אויך אַ קוק געטאָן אין דער זייט פון פענצטער און אויפגעציטערט. זיין מאָגער פּנים, אויסגעגאַרבט פון זון און ווינט, איז פינצטער געוואָרן מחמת אַ צופלום פון בלוט. ער איז אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט דעם „סינדראַקאָ" די שפּיץ פינגער אויף געזעגענען זיך.

אַריינקומענדיק, האָט פיליפּעלאָ מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ אָנגעוויזן אויף אַנטאָניאָן.

— און וואָס איז דאָס, „סינדראַקאָ"? דער אַלטער וויל נישט אָפּגעבן די ביקס? — האָט ער געפרעגט.

— איך וויים גאָרנישט, — האָט אַ ברום געטאָן אַברוצעזע.

— ער, אַלטער, אַלטער, — פיליפּעלאָ האָט אַ טרייסל געטאָן זיין צעקודלטן קאָפּ.

— הער מיך אויס, ברודער, גיב אָפּ די ביקס, — ער איז צוגעגאַנגען צו גרעקאָן און אים געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע.

אַנטאָניאָ האָט אָנגעכאַפּט פיליפּעלאָן פאַרן עלנבויגן און אים אָפּגעשטופּט.

— מיר האָבן נאָך אַלטע חשבונות, — האָט ער געזאָגט.

פיליפּעלאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קלאַפּע פון זיין סורדוט און זי אָנגעהויבן אָפּשטויבן מיט די פינגער.

— סטראַשע מיך נישט, — האָט רואיק געענטפערט פיליפּעלאָ, — נאָך פאַר אַזאַ אַלטן באָק וועל איך מורא האָבן.

גרעקאָ האָט פאַרמרוזשעט איין אויג, ווי ביים צילעווען. ער האָט פאַרקלעמט די אָדערדיקע הענט און געמאַכט אַ שריט פאָרויס. ביידע האָבן זיך פאַרמאָסטן מיטן בליק.

— נו, נו, — האָט דער „סינדראַקאָ" אַ געשריי געטאָן, — אויב איר ווילט זיך שלאָגן, איז נישט דאָ. איר זעט עפּעס? ווי צוויי אַלטע הענער!

גרעקאָ האָט אַ צופּ געטאָן דעם געלן עק פון אַ וואָנצע און אַ שפּיי געטאָן פיליפּעלאָן אונטער די פיס.

— מסור!

פיליפּעלאָ האָט זיך צעלאַכט.

— איך עצה דיר, גיב אָפּ די ביקס, גיב אָפּ, אַנטאָניאָ, כאַ, כאַ, דו אַל־מער באָק! — פּיליפּעלאָ איז שטיל געוואָרן און אַ דראָע געטאָן מיט דער פויסט. גרעקאָ איז שווייגנדיק ארויס פון שטאַטראַט.

•

אבּרוצעזאָ האָט אָפּגעוואַרט פּרעצאַן, און געקומען איז פּיליפּעלאָ. דער סער־זשאַנט איז געווען ביי דאַן לואידזשין, וועלכער האָט געשיקט דעם פּאַטער אין שטאָטראַט מיט דער אויפגאַבע צו ברענגען צו פירן דעם „סינדאַקאָ" אין פּאַ־לאַצל אריין.

— עס חלומט זיך מיר אפילו נישט! — האָט אַבּרוצעזע געשריגן. — זיי פאַרגעסן, אַז איך בין אַ קאָמוניסט.

פּיליפּעלאָ האָט פאַרקרומט די גראָבע ליפּן.

— דו לאַכסט, — האָט זיך אויפגעקאָכט דער „סינדאַקאָ", — נו וועל איך אייך אלעמען איבערצייגן. איך גיי באַלד צו ארמאַגדאָן. דאָרט איז מיין אָרט! איך וועל איינאָרדענען פאַר זיי אַ מיטאָג. לכבוד דעם זיג. פאַרשטייסט?

— נאָך וויאַזוי!..

— איך האָב דאָס אַלץ געוואָלט זאָגן פּרעצאַן. אָבער אַזוי איז בעסער. בע־סער, וואָס ער איז נישט געקומען. און וועגן דעם, אַז איך זאָלן גיין אין פּאַלאַצל אריין, קאָן קיין רייד נישט זיין! — אַבּרוצעזע האָט ארייגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך אוועקגעשטעלט מיט דער פּלייצע צום גאַסט.

— וואַרט צו, ביז עס וועט פינצטער ווערן, — פּיליפּעלאָ האָט ארייגגע־שטעקט די פינגער אין דער צעפּאַטלטער באָרד.

— זאָל ווערן פינצטער, זאָל נישט ווערן פינצטער, — אַבּרוצעזע האָט זיך אויסגעדרייט, — מיר איז אַלציינס! איר פאַרגעסט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט.

— און דו געדענקסט? דו פאַרגעסט דער ערשטער, — פּיליפּעלאָ האָט פאַר־רוקט דעם קאַפּעליוש אויפן שטערן און אוועקגעזעצט זיך אויף דער שטול, אויף וועלכער עס איז פריער געזעסן גרעקאָ. — איך וועל גיין זאָגן, אַז דו ווילסט נישט זיין אויף דער באַראַטונג. זאָלן זיי נישט וואַרטן.

— און דו ביסט געוואָרן אַ שיק־יינגל אויף די עלטערע יאָרן, און דאָס נאָך ביים אייגענעם זון. אינטערעסאַנט, וואָס דאַרפן זיי מיך האָבן. עד, אַלטער, עפּעס גיט זיך זיי לעצטנס גאָרנישט איין. און וויסטו פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן פאַר־לוירן יעדן חוש. גיי זאָג זיי אין מיין נאָמען: שלאָגט אייך נישט קאָפּ אין פעלז, ווייל דער קאָפּ וועט צעקלאַפּט ווערן, נישט דער פעלז. פאַרשטייסט? זאָג אים, אַז ס'צייען אנדערע צייטן.

— מאַך זיך נישט צו נאַר, „סינדאַקאַ“. דאָס איז גוט פאַר אַ קשיאָנדז אזא לשון, נישט פאַר דיר.

— דאָס איז אמת, — האָט אברוצעזע אַ זיפץ געטאָן, — איך האָב זיך גע־מיטן מיט מיין באַרוף. המ... און דו מיט פרעצאָן, — דער „סינדאַקאַ“ האָט אָנגעשלאָגן איין וויז־פינגער אין צווייטן, — זענט שוין ווידער גוטע ברודער? ערשט נישט לאַנג האָסטו אויסגעשפּיגן, ווען דו האָסט אים אָנגעטראָפן אין גאַס.

פיליפעלאָ האָט צעפירט מיט די הענט.

— זאָג, וואָס פאַרטראַכט איר? — האָט אברוצעזע אַ שמייכל געטאָן.

— ווערסט נישט דערציילן ארמאַנדראָן? — פיליפעלאָ האָט אויך אַ שמייכל געטאָן, אויפהייבנדיק די שווערע וויעס.

— הוזקסט פון מיר, מיין טייערער?

— זאָגסט דאָך אליין, אז דו ביסט אַ קאָמוניסט.

— עס וועט קומען אַ צייט, מיין טייערער, ווען דו וועסט אויך זיין.

פיליפעלאָ האָט אַ כראַקע געטאָן:

— פאַר וועמען האַלטסטו מיך? איך בין נישט אזא שמאַטע, ווי דו. איך פאַרגעס גאָרנישט. דו מיינסט, אז איך האָב פאַרגעסן, ווייל איך שריי איצט נישט? נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי, איך וועל צוווארטן. אימאַקאָלאַטאַ איז שוין אוועק־געפאָרן קיין קראַטאָנע. שוין נישט לאַנג, — פיליפעלאָ האָט אַ פיר געטאָן זיין פליישיקע האַנט איבער די וואָנצעס און איבער דער באָרד.

— נו, אויב עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וועל איך אפילו קיין פינגער נישט צולייגן! — האָט אויסגעשריגן דער „סינדאַקאַ“.

— עך, דו נאַר, — פיליפעלאָ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — וואָס קאָנסטו מיר העלפן? דאָס איז מיין זאַך.

— עס האַנדלט זיך נישט, הייסט עס, אין אנדזשעלינען? טאָ וואָס פלאַנע־וועט איר? אַ פאַריין? עס איז ביי דאָן לואידזשין דערפון גאָרנישט נישט ארויס־געקומען. ער האָט איין קאָנטשעטאָן... איך וואָלט געעצהט דורכקומען. איר זעט דאָך, אז די קאָמוניסטן זענען אַ קראַפט. זאָל זיין רואיק. אפילו די גוטבאַזיצער האָבן אויך געמוזט נאָכגעבן. איבעריקנס, פאַרוואָס האָבן זיי געזאָלט נישט נאָכ־געבן? צי די ערדלאָזע און ארבעטלאָזע זענען נישט קיין מענטשן און האָבן נישט קיין רעכט צום לעבן? גיב אַ קוק מיט אַן אויג פון אַ קריסט. וואָס וועסטו דער־זען אַרום? נויט, הונגער און מענטשלעכע קריוודע, ווו לעבן נויט עקזיסטירט רייכטום, לעבן הונגער — איבערגעזעטיקטקייט. אפשר נישט? הער, וואַרט נישט אויף מיר, ווייל איך וועל נישט גיין, ווען עס זאָל אפילו ווערן אזוי פינצטער, ווי אין מצרים. איך מוז גיין אַהיים. איך וועל דערהרגענען אַ הזיר אויף מאָרגן און מאַכן אַ סעודה. אזוי האָב איך באַשלאָסן! זאָלן זיי עסן. זיי האָבן זיך פאַר־דינט דערויף. אויב דו ווילסט, קאָנסטו אויך קומען.

— ווילסט זיי איבערקויפן? צו די וואלן איז נאָך ווייט! אָבער איינס איז אמת, — פיליפעלאָ האָט א זיפץ געטאָן, — האָסט א לייכטע האַנט. דאָס איז צייטנווייז גוט. מיר איז אפילו צוצוזאָגן שווער.

— אן אומבאַשטימטע צייט, — האָט אברוצעזע א זיפץ געטאָן, אָנווייזנדיק אויפן פענצטער, הינטער וועלכן עס איז שנעל צוגעפאלן דער אָוונט, — אפילו דו, אלטער, ביסט ווייך געוואָרן.

פיליפעלאָ האָט גאָרנישט געענטפערט. א ווײַלע האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און דעם בליק פארשטאַכן אין דער ערד. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, א קלאַפּ געטאָן דעם „סינדאַקאָ" איבער דער פּלייצע און א בלאָז געטאָן פאר זיך, ווי רויך פון א פּאפּיראָס.

— פריי זיך נישט, פריי זיך נישט, — האָט ער געזאָגט. — איך בין נאָך נישט קיין וואָלאַך. * איך וועל נאָך באַווייזן, וואָס איך קען.

V

— אפשר איז אַנדזשעלינא שוין געלעגן געוואָרן? — האָט קיארא געשעפּ־טשעט, טוליענדיק איר פּנים צו סאלוואַטאָרעס פּלייצעס.

סאלוואַטאָרע האָט אראָפּגעהאָנגען די פיס פון געלעגער און, האַלטנדיק מיט ביידע הענט א ליימען קריגל, געטרונקען קאַלט וואסער, וואָס קיארא האָט אים געבראכט פון ברונעם ביים פּאלאַצל.

— גוט וואסער, — האָט ער געזאָגט.

— און וואָס וועט זיין, אז דיין מאַמע אימאַקאָלאַטאַ וועט זיך צוריקקערן?

— האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— מיין מאַמע האָט דיך ליב, — האָט סאלוואַטאָרע געזאָגט.

קיארא האָט זיך אויפגעהויבן און אים א קוש געטאָן אין האלדז:

— מיין געליבטער, טאַטאָ „מיאָ", און דו? — זי האָט אים געבעטן מיט די אויגן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינצטער.

סאלוואַטאָרע האָט געשוויגן. ער האָט זי לייכט א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע.

— זאָג, זאָג, — איז זי צוגעשטאַנען. זי האָט באַדעקט זיין האלדז און נאַ־קעטע ברוסט מיטן קושן.

— הער אויף, קיארא, — סאלוואַטאָרע האָט מיטן בליק אָנגעוויזן אויף דער צעעפנטער טיר, — מענטשן וועלן זען.

* קאַסטרירט פערד

— זיי וועלן נישט זען. עס וועט שוין פינצטער, — האָט זי א פּרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. — און אויב אפילו, זאָלן זיי זען. מיין מוטער האָט מען שוין סיייווי דערציילט. קאָנטשעטאָ האָט דערציילט.

— און וואָס האָט דערויף געזאָגט די מאַמע? — סאַלוואַטאָרע האָט פאַר־זשמורעט די אויגן און פון דער זייט געקוקט אויף קיאַרען.

— איך האָב איר געזאָגט, אז איך וועל בלייבן ביי דיר איבער נאַכט, האָט זי זיך איבערגעצלמט און אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל איר דאָס עסן פון פּאַלאַצל נישט ברענגען. אז איך וועל אַלץ דיר איבערלאָזן.

— אַזוי, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ ברום געטאָן.

— ביסט געוואָרן אומעטיק, סאַלוואַטאָרע? איך וויל דאָך פון דיר גאָר־נישט. אויב דו ווילסט קאָן איך באַלד אוועקגיין. איך וויים, אז דו ווילסט מיך נישט.

— דו שפּייזט דאָך מיך. אַלע וויסן שוין.

— עמעצער דאַרף דיר דאָך געבן עסן. אַנדערש וואָלסטו דאָך געשטאָרבן.

— פון דיר וואָלט איך גאָרנישט נישט באַדאַרפט נעמען, קיארא.

— איז וואָס זאָל איך טאָן, טאַטאָ? זאָל איך אַוועקגיין? — קיארא האָט פאַרמאַכט דאָס מויל מיט די פינגער און געקוקט סאַלוואַטאָרען אין די אויגן אַריין, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— זאָל איך אוועקגיין, טאַטאָ?

— ניין, האָט ער געזאָגט.

זי האָט צוגעדריקט דעם פּויסט צום מויל און געבליבן זיצן אָן באַוועגונג. דערנאָך האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אויף דעם קישן.

סאַלוואַטאָרע האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר ציטערנדיקן אַקסל.

— אָ, מאַדאָנע מיינע! זיסע „סאַנטא קיארא"! — האָט געבליפּעט דאָס מיידל.

סאַלוואַטאָרע האָט זי געגלעט איבער די האָר.

— האָסט געהערט? — איז אויפגעשפּרונגען קיארא, — נישט ווייט האָט עפּעס א הילך געטאָן, ווי א דונער.

— יאָ, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך אויף די עלנבויגן.

ביידע האָבן זיך צוגעהערט. דורך דער צעעפּנטער טיר האָט מען געזען דעם פינצטערן יולי־הימל, א געדיכט־פאַרזייט מיט שטערן.

די שטילקייט האָט אויסגעדאַכט צו לאַנג. דערנאָך האָבן זיך דערהערט גע־שרייען, א טופּן פון לויפנדיקע פיס.

די מענטשן האָבן זיך איבערגערופן, הויך געשריגן, אָבער עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין די ווערטער. ביידע זענען נאָך אַלץ געלעגן און זיך צוגע־הערט.

— וואָס קאָן דאָס זיין? — האָט קיאַרא געפרעגט. — קום, לאָמיר א קוק טאָן, אפשר האָט זיך נאָכאַמאָל אָפּגעריסן א פעלז. געדענקסט, לאַנג פאַר דער מלחמה, ווען מיר זענען קליין געווען, האָט זיך אַראָפּגערוקט א פעלז, פאַרשיט א הויז און דערהרגעט די עלטערן פון קאָנטשעטאָן?

— עמעצער האָט געשאָסן, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט, — דאָס איז גישט קיין פעלז.

קיאַרא האָט פאַרבראָכן די הענט:

— ווער האָט געשאָסן? גאָט מיינער, גראָד איצט, גראָד איצט?!

סאַלוואַטאָרע איז אויפגעשטאַנען.

— קום, וועלן מיר זען, — האָט ער געזאָגט.

— קום וועלן מיר זען, — האָט איבערגעחזרט קיאַרא, פאַרוואַרפנדיק א טיכל אויפן קאָפּ.

זיי האָבן שוין דערזען דעם גאַנצן עולם צונויפגעזאַמלט פאַר פיליפּעלאָס הויז. די מענטשן זענען געשטאַנען אין א ראָד, און אין דער מיט האָט געקניט אַגאַטאַ, די פרוי פון פיליפּעלאָ. זי האָט זיך געריסן די האָר, געשריגן, געשלאָגן דעם קאָפּ אין דער ערד.

— שפּייזער מיינער, מאַן מיינער, שפּייזער מיינער, מאַן מיינער! — האָט זי געיאָמערט.

פיליפּעלאָ איז געלעגן גאַזנדיק מיט אַן ארויסגעשטאַרצנדיקער באָרד און פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט. די פינגער פון דער לינקער האַנט, צענומענע און אויסגעקרימטע, זענען געווען איינגעקלאַמערט אין דער ערד, וועלכע איז געווען צעגראָבן מיט די נעגל. דערנעבן האָט אָנגערונען א קאַלוזשע נאָך נישט פאַרקילט בלוט. עס איז געפלאָסן פון דער לינקער, דורכגעשאָסענער קלאַפּע פון סורדוט.

צוויי מענטשן האָבן געוואָלט אויפהייבן דעם טויטן גוף, אָבער עמעצער האָט א געשריי געטאָן. דאָס איז געווען לעליאָ, דער קרעמער:

— נישט רירן אים פון אָרט!

די צוויי מענטשן זענען אַראָפּגעשפּרונגען, אריינגעשטעלט זיך צווישן עולם און געקוקט ארום זיך מיט שרעק.

— מע דאַרף רופן פּרעצאָן, — האָט עמעצער געזאָגט.

— און דאָן לואידזשין.

— מע האָט שוין פון לאַנג נאָך זיי געשיקט, — האָט געזאָגט דזשודיטאַ, די פרוי פון סאַנדראָן. — מינקוטשיאָ איז נאָך זיי געגאַנגען.

— מע האָט שוין נישט געהאַט װעמען צו שיקן, נאָר א קינד, — האָט זיך אױפגערעגט פּיערינא, די פרוי פון װיטאָן. — עס װאָלט געמעגט גײן עמעצער פון אײך אלײן, — האָט זי געזאָגט, צװוארפנדיק די מענער א בײזן בליק.

— זײ שטיל דאָרט, האָט מען זי באַרואיקט מיט א סיקען.

— װער האָט אים געקאָנט דערהרגענען? — האָט דזשודיטע געפרעגט. אָבער זי איז גלײך שטיל געװאָרן, באַקומענדיק א שטוים מיטן עלנבױגן פון װינטשענצע, דער פרוי פון סילװיאָן, װעלכע איז געשטאַנען מיט פאַרפּרעסטע ליפּן, די הענט פארבאהאַלטן אונטערן פארטעך.

— און גלײך פארן הויז, — האָט צוגעגעבן דזשודיטא. פּלוצעם האָט זי אָנגעהויבן אונטערקרעכצן: — אָ, גאָט, װאָס פאר אן אומגליק!

דער עולם האָט געשאַיגן און עקשנותדיק זיך אײנגעקוקט אין געזיכט פון מת און אין דער פרוי פון פיליפּעלאָן, װעלכע האָט געהאַלטן אין אײן קלאָגן מיט א שטים, װעלכע איז געװאָרן אלץ מער הײזעריקער:

— שפּײזער מײנער, מאַן מײנער, שפּײזער מײנער, מאַן מײנער!

— עס גײט שוין דאָן לואידזשי, — האָט עמעצער געזאָגט.

— עס קאָן נישט זײן, אז ער זאָל שוין באװײזן פון פראַגאַלאַ, — האָט זיך אָנגערופן לעליאָ דער קרעמער.

מע האָט נישט געגלױבט און זיך ארומגעקוקט. עס האָבן זיך דערהערט עמעצנס טריט. דאָס איז געװען דער „סינדאַקאָ“ אברוצעזע. ער איז ארײנגע־גאַנגען אין רעדל. ער האָט געקרײצט די הענט. דערנאָך האָט ער אױסגעטאָן דעם קאַפּעליוש און פאַמעלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ איבער דעם גוף פון פיליפּעלאָן.

— װעמען האָט עס געקאָנט אײנפאלן! — האָט ער אָפּגעזיפצט, — דאָס איז א שאָס פון אַנטאָניא גרעקאָ!

— אַנטאָניאָ גרעקאָ, אַנטאָניאָ גרעקאָ, — האָט זיך צעטראָגן אַ שעפּטשען.

— אָן אומגליקלעכע משפחה די דאָזיקע גרעקאָס.

עס איז װידער אַנטשטאַנען א שטילקײט.

דערנאָך האָט עמעצער א שעפּטשע געטאָן:

— ער גײט, ער גײט!

דער קרײז האָט זיך פאַנאַנדערגענומען. דער דאַרער קשיאָנדז דאָן לואידזשי, דער זון פון פיליפּעלאָן, האָט געאײלט מיט גיכע טריט. די פּעלערינקע, װעלכע איז געװען פאַרװאָרפן אויף די אקסלען, האָט זיך אױפגעבלאָזן. נאָך אים איז גע־לאָפן דער סערזשאַנט פּרעצאָ און בײדע קאַראבינערן.

דאָן לואידזשי האָט זיך אײנגעבויגן איבערן פאָטער, אנידערגעקניט, צוזא־מענגעלײגט די הענט און שטיל באַװעגט מיט די ליפּן.

ערשט איצט האָט זיך פון דאָ און דאָרט דערהערט א שטיל כליפּען. אין א װײלע ארום האָבן אלע פרויען געװײנט.

דאָן לואידזשי האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען די סוטאַנע און אויפגעשטאַנען. ער האָט בייז א קוש געטאָן אויף די זיך שטויסנדיקע מענטשן. זיין פּנים איז אין דער פינצטער געווען ווייס, ווי קאַלך. ער האָט ארויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ פון דער יאָמערדיקער מאַמען.

— פּאָטער,דיין בלוט וועט נישט זיין אומזיסט. איך שווער דיר. איך בעט גאָט, אַז ער זאָל צונעמען דעם קרבן. איך וויים, וועלכע קויל עס האָט דיך דערהרגעט, פּאָטער! זיי, זיי זענען דיינע מערדער! — לואידזשי האָט אויסגעצויגן אַ ציטערדיקע האַנט אין דער זייט פון דעם סעקציע-לאָקאַל.

עס איז געוואָרן שטיל. די מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט איינע מיט די אַנדערע. און דערנאָך האָבן זיך אַלעמענס בליקן געווענדט צו אַברוצעזען. אָבער דער „סינדאַקאָ" איז געשטאַנען מיטן קאַפּעליוש אין דער האַנט, מיט איין פּום אַרויסגערוקט פאָרויס און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי איבער אַן אָפענעם קבר.

— אַברוצעזע, — האָט אויסגעשריגן דער דאַרער, ביינערדיקער גאַספּאַרע שיאַוואָנע, — איר האָט דאָך געזאָגט, אַז דאָס איז אַנטאָניאָ גרעקאָ.

דער „סינדאַקאָ" האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, ווי מע זאָל אים אויפוועקן פון שלאָף:

— לאָזט צורו, — האָט ער געזאָגט, — ווייניקסטנס איצט לאָזט צורו מיט דער פּאָליטיק! די אויספאָרשונג וועט באַווייזן. און איצט גייט רואיק אַהיים. איך וועל נישט דערלאָזן קיינעם באַעוולהן. איר מעגט זיין רואיק, בירגער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ!

די מענטשן האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו צעגיין.

— איך מוז נאָכאַמאָל זיך אומקערן צו דיר, — האָט קיארא געזאָגט, — איך האָב איבערגעלאָזט דאָס עסן פאַר דער מאַמען.

עס איז געווען פינצטער און דאָס מיידל האָט זיך געהאַלטן פאַרן אָרעם פון סאַלוואַטאָרען.

— נו, איצט וועט שוין אַנדזשעלינאַ קאָנען צוריקקערן אין דאָרף אַריין, ווי נאָר זי וועט געבוירן. אפשר נישט, טאַטאָ?

סאַלוואַטאָרע האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסל, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אין דער היים איז אַ טויטער גוף שרעקלעכער ווי אויף דער מלחמה.

קאַפּיטל צען

I

עס איז געקומען אַ קאָמיסיע פֿון קראָטאָנע. אין משך פֿון אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי פֿאָטאָגראַפֿירט דעם געהרגעטן און דאָס אָרט, ווו ער איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל פּרעצאָ האָט אים נישט געלאָזט רירן. זיי האָבן געמאָסטן די שטרעקע צווישן דעם דערהרגעטן און זיין הויז, באַקוקט צענדליקער קליינע לעבער פֿון שרויט, באַשמעקט דעם סורדוט און געזאָגט, אַז מע האָט געשאָסן פֿון דער נאָענט פֿון אַ יעגער־ביקס.

זיי האָבן אויסגעפֿרעגט, ווער האָט דער ערשטער דערהערט דעם שאָס, ווער האָט דער ערשטער אים דערזען ליגן אויף דער ערד און צי ער איז גלייך געווען טויט. אַגאַטאָ, די פֿרוי פֿון פֿיליפּעלאָ, האָט די ערשטע דערהערט און די ערשטע דערזען, אָבער זי האָט כסדר געענטפֿערט איינס און דאָס זעלבע:

— מיין שפּייזער, מיין מאַן...

זיי האָבן אויך אויסגעפֿרעגט דעם „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע. יעדעס מאָל האָט ער געמוזט אונטערשרייבן אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר. זיי האָבן צושטימענדיק געשאָקלט מיט די קעפּ. אַלץ האָט זיי געשטימט. נאָר דעם אַלטן אַנטאָניאָ האָט מען נישט געקאָנט געפֿונען. זיי האָבן איבעריקנס אין אָוונט געמוזט זיך צוריקקערן אַהיים.

ערשט צומאָרגנס פֿרי האָבן די קאַראַביניערן, דער געל־רויטער און שוין נישט יונגער פּיקולי און אַלפּיאָ מיט די דינינקע ווי פֿעדעם וואָנצעס, אַרויסגעצויגן דעם אַלטן יעגער פֿון אַ פּוקס־נאָרע אין יאַגד־רעזערוואַט פֿון באַראָן בערלינגיערי. און דאָס להלוטין נישט אין דעם סאַמע געדיכטסטן טייל, נאָר גלייך אויפֿן ראַנד פֿון דעמבענעם וואַלד.

מע האָט אים אָנגעטאָן קייטלעך און צופֿוס געיאָגט אין שטאָט אַריין. דער אומגליקלעכער איז געגאַנגען אָן אַ קאַפּעליוש, געוואַקלט זיך אויף די פֿיס און איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. אויף זיין קאָפּ האָבן זיך געזילבערט די גרויע, אָפּגעבליאַקעוועטע האָר.

נאָך אים, ווי נאָך א לוויה, איז געגאַנגען מיט זײַנע צוויי קינדער אַלעסיאָ מיט אַ טרויער־באַנד אין קלאַפּע נאָך זײַן פרוי לואיזאַ. די קינדער זענען אַלעמאָל פאַרלאָפן דעם זײַדן דעם וועג, כדי פון דער נאָענט צו זען די בלישטשענדיקע קײַטלעך אויף די הענט פון אַרעסטירטן. אָבער די קאַראַביניערן האָבן זיי אַוועקגעיאָגט.

— עפּעס א קללה איז געפאַלן אויף דער דאָזיקער משפּחה, — די פרויען האָבן דערשראָקענע זיך איבערגעצלמט.

אַלעסיאָ האָט באַגלייט דעם טאַטן זייער ווייט, אַזש ביז דעם שטיינערנעם בריק אויף דעם טייך נעטאָ און זיך אומגעקערט מיט די קינדער צוריק אַהיים.

דער טייוול האָט אָנגעטראָגן אַנטאָניאָן גראָד צו מיר, — האָט געזאָגט דער „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע צו אַרמאַנדאָן, — אָבער איך האָב נישט געטאָרט שווייגן. איך בין רואיק, איך האָב דערפילט מײַן חוב. אַז אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז עס גייט אים גאָרנישט אָן און וואָלט אַלץ פאַרשוויגן. די גאַנצע קריגערײַ. אָבער צי האָב איך דאָס געקאָנט טאָן? דאָס וואָלט דאָך געהייסן גיין צוזאַמען מיטן שונא, — אַברוצעזע האָט אַ ווינק געטאָן מיטן אויג.

— זיי האָבן נאָר דערויף געוואַרט, — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו אַרמאַנדאָן, — דאָן לואידזשי האָט גלייך געוואָלט דאָס בלוט פון זײַן טאַטן אונטערוואַרפן די קאָמוניסטן. ביטרע? וואָס?

— אַ דאַנק אײַך, „סינדאַקאָ“, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט.

— איך באַדויער נאָר, וואָס איך מוז דעם מיטיק אָפּלייגן. איך מיין, אַז מע דאַרף אָפּוואַרטן אַ טאָג, צוויי.

— פאַרפאַלן, — האָט אַרמאַנדאָ געזאָגט.

אין אָוונט איז אין שטאָטראַט געקומען פרעצאָ. אַברוצעזע האָט זיך שוין געלאָזט גיין אַהיים. דער קאַראַביניער האָט אים פאַרהאַלטן אויף דער שוועל.

— אָרדנסט איין אַ מיטיק? — האָט דער סערזשאַנט געלאַכט. אײַלסט זיך? — פרעצאָ האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און פאַררויכערט.

— לאָמיר זיך צוזעצן און אַ ביסל אַ שמועס טאָן: ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל. — ווען וועסטו פאַרבעטן?

— איך וועל זיך נאָך פאַרטראַכטן, — האָט געענטפערט דער „סינדאַקאָ“.

— זעץ זיך צו, אַברוצעזע. — פרעצאָ האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל. אַברוצעזע האָט פאַרנומען אַן אָרט אויפן טרעפּל, אָפּרוקנדיק זיך פון קאַראַביניער,

— און מיך וועסטו אויך פאַרבעטן? — האָט פרעצאָ געפרעגט.

— דו ביסט שוין אויך אַ קאָמוניסט? — האָט זיך אַברוצעזע פאַרקרומט.

דער סערזשאַנט האָט אַרויסגענומען דאָס טיכעלע און אָפּגעווישט דעם פעטן קאַרק פון שווייס.

— בלויז קאָמוניסטן וועלן זיין? טאָ וויפל וועסטו זיי האָבן אַלע אינאיינעם? מעגלעך, אַז נישט אַלע וועלן קומען.

— זאָרג זיך נישט, זיי וועלן קומען.

— איך זאָרג זיך נישט. וואָס גייט עס מיך אָן?

— זעט אויס, אַז עס גייט דיך יאָ אָן, אויב דו פרעגסט זיך אַזוי אויס. זאָג, וואָס האָסטו צו מיר?

פרעצאָ האָט אַראָפּגעבלאָזן דעם אַש פון פּאַפּיראָס. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, באַווייזנדיק קליינע ווייסע ציין:

— האָסט שוין מורא? זעט אויס, אַז דו האָסט נישט קיין ריינעם געוויסן. המ...— דער קאַראַביניער האָט אַרויסגענומען דעם פּאַפּיראָס פון מויל און זיך אָנגעהויבן פאָרען מיטן טיכעלע, — מע קאָן דערשטיקט ווערן, אַפילו איצט איז נישטאָ קיין טראָפּן לופט.

— נו, איך מוז שוין גיין, — דער „סינדאַקאָ“ האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, אָבער דער קאַראַביניער האָט אים צוגעהאַלטן פאַרן אָרעם.

— געדענקסט, ווען ס'איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר מאַיאָלינאָ? — האָט ער אָנגעהויבן. — ווייסט, ער האָט זיך געפרעגט וועגן דיר, וועגן דער ערד לעבן דיין ווייַנגאָרטן פון „אונטן“. אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז דו שטייסט מן הצד. אַ גליק, וואָס דו האָסט זיך נישט אַריינגעמישט אין דער אָקופּאַציע פון פראַגאַלאַ. אַנדערש וואָלט איך דיך נישט געקאָנט פאַרטיידיקן.

— דו פאַרטיידיק מיך נישט. און וואָס אָנבאַלאַנגט דער ערד, זאָגסטו אַ ליגן. מאַיאָלינאָ האָט זיך וועגן גאָרנישט נישט געפרעגט. דאָס איז שוין צו אַן אַלטע געשיכטע. זיי וואָלטן זי געקאָנט אָפּנעמען דעמלט, ווען זיי האָבן ביי אַנדערע אָפּגענומען. כ'האָב סייווי געהאַט פון איר ווייניק נחת. מע האָט זי מיר איבערגעלאָזט, כדי די מענטשן זאָלן פילן צו מיר אַ קנאה, וואָס דער באַראָן האָט מיך געשאַנעוועט און זיי נישט.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו זי אַליין נישט אָפּגעגעבן דעם באַראָן?

— אָפּגעבן, פאַרוואָס זאָל איך זי עפּעס אָפּגעבן?

— איך זאָג אויך, אַז נישט. אַ נאַר גיט אָפּ. און די ביסט דער „סינדאַקאָ“. דיר קומט מער פון אַלעמען.

אַברוצעזע האָט פאַרזשמורעט איין אויג:

— זאָג, מיין טייערער, צוליב וואָס ביסטו געקומען? וואָס?

— ריכטיק, איך בין געקומען. אָבער איצט זע איך, אַז עס זענען אַ שאָד די רייד. דו האָסט זיך לעצטנס שטאַרק געביטן. דו מיינסט, אַז די קאָמוניסטן

ווע‍לן היינט מאָרגן איבערנעמען די מאַכט? שטותים! — דער קאַראַביניער האָט זיך אַלץ געפּאַכעט מיטן טיכעלע. — הער, „סינדאַקאָ". ווייסט, די אַלמנה פון פּיליפּעלאָן קאָן זיך איצט קיין עצה נישט געבן אַליין מיט דער באַלעבאַטישקייט. דאָן לואידזשי וויל פאַרקויפן אַ העלפט שאָף. דו וואָלסט זיי געקאָנט קויפן אָנ־שטאָט עמעצער אַנדערש.

— פאַר וויפל געלט?

— איר וועט זיך אויסגלייכן. דאָן לואידזשי וועט זיי ביליק אָפּגעבן.

— עס זאָל זיין ווי צומביליקסטן, האָב איך נישט קיין געלט. וויפל הייסט ביליק?

— איך זאָג דיר, אַז איר וועט דורכקומען. זייער ביליק. פּשוט האַלב אומ־זיסט.

— וויפל הייסט דאָס האַלב אומזיסט?

דער קאַראַביניער איז שטיל געבליבן. ער האָט זיך צוגערוקט און געזאָגט מיט אַ געדעמפּטער שטים:

— אַ קליינע געפעליקייט.

— אַ געפעליקייט?

— „סינדאַקאָ", מיר זענען דאָך צווישן זיך, קאָנען מיר רעדן אויפריכטיק. הער, אויפן געריכט וועט מען דיר מוחל זיין, מע וועט פאַרשטיין, אַז דו האָסט געוואָלט דעקן די קאָמוניסטן. אָבער איצט זאָג דעם אמת. אַרמאַנדאָ האָט אַרוים־געהאָלפן דזשיאַנין. דזשיאַני האָט דאָך געוווּסט, אַז דער אַלטער פּיליפּעלאָ וואַרט גאָר אויף דעם מאָמענט, אַז אַנדזשעלינאַ זאָל געבוירן. אַרמאַנדאָ ווידער, אָנ־שטאָט אַליין צו שיסן, האָט זיך באַנוצט מיט אַנטאָניאָן, וועלכער איז אוים אַלטקייט שוין האַלב פון זינען.

אברוצעזע האָט זיך אַ בייג געטאָן אויף צוריק. אויפן פאַרוואַקסענעם פּנים האָבן אַ בליץ געטאָן די ווייסלען פון די אויגן.

— ער?!

פּרעצאָ האָט געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן, ער האָט צעפּירט מיט די הענט.

— דו ביסט דאָך דער איינציקער עדות. דו האָסט דער לעצטער געזען פּילי־פּעלאָן. און אויפן געריכט וועסטו זיך מודה זיין, אַז דו האָסט אויסגעקלערט די דאָזיקע געשיכטע מיט דער ביקס. און אַז אַנטאָניאָ איז בכלל ביי דיר נישט געווען און מער גאָרנישט. דאָס איבעריקע גייט דיך נישט אָן.

— פּרעצאָ!?

— נו, ווי דו ווילסט, — דער קאַראַביניער האָט פאַרטרעטן דעם פּאַפּיראָס,

— אַלץ הענגט אָפּ פון דיר.

— הער אויף, פּרעצאָ, — דער „סינדאַקאָ" האָט פאַרביסן די ציין, — איך זאָג דיר, הער אויף! איר מיינט, איך בין אַזאַ שמאַטע, ווי קאָנטשעטאָ! שטענדיק

האָט איר נאָר אײנציקע עדות. קאָנטשעטאָ איז אײן עדות, און איך בין דער צווייטער. מאָרגן וועל איך דאָס אַלעמען דערציילן.

דער קאַראַביניער האָט אָפּגעשטויבט די אַרויסגעשטופּטע קני פֿון די הויזן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַברוצעזען און אויפֿגעשטאַנען.

— גוט, דערציי́ל, — פּרעצאָ האָט זיך אײַנגעבויגן, — אָבער איך וועל אויך דערציילן. איך וועל דערציילן, ווער עס האָט צו מיר דאָס ערשטע מאָל צוגע־שיקט לעליאָן, ווען ער איז נאָך נישט געווען קײן קרעמער. ווייסט, ווער ס'איז לעליאָ?

— לעליאָ? וואָס איז לעליאָ?...

— מאַך זיך נישט פֿאַר נאַרישער, ווי דו ביסט. דו האָסט גוט געוווּסט, צוליב וואָס דו האָסט צוגעשיקט צו מיר לעליאָן, און פֿאַרוואָס האָט מען דיר דעמאָלט איבערגעלאָזט די ערדה, הע?

אַברוצעזע האָט אָנגעכאַפּט דעם קאַראַביניער פֿאַר די קלאַפּעס פֿון דער מאַרינאַרקע:

— דו, טייוול! — האָט ער געשריגן.

דער קאַראַביניער האָט אים מיט דער האַנט פֿאַרמאַכט דאָס מויל. ער האָט זיך אומגעקוקט. אין דער ריכטונג פֿון פֿרײַהײַמס־פּלאַץ זענען געגאַנגען מענטשן. דעם „סינדאַקאָ“ איז אַראָפּגעפֿאַלן דער קאַפּעליוש. דער קאַראַביניער האָט זיך אײַנגעבויגן, אויפֿגעהויבן אים און מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַרויפֿגעזעצט דעם „סינדאַקאָ“ אויפֿן קאָפּ. און ווען די מענטשן זענען שוין געווען גאָר נאָענט, האָט ער הויך געזאָגט:

— איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל געבן פֿון זיך צו וויסן אויף דײַן מאָרגנדיקן מיטינג.

II

אין דער פֿרי האָט מען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון „סינדאַקאָ“ אַברוצעזע אַרויסגעטראָגן דעם לענגלעכן טיש און צוויי בענק. מע האָט זיי אוועקגעשטעלט לענגאויס דער צפֿונדיקער, בלינדער וואַנט פֿון דער שטאָטראַט־געבײַדע, בײַ וועל־כער עס איז ווי צוגעקלעפּט געשטאַנען נישט קײן גרויסער גלאָקנטורעם, וועל־כער האָט זיך אויפֿן שפּיץ פֿאַרענדיקט מיט אַ שמאָלער אַרקאַדע. דורך איר האָט מען געזען, ווי דורך אָוואַלע רעמלעך פֿון אַ בילד, דעם שטענדיק בלויען הימל. דער קלײנער גלאָק איז געהאָנגען שיף אונטער דער וועלבונג. פֿון דאָרטן האָט דער אַלטער אַנדרעאָ, וועלכער וווינט אין דער קאַפּליטשקע פֿון זינט זײַן שנור, דזשודיטאַ פֿון באַנאַקאַטאַ, האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב, צונויפֿ־

גערופֿן דעם עולם אויף אָפּצוריכטן די מעסע און אַנדערע תּפֿילות. דער שמאָלער גאָרן פֿון דער שטאָטראַט־געבײַדע האָט געוואָרפֿן אַ שאָטן אַזש ביז אַ העלפֿט פֿון פּלעצל, וואָס פֿאַר דעם קאָשטשיאָל „סאַנטאַ קיאַראַ“, הינטער וועלכן עס האָט זיך געפֿונען דער פֿרײַהײַטס־פּלאַץ.

דער אַלטער אַנדרעאָ האָט צו דער צײַט געמאַכט אָרדענונג. ער איז אַרומגעגאַנגען פֿאַר דעם טויער פֿון קאָשטשיאָל און אויסגעקלאַפּט די שמאַטעס פֿון שטויב. ער האָט אויפֿגעהויבן די שוואַכע אויגן, פֿאַרזשמורעט זיי פֿון דער זון און געפֿרעגט די מענטשן, פֿרויען, יונגע מיידלעך און קינדער, וועלכע זענען געזעסן אויף די מאַרמאָר־טרעפּ, — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ באַוועגונג הײַנט אויפֿן פּלאַץ. וואָס טוט זיך עס אין דער ראָקאַ די דזאָלפּאָ? נישטאָ קיין איין רואיקער טאָג. צי האָט מען שוין ווידער עמעצן דערהרגעט? זיכער איז שוין ווידער עפּעס אַ מעשה מיט דער פּאָליציי.

די גאַנצע נאַכט איז אַברוצעזע נישט געשלאָפֿן, זײַענדיק פֿאַרנומען מיט די צוגרייטונגען. מע האָט באַדאַרפֿט קוילענען אַ יונגן חזיר. און די פֿרוי אַניעזע האָט אָפּגעבאַקן ברויט, צוגעגרייט לאָקשן פֿאַר פֿופֿצן מענטשן. דערנאָך האָט זי אים געהאָלפֿן מאַכן דעם חזיר, וועלכן מע האָט אָפּגעגאָסן מיט זודיק וואַסער און אָפּגערייניקט פֿון די האָר. דאָס האַרץ, די לונגען און דעם לעבער האָט מען אַרויסגענומען און אָפּגעפּרעגלט אויף דער פּאַטעלניע. מע האָט צוגעגעבן דערצו געקאָכטע קאַשטאַנען און מיט דעם אַלץ צוזאַמען אָנגעפֿילט אים, צוריק פֿאַרנייט און אַרײַנגערוקט אין אויוון.

און איצט, קוקנדיק אויף אים, ווער האָט עס געקאָנט וויסן, וויפֿל אַרבעט עס האָט געקאָסט? דער חזיר האָט פֿאַרנומען דעם סאַמע מיט פֿון טיש, ער איז געזעסן מיט אונטערגעבויגענע פֿיס, ווי אַ טערק, אויף אַ ספּעציעלער ברעט, אַן אויסגעפּרעגלטער אויף ברוין, מיט אַראָפּגעהאָנגענע אויערן און מיט אַ ציטרין אין פּיסק. פּונקט ווי מע זעט דאָס אין די קראָמען. דערנעבן זענען געלעגן הויפֿנס פֿון גראָב אָנגעשניטענע דעפּטלעך ברויט, עס זענען געשטאַנען טונקעלע פֿלעשער און בוטלעס אין שטרויענע געפֿלעכטן, גלעזער און פּאָרצעלייענע טעפּלעך אין קאָלירטע בלומען, און אין אַ גרויסער שיסל איז געווען אָנגעלייגט ביז איבער די ברעגעס לאָקשן, באַגאָסן מיט פּאָמידאָרן־סאָס.

די אָרעמע אַניעזע, זי האָט זיכער די גאַנצע קיך־שאַפֿע אויסגעליידיקט און אויסגענוצט אַלע זאַפּאַסן, וועלכע האָבן זיך בײַ איר אָנגעזאַמלט פֿון יום־טובֿ צו יום־טובֿ.

אַברוצעזע האָט זיך אומגעקערט פֿון שטאָט אַ פֿאַרסאַפּעטער. ער איז געווען בײַ יעדן באַזונדער. אָבער נישט אַלע האָט ער געטראָפֿן אין דער היים. די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿקומען.

פון די קאַשטשיאָל־טרעפּ האָבן זיך די פרויען צוגעקוקט צו די געסט, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אויף דער סעודה. לעבן די מאַמעס זענען געשטאַנען באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע קינדער.

יעדן ניי־פאַרבעטענעם, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן פּלעצל, האָבן זיי אויפגענומען מיט אויסגעשרייען, אויפגערופן הויך ביים נאָמען און אויסגעשאָסן מיט געלעכטער, ווען ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן אַ וועלכער ס'איז וויץ.

— אָ, סאַנדראָ, — האָט מען געלאַכט צו דזשודיטען, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל פון דער זייט, — ווי עס האַנדלט זיך אין ווייַן, איז דיין מאַן דער ערשטער.

— אָ, גאַספּאַרע שיאַוואָנע, — מע האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער „סינדאַקאָ“ האָט אים אויך איינגעלאַדן און מע האָט זיך אַרומגעקוקט, זוכנדיק זיין פרוי, די מיאוסע הויקערדיקע לעטיציאַ.

— אָ, פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, — קוק לוטשיאַ, ווי עס גלאַנצט אים דער קאָפּ? האָסט אים היינט אויסגעשמירט מיט בוימל?

— אָ, זעט, זעט, אויך דער סמאַרקאַטש לינאָ איז דאָ!

— אָ, סימאָנע באַרבאַראָ, דער אַלטער, אייביקער אַלמן. ער האָט שוין זיכער פאַרגעסן, ווי עס זעט אויס ביי אַ פרוי!

— פיערינאַ, און פאַרוואָס איז נישטאָ דיין וויטאָ? ער, פיערינאַ?

— ער, פּעפּע, פּעפּע, טו אונדז נישט אָן קיין חרפּה און פאַרליר נישט די הויזן!

— אָ, פּעפּע זע, זע, זיי פאַלן דיר אַראָפּ פון בויך.

פּעפּע פּעדעלי האָט זיך אויסגעדרייט צו די פרויען, אַרויסגעשטעקט זיי דעם צונג און, פאַרמאַכנדיק דאָס געזונטע אויג, געגלעט זיך איבערן בויך.

— ווען גייסטו צו קינד, פּעפּע?

די קינדער האָבן געקוויטשעט פון פרייד און געצויגן די מאַמעס ביי די קליידלעך, אָנווייזנדיק מיט די פינגער אויף דעם לעכערלעך גראָבן פּעפּע פּעדעלין.

אין אזא טומל האָט מען נישט געקאָנט אָנהייבן. ווייניקסטנס דאַרף כאָטש דער אָנהייב פון דער סעודה זיין אַ פייערלעכער. אַברוצעזע האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צום קאָשטשיאָל און אַרומגענומען מיט אַ בייזן בליק דעם צוזאַמענגעלויף. אויף אַ ווײַלע זענען די פרויען שטיל געבליבן.

אַברוצעזע האָט צוגעוואַרט, ביז די פאַרבעטענע וועלן פאַרנעמען ערטער אויף ביידע זייטן פון טיש. סילוויאָ און אַרמאַנדאָ זענען געווען אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום קאָשטשיאָל און אברוצעזע האָט זיך אוועקגעזעצט צווישן זיי.

— נו, הייבן מיר, הייסט עס, אָן — אַברוצעזע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די געסט און אַ שמייכל געטאָן צו סימאָנען, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן

אים. סימאָנע האָט אַ רעזיגנירטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און פּעפּע פּעדעלי האָט אויסגערופן:

— צוליב דעם זענען מיר דאָך געקומען.

סאַנדראָ האָט אָנגעהויבן אָנגיסן ווײַן, קוקנדיק אַלץ בײַם ליכט, צי אין פֿלעשל איז נאָך עפּעס פֿאַרבליבן.

— מיר הייבן, אַלזאָ, אָן, — האָט אַברוצעזע געזאָגט און אַ טרונק געטאָן אַ ביסל פֿון גלאָז.

די געסט האָבן אויך אַ זופּ געטאָן.

די הויכע לײַמענע שיסל מיט לאָקשן, די גרייס פֿון אַ צעבער, האָט געוואַנדערט פֿון האַנט צו האַנט. אַברוצעזע האָט געוואָרנט, מע זאָל אָנהייבן פֿון אַרמאַנדאָן. די מענטשן האָבן געגעסן די לאָקשן, אויפֿוויקלענדיק זיי אויף גאָפּלען און דערבײַ אײַנגעטונקען ברויט אין פּאָמידאָרן־סאָס. זיי האָבן געגעסן אַ סך און גיך. זיי האָבן זיך בלויז אויסגעווישט די ליפּן, כּדי צו פֿאַרטרינקען מיט ווײַן. סאַנדראָ האָט אַלעמאָל אַרונטערגעשטעלט אונטערן טיש אַ נײַע פֿוסטע פֿלאַש. ער האָט דערבײַ אָנגעקלאַפּט אין פֿאַרצעלייענעם טעפּעלע פֿון פּעפּע פּעדעלי און אַ רויט ריטשקעלע האָט אָנגעהויבן רינען אַזש ביז ליגאָן, וועלכע איז געזעסן אין צווייטן עק.

אַברוצעזע האָט גענומען דאָס קצבישע מעסער, אָפּגעשניטן דעם ווײַכן, אַזוי ווי אָן ביינער, קאָפּ פֿון חזיר און אים צוגערוקט צום חשובסטן גאַסט — אַרמאַנדאָן, געבנדיק אַכטונג, אַז דער ציטרין זאָל נישט אַרויספֿאַלן פֿון זײַן פּיסק.

אַרמאַנדאָ האָט אים צעטיילט אויף אַזויפֿיל טיילן, וויפֿל עס זענען געווען מענטשן.

— און דאָס שטיקל, — האָט ער געזאָגט, אָפּלייגנדיק דעם געשמאַקסטן טייל מיטן אויער, — וועלן מיר באַהאַלטן פֿאַר ראָזאַריאָן, און די צווייטע פֿאַר וויטאָן.

— איך האָב זיך טאַקע געוואָלט פֿרעגן, — האָט זיך אָנגערופֿן פּעפּע פּעדעלי, — ווו איז ראָזאַריאָ, און ווו איז וויטאָ?

— וויטאָ איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן נאָך קאָסעס. דזשיאַני האָט צוגעזאָגט אַרמאַנדאָן צו באַקומען זיי אין פֿאַרײַן. ראָזאַריאָ איז בײַ דעם ווײַץ.

— איר האָט געזען, ווי שיין עס איז אויסגעוואַקסן אונדזער ווײַץ? — האָט אַרמאַנדאָ געפֿרעגט, — הײַנט־מאָרגן וועלן מיר אָנהייבן קאָסען.

פֿראַנצעסקאָ האָט גענומען דאָס קצבישע מעסער און מיט איין מאָל אָפּגעשניטן דאָס גאַנצע ריפּנפֿלייש. דאָס פֿלייש איז געווען ווייס, זאַפֿטיק, ווי געווינלעך בײַ אַ יונגן חזיר. רוסאַנאָ האָט צעשניטן דאָס ריפּנפֿלייש אויף פֿענעצער און אַרויפֿגעלייגט אויפֿן ברויט, וואָס איז געלעגן פֿאַר יעדן גאַסט.

אַברוצעזע האָט געהאַלטן, אַז דער סעקרעטאַר פון דער סעקציע דאַרף עפּעס רעדן. אַרמאַנדאָ האָט אָפּגעטרעטן די בכורה דעם „סינדאַקאָ“. אויף דעם האָט אַברוצעזע טאַקע געוואַרט, ער איז אויפגעשטאַנען און פאַררוקט אויף הינטן דעם ברייטן שוואַרצן קאַפּעליוש, ער האָט אויסגעווישט מיטן רוקן פון דער האַנט די פייכטע וואָנצעס און די באָרד. וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, איז סאַנדראָ צוגעגאַנגען און אים אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז טונקל־רויטן וויין. דעם ערשטן טאָאַסט האָט דער „סינדאַקאָ“ אויסגעטרונקען פאַרן געזונט פון סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער סעקציע אין ראָקא די דזאָלפּאָ, אַרמאַנדאָ פעראַרי. הלוואַי וואָלטן אַלע קאָמוניסטן געווען אַזוי ווי ער.

אַרמאַנדאָ האָט, לאַכנדיק, דאָס אָפּגעלייקנט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און פאַרבייגייענדיק אַ קוק געטאָן אויף סילוויאָן, וועלכער איז געזעסן מיט אָנגע־כמורעטע ברעמען.

— ניין, לאָזט צורו, „סינדאַקאָ“, — האָט אויסגערופן אַרמאַנדאָ, — דאָ קאָן כמעט יעדער איינער אויסגעוויילט זיין פאַר אַ סעקרעטאַר.

— זיכער, — האָט מסכים געווען אַברוצעזע, — כדי צו באַערן דעם זיגע־רישן שטרייק פון די אַרבעטער, האָב איך טאַקע פאַרבעטן די בעסטע זין פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ אויף דער דאָזיקער באַשיידענער סעודה. און אויף זיכער פעלט נישט קיינער, וויל ווער, ווער — אָבער דער „סינדאַקאָ“ דאַרף אַלע געדענקען. נישט אמת? — האָט ער זיך געווענדט צו אַרמאַנדאָן.

אָבער אָנשטאָט אַרמאַנדאָן האָט געענטפערט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

— אַזעלכע בעסטע זין, ווי איך, זענען אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ פאַראַן מער. למשל, דער קליינטשיקער מאַטעאָ.

— פראַנצעסקאָ האָט רעכט, — האָט זיך אָנגערופן אַרמאַנדאָ, — און איך וואָלט נאָך צוגעגעבן סאַלוואַטאָרען.

— איך האָב געוואָלט פאַרבעטן דעם קליינינקן מאַטעאָ, נאָר, — דער „סינ־דאַקאָ“ האָט אַ קוק געטאָן אויף סילוויאָן, — נאָר איך האָב נישט געוווסט, וואָס די פאַרטיי וואָלט וועגן דעם געטראַכט. נו, און סאַלוואַטאָרען? דאָס וויים איך שוין באמת נישט... וועגן אים האָב איך אַפילו נישט געטראַכט, איך בין זיך מודה. סיידן בלויז דערפאַר, וואָס ער איז דזשיאַנים אַ ברודער? — ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ פרעגנדיקן בליק אויף אַרמאַנדאָן.

אַרמאַנדאָ האָט ווידער פאַרנייגט מיטן קאָפּ און געוואַרט, ביז דער „סינדאַ־קאָ“ וועט ענדיקן. אָבער איצט האָט אים איבערגעריסן סאַנדראָ:

— און פאַרוואָס איז נישטאָ לעליאָ?

אַברוצעזע האָט זיך איינגעבויגן איבער דער גלאָז, עטלעכע מאָל אַריינגע־שטעקט אין איר דעם פינגער, ווי ער זאָל וועלן פון דאָרט אַרויסנעמען אַ פליג, וועלכע איז דערטרונקען געוואָרן אין וויין. און דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט:

— וועגן דעם זיג פון די ארבעטער וועט אייך זיכער דערציילן אַרמאַנדאָ, איך האָב נאָך געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער. מע זאָגט, אַז יעדער איינער שמידט אויס זיין אייגענעם גורל. דאָס איז נישט אמת. לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, דעם אָרעמען פיליפּעלאָ. ער האָט געשמידט און געשמידט דאָס גאַנצע לעבן, ביז ס'איז געקומען אַ צווייטער און אים דערהרגעט. און ס'איז שוין נאָך פיליפּעלאָן. דער מענטש טראַכט אַזוי, און עס קומט אַרויס אַנדערש. יאָ, — האָט ער זיך פלוצעם דערמאָנט, — גיי, לינאָ, מיין טייערער, נאָך מאַטעאָן און סאַלוואַטאָרען אין זאָג זיי, אַז איך לאַד זיי איין. אַז אַרמאַנדאָ לאַדט זיי איין. — אַברוצעזע האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע.

— און זאָלן זיי זיך צואיילן, האָט נאָכגעשריגן פּעפּע פּעדעלי, — ווייל עס וועט ווייניקער פאר זיי איבערבלייבן.

אברוצעזע האָט אָנגעשטרענגט זיין געדאַנק. ער האָט געוואָלט רעדן און געוואָלט ענדיקן, און געצויגן א וואָרט נאָך א וואָרט. ער איז היינט געווען א שלעכטער רעדנער.

צוואָס האָט ער אייגנטלעך דערמאָנט דעם נאָמען פון אָרעמען פיליפּעלאָן, כדי קיינער זאָל נישט קלערן, אז ס'איז גענוג אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ צו שטאַרבן, כדי מע זאָל אין דעם מענטשן פארגעסן? און נישט בלויז דערפאר. ווי באַווסט, האָט מען אין זיין מאָרד געוואָלט אריינשלעפּן די קאָמוניסטן. אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. יעדער איינער, וואָס איז אין דעם אָוונט געווען לעבן דעם דערמאָרדעטן, וויים, פארוואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. ארמאַנדאָ וויים אויך. זאָלן אלע בירגער וויסן, אז אזוי לאַנג ווי ער איז „סינדאַקאָ“ אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ, אזוי לאַנג וועט זיך די שונאים פון די קאָמוניסטן דער פּלאַן נישט איינגעבן. מעגלעך, אז זיי וועלן וואַרפן אויף אים שמוץ. אָבער ווער וועט זיי גלייבן?

— בראַוואָ, — האָט שוין מיט א הייזעריק קול אויסגעשריגן סאַנדראָ, אוועקשטעלנדיק אונטערן טיש א פלעשל, — בראַוואָ, „סינדאַקאָ“. דו ביסט אונדזער טאַטע. איך וועל דער ערשטער פאר דיר שטימען. אפשר נישט? — ער האָט א קוק געטאָן מיט פארטרויטלטע אויגן אויף די פארזאמלטע. — אָבער איך בעט אייך שיקט נאָך לעליאָן. נאָך מאַטעאָן און סאלוואטאָרען האָט איר געשיקט. און נאָך לעליאָן נישט. פארוואָס? דאָס איז נישט יושרדיק. עס דאַרף זיין גלייכהייט. און פארוואָס שטייען דאָרט די פרויען און קוקן אָן, ווי מיר עסן. עס דאַרף זיין גלייכהייט.

— עס גייט דיר אין דזשודיטען און מארוטשיאָן און נישט אין קיין שום גלייכהייט, — האָט זיך צעלאַכט פראנצעסקאָ רוסאנאָ, — מיין לוטשיא שטייט אויך דאָרט. זאָל זי שטיין.

עס האָבן זיך דערהערט געלעכטערס.

צו לאַכן, סאַנדראָ האָט רעכט.

שפּילטער. זאָל זיין אזוי. — ער האָט אָפּגעווישט מיט דער האַנט די פּעמע ליפּן און, פּאָכענדיק מיטן קצבישן מעסער אין דער לופט, האָט ער א הילך געטאָן איבערן גאנצן פּלעצל: — קומט אהער, שיינהייטן מיינע, קומט אהער צום טיש!

צוערשט איז צווישן די פרויען געוואָרן שטיל. נאָר באַלד איז אויסגעבראָכן א טומל. אלע האָבן געשריגן צוזאמען, געהויבן מיט די אקסלען, געדרייט מיט די קעפּ, ביז ענדלעך האָבן זיך אלע אויסגעקערעוועט מיט די פּלייצעס צו די מענער.

— ריכטיק, — האָט אויסגערופן פּעפּע פּעדעלי, — ס'איז נישטאָ פון וואָס

— סאַנדראָ האָט רעכט, — האָבן צוגעגעבן אַנדערע.

— גוט, — האָט געזאָגט פּראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, — לאָמיך זיין דער פּאר־

— אָ, איר פרייד פון די מענערישע אויגן, — האָט שוין מיט א קרייענ־ דיקער שטים אויסגערופן פּעפּע פּעדעלי, — באַליידיקט אייך נישט, שיינהייטן מיינע, און די הינטנס ווייזט אונדז נישט אצינד.

עס זענען אויסגעבראָכן געלעכטערס און אויסרופן:

— שיינהייטן, קומט צום טיש!

די פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן ארומקוקן צו די קינדער, וועלכע די מענער האָבן שוין פון לאַנג מכבד געווען מיט ברויט און שטיקלעך פלייש.

— קומט אהיים, — האָבן גערופן די מוטערס.

— קום אהיים, טאָניאָ, — האָט גערופן לוטשיא, די פרוי פון פּראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, — זאָל דיין טאַטע אליין עסן! קום! מיר האָבן אין דער היים גע־ קאָכט באָב.

— קומט אהיים, פרויען, — האָט געפּישטשעט די דראָבנע פּיערינאַ. — אז ס'איז שוין יאָ דאָ א סעודה, שיקט מען מיין וויטאָן אוועק אין שטאָט. און זיי בלייבן. קומט, זאָלן זיי איצט אליין עסן!

— קומט, זאָלן זיי איצט אליין עסן, — האָבן אַנדערע איבערגעחזרט נאָך איר.

— זעט אויס, אז איר קאָנט זיך באַגיין אָן פרויען, — האָט לוטשיא גע־ זאָגט, — וועלן מיר זען, ווי לאַנג.

— לוטשיא, — האָט א הילך געטאָן פּראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, — עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ, טייערע, נאָר קום אהער, כל־זמן עס איז נאָך עפּעס דאָ אויפן טיש.

— מיר וועלן נישט גיין, — האָט געזאָגט ווינטשענצא, — די פרוי פון סיל־ וויאָן, — אונדז האָט דער „סינדאַקאָ" נישט פארבעטן. און דאָס דאַרפן זיין קאָ־ מוניסטן!

סילוויאָ האָט זיך אויסגעדרייט:

— אך, דאָס ביסטו? דו ביסט אויך דאָ פאַראַן?

— פאַרוואָס האָט דער „סינדאקאָ“ אונדז נישט פאַרבעטן? — האָבן די פרויען געפרעגט.

אבּרוצעזע איז אויפגעשטאַנען און אויפגעהויבן די האַנט:

— באַרואיקט אייך, פרויען, זעט, איך האָב מיין אַניעזען אויך נישט פאַר־בעטן.

— דאָס איז אייער זאַך, — האָט ווינטשעצאָ געענטפערט.

— פאַרבעט איך אייך איצט, — האָט אַבּרוצעזע אָפּגעזיפצט.

— צו שפּעט, — האָט לוטשיא א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

אַבּרוצעזע האָט צעפּירט מיט די הענט און זיך אַוועקגעזעצט.

— צו שפּעט? נישטאָ קיין צו שפּעט! — האָט אויך אויסגעקרייט פּעפּע פּעדרעלע.

— איך וועל אייך באַלד באַווייזן, וואָס עס הייסט אַזוינס צו שפּעט! — פּעפּע איז אויפגעשפּרונגען, א צי אַרויף געטאָן די הויזן און זיך א וואָרף געטאָן, ווי א הונט אויף הינער.

די פרויען האָבן אויפגעהויבן א ליאַרעם. פּעפּע האָט אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט לוטשיען, מיט דער אַנדערער פיאָרינען. נאָך פּעפּען זענען אַנדערע אויפ־געשפּרונגען: סאַנדראָ, פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ און אפילו דער דאַרער גאַספּאַרע שיאַוואָנע. יעדער האָט זיך געפּלייסט כאַפּן צו צוויי פרויען און זיי צושלעפּן צום טיש.

די, וואָס האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, האָבן אַפּלאָדירט און געשריגן אין כאָר!

— גיט זיי אַהער! גיט זיי אַהער!

די פרויען האָבן זיך געריסן, אָפּגעשטויסן די מאַנסלייט מיט די עלנבויגנס, אָבער געלאָזט זיך פירן.

מע האָט זיי אויסגעזעצט באַזונדער אויף אַ באַנק הינטערן מויער, וועלכע איז געווען ביז א העלפט ליידיק. מע האָט זיי דערלאַנגט ברויט. פראַנצעסקאָ האָט דערלאַנגט פענעצער פלייש. סאַנדראָ האָט אָנגעגאָסן ווייַן. די פרויען האָבן געגעסן און געטרונקען שווייגנדיק, אַלע נאָך גרייט זיך צו קריגן, אָבער צווישן זיך האָבן זיי שוין פריילעך געשטויסן אייניע די אַנדערע מיט די פיס און זיך איינגעבויגן איבערן עסן יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך נישט געקענט איינ־האַלטן פון געלעכטער. זיי האָבן איידל געהאַלטן דאָס ברויט מיט די פינגער, איינטונקענדיק עס אין דער שיסל מיט פּאָמידאָרן־סאָס און דערלאַנגט די קינ־דער, זיי זאָלן אויך נישט זיין באַעוולהט.

— פאַרוואָס איז נאָך נישטאָ מאַטעאָ? — האָט זיך געוווּנדערט פראַנצעס־קאָ רוסאַנאָ.

אָבער קיינער האָט וועגן אים נישט געדענקט. מע האָט הויך גערעדט און געלאַכט. איין סימאָנע באַרבאַראָ איז געזעסן פאַראומערט און זיך נישט געלאָזט פריילעך מאַכן.

— לוטשיאַ, — האָט פון צייט צו צייט גערופן פעפע, — גיס אָן מיין קאָ־לעגע סימאָנע ווייַן, אפשר וועסטו אים צענעמען.

— לוטשיאַ, גיב אים אַ קיצל אין בערדל, אפשר וועט ער זיך צעלאַכן.

— „סאַנטאַ לוטשיאַ", — האָט געברומט אונטערן נאָז סאַנדראָ, נאָר ער האָט איבערגעריסן די מעלאָדיע, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויפן טיש.

פיערינאַ, וועלכע איז געזעסן לעבן דזשודיטען האָט געזאָגט:

—איר וואָלט געקענט עפּעס דערלאַנגען דעם אַלטן פּאַטער אַנדרעאָ.

— דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געוואַרט אויף אַזאַ עסן, — האָט צוגעגעבן לוטשיאַ.

דזשודיטאַ האָט פאַמעלעך געטרונקען ווייַן פון אַ פּאָרצעלייען טעפּעלע און געשוויגן.

— רוף אים צו, סאַנדראָ, — האָט פעפּע געלאַכט, — זאָל ער אָנהייבן קלינגען, און מיר וועלן זינגען.

— מאַך זיך נישט נאַריש, פעפּע, — האָט געזאָגט סימאָנע באַרבאַראָ, — און אָפּגערוקט פון אים דאָס פלעשל מיט ווייַן.

— איך מאַך זיך נאַריש? דו מאַכסט זיך נאַריש. דו זיצט ווי אויף אַ לוויה. עפּעס דריקט דיך, קאָלעגע! — פעפּע האָט אַ ווינק געטאָן מיטן געזונטן אויג. — איך ווייס וואָס!

— וואָס קאָן סימאָנען דריקן? — האָט אַלץ העכער געלאַכט פראַנצעסקאָ, — קיין ווייב האָט ער האָך נישט.

— דאָן לואידזשי דריקט אים, — האָט פעפּע אויסגעפּלאַצט מיט אַ קווי־טשענדיק געלעכטער.

— פּונקט אַזוי, ווי מיך. פּונקט אַזוי, ווי מיך, — האָט סאַנדראָ אַ מרוקע געטאָן.

דזשודיטאַ האָט אים אַ קאָפּע געטאָן מיט דער פוס.

— „סאַנטאַ לוטשיאַ"!* — האָט אַ געשריי געטאָן סאַנדראָ און פּלוצעם ווידעראַמאָל אָנגעהויבן זינגען:

Santa Lucia luntano a te

— האָט ער פאַרציִען אויף נעאַפּאָליטאַניש.

* אַ באַ־ימיקע געזאַנג אין נעאַפּאָל

Quanta malinconia

— האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט זיין באַס פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

Se giri u'monno sano

— האָט פּעפּע זיך צעשאָקלט.

Se vai a cercá fortuna
Ma quanno sponta a luna
Luntano a Napule
Nun se pò stò

— האָבן אַלע געזונגען.

*Nun se pò stà**

— האָבן מיט ווייניקערע דיגע שטימען נאָכגעזונגען די פרויען.

— איר זענט אומעטיק געוואָרן! — האָט אויסגערופן אַרמאַנדאָ. — און איר, סימאָנע, זעט אויס ווי נישט געזונט.

— מיין גוף איז יער געזונט, — האָט פּעפּע פּעדעלי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — נאָר — פּעפּע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פינגער אין שטערן, — דאָ איז נישט אַלץ אין אָרדענונג.

— אַזאַ אַלטער און אַזאַ נאַר, — האָט זיך צעבייזערט סימאָנע באַרבאַראָ.

— און דו, קאָלעגע, ביסט יונג? — פּעפּע האָט פאַרריכט דעם באַנד אויפן שטערן און זיך צוריקגעצויגן, כדי צו קאָנען זיך צוקוקן צו אים מיטן געזונטן אויג. — גרוי ביסטו שוין, קיין פרוי האָסטו שוין נישט, און זינט מע האָט דערהרגעט פיליפּעלאָ, האָסטו קיין זון אויך נישט. די שאָף האָבן דיר אָנגעהויבן קריכן אין קאָפּ. זיצסט, ווי אויף אַ לוויה, און טראַכסט וועגן די שאָף, — פּעפּע האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איך בין נאַריש און דו ביסט נאַריש, נאָר דאָן לואיִדזשי איז נישט נאַריש. זיי נישט, קאָלעגע, ווי אַן אויסגעשטאָפּטער.

— אַרמאַנדאָ, — האָט זיך אַריינגעמישט דער „סינדאַקאָ“, — איך האָב שוין גערעדט און איצט איז דיין ריי. איידער מע וועט זיך פולקאָם אָנשיכורן.

— האָט יער צוגעגעבן שטילערהייט, — דאַרפסטו אונדז דערציילן וועגן דעם שטרייק.

---

* סאַנטאַ לוטשיאַ, ווייט פון דיר
ווייפל אומעט,
ווען דו וואַנדערסט איבער דער גאַנצער וועלט,
ווען דו זוכסט גליק.
נאָר ווען עס שיינט אויף די לבנה,
ווייט פון נעאַפּאָל
קאָן מען נישט זיין,
קאָן מען נישט זיין.

— מע דאַרף ענדיקן, — האָט אַרמאַנדאַ אַ שעפּטשע געטאָן צו סילוויאַן. און דערנאָך האָט ער העכער געזאָגט: — סימאָנע, איר האָט עפּעס דאגות? ווער האָט זיי נישט? אָבער איצט לאָזן די מענטשן, זינגען. די אַרבעטער האָבן געווו־נען דעם שטרייק, און אונדזער ווייץ, אונדזער בשותפותדיקער ווייץ, סימאָנע, איז שוין רייף. איבער אַ יאָר וועלן מיר דאָ האָבן נאָך אַ גרעסערן זיג. דעמלט וועלן מיר אין דאָקאַ די דזאָלפּאַ מאַכן אַ סעודה פאַר אַלע. אַזאַ סעודה האָט דאָקאַ די דזאָלפּאַ נאָך קיינמאָל נישט געזען. דאגהט נישט, סימאָנע. אונדזער צייט וועט נאָך קומען!

— בראַוואָ, אַרמאַנדאַ! — האָט אויסגערופן גאַספּאַרע שיאַוואָנע.

— זאָל לעבן דער זיג! — האָט אַ הילך געטאָן פראַנצעסקאַ רוסאַנאַ.

— זאָל לעבן אַרמאַנדאַ! אונדזער אַרמאַנדאַ! — אַבּרוצעזע האָט אויפגע־הויבן אַ ליידיקע גלאָז.

— זאָל לעבן אַרמאַנדאַ! — האָט מען אָפּגעענטפערט אין כאָר.

— יאָ, זאָל לעבן אַרמאַנדאַ, אָבער זאָל ער אונדז עפּעס זאָגן. אַבּרוצעזע האָט געמאַכט אַ באַרואיקנדיקע באַוועגונג מיט דער האַנט, גלייך ווי אַרמאַנדאַ זאָל שוין אָנהייבן.

— ס'איז איצט נישט קיין צייט אויף זיצן און שווייגן, עס איז אָבער אויך נישט קיין צייט אויף רעדעס. קומט אין אונדזער לאָקאַל, דאָרט וועט איר זיך אָנהערן מיט רעדעס, וויפל אייער האַרץ גלוסט.

— בראַוואָ, אַרמאַנדאַ! — האָט אויסגעשריגן פּעפּע פּעדרעלי.

די פרויען האָבן אַפּלאָדירט.

כאַנדראַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן. ער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן טיש.

סילוויאַ האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן מעסער אין גלאָז: אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אין זיין זייט.

— איך וויל זאָגן צוויי ווערטער, — האָט סילוויאַ אָנגעהויבן און אויפגע־שטאַנען, — צוויי ווערטער, וועלכע קיינער האָט דאָ נישט געוואָלט זאָגן. פאַר־וואָס בין איך דאָ געקומען? דערפאַר וואָס ס'איז גוט, ווען מע האָט אַן אייגע־נעם קאָמוניסטישן „סינדאַקאָ“. וויל אַן אייגענער „סינדאַקאָ“ קאָן שטענדיק העלפן. ווען מיר האָבן אין פינף און פערציקסטן אויסגעקליבן אַבּרוצעזע, האָבן מיר מאַקע געוואָלט האָבן אַזאַ „סינדאַקאָ“. איצט פרייען מיר זיך צוזאַמען מיטן זיג. אָבער ווען עס וואָלט געקומען אַ מינוט, ווען קיין זיג וועט נישט זיין, צי וועלן מיר אויך בלייבן צוזאַמען?... עס איז גרינג צו זיין צוזאַמען, „סינדאַקאָ“ אַבּרוצעזע, ווען ס'איז אַ זיג...

— סילוויאַ, — האָט אים איבערגעריסן פּעפּע פּעדרעלי, — אָנשטאָט אים צו באַדאַנקען, האַלטסטו אַ קאָמוניסטישע דרשה! זע, ווי דו ערגערסט אים!

אַברוצעזע איז געזעסן אַ בלאַסער, די אויגן פאַרשטעקט אין דעם ציטרין, וועלכער איז אַרויסגעפאַלן פון הזירישן פּיסק.

— זאָל לעבן אונדזער „סינדראקאָ“ אַברוצעזע! — האָט אויסגערופן פעפע.

— זאָל לעבן! — האָבן אפּלאָדירט די פרויען. — זאָל לעבן!

אברוצעזע האָט אויפגעהויבן די אויגן און באדאנקט מיט א שאָקל פון קאָפּ.

סילוויאָ האָט אויפגעהויבן די האנט, געבנדיק א צייכן, אז ער האָט נאָך נישט געענדיקט. נאָר ווען ס'איז שטיל געוואָרן און ער האָט א קוק געטאָן אין דער זייט פון שטאָטראַט, איז ער בלאַס געוואָרן. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט אויפן ראָג האָט זיך באוויזן דאָס אייזעלע פון פראנצעסקען, דער פרוי פון דאָן דאָמעניקאָ. פארן ציימל האָט עס געפירט דער יונגער לינאָ. אויפן הילצערנעם זאָטל האָט זיך געוואקלט ראָזאריאָ. זיין צעפליקטער ארבל איז געווען רויט פון בלוט.

די פרויען האָבן אָנגעהויבן שרייען. פראנצעסקאָ רוסאנאָ איז צוגעשפרונגען און געהאָלפן ראָזאריאָן אראָפּקריכן פון אייזל. ראָזאריאָ איז געפאלן אין רוסאנאָס אָרעמס. עס האָט זיך געשאפן ארום זיי א געדראנג. פראנצעסקאָ האָט אריינגעטראָגן ראָזאריאָן אין געביידע פון שטאָטראט. נאָך אים זענען אריינגעגאַנגען: אַרמאַנדאָ, סילוויאָ און אַברוצעזע. די איבעריקע זענען געבליבן אויפן הויף. אין אַ ווײַלע איז אַרויסגעקומען אַברוצעזע און געהייסן ברענגען וואַסער.

— ווער קאָן געבן אַ ביסל וואַסער דעם פאַרוווּנדעטן? — האָט דער „סינדראקאָ“ געפרעגט. — קיינער פון אייך האָט נישט קיין ביסל וואסער אין שטוב?

— האָט ער זיך געבייזערט.

— אין פאלאצל פון קשיאָנדז איז דאָ וואסער, — האָט ווינטשענצא געזאָגט.

— איך וועל זיך אויפזעצן אויפן אייזל און פאָרן קיין פראגאלא, — האָט זיך אָנגערופן לוטשיא, — קיארא וועט מיר געבן א ביסל וואסער.

לוטשיא איז ארויפגעקראָכן אויפן אייזל, גענומען די לייצעס און א געשריי געטאָן:

— איאי, משוטשא, סו!

— ווהין, ווהין, טייוול? ווען מיר פארפייניקן דאָס אייזל! — פראנצעסקאָ האָט געאיילט אין דער הייך מיט די שלענגלדיקע טרעפ און שרייענדיק געפאָכעט מיט דער האנט. נאָך איר זענען געגאנגען מאטעאָ און סאלוואטאָרע, שלעפנדיק א פעסל.

לוטשיא איז אראָפּגעקראָכן פון אייזל.

ווען פראנצעסקא האָט זיך שוין געפונען אויפן פלעצל פאר דער געביידע פון שטאָטראט, האָט זיך לוטשיא געוואָרפן אויף איר האלדז.

— דאָס איז א נס. סאנטא קיארא אליין האָט ז׳ איצט צוגעשיקט מיטן וואסער.

פראַנצעסקאַ האָט זיך באַפרייט פון לוטשיען און זי לייכט אָפּגעשטופּט.

— וואָס מאַכט דאָס ייִנגל? — האָט זי געפרעגט. זי האָט אים געטראָפן לויפנדיק פון פראַגאַלאַ. ער האָט קוים געאָטעמט. ער האָט זיך אַפילו נישט גע־לאָזט פאַרהאַמעווען דאָס בלוט. זי האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן אייזל. ער האָט זיך געאײַלט, כדי צו וויסן געבן, אַז עפּעס פרעמדע מענטשן קאָסען דעם ווייץ.

ווינטשענצאַ האָט ווי נישט איז אויסגעשוינקט די שיסל, און וועלכער עס האָבן זיך געפונען רעשטלעך פון לאָקשן און פּאָמידאָרן־סאָק, האָט אָנגעגאָסן פון פעסל וואַסער און אַרײַנגעטראָגן אינעווייניק. פראַנצעסקאַ איז איר נאָכגע־גאַנגען. אָבער אין דער טיר האָט זי זיך צונויפגעטראָפן מיט אַרמאַנדאָן און סילוויאָן.

אַרמאַנדאָ איז געווען בלאַס.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — מיר מוזן גיין קיין פראַגאַלאַ. דאָרט קאָסעט מען אונדזער ווייץ. דער פּריץ וויל אים צונעמען פאַר זיך און ער האָט געפונען שטרייקברעכער. ראָזאַריאָ אַליין האָט אים נישט געקאָנט שיצן און ער איז געוואָרן פאַרווונדעט. מיר מוזן גיין אַלע. דאָס קאָסעט נישט דער פּריץ, נאָר אַרבעטער, אַזעלכע ווי מיר. מיר וועלן זיי זאָגן, צו וואָס מע האָט זיי אָנגע־רעדט. זיי וועלן זיכער פאַרשטיין און אַליין אַראָפּגיין פון פעלד. מיר וועלן זיי איבערצייגן. מיר וועלן זיי צוערשט פּרוּוון איבערצייגן מיט גוטנס. ברידער, דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אונדזער בעסער לעבן. מיר טאָרן דאָס נישט פאַר־שפּילן.

אַרמאַנדאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף די שווײַגנדיקע אַרבעטער. סאַלוואַטאָרע האָט זיך געקרייצט מיט זײַן שאַרפן, מיטאַמאָל קאַלט געוואָרענעם בליק.

— ווער גייט מיט אונדז? — האָט אַרמאַנדאָ געפרעגט.

אויפן פּלעצל איז אַנטשטאַנען אַ טויטע שטילקייט.

— איך, — האָט זיך אָנגערופן מאַטעאָ מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

— און איך אויך, — איז פון עולם אַרויסגעטראָטן גאַספּאַרע שיאַוואָנע.

די הויקערדיקע לוטיציאַ, די פרוי פון גאַספּאַרען, האָט הויך זיך צעוויינט, פאַרברעכנדיק די הענט.

— אָ, מאַדאָנע, מאַדאָנע... — האָט זי געקרעכצט.

— און איך אויך, — האָט געזאָגט פּעפּע פּעדעלי.

— און איך, — האָט אויסגערופן דער יונגער ליגאָ.

— פאַרוואָס איז נישטאָ וויטאָ? — האָט זיך פאַרוווּנדערט סאַלוואַטאָרע, און זײַנע אויערן האָט זיך אָפּגעשלאָגן ווי אַן עכאָ:

— און איך אויך...

— און איך...

— און איך...

— און מיר וועלן אויך גיין, — האָט אויסגעשריגן לומשיא, די פרוי פון פראַנצעסקאָ ראָסאַנאָ.

— און מיר וועלן אויך גיין, — האָט איבערגעחזרט ווינטשענצא.

— און מיר וועלן אויך גיין...

— און מיר וועלן אויך גיין...

ארום ארמאַנדאָן און סילוויאָן האָבן זיך געזאַמלט מענער און פרויען.

זיי האָבן שנעל אָנגעהויבן אראָפּגיין פון בערגל, אויף וועלכן עס איז גע־שטאַנען די געביידע פון שטאָטראַט. זיי זענען אראָפּגעגאַנגען שווייגנדיק מיט די שמאָלע שטיינערנע טרעפּ.

— ווו איז וויטאָ? — האָט סאַלוואַטאָרע געטראַכט.

פראַנצעסקאָ איז אַרויס פון דער געביידע.

— ראָזאַריאָ איז אַנטשלאָפן געוואָרן, — האָט זי געזאָגט, — ער האָט א סך בלוט פארלוירן. עס וועט אים אין א יאָר נישט צוקומען. — נישט קוקנדיק אויף סאַלוואַטאָרען, האָט זי געפרעגט: — און דו ביסט נישט געגאַנגען מיט זיי? וועסט אפשר אריינגיין איינעווייניק אכטונג געבן אויפן קראַנקן. ווייל איך דאַרף זיך אומקערן צו דאָן דאָמעניקאָ. ער ליגט אין בעט, פון זינט ער איז געפאָרן אויפן אייזל ראַטעווען דיין ברודער דזשיאַני פון דער תפיסה. ער האָט זיך צע־טרייסלט די אַלטע ביינער. העלף מיר צוביינדן דאָס פעסעלע צום זאָטל.

פראַנצעסקאָ האָט אָנגענומען דאָס אייזל פאַרן ציימל און אויך אָנגעהויבן פאַמעלעך אַראָפּצוגיין פון בערגל.

III

ארמאַנדאָ האָט זיי געפירט מיטן קורצסטן וועג, דורכן דאָרף. זיי זענען געגאַנגען אייגער הינטער דעם אַנדערן ביים ראַנד פון דער „פראָקאָפּאָלי“. זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט מיטן שיפּוע, וועלכער איז געווען באוואַקסן מיט קאַק־טוסן. צווישן די שטיינער האָט געווימלט פון יאַשטשערקעס. דאָ האָט זיך די פעלזיקע ראָקאַ די דזאָלפאָ געענדיקט, ווי אָפּגעשניטן מיט א מעסער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מילד זיך פאַליענדיקע בערגלעך, אויסגעצייכנטע פון דער זון. זיי האָבן זיך פארקערעוועט אויף רעכטס, דורכרייסנדיק זיך דורך נידעריקע דער־נער־קוסטעס. דאָס בערגל איז געווען א נידעריקס, אָבער ווען זיי זענען שטיין געבליבן אויף זיין שפּיץ, האָט זיך געעפנט אן אויסבליק אויף דעם ברייטן טאָל,

וועלכער האָט אויסגעזען, ווי א רינאָ פון א ריזיקער אויסגעטרוקנטער אַזיע־ע וואָס איז ארומגערינגלט פון א שיפן ברעג. אויף א בערגל צווישן אייקאַליפּטוסן איז געשטאַנען דאָס פּאַלאַצל פון באַראָן בערלינגיערי. זיי זענען אראָפּגעלאָפן מיט דראָבנע טריט. די פינקלענדיקע אויף דער זון קאָסעס האָבן זיך פאַרהאַלטן. די שניטער האָבן זיי באַמערקט. זיי זענען שטיין געבליבן, קוקנדיק אויף די מענטשן, וועלכע זענען געלאָפן אין זייער ריכטונג.

ארמאַנדאָ האָט נאָך פון דער ווייטנס זיי געגעבן צייכנס, ווי א מאַטראָס. זיי האָבן דעריבער איבערגעריסן די ארבעט. פון ראָקאַ די דזאַלפאַ איז געווען בלויז קאַמשעטאָ. די דריי איבעריקע האָבן געשמאַכט, זעט אויס, פון נישט ווייט. זיי זענען געווען ענלעך צו זיך, נישט געקוקט אויף דעם אונטערשיד אין דער עלטער.

צעשפּרייטנדיק די הענט, האָט אַרמאַנדאָ פאַרהאַלטן די לויפנדיקע חברים, כדי זיי זאָלן נישט צוגיין גאָר נאָענט צו די שטרייקברעכער. מע דאַרף נישט גלייך מיט טעראָר. אַרמאַנדאָ האָט זיך דערנענטערט צו זיי אַליין און געפרעגט:

— פונוואַנען זענט איר, מיינע טייערע? — האָט ער זיך געווענדט צום עלטסטן מיט דער גרויער קיילעכדיקער באָרד און ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש, — און די ביידע זענען אייערע זין?

— יאָ, מיינע זין, — האָט געענטפערט דער אַלטער.

— איר זענט פון ווייט? — האָט ארמאַנדאָ געפרעגט?

— נישט זייער.

— צי ווייסט איר נישט, אַז דאָס איז אונדזער ערד, דורך אונדז באַאַרבעט און פאַרזייט? — ארמאַנדאָ האָט א קוק געטאָן אויף דעם יינגסטן שניטער, וועלכער האָט נאָך אויף קיין צוואַנציק יאָר נישט אויסגעזען.

— און פונוואַנען זאָלן מיר עס וויסן? אין באַנאַקאַסאַ האָט עס אונדז קיינער נישט געזאָגט. — דער אַלטער האָט פאַררוקט דעם ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש און אַפּגעדעקט א נידעריקן פאַרוואַקסענעם שטערן.

— א, זענט איר פון באַנאַקאַסאַ, — האָט געזאָגט ארמאַנדאָ, — שכנים. און מיר קענען זיך נישט. אזוי איז שוין ביי אונדז אין לאַנד. יעדער לעבט זיך אויף זיין בערגל, באַזונדער. מיר האָבן דאָ איינע אַ מיידל פון אייך. זי האָט חתונה געהאַט מיט אונדזערן א בחור. דזשודיטאַ הייסט זי. און איר מאַן רופט מען סאַנדראָ, דער זון פון אַנדרעאַן. איר האָט זיכער געהערט? זיי האָבן שוין א קינד, מאַרוטשיאַ. עס וועט שוין זיין א יאָר, אז ער איז געבוירן געוואָרן. אמת, סילוויאָ? הער, צי איז דאָרט נישט פאַראַן סאַנדראָ?

ארמאַנדאָ האָט זיך אויסגעדרייט. סילוויאָ איז שוין געשטאַנען לעבן אים. די מענטשן זענען אין אַ האַלבן קרייז צוגעגאַנגען אַלץ נענטער. זיי זענען גע=

שטאַנען צעשיט. הארט לעבן סילוויאָן איז געשטאַנען פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, דער גרעסטער און שטאַרקסטער אַרבעטער פֿון ראָקאַ די דזאָלפּאָ. די פֿרויען האָבן זיך געהאַלטן עטוואָס אין אַ זייט.

— סאַנדראַ איז נישטאָ, — האָבן זיך אָנגערופֿן שטימען פֿון אונטן.

— איך קען נישט קיין שום סאַנדראָ, — דער אַלטער האָט פֿון אונטערן שטערן אַ קוק געטאָן אויף אַרמאַנדאָן, — און קיין שום דזשודיטאַ.

— טאַטע, דאָס איז די שטיפֿטאָכטער פֿון פּאַאָלינען, — האָט זיך אָנגערופֿן דאָס בחורל, — איך קען זי.

— און איר זענט שוין אויך זיכער אַ חתונה־געהאַטער? — האָט זיך אַרמאַנדאָ געווענדט צום עלטערן זון.

אָבער ער האָט געשוויגן.

— לוטשיאַנאָ האָט שוין צוויי קינדער. זיי קרענקען אויף געשווירן פֿון נישט דערעסן, — האָט זיך שנעל אַרײַנגעמישט קאָנטשעטאָ, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דעם אַלטן און זיך געהאַלטן פֿון דער ווייטנס פֿון די אַרבעטער פֿון ראָקאַ די דזאָלפּאָ, וואָס האָבן אַלץ ענגער און ענגער אַרומגערינגלט די שניטער.

— דיך פֿרעגט קיינער נישט, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ, — מיט דיר וועלן מיר ווען נישט איז אַנדערש אַ שמועס טאָן. צי ווייסט איר, לוטשיאַנאָ, — האָט זיך אַרמאַנדאָ געווענדט צום עלטערן זון, — מיט וועמען איר אַרבעט צוזאַמען? דאָס איז אַ שפּיאָן און אַן אונטערצינדער. אַ פּראָוואָקאַטאָר.

— וואָס גייט עס מיך אָן? איך בין דען די פּאָליציי, — האָט דער אַלטער געהייבן מיט די פּלייצעס, — און פֿאַר קיין אײַדעם נעם איך אים נישט. דאָס וויכטיקסטע איז עפּעס צו פֿאַרדינען.

— פֿאַרדינען, — האָט איבערגעחזרט אַרמאַנדאָ, — און ווען מע זאָל אײַך געבן געלט און זאָגן: נעם און הרגע דײַן זון? וואָלט דאָס אויך געווען אַ פֿאַרדינסט?

— איר זענט, הייסט עס, קאָמוניסטן, דאָס זעט מען, — האָט זיך צעלאַכט דער אַלטער.

— ריכטיק, — האָט זיך אויך אַרמאַנדאָ צעלאַכט. — ער האָט אַרײַנגעדוקט די הענט אין די קעשענעס און אַרויסגעצויגן די צעריסענע קעשענע־לייוונט.

אַלע אַרום האָבן זיך צעלאַכט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ.

— דאָס איז די בעסטע קאָמוניסטישע לעגיטימאַציע, אַ פּוסטע קעשענע, — האָט געזאָגט פּעפּע פּעדעלי.

דער אַלטער שניטער האָט זיך ווידער צעלאַכט. זײַן עלטערער זון, לוטשיאַנאָ, איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אין אַ צעבראָכעט העמד. אויף זײַן ברוסט האָט געגלאַנצט פֿון שווייס אַ מעשן צלמל.

— און איר, לוטשיאנאָ, זעט אוים, האָט פולע קעשענעס מיט געלט, — האָט געזאָגט ארמאנדאָ, — אלע לאכן, נאָר איר זענט בייז.

לוטשיאנאָ האָט געשוויגן.

— העי, מסתמא האָט איר אויך פוסטע קעשענעס. פון פאראט האָט נאָך קיינער קיין פארמעגן נישט געמאכט. — ארמאנדאָ האָט א רייב געטאָן מיט דער האנט די פארוואקסענע באק.

— לאָזט אונדז צורו, — האָט דער אַלטער זיך פאַרקרומט, — לאָזט אונדז רואיק ארבעטן.

— רואיק ארבעטן? — ארמאנדאָ האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן א זשמוטיע אָפגעשניטענע זאנגען, צעריבן זיי אויף דער האנט און א בלאָז געטאָן. די פלעווע איז זיך צעפלויגן און עס זענען געבליבן געזונטע קערנער, נאָך פייכטלעכע, — זעט, וואָס פאַר אַ ווייץ דאָס איז! שיינער? נישט אמת, לוטשיאַנאָ? צי האָסטו אַמאָל געזען, אַז „מאַרצואָלאַ“ זאָל זיין אַזוי שיין?

לוטשיאנאָ האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן. ער האָט נישט פארשטאנען, וואָס ארמאנדאָ וויל פון אים.

ארמאנדאָ האָט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, א זיפץ געטאָן און אוועקגעוואָרפן די קערנער אויף דער ערד.

— פארשטייסט נישט, לוטשיאנאָ? דאָס איז אונדזער ערשטלינג. דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע ווייץ. דאָס איז נישט בלויז אונדזער ארבעט. דאָס איז אונדזער לעבן אויף א מענטשלעכן אופן. און איר ווילט עס טייטן. איר זענט דאָך די זעלבע ארבעטער, וואָס מיר. נישט אמת?

— און וואָס גייט עס אונדז אָן, — דער אלטער האָט אָפּגעווישט די נאָז. — וואָס גייט עס אונדז אָן, — האָט ער איבערגעחזרט נאָך א ווײַלע פון שווייגן. — דאָס איז דעם באַראָנס ערד, דעם באַראָנס ווייץ. ער קאָן טאָן, וואָס ער וויל.

— נישט אמת, פאָטער, — ארמאנדאָ האָט אָנגעוויזן מיט דער האנט אויף די ארבעטער, — איר זעט וויפל מיר זענען דאָ פאראן? און דער באראָן איז איינער. ער קען נישט טאָן, וואָס ער וויל.

— טאָ גייט צו אים, און אונדז לאָזט צורו. מיר וועלן דערווייל ארבעטן, — דער אלטער האָט א פיר געטאָן מיט דער קאָסע און פארנומען א הויפן איינגעטרעטענע זאנגען. ער האָט בייז א קוק געטאָן אויף ארמאנדאָן, — און פון אונדז משעפעט זיך אָפּ. דער סערזשאנט מיט צוויי קאראביניערן זענען דאָ געווען. זיי ווארטן נאָר דעריויף, אַז איר זאָלט אונדז טאָן עפעס שלעכטס. זיי וועלן דאָ באלד זיין.

— עד, דו, אלטער טייוול, — האָט א געשריי געטאָן פראנצעסקאָ רוסאנאָ, — נישט גענוג, וואָס איר האָט אונדז ראָזאַריאָן אויף טויט צעשניטן, ווילט איר אונדז נאָך סטראשען מיט די קאראביניערן!

— אַרמאַנדאָ, — האָט אויסגערופן דער קלייניקער מאַטעאָ, — אַ שאָד די ייִד מיט אַזעלכע פּאַרעטער. צונעמען ביי זיי די קאָסעס און באַסטאַ!

— צונעמען ביי זיי די קאָסעס, זאָלן זיי מיט די ציינער קאָסען, — איז צוגעשפּרונגען נענטער גאַספּאַרע שיאַוואָנע.

— דו, אַלטער, מיט די קאַראַביניערן וועסטו אונדז סטראַשען, — האָט אײַ־בערגעחזרט פֿראַנצעסקאַ רוסאַנאַ, — גיי אַראָפּ פֿון פֿעלד מיט גוטן! אויב דו ווילסט נישט, אַז מיר זאָלן אײַך מיט אײַערע אייגענע קאָסעס דורכיאָגן. איר הערט?

— פּרוווט אונדז אָנרירן, — דער אַלטער האָט אַראָפּגערוקט דעם ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש אויף די אויגן.

פֿראַנצעסקאָ האָט זיך אַ לאָז געטאָן פֿאָרויס מיט פֿאַרקלעמטע פֿויסטן. נאָך אים סילוויאָ, שיאַוואָנע, מאַטעאָ, ליגאָ, פּעפּע — אַ ענג געשלאָסענע גרופּע אַרום דעם מעכטיקן פֿראַנצעסקאָ.

דער אַלטער האָט אַ סווישטשע געטאָן מיט דער קאָסע אין דער לופֿט:

— איר זאָלט נישט וואַגן! — האָט ער אויסגעשריגן.

— מאַריאָ!

— לוטשיאַנאָ! —

האָבן גלײַכצײַטיק אויסגעשריגן ביידע זין פֿון אַלטן, צוגעשפּרונגען צום טאַטן און אים גענומען צווישן זיך. זיי האָבן אָנגעשטעלט די קאָסעס, גרייט אָפּצו־שטויסן דעם אַטאַק.

— גייט נישט צו! — האָט דער אַלטער געשריגן.

— שטייט, — האָט אויסגערופן אַרמאַנדאָ, אָוועקשטעלנדיק זיך אין דער מיט צווישן זײַניקע און די שניטער.

פֿראַנצעסקאָ האָט צעגומען די אָרעמס, אײַנהאַלטנדיק דעם דרוק פֿון די חברים.

— שטייט, — האָט געשריגן אַרמאַנדאָ, — וואַרט צו, פֿראַנצעסקאָ! זיי האָבן פֿאַרוווּנדעט ראָזאַריאָן. אָבער מיר זענען זיך נישט געקומען שלאָגן. דאָס איז קיין שום קונץ נישט. און איר — אַרמאַנדאָ האָט זיך געווענדעט צו די שניטער, — באַהאַלט אײַערע גאָלמעסער! איך ווייס, איך ווייס. שניידן אונדזער ווייץ און קיילן מענטשן איז ביי אײַך אַלצייגנס. איר האָט עס שוין הײַנט איין מאָל באַ־וויזן. אָבער טאַקע דאָס ווילן מיר נישט. מיר ווילן זיך נישט נוקם זײַן. אַנדערש, וואָלטן מיר דערפֿון אָנגעהויבן. מיר זענען מער פֿון אײַך, — אַרמאַנדאָ האָט אָפּגעאָטעמט, — יאָ... פֿאַרגיסן בלוט איז קיין קונץ נישט. און איר, אַלטער, — אַרמאַנדאָ האָט אים אָנגערירט מיטן פֿינגער, — ווי רופֿט מען אײַך? עס איז שווער צו רעדן מיט אַ מענטשן, ווען מע ווייסט נישט אַפֿילו זײַן נאָמען...

— דזשוסעפּע, — האָט דער אַלטער טויב געענטפֿערט.

— און איר, דזשוסעפּע, האָט רעכט. זיי וואַרטן נאָר דערויף, אַז איר זאָלט אויף אונדז אָנפאַלן מיט די קאָסעס און מיר אויף אייך. אַז ס'זאָל זיך גיסן מענטשלעך בלוט. וועלן זיי צונעמען די ערד און דעם ווייץ. און אונדז און אייך וועט די נויט נאָך מער פּרעסן, פּאַטער דזשוסעפּע. דערפאַר רעדן מיר צו אייך, ווי צו מענטשן, מיט גוטנס, און מיר ווילן, אַז איר זאָלט אַליין פאַרשטיין, אָן געשרייען און אָן געשלעגן, אַז איר זאָלט אַליין אַראָפּגיין פון פעלד.

— און ווער וועט אונדז באַצאָלן פאַרן טאָג? — האָט דזשוסעפּע געפרעגט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פראַנצעסקאָן פון אויג.

— אויף וויפל זענט איר דורכגעקומען מיט דעם באַראָנס מענטשן?

— מיר און לוטשיאַנאָ צו דריי הונדערט ליר און מאַריאָ פאַר צוויי הונדערט, ווייל ער איז נאָך יונג.

— דאָס הייסט צוזאַמען אַכט הונדערט ליר, אַזויפיל, וויפל עס דאַרף באַקומען פאַר א טאָג איין מענטש. אַזויפיל דאַרף מען באַקומען פאַר איין טאָג און נישט פאַר דריי. נאָך דעם געוועזענעם שטרייק דאַרפן די גוטבאַזיצער אַזוי צאָלן. באַרעכנט אַליין, דזשוסעפּע! אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט!

— יעד, דאָס זענען נאָר רייד! — האָט דזשוסעפּע געזאָגט, — אַלע צוואַנציק יאָר חזרט מען איבער די זעלבע רייד. דערנאָך קומט אויס, אַז ס'איז בלויז געווען א שווינדל.

— און דאָס, וואָס איר שטייט איצט אויף א פעלד, וואָס מיר האָבן דעראָבערט און מיר האָבן פאַרזייט, איז אויך א שווינדל? נישט מיר נאַרן אייך אָפּ, נאָר די, וואָס גיבן אייך אין יאָר איין טאָג אַרבעט, און דערנאָך הייסן זיי אייך קראַפּירן פון הונגער. דער באַראָן בערלינגיערי, הער קשיאָנדז דאָן לואידזשי...

— גענוג! גענוג! — האָט אויסגעשריגן לוטשיאַנאָ, — דאָס איז קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע!

אַרמאַנדאָ האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען:

— דו ווילסט נישט הערן קיין קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, לוטשיאַנאָ? האָסט מורא? צי הייסט דיר די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע טאָן עפּעס שלעכטס? באַעוולהן אַזעלכן, ווי דו? דיך אַליין? דו שטייסט מיט דער קאָסע און ביסט גרייט צו הרגענען. מיר זענען געקומען מיט די הוילע הענט. מיר ווילן אייך איבערציינגען מיט ווערטער. דו ביסט גרייט צו הרגענען. וועמען? דו קוק נישט, לוטשיאַנאָ, אונטער די פּיס. קוק אין פּנים. איך בין דער זעלבער, וואָס דו. זיי אַלע זענען די זעלבע, וואָס דו. זיי האָבן ווייבער, ווי דו, זיי האָבן קינדער, ווי דו, און ווילן אַרבעטן, ווי דו. מע קאָן זאָגן: ברידער. צי האָב איך, דער קאָמוניסט, דיך באַעוולהט? דאָס באַעוולהסטו דאָך מיך. יעד, ברודער, דו גיב מיר א קוק אין די אויגן. צי בין איך א שלעכטער מענטש? און דו, צי ווילסטו נישט אָנהייבן א לעבן, ווי א מענטש?

לוטשיאנאָ האָט זיך האסטיק אָפּגעקערט און פארשטאָכן די אויגן אין דער ערד. דער אלטער האָט א וואָרף געטאָן די קאָסע. זי איז אָן שום קלאנג געפאלן אויף דעם אָפּגעשניטענעם ווייץ.

— א חזירשע נויט! — האָט דער אלטער געשאָלטן. — וואָס ווילט איר פון אונדז?

— גייט אראָפּ פרייוויליק פון פעלד, — האָט ארמאנדאָ רואיק געזאָגט.

— וואָס ווילט איר פון אונדז? וואָס ווילט איר פון אונדז? — האָט דער אלטער געהאלטן אין איין איבערחזרן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, א זיפץ געטאָן און אָנגעהויבן עפּעס זוכן אין די קעשענעס.

ארמאנדאָ האָט אינסטינקטיוו אויך אַרייַנגעזעצט די הענט אין די קעשענעס.

— איר האָט עפּעס צו פאררייכערן? — האָט ער זיך געווענדעט צו די זייגיקע.

פון צווישן די, וואָס זענען געשטאנען דערנעבן, האָט קיינער נישט געהאט. נאָר פון הינטן האָט אָנגעהויבן וואנדערן א פעקל טאבאק, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פאפיר. ארמאנדאָ האָט עס איבערגענומען פון סילוויאָן, א ווײַלע געהאלטן, ווי ער זאָל עס וועגן אין האַנט, און דערלאַנגט דעם אַלטן. דזשוסעפּע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. נאָר אַרמאַנדאָ האָט די אויסגעשטרעקטע האַנט נישט צוריקגעצויגן. דער אלטער האָט זיך פארקרומט, גענומען דעם טאבאק און גרינגשעצנדיק פאַרזשמורעט די אויגן. אויסמיידנדיק אַרמאַנדאָס בליק, האָט ער צעוויקלט די צייטונג, ארויסגענומען א שטיקל פאפיראָס־פאפיר, ארייַנגעלייגט אין דעם א ביסל טאבאק און פארדרייט א פאפיראָס. פראנצעסקאָ האָט א רייב געטאָן א שוועבעלע אין די הויזן און, אייַנבייגנדיק זיך, דערלאנגט דעם אלטן פייער.

— א דאנק, — האָט דזשוסעפּע געזאָגט, ארויסלאָזנדיק דאָס ערשטע שנירעלע רויך. ער האָט א קוק געטאָן פראנציסקאָן אין פּנים און אָפּגעגעבן ארמאנדאָן דאָס פעקלע טאבאק.

— און דו, לוטשיאנאָ, ווילסט נישט פאררייכערן? — האָט ארמאנדאָ געפרעגט.

— ער רייכערט נישט, — האָט דער פאָטער פאר אים געענטפערט.

— און דו, מאריאָ?

ביים יינגל האָבן אויפגעלויכטן די אויגן. ארמאנדאָ איז צוגעגאנגען צו אים און לייכט א צופּ געטאָן פאר די געקרייזלטע, צעשויבערטע האָר.

מאַריאָ האָט פאַררייכערט ביים פאָטער.

— און ווער פון אייך וויל? — האָט ארמאנדאָ זיך געווענדט צו די זייגיקע.

אָבער די ארבעטער האָבן שווייגנדיק א שאָקל געטאָן מיט די קעפּ אויף ניין.

— און אפשר וויל עמעצער פון די פרויען פאררייכערן? — האָט ער לאכנדיק געפרעגט.

די פרויען האָבן זיך אַ צעוויג געטאָן פון אויפרעגונג.

— נאָך האָס האָט געפעלט! — האָט אַ פּישטשע געטאָן לוטשיא, די פרוי פון פראַנצעסקאָן.

דער אַלטער דזשוסעפע און דער יונגער מאַריאָ האָבן געדרייכערט שווייגנדיק. די אַרבעטער האָבן געקוקט אויפן רויך, אויפן אַלטן, אויף ביידע זיינע זין. זיי האָבן נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג זייערע. זיי האָבן געקוקט אויף אַרמאַנדאָן. אָבער ער האָט אויך געשוויגן.

די שטילקייט האָט איבערגעריסן קאָנטשעטאַ:

— קיין געלט וועלן מיר נישט באַקומען, — האָט ער שטיל געזאָגט. לוטשיאַנאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים.

קאָנטשעטאָ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נו, יאָ. מיר האָבן אפילו קיין האַלבן טאָג נישט אָפּגעאַרבעט.

לוטשיאַנאָ האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. ער האָט זיך אויך אוועקגעזעצט אויף דער ערד נישט ווייט פון פאָטער. די קאַסע האָט ער געהאַלטן אויף די קני. דעם קאָפּ האָט ער אָנגעשפּאַרט אויף די הענט.

— טאַטע, — האָט זיך אָנגערופן דער יונגער זון מאַריאָ, אויסשפּייענדיק די ביטערניש פון טאַבאַק, — מיר אַרבעטן, אָבער מיר אַרבעטן נישט!

דער אַלטער האָט אַ סמאָטשקע געטאָן מיט דער צונג:

— איך זאָל ווייסן! איצט קער זיך אום אַהיים מיט ליידיקע הענט. הא, לוטשיאַנאָ?

לוטשיאַנאָ האָט גאָרנישט נישט געענטפערט.

אין דער מינוט האָט אַרמאַנדאָ געפילט, ווי סילוויאָ האָט אים אַ דריק געטאָן פאַרן עלנבויגן. נישט באַוועגנדיק מיטן קאָפּ, האָט סילוויאָ אָנגעוויזן אויפן בערגל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דאָס פּאַלאַצל. אַרמאַנדאָ האָט לייכט אַ פּינטל געטאָן מיט די וויעס. ער האָט שוין פריער באַמערקט. די אַרבעטער האָבן אויך באַמערקט, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק.

ערשט די פרויען האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי:

— מאַדאָנע! מע גייט פון פּאַלאַצל!

ביידע קאַראַביניערן מיט פרעצאָן אין דער שפּיץ האָבן זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. דער געל-רויטער פּיקולי און דער יונגער אַלפיאָ מיט די וואָנצעלער, ווי פערדעס, זענען געלאָפן מיט דראָבנע טריט, האַלטנדיק די ביקסן אין די הענט.

— שעלבאַם משרתים, — האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן.

— פאַרוואָס האָט איר נישט מיטגענומען מיט זיך דאָן לואידזשין? אייך שיקט ער און אַליין זיצט ער אין שטוב.

— זעט נאָר די אַביסינישע העלדן!

עס האָבן זיך דערהערט דורכדרינגלעכע סווישטשערייען.

— די „טשעלערע"* צופּוס, — ווידער האָבן זיך דערהערט פּייפּערייען און סווישטשערייען, וועלכע האָבן נאָכגעמאַכט די סירענעס פון די שטאָטישע פּאָליציי־אויטאָס.

נאָר ווען די קאַראַביניערן האָבן זיך אָנגעהויבן דורכשלאָגן א וועג מיט די אויסגעשטרעקטע פּאָרויס לופּעס, איז פּלוצעם געוואָרן שטיל. פּרעצאָ איז געגאַנגען דער ערשטער מיטן פעט גלאַנצענדיקן פּנים און געהאַלטן אין דער האַנט א רעוואָלווער.

— פאַרוואָס אַרבעט איר נישט? — האָט פּרעצאָ געפרעגט, ווענדנדיק זיך צום אַלטן.

דזשוסעפּע איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגענומען דעם פּאַפּיראָס פון מויל.

— פאַרוואָס אַרבעט איר נישט? — האָט דער סערזשאַנט אויפגעהויבן די שטים.

דזשוסעפּע האָט צעפּירט מיט די הענט און געשוויגן.

— זיי זענען אייך באַפאַלן? — פּרעצאָ האָט אָנגעוויזן אויף די אַרבעטער מיטן רעוואָלווער.

דזשוסעפּע האָט א שפּיי געטאָן אויף דעם נישט דעררויכערטן פּאַפּיראָס און באַהאַלטן אין קעשענע.

לוטשיאַנאָ איז אַלץ געזעסן מיט דער קאָסע אויף די קני און פון אונטער די אָנגעצויגענע ברעמען געקוקט אויף די קאַראַביניערן. מאַריאָ האָט נערוועז געצויגן דאָס לעצטע שטיקל פון פּאַפּיראָס, האַלטנדיק אים מיט די פינגער ביי די סאַמע ליפּן.

— קאָנטשעטאָ, זאָג, זיי האָבן אייך געוואָלט שלאָגן? — האָט זיך פּרעצאָ צו אים געווענדט.

קאָנטשעטאָ האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

— רעד, דו! זיי האָבן אייך געשלאָגן? — האָט פּרעצאָ אָנגעהויבן שרייען, פאָכנדיק מיטן רעוואָלווער. — זיי האָבן דאָך אייך מסתמא געשלאָגן. פאַרוואָס רעדסטו נישט, קאָנטשעטאָ?

— זאָלן זיי זאָגן, — האָט זיך קאָנטשעטאָ מיטאַמאָל אויסגעגלייכט און אַרויסגערוקט פאָרויס די נאָך נישט ראַזירטע גאָמבע, — פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס זאָגן?

— דאָס הייסט, אַז זיי האָבן געשלאָגן? יאָ? קאָנטשעטאָ! זאָג!

קאָנטשעטאָ האָט דערפילט אויף זיך דעם בליק פון פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ און געשוויגן.

---

* מאָטאָריזירטע איטאַליענישע פּאָליציי אויף אַמעריקאַנער דזשיפּן

— רער, הינטישער זון! האָט פּרעצאָ אַ ריטשע געטאָן.

— ניין! — האָט קאָנטשעטאָ געזאָגט.

— ניין!? ניין!? דו חזירשער זון! דו פּחדן! פאר זיי האָסטו מורא, און פאַר מיר האָסטו נישט קיין מורא? — פּרעצאָ איז צוגעשפּרונגען און דער־לאַנגט קאָנטשעטאָן מיטן הענטל פון רעוואָלווער איבערן קאָפּ.

דאָס יינגל האָט זיך מיטביידע הענט געכאַפּט פארן קאָפּ און אָנגעהויבן קרעכצן.

— ניין? — האָט פּרעצאָ געשריגן, — ניין! וועט ער מיר דאָ זאָגן! און דו, אַלטער, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דזשוסעפּען, — זאָגסט אויך: ניין? און דאָס גאַנצע קאָמוניסטישע געזינדל, וואָס טוט דאָ? זיי זענען געקומען זיך צו שפּילן מיט אייך? נו, און דו, ארמאנדאָ? דו שווייגסט אויך? האָסט זיך אויך מורא מודה צו זיין? ביסט דער זעלבער פּחדן וואָס זיי? צוואָס האָסטו זיי גע־בראַכט אהער, דייגע מיטהעלפער?

— מיר זענען דאָ אליין געקומען. קיינער האָט אונדז נישט געבראַכט, — האָט זיך אָנגערופן פּראַנצעסקאָ.

פּרעצאָ האָט פארביסן די ציין און מיט אויגן רויטע פון כעס א קוק געטאָן אויף פּראַנצעסקאָן.

— די מינוט מארש פון פעלד! — האָט ער א ריטשע געטאָן.

— מיר האָבן רעכט דאָ צו שטיין, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט, — אזוי לאַנג, ווי דאָס וועט זיין נייטיק. דאָס איז אונדזער פעלד.

— אויב איר וועט באַלד נישט אראָפּ פון פעלד, וועל איך הייסן שיסן.

— סטראַשע נישט, פּרעצאָ, דו האָסט קיין רעכט נישט צו שיסן, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט.

— איך האָב רעכט. איך שוץ די פרייהייט פון ארבעט.

— די פרייהייט פון ארבעט.... קיינער פון אונדז וועט זיך פונדאַנען נישט רירן, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט.

— בונטעוועסטו, הייסט עס? רעדסט זיי אָן צו ווידערשטאַנד?... איך האָב עדות, אז דו הייסט זיי שטעלן א ווידערשטאנד. איך צייל ביז דריי... איינס...

— דו, פּרוּוו נאָר, — האָט זיך אָנגערופן פּראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, דערנענ־טערנדיק זיך מיט א פאמעלעכדיקן טראָט צום קאראבינער, — דיין ראָזאליא וועט קיין שפּור פון דיר נישט געפינען.

— „סאַנטא קיאַרא“, — האָבן זיך צעקרעכצט די פרויען, — גייט אראָפּ, מענער, פון פעלד. ער וועט שיסן!

פּרעצאָ האָט אויסגעשטרעקט דעם רעוואָלווער, צילנדיק גלייך צו פּראַנ־צעסקאָן:

— צוויי...

— פֿראַנצעסקאָ „מיא“, פֿראַנצעסקאָ „מיא“! — האָט זיך דערהערט א געשריי. לוטשיא האָט זיך א וואָרף געטאָן צווישן קאראביניער און איר מאַן. זי האָט זיך געוואָרפן פֿראַנצעסקאָן אויפֿן האלדז, — איך וועל דיך נישט געבן! איך וועל דיך נישט געבן!

פֿראַנצעסקאָ האָט איר אָפּגעשטופּט:

— לוטשיא, גיי אוועק, גיי אוועק.

לוטשיא איז געפאלן אויף די קני פֿאַר פּרעצאָן:

— שיס נישט! שיס נישט!

פּרעצאָ האָט געגעבן א צייכן די צוויי קאראביניערן. ביידע האָבן מיט א לאַנגן, שנעלן טראָט זיך צוריקגעצויגן אויף עטלעכע צענדליק מעטער. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף אכטונג און אויפגעהויבן די ביקסן אויף דער הייך פֿון אויג. פּרעצאָ האָט אויפגעהויבן די האַנט אין דער הייך.

אָבער ער האָט נישט באוויזן אָפּצוציילן ביז דריי.

די ערשטע האָט זיך געוואָרפן אויף אים לוטשיא. נאָך איר, ווי אויף אַן אָפּגערעדטן סיגנאַל, אַלע איבעריקע.

— מערדער! מערדער! — די פֿרויען אין די שוואַרצע טיכלעך און שוואַרצע קליידלעך זענען באַפאלן דעם סערזשאַנט מיט אויפגעהויבענע פֿויסטן, ווי א מחנה קראָען. זיי האָבן אים ארומגערינגלט אין איין אויגנבליק, אָנגעהאָנגען זיך אין אים, געכאַפּט פֿאַר די הענט, געריסן, גרייכנדיק מיט די נעגל צום פּנים. זיי האָבן אַראָפּגעפליקט פֿון אים דאָס קאַראַביניערן־היטל און אַראָפּגעריסן דעם לעדערנעם פּאַס, צו וועלכן עס איז געווען פאַרפעסטיקט דאָס שיידל פֿון רע־וואָלווער.

פּרעצאָ האָט אפילו נישט באוויזן זיך צו פֿאַרטיידיקן. און ווען ער האָט, צוגעדריקט פֿון אַלע זייטן, זיך אָנגעהויבן וואַרפן, כדי זיך צו באַפרייען פֿון די פֿרויען, וועלכע האָבן זיך אין אים אָנגעטשעפּעט און ארומגעפלאָכטן, ווי מע־דוזעס, האָט ער שוין נישט געהאַט אין דער האַנט דעם רעוואָלווער.

— אַלפּיאָ, פּיקולי! — האָט ער געשריגן מיט א פֿאַרשטיקטער שטים.

אַלפּיאָ און פּיקולי זענען שוין געשטאַנען מיט די ביקסן ביי די פיס. זיי האָבן מיט נייגיריקייט געקוקט, ווי די פֿרויען שלאָגן זייער סערזשאַנט. פּיקולי האָט א ווונק געטאָן צו אַלפּיאָן מיט איין אויג און ביידע האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופֿט.

אויף דעם אָפּהילך פֿון שאָס זענען זיך די פֿרויען צעלאָפֿן.

פּרעצאָ האָט געהאט א צעריסענע באַק, צעדראַפּעטע הענט און די האָר זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן. ער האָט א פֿיר געטאָן מיט דער האַנט און פּלוצעם א ריטשע געטאָן:

— ווּ איז דער רעוואָלווער!

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופֿן.

— גיט מיר אָפּ דעם רעוואָלווער!

אָבער דעם רעוואָלווער האָט קיינער נישט געהאַט. בעת דעם געשלעג איז ער אַראָפּגעפֿאַלן צווישן דעם אָפּגעקאָסעטן ווייץ. מאַריאָ האָט אים געוואָלט אויפֿהייבן און באַהאַלטן, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז עמעצער וועט אים דערזען.

— שוין זאָלט איר מיר אָפּגעבן דעם רעוואָלווער! —

— אָט האָט איר אים, דאָ ליגט ער, הער סערזשאַנט, — האָט געזאָגט מאַריאָ, אָנווייזנדיק מיטן פֿינגער.

פּרעצאָ האָט זיך איינגעבויגן און אַנידערגעקניט אויף איין קני. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם רעוואָלווער און, אַלץ אַזוי קניענדיק, געזוכט מיט רויטע אייגן אַרומאַנדאָן. ער האָט אָנגעשטעלט די לופֿע אין זיין זייט און פּלוצעם האָט ער אַ קרעכץ געטאָן, איבערבייגנדיק זיך אויף הינטן. גלייכצייטיק האָט זיך דערהערט אַ שאָס. די קויל האָט אין דער קרום דורכגעשניטן די לופֿט. פּרעצאָ איז אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט דערפֿילט אַ שטיפֿן ווייטיק אין אָרעם.

לוטשיאַנאָ האָט, ווי מיט אַ צוואַנג, אים פֿאַרקלעמט דעם עלנבויגן.

— דו... דו... שיסן ווילסטו? — האָט דורכגעזייעט צווישן די ציין לוטשיאַנאָ, דער עלטערער זון פֿון דזשוסעפּע, דערנענטערנדיק צו פּרעצאָן זיין אויסגעקרומט געזיכט, — וועלכע עוולה האָט דיר יענער געטאָן?

— זיי האָבן זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד אין אָוונט, זינגענדיק אַלץ נייע לידער.

— דער שלעכטער פּרעצאָ איז געקומען אויפֿן פֿעלד און געוואָלט מיר דערהרגענען דעם מאַן, — האָט געזונגען לוטשיאַ.

— ער האָט געוואָלט דערהרגענען דעם גרעסטן און שטאַרקסטן פֿון אונדזער ראָקאַ די דזאָלפּאָ, — האָט געענטפֿערט ווינטשענצאַ.

— ער האָט געוואָלט דערהרגענען דעם גרעסטן און שטאַרקסטן פֿון אונדזער ראָקאַ די דזאָלפּאָ, — האָבן די פֿרויען געזונגען אין כאָר.

— ער האָט געוואָלט דערהרגענען פֿראַנצעסקאָן, דער שלעכטער פּרעצאָ, אָבער די פֿרויען האָבן זיך געוואָרפֿן און צעשלאָגן דעם שלעכטן קאַראַביניער, — האָט געזונגען לוטשיאַ.

— זיי האָבן אים אַרויסגעריסן פֿון דער האַנט דאָס שרעקלעכע געווער, כדי ער זאָל נישט קאָנען שיסן צו אונדזערע מענער, — האָט געזונגען ווינטשענצאַ.

— ער זאָל נישט קאָנען דערהרגענען אונדזערע מענער, — האָבן זיי געזונגען אין כאָר.

— וווּ ביסטו איצט, שלעכטער פּרעצאָ, וואָס האָסט געציילט איינס, צוויי, כּדי זיי זאָלן אָנהייבן שיסן אין אונדז? — האָט אָנגעהויבן מיט א דינער שטים פּיערינא.

— ווו ביסטו, שלעכטער פרעצאָ? ראָזאַליאַ ליגט דיר צו אַ נאַסן האַנטער צום פּנים, און אונדזערע מענער האָבן אָפּגעקאָסעט דעם גאנצן ווייץ, — האָט געזונגען לוטשיא.

— ראָזאַליא ליגט דיר צו א נאסן האנטער צום פּנים, און מיין וויטאָ האָט באוויזן צו קומען פון שטאָט און אָפּפירן די תבואה אין דאָרף, — האָט געזונגען פּיערינא.

— וויטאָ האָט אָפּגעפירט די תבואה אין דאָרף, — האָבן זיי געזונגען אין כאָר.

— אונדזערע מענער און די מענער פון באָנאקאסא האָבן געקאָסעט דעם ווייץ, און מיר האָבן געבונדן די סנאָפּעס אזש ביז אין אָוונט, — האָט געזונגען ווינטשענצא.

— און מיר האָבן געבונדן די סנאָפּעס אזש ביז אין אָוונט, — האָבן זיי געזונגען אין כאָר.

— מיין וויטאָ האָט געבראכט פון שטאָט קאָסעס און אונדזערע מענער האָבן געקאָסעט און די פון באָנאקאסא האָבן געקאָסעט אזש ביז אין אָוונט, — האָט געזונגען פּיערינא.

— און די פון באָנאקאסא האָבן געקאָסעט אזש ביז אין אָוונט, — האָבן זיי געזונגען אין כאָר.

— זיי האָבן אָנגערעדט די מענער פון באָנאקאסא, זיי זאָלן קאָסען פאר דעם פּריז, און געקאָסעט האָבן זיי פאר דעם ארבעטער, — האָט געזונגען ווינטשענצא.

— זיי האָבן געקאָסעט פאר דעם ארבעטער און נישט פארן פּריץ, — האָט געזונגען פּיערינא.

— זיי האָבן געקאָסעט פאר דעם ארבעטער און נישט פארן פּריץ, — האָבן זיי געזונגען אין כאָר.

— בערלינגיערי, דו באראָן, וווינסט אין דער גרויסער שטאָט און האָסט א סך ערד, — האָט געזונגען ווינטשענצא.

— וווינסט אין דער גרויסער שטאָט און האָסט א סך ערד, — האָבן זיי געזונגען אין כאָר.

— האָסט א סך ערד און קאראביניערן, — האָט געזונגען ווינטשענצא.

— קאראביניערן און זעלנער, בערלינגיערי, הלוואי וואָלסטו שוין נישט געלעבט, — האָט לוטשיא פארענדיקט און אלע פרויען האָבן זיך צעלאכט. דערנאָך האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן צו זינגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צום דאָרף.

יעדע פון זיי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ א סנאָפּ תבואה. די מענער האָבן צוריקגעקערט מיט קאָסעס אויף די פּלייצעס. און אין שפּיץ איז געפאָרן וויטאָ אויף דער „שאראבאלע", וועלכע איז געווען אָנגעלאָדן מיט ווייץ.

דזשוסעפּע מיט זיינע צוויי זין זענען געגאנגען צוזאמען מיט די מענער פון ראָקאַ די דזאָלפּאַ. פאַרן דאָרף האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען. דאָ ביים שליאך האָט זיך פארנומען דער וועג קיין באָנאַקאַסאַ.

— קומט מיט אונדז, — האָט געזאָגט ארמאנדאָ, — מיר ווילן אייך מכבד זיין.

— מיר האָבן היינט געהאַט א סעודה, קומט מיט אונדז, איר וועט נאָך זיכער באַווייזן אויף דער נאכט אהיים, — האָט צוגעגעבן פראנצעסקאָ, — מיר ווילן אייך מכבד זיין מיט פלייש און ברויט.

— קומט, עס איז נאָך פארבליבן גענוג פון אונדזער סעודה, איר וועט מיט אונדז זיצן א ביסל און דערנאָך גיין, — האָט זיך געבעטן פּעפּע.

ביים אריינגאנג אין דאָרף האָבן זיי אָפּגעוואַרט די איינוווינער מיטן „סינ-דאקאָ".

— מיר גייען פארענדיקן די סעודה, — האָט אויסגערופן פראנצעסקאָ, ווען ער האָט דערזען אברוצעזן, — „סינדאקאָ" מיר פירן אייך ביים געסט.

— מיר גייען פארענדיקן די סעודה, — האָט אויפן גאנצן קול אויסגע-שריגן פּעפּע.

— ווען ווילן מיר צוריקקערן? — האָט אָפּגעוועגט דער אַלטער דזשו-סעפּע, — אונדזערע ווילן דאַרט זיין אומרואיק.

— וויטאָ וועט אייך אָפּפירן, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט, — דאגהט נישט.

וויטאָ האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן פון דער „שאראבאלע": — איך וועל נאָר אַראָפּוואַרפן דעם ווייץ ביי מיר אין הויף, וועל איך אייך אָפּפירן. דאגהט נישט. אזא טאָג, אזא טאָג איז יום-טוב.

ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו די געדרייטע טרעפּ, וועלכע האָבן גע-פירט אין דער הייך צום שטאָטראַט, האָט די מיאוסע הויקערדיקע לעטיציא, די פרוי פון מאָגערן גאספּאַרע שיאוואָנע, אוועקגעשטעלט אויף א רגע דעם סנאָפּ אויף דער ערד און פארשוווּנדן אין אַ זייטיק געסל. זי האָט זיך אומגעקערט מיט א האלבן לאבן ברויט און אן ערדן קריגל ווין. זי איז צוגעלאָפן צו דער גרופּע, וועלכע איז געגאנגען הינטער וויטאָס „שאראבאלע", און אריינגעשטופּט דאָס ברויט מיטן ווין אין די הענט פון מאריאָן, דעם יינגערן זון פון דזשוסעפּע פון באָנאַקאַסאַ.

— טראָג דאָס אָפּ דער מאמען, — האָט זי געזאָגט, — היינט האָט זי זיך גערעכנט אויף א פארדינסט.

ק א פ י ט ל   ע ל ף

I

יעדער איינער האָט געטראכט ביי זיך, אז ער האָט דער ערשטער דערזען לויפן די קאראַביניערן. אָבער אין דער אמתן האָט דער ערשטער זיי דערזען סאלוואטאָרע. ווייל ער איז געשטאנען צום ווייטסטן. ווען ער האָט באהאלטן צוריק דאָס פעקל טאבאק, האָט ער א טראכט געטאָן, אז ער וויל זיך אליין איבערקויפן. ווען די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן אָנגרייפן די שניטער, האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט. ווען פראנצעסקאָ רוסאנאָ און אנדערע זענען ווי פארבלענדטע געגאנגען אויף די אויסגעשטעלטע קאָסעס, האָט ער געציטערט מיטן גאנצן קערפער, עס זאָל נישט דערגיין צו קיין צוזאמענשטויס. אויף דער מלחמה זעט מען נישט דאָס פנים פון קעגנער, און די מענטשן הערן אויף צו זיין מענטשן. דעמלט איז גרינגער צו דערהרגענען. און עס טרייבט זיי אזא גרויסע שרעק, וואָס הערט אויף צו זיין שרעק. אן עקל נעמט אדורך ביים דערמאָנען זיך.

ער האָט נישט געוווסט, וואָס טרייבט די ארבעטער. עפעס אזוינס, וואָס ער האָט נישט געפילט? זיי שיצן זייער דעראָבערטע ערד. דאָס איז זיכער דער קאמף, וואָס זיין טעם דארף מען דערפילן, ווי ארמאנדאָ האָט געזאָגט. ער האָט די ערד נישט דעראָבערט. ער איז געשטאנען פון דער ווייטן און זיך צוגעקוקט, ווי מע האָט זי דעראָבערט. איצט שטייט ער פון דער ווייטן, ווען מע שיצט זי. ווער איז ער? ווער איז ער? צי שטעלן זיי אונטער זייערע פלייצעס אויך פאר אים? אָט שטייט ער איצט דאָ, זיין נאָמען איז סאלוואטאָרע, ער קאָן קוקן מיט די אויגן, ער קאָן הערן מיט די אויערן, באוועגן מיט די הענט, אָבער ווען עמעצער זאָל אים פרעגן, ווער ער איז, וואָלט ער נישט געקאָנט דערויף ענטפערן. א פרעמדער מענטש! ער איז פארגליווערט: א טויטער מענטש. וואָס טיילט אים אָפ פון די דאָזיקע מענטשן? די קריוודע? נישט זיי האָבן אים געקריוודעט. זיי זענען אזעלכע אומגליקלעכע, ווי ער. אָבער איצט איז שוין שפעט צו שטעלן זיך פאר אַרמאַנדאָן. מע האָט באַדאַרפט אויפן פלאַץ אויסרופן: „און איך“, ווען קיינער

האָט נאָך נישט געוווּסט, וועלכער סוף עס וואַרט אים. און נישט, ווי אַברוצעזע, צושטיין דעמלט, ווען מ'האָט געזיגט.

ער האָט דער ערשטער דערזען פּרעצאָן לויפֿן מיטן רעוואָלווער און די קאַראַבינערן מיט די ביקסן. ווי איז קריג קעגן פֿײַנט, וועלכער האָט אַ ייִד אַ רעוואָלווער און ביקסן! וואָס פֿאַר אַן אויסגעקרומט פּנים דער סערזשאַנט האָט איצט געהאַט. דאָס דאָזיקע ווײַכע, פֿעטע, גוטמוטיקע פּנים! ווי אַ משוגענער הונט, וואָס לעכצט נאָך מענטשלעכן בלוט. דאָס דאָזיקע פֿעטע פּנים וויל דערהרגענען אַ מענטשן. צי איז דאָס מעגלעך? און ווי האָט ער מיט זיי גערעדט? עס האָט מיט אים געטרייסלט. און האָן לואיזשי? די אַרבעטער האָבן אָנגערופֿן זײַן נאָמען. „די משרתים פֿון שעלבאַן!“. — האָט ער געהערט דאָס קול פֿון קלײנינקן מאַטעאָ. עס האָט אים געטריבן פֿאָרויס, צו די מענטשן, וואַרפֿן זיך אויף פּרעצאָן, אומשליידערן אים אויף דער ערד, צודריקן אים מיט דער קני די ברוסט. זאָלן זיי זעצן מיט די פֿויסטן אין דעם פֿעטן, פֿאַררעטערישן פּנים. אָ, פֿאַרוואָס איז איצט נישטאָ וויטאָ? „איך וועל אים נישט געבן, איך וועל אים נישט געבן!“, — האָט געשריגן אַ פֿאַרצווייפֿלט קול פֿון אַ פֿרוי. די פֿרויען זענען אָנגעפֿאַלן אויף פּרעצאָן, ווי אַ מחנה קראָען. עס האָט אים אויפֿגעטרייסלט דער הילך פֿון אַ שאָס. גאָט, צי איז עמעצער דערהרגעט?! צי איז עמעצער דערהרגעט? דערנאָך אַ רעוואָלווער-שאָס. לוטשיאַנאָ האָט אָנגעכאַפּט דעם פֿאַרברעכער פֿאַר דער האַנט. „וועלכע עוולה האָט דיר יענער געטאָן?“

סאָלוואַטאָרעס ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן. דאָס האַרץ אין אים האָט זיך צעוויינט פֿון פֿרייד. איצט מוז ער שוין אַוועקגיין. קיינער האָט נישט געזען, ווי ער איז געקומען, קיינער וועט נישט זען, ווי ער וועט אַוועקגיין.

— איך בין אַ שמאַטע, נישט ווערט די האַנט פֿון לוטשיאַנאָ. ער האָט נאָך געזען, ווי דער פֿאָטער דזשוסעפּע האָט זיך אײַנגעבויגן, אויפֿגעהויבן די קאָסע פֿון זײַן עלטערן זון און זי אים דערלאַנגט. דער אַלטער האָט אָראָפּגענומען זײַן ברייטן קאַפּעליוש און, ווי מיט אַ גאָל פּענדל, געגעבן מיט אים אַ צייכן אַוועקצוגיין.

אַלע דרײַ האָבן זיך געלאָזט גיין. דער ערשטער דער פֿאָטער און ביידע זין אויף אַ האַלבן טראָט נאָך אים.

צווישן די אַרבעטער איז אויסגעבראָכן אַ פֿרייד, זיי האָבן זיי אַרומגערינגלט, נישט געלאָזט אַראָפּגיין פֿון פֿעלד.

פֿראַנצעסקאָ האָט געכאַפּט דעם אַלטן אין דער העלפֿט און צוזאַמען מיט דער קאָסע אים אויפֿגעהויבן אין דער הייך.

— זאָל לעבן די סאָלידאַריטעט פֿון די אַרבעטסלאָזע, — האָט אויסגערופֿן אַרמאַנדאָ.

— זאָלן לעבן די אַרבעטער פֿון באָנאַקאַסאַ! — האָט מען געשריגן.

פרעצאַ האָט זיך מיט חיפּה אָפּגעטראָגן. ער האָט אריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין שיידל און געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער פאַרריכט רואיק דעם צעריסענעם פּאַסעק אויף דער ברוסט. ער האָט א טאַפּ געטאָן די עפּאָלעטן און מיט א טיכעלע אָפּגעווישט דאָס בלוט פון פּנים. נישט קוקנדיק אויף זיינע קאַראַביניערן, האָט ער קורץ באַפוילן: „פאָרווערטס מאַרש!"

זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן זיי זענען געקומען.

אין פּאַלאַצל זענען די גרינגע לאַדנס געווען עטוואָס אויפגעעפנט, און נישט געקוקט אויף דעם ווייטן מהלך, האָט סאַלוואַטאָרע באַמערקט דעם פּריציייטיקן פּליך פון קשיאַנדרז.

— מיר האָבן אייך דורכגעטריבן, — האָט זיי א גליקלעכער נאָכגעשריגן מאַטעאָ. ער איז ווידער געווען צוזאמען מיט זייניקע.

די דריי שניטער האָבן זיך ווידער געשטעלט אויפן פעלד. איצט האָט זיי געהאָלפן דער גרעסטער און שטאַרקסטער ארבעטער פון ראָקאַ די דזאַלפּאָ, דער מעכטיקער פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ. די קאָסע האָט ער צוגענומען ביי קאַנטשעטאָן.

די מענטשן זענען געגאַנגען נאָך די שניטערס און האָבן זיך דערווייטערט אַלץ מער. ער האָט געקאָנט אוועקגיין.

— טאַטאָ האָט ער דערהערט עמעצנס שטים.

ער האָט זיך אויסגעדרייט. קאַנטשעטאָ איז אים נאָכגעגאַנגען אָן דער קאָסע.

— פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען מיט זיי צוזאמען? — האָט ער געפרעגט. סאַלוואַטאָרע האָט גאָרנישט געענטפערט.

— טאַטאָ, לאָמיר זיך אומקערן צוזאמען אין דאָרף. אויפן פעלד זענען מיר בלויז צוויי פאַרבליבן.

סאַלוואַטאָרע האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט א שרעקלעכן בליק. ער האָט אריינגעזעצט די הענט אין די קעשענעס און פאַרקערעוועט אויף לינקס, אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון ראָקאַ די דזאַלפּאָ.

קאַנטשעטאָ איז שטיין געבליבן און נאָכגעקוקט סאַלוואַטאָרען, ביז ער איז נישט פאַרשוווּנדן הינטער דעם רוקן פון א שטיינערנעם בערגל. א רגע האָט ער זיך געוואַקלט, געמאַכט עטלעכע שריט אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן בערגלעך אין דער הייך צום דאָרף צו. אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרקער־עוועט און נאָכגעלאָפן סאַלוואַטאָרען.

— טאַטאָ, — האָט ער גערופן.

סאַלוואַטאָרע איז געגאַנגען ווייטער, נישט אויסדרייענדיק זיך.

קאָנטשעטאַ האָט אים דעריאָגט און אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל פון דער מי־לימערישער בלוזע.

— טאַטאַ, האָסט מורא צו באַווייזן זיך מיט מיר אין האָף? האָסט מורא פאַר יענע?

— טראָג זיך אָפּ, ביסט א לײַדאַק. א שפּיאָן און אַן אונטערצײַנדער.

— טאַטאַ, דאָס האָב ניט איך אונטערגעצונדן דעם לאָקאַל. גלייב מיר, — זיין קול האָט געציטערט.

— וואָס גייט עס מיך אָן, — האָט סאַלוואַטאָרע אים איבערגעהאַקט. — און ווער זשע, אויב נישט דו? — האָט ער אין א ווײַלע צוגעגעבן.

— לעליאָ.

סאַלוואַטאָרע איז שטיין געבליבן.

— זאָגסט ליגן.

— איך זאָג נישט קיין ליגן.

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב געזען. איך בין גלייך געגאַנגען צו פּרעצאָן, אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב דאָס געטאָן און וואַרף די שולד אויף אַנדערע, און אַז ער וועט מיך הייסן אין תּפיסה איינזעצן, אויב איך וועל עס נאָך עמעצן איבער־חזרן. ער האָט מיר געהאַלטן אין איין דראָען.

— לעליאָ? דאָס איז דאָך זיין שטוב. ער האָט דאָך דאָרט זיין קראָם.

— יאָ.

— ווען דאָס זאָל אפילו זיין אמת, ביסטו סײַווי א לײַדאַק.

— גלייבסט מיר נישט?

— און ווער האָט שפּיאָנירט אַנדזשעליִנען?

קאָנטשעטאַ האָט געשוויגן.

— און ווער האָט געוואָלט העלפן פּיליפּעליאָן ברענגען פון קראָטאָנע אַנ־דזשעליִנען, א געבונדענע ווי א שאָף?

קאָנטשעטאַ האָט געשוויגן.

— און די געשיכטע מיטן גנבענען די וואָל? האָסט געוואָלט זיין א פאַלשער עדות. ביסט א געמיינער יונג.

— דאָס איז צוליב מאַריען.

— לייגסט אַלץ אַרויף אויף עמעצן אַנדערש. דאָ אויף לעליאָן, דאָ אויף מאַריען. און דו ביסט אומשולדיק, ווי א בתולה.

— טאַטאַ, גלייב מיר, אַז דאָס איז צוליב מאַריען. טאַטאַ, כאָטש דו גלייב מיר. דו ביסט אויך אומגליקלעך צוליב אַנדזשעליִנען.

— און היינט האָסטו אויך געקאָסעט צוליב מאַריען. שטרייקברעכער.

קאָנטשעטאָ איז פּלוצעם שטיין געבליבן. און באַווייזן צונויפגעפּרעסטע ציין, ווי ביי א הונט:

— און דו?... און דו?... — האָט ער געפאָכעט מיט זיינע דאַרע קליינע פויסטלעך, — קעסטקינד פון קיארען. דו ביסט בעסער פון מיר? ביסט א פּחדן. פאַרוואָס האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן פון די קאַראַביניערן. איך האָב גוט געזען. פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען מיט זיי? ביסט א פּחדן.

— סאַלוואַטאָרע איז צוגעפאַלן צו קאָנטשעטאָן און אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל.

— דו הונט, דו הונט, — האָט ער אַרויסגעסיקעט.

קאָנטשעטאָ האָט זיך געוואָרפן, ווי אין קאָנוווּלסיעס. ער האָט אַרויסגעלאָזט א כראַפּענדיקן דערשטיקטן געשריי. די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט און אַרויסגעקראָכן פון די אויגן-לעכער. ער האָט אָנגעהויבן כאַרכלען. עס האָבן זיך איינגעבויגן אונטער אים די קני. ער איז געוואָרן ווייך, ווי א פוסטער זאַק.

סאַלוואַטאָרע האָט דערפילט אונטער די פינגער דאָס האַסטיק פולסירנדיקע בלוט און געקומען צו זיך. ער האָט א דערשראָקענער אָפּגעלאָזט די הענט פון קאָנטשעטאָס האַלדז. דאָס ייִנגל איז אומגעפאַלן אויף דער ערד. ער האָט זיך איינגעשרומפּן, די פוס אַרונטערגענומען אונטער זיך און דעם האַלדז אַריינגעצויגן אין די אַקסלען. ער האָט געקוקט אויף סאַלוואַטאָרען מיט א ווילדן קוק און סקאַווטשעט: — ניין... ניין... ניין...

סאַלוואַטאָרע האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק און געגאַנגען פאָרויס מיט פאַרפּרעסטע וויעס, ווי א בלינדער. ער האָט צוגעדריקט די האַנט צו די שלייפן. דאָס בלוט האָט פולסירט, ווי ביי קאָנטשעטאָן. ער האָט א סיקע געטאָן, אָפּגעריסן די הענט פון די שלייפן און אָנגעהויבן לויפן. אַלץ שנעלער אין טאָל דורך דער שטייניקער ערד. ער האָט זיך אָן אויפהער פאַרטשעפּעט ביי די שטיינער און געפאַלן, געפאַלן און זיך אויפגעהויבן. נאָר ער האָט נישט געפילט קיין ווייטיק פון די פאַרוואונדעטע קני. ער איז אַריינגעפאַלן אין א טאָל מיט אן אויסגעטרוקנטן טייך-געלעגער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער האָט אים נישט געיאָגט. אַרום האָט געהערשט א גרויסע פוסטקייט. אונטערן באַרג איז געוואָרן אַלץ געדיכטער דער אומטיקער שאָטן. ווייסע צעוואָרפענע פעלזן האָבן געסטאַרטשעט, ווי ריזיקע ציין. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט. אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געגרייכט האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיק וועזן. ער האָט זיך איינגעהערט. פון דאָרף האָבן זיך דערטראָגן מענטשלעכע קולות, דאָס געזאַנג פון די אומקערנדיקע זיך פון פעלד.

ער איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן פֿלאַכן שטיין, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט ווייסן שטויב, און אַרייַנגעשטעקט די פֿינגער צווישן די ציטערנדיקע ציין. ער האָט זיך געטרייסלט, ווי אין פֿיבער.

— גאָט מייַנער, גאָט מייַנער, — האָט ער געקרעכצט.

ער האָט צוגעלייגט די פּלייצעס צו דער וואַרעמער ערד און די פֿויסטן צוגעדריקט צום מויל.

— ווער בין איך? ווער בין איך? — האָט ער געשעפּטשעט.

ער האָט געהאַלטן ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט די אויגן און שווער געאָטעמט. און אַזוי איז ער געלעגן לאַנג, לאַנג. דער הימל איבער אים איז געוואָרן אַלץ טיפֿער, ווי ער אַליין זאָל אַלץ נידעריקער פֿאַלן אין אַ ברונעם.

— דאָס איז שוין מייַן סוף, — האָט ער געזאָגט, צורירנדיק מיט די פֿינגער די קאַלטע ליפּן. — גאָט, ווער בין איך? ווער בין איך? סאַלוואַטאָרע לאַ מעזאַ?

די זון איז שוין נישט געווען. ער האָט ווידער פֿאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געציטערט, צוטוליענדיק זיך צו דער ערד, וועלכע איז געוואָרן אַלץ קילער. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און אייַנגעהערט.

— סאַלוואַטאָרע! — האָט ער דערהערט די שטים פֿון קאָנטשעטאַן.

דאָס פֿעלד איז געווען ליידיק און טונקל. די ווייַטע באַרג־שפּיצן האָבן זיך געגרויזלט פֿון די לעצטע פֿאַרבן פֿון דער זון. עס האָט זיך דערנענטערט אַ הייסע כוואַליע. דאָס האַרץ האָט שנעל געקלאַפּט. די הייַ איז זיך צעגאַנגען ווי מוראַשקעס איבער די פּלייצעס. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן אָרעם.

פֿון דער ווייַטנס האָט זיך אַלץ דערטראָגן אַ גערויש. דאָס דאָרף האָט גערוישט, ווי אַ גרויסע מושלע. ווי ווייַט, ווי ווייַט! ביז נאַכט וועט ער נישט דערגיין. ער איז מיט מי אויפֿגעשטאַנען און זיך געלאָזט אין וועג, ספּאָטיקנדיק זיך אויף יעדן טראָט. ער זאָל נאָר נישט אומפֿאַלן, נאָר נישט אומפֿאַלן.

עס איז נאָך געווען פֿינצטער, ווען סאַלוואַטאָרע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געלעגן אין פֿעלד. פֿאַר אים אויף אַ הויכן פֿעלז האָבן זיך געשטאַפּלט שוואַרצע שאָטנס פֿון הייַזער. דאָס איז געווען סטראַנגאַלי.

עס האָט אַ סקריפּע געטאָן אַ פֿאָרנדיקער וואָגן. סאַלוואַטאָרע איז אויפֿגעשטאַנען און אַראָפּגעגאַנגען אויפֿן שליאַך. דער וואָגן האָט זיך פֿאַרהאַלטן. סאַלוואַטאָרע האָט זיך אויפֿגעזעצט און דרימלענדיק דערפֿאָרן קיין קראָטאָנע. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער פֿאַבריק פֿון מאָנטעקאַטיני, נישט אַרייַנפֿאָרנדיק אין סאַמע שטאָט. סאַלוואַטאָרע איז געגאַנגען מיט די פּוסטע גאַסן. ער האָט דורכגעשניטן דעם פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ. אויפֿן וואָקזאַל איז געווען פּוסט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. עס האָט אים געמאַטערט דער שלאָף. מע

האָט אויפגעעפנט דאָס קאַסע־פענצטערל. סאַלוואַטאָרע איז געווען דער ערשטער. ער האָט אַרויסגענומען פון דער אויבערשטער קעשענע פון דער מיליטערישער בלוזע די זיידענע פאַפּירלעך פון די אויסטראַלישע פונטן. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ בילעט קיין נעאַפּאָל.

אין נעאַפּאָל איז סאַלוואַטאָרע געוואָרן אַרעסטירט אויף דעם גאַריבאַלדי־פּלאַץ.

ווען ער איז אַרויס פון וואָקזאַל, האָט ער געפרעגט ביי אַ שוכפּוצער, וועלכער איז געזעסן אויף אַ הויכער שטול, באַשלאָגן מיט פּליוש, דעם וועג צום פּאָרט. קודם־כל מוז ער זיך זען מיט דעם מיידל, וועלכע האָט אים אין טאָג, ווען ער האָט צוריקגעקערט פון אויסטראַליע, צוגעוואָרפן אַ פּאָמעראַנץ. אין קעשענע זענען אים נאָך פאַרבליבן עטלעכע ליר. כמעט אַ ליידיקער טראַמוויי האָט אים פאַרפירט צום פּאָרט. דער טראַמוויי האָט פאַרקערעוועט און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ריזיקן קעניגלעכן שלאָס מיט אַ פאַרניכטעטן ווי דעמלט פראָנטאָן איבער דעם מיטלדיקסטן טויער. פון אַ באָמבאַרדירונג.

דורכן פענצטער פון טראַמוויי האָט ער דערזען אַ מיידל. זי איז געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, ווי זי זאָל אויף אים האָבן געוואַרט. ער איז אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן צו איר. אָבער ער האָט דאָך אַפילו נישט געוווּסט איר נאָמען. דעמלט איז ער איינגעשלאָפן אויף דער טרעפּ און אַפילו איר נישט געפרעגט, ווי זי הייסט. ער האָט אָנגעהויבן לויפן. ווי זי וואָלט אין דער לעצטער מינוט נאָך געקאָנט פאַרשווינדן. און אפשר איז דאָס נישט זי? דאַכט זיך, אַז דאָס איז נישט זי. ניין, דאָס איז זי.

ער איז צוגעגאַנגען, אָוועקגעשטעלט זיך און זיך צעשמייכלט. די פּרוכט־הענדלערין האָט אויפגעהויבן די האַנט־וואָג און אים געפרעגט, פאַר וויפל ער וויל גיט. נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויף דער שאָל אַ זשמעניע אַמעריקאַנער ניס. קיין פּאָמעראַנצן זענען שוין נישט געווען. זיי זענען נאָך נישט געווען. סאַלוואַטאָרע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע עטלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך צו פינף ליר. איצט איז אים שוין גאָרנישט פאַרבליבן. דאָס מיידל האָט באַהאַלטן דאָס געלט אין אַ קאַרטאָנענע שאַכטל.

סאַלוואַטאָרע האָט געהאַלטן די ניס אין דער האַנט און געקוקט אויף דעם מיידל.

— אַ גוט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט.

די פּרוכטהענדלערין האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אַ פאַרוווּנדערטע.

זי האָט אים נישט דערקענט נישט פון פּנים, נישט לויט דער שטים.

— איך בין הײַנט געקומען קײן געפֿאַל. אפֿשר װײסטו אַ װעלכע ס'איז אַרבעט פֿאַר מיר? — האָט ער געפֿרעגט.

— אַרבעט? — דאָס מײדל האָט אַ הײב געטאָן מיט די אַקסל.

סאַלװאַטאָרע האָט אַרײַנגעלײגט די ניס אין דער קעשענע און אַװעקגעגאַנגען.

עס האָט אים געררײצט דער ריח פֿון ים. ער איז פֿאַמעלער צוגעגאַנגען צו דער שטײנערנער באַריערע. דאָס װאַסער איז געװען דאָס זעלבע, װי דעמלט, אין טאָג פֿון זײַן צוריקקער. פֿעט און שװאַרץ, װי סמאָלע. עס איז אויף אים געשװוּמען די שאָלעכץ פֿון די אַמעריקאַנער ניסלעך. הונדערטער שיפֿלעך האָבן זיך געהוידעט װי דרימלענדיק בײַם ברעג. פֿון דער װײַטנס זענען געשטאַנען גרויע, כמורנע קריגס־שיפֿן, און נענטער צום ברעג — פֿילקאָלירקע דאַמפֿערס. מענער און פֿרויען זענען געלאָפֿן איבער די פּלאַטפֿאָרמעס. זעגל־שיפֿן האָבן געבלישטשעט מיט װײַסן לײַװנט. מעװעס האָבן געפֿלאַטערט אין דער לופֿט, װי פֿאַרבלענדט פֿון דער זון. זײ האָבן פֿאַרנורעט דעם קאָפּ אין װאַסער און װידער זיך אַ ריס געטאָן אין דער הײך. גליקלעכע פֿײגל.

אויף דער לינקער זײַט איז געװען אַ גרויסער באַרג. איבער אים האָט זיך געטראָגן אַ קוים באַמערקבאַרער רויכל, װאָס איז געװען דורכגעלויכטן פֿון דער פֿאַרגײענדיקער זון. דאָס רויכערט דער װעזוװי — האָט אַ טראַכט געטאָן סאַלװאַטאָרע.

ער איז געגאַנגען װײַטער אין דער זײַט פֿון די גרויסע, כמורנע קריגס־שיפֿן. ער האָט אַרײַנגערוקט די האַנט אין דער קעשענע און אָנשטאָט טאַבאַק אַרויסגעצויגן די ניסלעך, װעלכע זענען געװען אײַנגעװיקלט אין אַ פּאַפּירן בײַטעלע. ער האָט זײ צעקװעטשט מיט די פֿינגער, גײענדיק לענגאויס דער שטײנערנער באַריערע, און די שאָלעכץ אַװעקגעװאָרפֿן אויף דער ערד. ער האָט אין זײ נישט געפֿילט קײן שום טעם און געקײַט, װי דאָס זאָל זײַן גראָז. לעבן דעם פֿאַרמאַכטן טויער איז געשטאַנען אַ מאַטראָס מיט אַ ביקס און פֿון דער װײַטנס געמאַכט צו אים צײכנס, אַז מע טאָר זיך דאָ נישט פֿאַרהאַלטן.

ער האָט פֿאַרקערעװעט אין דער ברײטער גאַס, װעלכע האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל צום פּאָרט, מיט די נידעריקע הײזער, אין װעלכע עס האָבן זיך געפֿונען שענקען, װײַנקעלערס, רעסטאָראַנען און פּאָרט־מאַגאַזינען.

צװײ קינדער, אַ ײנגער ײנגעלע און אַן עלטער מײדעלע, האָבן אים פֿאַרטשעפּעט, בעטנדיק אַ נדבה. סאַלװאַטאָרע האָט זײ אָפּגעגעבן דאָס בײַטעלע מיט די ניסלעך.

צו אָװנט איז שױן נישט געװען װײַט. אויף די גאַסן האָט געװימלט פֿון מענטשן. די טראַמװײען האָבן געקריצט אויף די אויסבײגן. די אויטאָס האָבן געיאָגט אויף בלינד און זיך איבערגערופֿן, װי קרײַענדיקע הענער. ער איז אַרײַנ־

נעגאַנגען אין אַ געסל מיט הויכע טונקעלע מויערן. עס איז געוואָרן אַלץ ענגער פון מענטשן און סחורות. אויפן טראָטואַר זענען געלעגן גאַנצע הויפנס פון אַלט אייזנוואַרג, רערן, קראַנען, בלעכן, טשוועקעס, קעסלען און קאַנען. אין סאַמע מיט פון גאַס האָט אַ יונגער מענטש געדרייט אַ קאַטערינקע, און אַ שוואַרץ קעסטל האָט געשפּילט: „סאַנטאַ לוטשיאַ״. אַ קליין מיידעלע מיט אַ טעלערל האָט פאַרהאַלטן אַלע דורכגייער, בעטנדיק אַ נדבה. אַ גראָבער הענדלער אין אַ געל צעכראַסטעטע העמד האָט געשטופּט פאַר זיך אַ וועגעלע און געשריגן: אייז־קרעם, אייז־קרעם. אַלע וויילע האָט ער זיך פאַרהאַלטן, אָנגעלייגט מיט אַ לאָפּאַטקע אַ ראָזעווע מאַסע אין מושלעס, דערלאַנגענדיק עס קינדער און עלטערע, און ווייטער געשטופּט דאָס וועגעלע.

איבער די שויפענצטער פון די קראָמען האָבן געהאָנגען אָפּגעבליאַקעוועטע מאַרקיזן אין שוואַרץ־געלע פּאַסן, און די אַריינגאַנגען אין די קראָמען זענען געווען אָפּגעצוימט פון דער גאַס מיט פאַרביקע פאַרהאַנגען פון קאָלירטע שנירלעך, קייטלעך אָדער בלעכלעך, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ שטילן קלאַנג ביי יעדער באַריר.

איצט איז דער גאַנצער טראָטואַר געווען פאַרלייגט מיט שוכוואַרג: לעדערנע שיך, לייוונטענע פּאַנטאָפל, סאַנדאַלן, פּאַנטאָפל פון געפלאָכטענעם לעדער, שיך אויף הילצערנע פּאָדעשוועס און געשנורעוועטע טופליעס פון בלויזע קאָלירטע רימענדלעך.

די פאַרקויפער האָבן געשריגן, פאַרהאַלטן די דורכגייער, געכאַפּט פאַר די הענט, געשפּיגן פון בייזקייט: ווער עס קומט דאָ אַהער, איז נישט צוליב פאַרוויילונג, דאָ קומען מענטשן קויפן. זיי האָבן געווישט דעם שווייס פון די פּנימער, און דערנאָך אַליין געלאַכט צווישן זיך.

די טירן, די פענצטער און די דרויסנדיקע ווענט פון די קראָמען זענען געווען באַהאָנגען מיט אָנצוגן, קליידלעך, זיידענע טיכלעך און מיט געלע, גרינע און בלויע העמדער. יעדע פּאָר טריט איז געווען אַ באַר, וווּ מענטשן האָבן געטרונקען קאַווע. אויפן ראָג פאַר דעם ווייַנשענק, וועלכער איז געווען פינצטער, ווי אַ קעלער, און פאַרפולט מיט גרויסע פעסער, ווי צום פרעסן וויין, זענען געזעסן עטלעכע מענער ביי אַ טישל און געזופט פאַמעלעך וויין. וואָס ווייטער אַלץ ענגער איז געוואָרן. דאָ זענען געשטאַנען סט־אַנאַנעס מיט פרוכטן און ליידיקע בענק מיט רעשטלעך פון גרינוואַרג. עס האָבן זיך אַרומגעשלענדערט גאַנצע מחנות פון הינט און קעץ. די פאַרקויפערין פון די פרוכטן האָט זיך געקילט מיט אַ פאַפירענעם פעכער און אָפּגעטריבן דאָס געווימל פון פליגן און בינען. אַ פעטע פרוי מיט אַ רויט פּנים האָט געשריגן: „אמתע פלעצלעך, אמתע נעאַפּאָלער״. ווען ס'איז אַריינגעפאָרן אַ וואָגן אין דעם מענטשלעכן געדראַנג, האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען און זידלערייען. דער דישל האָט זיך אויפגעשטעלט אין דער

הייך, דאָס פערד האָט געטאָפּטשעט אויף איין אָרט, ביז וואַנען די מענטשן האָבן נישט געמאַכט קיין וועג. דער ציטרין־קאָליר פון אונטערגייענדיקן טאָג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די פענצטער פון די העכערע שטאָקן. די זון איז אַהער נישט דערגאַנגען. עס איז געווען רויק, און סאַלוואַטאָרען האָט זיך געוואָלט אַרויסבאַקומען פונדאַנען. אויפן ראָג האָט אַ סקריפּע געטאָן אַ טראַמוויי. סאַלוואַטאָרע איז דורכגעגאַנגען דורך אַ הויף מיט אַ סך גרעסערע און קלענערע צוגעבייען, צוגעקלעפּטע איינע אויף די אַנדערע צו דער הויכער צענטראַלער געביידע, מיט קרומע דעכלעך און באַלוסטראַדעס פון שיפּע טרעפּ. אויף שטריק האָט זיך געטרוקנט גרעט. ער האָט אויסגעמיטן אַ גרופּע יינגלעך, וועלכע האָבן געשפּילט מיט א באַל, געמאַכט פון שמאַטעס. ער האָט זיך געפונען אויף א קליין פּלעצל מיט א פאָנטאַן. פונדאַנען האָט מען געקאָנט זען אַ ברייטע גאַס מיט אַ שאָטנדיקער אַלייע. אין דער טיף האָט די גאַס זיך געענדיקט מיט א גרויסן פּלאַץ, מיט סקווערן און מיט גאַריבאַלדיס א דענקמאָל אויף א פערד. סאַלוואַטאָרע האָט דערקענט די געגנט פון וואָקזאַל מיט דעם פּאָרטיק און מיט דער קאָלאָנאַדע. ער איז געווען פאַרמאַטערט און געוואָלט זיך צוזעצן אויף אַ בענקל אין סקווער.

לענגאויס דעם ברוק איז געשטאַנען אַ גאַנצע ריי פאַרהאַלטענע טראַמווייען. פון דער זייט, וואָס קעגנאיבער דעם וואָקזאַל, איז געגאַנגען א קאָלאָנע מענטשן. זי האָט זיך באַוויזן אַזוי פּלוצעם, ווי א זומערדיקע כמאַרע. די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. סאַלוואַטאָרע האָט געאײַלט אין זייער ריכטונג. אין דער ערשטער ריי איז געגאַנגען אַן אַרבעטער אין אַ גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן. ער האָט געהאַלטן אַ פאָן, וועלכע סאַלוואַטאָרע האָט גאָר ביז איצט נישט געזען. זי איז געווען צוזאַמענגענייט פון פאַרשידנקאָליריקע פּאַסן און געהאַט דעם אויפשריפט: פרידן. אויף טעקסטור־מאָוולען, וועלכע מע האָט געטראָגן, האָט זיך איבערגעחזרט אַלץ דאָס זעלבע וואָרט. סאַלוואַטאָרע האָט זיך דערמאָנט דעם ערשטמאַיאיקן אַפּיש, וועלכן סילוויאַ האָט געבראַכט צו פּיהן פון טאַראַנטאָ און צוגעקלעפּט צו דער וואַנט פון דעם סעקציע־לאָקאַל אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ.

— נידער מיט דעם אַטלאַנטישן פּאַקט, — האָבן אויסגערופן די מענטשן אין צוג.

— זאָל לעבן דער שלום!

— נידער מיט מלחמה!

די צושויער, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אויפן טראָטואַר, האָבן אַפּלאָדירט. אייניקע האָבן געענטפערט מיט אויסרופן. אַנדערע האָבן בלויז שווייגנדיק געשמייכלט. טייל זענען אַראָפּ פון טראָטואַר און זיך פאַראייניקט מיט דעם צוג.

סאַלוואַטאָרע איז געגאַנגען אויפן ראַנד פון ברוק, וווּ עס ענדיקט זיך דער אַספאַלט. ער האָט געהאַלטן טראָט מיט די מאַרשירנדיקע. לעבן אים זענען געגאַנגען צוויי עלטערע אַרבעטער. איינער פון זיי האָט געטראָגן שוואַרצע בריל־

קעגן דער זון, דער צווייטער האָט געטראָגן אַ רויט שאַליקל אויפֿן האַלדז. זיי האָבן אים געמאַכט אַן אָרט און אַריינגענומען צווישן זיך. ווי לייכט און פּשוט. עס האָט אים געקלאַפּט אין האַרץ, און אַ צעשמייכלטער האָט ער, ווי די אַנדערע, גענומען אונטער דער האַנט ביידע אַרבעטער, דעם, וואָס מיט די ברילן, און דעם, וואָס מיטן רויטן שאַליקל.

— אָ, ווי פֿיל מיר זענען! — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— יאָ, עס ציט זיך אַזוי פֿון אַרבעטער=הויז.

דער צוג האָט זיך פֿאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פֿון גאַריבאַלדי=דענקמאָל. ווען זיי זענען שוין דורכגעגאַנגען דעם בריק, וועלכער איז געווען איבערגעשניטן פֿון צוויי פּאָר טראַמוויי=שינעס, האָט דער קאָפּ פֿון צוג זיך פֿאַרהאַלטן. סאַלוואַטאָרע האָט שוין פֿריער געהערט דאָס וואָיען פֿון אַ סירענע. דאָס האָט געקאָנט זיין אַ פֿאַבריק. איצט האָט זיך דאָס וואָיען דערנענטערט און ס'האָט זיך געהערט גלייכצייטיק פֿון אַלע זייטן.

— דאָס איז די „טשעלערע“, די פּאָליציי אויף אַמעריקאַנער „דזשיפּן“, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער אַרבעטער אין די ברילן, זעענדיק, אַז סאַלוואַטאָרע ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס „טשעלערע“.

די „טשערעלע“ צופֿוס, — האָט ער זיך דערמאָנט דעם געכטיקן אויסגעשריי, מיט וועלכן די אַרבעטער האָבן באַגריסט פֿרעצאָן מיט די קאַראַביניערן.

— דער טאַנץ הייבט זיך אָן, — האָט געזאָגט דער אַרבעטער אין רויטן שאַליקל. — שעלבאַס משרתים. די אַמעריקאַנער טאָכעסלעקער.

אויף די טראָטואַרן איז געוואָרן אומרואיק. איינציקע זענען געבליבן שטיין אַפֿוואַרטנדיק, אַנדערע האָבן צוגעאיילט דעם טראָט, טייל האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די באַרן און פֿון דאָרט אַרויסגעקוקט דורך די פֿענצטער און אָפֿענע טירן.

דאָס וואָיען פֿון די סירענעס איז געוואָרן אַלץ נענטער. אין שפּיץ פֿון צוג זענען אויסגעבראָכן געשרייען:

— מערדער!

אויפֿן טראָטואַר איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. די מענטשן האָבן זיך געוואָרפֿן צו די אָפֿענע טויערן און קראָמען.

— זיי שלאָגן פֿרויען!

— באַנדיטן!

— שעלבאַס משרתים!

עס האָבן אַ טראַסק געטאָן די שויבן פֿון אַ קראָם. אַ קליינער, פֿלינקער „דזשיפּ“ איז אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן טראָטואַר און געפֿאָרן גלייך אויף די מענטשן. ער האָט פֿאַרקערעוועט אַרויף אויפֿן ברוק און זיך איינגעשניטן אין מיט פֿון דער קאָלומנע. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען פֿון פֿרויען. די רייען האָבן זיך אַ

וואקל געטאן. פון „דזשיפ“ זענען ארויסגעשפרונגען פאליציאנטן אין העלמען און מיט פאלקעס זיך געווארפן אויף איינצלנע מענטשן. אנדערע פאליציי־אויטאס האבן געיאגט גלייך אויפן המון, צעשלאגנדיק דעם צוג אויף קליינע, איזאלירטע גרופן, וועלכע האבן זיך צוריק פאראייניקט, ווי כוואליעס נאך דעם אפשווימען פון א שיף. דעמלט האבן צוריק זיך אומגעקערט די „דזשיפן“, די מענטשן זענען זיך ווידער צעלאפן און דערנאך ווידער פאראייניקט. דאס האט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאל און די פאליציי, אנשטאט די פאלקעס, האט זיך אנגעהויבן צו באנוצן מיט די קאלבעס פון די אויטאמאטן. א הונדערט דעמאנסטראנטן האבן זיך באהאלטן אונטער די פארטיקעס פון וואקזאל. דער „דזשיפ“, וועלכער האט זיי געיאגט, איז ארויף אויפן טראטואר און שטיין געבליבן. די פאליציאנטן זענען ארויסגעשפרונגען. אין אויטא איז געבליבן בלויז דער שאפער. עס איז אויסגעבראכן א קורץ געשלעג. די אנפאלער האט מען אראפגעריסן די העלמען פון קאפ. מע האט זיי אנטוואפנט. די אויטאמאטן און אייזערנע קאסקעס זענען געפלויגן אויפן ברוק. מע האט זיך געווארפן נאך די אנטלויפנדיקע פאליציאנטן. דעם אויטא, וואס איז געשטאנען אויפן טראטואר, האט מען איבערגעקערט. אין א ווײַלע ארום האט ארויסגעזעצט פון אים א פייער. עס האבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פון פרייד. דער עולם האט אפלאדירט, געשריגן, געפייפט און געלאכט:

— שעלבאס פארטאבקעס!

— שלימזלדיקע פחדנים!

— פאדלע משרתים פון די אמעריקאנער אונטערצינדער! — האט מען נאכגעשריגן די אנטלויפנדיקע פאליציאנטן.

— חברים! אויפן פלאץ, צום דענקמאל! — דער ארבעטער אין גראנאטענעם קאמבינעזאן האט אויפגעהויבן איבער די קעפ די רעגנבויגנדיקע פאן. זיין פנים האט סאלוואטארען אויסגעזען באקאנט. איז דאס נישט דער ארבעטער, וואס צוליב זיין שולד האט ביי אים אין צוג געפלאצט דער גאנצער מיטן ווייג?

צו די פארטיקעס זענען צוגעפארן א פינף „דזשיפס“. אבער די דעמאנסטראנטן זענען שוין געלאפן אין דער זייט פון גאריבאלדי־פלאץ. די פאליציאנטן האבן אנגעהויבן לעשן דעם ברענענדיקן אויטא און צונויפנעמען פון ברוק די העלמען און אויטאמאטן.

אויפן גאריבאלדי־פלאץ האבן זיך אנגעהויבן זאמלען מענטשן פון די שכנותדיקע געסלעך, ווו זיי האבן זיך אויסבאהאלטן פאר דער מאטאריזירטער פאליציי.

פון דער זייט פון וואקזאל, פון אונטער די פארטיקעס, האט זיך דערנענטערט א וואיען פון סירענעס. א גרופע פון זעקס מענטשן האט מען איבערגעשניטן דעם וועג צום פלאץ. מע האט זיי גלייך ארומגערינגלט מיט די אויטאס.

אַ מיידל, וואָס האָט געכאַפּט אַ זעץ מיט אַ קאָלבע, איז געפאַלן אויפן ברוק. אויף די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ שיט געטאָן שטיינער. די, וואָס זענען שוין געשטאַנען ביים דענקמאָל, האָבן געאיילט צו הילף די חברים. אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט. מע האָט זיי אַלע געכאַפּט פאַר די הענט און, שלעפּנדיק מיט געוואַלד, אַריינגעזעצט אין אַ געדעקטן משא=אויטאָ. דאָס מיידל האָט מען געשלעפּט פאַר די הענט. זי האָט, בייסנדיק זיך, געשריגן: „מערדער"! „איר וועט אונדז באַצאָלן!" .דאָס פּנים איז איר געווען פאַרגאָסן מיט בלוט.

— חברים, לאָמיר זי אָפּשלאָגן! — האָט אַ געשריי געטאָן עמעצער לעבן סאַלוואַטאָרען.

— חברים, נאָך מיר! — האָט גערופן די זעלבע שטים.

דאָס איז ווידער געווען דער אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן און מיט דער רעגנבויגנדיקער פאָן פון שלום אין דער האַנט.

סאַלוואַטאָרע איז געלאָפן נאָך אים. ער האָט נישט געוווּסט, צי נאָך אַ סך דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט זיי אָפּצושלאָגן דאָס מיידל פון דער פּאָליציי. מעגלעך, אַז זיי זענען נאָר אין צווייען: דער אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן און ער. עס זענען אָנגעלאָפן נאָך צוויי „דזשיפּן". אויף דעם טראָטואַר נעבן באַר איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. די, וואָס זענען געלאָפן צו הילף, האָט פאַרשטעלט דעם וועג אַן אָפּטיילונג פון פוסגייער=פּאָליציי אין העלמען און מיט אויטאָמאַטן. דער אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן האָט פאַרקערעוועט אין דער זייט פון טראָטואַר, וווּ עס איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען דאָס געשלעג און פונוואַנען עס האָבן זיך דערטראָגן געשרייען פון פרויען. אין לויף האָט ער אַראָפּגענומען פון שטעקן די לייוונט פון דער פאָן און פאַרשטעקט אין בוזעם. די פוסגייער=פּאָליציי האָט געאיילט אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס דער אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן און סאַלוואַטאָרע. אָבער פריער זענען דאָרט אָנגעקומען די „דזשיפּן" פון דער „טשעלערע". אַרויפפאָרנדיק אויפן טראָטואַר, האָבן זיי צעטריבן די דעמאָנסטראַנטן און פאַרנומען אויף די אויטאָס צוויי צעבלוטיקטע ציוויל=אַגענטן.

ביים ראָג פון אַ זייטיק געסל איז געשטאַנען אַ דריירייאיקער שטאַרקער פּאָליציי=קאָרדאָן.

— אויף לינקס, אויף לינקס! — האָט געשריגן צו סאַלוואַטאָרען דער אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן.

אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט.

די גאַס אויף לינקס איז אויך געווען פאַרשטעלט מיט אַ דרייאיקן קאָרדאָן. דער גאַנצער פּלאַץ איז געוואָרן פאַרבלאָקירט. זיי האָבן זיך געפונען אויפן אָפּענעם פּלאַץ, ווי אין אַ פּאַסטקע. זיי האָבן נאָך געפּרווט אַרויסצובאַקומען זיך

אויף דעם ליידיקן טראָטואַר און פֿאַרשווינדן ערגעץ אין אַ טויער. אָבער לענגאויס דעם טראָטואַר איז אויך געשטאַנען אַ קאָרדאָן. און אויפֿן פּלאַץ האָט אַלץ נענטער געוואָיעט די סירענע, און ווען די „משעלערע" איז שוין געווען גאָר נאָענט, זענען פֿון טראָטואַר אַראָפּגעלאָפֿן פּאָליציאַנטן. דער אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן און סאַלוואַטאָרע זענען שטיין געבליבן. עס איז פּלוצעם געוואָרן שטיל. מע האָט זיי אַרומגערינגלט. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט קעגנזײַטיק, ווי פֿאַרוווּנדערט. נאָר באַלד איז אַרײַנגעשפּרונגען צווישן זיי אַן אָפֿיציר און מיט דעם הענטל פֿון רעוואָלווער אַ זעץ געטאָן דעם אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן צווישן די אויגן. דער אַרבעטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפֿאַלן. צוויי האָבן אים אָנגעכאַפּט פֿאַר די הענט און אָנגעהויבן שלעפּן אויפֿן ברוק.

— מערדער! — האָט אויסגעשריגן סאַלוואַטאָרע און זיך געוואָרפֿן מיט די פֿויסטן אויפֿן אָפֿיציר. — פֿאַרוואָס... — האָט ער נאָך באַוויזן אויסצורופֿן. ס'איז אים געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן און ער איז אומגעפֿאַלן. ער האָט זיך געוואָלט אויפֿהייבן, אָבער ער האָט דערפֿילט נאָך אַ זעץ אין קאָפּ. עס האָבן אים אָנגעכאַפּט צוויי פֿאַר די הענט. די פֿיס אין די פֿערמער־שיך האָבן זיך געשלעפּט איבער דעם אַספֿאַלטירטן ברוק. מע האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין אַן אויטאָ, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן.

II

אַ גאַנצן אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען אָנגעפֿאָרן פּאָליציייִשע אויטאָס מיט אַלץ נײַע אַרעסטירטע. מע האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין דער צעלע, אין וועלכער עס איז געווען סאַלוואַטאָרע און נאָך עטלעכע צענדליק חברים, וועלכע מ'האָט געבראַכט צו פֿירן די ערשטע. אַנדערע האָט מען אַרײַנגעפֿירט אין די שכנותדיקע צעלעס.

אויפֿן קאָרידאָר איז פֿאָרגעקומען אַן אומאויפֿהערלעכע באַוועגונג, עס האָבן זיך געהערט עמעצנס טריט, שליסלען האָבן געקלונגען און שלעסער האָבן הויך געסקריפּעט.

אַזוי לאַנג ווי סאַלוואַטאָרע האָט זיך געפֿונען אין אויטאָ, איז ער געווען אין אַ האַלב־אומבאַוווּסטן צושטאַנד און נישט געפֿילט קיין שום ווייטיק. ערשט איצט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער קאָפּ איז בײַ אים ווי געשוואָלן.

די צעלע איז געווען אָן בעטלעך. די חברים האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. סאַלוואַטאָרע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם

אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן. אין דער טונקלקייט איז ער נאָך מער ענלעך געווען צו לויטן פּנים צום שוואַרצן אַרבעטער פון צוג.

מע האָט ווידער אָנגעהויבן אַריינפירן אין צעלע אַריין אַרעסטירטע. אַ סך האָבן זיך געקענט. כמעט אַלע האָבן געקענט דעם אַרבעטער אין גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן און מע האָט אים גערופן אַלדאָ. דעם זעלבן נאָמען האָט געהאַט דער אַרבעטער אויף דער שיף „לוטשאַנאָ מאַנאַראַ", מיט וועלכער סאַלוואַטאָרע האָט זיך אומגעקערט פון אויסטראַליע. מע האָט זיך באַגריסט מיט סאַלוואַטאָרען, ווי מע זאָל אים אויך קענען.

מע האָט זיך קעגנזייטיק אויסגעפרעגט, צי דער אָדער יענער איז אויך אַרעסטירט געוואָרן אויף דער דעמאָנסטראַציע.

אין צעלע איז געוואָרן אַלץ הייסער. דער שווייס האָט זיך געגאָסן פון זיי שטראָמענווייז. עס האָט זיי געברענט דער דורשט.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך איינגעקוקט אין אַלדאָס געזיכט און געפרעגט:

— צי מיר קענען זיך נישט?

— וואָס הייסט מיר קענען זיך נישט? מע האָט אונדז ביידע אַרעסטירט אויפן פּלאַץ, — האָט אַלדאָ געענטפערט, — מיר האָבן געוואָלט אָפּשלאָגן אַ חברטע. און דערנאָך האָסטו געוואָלט מיך אָפּשלאָגן, — האָט ער זיך צעלאַכט.

— ניין, נאָך פריער, אין באַן. שוין לאַנג.

ניין, דאָס איז נישט געווען ער, — האָט זיך סאַלוואַטאָרע אַנטוישט. ער האָט דערציילט די חברים די געשיכטע מיטן פלעשל ווייַן, וואָס האָט געפּלאַצט אין באַן.

מע האָט געלאַכט איבער דער נאַרישקייט פון אַרבעטער. אַז מע האָט אַ פלעשל ווייַן, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק.

— נישט אין דעם האַנדלט זיך, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט. — מיר זענען דאָרט געווען אַזויפיל און זיך נישט געקאָנט געבן קיין עצה. ערשט אַ קאָמוניסטקע האָט געפונען אַן אויסוועג.

— און דו ביסט נישט קיין קאָמוניסט? — האָט אַלדאָ געפרעגט.

— ניין. איך געהער נישט צו דער פאַרטיי און נישט צום פאַריין.

— דאָס שאַדט נישט, מיין טייערער, — האָט אַלדאָ געזאָגט. — איך האָב געקענט איינעם, וועלכער האָט גערעדט אַזוי ווי דו. דו ביסט פון קאַלאַבריע?

— יאָ.

— איך האָב געהאַט אַ פריינד פון קאַלאַבריע. פון וועלכע געגנטן ביסטו?

— פון ראָקאַ די דזאָלפאָ.

— ריכטיק, — אַלדאָ האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן גאַנצן כוח איבער דער פּלייצע. — נו, טאָ קענסטו זיכער אַרמאַנדאָן.

— דאָס איז דער סעקרעטאַר פון דער סעקציע אין ראָקאַ די דזאָלפאָ.

— איך מוז דיר געבן אַ ברייוו צו אים. מיר האָבן צוזאַמען געקעמפט אין דער פּאַרטיזאַנקע אין גריכנלאַנד. דאָס איז אַ העלד. זעט אויס, אַז ביי אייך דאָרט, אין אייער ראָקאַ די דזאָלפּאָ, ווערן געבוירן בלויז העלדן. אַרמאַנדאָן האָבן די דייטשן געפּייניקט אין משך פון פיר טעג און פיר נעכט, און ער האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן. ער האָט גאָרנישט מורא געהאַט פאַרן טויט. אַזוי האָבן אים טאקע א נאָמען געגעבן די גריכישע חברים „אַנטיטויט“. אָבער דו ביסט אויך א מאַלאָדיעץ...

— סאַלוואַטאָרע, — האָט ער אים אונטערגעזאָגט זיין נאָמען.

איז דער געדיכט אָנגעפּיקעוועטער צעלע איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

— וואָס איז דאָס? — האָט זיך אָנגערופן אַ הייזעריק קול. — זיי ווילן אונדז דאָ אויסדושען.

— חברים, — האָט זיך אָנגערופן א צווייטער. — אזוי איז עס, זיי ווילן אונדז דאָ אויסדושען.

עמעצער האָט אַ קאָפּע געטאָן מיט דעם פוס דעם בלעכענעם קיבל:

— קיין איין טראָפּן וואַסער!

— מע דאַרף פאָדערן פון זיי וואַסער, — האָט געזאָגט אַלדאָ און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ריכטיק, מע דאַרף פאָדערן פון זיי וואַסער, — האָט געזאָגט דער אַרעסטירטער מיטן הייזעריקן קול.

עמעצער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיר.

— העי, דאָרט, — האָט אַלדאָ אויסגעשריגן, — גיט וואַסער. די מענטשן וועלן דאָ דערשטיקט ווערן!

די אַרעסטירטע האָבן זיך א ווילע איינגעהערט, און דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען אין כאָר:

— וואַ—סער, וואַ—סער, וואַ—סער!

אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

— וואַ—סער, וואַ—סער, וואַ—סער, — האָט מען געשריגן אַלץ העכער.

די אַנדערע צעלעס האָבן זיך אויך אָפּגערופן און דער גאַנצער קאָרידאָר האָט אויפגעהילכט מיט איין געשריי: — וואַ—סער, וואַ—סער, וואַ—סער!

עס איז אַריינגעקומען דער וועכטער, אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן און אָן אַ וואָרט צוריק פאַרמאַכט די צעלע.

מע האָט זיך באַרואיקט אין דערוואַרטונג, אַז מע וועט ברענגען וואַסער, אָבער דער וועכטער האָט זיך נישט צוריקגעקערט.

עמעצער האָט געכאַפּט דעם בלעכענעם קיבל און אַ זעץ געטאָן אין דער אייזערנער טיר. מע האָט אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס און דער גאַנצער קאָרידאָר האָט ווידער געדונערט:

— וואַ—סער, וואַ—סער, וואַ—סער!

דאָס מאָל איז דער וועכטער געקומען מיט אַ פּאָליציאַנט.

— אַ בונט ווערט איר מיר דאָ איינאָרדענען! — האָט אַ ריטשע געטאָן דער פּאָליציאַנט.

— מיר ווילן וואַסער, — האָט אַלדאָ געזאָגט, — איר ווילט דאָך אונדז דאָ נישט אויסדרושען.

— און אייך האָט זיך געוואָלט שלאָגן די פּאָליציי? איצט האָט איר פּאַר אייערס, — האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט.

— מיר ווילן נישט שלאָגן די פּאָליציי, דאָס האָט זי אונדז געשלאָגן, — האָט זיך אָנגערופן דער אַרעסטירטער מיטן הייזעריקן קול.

— אָנשטאָט צו זיצן רואיק אין דער היים, אָרדנט איר איין אוואַנטורעס אויפן פּלאַץ.

— דאָס איז נישט געווען קיין אוואַנטורע, — האָט אַלדאָ געזאָגט, — דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע אין שוץ פון שלום.

— שוין פאַרשטייט איר דעם שלום. ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, איר זאָלט עמעצן פון אונדז דערמאָרדן.

— און פאַרוואָס מאָרדעט איר אונדז? — האָבן אויסגעשריגן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל. — פּחדנים!

— איר זענט נאָך ערגער פון די פאַשיסטן!

— און איר זענט קאָמוניסטן! — האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט.

— זיכער זענען מיר קאָמוניסטן. מיר זענען אַרבעטער.

— גענוג צו דיסקוטירן מיט פּאָליציאַנטן! גיט אונדז וואַסער!

— ווירקלעך: דיסקוטירן! כ'האָב שוין נישט מיט וועמען צו דיסקוטירן.

דער פּאָליציאַנט האָט פאַרהאַקט די טיר און דער שליסל האָט אַ סקריפּע געטאָן אין שלאָס.

ווידער האָט די צעלע אָנגעהויבן צו דונערן:

— וואַ—סער, וואַ—סער, וואַ—סער!

אין אַ פּאָר מינוט איז דער וועכטער געקומען מיט אַ באַדינער. זיי האָבן געבראַכט אַ קיבל וואַסער און עטלעכע אַלומיניום-טעפּעלעך.

מע האָט אָרגאַניזירט דעם פאַנאַנדערטייל פון דער וואַסער. סאַלוואַטאָרע, ווי אַ פאַרוווּנדעטער, האָט באַקומען אַ דאָפּלטע פּאָרציע. אַלדאָ האָט איינגעטונקען אַ טיכעלע און עס אים צוגעלייגט צום שטערן. סאַלוואַטאָרע האָט נישט געוווּסט, אַז ער האָט אַ שראַם צווישן די ברעמען. ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט דער-

פילט א דערליײכטערונג. עס האָט זיך אים דערמאָנט די שיסל וואַסער און די צעדראפּעטע הענט פון די דערנער.

— איך האָב געמיינט, אז עס וועט שוין גאָרנישט העלפן, — האָט סאלוואַטאָרע געזאָגט צו אלדאָן. — איך האָב געמיינט, אז זיי וועלן קיין וואַסער נישט געבן.

— זיי מוזן געבן, — האָט אלדאָ געענטפערט. — וואָלטן זיי געפּרוּווט נישט געבן.

— נישטאָ קיין סיטואַציע אָן קיין אויסוועג, — האָט געזאָגט סאלוואַטאָרע.

— בראַוואָ! — האָט אלדאָ געזאָגט.

— חברים, — האָט זיך אָנגערופן דער אַרעסטירטער מיטן הייזעריקן קול, וואָס הייסט דאָס? קיינער פון אייך רייכערט נישט? ווער האָט צו פאַררייכערן?

עס האָבן זיך אָנגערופן עטלעכע שטימען. סאלוואַטאָרע האָט אויך אָפּגעגעבן זיין פּעקעלע, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר.

עס האָבן אָנגעהויבן קנאַקן שוועבעלער.

— א גוטע דעמאָנסטראַציע געווען, — האָט זיך עמעצער אָנגערופן, — וויפל מענטשן האָט געקאָנט זיין?

— אפשר צוואַנציק טויזנט...

— פאַר פערציק גאַראַנטיר איך...

— וואָס זאָגסטו, אלדאָ? ס'איז נישט געווען קיין פערציק טויזנט מענטשן.

— ער, ס'איז געווען מער, — האָט אלדאָ א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— זעסט שוין! און דו זאָגסט צוואַנציק טויזנט...

— די גאַנצע פּאָליציי האָבן די בעסטיעס מאָביליזירט.

— אָנשטאָט צום גאַריבאַלדי־פּלאַץ, האָט מען געדאַרפט גיין צום פּאָרט. דאָרט שטייען אמעריקאַנער שיפן.

— ריכטיק.

— יאָ, דאָס איז אמת.

— מיר וועלן נאָך גיין, — האָט אלדאָ געזאָגט, — נאָך נישט איין מאָל וועלן מיר גיין. דער קאַמף פאַר שלום איז נאָך נישט געענדיקט.

— ווער, ווער, אָבער די איטאַליענער וועלן זיך נישט גיין שלאָגן פאַר די אמעריקאַנער.

— נישט די איטאַליענער, נישט די פראַנצויזן.

— נאַראָנים, זיי ווייס נישט, אז מלחמה איז קודם־כל זייער סוף.

די פייערלעך פון די פּאַפּיראָסן האָבן זיך געטינקלט אין דער פינצטער, זיי האָבן זיך געלאָשן איינס נאָכן צווייטן. די מענטשן זענען שטיל געוואָרן. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע אין איינגעשלאָפן. סאלוואַטאָרע האָט געהאַלטן אָפן די אויגן. לעבן אים איז געלעגן אלדאָ. ער איז אויך נישט

איינגעשלאָפן. ער האָט מיט דער האַנט אַ רייב געטאָן דעם שטערן. זעט אויס, אַז מע האָט אים מכבד געווען איבערן קאָפּ נישט ערגער פון מיר, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ טראַכט געטאָן.

— אַלדאָ, — האָט סאַלוואַטאָרע אַ שעפּטשע געטאָן.

— וואָס, סאַלוואַטאָרע?

— דערצייל מיר, ווי איז עס געווען מיט אַרמאַנדאָן...

אַלדאָ האָט אים לייכט אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— שלאָף, שלאָף, סאַלוואַטאָרע, מיר וועלן נאָך האָבן גענוג צייט. איך וועל דיר נאָך דערציילן.

III

צוויי טעג האָט מען זיי געהאַלטן אָן שום אויספאָרשונג.

ווידער האָט מען געהאַקט אין די אייזערנע טירן, ווידער האָבן געהילכט די צעלעס. און ווען מע האָט געבראַכט די אַרעסטירטע זופּ, האָבן זיי אָפּגעזאָגט זי צו נעמען.

— איר האָט נישט קיין רעכט אונדז צו האַלטן דאָ לענגער ווי פיר און צוואַנציק שעה, — האָט אַלדאָ פּראָטעסטירט.

— אָדער לאָזט אונדז אַרויס, אָדער גיט אונדז איבער דעם געריכט, — האָט אויסגערופן מישעלע, — דער עלטסטער אַרבעטער פון די פאַבריקן „אילוואַ באַניאָלי“, דער, וואָס האָט געהאַט אַ הייזעריקע שטים.

אין אָונט האָבן זיי ווידער נישט אָנגענומען דאָס עסן.

— מאָרגן וועט אונדזער פּרעסע שרייבן וועגן דעם סקאַנדאַל, — האָט אַלדאָ געדראָט. — מיר זענען נישט שוצלאָז. עס איז נאָך פאַראַן אין איטאַליע אַ פּאַרלאַמענט! אייער שעלבאַ וועט זיין געצוווּנגען צו געבן אַן ענטפער.

אין דריטן טאָג האָבן די אַרעסטירטע איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע. אַלדאָ האָט דורכן פענצטער פון דער צעלע אַרויסגעהאָנגען אַ שלום־פאָן. די פּאָליציי איז אַריין און זי צעריסן גלייך באַזייטיקן. אָבער זיי האָבן זי געמוזט אַליין אַראָפּנעמען. קיינער פון די אַרעסטירטע האָט זיך נישט גערירט. ערשט דעמאָלט האָט מען זיי אָנגעהויבן אַרויסרופן איינציקווייז.

מע האָט זיי אויסגעפרעגט, ווער עס האָט אַרויסגעהאָנגען די פאָן. ווער עס וועט זאָגן, דער וועט גלייך אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי. קיינער האָט נישט געוואָלט אַזאַ פרייהייט. דער פּאָליציי־אָפיציר, דער זעלבער, וואָס האָט אויף דעם גאַריבאַלדי־פּלאַץ אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פון דער פוסגייער־פּאָליציי, האָט געווילדעוועט פון כעס.

אָבער סוף־כּל־סוף האָט מען געמוזט אָנהייבן די אויספאַרשונג. די, וואָס האָבן געהאַט דאָקומענטן און געוווינט אין געטאָ, זענען גלייך געוואָרן באַפרייט. אַלדאָן האָט מען אַרויסגערופן איינעם פון די ערשטע. אין אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אין דער צעלע. דער פּאָליציי־אָפיציר האָט אים גע־הייסן פאַרהאַלטן. ער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר שטערן די עפנטלעכע רו און פאַר אָנפאַלן אויף פאַרשטייער פון דער זיכערקייטס־מאַכט.

סאַלוואַטאָרע האָט לאַנג געוואַרט, ביז ס'איז געקומען זיין ריי. דער וועכטער האָט אָנגעוויזן אויף אים און געזאָגט:

— איצט, דער.

— אַך, דאָס ביסטו, פויגל, — האָט דער אָפיציר אויסגערופן, ווען מע האָט אים אַריינגעפירט אין אַ ליידיקן צימער מיט באַקעטע אָפּגעדראַפּעטע ווענט. אינ־מיטן איז געשטאַנען אַ לאַנגער, שוואַרצער טיש. הינטער אים איז געזעסן אַ פּאָ־ליציאַנט און אַ הויך אין אַלץ פאַרשריבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר. אויך סאַלוואַטאָרע האָט דעם אָפיציר באַלד דערקענט. ער איז געבליבן שטיין עטלעכע טריט פון טיש.

— די דאָקומענטן, — האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט.

— איך האָב זיי נישט ביי זיך.

— און וווּ האָסטו זיי? — האָט געפרעגט דער אָפיציר.

סאַלוואַטאָרע האָט נישט געענטפערט.

— וווּ האָט איר אייערע דאָקומענטן? — האָט דער פּאָליציאַנט געפרעגט.

— אין שינעל.

— אין וועלכן שינעל, — האָט אויסגעשריגן דער אָפיציר. — וועסט דאָ חוזקן!?

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— דעם שינעל האָט איר איבערגעלאָזט אין דער צעלע? — האָט דער פּאָ־ליציאַנט געפרעגט.

— אין דער היים.

— און וווּ איז דיין הינטישע בודע? — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטאָן.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

— וווּ איז דאָס שטענדיקע וווין־אָרט פון אַרעסטירטן? — האָט דער פּאָ־ליציאַנט געפרעגט.

— אין ראָקאַ די דזאָלפאָ.

— ווייטט, הייסט עס, דער אַרעסטירטער נישט אין געטאָ? — האָט דער פּאָליציאַנט געפרעגט.

— ניין. מיט דריי, ניין, מיט פיר טעג צוריק בין איך געקומען צו פאָרן.

— אַך, אַזוי, — האָט אויסגעשריגן דער פּאָליציי־אָפיציר. ער איז אַרויס־געגאַנגען פון הינטערן טיש און זיך אוועקגעשטעלט האַרט פאַר סאַלוואַטאָרען. —

ביסטו, הייסט עס, ספּעציעל געקומען אויף דער דעמאָנסטראַציע. ווייסן מיר שוין, וואָס פאַר א פויגל דו ביסט. און די דאָזיקע שמאַטע אין פענצטער האָסטו אויך אַרויסגעהאָנגען? רעד!

— סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

דער אָפיציר האָט פאַרדריקט די פויסטן.

— דו וועסט ענטפער־ן אויף מיינע פראַגן, דו קאָמוניסטישער אויסוואָורף!? דו ביסט ספּעציעל געקומען צו פאָרן אויף דער דעמאָנסטראַציע. אויף מיר האָסטו זיך געוואָרפן. און דו האָסט עס אָנגעפירט מיטן אַנטוואָפענען די פאָליציי לעבן וואָקזאַל. מיר ווייסן דאָס. דיינע אייגענע חברים האָבן דאָס אַלץ אויסגעגעבן.

סאַלוואַטאָרע האָט געשוויגן.

דער אָפיציר האָט א פּאַטש געטאָן מיט די פויסטן:

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט אויף מיינע פראַגן!? וועסט ענטפער־ן, צי נישט.

— אויף קיין ליגנס קאָן איך נישט ענטפערן, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— וואָס? — האָט א ריטשע געטאָן דער פאָליציי־אָפיציר. — מיר וועסטו פאַרוואַרפן ליגנס?! דו... דו... וועסט מיר באַלד אָנהייבן צו רעדן! דו קאָמוניסטישער הונט! — דער אָפיציר האָט א זעץ געטאָן סאַלוואַטאָרען מיט דער פויסט אין באַק.

סאַלוואַטאָרע האָט אויפגעציטערט.

— דו, קין! — האָט ער אויסגעשריגן און א שפּיי געטאָן דעם אָפיציר אין פּנים.

דער אָפיציר איז שטיין געבליבן א ווײַלע אָן באַוועגונג. דערנאָך, נישט אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק פון סאַלוואַטאָרען, האָט ער געגרייכט צום שײַדל, כדי אַרויסצונעמען דעם רעוואָלווער. די האַנט האָט אים געציטערט. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַרויסגענומען א טיכעלע און זיך אָפּגעווישט דאָס געזיכט.

דער פאָליציאַנט איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אָנגעכאַפּט דעם אָפיציר ביי דער האַנט:

— טענענטע*, „טענענטע“, באַהערשט אײַך, — האָט ער זיך שטיל געבעטן.

סאַלוואַטאָרע האָט רואיק געקוקט אויף דעם אָפיציר און געשמייכלט.

דער אָפיציר האָט דעם רעוואָלווער נישט אַרויסגענומען. ער האָט זיך נאָכאַמאָל געוואָרפן מיט די פויסטן אויף סאַלוואַטאָרען און אים געוואָלט א זעץ טאָן, אָבער ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. ער האָט זיך געשטיקט פון כעס און זיינע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט בלוט.

— וואָן פונהאַנען! — האָט ער געריטשעט. — וואָן!

---

* לייטענאַנט

עס איז אריינגעלאָפֿן דער וועכטער און נאָך איין פּאָליציאַנט.

— פֿירט אים אָפּ אין דער צעלע, — דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט פֿאַרשריבן, האָט זיי געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפּ.

אין צעלע האָט סאַלוואַטאָרע געטראָפֿן אַלדראָן אַליין.

— מע האָט דיך פֿאַרהאַלטן? — האָט אַלדראָ געפֿרעגט.

— יאָ, האָט געענטפֿערט סאַלוואַטאָ־רע.

— און ווען דו ביסט אַריינגעקומען, בין איך געווען זיכער, אַז מע האָט דיך באַפֿרייט. האָסט געהאַט אַזאַ אויסדרוק... ·

— יאָ. איך האָב אַ שפּיי געטאָן דעם אָפֿיציר אין פּנים.

— אַך, אַזוי!

— איצט וועט מען מיך שוין פֿאַרהאַלטן אויף לאַנג.

— וואַרשיינלעך, — האָט אַלדראָ אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ק א פּ י ט ל   צ וו ע ל ף

I

לעליאָן האָט מען ארויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטיי, און די סעקציע האָט מען איבערגעטראָגן אין הויז פון יונגן ראָזאַריאָ, דעם זון פון דער פאַרשטאָרבענער אַננאַ דער אלמנה.

לעליאָנען האָט געכאַפּט ביים אָנטערציִנדן דער קליינער מינקוטשיאַ. אויפן הויף און אין שטוב איז דעמאָלט קיינער נישט געווען. וויטאָ האָט געמוזט אָפּפירן ראָזאַריאָן, וועלכער האָט גערעדט פון היץ. די וווּנד האָט נישט בלויז זיך נישט געוואָלט פאַרהיילן, נאָר דער גאַנצער אָרעם איז אים מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער געשוואָלן און אַלץ מער בלוי: עס האָט געקאָנט זיין א בלוט־פאַרגיפטונג.

וויטאָ איז אַלזאָ נישט געווען, און פּיערינאַ איז אַוועקגעלאָפן צו דזשיאָוואַנען, וועלכע האָט זיך געפילט באַדייטנדיק בעסער. די פרוי פון וויטאָן, דעם אייגנטימער פון דער „שאַראַבאַלע“, האָט איר אַוועקגעטראָגן אין פּאָלע אַ ביסל באָב, אַ ביסל ווייץ און א ביסל וואַסער אין א קריגל פון דעם ברונעם אין פּאַלאַצל. דאָס וואַסער האָט ארויסגעטראָגן קיאַראַ איבער דער פאַרצוימונג אין געהיים פאַרן קשיאָנדז און פאַר די קאַראַביניערן.

דער קרעמער האָט ווארשיינלעך לאַנג אויסגעקוקט אַזאַ פּאַסיקע מינוט. נאָר ווען ער האָט שוין געוואָלט צולייגן דאָס שוועבעלע צו דעם סטויג תבואה, וועלכער איז געשטאַנען אויף וויטאָס הויף, האָט אים איבערגעשראָקן דער אויסגעשריי פון יינגל. מינקוטשיאָ האָט אויפגעהויבן אַזאַ ליאַרעם, ווי ער זאָל דאַרפן פאַרטרייבן א וואָלף פון א סטאַדע שאָף. לעליאָ האָט באַוויזן צו אַנטלויפן, און דערנאָך האָט ער אַלץ אָפּגעלייקנט. נאָר ס'איז נאָך אַזוי אויך גוט געווען, וואָס מע האָט די תבואה אָפּגעראַטעוועט. כאָטש אַדאַנק א צופאַל. דעריבער האָט מען דעם זעלבן אָוונט, ווען וויטאָ האָט זיך אומגעקערט שפּעט פון שטאָט, ווייל ער האָט אויפן וועג פאַרדינט א ביסל געלט פאַרן אָפּפירן מעל פון דער מיל אין סטראָנגאָלי קיין ראָקאַ די סאַנטאַ קיאַראַ — אויסגעמלוטשעט די ווייץ און די קערנער

אַרײַנגעשיט אין דער קאַמער, וווּ ווימאַ האָט איז פֿריִער געהאַלטן פּאַשע פֿאַרן מױלאײַזל.

די אַרבעטער זענען געווען גרייט צו דערהרגענען אויף טויט דעם פּאַרעטיער, וועלכער האָט געציטערט פֿון שרעק. און מינקוטשיאַ האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, ווען דער אונטערציִנדער האָט אים אָנגערופֿן קלײנער ליגנער. ערשט איצט האָט מען זיך דערמאָנט, אַז לעליאַ האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט נישט ווי קיין קאָמוניסט, נאָר מע האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט. מע האָט אויך איצט ערשט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס לעליאַ האָט פֿאָרגעלייגט אַ העלפֿט שטוב אויף אַ לאָקאַל, נישט וועלנדיק דערפֿאַר קיין באַצאָלטס, נאָר געבעטן מע זאָל אים אָנגיעמען אין דער פּאַרטײַ. וואָס פֿאַר אַ מאַנגל פֿון וואַכזאַמקייט! עס איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז דאָס האָט ער, און נישט קאָנטשעטאַ אונטערגעצונדן דעם לאָקאַל פֿון דער סעקציע מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. דאָס האַלטן די מענטשן אין טעות, — האָט דזשיאַני געזאָגט אַרמאַנדאָן, — איז געווען אַ מאַנעוור פֿון קלאַסן־שונא, וועלכער גייט איבער צו מעטאָדן פֿון טעראָר, ווען די „פֿרידלעכע“ מיטלען אײַנצוהאַלטן זײַנע קלאַסן־פּריווילעגיעס הערן אויף צו ווירקן. עס הייבט זיך אָן פֿון אינערלעכע פּראָוואָקאַציעס, און ווען אויך דאָס העלפֿט נישט, גייט מען איבער צו פּראָוואָקאַציעס אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, דאָס הייסט צו מלחמה. נישט אומזיסט פֿאַרבינדט די פּאַרטײַ דעם איבערגאַנג צו אָפֿענע פֿאַשיסטישע מעטאָדן מיט דער פֿאַרשטאַרקטער טעטיקייט פֿון די מלחמה־אונטערציִנדער.

מינקוטשיאַן האָט דערגרייכט די נקמה פֿון קשיאַנדז אַליין. דאָן לואידזשי האָט געהייסן זײַן מוטער, דער אַלמנה נאָך פֿיליפּעלאָ, אויפֿן אָרט פֿון אַרמאַנדאָס ייִנגל צונעמען טאָניען אָן דער האַנט, וועלכער האָט געוווינט ווײַט הינטער ראָקאַ די דזאָלפֿאַ, אין די גראָטן ביי די שוועבל־גרובן, אויפֿן באָדן פֿון מאַרקיז מאַסאַרי. דער קלײנער מינקוטשיאַ האָט איבערגעלעבט שווערע טעג. ער האָט זיך נישט געקאָנט געפֿונען קיין אָרט. בענקענדיק נאָך די שאָף. ער איז געגאַנגען אויפֿן פֿעלד, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט דערנער, וווּ די סטאַדע אויס מאַנגל אין גראָז האָט אַרומגעגריזשעט די בלעטער און צווייגלעך פֿון די קוסטעס, און ער איז געווען גליקלעך, ווען טאָניע אָן דער האַנט איז „צוגעשפּרונגען אויף אַ רגע“ אַהיים, אָדער ווען ער האָט זיך צוגעלייגט שלאָפֿן אין שאָטן פֿון פֿעלזיקן באַרג, איבערעגטפֿערנדיק די שאָף אונטער דער אויפֿזיכט פֿון זייער אַמאָליקן פּאַסטעך. מינקוטשיאַ האָט זיך באַרויקט ערשט דעמלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין קיין ראָקאַ די סאַנטאַ קיאַראַ, וווּ ער האָט געהאָלפֿן די אָרטיקע פֿישער בײַם פֿאַרלייגן נעצן אויפֿן אָפֿענעם ים.

לעליאַ האָט עטלעכע טעג געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ קרבן פֿון אַ בלבול, נאָר ווען פּרעצאָ האָט זיך איבערצייגט, אַז זײַן מענטש איז „פֿאַרשיט“, האָט ער אים באַפֿוילן אָפּן איבערצוגיין אויף דער זײַט פֿון פּאַלאַצל. מע האָט באַ־

דאַרפֿט געפֿינען אַ צווייטן סטאַבילן אינפֿאָרמאַטאָר אין דער סעקציע. איצט האָט עס אויסגעזען צו זיין זייער שווער. פּרעצאָ האָט עס געהאַלטן פֿאַר אוממעגלעך. אָבער דאָן לואידזשי האָט געהאַט אַ צווייטע מיינונג. איבעריקנס, האָט מען געדאַרפֿט טאָן אַלץ גראָד איצט, ווען די קאָמוניסטן, דערמוטיקטע דורך דעם דערפֿאָלג פֿון זייער ערשטן שניט, האָבן זיך געגרייט צו פֿאַרנעמען דעם גאַנצן פּראַגאַלאַ־טאָל. דער פּלאַן איז געווען אַלעמען באַקאַנט. קיינער האָט אים אייגנטלעך נישט באַהאַלטן. אַזאַ מאַסן־אַקציע מיטן אָנטייל פֿון דעם גאַנצן דאָרף כמעט האָט מען נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. און נישט בלויז אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ! אַרמאַנדאָ, סילוויאָ, ווימאָ, רוסאַנאָ, מאַטעאָ און אַפֿילו שיאַוואָנע, פּעפּע פּעדעלי און אַנדערע זענען געגאַנגען איבער דער געגנט און אַגיטירט די פּויערים, זיי זאָלן זיי אויסבאָרגן אָקערס, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מכשירים און געשפּאַן, וואָס איז נישט געווען צו קריגן אין ראָקאַ די דזאָלפּאָ. די זאַך האָט באַקומען אַ פּאַרנעם.

דאָן לואידזשי האָט געוואָלט וויסן פּרטים, און וועלכן טאָג פּינקטלעך — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די נאָענטסטע טעג — וועט פֿאָרקומען דער אָנגריף אויף די גיטער פֿון באַראָן בערלינגיערי, וויפֿל מענטשן וועלן אָנטייל נעמען. עס קאָן זיך שוין איצט נישט איבערחזרן מער דאָס שענדלעכע אַנטלויפֿן פֿון דריי באַוואָפֿנטע קאַראַביניערן פֿאַר אַ סטאַדע ווייבער. דער קשיאָגדז האָט אַ קוק געטאָן אויף העם שראַם, וועלכער האָט איבערגעשניטן די לינקע באַק פֿון סערזשאַנט. מע דאַרף וויסן, ווען און וויפֿל קאַראַביניערן צו ברענגען... שליסלעך וואָלט צונוץ געקומען אַברוצעזע.

— אַברוצעזע, — האָט פּרעצאָ זיך צעטומלט, — ער איז שולדיק, וואָס מע האָט נישט אויסגענוצט ווי עס באַדאַרף צו זיין דעם פֿאַל מיטן אַלטן אַנטאָניאָ...

— דערווייל, — האָט אַריינגעוואָרפֿן דאָן לואידזשי.

— אַזוי איז — „רעוועראַנדאַ" — דערווייל, אָבער נאָך דעם לעצטן שמועס מיטן „סינדאַקאָ" שטעל איך זיך נישט פֿאָר... ער וועט זיך בלויז באַליידיקן, ווען מע וועט אים פֿאָרלייגן די אַרבעט פֿון לעליאָן.

— ער וועט זיך באַליידיקן? — האָט דאָן לואידזשי אויפֿגעהויבן די האַנט.

— וועלכער אונטערשייד איז פֿאַראַן צווישן אים און לעליאָן? און פֿאַר דעמאָסקירן, ווי די קאָמוניסטן רופֿן עס, וועט ער מורא האָבן מער ווי לעליאָ.

— אַ שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ סאַלוואַטאָרע...

— סאַלוואַטאָרע? איצט?

— יאָ, גראָד איצט, — דער קאַראַביניער האָט זיך פֿאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע.

— מיר וואָלטן אים געקאָנט באַפֿרייען. אויב איך האָב שוין איין מאָל אַ קאָמוניסט באַפֿרייט, זיין ברודער... און ער איז דאָך נישט קיין קאָמוניסט... איך וואָלט אַרויסגעפֿאָרן קיין נעאַפּאָל אויף אַ זעונג מיט סאַלוואַטאָרען. סאַלוואַטאָרע וואָלט זיך צוריקגעקערט ווי אַ העלד פֿון אַ קאָמוניסטישער דעמאָנסטראַציע. מע וואָלט

אים אָנגענומען אין דער פּאַרטיי. איך בין זיך מודה, אַז דאָס איז שטענדיק געווען מיין חלום פון דער ערשטער מינוט, ווען סאַלוואַטאָרע האָט זיך באַוויזן אין ראָקאַ די דזאַלפּאַ נאָך זיין צוריקקער פון געפאַנגענשאַפט. היינט וואָלט שוין סאַלוואַטאָרע פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער פּראַקציע אין קראָטאָנע, און אפשר נאָך מער. דאָס האָט צעשטערט די נאַרישקייט... פון איין מענטש.

— הער, סערזשאַנט, — האָט אויסגעשריגן דאָן לואידזשי, אָבער ער האָט זיך באַלד באַרואיקט, — וואָס איז שייך סאַלוואַטאָרען, האָב איך אויך געהאַט פאַלשע האָפענונגען. איך בעט אייך, סערזשאַנט, באַפרייען זיך פון זיי ווי צום שנעלסטן.

און פּרעצאָ האָט געמוזט רעזיגנירן פון פאָרן קיין נעאַפּאָל. עס איז געווען גענוג אַרבעט אויפן אָרט. היינט־מאָרגן האָט זיך געקאָנט אָנהייבן די אַקציע. פריער ווי געווײנלעך האָט זיך דאָס יאָר געענדיקט דער לאַנגער פאַרמאַטערנדיקער זומער.

דאָן לואידזשי האָט ענדלעך געגעבן סימאָנע באַרבאַראָן צוויי שאָף פון דער סטאַדע פון זיין מוטער, דער אלמנה נאָך פיליפּעלאָן. נישט געקוקט דעריויף, וואָס סימאָנע באַרבאַראָ האָט אָנגעגעבן געגנוי די סומע, וועלכע ער האָט פאַר זיי באַצאָלט, האָבן אַלע געוווסט, אַז דאָס איז אַ מתנה. סימאָנע באַרבאַראָ איז נישט געווען אינגאַנצן צופרידן. ער האָט זיך גערייכט צו באַקומען מער ווי די צוויי שעפעלער. דזשודיטע איז אויך אוועקגעלאָפן צום קשיאַנדז. דאָן לואידזשי האָט איר דערמאָנט די חרפּה, וואָס סאַנדראָ האָט אים אָנגעטאָן, און די פינף הונדערט ליר, וועלכע ער האָט אים נאָך נישט צוריקגעגעבן. נאָר צוליב איר האָט ער דעם ענין נישט איבערגעגעבן אין געריכט. אָבער דערזעענדיק טרערן אין אירע אויגן, האָט דאָן לואידזשי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען עפּעס טאָן פאַר איר, פאַרן קינד, נו און פאַר סאַנדראָן. ער האָט בלויז געהייסן צוואַרטן אַ צוויי, דריי טעג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען צו פאָרן אַן אַדוואָקאַט פון קראָטאָנע. אין פּאַלאַצל האָט מען צונויפגערופן אַלע פּאַרעטער און איבערגעקויפטע. צווישן זיי איז געווען סימאָנע באַרבאַראָ, סאַנדראָ און אַ גאַנצע גרופּע פון אָרעמעלייט, וועלכע האָבן געוווינט, פּונקט ווי דער פּאַסטוך טאָניע אָן דער האַנט, אין די גראָטן הינטער די שוועבל־גרובן, אויפן באָדן פון מאַרקיז מאַסאַרי. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט דער אַדוואָקאַט פון קראָטאָנע צוגעזאָגט יעדן איינעם, וואָס וועט זיך פאַרשרייבן אין פרייען פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, צו עטלעכע קילאָגראַם רייז, ווי עס האָבן שוין איבעריקנס באַקומען אין פיל ערטער אַלע מיטגלידער פון דעם דערמאָנטן פאַריין. די פאַרזאַמלטע האָבן אָנגערקענט, אַז אויב ס'איז אמת, וואָס עס זאָגט דער אַדוואָקאַט פון קראָטאָנע, איז עס

ווי אויף איינשרייב־געלט גאָר נישט שלעכט. און אָראַנציאָ פון די גראָטן האָט געפרעגט, ווען דארף ער קומען נאָך די ציין צו וויפל דאָרט קילאָגראַם רייז, וועלכע זענען אים זייער נייטיק. דער אַדוואָקאַט האָט אויפגעקלערט, אַז ערשט אין האַרבסט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען פאַרוואָס ערשט אין האַרבסט, וועלכער זעט זיך פאָרויס צו זיין אין דעם יאָר א פריער.

סימאָנע באַרבאַראָ האָט אָפּגענומען זיין טייל אויסגעבאָרגטע זריעה. און ווען אַרמאַנדאָ האָט געפרעגט פעפּע פּעדעלי, פאַרוואָס ער קומט נישט צו וויטאָן נאָך זיין טייל, האָט פעפּע געענטפערט:

— סימאָנע באַרבאַראָ איז טאַקע מיין קאָלעגע. דאָס איז אמת. אָבער איך וואָלט געוואָלט אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי. זאָל די תבואה בלייבן. אינגיכן וועט זי זיין נייטיק פאַר אַלע.

אַרמאַנדאָ און וויטאָ האָבן אים געדריקט די האַנט.

דעם צווייטן טאָג פאַר דעם באַריכט וועגן די צוגרייטונגען צו דער אַקציע איז פאָרגעקומען דער אויפנעם אין דער פּאַרטיי. עס זענען אויפגעשטאַנען איינער נאָכן אַנדערן: פעפּע פּעדעלי, פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ, דער גרעסטער און שטאַרקסטער אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ, דער קלייניקער מאַטעאָ, דער דאַרער און הויכער גאַספּאַרע שיאַוואָנע, דער פעטער פון לינאָן און לינאָ אַליין. זיי האָבן איבערגעחזרט די זעלבע ווערטער כמעט, בעטנדיק די אָרטיקע סעקציע אויפצונעמען זיי אַלס מיטגלידער פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די איבעריקע האָבן זיך שווייגנדיק צוגעהערט. סילוויאָן האָבן די אויגן געבלישטשעט. אַרמאַנדאָ איז געזעסן מיט צונויפגעצויגענע ברעמען און נישט געקוקט אויף קיינעם. עס האָט אויך גענומען א וואָרט דער עלטערער אַרבעטער גענאַראָ פון דער גרופּע, וועלכע איז אַריינגעטרעטן צוזאַמען מיט גאַספּאַרע שיאַוואָנען אין פאַריין באַלד נאָכן מיטינג אויפן פרייהייטס־פּלאַץ. ער איז דערווייל אַן אומפּאַרטייאישער, ווי מע זאָגט, אָבער ווען ער וועט דערפילן, אַז ער איז שוין א קאָמוניסט, וועט ער אויך בעטן א לעגיטימאַציע פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מע דאַרף באַזיגן דעם פיינד, און א פּאַר פּאַרטער, — דאָס איז, ווי א קנאַק פון א שוועבעלע: א קורצער געשטאַנק, און ס'איז נאָך זיי. אויפן אָרט פון איין פּאַרטער וועלן זיך געפינען צען אַנדערע. און מענטשן אין קאַלאַבריע פעלן נישט.

II

אויפֿן וועג קיין באַנאַקאַסאַ האָט אַרמאַנדאַ אָפּגעטרעטן בײַ דאָן דאָמעניקאָ און דערליידיקט דעם ענין מיטן אייזל. פֿראַנצעסקאַ האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז זי וועט נישט דערלויבן אײַנשפּאַנען דאָס אייזל אין אַקער. די אָרעמע חיה וועט זיך אומטערדרייסן און אויסער דעם איז דאָס אַ באַליידיקונג פֿאַרן הייליקן יוזעף.

די אַקערס פֿון די אָרעמע מענטשן אין קאַלאַבריע זענען לײַכטע און פּלאַכע. זיי שאַדן נישט די אייזלען, — האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין דאָן דאָמעניקאָ. — און וואָס איז שייך דעם הייליקן יוזעף, טאָ זאָל פֿראַנצעסקאַ דעם ענין איבערלאָזן פֿאַר אים. ווי אַ געוועזענער קשיאָנדז, וועט ער דעם דאָזיקן ענין שוין דערליידיקן.

פֿראַנצעסקאַ האָט זיך טומלדיק אַרומגעפּאָרעט איבער דער שטוב, דערנאָך איז זי, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר, אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן, וועלכער איז געווען באַשאָטנט פֿון אַלטע אייבערט־ביימער, כּדי זיך אויסצושרייען אויף די פֿיר זין, וועלכע זענען גראָד געווען פֿאַרנומען מיט רייניקן דאָס אייזל, וואָס האָט געדולדיק איבערגעטראָגן די פּייניקונגען פֿון דעם קליינוואַרג.

אַראָפּגייענדיק פֿון דעם פֿלאַכן בערגל ווי אַ טעלער, אויף וועלכן עס האָט זיך געפֿונען דאָס פֿאַראייניזאַמטע הויז פֿון דאָן דאָמעניקאָ מיטן שטיקל אַקערלאַנד, האָט אַרמאַנדאָ זיך אָנגעשלאָגן אויף דעם סערזשאַנט פּרעצאָ. דער קאַראַביניער האָט זיך באַגריסט, פֿרעגנדיק וועגן דזשיאָוואַנעס געזונט. אַרמאַנדאָ האָט צוגעאײַלט דעם טראָט. אָבער דער סערזשאַנט האָט נישט געטראַכט וועגן געזעגענען זיך אַזוי שנעל.

— אין אַזאַ היץ, — האָט פּרעצאָ געזאָגט, — זענען נאָר קאָמוניסטן אימשטאַנד אַזוי צו לויפֿן.

אַרמאַנדאָ האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

— איך פֿאַרשטיי, אַז איך פּאַס נישט צו באַווײַזן זיך פֿאַר מענטשן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ קאַראַביניער, — האָט פּרעצאָ אַ שמייכל געטאָן, — אָבער איך מוז אויספֿירן אַ נישט אָנגענעמע פֿליכט. איר גרייט זיך צו אָקופּירן ערד. נישט געקוקט דערויף, וואָס איר האָט אַרויסגעוואָרפֿן לעליאָן, וועלכער איז גאָט די נשמה נישט שולדיק, ווייס איך וועגן אַלץ. ווי אַ גוטער איטאַליענער, ראָט איך אײַך דאָס נישט צו טאָן. עס וועט זיך גיסן בלוט. די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט פֿאַלן אויף אײַך, אַרמאַנדאָ, ווי אויף דעם סעקרעטאַר פֿון דער סעקציע. איך האָב אײַך אַזוי אַרום געוואָרנט און דערפֿילט מײַן פֿליכט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן. דאָס איבעריקע הענגט אָפּ פֿון אײַך.

דער סערזשאַנט האָט אויפֿגעהויבן צוויי פֿינגער צום דאַשעק, געוויזן זײַנע ווײַסע ציין און אַוועקגעגאַנגען.

ארמאַנדאָ האָט פֿאַרביסן די ליפּן. ער האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן. פּרעצאָ וועט אַזוי גיין פֿון איינעם צום צווייטן און דראָען אַלעמען אין ראָקאַ די דזשאָלפּאָ. פֿאַ־פּאַלן, ווער עס האָט מורא, איז גלייכער, אַז ער זאָל באַלד אָפּפֿאַלן. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט דזשיאַנין. זיי האָבן זיך פֿאַרטראַכט וועגן יעדן איינעם באַזונדער. צי קאָן מען דורכדרינגען אַ מענטשן דורך און דורך, ווי ער זאָל זיין פֿון קרישטאָל? ערשט אין קאַמף דערקענט מען דעם אמתן קאָמוניסט. אַזוי ווי עס איז געווען אין דער פּאַרטיזאַנקע אין גריכנלאַנד. אין געפֿאַר דערקענט מען דאָס האַרץ פֿון מענטשן. וואָס איז שייך אַברוצעזען איז קיין שום צווייפֿל נישט. איבעריקנס, וועט ער אַליין אין דער אַקציע זיך נישט באַטייליקן. ער האָט צוגעזאָגט אויסבאָרגן דעם אַקער, און ער איז שוין זיכער, אַז ער האָט זיך אַסעקורירט אויפֿן פֿאַל פֿון נצחון. אָבער פֿאַר די איבעריקע איז ער גרייט צו גאַראַנטירן. סילוויאָ טרויט ער, ווי זיך אַליין. וויטאָ איז גרייט אויף יעדן קרבן. ער האָט אַ האַרץ פֿון אַ טויב און אַן אומדערשיטערלעכע איבערצייגונג. ער וועט זיין טריי ביזן סוף. גאַספּאַראַ שיאַוואָנע וועט זיך נישט דערשרעקן פֿאַר די קאַראַביניערן. ער איז שנעל געוואָרן באַוווסטזיניק. ער איז אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי, כדי צו שטעלן זיך אין פּראַגאַלאַ ווי אַ קאָמוניסט. דער אומרואיקער מאַטעאָ האָט ליב די פּאַרטיי און די חברים, ווי זיין קריסטאָפֿאָראָ. ווערנדיק פֿאַרשעמט דורך סילוויאָ אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַלע, האָט ער אויסגעדויערט אין זיין איינזאַמקייט, כדי זיך צו פֿאַרדינען אויף צוריקצוקומען אין לאָקאַל. מאַטעאָ וועט נישט פֿאַרפֿירן. דער יונגער ליגאָ? פֿאַר אים גאַראַנטירט זיין ריינע יוגנט. ראָזאַריאָ, ווען ער וועט צוריקקומען פֿון שפּיטאָל, וועט ער ווידער זיין גרייט זיך צו שלאָגן איינער קעגן דריי, אַ שוצלאָזער קעגן באַוואָפֿנטע. פֿראַנצעסקאָ רוסאַנאָ — דער ריז פֿון ראָקאַ די דזשאָלפּאָ — ער וועט מיט זיין ברייטער ברוסט שיצן די חברים. פּעפּע פּעדעלי — אים האָט געשטויסן די נויטווענדיקייט פֿון קאַמף. ער איז אומפֿאַרמיידלעך, ווי די נויטווענדיקייט צו אָטעמען און צו עסן. אַרמאַנדאָ האָט געגלייבט אין די אַרבעטער פֿון ראָקאַ די דזשאָלפּאָ. דזשיאַני האָט פֿאָרזיכטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַרמאַנדאָ איז געווען איבערצייגט, אַז ער קאָן בעסער זיינע חברים, ווי דזשיאַני, וועלכער געדענקט זיי פֿון צוריק מיט יאָרן. עס האָט זיך דאָך אַזוי־פֿיל געענדערט פֿאַר דער צייט! איין יאָר באַדייט איצט מער, ווי אַמאָל צען. די צייט געפֿינט אַנדערע מענטשן. היינט זענען נייטיק מענטשן, וועלכע זענען גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פֿאַר דעם זיג פֿון זייער קלאַס, זיי האָבן זיך דעריבער געמוזט געפֿינען. פֿון הימל זענען זיי נישט אַראָפּגעפֿאַלן. זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ערד, וועלכע לערנט זיי יעדן טאָג, יעדע מינוט, וווּ עס שטעקט דער פֿעלער פֿון דער וועלט, וויאַזוי צו באַזייטיקן די אייביקע קריוודע, נויט, אומגערעכטיקייט און מלחמה. אָ, אויף די מענטשן פֿון ראָקאַ די דזשאָלפּאָ קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן. ווען דזשיאַני האָט

אים אָנגעזאָגט צו זיין וואכזאם און דערמאָנט דעם פאל מיט לעליאָן, האָט ער אָנערקענט, אז ער האָט רעכט, אָבער ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן די אנדערע, האָט ארמאנדאָ פארזיכערט, אז זיי וועלן אויסהאלטן ביזן סוף. אפילו סאלוואַטאָרע איז שוין נישט דער זעלבער, וואָס מיט א יאָר צוריק. דזשיאַני האָט באַעוולהט זיין ברודער. ווייל די ליבע אָדער די שנאה פון א ברודער צו א ברודער איז פיל שטארקער, איידער ווי פון א פרעמדן. סאלוואטאָרע איז נישט קיין מענטש פון דעמאָנסטרירן, — האָט דזשיאַני געזאָגט. — בלויז דורך א צופאל האָט ער זיך געפונען צווישן די ארבעטער, וועלכע קעמפן קעגן אטלאנטישן פאקט. היינט איז שווער צו גיין אויף דער גאס און זיך נישט געפינען אין דער מיט פון דאָזיקן קאמף.

ארמאנדאָ האָט נישט מסכים געווען מיט דער שטרענגער אָפּשאצונג פון דזשיאַנין. ער האָט געפילט, אז ס'איז נישט אזוי. אָבער ער האָט נישט געהאט קיין באווייזן צו פארטיידיקן סאלוואטאָרען, דעריבער האָט ער געשוויגן. פון צייט צו צייט האָט ער בגנבה געקוקט אויף אימאַקאָלאַטען, וועלכע האָט געהאַלטן אויף די קני די קליינע ראָזא, אריינרוקנדיק איר דעם סמאָטשעק אין מויל. די אָרעמע אימאַקאָלאַטא האָט שוין געוווסט, וואָס אן אמת, וועגן דעם פארשווונדן פון סאלוואטאָרען, אָבער מע האָט פון איר אויסבאהאלטן, אז ער איז ארעסטירט. טאָגטעגלעך, אומקערנדיק זיך פון שטאָטישן אנשטאלט „מאטערניטא“, וווּ אנדזשעלינאַ איז געלעגן נאָך געבורט־קאָמפּליקאַציעס, האָט זי געפרעגט ביי דזשיאַנין, צי איז קיינער נישט געווען פון קראָטאָנע. און ווי נאָר ארמאנדאָ האָט געעפנט די טיר, איז זי אים גלייך אנטקעגנגעלאָפן און געפרעגט, צי טאָטאָ האָט זיך שוין אומגעקערט קיין ראָקאָ די דזאָלפאָ.

— פונקט אַזוי ווי מאַריאַ, פונקט אַזוי ווי מאַריאַ, — האָט זי פארבראָכן די הענט.

קיין באָנאַקאַסאַ איז שוין נישט געבליבן קיין סך וועג. עס האָט זיך שוין געענדיקט דאָס נאַקעטע פלאכלאנד. ער וועט אזויארום נאָך באווייזן אויף אָוונט אהיים צו דער פארזאמלונג. מיט וואָס וועלן זיך היינט אומקערן סילוויאָ פון ראָקאַ די נעטאָ, וויטאָ פון דזשינגא און פראנצעסקאָ רוסאנאָ און מאטעאָ פון סטראָנגאָלי. זיי אַלעמען האָט ארמאנדאָ געגעבן די נעמען פון די אָרטיקע סעקציע־סעקרעטארן. אין באָנאַקאַסאַ איז דער סעקרעטאר געווען דער לערער פּאאָלאָ פיומאַנאָ. נאָך די וואַלן אין יאָר 1948 האָט מען אים פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די שילער איבערגעטראָגן פון קאָסענצי קיין באָנאַקאַסאַ. סילוויאָ האָט אים געקענט פון דעם צוזאמענפאָר אין טאראנטאָ. און דזשיאַני האָט אים געליבט ווי א גוטן חבר.

עס האָט זיך שוין געענדיקט דאָס געלע פּלאַכלאַנד. איבער דער ערד, אויף וועלכער דאָ און דאָרט איז געווען אָפּגעריסן די הויט און עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון איר שטיינער, ווי זשעבערעס, האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט. אין דער פּוסטער לופט האָט מען נישט געזען קיין פויגל און נישט געהערט קיין זשום פון קיין אינזעקט... ערשט ווען דער שטח האָט זיך אָנגעהויבן קנייטשן אין אייגצלנע הויקערס, אין מילדע פּאַליעגדיקע בערגלעך, און דערנאָך אין אַלץ העכערע בערג, און ווען אויף די שיפּועים האָבן זיך באַוויזן טונקל־גרויע קוסטעס און פון צייט צו צייט אַפילו גרופּעס איילבירט־ביימער, האָט זיך דערהערט דאָס אומאויפהערלעכע מאָנאָטאָנע זשומען פון די ציקאַדן, ווי אַ צווייטע נאָך שווערערע שטילקייט. פון מאָל צו מאָל איז אויף דעם וועג געפאַלן דער קורצער שאָטן פון אַ בערגל, וועלכער איז געווען צו קליין פאַר אַ דורכגייער, וואָס איז פאַרמאַטערט פון היץ און דורשט.

דער וועג האָט זיך פאַרשמעלערט און זיך אָנגעהויבן שלענגלען אַלץ העכער. בײַם אויסבייג זענען אַרויסגעשפּרונגען אומדערוואַרט הויכע פעלזיקע ווענט מיט נעסטן פון מענטשלעכע ישובים אויף די שפּיצן, וועלכע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעזען נאָענט איינע פון די אַנדערע, האָבן זיי זיך נישט געקענט צווישן זיך, ווייל זיי זענען געווען צעטיילט דורך אומוועגן. עס האָבן זיך שוין אויך באַוויזן די ערשטע הייזער פון באַגאַקאַסאַ.

די פעלזיקע שיפּועים זענען געווען באַדעקט מיט אַ געפלאָנטער פון גראָבשטאַמיקע קאַקטוסן און שטענדיק אומבאַוועגלעכער אַגאַווע. אויף דער מילדערער זייט האָט זיך געזילבערט אַ גרוי, שיטער, ווי אויסגעקעמט, איילבירט־וועלדל. דורך דאָנען האָט געפירט דער וועג אין שטעטל. אַרמאַנדאָ האָט זיך צוגעשפּאַרט אין שאָטן פון אַן איילבירט־ביימל, וואָס איז שוין געווען צעשפּאָלטן פון עלטער. ער האָט געוואָלט אַ רגע זיך אָפּרוען. די וויעס זענען אים צוגעפאַלן פון זיך אַליין. ער האָט געכאַפּט אַ דרימל. אָבער ער איז גלייך אויפגעשטאַנען און גענומען קלעטערן אין דער הייך.

ער האָט זיך אַרויסבאַקומען אויף אַ גענוג ברייטן פּלאַץ פאַרן קאָשטשיאָל. דער פּלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער שטיינערנער באַריערע, הינטער וועלכער דאָס שטעטל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שיפּער וואַנט. פון דאַנען, אַזוי ווי פון אַ באַלקאָן, האָט מען געזען דעם ווייטן וועג, די אַראָפּפאַלנדיקע פּאַליע פון בערגלעך און דאָס ווייטע געלע פּלאַכלאַנד.

אונטער די טרעפּ פון קאָשטשיאָל אויף דער שאָטנדיקער זייט זענען געזעסן עטלעכע מאַנסלייט און געשפּילט אין קאָרטן. אַ פּאָר יינגלעך האָבן שטייענדיק זיך שטיל צוגעקוקט צו דער שפּיל. אַרמאַנדאָ איז צוגעגאַנגען צו זיי און געפרעגט, ווו עס וווינט דער לערער פּאַאָלאָ פּיומאַנאַ. ער האָט אָנגעוויזן מיט

דער האַנט אויף דער גאַס, וועלכע האָט זיך אין דער קרום געצויגן פונעם פּלאַץ אַזש ביז דער געוועלבטער אַרקאַדע איבער שמאָלע שיפּע טרעפּ.

— ווּהין האַגען? — האָט ער זיך געוואָלט פאַרזיכערן, כאָטש דאָס איז געווען דער איינציקער וועג.

—און צוואָס דאַרפט איר פּיומאַנאָן? — האָט געפרעגט איינער אין א העמד פון ציגל־קאָליר מיט קורצע אַרבל, נישט איבעררייסנדיק די שפּיל.

— דאָס איז דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער קאָמוניסטישער סעקציע,

— האָט געענטפערט אַרמאַנדאָ.

— און ווער זענט איר?

— אַרמאַנדאָ פּעראַהאַ פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ. צי איצט ווייסט איר שוין?

— אויך א קאָמוניסט?

— יאָ.

— איך קען אים, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די יונגלעך.

אַרמאַנדאָ האָט זיך אויסגעדרייט און דערקענט מאַריאָן, דעם יונגערן זון פון דזשוסעפּען, דעם ברודער פון לוטשיאַנאָן, וועלכן דאָן לואידזשי האָט ווערבירט אַלס שטרייקברעכער צו קאָסען דעם ווייץ אין פּראַגאַלאַ.

— דאָס איז א קאָמוניסט פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ, — האָט מאַריאָ געזאָגט,

— איך קען אים. דאָס איז דער, וועגן וועלכן מיין ברודער האָט דערציילט.

דער מענטש אין העמד פון ציגל־קאָליר האָט א קוק געטאָן פון דער זייט אויף אַרמאַנדאָן און געזאָגט צו מאַריאָן:

— נו, טאָ גיי און פיר אים צו.

פּיומאַנאָ איז געווען ווען אַלץ אינפאָרמירט און בלויז ווי געוואַרט אויף אַרמאַנדאָן. ער האָט מיט צוויי טעג צוריק באַקומען אינסטרוקציעס פון דזשיאַנין. זייער גוט, וואָס גראָד אַרמאַנדאָ האָט זיך אויסגעקליבן קיין באָנאַקאַסאַ, ווייל דאָ קען מען אים פון די דערציילונגען פון אַלטן דזשוסעפּע און לוטשיאַנאָן. זיי האָבן אים געגלייבט, וואָס ער האָט נישט דערלאָזט צו קיין בלוט־פאַרגיסונג, כאָטש די אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ האָבן געהאַט רעכט נוקם צו זיין זיך פאַר זייער חבר, וועלכער געפינט זיך נאָך, וואַרשיינלעך, אין שפּיטאָל.

אין דער סעקציע פון באָנאַקאַסאַ איז מען אַריינגעגאַנגען גלייך פון גאַס. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט די פּאָרטרעטן פון לענינען, סטאַלינען, גראַמשין און טאָליאַטין. טראַנספּאַרענטן האָבן גערופן צום קאַמף מיטן אַטלאַנטישן פּאַקט — דעם מלחמה־פּאַקט.

עס האָט זיי אַרומגערינגלט א גרופּע פון חברים. אַרמאַנדאָ האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט. פּיומאַנאָ האָט אַוועקגעשיקט א יונג ייִנגל מיט א ווייס פּנים

און העלע האָר, וועלכע ס'איז נישט צו טרעפֿן אין קאַלאַבריע, צו א באַלעבאָס, לאָרענצאָ באָרדי — אַזוי האָט אים דער לערער אָנגערופֿן — כדי אים אָנצוזאָגן, אַז ביי אים וועט הייַנט פֿאָרקומען א פֿאַרזאַמלונג.

— און איך וועל דערווייל אַלעמען צוזאַמענרופֿן, — האָט פּיומאַגאָ צוגעגעבן. ער האָט איבערגעלאָזט אַרמאַנדאָ מיט די חברים, און אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען, צוזאָגנדיק צו קומען אין א שעה אַרום.

די חברים האָבן געבראַכט וויין מיט ברויט, כדי מכבד צו זיין דעם גאַסט. זיי האָבן אים אויסגעפֿרעגט וועגן דער סעקציע אין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. זיי האָבן אייניקע פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ געקענט. איינער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף סאַנדראָ. דזשודיטאַ, סאַנדראָס פֿרוי, איז זיין שוועסטער. מע האָט געלויבט דזשיאַני. זיי האָבן געהערט זיין רעדע דעם ערשטן מאַי אויף דעם פּיטאַגאָראַס-פּלאַץ. דער יונגער ייִנגל מיט דעם ווייסן פּנים און העלע האָר, וועלכער איז שוין געווען צוריקגעקומען, האָט דערציילט וועגן דעם געקריג צווישן סאַלוואַטאָרען און דזשיאַנין אויפֿן פּיטאַגאָראַס-פּלאַץ, ווען די סעזאָן-אַרבעטער האָבן אין פֿרילינג געזוכט אַרבעט.

— צי איז סאַלוואַטאָרע אויך א באַוווּסטזיניקער? — האָט ער געפֿרעגט.
שפּעטער איז פּיומאַגאָ צוריקגעקומען א פֿאַרשוויצטער.

— קומט, — האָט ער געזאָגט, — מע האָט זיך שוין דאָרט פֿאַרזאַמלט. האָסט לאַנג געוואַרט? וואָס קאָן מען טאָן? עס איז נישט אַזוי לייַכט מיט זיי.

דער באַלעבאָס לאָרענצאָ באָרדי האָט געוווינט נישט ווייט. א פֿינף, זעקס מאַן זענען געזעסן אַרום דעם טיש. אַרמאַנדאָ און פּאַאָלאָ פּיומאַגאָ האָבן פֿאַרנומען א אָרט לעבן באַלעבאָס לאָרענצאָ באָרדי.

פֿריער הט מען גערעדט וועגן וועטער, וועגן דעם, אַז די הייַאָריקע היצן זענען געווען שטאַרקערע, ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן, אָבער זיי האָבן זיך אויך פּלוצעם איינגעבראָכן. מע דאַרף זיך ריכטן אויף רעגן. מע האָט געשמועסט וועגן דער שול, אין וועלכער מע וואָלט צוליב דער טובה פֿון די עלטערן געדאַרפֿט ליקווידירן אָדער כאָטש קירצן די וואַקאַציעס. דערנאָך האָט א קליין מענטשעלע מיט שטאַרק קאַסאָקע אויגן אָנגעהויבן א דיסקוסיע וועגן דעם, צי רוסלאַנד האָט די אַטאָם-באָמבע, צי נישט. פּאַפּאַרעלי — אַזוי האָט געהייסן דער קאַסאָקער באַלעבאָס — האָט געהאַלטן, אַז אויב רוסלאַנד האָט נישט די אַטאָם-באָמבע, איז אַלץ אַרויסגעוואָרפֿן. א צווייטער באַלעבאָס אין א וועליסאָפּעד-היטל האָט געזאָגט, אַז רוסלאַנד האָט געהאַט די בעסטע טאַנקען, ער האָט זיי אַליין געזען היינטער אָדעס, — האָט זי אויך מסתמא די אַטאָם-באָמבע. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, וועלכע וואָלט זיך געענדיקט נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער לערער זאָל נישט אויפֿשטיין און נעמען א וואָרט. די אַרבעטער פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ גרייטן זיך צו פֿאַרנעמען די נישט באַאַרבעטע ערד פֿון די

גימער פון באראָן בערלינגיערי און מע דאַרף זיי העלפן. צוליב דעם האָט מען פאַרבעטן אהער די מענטשן. פּיומאַנאָ האָט גערעדט קורץ. ווען ער האָט גע־ענדיקט, האָט ער געפרעגט, צי אַלץ איז קלאָר. אָדער אפשר האָט עמעצער א וועלכע ס'איז פראגע?

דערווייל זענען געקומען אַלץ נייע געסט, נישט קיין פאַרבעטענע, אָבער נייגעריקע צו הערן. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן ראנד פון בעט, אויף די טרעפּ־לעך, וואָס פירן אין דער צווייטער שטוב אָדער אין קאַמער.

זיי האָבן זיך אויך די ערשטע אָנגערופן:

— אַלץ איז קלאָר.

— אַלץ איז קלאָר, — האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ דער קאָסאָקער באַ־לעבאָס פּאַפּארעלי, — איין זאַך וואָלט איך נאָר געוואָלט וויסן. ניין, — ער האָט אויפגעהויבן א פינגער און דער הייך, — צוויי זאַכן וואָלט איך געוואָלט וויסן. ווער וועט מיר גאַראַנטירן, אז מיינע פערד וועט גאָרנישט געשען, צווייטנס, וויפל צאָלן די ארבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ פאַר א טאָג. יאָ, און נאָך איינס. ווער וועט פאַרזיכערן פּאַשע פאַר די פערד?

— אַרמאַנדאָ האָט א קוק געטאָן אויף פּיומאַנאָן, און פּיומאַנאָ אויף לאָ־רענצאָ באַרדי.

„פּאַדראָן“ פּאַפּאַרעלי, — דער לערער האָט צוריקגעוואָרפן זיינע שוואַר־צע געדיכטע האָר, וועלכע זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, — איך האָב גערעדט מיט אייך וועגן הילף, אָבער וועגן באַצאָלן האָט קיינער פון אונדז נישט דערמאָנט, נישט איך, נישט איר, נישט עמעצער אַנדערש.

— וואָס פאַר א הילף וואָלט עס דעמלט געווען, — האָט זיך צעלאַכט דער באַלעבאָס לאָרענצאָ באַרדי, — דאָס איז לעכערליך. א שיינע הילף! ווילסט נאָך פאַרדינען אויף דעם, פּאַפּאַרעלי? ווען זיי זאָלן האָבן געלט, וואָלטן זיי נישט באַדאַרפט דיין טובה.

— דאָ גייט אין דער ריזיקע, — האָט א בליץ געטאָן מיט זיינע קאָסאָקע אויגן פּאַפּאַרעלי.

— וועלכע ריזיקע? — האָט געפרעגט לאָרענצאָ באַרדי.

— איך וויים, — האָט געזאָגט פּאַפּאַרעלי, — זיי וועלן שיסן, קאָנען זיי דערהרגענען א פערד.

איינס פון די ביידע, — האָט זיך אָנגערופן דער באַלעבאָס אין וועליסאַ־פער־היטל. — אָדער דו ווילסט העלפן און דעמלט רעד נישט וועגן קיין געלט, אָדער דו ווילסט נישט העלפן און דעמלט רעד נישט וועגן קיין ריזיקע.

— איך וויל נישט העלפן און באַסטאַ!

— בראַוואָ, פּערוטשי, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס לאָרענצאָ באַרדי, — איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן: מע רעדט וועגן דער נויט פון די ארבעטער,

אָבער אינגיכן וועט מען קאָנען רעדן וועגן אונדזער נויט. אז מיר וועלן העלפן די ארבעטער, וועלן מיר העלפן זיך. אזוי טראַכט איך. מע קאָן נישט קוקן בלויז אויף דעם שפּיץ פון דער אייגענער נאָז. עד!

— דו גיב מיר נישט אָנצוהערן אויף מיינע קאַסאָקע אויגן, — האָט פּאַפּאַרעלי זיך אָנגעצונדן.

די אָנוועזנדיקע האָבן אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער.

דער לערער האָט איינגעשטילט די פאַרזאַמלטע, אויפהייבנדיק די האַנט.

לאָרענצאָ באָרדי האָט ווייטער גערעדט:

— דו, פּאַפּאַ־רעלי, ביסט א דארער, איך בין אויך נישט קיין גראָבער. אָבער בערלינגיערי איז גראָב ווי א פאַס.

— ער איז אינגאַנצן נישט קיין גראָבער, — האָט פּאַפּאַרעלי אָפּגעלייקנט.

— וואַרט צו, וועסט באַלד זען, אז ער איז א גראָבער. עס שטייט א באַנק. עס זעצט זיך אויף איר איין דארער, א צווייטער דארער, א דריטער דארער, א פערטער דארער, און ס'איז אַלעמען באַקוועם. זיי זיצן זיך און שמועסן. נאָר אָט האָט זיך אריינגעשטופּט איינער א גראָבער, ער האָט אַלעמען אַראָפּגעוואָרפן, און ער אַליין — נישט בלויז ער זיצט, נאָר ער האָט זיך אפילו צעלייגט אויף דער גאַנצער באַנק. פאַרשטייסט איצט, פּאַפּאַרעלי? פאַרוואָס האָסטו געבראַכט צוריק די איילבירטן? ווייל דער גוטסבאַזיצער פאַרקויפט ביליקער. פאַרוואָס מוזטו באַצאָלן שטייערן פון יעדן איילבירט, פון יעדער פרוכט, פון יעדער טאָמאַלאַטע ערד? ווייל דער גוטסבאַזיצער לאָדט איין דעם איינמאָגער אויף מיטיק, און פאַר א פּאָר סאָלדן נאַרט ער אָפּ די מלוכה. פאַרוואָס ווערט דיין ערד מיט יעדן יאָר אַלץ ווייניקער פרוכטבאַר? ווייל בערלינגיערי און מאָנטעקאַטיני דאָס איז איין האַנט. די באַמיסטיקונג פאַרן גוטסבאַזיצער איז האַלב אומזיסט, אויב ער וויל שוין אַמאָל באַמיסטיקן, און פון אונדז רייסט מען די הויט.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָבן די פּויערים געשאָקלט מיט די קעפּ.

— איר זאָגט: ריכטיק. אָבער פּאַפּאַ־רעלי זאָגט אויך ריכטיק: עס איז פּאַראַן א ריזיקע, — האָט זיך אָנגערופן דער פּויער, וועלכער איז געזעסן צווישן פּאַפּאַרעלין און פערוטשין, סמאָקענדיק הויך א פּאַפּיראָס.

— וועלכע ריזיקע? — האָט געקאָכט לאָ־רענצאָ באָרדי.

— פאַראַן א ריזיקע, — האָט געזאָגט ארמאַנדאָ. — אזוי איז. מעגלעך, אז מע וועט אפילו שיסן. אָבער צו די מענטשן, נישט צו די פערד. און אויב איר האָט מורא פאַר אייערע פערד, „פּאַדראָן" פּאַפּאַרעלי, וועט דאָך אָבער דעם אקער גאָרנישט געשען. באַרגט אונדז אויס דעם אקער. מיר וועלן זיך געבן אן עצה אָן פערד.

פּאַפּאַרעלי האָט א קוק געטאָן פון אונטערן שטערן אויף ארמאַנדאָן, עס האָט זיך אים געדאַכט, אז מע גייט אים דאָ אריינגנאַרן אין א פּאַסטקע:

— עס זענען דאָ נאָך פּאַראַן אַנדערע פּויערים. אַזאַ דעמאָלי אָדער מאַנ־טאַניאַני. וואָס האָט איר זיך אַקוראַט אָנגעטשעפּעט אין מיר? — פּאַפּאַרעלי האָט אויסגעצויגן פאָרויס ביידע שוואַרצע פאַרהאָרעוועטע הענט. — פרעגט, וואָס וועט אייך געבן דעמאָלי.

„פּאַדראָן" פּאַפּאַרעלי, — האָט זיך אָנגערופן דער לערער, — קיינער האָט זיך אין אייך נישט אָנגעטשעפּעט. איר האָט רעכט גאָרנישט אויסצובאָרגן. — פּיומאַנאַ האָט צעפּירט מיט די הענט און שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און וואָס איז שייך די אַנדערע, וועט יעדער איינער זאָגן פאַר זיך.

— אויב עס גייט אין דעם, אַז פּאַפּאַרעלי קוקט אויף אַנדערע, — האָט געזאָגט לאָרענצאָ באָרדי, — גיב איך אַ וואָגן און איין פערד, ווייל מער האָב איך נישט. און איך וועל אַליין אָפּפירן אַלץ, וואָס עס וועט נייטיק זיין. איך רוף אַרויס דעמאָלין מיר נאָכצוטאָן.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדט אין דער זייט פון דעם פּויער, וועלכער האָט הויך געסמאָקעט אַ פּאַפּיראָס. פּאַפּאַרעלי האָט אים אַ שטויס געטאָן:

— נו, עס גייט וועגן דיר, דעמאָלי.

דעמאָלי האָט געשוויגן.

— אהא! — האָט אויסגעשריגן פּאַפּאַרעלי. — איר זעט שוין!

דעמאָלי האָט אויסגעשפּיגן אַ ברעקל טאַבאַק און טיף אָפּגעאָטעמט, ווי ער זאָל וועלן רעדן. אָבער ער האָט געשוויגן.

— „פּאַדראָן" דעמאָלי, — האָט פּיומאַנאַ געזאָגט, — איר האָט אונדז גאָר־נישט וואָס צו זאָגן? אייער זון אין שול עגטפּערט שנעל אויף אַלע פראַגן. אַ גוטער שילער. און איר, אַלס באַלעבאָס, זענט נישט ערגער.

דעמאָלי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— און וואָס גייט „מאַעסטראָ"*? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס הייסט אין וואָס גייט? צי האָסטו נישט געהערט, וואָס דער „מאַ־עסטראָ" האָט געזאָגט? — האָט געפרעגט לאָרענצאָ באָרדי.

— פאַרוואָס האָב איך נישט געהערט? איך האָב געהערט. אָבער איך וויל זאָגן דער לעצטער.

— האָסט אויך מורא צו ריזיקירן? — האָט זיך פאַרקרומט לאָרענצאָ באָרדי.

— ווייסט גוט. אַז איך בין נישט פון די, וואָס האָבן מורא. איך האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

— אויב אַזוי...

— איך וויל רעדן דער לעצטער.

---

* לערער

— גוט, „פּאַדראָן" דעמאָלי, — האָט זיך אָנגערופן אַרמאַנדאָ, — איר וועט רעדן דער לעצטער. און איצט זאָגט אונדז נאָר איינס. יאָ, אָדער ניין. איר ווילט העלפן די ארבעטער פון ראָקא די דזאָלפאָ? יאָ, צי ניין?

— טאַקע וועגן דעם וויל איך רעדן דער לעצטער.

— דעמאָלי! — לאָרענצאָ באָרדי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט. — ווי איז דיר נישט קיין חרפה? וואָס וועט וועגן אונדז טראַכטן דער פאָרשטייער פון ראָקא די דזאָלפאָ?

— זאָל ער טראַכטן, וואָס ער וויל.

ארמאַנדאָ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צום באַדויערן קאָן איך נישט טראַכטן דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט, „פּאַדראָן" דעמאָלי. איך וואָלט געוואָלט טראַכטן, אַז איר פאַרשטייט אייער אייגענעם אינטערעס. אָבער צי פאַרשטייט איר, וועלכער איז אייער אייגענער אינטערעס? דאָס הייסט, וועלכע איז אייער פליכט? איך בין דאָ נישט געקומען אייך בעטן א נדבה. איך האָב געוואָלט טראַכטן, אַז איר פאַרשטייט דאָס סאַמע וויכטיקסטע, אַז איר אַלע דאָ זענט פאַרבינדעטע קעגן די גוטבאַזיצער. איר זעט שוין, „פּאַדראָן" דעמאָלי, איך קאָן נישט טראַכטן, ווי איך וואָלט געוואָלט. איר לאָזט מיר נישט.

— א שאַרפזיניקער, — האָט זיך צעלאַכט פּערוטשי, דער פּויער אין דעם וועלוועט־היטל.

— איך שעם זיך פאַר אייך, איך שעם זיך פאַר אייך, — האָט איבערגעחזרט לאָרענצאָ באָרדי, — באָנאַקאָסאַ שמט אלס שטאָט פון שלעכטע מענטשן. און ריכטיק, וואָס מער עמעצער האָט, אַלץ ערגער איז ער. פריער זאָגט מען גוט... פאַרוואָס נישט? מע זאָגט צו אַלץ, וואָס נאָר דו ווילסט, און דערנאָך קומט מען און מע הייבט אָן זאָגן, אַז ס'איז א ריזיקע, אַז ס'איז דאָס, ס'איז יענץ.

— אַזאַ איז שוין דער איטאַליענישער כאַראַקטער, — האָט זיך אָנגערופן פּערוטשי, דער פּויער אין וועלוועט־היטל. — פריער זאָגט מען צו, און דערנאָך קוקט מען זיך אַרום, וויאַזוי נאָר זיך אַרויסצודרייען. איר ווייסט, ווי מע רעדט וועגן אונדז אין אויסלאַנד? די איטאַליענער דאָס איז אַזאַ פאָלק, וואָס צום סוף וועט עס שטענדיק אַנטוישן און פאַראַטן. עס איז נאָך קיין שום אָפּמאַך נישט געבליבן טריי.

— בראַוואָ, פּערוטשי, — האָט אויסגערופן לאָרענצאָ באָרדי, — דאָס איז מיר פּשוט געלעגן אויף דער צונג.

— המ, דער איטאַליענישער כאַראַקטער, — האָט זיך אָנגערופן אַרמאַנדאָ, — צי איז עס אַזוי? איך בין אויך געווען אין אויסלאַנד. אמת, נישט אַזוי ווייט, ווי „פּאַדראָן" פּערוטשי, אָבער איך טראַכט, אַז אין יעדן לאַנד קאָן מען זיך

איבערצייגן, אַז ס'איז נישט אַזוי. אין גריכנלאַנד, למשל, צווישן די פּאַרטיזאַנער האָט מען אַזוי וועגן איטאַליענישן פֿאָלק נישט גערעדט. ווייל מע האָט געוווּסט, וויאַזוי די איטאַליענער קאָנען קעמפֿן, ווען זיי ווייסן צוליב וואָס. די איטאַליענער זענען נאָך נישט געבליבן טריי קיין שום אָפּמאַך — וועלכע אָפּמאַכן זענען דאָס געווען? וועמענס? פֿון דעם איטאַליענישן פֿאָלק? צי האָט מוסאָליני געפֿרעגט דאָס איטאַליענישע פֿאָלק, ווען ער האָט זיך געברודערט מיט היטלערן? און איצט, ווען דע גאַספּערי פֿאַראייניקט זיך מיט די אַמעריקאַנישע מיליאַרדערן, צי האָט דאָס פֿאָלק אים געגעבן דערויף זיין הסכמה? זאָלן זיי דעריבער שפּעטער זיך אַליין שפּייען אין די פּנימער, און נישט אונדז. צי וועט דאָס זיין פֿאַראַט, ווען דאָס פֿאָלק וועט זאָגן: ניין? דאָס איז מוסאָליני געווען אַ פֿאַרעטער, דאָס איז איצט דע גאַספּערי אַ פֿאַרעטער. אָבער עס איז פֿאַראַן איין בונד, וועלכן דאָס איטאַליענישע פֿאָלק וועט קיינמאָל נישט פֿאַראַטן. דאָס איז דער בונד פֿון די אַרבעטער און פּויערים אין איטאַליע און די טרייהייט צו אַלע אַרבעטער אויף דער גאַנצער וועלט. ווען נישט דאָס, וואָלט שוין פֿון לאַנג געווען אַ מלחמה, וואָלטן די אַמעריקאַנער מיליאַרדערן און דע גאַספּערי שוין פֿון לאַנג אָנגעפֿאַלן אויף רוסלאַנד...

— אין רוסלאַנד זענען פֿאַראַן קאָלכאָזן? — האָט געפֿרעגט דער זאַכלעכער פּאַפּאַרעלי, — צי איז דאָס אמת?

— אמת, — האָט געזאָגט אַרמאַנדאָ. — עס זענען פֿאַראַן קאָלכאָזן און עס איז נישטאָ דער באַראָן בערלינגיערי. עס איז נישטאָ, ווער ס'זאָל מאַכן אַ מלחמה, אַזוי ווי ביי אונדז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. קאָלכאָזן — דאָס הייסט, אַז ס'זענען נישט פֿאַראַן קיין אַרבעטלאָזע און קיין ערדלאָזע. אָבער דערפֿאַר איז דאָ גענוג וואַסער, גענוג באַמיסטיקונג, עלעקטרע, שולן, וועגן. דאָס הייסט זאַטע טעג און אַ רואיקער שלאָף. דאָס הייסט ראַדיאָ, קינאָ, פֿאַרוויילונגען, ביכער, צייטונגען. צי ווייס איך וואָס נאָך! ווער פֿון אונדז וואָלט דאָס נישט געוואָלט! מיר זענען נאָך ווייט דערפֿון. אַ קאָלכאָז — דאָס הייסט אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס שטייט פֿעסט אויף די אייגענע פֿיס. און מיר דאָ זענען נאָך ווי קינדער, מיר שטעלן די ערשטע טריט אין קאַמף פֿאַר ערד. אין קאַמף מיט די גוטבאַזיצער. און קיינער וועט דאָס פֿאַר אונדז נישט טאָן. זאָל איצט יעדער טראַכטן וועגן זייניקע, צי זיי וועלן נישט אַנטוישן, צי זיי וועלן טריי בלייבן ביזן סוף. איך טראַכט וועגן די אַרבעטער פֿון ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. זיי וועלן נישט אַנטוישן, זיי וועלן בלייבן טריי ביזן סוף. כאָטש זיי האָבן קיינעם גאָרנישט צוגעזאָגט, וועלן זיי גיין דעראָבערן די פּריצישע ערד. קיינער טרייבט זיי נישט דערצו אונטער אַ באַפֿעל, ווי אין מיליטער. אָבער זיי וועלן גיין ביזן סוף, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס איז זייער פֿליכט. אַזוי ווי אַ פֿויגל מוז פֿליען, און די תבואה מוז וואַקסן, אַזוי מוזן זיי קעמפֿן; זיי ווייסן, אַז זיי מוזן קעמפֿן, ווייל קיינער וועט דאָס נישט טאָן פֿאַר זיי. ווייל זיי

וויסן, אז ס׳איז פאראן איין וועג, און אז דאָס איז אין זייער אינטערעס. און נישט בלויז אין זייער אינטערעס. זיי גייען דערהאַבערן ערד נישט בלויז פאר זיך. זיי טוען עס צוליב עפּעס אזוינס, וואָס איז, אזוי צו זאָגן, מער ווי דער אייגענער אינטערעס. זיי טוען עס פאר זייער לאנד, פאר דער צוקונפט, מע קען זאָגן, פאר דער גאנצער וועלט. צוליב דעם, אז אויך אנדערע זאָלן האָבן א בעסער לעבן און שלום. זיי טוען עס פאר דער געשיכטע, דאָס הייסט פאר די דורות, וואָס וועלן קומען. דער פּריץ וויל האלטן די געשיכטע פאַרן עק. און אויב נישט, הייבט ער אָן שיסן. אזוי איז, פּאַפּארעלי, זיי קאָנען שיסן. ווייל צוערשט הייבן זיי אָן צו שיסן אין זייער אייגן לאַנד, און דערנאָך מאַכן זיי אַ מלחמה אויף דער גאַנצער וועלט. און ווער פון אייך וויל מלחמה? קיינער נישט! דערפאר האָב איך געזאָגט, אז איר דאַרפט פאַרשטיין וועמענס פאַרבינדעטע איר זענט. פון די פּריצים און די פּאַבריקאַנטן? אָדער פון די דאָרפישע ארבעטער, וועלכע קעמפן צוזאַמען מיט די שטאָטישע אַרבעטער קעגן די פּריצים און די פאַבריקאַנטן? דערפאַר האָב איך געזאָגט, אז די אַרבעטער פון ראָקאַ די דזאָלפאָ טוען דאָס נישט בלויז צוליב זיך, נאָר צוליב עפּעס אזוינס, וואָס איז וויכטיקער און גרעסער איידער זייער אייגענער אינטערעס בלויז. זיי טוען עס פאר אייך, רעמאָלי, פאר אייך, פּאַפּארעלי, פאר אייך, פּערוטשי, פאר אייך, מאַנטאַגיאַני און פאר אלע אנדערע. יאָ, עס קאָן זיין, אז זיי וועלן בלייבן לעבן, גיין ווייטער אזש ביז צום נצחון. אויף בלוט און העלדישקייט וואַקסט אויס דער זיג. מעגליך, אז זיי וועלן שיסן, אָבער אין ראָקאַ די דזאָלפאָ וועט קיינער נישט ארויסווייזן קיין פּחדנות, קיינער וועט זיך נישט באַהאַלטן הינטער פרעמדע פּלייצעס און קיינער וועט נישט זאָגן, אז ער וויל אַרויסגיין אין פעלד... דער לעצטער. אזוי איז, רעמאָלי. און איר, „פּאַדראָן“ פּאַפּאַרעלי, טראַכט אפשר, אז דאָס לעבן פון אַן ארבעטער איז ווייניקער ווערט, ווי דאָס לעבן פון א פערד? פאר דעם, וואָס האָט א פערד, קאָן זיין. אָבער פאר דעם ארבעטער גופא זיכער נישט! און דאָך, נישט געקוקט דערויף, וואָס די ארבעטער האַלטן זייער לעבן טייערער, ווי דאָס לעבן פון אַ פערד, האָבן אַזויפיל פון זיי שוין דאָס אָפּגעגעבן אין גאַנץ איטאַליע, ווייל זיי האָבן געוווסט, צוליב וואָס זיי טוען דאָס. זיי האָבן געוווסט, אז זיי טוען דאָס אויך צוליב אייער ווילזיין, „פּאַדראָן“ פּאַפּארעלי, און צוליב אייער ווילזיין, „פּאַדראָן“ רעמאָלי, אז איר זאָלט נישט ליידן מחמת דער אָפּגעשטאַנענקייט, אין וועלכער עס האַלט אייך מיט געוואַלד דער באַראָן, אז איר זאָלט האָבן גענוג וואַסער פאר אייערע פעלדער, גענוג וועגן פאר אייערע פערד און אייזלען, גענוג מאַשינען, אַנשטאָט די פלאַכע אַקערס נאָך פון די בורבאָנער צייטן. אז איר זאָלט קאָנען רואיק ארבעטן און האָבן קינדער, און נישט גיין אומקומען אין די מדבריות, ווי אין די צייטן פון מוסאָליני. זייט זיכער, אַז די אַרבעטער פון ראָקאָ די דזאָלפאָ וועלן נישט בלייבן שטיין ביי דעם אייגענעם דערהאַבערטן לעפל געקעכטס און וועלן נישט

זאָגן: באסטא. מיר האָבן דעראָבערט פאר זיך א שטיקל ערד, און וועגן דעם איבעריקן זאָלן זיך גיין שלאָגן אנדערע. דאָס איבעריקע גייט אונדז נישט אָן. זיי וועלן נישט רוען אזוי לאנג, ווי לאנג אין קאלאבריע וועט דער באלעבאָס זיין דער באראָן בערלינגיערי. זיי וועלן נישט רוען, ביז דער זיג וועט נישט זיין קיין פולקאָמער. און דער וועג, מיט וועלכן זיי דארפן גיין, איז זיי שוין באקאנט.

— בראוואָ, — האָבן אפלאָדירט לאָרענצאָ באָרדי, פערוטשי און די אלע, וועלכע זענען געזעסן אויפן ראנד פון בעט און אויף די שטיינערנע טרעפ, וועלכע האָבן געפירט אין צווייטן צימער אָדער קאמער, אין וועלכן מע האָט געהאלטן תבואה, אייל און וויין.

III

וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער אקציע, אלץ אָפטער האָבן די מענער פארלאָזט דאָס דאָרף און באזוכט באָנאקאסא, דזשינגא, ראָקא די נעטאָ, סטראָנגאָלי, טשירא. אין אָוונט האָבן זיי זיך אומגעקערט און ארומגערעדט די דערגרייכטע רעזולטאטן. שליסלעך האָט מען אָפגעשטעלט מיט דזשיאנין אין קראָטאָנע א דאטע, און היינט זענען די ארבעטער צום לעצטן מאָל געגאנגען מעלדן די סעקרעטארן פון די אָרטיקע קאָמוניסטישע סעקציעס וועגן דעם טאָג פון באזעצן פראגאלא.

ארמאנדאָ האָט אָנגעזאָגט דזשיאָוואנע, אז זי זאָל נישטווארטן אויף אים מיט די פיש, ווייל ער וועט זיך היינט אומקערן זייער שפעט. פון זינט דער קליינער מינקוטשיא איז געגאנגען צו די פישער קיין ראָקא די סאנטא קיארא און זיי געהאָלפן פארווארפן די נעצן, האָט מען ביי די ארמאנדאָס געגעסן צוגעבאקענע אויפן רושט פיש אויף וועטשערע, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען די סעודה נאָך א גאנצן טאָג פאסטן. היינט האָט דזשיאָוואנא געוואָלט צוגרייטן א פישזופ. וועגן דער דאָזיקער זופ האָט זי נאָך געטראכט אייערנעכטן, ווען פיערינא האָט איר פאר צוויי פארקויפטע יונגע הינער איינגעהאנדלט און שטאָט א ביסל לאָקשן און א פלעשל אייל.

דזשיאָוואנא האָט גענומען דאָסליימענע קריגל און געלאָפן צום פאלאצל. געוויינלעך האָט איר קיארא ארויסגעטראָגן אין א טעפל א ביסל וואסער, אזוי, אז ס'זאָלן נישט באמערקן נישט דאָן לואידזשי, נישט די קאראבינערן. אָבער היינט האָט דאָס מיידל זיך נישט באוויזן. אומזיסט האָט דזשיאָוואנא ארייַנגערוקט דאָס פנים צווישן די אראָפגעהאָנגענע אייקאליפטוס-צווייגן. קיארען האָט מען נישט געזען דורך דעם קיך-פענצטער. דזשיאָוואנא האָט ארומגעקרייזט די נידעריקע שטיינערנע פארצוימונג און שטיין געבליבן אנטקעגנאיבער דעם פא-

סאַד. דער גרינער לאָדן איז געווען פעסט פאַרמאַכט. זי האָט זיך לאַנג צוגעהערט, אָבער פון אינעווייניק איז ניט דערגאַנגען קיין שום שאָרך. אָדער דער קשיאַנגיז איז אויך אַרויסגעגאַנגען, אָדער ער שלאָפט איבער דעם הייסן נאָכמיטאָג. עס איז געווען שטיל. בלויז לעאָ האָט דערפילט די נאָענטקייט פון אַ פרעמדער פּערזאָן און געוואָרטשעט. דזשיאָוואַנאַ איז צוגעגאַנגען צום טויער. די פאַרזשאַווערטע אייזערנע פליגלען פון טויער, וועלכע זענען געווען אָפּגעבראָכן פון די געמויערטע פילאַרן, האָבן זיך קיינמאָל ניט צוגעמאַכט. זי האָט זיך שטיל דורכגעשטופּט און אַ רוף געטאָן די ציג ביים נאָמען, כדי זי צו באַרואיקן. אָבער לעאָ האָט זיך געריסן אויף דער קייט, וועלכע איז געווען צוגעבונדן צו אַ שטיינערנעם סלופּ, געשפּרונגען אין אײנעם און דעם זעלבן קרייז, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס און געבילט.

ווי לאַנג זי איז געגאַנגען מיט דער שמאָלער, ברוקירטער אַלייע, האָט זי זיך געפילט זיכער. פונדאַנען האָט מען ניט געזען די דרויסנדיקע טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט אין קשיאַנגדזס צימער אויבן גאָרן. די קיפּאַריסן האָבן זיך געצויגן אַזש ביז דעם הויפּט־אַריינגאַנג, און צום ברונעמל האָט מען באַדאַרפט פאַרקערעווען ביים דאָג פון פּאַלאַצל און דורכגיין דורך דעם נאַקעטן הויף.

אָבער אויף דער שוועל פון פאָדערהויז אין דער אָפיציגע האָט שוין געוואַרט אויף איר אַ קאַראַבינער אָן אַ היטל און אָן אַ בלוזע. דאָס איז געווען אַלפּיאָ. ער האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס פון די אויסגעפּרעסטע הויזן. ער האָט געקוקט שווייגנדיק אויף דער פרוי, וועלכע האָט צו אים געשמייכלט. דזשיאָוואַנאַ האָט אויך גאָרניט געזאָגט. זי איז צוגעגאַנגען צום ברונעמל און אָוועקגעשטעלט דאָס קריגל אונטער דער פאַרזשאַווערטער רער.

— דאָ איז פאַרבאָטן צו נעמען וואַסער, — האָט זיך אַלפּיאָ פלוצעם אָנגערופן, — איר ווייסט דאָס ניט?

דזשיאָוואַנאַ האָט צו אים אַ ווינק געטאָן:

— אַ האַלב קריגעלע בלויז און איך בין שוין נישטאָ. איך וויל אָפּקאָכן אַ פיש־זופּ.

אַלפּיאָ האָט אַ באַוועג געטאָן מיט די אַקסלען און פאַרשוווּנדן אין פאָדערהויז.

לעאָ האָט איצט ווידער אָנגעהויבן צו בילן.

דאָס קריגעלע האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט וואַסער, ווען אויבן גאָרן האָט אַ סקריפּע געטאָן דער לאָדן און עס האָט זיך דערהערט די שטים פון קשיאַנגדז:

— אויף וועמען בילט דאָרט אַזוי שטאַרק דער הונט?

אַלפּיאָ איז ווידער אַרויסגעשפּרונגען פון פאָדערהויז און אַ דערגרייטער געגעבן דזשיאָוואַנען אַ צייכן, זי זאָל זיך שוין אָפּטראָגן.

דזשיאָוואַנאַ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אין איין רגע גייט זי אַוועק. נאָך א פּאָר טראָפּנס.

— שוין, שוין, — האָט זי געשעפּטשעט.

אַלפּיאָ האָט פאַרדריקט די פויסטן און ווילד געגעבן א בליץ אויף איר מיט די אויגן.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קריגעלע אויפן קאָפּ און מיט א בליק באַדאַנקט דעם קאַראַביניער. אויפן וועג צו דער קיפּאַריסן־אַלייע האָט זי זיך אויסגעדרייט, כּדי נאָכאַמאָל צו באַדאַנקען אַלפּיאָן, און דאָס האַרץ איז איר אָפּגעשטאָרבן. עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער קשיאָנדז איז אַן אייננעהויקערטער אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. ער האָט געאײַלט גלײַך צו איר. אָבער ער האָט זי אויסגעמיטן. מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער זעט זי נישט. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון הינטערשטן הויף, וווּ עס איז געשטאַנען דער קאַראַביניער. דזשיאָוואַנאַ איז שנעל אַדורך דעם פּוסטן הויף און איז אַרײַן אין דער קיפּאַריסן־אַלייע. דאָ האָט זי זיך געפילט זיכערער. זי האָט נאָך געהאַט עטלעכע צענדליק טריט בלויז צום טויער. נאָך א ביסל, נאָך א ביסל — און זי וועט זיך געפינען אויסער די גרענעצן פון פּאַלאַצל. זי איז שוין דורכגעגאַנגען א העלפט וועג, ווען זי האָט דערהערט הינטער זיך דאָס טופּען פון שטיוול. עס האָט זי נאָכגעיאָגט אַלפּיאָ. זי האָט זיך אויסגעדרייט. דער קאַראַביניער איז צו איר צוגעפאַלן און אויסגעשטרעקט די הענט נאָכן קריגל. דזשיאָוואַנאַ האָט צוריקגעצויגן דעם קאָפּ. גלײַכצײַטיק האָט זי דערפילט א שטאַרקן שטויס אין ברוסט. עס איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. זי האָט זיך א וואַקל געטאָן, אָנגעשפּאַרט זיך מיט די פּלייצעס אין שטיינערנעם פילאַר פון טויער און צוגעדריקט מיט דער האַנט דאָס האַרץ. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן. דאָס קריגל איז געלעגן א צעבראָכנס אויפן וועג. אויף די שטיינער האָט דאָס וואַסער שנעל געטריקנט. אַלפּיאָ איז פאַרשוווּנדן. דער קשיאָנדז איז אויך נישט געווען. אויפן הויף איז געווען פּוסט. בלויז לעאָ האָט זיך געדרייט אַרום דעם סלופּ און געבילט. דאָן לואידזשי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן.

— וואַרט, די הינט אין קליידל! וועסט זיך נישט אויסבאַהאַלטן, וועסט פאַר אַלץ באַצאָלן.

זי האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם צעבראָכענעם טויער, טיף אָפּגעאָטעמט און אַוועקגעזעצט זיך אונטער דער געמויערטער פאַרצוימונג אין א געדיכטן שאָטן. זי האָט צעשפּיליעט די בלוזקע אונטערן האַלדז און אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון קאָפּ. אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויף דער קני, האָט זי שווער געאָטעמט, האַלטנדיק פעסט פאַרמאַכט די אויגן.

— דזשיאָוואַנאַ, טײַערע, וואָס איז דיר?

איבער איר איז געשטאַנען קיאַראַ.

— ס'איז דיר נישט גוט געוואָרן?

— ניין, ס'איז מיר שוין גאָרנישט. ס'איז מיר שוין פאַריבערגעגאַנגען.

— „מאַדאָנאַ“, וואָס איז געשען? ביסט בלאַס ווי לייוונט.

— דאָס קריגל האָט זיך צעבראָכן. דער קשיאַנדז האָט אָנגערייצט אויף מיר אַלפּיאָן.

— האָסט גענומען וואַסער?

דזשיאָוואַנאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אפשר דיך אָפּפירן?

— ניין, איך וועל אַליין גיין.

דזשיאָוואַנאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און קיאַראַ האָט איר געהאָלפן אויפשטיין.

דזשיאָוואַנאַ האָט פאַרשפּיליעט די בלוזקע, פאַרבונדן דאָס טיכל אונטערן האַלדז און אַליין אוועק אין דאָרף.

ווען ס'איז טונקל געוואָרן, האָט דזשיאָוואַנאַ זיך צוריקגעקערט מיט פרויען צום פּאַלאַצל.

דורך דעם פענצטער אויפן גאָרן זענען געפלויגן שטיינער אין צימער פון קשיאַנדז:

— דאָס איז פאַר דזשיאָוואַנעס קריוודע, — האָט הויך געשריגן פראַנצעסקאַ, די פרוי פון דאָמעניקאָן.

אין פענצטער האָט אַ שווינדל געטאָן דער שאָטן פון דאָן לואידזשין.

— ווערסט זיך נישט אויסבאַהאַלטן, דו היענע אין קליידל! — האָט געשריגן דזשיאָוואַנאַ. עס האָבן זיך ווידער אַ שאָט געטאָן שטיינער און עס האָט אַ קלינג געטאָן די צעבראָכענע שויב.

— פאַר דער קריוודע פון מיין דאָן דאָמעניקאָ, — האָט געשריגן פראַנצעסקאַ.

— פאַר אונדזער קריוודע, פרויען! — האָט איבערגעחזרט פיעריינאַ, די פרוי פון וויטאָן.

— לאָמיר אַנטלויפן, — האָט אויסגעשריגן פראַנצעסקאַ.

די פרויען זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון בערגל און פאַרשוווּנדן אין די דערנער־קוסטעס.

אין טויער זענען געשטאַנען ביידע קאַראַבינערן, אַלפּיאָ און פּיקולי מיט לעאָן. זיי האָבן זיי אָפּגעלאָזט פון דער קייט. די קאַראַבינערן זענען געשטאַנען אויפן אָרט און אָנגערייצט די צווינג אויף די מענטשן. אָבער לעאָ האָט זיך געדרייט אין אַ כסדרדיקן קרייז, ווי זי זאָל זיין צוגעבונדן מיט אַ נישט געזעענער קייט, זי האָט געבילט און זיך צוריקגעקערט צו די קאַראַבינייערן.

IV

דאָס וואָלט מען באַדאַרפט דערציילן דעם וויכטיקסטן קאָמוניסט — אַרמאַנדאָ, — האָט קיאַראַ געטראַכט. די הויט איז איר געוואָרן פאַרשטייפט, ווען זי האָט דערהערט די דראָונג פון פרעצאָ:

— דאָס מאָל וועלן מיר זיי איינאָרדענען אַ בלוטיקע באָד...

— אַלס „סינדאַקאָ“, פּראָטעסטיר איך קעגן דעם שיסן אין שוצלאָזע מענטשן, — דאָס איז געווען אַברוצעזעס שטים.

ווייטער האָט זי נישט געקאָנט אונטערהערן. די גלעזלעך האָבן אַ קלינג געטאָן אויף דער טאַץ און זי האָט געמוזט אַריינגיין.

אַברוצעזע האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אַ צייטונג, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער האָט זי פּלוצעם אָנגעהויבן צו לייענען.

זי האָט אַנידערגעשטעלט דעם וויין אויפן טיש און זיך אײַנגעבויגן, ווייל אויף דער פּאָדלאָגע איז אַראָפּגעפאַלן אַ צווייטע צייטונג און זי האָט געוואָלט אויפהייבן.

דער קשיאָנדז האָט בייז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט די אויגן איר אָנגעוויזן אויף דער טיר.

דעם גאַנצן אָוונט איז איר אַלץ געפאַלן פון די הענט. זי האָט אַפילו וועגן סאַלוואַטאָרען אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם סוף פון דעם אָוונטברויט, דערצו האָט זי נאָך פּיקולי און אַלפּיאָ נאָכן עסן אַרויפגערופן אין דער הייך, אין דעם גרויסן זאַל, פון וואַנען מע האָט אַרויסגעטראָגן די שטולן און צונויפגערוקט עטלעכע בענק. דאָ האָבן די קאַראַביניערן געזאָלט שלאָפן די נאַכט. פון זינט ס'איז געוואָרן טונקל, האָט מען זיי אָפּגעוואַרט יעדע מינוט. פרעצאָ האָט געהייסן צוגרייטן נאָך אַ צימער פון אונטן. זיי וואָלטן געקאָנט פאַרברענגען די נאַכט אויפן הויף, ווען ס'זאָל אויפהערן קראָפּען דער רעגן. בלויז דער אייבערשטער זאָל וועט נישט גענוג זיין אויף הונדערט מענטשן.

ווען קיאַראַ האָט זיך שוין ענדלעך אַרויסבאַקומען פונעם פּאַלאַצל, זענען די קאַראַביניערן נאָך אַלץ נישט געווען.

אויפן וועג צו אַרמאַנדאָן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווי געווײנלעך, פאַר דעם הויז פון די לאָ מיעאָס, וואָס איז געווען פוסט ווי אַ בית־עולם. שטענדיק איז זי געגאַנגען מיט דער האָפענונג: אפשר איז סאַלוואַטאָרע צוריקגעקומען.

אַרמאַנדאָ איז נישט געווען אין שטוב.

— מע קאָן אים טרעפן נאָר דעמלט, ווען ער שלאָפט, — האָט דזשיאָוואַנאַ געזאָגט. אָבער ווען זי האָט דערהערט צוליב וואָס קיאַראַ איז געקומען, האָט זי איר געהייסן גלייך לויפן צו וויטאָן. זיי האָבן זיך דאָרט אַלע צונויפגענומען און

זיי פאַרריכטן די מכשירים. זיי וועלן נאָך הײַנט בײַנאַכט אַרויס אין פעלד. עס דאַרף אָנקומען הילף פון אַנדערע דערפער. דערפאַר קאָכן די פרויען פאַר זיי אונטערברויט. מע וועט דאַרפן צוגרייטן עסן פאַר זיי אויף א טאָג אָדער אפילו אויף צוויי.

V

סמאָלע־העלצלער צוגעפּעסטיקטע צום פּלויט, האָבן באַלויכטן דעם הויף. דער ווינט האָט געריסן דיעם פלאַם אויף אַלע זייטן, אָבער ער האָט אים נישט געקאָנט פאַרלעשן. די מענער האָבן געקלאַפּט מיט העמערלעך אין די אײַזנס פון די אַקערס און געשאַרפט די פאַרקרומטע „זאַפּאַ“־לאָפּאַטקעס. וויטאָ האָט פאַרריכט א ראָד אין דער „שאַראַבאַלע“, וועלכע האָט זיך צעבראָכן אויפן וועג פון קראָטאָנע, פונוואַנען ער האָט געפירט זעקלעך מיט פאָספאַט, א מתנה פון די אַרבעטער פון מאָנטעקאַטיני. ראָזאַריאָ, וועלכער האָט זיך גראָד אומגעקערט פון שפּיטאָל, האָט געמוזט אַראָפּגיין פון וואָגן און העלפן וויטאָן צו פאַרשליפן זיך ביז ראָקאַ די רזאָלפאָ.

די פּנימער פון די אַרבעטער האָבן געבלישטשעט ווי קופּער. אויפן הויף האָט געהילכט, ווי אין א קוזשניע. אין ווינקל האָט געריטשעט פון בענקשאַפט דאָס אײַזעלע פון פראַנצעסקען, און דאָס מוילאײַזל פון וויטאָן האָט אומרואיק באַוועגט מיט די אויגן, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זוכנדיק צווישן אַזויפיל מענטשן זײַן באַלעבאָס.

אַרמאַנדאָ האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם אַקער. אַזא גרויסן אַקער האָט פאַרמאָגט בלויז אַברוצעזע.

— איך בין געקומען צו דיר, אַרמאַנדאָ, האָט קיאַראַ געזאָגט.

— יאָ. אין וואָס האַנדלט זיך?

— צי ווייסט איר גאָרנישט וועגן סאַלוואַטאָרען? — האָט זי פּלוצעם געפרעגט.

— איך ווייס נישט.

— נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, — זי האָט א קוק געטאָן אויף וויטאָן, וועלכער איז געווען אָנגעבויגן איבער דער ראָד. — איך האָב געמיינט, אז דו ווייסט אפשר עפּעס, — האָט זי צו אים געזאָגט, — אָבער איך בין נישט געקומען זיך פרעגן אויף סאַלוואַטאָרען, — קיאַראַ האָט זיך אײַנגעבויגן. — הײַנט זענען אין פּאַלאַצל געווען פרעצאָ מיטן „סינדאַקאָ“. עס דאַרפן א ליאַדע מינוט אָנקומען קאַראַביניערן. הונדערט מאַן. זיי דאַרפן אײַך אײַנאָרדענען א

בלוטיקע באָד. אזוי האָט פרעצאָ געזאָגט, — זי האָט צוגעגעבן העכער: — דאָס בין איך געקומען זאָגן.

— דו האָסט זיך איבערגעשראָקן, ווי איך זע, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט.

— נו, גיי אהיים און מאך א שווייג. צעטראָג נישט די נארישקייטן, הערסט? פאר אזעלכע רייד קאָן דאָן לואידזשי דיך דורכטרייבן. אויב עמעצער וועט אים דערטראָגן. פארשטייסט?

— איך זאָג עס האָך נאָר דיר און קיינעם נישט מער.

— נו, גוט. גיי, גיי.

עס זענען צוגעקומען דער קלייניקער מאטעאָ און פראנצעסקאָ רוסאנאָ.

— אין וואָס האנדלט זיך? — האָט מאטעאָ געפרעגט.

— עס דארפן אָנקומען קאראביניערן, — האָט ארמאנדאָ געזאָגט.

— בע, — האָט מאַטעאָ א קנאַק געטאָן מיט דער צונג, — ווי דען אנדערש?!

— און וויסט וויפל שטיק? דאָס ווייסטו נישט! — האָט קיארא געזאָגט.

— וואָס פאר אן אינטערעס? — מאטעאָ האָט זיך פארקרומט. — און דו, מיידל, בייזער זיך נישט, ווי מע זאָל דיר צאָלן פון שטיק. דאָס איז טינופת, נישט קיין סחורה. קיינער וועט דאָ נישט קויפן.

קיארא האָט געעפנט דאָס מויל, כדי אים צו ענטפערן, אָבער עס האָט זי אָפגעהאלטן ארמאנדאָס בליק. זי האָט דעריבער בלויז א הייב געטאָן מיט די אקסלען.

— נו, גיי שוין, גיי — האָט וויטאָ א מאך געטאָן מיט דער האַנט.

— נו, מיט גליק! — האָט קיארא זיך געזעגנט.

ארמאנדאָ מיט וויטאָן האָבן זיך צוריק גענומען צו דער ארבעט. דער קלייניקער מאטעאָ און דער גרויסער פראנצעסקאָ רוסאנאָ זענען שטיין געבליבן, נישט אָנרופנדיק זיך מיט קיין וואָרט. עס איז אויך צוגעקומען סילוויאָ, און דערנאָך גאספארע ישיאוואָנע. אויך אנדערע האָבן אָנגעהויבן צוקומען.

— נו, וואָס שטייט איר, — האָט אויסגערופן וויטאָ, — די צייט שטייט נישט.

— די צייט שטייט נישט, — האָט איבערגעחזרט דער קלייניקער מאטעאָ, — אָבער אונדזערע נישט מע זעט זיי, נישט מע הערט זיי.

— זיי וואָלטן שוין געקאָנט זיין. ווייניקסטנס פון ראָקא די נעטאָ. דאָס איז צום נאָענטסטן, — האָט געזאָגט פראנצעסקאָ רוסאנאָ.

— זיי וועלן זיין, — האָט געענטפערט ארמאנדאָ.

— זיי וועלן זיכער זיין, האָט צוגעגעבן סילוויאָ, — וויטאָ איז גערעכט. די צייט שטייט נישט. לאָמיר זיך נעמען צו דער ארבעט.

— עס איז שוין אַלץ גרייט. מיר פֿאָרן זיך, אַבי זיך צו פֿאָרן. אונדזערע זענען נישטאָ. דערפֿאַר וועלן זיין די קאַראַביניערן, — האָט מאַטעאָ זיך גע־פּלייסט אַ שמייכל צו טאָן. — און וויפֿל זענען זיי, די קאַראַביניערן? ווייסט נישט, אַרמאַנדאָ?

— דאָס וועלן מיר זען.

— איך וואָלט זיי גערנער נישט געזען, — האָט מאַטעאָ געזאָגט.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופֿן.

— זיי וועלן זיך אַוועקשטעלן אויפֿן שליאַך און וועלן קיין שום וואָגן צו אונדז נישט דורכלאָזן, — האָט גערעדט צו זיך אַליין מאַטעאָ, דאָס קאָן אויך זיין.

וויטאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַטעאָן.

— דאָס קאָן אויך זיין. נו, איז וואָס?

— נו, איז גאָרנישט. עס זאָלן נאָר אונדזערע קומען פֿאַר די קאַראַביניערן, וואָלטן מיר שוין געקאָנט אַרויסגיין אין פֿעלד, — מאַטעאָ האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן הימל, — עס הייבט ווידער אָן צו קראָפּען.

— פֿאַרפֿאַלן, — האָט וויטאָ זיך פּלוצעם אָנגערופֿן, — פּונקט ווי אויף אַ מלחמה. מיר גרייטן זיך צו און יענע גרייטן זיך אויך צו.

— נישט מער, וואָס מיר גייען אַרויס אין פֿעלד מיט אַן אַקער, און יענע מיט אַ ביקס, — האָט געזאָגט דער קלענסטער מאַטעאָ. — און דערווייל זע איך נאָך נישט אונדזערע מיט די אַקערס.

— האָסט מורא? מאַטעאָ? — האָט געפֿרעגט פֿראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

— ניין! עס איז מיר נאָר אַ ביסל אַ שאָד קריסטאָפֿאָראָ. נאָך גאָר אַ קליינינקער.

— און וואָס אייגנטלעך גייט דאָ?! — האָט זיך סילוויאָ צעבייזערט. — וועמען זענען נייטיק די האַזיקע פּוסטע רייד.

— דאָס פּאַסקודנע וועטער קריכט אַזוי אַריין דעם מענטשן אין האַרץ, — האָט זיך אָנגערופֿן פּעפּע פּעדעלי. — זעט, וואָס פֿאַר אַ פֿינצטערער הימל. האַרבסט.

— מע זאָל נאָר נישט פֿאַרבלאָקירן די וועגן, — האָט געזאָגט גאַספּאַרע שיאַוואָנע. — מאַטעאָ האָט רעכט. וואָס וועט דעמלט זיין?

— מיר וועלן אַרויסגיין אין פֿעלד מיט דעם, וואָס מיר האָבן, און באַסטאַ!

— האָט אויסגעשריגן סילוויאָ.

— מיר וועלן זיך אַליין איינשפּאַנען אין די אַקערס און באַסטאַ, — האָט צוגעגעבן אַרמאַנדאָ.

— אייגנטלעך, פֿאַרשטיי איך נישט, — פּעפּע פּעדעלי האָט געזשמורעט דאָס געזונטע אויג אין דער שיין פֿון ברענענדיקן קין, — עס איז נאָך גאָרנישט נישט באַוווּסט און דאָ רעדט מען שוין, ווי עמעצער זאָל האָבן געשטאָרבן.

מאטעאָ רעדט שוין וועגן זיין קריסטאָפּאָראָ, ווי וועגן א יתום. טפו! די קאראַביניערן זענען נאָך נישטאָ. צוואָס דעריבער דאָס טראַכטן, וואָס עס וועט זיין, אָדער וואָס עס וועט נישט זיין. און אפשר וועלן די קאראַביניערן נישט קומען. דאָס איז אויך מעגלעך. נישט אמת?

— קומען וועלן זיי, — רעדט דאַרער גאַספּאַרע שיאוואָנע, האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט. — נאָך דעם ווי די פרויען האָבן אויסגעשלאָגן די שויבן אין פּאַלאַצאָ, וועט דאָן לואידזשי זיך שטעלן אויפן קאָפּ, זיי זאָלן קומען.

— דאָס איז אויך נייטיק געווען ווי א לאָך אין קאָפּ, — האָט מאַטעאָ א קנאַק געטאָן מיט דער צונג. — זיך לאָזן אומנייטיק פּראָוואָצירן.

— דאָס איז דיין דזשיאָוואַנאַ אזא קעמפערישע, — האָט זיך צעלאַכט וויטאָ, אויסדרייענדיק זיך צו אַרמאַנדאָ.

— און מיין ווינטשענצאַ פעלט אויך גאָרנישט, — האָט סילוויאָ א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און איך האַלט, אז די פרויען האָבן גוט געטאָן, — האָט געזאָגט פראַנצעסקאָ רוסאַנאָ. — די קאראַביניערן וואָלט דער קשיאָנדז געבראַכט צו פירן מיט די צעבראָכענע שויבן און אָן די צעבראָכענע שויבן. אַלציינס. לאָמיר נישט אַרויפוואַרפן די שולד אויף די פרויען.

— ס'האָט זיך מיר אפילו נישט געחלומט אַרויפצוואַרפן די שולד אויף די פרויען, — האָט זיך אָפּגעטרייסלט דער דאַרער גאַספּאַרע שיאוואָנע.

— די חזירשע נויט, — האָט זיך אויסגעזידלט וויטאָ, אָפּווישנדיק די טראָפּנס פון דראָבנעם רעגנדל אויפן פנים. — עס פאַלט אַלץ שטאַרקער. מיר וועלן דאָך נישט זיצן אזוי א גאַנצע נאַכט. לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— ריכטיק, — האָט געזאָגט סילוויאָ.

— ריכטיק, — האָט איבערגעחזרט מאַטעאָ.

יעדער האָט זיך אומגעקערט צו זיין אַרבעט. אויפן הויף האָט ווידער אויפגעהילכט, ווי אין א קוזשניע. מאַטעאָ האָט געפּרוווט עפּעס אויפצוזינגען. אָבער ער האָט איבערגעריסן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך איינגעהערט. אַנדערע האָבן זיך אויך איינגעהערט.

— איך האָב געמיינט, אז זיי פאָרן, — האָט מאַטעאָ געזאָגט, — עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז עפּעס סקריפּעט.

— די קאראַביניערן, אויב זיי וועלן קומען, איז אויף מאַשינען, נישט אויף וואָגנס, — האָט געזאָגט פּעפּע מעדעלי.

— איך רעד וועגן אַנדערע, — האָט אָפּגעענטפערט מאַטעאָ, א זעץ טוענדיק בייז מיטן האַמער אין „זאַפּאַ“.

דער ווינט האָט טיילמאָל א בלאָז געטאָן שטאַרקער, און דעמלט האָט ער מיט א קרומען רעגן געשניטן אין פנים, און טיילמאָל איז ער שטיל געבליבן, און

דעמלט האָט זיך אויסגעדראכט, אז עס ליטערט זיך אוים. מע האָט געקוקט אין הימל. אָבער די שווערע כמארעס זענען נידעריק געהאָנגען. די וועלט האָט זיך איינגעשרומפּן ביז די טונקעלע בערגלעך פון ראָקאַ די דזאָלפּאָ. אויסער זיי האָט מען גאָרנישט געזען.

די קינדלעך האָבן שוין דערברענט. וויטאָ האָט א געשריי געטאָן צו פיערינען. זי איז ארויסגעקומען פון שטוב און געבראכט טרוקענע צווייגן און טשערעט. דאָס פייער האָט עס גלייך ארומגעכאפּט און עס האָט הויך אויפגעשאָסן א קנאקנדיקער פלאם. עס איז געוואָרן ליכטיק. די מענער האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און זיך צעשמייכלט צום פייער.

— פיערינא, אפשר וועסטו אונדז געבן צו פארזוכן די זופּ, וואָס דו קאָכסט פאר די געסט? — האָט געזאָגט דער קלייניקער מאטעאָ, ווינקענדיק צו פראַנצעסקאָ רוסאנאָן.

— גיב אונדז אויף דעם חשבון פון דער הינערישער יויך, — האָט צוגעגעבן פּעפּע פעדעלי, — וואָס?

אלע, ווי זיי זאָלן באמת וואַרטן אויף אן ענטפער, האָבן געקוקט אויף דער דראָבנער פיערינען, וועלכע האָט געבראָכן אויף דער קני די דארע דערנערצווייגן. דאָס פייער האָט אלע מאָל ארויפגעשאָסן מיט א נייעם פלאם. פיערינא האָט א קוק געטאָן אין הימל.

— עך, מענער, מענער, — האָט זי געזאָגט און זיך אומגעקערט אין שטוב.

זיי האָבן נישט באמערקט, ווי דער „סינדאקאָ" אברוצעזע איז אריינגעקומען אין הויף.

— א גוטן אָוונט אלעמען.

— א גוטן אָוונט, „סינדאקאָ", — האָבן אָפּגעענטפערט עטלעכע שטימען.

— איך גיי און זע — פייער. מע דארף א קוק טאָן, טראכט איר זיך, — האָט אברוצעזע זיך געווענדט צו ארמאנדאָן.

— איר האָט געמיינט, אז קאָנטשעטאָ האָט ווידער עפּעס אונטערגעצונדן?

— האָט וויטאָ געפרעגט.

— נישט קאָנטשעטאָ, נאָר לעליאָ, — האָט זיך אריינגעמישט דער קלייניקער מאטעאָ.

— וואָס פאר א וועטער? — אברוצעזע האָט אָפּגעווישט מיט דער האנט דאָס פּנים.

— און אין אזא וועטער האָט זיך אייך געוואָלט ארויסגיין? — האָט וויטאָ געפרעגט.

— „מאַ", דאָס וועטער! עס זענען פאראן וויכטיקערע זאכן, ווי דאָס וועטער. למשל, דער מאָרגנדיקער טאָג, — האָט אברוצעזע געזאָגט. — איך האָב א

שלעכטן פּאַרגעפֿיל. איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן אין דער היים... ארמאנדאָ...

— א פּאַרגעפֿיל? — האָט סילוויאַ געפֿרעגט. — דאָס הייסט?

אברוצעזע האָט א סמאַטשקע געטאָן מיט דער צונג:

— איך האָב מורא, אז דאָס אַלץ זאָל זיך נישט שלעכט ענדיקן.

— מיינסט די קאַראַביניערן? — האָט זיך אָנגערופֿן פּעפּע פּעדעלי.

— אייגנטלעך... — אברוצעזע האָט ווידער א סמאַטשקע געטאָן מיט דער צונג.

— נו, קוועטש שוין ארויס פֿון זיך, וואָס דו האָסט דאָרט אויף דער לעבער, — פּעפּע פּעדעלי האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג מיטן קאָפּ,

— ווייסט עפּעס, צי דו ווייסט נישט? דו רעדסט וועגן די קאַראַביניערן. דו האָסט אויך עפּעס געהערט?

— איך האָב א פּאַרגעפֿיל...

— נו, איז וואָס? — האָט סילוויאַ געפֿרעגט.

— אפֿשר וואָלט איר אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג און דערנאָך וואָלט מען געזען...

ארמאנדאָ איז אויפֿגעשטאַנען:

— נאָר דערפֿאַר, ווייל איר האָט א פּאַרגעפֿיל? — האָט ער געפֿרעגט.

— מען קאָן דאָך אָפּלייגן... די קאַראַביניערן וועלן זיצן א טאָג, צוויי, און דערנאָך וועלן זיי אַוועקגיין. דעמלט...

— וואָס הייסט אָפּלייגן? — האָט איבערגעריסן דער קלייניקער מאַטעאָ.

— מיר וואַרטן דאָך אויף אונדזערע. זיי זענען שוין אין וועג. און מיר וועלן זיי הייסן צוריקפֿאָרן?

— עס איז בעסער זיי זאָלן זיך אומקערן אין זייערע היימען, אײדער ס'זאָל זיך גיסן בלוט. אזוי טראַכט איך, — דער „סינדאַקאָ“ האָט צעפֿירט מיט די הענט.

— גענוג, „סינדאַקאָ“, — האָט אויסגעשריגן ארמאנדאָ, — און איר ווייסט, וואָס איך טראַכט, אז איר זענט יד־אחת מיטן קשיאַנדז און איצט זענט איר אונדז געקומען סטראַשען. צוואָס זענט איר געווען אין פּאַלאַצל? דאָ האָט איר נישט וואָס צו זוכן! איר וועט קיינעם נישט אָפּשרעקן.

— בראַוואָ, ארמאנדאָ, — האָט אויסגערופֿן מאַטעאָ, — אויב ער וויל, קאָן ער זיך אָפּנעמען דעם אקער!

— פֿון פּארעטער ווילן מיר גאָרנישט, — האָט מיט א גראָבער שטים אויסגערופֿן פֿראַנצעסקאָ רוסאַנאָ.

— אומדאַנקבאַרע! אומדאַנקבאַרע! — האָט אברוצעזע פֿאַרבראָכן די הענט.

— טראָג זיך אָפּ! — האָט רואיק געזאָגט ארמאנדאָ.

— צו מיר זאָגסטו: טראָג זיך אָפּ? דעם „סינדאקאָ“? גוט. איך וועל גיין, איך האָב אייך געוואָלט ראטעווען. יאָ, איך בין געווען אין פּאלאצל. איך האָב פּראָטעסטירט. איצט, זאָל זיין אזוי. זאָלן זיי אייך איינאָרדענען א בלוטיקע באָד. אומדאנקבארע! איצט וועל איך זיך שוין מיט גארנישט אינטערעסירן. אויב מע קאָן אָנהייבן וואַרפן שטיינער אויף א קשיאָנדז! וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן?

— שאַ! — מאטעאָ האָט אויפגעהויבן א פינגער אין דער הייך און אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט פון שליאך. ער האָט זיך איינגעהאָרכט.

איבער די נאסע שטיינער האָבן זיך דערהערט פּאטשן שנעלע טריט. דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט. צווישן די כמארעס האָבן זיך באוויזן העלערע שטיקער הימל. דאָ און דאָרט האָט אויפגעפינקלט א שטערן. דאָס רעגנדל האָט אויפגעהערט צו פּראָשען. ערשט איצט האָבן זיי דערפילט א דורכנעמענדיקע קעלט. דאָס פייער האָט דערברענט. פיערינא איז ארויסגעגאנגען, כדי צוצוווארפן צווייגן. זי האָט א קוק געטאָן אויף די מענער און זיך אויך אָנגעהויבן איינצוהערן.

דער יונגער ליגאָ איז געלאָפן פון דער זייט פון שליאך. דעם גאנצן אָוונט האָט ער מיט ראָזאריאָן אויסגעקוקט די וואָגנס מיט די מכשירים. זיי זענען דורכגעווייקט געוואָרן ביז די ביינער. ראָזאריאָ האָט געשאָלטן די קלעפּיקע פינצטערניש, וועלכע האָט זיך געשפּרייט אויפן פעלד. ווען ס'האָט א יאָג געטאָן א שטארקערער ווינט, האָט ער אראָפּגעטרייסלט פון דעם איינזאמען איילבירטביימל גראָבע טראָפּנס רעגן, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאמלט אויף די בלעטער. ווען זיי האָבן שוין ביידע אָנגעהויבן צו צווייפלען און זיך געוואָלט אומקערן אין דאָרף, האָבן זיי דערזען פונדערווייטנס א שיין און באלד נאָך דעם האָבן זיי דערהערט א דייטלעך סקריפּען פון רעדער. זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער שיין. פון דער זייט פון באָנאקאסא זענען געפאָרן עטלעכע וואָגנס. דער ערשטער האָט זיך פארהאלטן אויף דעם אָרט, וווּ פון שליאך האָט זיך פארנומען א שמאָל וועגעלע גלייך דורכן פעלד. דאָס איז געווען א גרויסער באלעבאטישער וואָגן מיט א ברעזענטענער בויד, איינגעשפּאנט אין צוויי אויסגעפּאשעטע פערד. אין דער זייט איז געהאָנגען א לאמטערן. לענגאויס דעם קויש איז געווען צוגעטשעפּעט א לייוונט מיט אן אויפשריפט. דער רעגן האָט צעשמירט די אותיות. ערשט ווען פון די קאָזלעס איז אראָפּגעגאנגען א קליין מענטשעלע און אויפגעהויבן דעם לאמטערן, כדי צו באטראכטן די פערדישע הינטנס, פון וועלכע עס האָט געזעצט א פּארע, האָבן ראָזאריאָ און ליגאָ איבערגעלייענט:

פאר אונדזערע ברידער פון ראָקאַ די דזאָלפּאַ, וועלכע קעמפן פאר ערד.

איבער דער בויד האָט געפּלאַטערט אַ רויטע פאָן.

— איר פאָרט צו אונדז, חברים? — האָט געפרעגט ראָזאַריאָ.

דאָס קליינע מענטשעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף די פאַרסאַפּטע יונגעלייט. אין דעם שוואַכן ליכט פון לאַמטערן האָבן זיי דערזען צוויי שטאַרק קאַסאָקע אויגן. דאָס קליינע מענטשעלע האָט זיך צוריק אויפגעזעצט אויפן וואָגן און געשוויגן.

— יאָ, — האָט פאַר אים געענטפערט אַ יונגער מענטש מיט אַ שוואַרצער געדיכטער טשופּרינע, וועלכע איז אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן. — איר זענט פון ראָקאַ די דזאָלפאָ? — אינעווייניק אין בויד איז געזעסן נאָך עמעצער. דאָס איז געווען אַ יונגער בחור מיט העלע האָר און אַ העל פּנים. — קריכט אַרויף, — האָט געזאָגט דער מענטש מיט דער טשופּרינע. — מיר וועלן פאָרן גלייך קיין פּראַגאַלאַ. מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. איינער וועט אונדז ווייזן דעם וועג, און דער צווייטער וועט גיין מודיע זיין די חברים. עס האָט גישט קיין זין, מיר זאָלן פאָרן קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ און דערנאָך ווידער צוריקקערן. פּראַגאַלאַ איז ערגעץ דאָ גאָענט?

ראָזאַריאָ איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן, און לינע האָט צוגעוואַרט ביז אַלע דריי וואָגנס האָבן פאַרקערעוועט אויף רעכטס מיט דעם פעלד־וועג, וועלכער האָט געפירט קיין פּראַגאַלאַ.

דערנאָך איז ער אָן אָטעם אַוועקגעלאָפן קיין ראָקאַ די דזאָלפאָ.

די חברים האָבן דעם יונגן לינאָ שיר נישט צעריסן. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן: צי אויף זיכער? צי אַ סך? צי האָבן זיי זיך דייטלעך געפרעגט אויף פּראַגאַלאַ?

אויף וויטאָס הויף איז געוואָרן אַ טומל. עס האָבן זיך דערהערט אויסרופן, געשרייען. עס זענען אויך געקומען צו לויפן די פרויען. פון די הייזער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט די אַרבעטער מיט „זאַפּאַ“־לאָפּאַטעס אויף די אַקסלען. איבער די געסלעך האָט זיך דערהערט אַ רופן פון נעמען, אַ טופּען פון פיס, אַ געלויף. עס האָט געדויערט אַ ביסל, ביז די מענער, באַלאָדן מיט מכשירים, זעקלעך זריעה און באַמיסטיקונג, זענען געווען גרייט. אַרמאַנדאָ האָט געגעבן אַ צייכן, און דער צוג האָט גערירט. עס האָבן אים באַגלייט די געשרייען פון די פרויען, וועלכע זענען געבליבן אין דאָרף. דזשיאָוואַנאַ, ווינטשענצאַ, פּיערינאַ און לוטשיאַ זענען געגאַנגען מיט די מענער. זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ סאַגאַנעס מיט עסן, וואָס זיי האָבן צונויפגעזאַמלט און באַקומען מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, אויף וועלכער נאָר זיי זענען געווען פעיק.

די ערשטע זענען געקומען די וואָגנס פון באָנאַקאַסאַ. דערנאָך זענען אָנגעקומען די אַנדערע. פון דזשינגאַ, פון ראָקאַ די נעטאָ, פון סטראָנגאָלי און פון טשיראָ.

סאָלאָוואַרע האָט ברייט צעעפנט די אָרעמס

פון יעדן אָרט איז אין שפּיץ געפאָרן א וואָגן מיט א טראַנספּאַרענט און מיט א רויטער פאָן. די אַנדערע וואָגנס האָבן געהאַט רויטע פענדלעך. זיי זענען אַרויפגעפאָרן אויפן פעלד פון דער זייט פון שליאַך, דערנאָך האָבן זיי זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בערגל, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם טאָל פון מזרח. און דאָ האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. ווייטער האָט מען באַדאַרפט א טייל פון די מכשירים אַראָפּטראָגן אויף די פּלייצעס מיט א געשלענגלטער שמאָלער סטעזשקע. די אַקערס האָבן געשלעפּט איינצלנע פערד און מויל־אייזלען.

דער רעגן האָט ציטערווייליק אויפגעהערט צו פאַלן. שטערן האָבן זיך באַוויזן און פאַרשוווּנדן. די מענטשן זענען געגאַנגען אין א שנור און זיך איבערגערופן, ווען עמעצער האָט זיך פאַרהאַלטן פון פאָרנט.

אונטער דעם פינצטערן אָנגעבלאָזענעם הימל האָט פראַגאַלאַ אויפגעלעבט מיט שטימען פון מענטשן און חיות. דאָס גרויסע קיילעכדיקע פעלד, ווי א דנאָ פון אַן אויסגעטרוקנטער אָזערע, האָט אָפּגעהילכט מיט דעם עכאָ פון קאָפּיטעס און סקריפּן פון אייזערנע רעדער. נישט געקוקט אויפן רעגן, איז די ערד פון פראַגאַלאַ געווען האַרט און אָפּגעשלאָגן יעדן קלאַנג. די פייכטקייט האָט קוים אָנגערירט דאָס טרוקענע גראָז און די טרוקענע קרייטעכצער און דערנער. די לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים האָט מען צוגעפירט ביז דער ליניע, וווּ עס האָט זיך געענדיקט דאָס פעלד פון דעם אָפּגעשניטענעם ווייץ. דאָ האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין א ריי אין דער גאַנצער ברייט פון פעלד פון די מילדע בערגלעך אויף מזרח אַזש ביז דער מערבדיקער פעלזיקער וואַנט. ווייטער אויף מערב האָט זיך געצויגן דער ראָוו, דורך וועלכן עס האָט אין פרילינג געשטראָמט א באַרגיק טייכל. די אויסגעשפּאַנטע פערד און מויל־אייזלען האָט מען אַרויפגעפירט צוריק אויף די מזרחדיקע בערגלעך צו די וואָגנס. מע האָט זיי געלאָזט אָפּעסן און אויסרוען פאַר דער אַרבעט, ביז וואַנען די ערד וועט נישט ווערן אָפּגערייניקט פון די קרייטעכצער און מע וועט קאָנען צוטרעטן צום אַקערן. מע האָט זיך גענומען אויסקאַרטשען די קוסטעס און דערנער. די „זאַפּאַס" האָבן אָנגעגריפן דעם האַרטן באָדן. מע האָט אונטערגעגראָבן די וואָרצלען און עטלעכע פּאָר הענט האָבן זיי אויסגעריסן פון דער ערד. עס זענען אַנטשטאַנען גריבער, ווי נאָך א באָמבאַרדירונג. די פרויען האָבן די קוסטעס און דערנער איינגעלייגט אין קופּעס אויפן פעלד. זיי האָבן זיי צוזאַמענגעבונדן, כדי מאָרגן אַהיימצוטראָגן אויף באַהייצונג. זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. עס האָט ווידער אָנגעהויבן צו פּראָשען. אין די פענצטער פון פּאַלאַצל איז געווען פינצטער. בלויז ליעאָ האָט געבילט. צי איז מעגלעך, אַז האָן לואידזשי זאָל שלאָפן? די קאַראַבינערן זענען נאָך נישט געווען. פון דער זייט פון שליאַך האָט זיך נישט געהערט קיין שום קלאַנג. מעגלעך, אַז די הונדערט קאַראַבינערן זענען

אויך איצט געשלאָפֿן, נישט ווייסנדיק אפֿילו, אז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט א „פֿעודאָ" פּראַגאַלאַ. אפֿשר וועלן זיי נישט קומען.

די מענער האָבן ארומגעקרייזט דאָס פֿעלד און אויף די ראַנדן אריינגעשלאָגן פֿלעקער מיט רויטע פֿענדלעך. די, וואָס האָבן געקאַרטשעוועט דעם טאָל, האָבן זיך אויסגעגלייכט, אָנגעשפּאַרט זיך אויף דער „זאַפּאַ" און אין דער פֿינצטער נאָכגעקוקט די מענטשן, וועלכע האָבן אריינגעשלאָגן פֿלעקער מיט פֿענדלעך אין דעם באָדן, וועלכער איז יאָרהונדערטער געווען טויט. זיי האָבן אים גענומען אין באַזיץ. און ווען מע האָט אריינגעשלאָגן דעם לעצטן סלופּ מיטן רויטן פֿענדל, האָבן עטלעכע צענדליק שטימען אויסגעשריגן:

— הורא!

פֿון דעם בערגל, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען די וואָגנס, האָט מען אָנגעהויבן אראָפּפֿירן די אויסגערוטע פֿערד און מוילאייזלען. מע האָט זיי איינגעשפּאַנט אין די אַקערס. צוערשט האָבן גערירט די אויסגעפּאַשעטע פֿערד פֿון באָנאַקאַסאַ מיט די ברייטע הינטנס. הינטער זיי אין א געבראָכענער ליניע אויף עטלעכע מעטער אָפּגעטרעטן זענען געגאַנגען די אַנדערע פֿערד און מוילאייזלען. זיי האָבן געשפּאַנט אין שליאַד פֿון די, וועלכע האָבן אויסגעריסן די הונדערטיעריקע דערנער פֿון די צעפֿונדיקע בערגלעך ביז דער דרומדיקער הייך, אויף וועלכער עס האָט זיך געטונקלט דאָס פּאַלאַצל, וואָס האָט אויסגעזען פֿונדאַנען, ווי א קליינער פֿלעק, וועלכער איז נאָך שוואַרצער פֿון דער ארומיקער פֿינצטערער נאַכט.

VI

נאָכן אָפּזיצן א צוויייאָרהשימדיקן אורטייל איז סאַלוואַטאָרע באַפֿרייט געוואָרן.

מע האָט אים אויסגעשריבן אן אומזיסטן בילעט אַזש ביז ראָקאַ די דזאָלפּאָ.

— די באַן גייט צו בלויז ביז קראָטאָנע, — האָט סאַלוואַטאָרע געזאָגט.

— דער בילעט ווערט אויסגעשריבן ביז אין ווייַנאָרט און אויף יעדן טראַנספּאָרט־מיטל. איר וועט קאָנען צופֿאָרן מיטן אויטאָבוס.

— קיין ראָקאַ די דזאָלפּאָ קאָן מען צוגיין בלויז צופֿוס, — האָט סאַלוואַטאָרע געענטפֿערט.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט פֿון סטאַציע צו סטאַציע. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דער צוריקקער וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. אין דער אָפּטיילונג איז געווען ליידיק. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק.

ער וועט זיך נישט אויפהאלטן אין קראָטאָגע, די זעלבע נאכט נאָך וועט ער גיין קיין ראָקא די דזאָלפּאָ. אין דער פרי וועט ער זיין אויפן אָרט.

דאָס איז געווען זיין צווייטער צוריקקער. יענץ מאָל האָט ער נישט געוווּסט, וואָס אים דערוואַרט. הייַנט האָט ער געהאַט א בריוו פון אלדאָן צו ארמאַנדאָן.

ער האָט געטראָגן אויף זיך בלויז די מיליטערישע בלוזע. פונקט אזוי ווי אין יענער נאכט, ווען ער איז איבערגעלעגן אין פעלד. ער איז ארויסגעפאָרן זומער, און איצט האָט געפּראָשעט א רעגן. עס איז שוין הארבסט. שנעל איז דאָס יאָר געקומען דער הארבסט. דער שינעל ליגט אין קאסטן. ענדלעך וועט די מאמע זיך קאָנען צודעקן מיט אים צום שלאָף. זי האָט זיך שוין זיכער צוריקגעקערט פון קראָטאָגע. אנדזשעלינעס קינד איז שוין אלט צוויי חדשים, אזוי פיל, וויפל זיין אורטייל האָט אויסגעמאכט. אָדער עטוואָס מער. אנדזשעלינא איז איצט זיכער ווידער שיין. נאָכן געבורט קערט זיך אום צו די פרויען זייער פריערדיקע שיינקייט. אזוי פיל צייט איז שוין פאריבער, פון זינט ער האָט זי געזען אין ראָקאָ די דזאָלפּאָ. אזוי פיל האָט זיך געענדערט. ער האָט א גרוס פון אלדאָן צו ארמאַנדאָן. ארמאַנדאָ, דאָס בין איך, איך, סאלוואטאָרע, וואָס דער קליינקער מאטעאָ האָט אים א שפּיי געטאָן אונטער די פיס, וואָס האָט געטראכט, אז ער וועט אנטלויפן פון דער שטיינערנער ראָקא די דזאָלפּאָ. אזוי פיל האָט זיך געענדערט. א גאנץ לאנג לעבן, די יוגנט, די מלחמה, די געפאנגענשאפט, די פאַרפירערישע גוטסקייט פון פערמער. דאָס זענען געווען צייטן. טעג און נעכט זענען פאריבער אין פינצטערניש. ער האָט געזען בלויז אויף א מרחק פון זיין אייגענער האנט, וועלכע האָט זיך צוגערירט צו דער וועלט, ווי די האנט פון א בלינדן. ער האָט זיך אנגעשלאָגן, ווי דאָן דאָמעניקאָ האָט געזאָגט, אין פארמאכטע טירן. מיטן בליק האָט ער געכאפּט בלויז דאָס, וואָס האָט געפינקלט. דעם גרויסן צלם אויף דער ברוסט פון קשיאָנדז דאָן דאָמעניקאָ, די בעכער, די באַגילדעטע סטאטוע פון „סאנטא קיארא“. ער איז אנטלאָפן פון דער רוויכיקער שטוב און גרוימען קאָשטשיאָל, ער איז אנטלאָפן פון ראָקא די דזאָלפּאָ, חלומנדיק, אז ס'זענען פאראן מיידלעך, וואָס וואקסן וואנדערער אומזיסטע מאראנצן. פאר אומזיסט איז גאָרנישט נישטאָ. פאר אלץ דארף מען קעמפן. פאר ערד, פאר וואסער, פארן הימל, וואָס די באראָנען און פאבריקאנטן האָבן צוגערויבט. אפילו די ליבע גיבט מען צו ביים מענטשן, ארייַנזעצנדיק אים אין תפיסה. דער חבר פון צעלע, אלדאָ, האָט געקעמפט צוזאמען מיט ארמאַנדאָן אין גריכנלאנד. טויזנטער ארמאנדאָס האָבן געקעמפט אויף דער גאנצער וועלט פארן אייגענעם לעבן און פארן לעבן פון אנדערע, וועלכע מע הייסט דערהרגענען אויף מלחמות און נישט אויף מלחמות. אין אפריקע איז געשטאנען איבער אים אן אָפיציר און אנגעוויזן מיטן פינגער, צו וועמען ער דארף שיסן. צי'ל גוט! ווי קאָן איך

צילן, דאָס ביסטו דאָך, אַרמאַנדאָ! דאָס בין איך, איך, סאַלוואַטאָרע. איך וועל נישט שיסן צו דיר, אַרמאַנדאָ. איך וועל נישט לאָזן, מע זאָל דיך שלעפּן אויפֿן פּלאַץ, אַרמאַנדאָ.

ער האָט אַ ציטער געטאָן פֿון קעלט און פֿון קורצן דרימל. דער צוג האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק. ער איז געבליבן שטיין אויף אַ סטאַציע. צי איז ער שוין געקומען צו פֿאָרן? ער איז אויפֿגעשפּרונגען און אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער. עס האָט געפּראָשעט אַ רעגן. אין דער שוואַכער שײַן פֿון לאַמטערן האָט ער איבערגעלייענט אַ נאָמען פֿון אַן אומבאַקאַנט אָרט.

— צי איז נאָך ווײַט קיין קראָטאָנע? — האָט ער געפֿרעגט דעם קאָנדוקטאָר, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר.

אין קראָטאָנע האָט געבלאָזן אַ ווינט. ווען ער האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, האָט ער געשמיסן אין פּנים מיט אַ קרומען רעגן. די גאַסן האָבן אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן. דער פּיטאַגאָראַס־פּלאַץ איז געווען פּוסט. עס האָט שוין געמוזט זײַן זייער שפּעט. אונטער דער קאָלאָנאַדע איז געשטאַנען אַ צוועלפֿיעריק ייִנגל, אַ פּאַפּיראָסן־פֿאַרקויפֿער. ער איז געווען אָנגעשפּאַרט אין אַ שטיינערנעם פּיליאַר. סאַלוואַטאָרע האָט געוואָלט פֿאַררויכערן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פּרוטה בײַ דער נשמה. פֿון די אויסטראַלישע פּונטן, וועלכע עס האָט אים געשענקט דער פֿערמער, איז שוין קיין שפּור נישט געבליבן.

— נאָך בעסער! דאָס איז געווען אַנטיקאָמוניסטיש געלט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן הימל. אין די אויסגעלייטערטע ערטער האָבן שטערן זיך באַוויזן און פֿאַרשוווּנדן. דער רעגן האָט אויפֿגעהערט.

ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל זיך אומגעקערט קיין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ, האָט ער אַ נאַכט פֿאַרבראַכט אין קראָטאָנע אין פּוסטן באַראַק אויף „שאַנגהײַ“. הײַנט וואָלט ער געקאָנט איבערנעכטיקן בײַם ברודער. אָבער ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט זיך געאײַלט קיין ראָקאַ די דזאָלפֿאָ. מאָרגן באַגינען וועט ער שוין זײַן אויפֿן אָרט, גענוג פֿרי, כּדי צו זען זיך מיט אַרמאַנדאָ. אַרמאַנדאָ איז כּמעט יעדן טאָג געגאַנגען צו דזשיאַנין.

ער איז דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ. דאָ האָט ער זיך געקריגט מיט דזשיאַנין, ווען ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער געוואַרט אויף אַרבעט, ווי אויף אַ נדבֿה. ער וואָלט געגאַנגען פֿאָרן בלויז עסן און שלאָפֿן. פֿון דעם פֿאָנטאַן האָט דער קלײנינקער מאַטעאָ גענומען דאָס וואַסער, מיט וועלכן מע האָט פֿאַרטרינקען דאָס קאָמוניסטישע ברויט. „איר זענט נישט קיין באַוווּסטזיניקער דאָרפֿישער

פראָלעטאריאט, אָבער דאָס איז נישט אייער שולד", — האָבן געזאָגט די יונגע חברים און אוועקגעגאנגען. אויפן פּאָסטאמענט מיטן ביוסט פון קעניג צי פון גענעראל איז געלעגן סילועסטראָ פון סילא, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פאַרסמט מיט פּאַשיזם. ער האָט געשפּיגן אין דעם מאַרמאָרענעם געזיכט פון קעניג צי פון גענעראל. אָבער אין דעם לעבעדיקן געזיכט פון אַן אָפּיציר וואָלט סילועסטראָ נישט געשפּיגן. סאַלוואַטאָרע וואָלט געוון געכאַפּט מיט אים איצט א שמועס.

אויפן ראַנג האָט נאָך געלויכטן דער אָפענער באַר. עטלעכע האָבן שטייענדיק געטרונקען שוואַרצע קאַווע. איבערן בופעט איז געהאָנגען א קוילעכדיקער זייגער. עס איז שוין געווען נאָך צוויי. ער וועט א גאַנצע נאַכט גיין. די טויזנטער קילאָמעטער פון אויסטראַליע זענען נישט געווען אַזעלכע ווייטע, ווי היינט די עטלעכע און צוואַנציק.

ער איז שנעל פאַרבייגעגאַנגען די טונקעלע הייזער מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס און פאַרהאַקטע טויערן, אַזעלכע שווער־ע, ווי פון שאַצקאַמערס. די דאָזיקע מענטשן וועלן אויפשטיין ווי געווייגלעך. עס דערוואַרט זיי א געוויינלעכער טאָג. זיי קאָנען נישט די פרייד פון צוריקקערן.

ביים לעצטן ראָג פון גאַס האָט זיך געענדיקט די שטאָט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נידעריקע, וואָס ווייטער אַלץ שיטערער צעוואָרפענע הייזקעס. דערנאָך האָט זיך געשוואַרצט א גרויסע געביידע און די קוימענס פון מאַנטעקאַטיני, ביז ענדלעך האָט זיך געעפנט, ווי דער אָנהייב פון ריכטיקן וועג, אַן אומענדלעכער שטח פון פוסטע פעלדער, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן פינצטערן אָנגעבנהדיקן הימל.

וויפל שעה זענען שוין פאַרביי? יעדער טראָט האָט אים דערנעענטערט צום באַגין. ווייט, אויפן עק פון וועג האָבן זיך באַוויזן קליינע הייזקעס. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וועט קיינמאָל צו זיי נישט דערגיין. דערנאָך האָט ער זיי איבערגעלאָזט הינטער זיך.

דער שליאַך איז זיך צעגאַנגען אין א ברייטן שאָסיי אויף רעכטס קיין טאַראַנטאָ און אין א שלענגלדיקן, אַלץ שמעלערן וועג צו צפון צו. דאָס איז געווען א העלפט וועג. דאָס הייסט, אַז ס'זענען שוין פאַריבער דריי שעה.

דורך די כמאַרעס האָט זיך אָנגעהויבן דורכזייפן א גרינלעכער פאַרטאָג. אויפן פאָן פון הימל האָבן זיך דייטלעך אויסגעטיילט בערגלעך, ווי פרויאישע ברוסטן מיט סילועטן פון בעטאָניקע פאָרטן, וועלכע דער באַראָן בערלינגיערי האָט ספּעציעל איבערגעלאָזט, כדי צו דראָען די אַרבעטער מיט א נייער מלחמה. אָ, דאָסמאָל נישט! דאָסמאָל נישט!

— און דו, סאַלוואַטאָרע, עקשנסט זיך אויך אומזיסט, אַז דו האָסט זיך צופעליק געפונען אויפן גאַריבאַלדי-פּלאַץ, — האָט געזאָגט אַלדאָ. — עס קאָן דאָך נישט זיין קיין צופעליק צונויפטרעטן זיך פון אַזויפיל טויזנטער מענטשן אין איין פונקט! אַ שאָד, וואָס דאָס האָט דער פּאָליצײ-אָפיציר דיר געזאָגט, אַז דו ביסט ספּעציעל געקומען אויף דער דעמאָנסטראַציע. ווייל דאָס איז אַ טיפער אמת.

אויף די פעלדער איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער. פון ווייטן האָט זיך שוין געווייסט דער שטיינערנער בריק אויף דער נעטאָ.

— גאָט, ווי נאָענט!

אויפן באַרג האָט זיך געשפּרייט די ראָזע ראָקאַ די נעטאָ. די קליינע הייזקעס, ווי שאַכטלעך פון שוועבעלעך, זענען פלוצעם רויט געוואָרן, ווי פון אַ שׂרפֿה-אויסברוך. פון אונטער די כמאַרעס האָט זיך אַנטפּלעקט דער פלאַם פון זון-אויפגאַנג. ער האָט אַרומגעכאַפּט אַ האַלבן הימל. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן בלאַס ווערן און פאַרשווינדן, ווי אַ כוואַליע אויפן זאַמד.

עס איז אויפגעגאַנגען אַ רויִקע זון. פון דער ערד האָט אָנגעהויבן אויפגיין אַ פּאַרע. די נעפּלען האָבן זיך געשאַרט דאָ און דאָרט, זוכנדיק אַ וועג. זיי זענען אַנטלאָפן אַלץ נידעריקער און אָנגעפילט די טאָלן צווישן די בערגלעך. פון דעם בריק אויף דער נעטאָ האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ ים.

פונדערווייטנס האָבן העגנער געקרייט. אויף די סטעזשקעס, וועלכע האָבן געפירט קיין ראָקאַ די נעטאָ האָבן זיך באַוויזן מענטשן אויף אייזלען. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן.

ווען ער איז צוגעקומען צו די שוועבל-גרובן פון מאַרקיז מאַסאַרי, וווּ עס האָט אין גראָטן געוווינט די גרעסטע אָרעמקייט, האָט ער זיך צוגעזעצט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער זון. די זון איז שוין געווען הויך איבער דער ערד. עס זענען פאַרשוונדן די נעפּלען, עס זענען פאַרשוונדן די כמאַרעס. נאָך דער נעכטיקער נאַכט איז געווען אַ זילבערנער פרימאָרגן. עס האָט זיך פאָרגעזען אַ שיינער העלער טאָג.

עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט געהערט אַן אָפּהילך פון אַ שאָס. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם געהער. עס האָט ווידער אַ הילך געטאָן. ביקסן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. דאָס מוז זיין נישט ווייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום איז געווען פּוסט. עס האָט ווידער אַ הילך געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן לויפן אין דער זייט, פונוואַנען עס זענען געקומען די אָפּהילכן פון די שאָסן. דאָס איז געווען די זייט פון פראַגאַלאַ. עס האָבן אים באַשווערט די פערמער-שיך. ער האָט זיי אויסגעטאָן און געלאָפן ווייטער באָרוועס. ער האָט געמיטן דאָס איינזאַמע איילבירט-ביימל. פלוצעם האָט ער דערהערט זיין נאָמען. דאָס איז געווען אַ פרויען-קול.

— טאָטאָ „מיא“, טאָטאָ „מיא“!

אויף א בערגל איז געשטאַנען יאָלאַנדא מיט קריסטאָפאָראָן אויף די הענט. זי האָט נאָך עפּעס געשריגן צו אים, נאָר ער האָט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אים געגעבן צייכנס, אז ער זאָל זיך אָפּשטעלן, אז ער זאָל צוּוואַרטן אויף איר, און זי האָט אַליין אָנגעהויבן אַראָפּלויפן צו אים אונטן. ביי די אויסבייגן איז זי פאַרשוואונדן, און באַלד ווידער זיך באַוויזן: ער איז איר געלאָפן אַנטקעגן.

זי איז אַרויפגעפאַלן אויף אים א פאַרסאָפּעטע. זי האָט נישט געקאָנט רעדן. זי האָט בלויז געוויזן מיט דער האַנט אין דער זייט פון פּראַגאַלאַ. ענדלעך האָט זי אַרויסבאַקומען פון זיך:

— גיי נישט, טאָטאָ! דאָרטן זענען קאַראַביניערן. זיי שיסן! — זי האָט אים קאָנוואַלסיוו אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

סאַלוואַטאָרע האָט פאַרשטאַנען: ער האָט אָפּגעשטופּט יאָלאַנדען.

— גיי נישט אהין, טאָטאָ, גיי נישט! — האָט זי פאַרצווייפלט אים נאָכגעשריגן, — דאָרט איז מאַמעשאָ! אָ, מיין קריסטאָפאָראָ, אָ, מיין קריסטאָפאָראָ!

סאַלוואַטאָרע האָט נישט געהערט איר קלאָגן.

ער איז געלאָפן פאָרויס. ער זאָל נאָך נישט פאַרשפּעטיקן! א גאַנצע נאַכט איז ער געגאַנגען, כדי צו באַוויזן, און איצט זאָל ער נישט דערגיין?

ביי א שמאָלן דורכגאַנג זענען געשטאַנען צוויי קאַראַביניערן. זיי האָבן געמאַכט צו אים מיט די הענט, ער זאָל צוריקגיין. זיי האָבן ווילד געשריגן:

— דורך דאַנען איז נישט דערלויבט! דורך דאַנען איז נישט דערלויבט!

סאַלוואַטאָרע איז געלאָפן פאָרויס.

ער האָט מיט כוח אָפּגעשטופּט ביידע קאַראַביניערן. איבער זיין קאָפּ האָבן דורכגעסווישטשעט קוילן. פון א שטיין אויף דער פעלזיקער וואַנט איז אָפּגעשפּרונגען א רויכל. סאַלוואַטאָרע איז פאַרשוואונדן הינטערן אויסבייג. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אונטן מיט דעם שיפּן שיפּוע, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום פעלד. ער האָט געיאָגט איבער די שאַרפע שטיינער, איבערלאָזנדיק הינטער זיך א בלוטיקן שליאַד פון די באָרוועסע פיס.

ווידער האָבן אָפּגעהילכט שאָסן. שוין נאָענט. לינקס. דער דאָזיקער וועג דורכן פעלד האָט געפירט צום בערגל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דאָס פּאַלאַצל... נישט פון דער זייט... נישט פון דער זייט... ער האָט פאַרקערעוועט אויף צפון צום דאָרף. פון דער זייט פון ראָקא די דזאָלפאָ וועט ער זיך באַקומען קיין פּראַגאַלאַ.

אין דאָרף האָט געקלונגען דער גלאָק. ווי אויף א פּראָצעסיע. ער האָט אונטערשיידט צוויי קורצע און איין לאַנגן קלונג. דאָס איז די האַנט פון דאָן דאָמעניקאָ. צוויי קורצע און איין לאַנגער. דאָן דאָמעניקאָ האָט געשלאָגן אויף אַליאַרם.

ער האָט גערופן צו קאַמף. ער אויך. דאָס קול פון גלאָק איז געלאָפן נאָך סאַלוואַ־טאָרען.

ער איז אַרויפגעפאַלן אויף א פלוצעמדיקער כוואַליע פון אַנטלויפנדיקע שאָף. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך דער דאָזיקער לעבעדיקער בהלה, וועלכע האָט זיך געשטויסן אַרום זיינע פיס. דער פאַסטעך אָן דער האַנט האָט געשריגן אויף די שאָף.

— וווּ פליסטו, מענטש?! — האָט אים נאָכגעשריגן דער פאַסטעך. — דאָרט שיסט מען!

אויפן בערגל זענען געשטאַנען וואָגנס אָן פערד. ער האָט זיי דערזען פון אונטן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויפדראַפּען מיט דער געדרייטער, זיך שלענגלדי־קער סטעזשקע. די ווייסע פעלזן האָבן געבלענדט אויף דער זון. ער איז שטיין געבליבן אויפן ראַנד פון טאָל. פון דאָרטן האָט ער אַרומגענומען מיטן בליק דעם גרויסן אומענדלעכן פּראַגאַלאַ־טאָל.

אויף די בערגלעך, באַוואַקסענע מיט דערנער, זענען געשטאַנען אין א האַלבן קרייז א צוואַנציק קאַראַביניערן. און איבערן טאָל האָט זיך געשפּרייט א רויך. די פערד און די מוילאייזלען האָבן צעטראָגן, הירזשענדיק פון שרעק, און גע־שלעפּט נאָך זיך איבערגעקערטע אַקערס. די פרויען האָבן זיך מיט געשרייען געוואָרפן דאָ אין איין זייט, דאָ אין א צווייטער. אייניגע האָבן געריסן די מענער אויף צוריק, אַנדערע זענען געלאָפן צוזאַמען מיט די מענער גלייך אויף די קאַראַבי־ניערן.

די אַרבעטער זענען געגאַנגען אין א געשלאָסענער מאַסע. א מענטשלעכע כמאַרע, וועלכע ראָקא די דזאַלפּאַ האָט נאָך נישט געזען, האָט זיך געקנוילט פאָרויס. די שאַרפן פון די „זאַפּאַס" האָבן געבלישטשעט אויף דער זון איבער די קעפּ. די אַרבעטער האָבן גערופן, געשריגן, אָבער זייערע קולות זענען געגאַנגען פאַרלוירן אין דעם טופּען פון חיהשע קאָפּעטעס, אין דעם ליאַרם פון פרויען, אין הירזשען פון די צעפלאָשעטע פערד.

— נישט צוזאַמען! נישט צוזאַמען! — האָט סאַלוואַטאָרע געשריגן אָן לשון, מיט א געשריי פון הארצן. — מע וועט אייך אויסשיסן!

ער איז אַראָפּגעלאָפן מיט דער סטעזשקע פון אונטן. ער איז שוין געווען אויפן פעלד. ער האָט זיך דערנענטערט צו זיי.

— נישט צוזאַמען! נישט צוזאַמען! אַרמאַנדאָ! אַרמאַנדאָ! דאָס בין איך סאַלוואַטאָרע!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א רגע. זיי האָבן נישט געשאָסן. דער האַלב־קרייז פון די קאַראַביניערן האָט זיך איינגעבראָכן אין סאַמע מיט. דאָרט איז געווען אַרמאַנדאָ.

— אַרמאַנדאָ! דאָס בין איך! וואַרט אויף מיר!

א פערד מיט אַ ברייטן הינטן, געטראָפן פון א קויל, האָט נאָך געדריגעט מיט די פיס. ער האָט נאָך געלעבט. אַ בלוטיקע שוים האָט אים געזעצט פון מויל. עמעצער האָט אַרומגענומען דאָס פערד ביים האַלדז.

סאַלוואַטאָרע האָט זיי שוין דעריאָגט. די קאַראַביניערן האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן.

— הוררא!

ער האָט זיך דערנענטערט צום נידעריקן בערגל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט דערנער. אויף דער צעאַקערטער ערד איז געלעגן א מענטש. סאַלוואַטאָרע האָט זיך איינגעבויגן. ער האָט אים אויסגעדרייט מיטן פנים צום הימל. דאָס איז געווען דער קלייניקער מאַטעאָ. לעבן אים איז געלעגן די „זאַפּא" און א שטעקל מיט אַ רויט פענדל. אַזעלכע רויטע פענדלעך האָבן זיך געצויגן אין אַן אומענדלעכער ריי דורכן גאַנצן פעלד. אַזויפיל ערד האָבן זיי שוין באַוויזן צו צעאַקערן!

— אַרמאַנדאָ! אַרמאַנדאָ!

ער האָט אים פאַרלוירן פון בליק. ער איז צוגעלאָפן ביז דעם בערגל און, האַלטנדיק זיך מיט די הענט פאַר די שטעכיקע צווייגן, דורכגעריסן זיך דורך די קוסטעס. דער אַראָפּגאַנג איז געווען זייער משופּעדיק, אָבער נידעריק. ער איז שטיין געבליבן גלייך אַנטקעגנאיבער דעם פּאַלאַצל.

— אַרמאַנדאָ!

סאַלוואַטאָרע האָט אים ווידער אָפּגעפונען.

די אַרבעטער האָבן געיאָגט די קאַראַביניערן, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין דער זייט פון פּאַלאַצל.

סאַלוואַטאָרע האָט שוין דעריאָגט די חברים. ער האָט באַוויזן.

ער האָט נאָך געזען דעם עטוואָס אויפגעעפנטן גרינעם לאָדן. ער האָט נאָך געזען אין דער שפּאַרע די אָנגעשטעלטע שוואַרצע לופע.

— אַרמאַנדאָ! אַרמאַנדאָ! דאָס בין איך, איך, איך, סאַלווא...

סאַלוואַטאָרע האָט געקרייצט די הענט. ער איז געפאַלן מיטן פנים אַרויף. דער בלויער הימל האָט זיך איבער אים פאַרמאַכט ווי א שוואַרץ אויגנדעקל. ער האָט נאָך מיטן לעצטן ציטער פון די אויסגעקרומטע פינגער איינגעגראָבן זיך אין דער האַרטער ערד. עס האָט זיך נאָך מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג אויפגעבלאָזן די דורכגעשאָסענע ברוסט פון סאַלוואַטאָרען, און דאָס נאָך וואַרעמע לעבעדיקע בלוט איז פאַמעלעך אָפּגעפלאָסן און איינגעזאַפּט זיך אין דער שטיינערנער ערד פון פראַגאַלא.

* * *

דריי זענען זיי געפאלן: מאַטעאָ, ליגאָ, סאלוואטאָרע. זיי זענען געלעגן איבער־געדעקט מיט דעם רויטן ליַיוונט פון די פאָנען.

אַ גאַנצן טאָג האָט געהילכט דער גלאָק פון ראָקא די דזאָלפאָ און עס האָבן געיאָמערט די פרויען.

מע האָט אויסגעגראָבן דריי קברים אין פראַגאַלאַ־טאָל, און פאַר דעם זון־פארגאנג זענען פון אלע זייטן און געגנטן אָנגעקומען טויזנטער ארבעטער. דער טאָל איז געווען שווארץ פון מענטשן. איבער זיי האָבן געפלאטערט רויטע פענער.

די ארבעטער האָבן גענומען אויף די אקסלען די קערפערס פון זייערע דריי חברים און ארומגעגאנגען דאָס פעלד לענגאוים די אריינגעשטעקטע סלופקעס מיט די רויטע פענדלעך: פון צפון צו מערב, דרום און מזרח. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו די דריי קברים, אויסגעגראָבענע מיט „זאפא“ס, און אראָפּגעלאָזט די קערפערס אין די קברים. עס האָט אויסגעבראָכן א געיאָמער פון די פרויען.

— מיר שווערן! — האָט אויפגעהילכט ארמאנדאָס שטים איבער פראגאלא.

— מיר שווערן! — האָבן אָפּגעענטפערט טויזנטער ארבעטער, אנטבלויזנדיק די קעפּ.

— מיר שווערן! — האָבן איבערן טאָל זיך געטראָגן די שטימען צוזאמען מיטן געוויין פון די פרויען איבער די דריי קברים.

מע האָט פארשאָטן דריי קברים. פראגאלא איז געוואָרן דעראָבערט דורך מאַטעאָן, ליגאָן און סאלוואטאָרען אויף אייביק. און אויף אייביק וועלן צווישן די פעלדער ווייץ, אויף די געוועזענע נישט באארבעטע פריצישע שטחים, בלייבן דריי קברים: פון קלייניקן מאַטעאָ, פון יונגן ליגאָ מיט די זילבערנע אויגן און פון סאלוואטאָרען, וועלכער האָט באוויזן צו קומען.